STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03232

ERNSTE LIBES

Sarah Lew

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה און מאיר לב (לעוו)

☆

ערנסטע ליבעס

שרה און מאיר לב (לעוו)

ערנסטע ליבעס

ראמאן אין זעקס בילדער

פאַרלאַג „ניי־לעבן", תל־אביב
תשכ"ח — 1968

שרה און מאיר לב (לעוו)

ערנסטע ליבעס

ראָמאַן אין זעקס בילדער

פאַרלאַג „ניי־לעבן”, רח׳ אלנבי 85. ת״א

©
אַלע רעכט זיינען פון די מחברים פאַרבאַהאַלטן
שרה און מאיר לב (לעוו)
נוה־שאנן, חיפה, שאול 7.

נדפס בישראל תשכ״ח

דפוס „אור” בע״מ
לבנדה 36, טל. 36910
תל־אביב

מיר ווידמען דאָס בוך צום אייביקן אָנדענק פון
אונדזערע טייערע ניט־פאַרגעסענע עלטערן ז״ל

רפאל בר. שבתאי בילאי

רבקה בת מרדכי סופין

צבי בר. אברהם משה לב

חנה־רויזע בת אלתר שערשענאווסקי

קיצור פון מיין ביאָגראַפיע

כדי אייך באַקאַנט מאַכן, חשובע פריינט און לייענער, וועגן מיין פערזאָן און שאַפן, וואָלט איך באַדאַרפט אָנשרייבן אַ בוך. דאָס וואָלט געווען אַן ענין, אָבער ניט ביים איצטיקן מאָמענט. פּאָרלויפיק וועל איך זיך באַגרענעצן און געבן אייך אַ קיצור וועגן מיין ביאָגראַפיע.

געבוירן בין איך אין קאָוונע (ליטע) ביי בעל־הבתישע עלטערן. מיין פאָטער ז״ל האָט מיר, אויסער יידישע למודים, אויך אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג געגעבן. סיי אין און נאָך דער היטלער־מלחמה, אַדורכמאַכנדיק שבעה מדורי גיהנום, פאַרבלייבנדיק איינזאַם, עלנט, ווי אַ שטיין, און זייענדיק אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד און שפּעטער אין איטאַליע, האָב איך געווידמעט אַ סך צייט אויף שרייבן לידער און ראָמאַנען, אין וועלכע איך האָב געפונען אַ טרייסט צו מיינע אומבאַשרייבלעכע מוטערלעכע איבערלעבונגען און בענקשאַפט נאָך מיין גאָט־זעליקן מאַן און איינציקן זון, ווי אויך מיינע טייערע ניט פאַרגעסענע פאַמיליע ז״ל.

איינגעקריצט טיף אין האַרצן איז געווען מיינע עלטערנס פאַרלאַנג: „ותחזנה עינינו בשובך לציון״... ליידער, ליידער איז זייער טרוים ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. היטלער ימח שמו וזכרו האָט זיי אַלעמען אומגעבראַכט...

אָנקומענדיק קיין איטאַליע דורך הויכע ריזיקע בערג, וואָס איז געווען סכנת נפשות, און נאָך אַ לענגערער צייט זיין דאָרט, ענדלעך אין אַ חושכדיקע נאַכט זעצט מען אונדז, 800 מאַן, אַריין אין אַ שיפל, וואָס העכסטנס האָט זי געקאָנט אַריינגעמען 300 מאַן... דאָך זיינען מיר געווען פון די גליקלעכסטע, ווייל אונדזער ציל איז — ארץ־ישראל!...

דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער, ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען. דער עלעקטרישער שטראָם איז פיל מאָל איבערגעריסן געוואָרן און דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט... ניט איין מאָל האָבן מיר פאַרלוירן די האָפענונג צוצוקומען קיין ארץ־ישראל. ענדלעך האָבן מיר פון דער ווייטנס דערזען די פייערלעך פון כרמל. צו אונדזער שמחה איז קיין גלייכן ניט געווען. און... פּלוצלונג האָבן אונדז אַרומגערינגלט עייניקע ענגלישע שיפן. איין שיף פון זיי האָט אונדז אַזאַ שטאַרקן שטויס געטאָן, אַז מיר האָבן געמיינט מיר גייען אונטער...

ס׳קומט אַ באַפעל: אַלע פּאַסאַזשירן גייען אַריבער אין דער אַנגעוויזענער שיף. קיין זאַך ניט מיטנעמען. מען וועט אַלץ איבער־געבן אין ציפּערן"...

שווער איז אונדז געווען צו שיידן זיך מיט די ברעגן פון אונדזער לאַנד... אָנקומענדיק קיין ציפּערן, האָב איך פון אַלע מיינע שאַפונגען, ליידער, קיין זכר ניט צוריקבאַקומען. מיין צער איז געווען אין לשער. פון מיינע אַלע אָנשטרענגונגען צו באַקומען עס צוריק, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך... געפינענדיק זיך אַ לענגערע צייט פאַרשפּאַרט אונטער שטעכלדיקע פאַרצוימונגען, ביי אַלעמען באַוווסט אין זייער שלעכטע באַדינגונגען, דאָך האָב איך זיך אָנגעשטרענגט קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען, בכדי צוריק אָנפאַנגען דערוועקן מיינע שאַפונגען.

ענדלעך, זומער 1948, בין איך מיט מזל אָנגעקומען קיין ישראל, ווו איך האָב זיך מיט גרויסע שוועריקייטן איינ־געאָרדנט ביי מיין פאַך אַלס ציין־טעכניק. אין מיין פרייער צייט, סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט, האָב איך פאַרגעזעצט שאַפן מיין ראָמאַן.

אין סעפּטעמבער 1949 באַקען איך זיך מיט מיין מאַן, וועל־כער איז געקומען ענדע 1948. פון פאַך איז ער אַ בוכהאַלטער. מיר באַשליסן צו פאַרבינדן אונדזער גורל. די גאַנצע צייט פון אונדזער גליקלעכן צוזאַמענלעבן, טראָץ מיין מאַנס פיזיש שווערע טאָג־טעגלעכער אַרבעט, האָט ער מיר מיטגעהאָלפן אין דער

שאַפונג פון דעם ראָמאַן „ערנסטע ליבעס״, וואָס אַנטהאַלט 6 בילדער, געשאַפן פון לעבן אַן ערך מיט 50 יאָר צוריק.

באַמערקונג: צוליבן שוואַכן געזונט, פאַר און נאָך אַן אָפּעראַציע, איז דאָס שאַפן פון דעם ראָמאַן איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט. און איצט, חשובע לייענער, גיבן מיר אייך אים איבער אין אַ מזלדיקער שעה. אדרבא, לייענט אים מיט פאַרגעניגן און לאָזט אַ טרער, ווי אויך אַ שמייכל...

די פּאַרפאַסער:

שרה און מאיר לעוו

אינהאלט

„ערנסטע ליבעס"	בילד 1	15 —
" " „דער קרבן"	" 2	86 —
" " „פייגל"	" 3	125 —
" " „פאַרשיקונג — אויפלעבונג"	" 4	166 —
" " „חלוצה"	" 5	208 —
" " „זלמן"	" 6	348 —

ערשטער בילד

ווי באַוווּסט האָט די שטאָט וו. געשמט מיט אירע גרויסע ישיבות און חדרים, פון וועלכע ס׳האָט זיך אַממערסטן אויסגעצייכנט רבי ישראל דער מלמד מיט זיין חכמה און בקיאות.

ביי ישראל דעם מלמד אין חדר האָבן געלערנט פאַרשידענע קינדער, פון וועלכע ס׳האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייערע למודים צוויי תלמידים: שלמהלע ראַבינאָוויץ און וועלוועלע קאַפּלאַן.

שלמהלע איז געווען אַ בן־יחיד פון רייכע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט.

וועלוועלעס עלטערן זיינען געווען ניט רייך. פון פאַך — אַ שניידער. וועלוועלע איז געווען זייער אַ שיין און געראָטן קינד, וואָס פלעגט תמיד אַריינקומען צו זיין חבר שלמהן, וועמענס עלטערן פלעגן ניט זיין דאַקעגן.

שלמהס עלטערן זיינען געווען גוט באַפריינדעט מיט יוסף שלאָסבערג, אַ מאַנופאַקטור פאַבריקאַנט, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן געשעפטלעך. ביי די שלאָסבערגס איז געווען אַ בת־יחידה, געהייסן האָט זי שיינדעלע. ווען די ראַבינאָוויטשעס פלעגן איינלאַדן דער משפחה שלאָסבערג אויף וויזיטן, פלעגן זיי תמיד מיטנעמען שיינדעלען. גלייכצייטיק פלעגן די שלאָסבערגס אָנדייטן דער משפחה ראַבינאָוויץ, אַז זיי וואָלטן גערן געוואָלט ווערן מחותנים, ווען די קינדער וועלן אונטערוואַקסן...

די צייט איז געגאַנגען, אָבער שיינדעלע האָט זיך פאַרליבט אין וועלוועלען...

ישראל דעם מלמד איז שווער געווען מפרנס צו זיין זיינע פינף קינדער. איין מאָל, אַרומטראַכטנדיק זיין לאַגע, זאָגט ער צו זיין ווייב, אַז רחלען קאָן מען שוין אָפּגעבן פאַר אַ שטוב־מיידל...

אויף ישראלס פאָרשלאַג ענטפערט חנה זיין ווייב, אַז זי וועט איבער־ריידן מיט פרוי ראַבינאָוויץ, וועלכע איז פון איר שטעטל, מעגלעך, אַז זי וועט איר אָננעמען.

ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט זי זיך פאַרשטענדיקט מיט פרוי ראַבי־נאָוויץ, וועלכע איז מסכים געווען און רחלען אָנגענומען.

רחלע איז דער פרוי ראַבינאָוויץ געהאַרכזאַם געווען. זי פלעגט איר געבן מתנות, פון צייט צו צייט צוגעלערנט און דערליובט לייענען ביכער, ווי אויך האָט זי רחלען ליב געקראָגן, ווי אַן אייגן קינד.

שלמהלע האָט זיינע בליקן געוואָרפן אויף רחלען, טראַכטנדיק: ווי שיין איז רחלע, ווי אַנשטענדיק, מיט געבוירענער אינטעליגענץ!... אירע שיינע, שוואַרצע, גרויסע, גוטע אויגן, אירע לאַנגע צוויי שוואַרצע צעפּ, וואָס האָבן געבלאַנקט, ווי סאַמעט, מיט איר הערלעכן קינדער־געשטאַלט האָט פאַרבונדן זיין קינדעריש האַרץ און נשמה... שלמהלע טראַכט: ווען איך וועל עלטער ווערן, וועל איך איר ליבע דערקלערן!...

די אָרעמע רחלע האָט שטענדיק באַטראַכט איר לאַגע און זיך ניט געקאָנט צופרידן שטעלן, טראָץ דעם, וואָס איר האָט זיך ביי די ראַבי־נאָוויטשעס בעסער געלעבט, ווי אין דער היים.

איין מאָל פּוצנדיק דעם שפּיגל, קוקט זי זיך אָן און זאָגט צו זיך: איך בין טאָקע שיין, אָבער וואָס קומט אַרויס, ווען מיינע עלטערן זיינען אָרעם! יאָ, מיט אַלעם גיט ניט גאָט!...

זייענדיק פאַרטיפט אין די געדאַנקען, פאַרשאַפט זי אַ ליד און זינגט:

איך בין שיין,
אָבער מיין מזל איז קליין!
פון מיינע אָרעמע עלטערן בין איך פאַרטריבן,
ביי די רייכע בעלי־בתים בין איך פאַרבליבן.
זיי ווילן מיר ניט פאַרשטיין,
זיי לאָזן מיך אַהיים ניט גיין.

שלמהלע, דערהערנדיק איר געזאַנג, איז פאַראינטערעסירט געוואָרן, אַריין אין צימער און האָט רחלען געבעטן זי זאָל אים איבערזינגען דאָס ליד.

„צי דען זינג איך? איך באַדויער מיין לעבן!...״ — האָט געזאָגט רחלע.

„פאַרוואָס באַדויערסטו דיין לעבן? צי דען לעבט זיך דיר ביי אונדז אַזוי שלעכט?״ — האָט געפרעגט שלמהלע.

„דיין מוטער לאָזט מיך ניט גיין צו מיינע עלטערן״ — האָט געענט־פערט רחלע.

שלמה בעט איר זי זאָל אים איבערזינגען דאָס ליד. זי האָט אים

ערנסטע ליבעס

איבערגעזונגען.

ווען ער האָט אויסגעהערט, האָט ער איר געזאָגט, אַז זיין מוטער האָט רעכט. ענטפערט רחלע: „דו קאָנסט מיך ניט פאַרשטיין"...

רחלע דו ביסט נאָך קליין,
צי קאָנסטו מיך פאַרשטיין?
ווען דו וועסט עלטער ווערן
וועל איך דיר דערקלערן!...

„געווג דיר צו ריידן נאַרישקייטן, וואָס שטייסטו? ס'איז שוין צייט אין חדר צו גיין".

שלמה נעמט דעם מאַנטל און גייט אַוועק. ווען ער איז געקומען אין חדר, האָט מען שוין געלערנט.

ישראל לערנט מיט די תלמידים: „לא טוב להיות האדם לבדו".

„רבי, וואָס באַדייט עס?" — פרעגט שלמה.

„ס'איז ניט גוט דעם מענטש צו זיין אַליין, פאַרשטייסטו?"

„יאָ" — ענטפערט שלמה.

„אַלע האָבן פאַרשטאַנען?"

„יאָ, רביניו!" — ענטפערן די תלמידים.

„לערנט ווייטער: אעשה לו עזר כנגדו — איך וועל מאַכן אַ הילף, ווי ס'פּאַסט פאַר אים..."

„פאַר וועמען?" — פרעגט שלמה.

ענטפערט דער רבי: „דער טייטש איז אַזוי. נו, לערנט קינדער ווייטער: אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה — איך וועל דינען זיבן יאָר פאַר דער קליינער טאָכטער רחל."

שלמה פרעגט: „רבי, ווער וועט דאַרפן דינען פאַר רחלען?..."

„שוטה! וואָס פאַרשטייסטו ניט? יעקב האָט געזאָגט צו זיין פעטער לבנען."

ענטפערט שלמה: „אויב אַזוי, פאַרשטיי איך, אַז איך וועל דאַרפן זאָגן שפעטער..."

„וואָס רעדסטו שלמה? דו ווילסט ניט צולייגן דעם קאָפ? וועגן וואָס טראַכסטו?..."

„איך זאָג אייך, רבי, ערנסט, איר ווילט מיך ניט פאַרשטיין. ס'וועט קומען אַ צייט, ווען דער רבי וועט מיך וועלן גערן פאַרשטיין!..."

אַזוי האָט זיך פאַרצויגן יאָרן. שלמה האָט שטודירט און געענדיקט דאָקטאָר־מעדיצין.

מען האָט אים פאָרגעשלאָגן פאַרשידענע שׁדוכים, אָבער ער האָט געהאַט זיין פעסטן באַשלוס: קיינער קאָן אים ניט זיין אַזוי טייער און ליב, ווי רחלע. אין געדאַנק האָט ער באַשלאָסן דאָס פאָרצושלאָגן זיין מוטער און ווען די מוטער וועט ניט איינשטימען, וועט דער פאָטער געוויס זיין דאַקעגן, דאַן וועט אים אויסקומען צו קעמפן מיט די עלטערן.

שלמה זוכט אַ געלעגנהייט אָנצופאַנגען ריידן מיט דער מוטער וועגן זיין אינטימען אינטערעס. די מוטער האָט אויך באַמערקט, אַז שלמה איז שטאַרק פאַרטראַכט, ניט ער עסט, ניט ער שלאָפט. זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער מוז זיין פאַרליבט און ניט געקאָנט זיך אַן עצה געבן פרעגן אָדער ניט?

אויך שלמהן איז געווען שווער צו מאַסקירן זיינע איבערלעבונגען. ביי דער ערשטער געלעגנהייט פרעגט ער:

„זאָג מיר, מוטער, אין וואָס באַשטייט דעם מענטשנס לעבן?

די מוטער שווייגט און שלמה זעצט פאָר זיין געשפרעך:

„דעם מענטשנס לעבן איז אַ קאַמף, נאָר דער שטאַרקערער קעמפט אויס. ווען איך בין נאָך גאַנץ יונג געווען, האָב איך אָנגעפאַנגען דעם לעבן צו פאַרשטיין. איך האָב אָנגעפרעגט מיין האַרץ, וואָס הייסט ליבע? ליבע איז אַ שטאַרקער שטראַל. מענטשן פאַרטראַכטן זיך איבער דעם פראָבלעם, כדי צו פאַרשאַפן אַ לעזונג. דעם פראָזשעקטאָר פון ליבע קאָן מען ניט באַפעלן און אָפּשטעלן... ליבע מוטער, איך מוז דיר דערקלערן, אַז ווען איך בין אין אוניווערסיטעט געווען און מיט שיינע סטודענטינס פאַרבראַכט, דאַך האָב איך וועגן רחלען געטראַכט!...״

די מוטער, ווערנדיק איבערראַשט פון שלמהס פלוצלונגדיקער דער־קלערונג, האָט שלמהן איבערגעריסן:

„טייערער זון! ערשטנס מוזטו פאַרשטיין, אַז דו האָסט געענדיקט דאָקטאָר. זי קאָן ניט זיין דיין באַלוין. זי איז שיין, פיין, אָבער אַ כלה פאַר דיר קאָן זי ניט זיין!״

„מוטער! דאָס איז ניט קיין לאַבאָראַטאָריע, ווו מען טוט וועגן, מעסטן. די אמתע געפילן צו אַ מענטש איז אוממעגלעך צו דיקטירן״.

די מוטער האָט געענטפערט שלמהן, אַז וועגן דער פראַגע קאָן זי אָן פאָטער ניט דעצידירן. ענטפערט ער זיין מוטער, אַז איר מוטערלעכע פליכט איז אַלץ אָנצווענדן, ווייל דאָס איז אַ לעבנספראַגע.

שלמה איז אַוועק צו זיך אין צימער אַן אויפגערעגטער און רעדט צו זיך: „היינטיקער טאָג איז פאַר מיר דער אָנפאַנג פון מיין נייעם לעבן. מיין געוועזער מוז שטאַרק פאַרפעסטיקן אין מיין האַנט, צי זיי וועלן וועלן פאַרשטיין, אָדער ניט? איך מוז פאַרווירקלעכן מיין ציל. רחלע, רחלע! איר איידעלע נאַטור, איר שיינע געשטאַלט, דיקטירן מיינע געפילן צו פאַרבינדן מיין לעבן מיט איר!"

שלמה קעמפט מיט זיך, צי האָט דאָס ניט אַ שייכות דערמיט, וואָס איך בין געווען פון דער יוגנט אָן פאַרבונדן מיט מיינע געפילן צו איר? איך האָב אויף דעם פּראָבלעם געזוכט אַ לעזונג אָבער איך האָב אויס־געפונען אַ מאָמענט, ווען מיין האַרץ איז געווען גאַנץ רואיק, האָט מיר געענטפערט יאָ! די זכרונות פון אַמאָל זיינען טאַקע אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט איר. נאָר מיט רחלען מוז איך מיין לעבן פאַרבינדן!..."

שלמה, הערט זיך צו ווי זיין פאָטער איז שטאַרק קעגן זיין פאַרלאַנג.

דער פאָטער שרייט: „ווו איז זיין דאַנקבאַרקייט? זיין פּלאַן וועט קיינמאָל ניט קאָנען אָנגענומען ווערן. דאָס איז מיין ערשטער און לעצטער באַשלוס!"

זאָגט די מוטער, אַז די פראַגע וועט מוזן באַשטימט ווערן.

„גענוג צו טראַכטן, מיר באַאַרבעטן, דיין זון בלאָנדזשעט, איך וועל ניט דערלאָזן דערצו!"

„די פראַגע איז אַן ערנסטע" — זאָגט די מוטער.

„איך גלויב ניט און דענק ניט, אַז שלמה זאָל זיין אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר."

„איך בעט דיר, חיים, מאַך ניט קיין עקספּערימענטן, זיינע באַשלוסן זיינען פעסטע."

„תיקף ומיד זאָל זיך ענדיקן דער בראַך! ער האָט נאָר געמאַכט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אונדזער געדאַנק. וואָס פאַר אַ לעבן וויל ער פאַר זיך פאַרשאַפן, אונדזער בן־יחיד?..."

„ווען מיר וועלן זיין דאַקעגן, — זאָגט בליומע, — קאָן עס פירן צו געפערלעכע רעזולטאַטן!"

חיים: איך וויל דאָס ניט זען,
איך וויל דאָס ניט הערן,
איך וועל דאָס פאַרווערן,
ס'זאָל קיינמאָל ניט קאָנען פאַרשאַפן ווערן!

בליומע: חיים, דו מוזט פאַרשטיין —
אונדזער זון איז שוין ניט קליין,
ווען מיר וועלן אים ניט דערלויבן,
קאָן ער זיך אָן אונדז באַגיין.

חיים: בליומע, גיב אים צו דערקלערן:
מיר קאָנען אים געבן אַ כלה אַ שיינע,
ניט קיין געמיינע.
זי וועט אים אַכטן, שעצן;
ער וועט ניט ווערן צו שפּאָט געבראַכט,
אויך מיר וועלן ווערן געאַכט.

„איך קאָן נאָר זאָגן אין דיין נאָמען, אַז דו ווילסט מיט אים רעדן.
אויפן פּאָטערס רוף איז שלמה אַריינגעקומען. דער פּאָטער ווענדעט זיך צו שלמה און גיט אים צו דערקלערן, אַז כל זמן מען איז יונג קאָן מען מאַכן פעלערן, אָבער די אָנערקענונג פון די פעלערן פאַרשאַפן אירע לייסטונגען און דערמעגלעכן זיך צוריקצוציען.
„וואָס מיינסטו מיט דעם, פּאָטער?"
„דער סוד איז מיר שוין באַוווּסט, ס'איז אוממעגלעך צו נעמען דאָס אין באַטראַכט."
„אייער פּיעסע ווערט אָפּגעוואָרפן." — ענטפערט שלמה.
„שלמה, ווו איז דיין דאַנקבאַרקייט?"
„מיט וואָס?"
„מיט דיינע באַציאונגען צו אונדז. איך דערלויב דיר ניט צו טראַכטן וועגן דעם. איר משפחה איז אָרעם און ס'איז אוממעגלעך צונויפצוברענגען זי מיט דער משפחה ראַבינאָוויטש!... צי וועט זי זיין דיין צוקונפט?"
שלמה, פאַרלאָזנדיק דעם פּאָטערס צימער זאָגט: „אייערע אָנווייזונגען וועלן מיר ניט שטערן!..."
דער פּאָטער וויינט, זאָגנדיק: „מיין בן־יחיד איז פאַרלוירן!..."
בליומע טרייסט אים: „ס'איז ניט צו מאַכן. ס'האָט שוין פּאַסירט אין לעבן אַזעלכע זאַכן."
„נו, בליומע, קאָנען מיר זיך דערמיט טרייסטן?"

כ'האָב געאַרבעט טאָג און נאַכט,
געשעפטן געמאַכט,
קאַפּיטאַלן פאַרשאַפט,
אונדזער זון זאָל זיין אַ פּראַכט!...

„פאַר וועמען? פאַר אַ שטוב־מיידל?... דאָס קאָן ניט זיין!..."

„וואָס? פאַרלאַנגסט אַ דאַנק דערפאַר, וואָס דו האָסט אים געגעבן בילדונג?"

„אונדזער טייער קינד, ווען ער האָט געענדיקט דאָקטער, ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייד? אָבער, ליידער, אונדזער פרייד האָט זיך פאַרענדיקט!"

„וואָס האָסטו זיך פאַנאַנדערגערעדט?" — זאָגט בליומע.

„צי האָט ער געהערט צו אַזאַ יוגנט, אַז ער זאָל פאַרענדיקן מיט אַזאַ באַציאונג צו אונדז? דעריבער איז מיין פליכט צו קעמפן פאַר מיין אוצר!"

„מיין מיינונג, חיים, איז, אַז שלמה וועט זיין פעסטן באַשלוס לגבי רחלען ניט בייטן."

„איך מיין ניט אַזוי. זיין צוקונפט איז אין אַ זייער גרויסער מאָס אָפּהענגיק דערפון, אויב מיר וועלן פאַרשטיין ניט צו דערלאָזן צו דעם... אַלזאָ, מיין עצה איז — איינצולאַדן דעם הער שלאָסבערג און אים פאַר־לייגן וועגן שלמהן. דאָס וועט זיין אַן אָנהייב. איך בין זיכער, אַז פון זיין זייט וועט קיין מניעה ניט זיין. איך וועל שלאָסבערגן פאַרטרויען אַלץ, כדי ער זאָל וויסן ווי צו ווירקן אויף אים פסיכאָלאָגיש, ניט נאָר טראַכטן וועגן דעם, נאָר טון. מעגלעך ס׳וועט וואָרענען אים פון זיין שלעכטן געדאַנק."

„ס׳קאָן נאָר געמאַכט ווערן אַ פּרווו, אָבער איך צווייפל אין דעם" — זאָגט בליומע.

„איך פאַרשטיי, אַז דו וואָלסט שוין באַשטאַנען."

„פון גרויס צרות מוז איך לאַכן. איך קאָן זאָגן, אַז מיר האָבן אויף דעם געביט איין מיינונג, צי וועט אָבער אונדזער שלמה באַשטיין?"

„אונדזער אויפגאַבע איז אַ גורלדיקע" — זאָגט חיים.

שלמהס האַנדלונג און פעסטע באַשטימונג מכוח רחלען האָט באַוויגן זיינע עלטערן אָפּצושאַפן רחלען. רחל האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען, וואָס פרוי ראַבינאָוויטש האָט איר אַנטזאָגט פון דער אַרבעט. די פרוי ראַבינאָוויטש האָט איר דערקלערט, אַז זי האָט צו איר גאָרניט. זי איז געצוווּנגען איר צו אַנטזאָגן, מחמת ס׳איז מלחמה־צייט און טאָג־טעגלעך קומען פאַר רעוויזיעס, אַרעסטן, וויל זי ניט טראָגן די אחריות פאַר איר. און בכדי צו פאַרלייכטערן איר פאַרצווייפלונג, האָט די פרוי

ראַבינאָוויטש צוגעגעבן, אַז וי זאָגט איר אָפּ צייטווייליק. ווען די לאַגע וועט זיך ענדערן, וועט זי איר צוריקנעמען.

רחל איז אַהיימגעקומען נאָכמיטאָג. די מוטער האָט עס באַוווּנדערט:

„וואָס פאַר אַ יום־טוב איז היינט, וואָס דו ביסטו פריי?"

„יאָ, מאַמע, איך בין טאַקע באַפרייט!..."

די מוטער מיט באַוווּנדערונג: „וואָס זאָל דאָס באַדייטן?"

„דאָס באַדייט פשוט: באַפרייט!..."

„מיט וואָס האָסטו זיך פאַרזינדיקט?"

„וואָס הייסט פאַרזינדיקט? איך פאַרשטיי דיך ניט!"

„אָבער דאָך האָט עפּעס געמוזט געשען!"

„איך ווייס ניט, מאַמע. איך וועל דיר דערציילן: די פרוי ראַבינאָוויטש האָט מיר דערקלערט, אַז אַזוי ווי ס'איז מלחמה־צייט, יעדע נאָכט קומען פאַר רעוויזיעס, אַרעסטן, דעריבער איז גלייכער, אַז איך זאָל זיך געפינען אין דער היים..."

„וואָס רעדסטו, רחל? ס'איז עפּעס אַנדערש!..."

„איך קאָן דאָך דיר אַנדערש ניט זאָגן, ווי זי האָט מיר דערקלערט."

„אָבער דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט, איז צונישט געוואָרן!"

„מאַמע, וועגן וואָס האָסטו געטראַכט?"

„איך האָב געהאָפט, אַז נאָך אַ יאָר וועלן מיר האָבן פאַר דיר דעם נדן. איך האָב שוין פאַר דעם אָפּגעלייגט 250 רובל."

„זאָרג ניט, מאַמע, איך וועל זיך אַן עצה געבן!"

אין דעם מאָמענט קומט אַריין דער פאָטער און פרעגט רחלען מיט פאַרוווּנדערונג: „וואָס איז געשען?"

„די פרוי ראַבינאָוויטש האָט מיר אָנטזאָגט."

„די זאַך איז ניט קיין פשוטע!"

„פאַרוואָס ווייס איך אַליין ניט!"

„וואָס הייסט דו ווייסט ניט? אַכט יאָר האָסטו זיך ביי זיי געהאַט אויפגעהאַלטן!..."

„לאָז אָפּ, ישראל, ערגער זיך ניט און אויך רחלען. וואָס ערגער פון אַ מענטש, אַלץ בעסער פון גאָט!... מיר האָבן פאַר רחלען 250 רובל, וועט גאָט צושיקן פאַר איר דעם באַשערטן, אַזוי ווי מיט 300!... מן־הסתם איז געקומען איר צייט, אַז זי זאָל ווערן פאַר זיך אַ שטיקעלע בעל־הביתטע. גאָט וועט אין אונדז ניט פאַרגעסן, ווי אויך אונדזער רחלען ניט פאַר־לאָזן!..."

„יאָ, פּלוניתטע, ביזט טאַקע אַ חכמה, השם יתברך וועט געוויס העלפן!"

„האָב ניט קיין עגמת נפש, מיין טאָכטער, דער גליק איז נאָך פאַר דיר! גיי אַביסל צו דיין חברטאָרן, אָבער שפּעט זיץ ניט, דער פאָטער וועט קומען פון מעריב, וועט ער וועלן עסן. מיר זאָלן ניט דאַרפן וואַרטן. זיצנדיק ביים אָוונט־ברויט, באַטראַכט ישראל זיין טאָכטער: ווי שיין זי איז, נאָר אַ גוטן מזל זאָל איר גאָט געבן, טאַקע, ווי אונדזער מוטער רחל איז געווען: יפת תאר וטובת מראה!...

ער טראַכט: ווען איך וואָלט געהאַט כאָטש 300 רובל, וואָלט גוט געווען!...

חנה האָט באַמערקט און פרעגט ישראלן, וואָס איז ער אַזוי פאַר־טראַכט? „ביי מעריב האָב איך זיך געטראָפן מיט שמעון דעם שדכן, פרעגט ער מיר, אויב איך האָב נדן פאַר מיין טאָכטער, קאָן ער ריידן אַ שידוך. פרעג איך אים, וואָס טוט דער חתן? ענטפערט ער מיר, אַז ער איז אַ ישיבה־בחור און זיינע עלטערן פאַרלאַנגען כאָטש 300 רובל".

ווען חנה האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

„יאָ, פּלוניתטע, דאָס האָב איך פון דיר ניט דערוואַרט, דו ביזט דאָך אַ בעל־הבטחונטע! גאָט וועט אונדז העלפן!...

און אַזוי, ווי זיי ריידן, איז אַריינגעקומען די שכנטע בתיה מיט שכר־לימוד פון איר זון, פרעגנדיק דערביי: „רביצן, וואָס הערט זיך עפּעס גוטס ביי אייך?... די רביצן האָט צוגעשוויגן.

„איר ווייסט דאָך, רביצן, אַ גוטן פריינט אינטערעסירט צו הערן גוטעס!"...

ענטפערט חנה: „גוטעס זאָל גאָט געבן כל ישראל!"

„הלואי, רבונו של עולם! — האָט געענטפערט בתיה און טראַכט זיך בשעת מעשה: איך וועל שוין באַלד פון איר אַלץ וויסן:... הערט איר, רביצן, איך האָב נעכטן געהערט, אַז אייער רחלע איז אַ כלה געוואָרן"...

„מען זאָגט, אויב דו ווילסט וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי דיר, פרעג ביי דיין שכנטע."

רביצן, איר האָט פאַריבל? הלואי זאָל מען דאָס זאָגן אויף מיין שפּרי׳נצע דאָס, וואָס מען רעדט אויף אייער רחלען!..."

און אַזוי, ווי זיי ריידן עפענט זיך די טיר, ס׳קומט אַריין דער שדכן קליין און פרעגט זיך, צי קאָן ער זיך זען מיט רחלען? ווען ניט בעט ער, איבערגעבן איר דעם בריוו.

בתיה האָט אויסגעגלאָצט אירע גרויסע גרויע אויגן, אַ בליק געבנדיק אויף דעם אַלטן גרויען שדכן און זי טראַכט זיך: ס'האַנדלט זיך אודאי וועגן אַ שידוך! און אפשר בין איך דאָ איבעריק, אַ זאָג געבנדיק, אַ גוטע נאַכט, איז זי אַוועק; יאָ, טראַכט זי ביי זיך: אַז מען האָט קינדער, באַ־דאַרף מען האָבן מזל! מען מוז זאָגן דעם ריינעם אמת: רחל איז טאַקע אַ שיינע, אַן אָרנטלעכע, אַ קלוגע, מען קאָן אויף איר קיין שלעכטס ניט ריידן. איך בין אַ מאַמע, אָבער דעם אמת מעג מען אַפילו אויף אַן אייגן קינד זאָגן... מיין שפּרינצע איז אַן אמתע ישובניצע. איך האָב געטאָן אַ פעלער און אַ סך פאַרזען. כ'האָב בעסער געדאַרפט איר אָפּגעבן צו אַ בעל־הביתטע אין שטאָט און ניט אין דאָרף!...

מיט דעם געדאַנק איז זי אַריינגעקומען אין שטוב.

פרעגט הערשל: „וואָס ביזטו, בתיה, אַזוי צעטראָגן?

„איך קאָן דיר ניט זאָגן".

„וואָס הייסט, דו קאָסט מיר ניט זאָגן.?" — פרעגט הערשל.

„ס'איז שוין געשען, ס'איז שוין צו שפּעט!" — ענטפערט בתיה.

„איך פאַרשטיי דיר ניט, אַז מען רעדט עפּעס וואָס, דאַרף מען ריידן, ניט אויף שטום־לשון!..."

„איך זאָג, אַז מען האָט קינדער, דאַרף מען האָבן שכל און מזל; מיר האָבן ביידע זאַכן ניט!..."

„דאָס אַלעס?"

„דו לאָזט דאָך מיר קיין מאָל ניט קומען צום וואָרט!" — שרייט בתיה.

„טאַקע, אַן עולה פון מיר! ווען איך לאָז דיר ריידן, וואָלסטו מיר שלאָפן אויך ניט געלאָזן!... איך האָב געמיינט, פלוניתטע, אַז אויף דער עלטער וועסטו ווערן אַ ביסעלע קליגער."

„אַי הערשל, דו ביזט געוועזן אַ קאַלטער לעבער און אויף דער עלטער — נאָך קעלטער!... טראַכסט ניט, אַז דו האָסט אַ דערוואַקסענע טאָכטער און דו ווייסט נאָר דיינע געלעכטערס!"

„נו, נו, באַרואיק זיך, רייד, איך וועל דיר אויסהערן, נאָר גיך, בקיצור."

„דו ווייסט דאָך, הערשל, אַז איך האָב באַדאַרפט גיין באַצאָלן דעם מלמד שכר־לימוד?"

„איז וואָס?"

„וואָס איז מיט דיר, הערשל, ווידער לאָזטו מיר ניט ריידן! איך האָב שוין פאַרגעסן, ווו איך האַלט?..."

ער דערמאָנט איר, וועגן שכר־לימוד.

„אַבי איך שריי אויף דיר, אַז דו לאָזט מיר ניט ריידן."

„דאָס איז די גאַנצע מעשה? איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע."

„לאָז מיר דערציילן, אָבער שלאָג מיר ניט איבער און הער מיר אויס.

„איך קאָן דאָך דיר, אַז דו הייבסט אָן ענדיקסטו ניט..."

„אַי, אָפּגעלעבט אַ לעבן און אַזוי בין איך פאַרפינצטערט און מיינע קינדער וועלן אויך קיין גוטס ניט דערלעבן!..."

„אַזעלכע נאַרישקייטן וויל איך ניט הערן, לאָז מיך אָפּ!"

„דעם אמת וויל קיינער ניט הערן, איז גלייכער, אַז מען רעדט אין גאַנצן ניט, איז געזונטער!

„פלוניתטע, זאָג מיר וועד ניט איז האָט דיר מבזה געווען?"

„האָסטו אַ גרויסע זאָרג!..."

„אודאי, וואָס טראַכסטו, אַז דו ביזט פון די אַרויסגעוואָרפענע? ניין, דיין עולה איז אויך מיין עולה!..."

„אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן און ביז היינט ניט געוווּסט, ווי טייער איך בין ביי דיר!..."

„נאָך, ווי טייער, וואָס מיינסטו, חופה וקדושין האָב איך געגעבן סתם?"

„איך זע, אַז דו, הערשל, לעבסט אָן דאגות?!

„איי, בתיה, דו פאַרשטייסט גאָר ניט, אַ פערד האָט אַ גרויסע קאָפּ, זאָל ער דאגהן! גאָט האָט אונדז פאַרזאָרגט מיט זעקס טעכטער, וואָס האָבן מיר צו דאגהן?..."

„אָט, דאָס איז מיין צרה, אַז דו האָסט ניט קיין דאגות! אַ טאַטע האָט שוין באַדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן דער דערוואַקסענער טאָכטער. איך זע ביי לייטן, וואָס אַ טאַטע טוט פאַר אַ קינד. דו טראַכסט נאָר וועגן אָפּגעבן זי צו אַ ישובניק אין דאָרף כדי צו מעלקן די בהמות!... איך האָב היינט געזען רחלען, אַזאַ אַנשטענדיקייט ליגט אויף איר, ווי ביי אַ גבירס אַ טאָכטער!... זיי קאָנען טאַקע פון איר נחת דערלעבן!"

„בתיה, דו ביסט אַ חכמה, אָבער דו רעדסט נאַרישקייטן. אויף נחת קאָנען מיר אויך האָפן!"

מיט דעם האָט הערשל באַרואיקט בתיהן. ער האָט געגומען אין באַטראַכט, אַז זי האָט רעכט. איך וועל גיין צו ברוכן רעדן וועגן שפּרינצען.

ביים מעריב דאַווענען האָט ער זיך געטראָפן מיט ברוך דעם שדכן.
פרעגט ברוך: „ר׳ הערשל, וואָס הערט זיך ביי אייך?״
„איר ווייסט דאָך, אַז מען האָט, זאָל געזונט זיין, אַ דערוואַקסענע טאָכטער, דאַרף מען וועגן איר אַ טראַכט טאָן!...״
„איך האָב גראָד פאַר אייער טאָכטער אַ ווילן בחור.״
„וואָס טוט ער, עפּעס אַ בעל־מלאכה?״
„פאַרשטייט זיך, ניט קיין לײדיקגייער. זייער אַ גוטער סטאָליער, נאָר ער האָט אַ קליינעם חסרון — ער הינקט אַ ביסעלע צו מיטן לינקן פוס. ער האָט פאַר מיין טאָכטער געמאַכט אַ בופעט, אַז איר וואָלט אים געזען...״
„וועמען?״ — פרעגט הערשל.
„דעם בופעט... וואָלט איר שוין ניט באַדאַרפט פרעגן!...״
„אויף וועמען?...
„אויפן בחור״״ — ענטפערט ברוך — „מיט איין וואָרט, ער איז ווערט אַ גוטע רייכע כלה.״
„אָט הייבט זיך אָן מיט אַ שדכן, נאָר אַ רייכע!״
„ר׳ הערשל, צי ווייסט איר ניט, אַז אַ שדכן אינטערעסירט זיך נאָר מיט דער מטבע און, אַז די כלה האָט אַ גרויסן נדן, האָט דער שדכן אַן אינטערעס... ערשטנס דאַרף איך וויסן, וויפל קאָנט איר געבן?...״
ענטפערט הערשל: „איך האָב פאַר איר ק׳ן קערבלעך (150 רובל).״
זאָגט ברוך: „היינט איז עס אַ קליינער נדן.״
„אָבער דעם עיקר פאַרוואָס פרעגט איר ניט?״
„כדומה למשל?״
ענטפערט הערשל: „זי איז אָן עין־הרע אַ געזונטע און שיינע בתולה!...״
„מיט דעם וועט זיך פרייען דער חתן!...״
„וואָס, עס איז ניט וויכטיק, ר׳ ברוך?״
„איך וויל פאַר מיין אַרבעט 15 קערבלעך (15 רובל) און איר זאָלט געבן, וויפל איר קאָנט...״
„דאָס איז אַ צו גרויסער פראָצענט!...״
„איר דאַרפט פאַרשטיין, ר׳ הערשל, אַז איר גיט אַ קליינעם נדן, דאַרף איך מער אַרבעטן, כדי דער חתן זאָל מסכים זיין. אָבער וואָס דינגט איר זיך מיט מיר? פריער גיט אַן אַנגאַבע, חתן־כלה זאָלן זיך זען, נאָכהער וועלן מיר שוין אַדורכקומען...״
„אָט אַזוי, ר׳ ברוך, פאַרשטיי איך אייך!״

הערשל איז אַהיימגעקומען פון בית־מדרש פאַרשפּעטיקט.

„וואָס איז געשען?" — פרעגט בתיה.

„באַרואיק זיך, מ'דאַרף האָפן, אַז ס'וועט זיין גוט!"

„הלואי, רבונו של עולם! שוין צייט, אַז גאָט זאָל אונדז אויך אין זינען האָבן!..."

„הערסט, בתיה, ס'איז מיר היינט איינגעפאַלן אַ געדאַנק. אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט, אַז אַ טאַטע דאַרף טראַכטן וועגן זיין טאָכטער — האָב איך אַזוי געטאָן, און גאָט זאָל אונדז העלפן. ווען כ'האָב אָפּגעדאַוונט און כ'וויל שוין אַהיימגיין, דערזע איך ברוך דעם שדכן. טראַכט איך: מ'דאַרף אים דערציילן וועגן אונדזער שפּרינצע. לייגט ער מיר פאָר אַ זייער פיינעם בחור. ער איז אַ גוטער סטאָליער, פון פיינע עלטערן, נאָר ער הינקט אַ ביסעלע אונטער..."

„וועגן נדן, וואָס האָסטו גערעדט?"

„כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך קאָן געבן נאָר ק'ן קערבלעך. ער האָט געזאָגט, אַז היינטיקע צייט איז דאָס אַ קליינער נדן, אָבער אויף דעם איז ער אַ שדכן... פאַר זיין טרחה פאַרלאַנגט ער 15 רובל."

„וואָס רעדסטו, הערשל? 15 קערבלעך איז דאָך אַ קאַפּיטאַל!..."

„אָבער מיר זיינען צווישן זיך דורכגעקומען."

„דאָס ערשטע — פאַר ברענגען שפּרינצען. איך וועל דערווייל עפּעס אָפּבאַקן, ווען דער חתן מיט די מחותנים וועלן קומען, זאָל אַלץ זיין גרייט."

אויף צו מאָרגנס זיינען זיי געקומען. מען האָט געשיקט נאָכן שדכן און ער איז געקומען.

„ר' ברוך, ווי געפעלט אייך אונדזער טאָכטער?"

„זאָל זי דעם חתן מיט די מחותנים געפעלן. איר ווייסט דאָך, אַז ביי אַ שדכן זיינען אַלע שיין און גוט!"

„ר' ברוך, קודם־כל, נאָט אייך אַ פינפערל (5 רובל) און ס'זאָל זיין אין אַ מזלדיקע שעה!"

„אַ שיינעם דאַנק! נאָר אַ גוטן אָנהייב זאָל גאָט געבן! היינט 8 אָוונט קומען מיר מיט גליק..."

אין אָוונט איז דער חתן געקומען מיט זיינע עלטערן, ווי אויך ברוך. ווען שפּרינצע האָט דערזען דעם חתן, איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. זי טראַכט: ער הינקט דאָך שטאַרק... זי וועט בעסער צוריקפאָרן אין דאָרף, איידער נעמען אַזאַ קאַליקע!...

אויף צומאָרגנס איז אָריינגעקומען דער שדכן מיט אַ ברייטן „גוט־מאָרגן", כדי צו הערן, וואָס הערט זיך גוטס?

ענטפערט שפּרינצע: „גייט אייך מיט אייער גוטס!..."

„ער איז דאָך אָבער אַ גוטער סטאָליער, אויף מלחמה וועט מען אים ניט נעמען, ער איז פון פיינע עלטערן. די מאַמע זיינע איז אַ רב׳ס אַן אייניקל, דער טאַטע איז אַ שמש אין דער גרויסער שול! וואָס ווילט איר? קיין גרויסן נדן האָט איר אויך ניט!"

ברוך איז אַוועק אַן אומצופרידענער. שפּרינצע שרייט:

„איך וועל בעסער צוריקפאָרן אין דאָרף, איידער נעמען אַ הינקעדיקן!"

דער פאָטער האָט זיך פונאַנדערגעשריגן: „געוואַלד! ווי לאַנג וועסטו מעלקן די בהמות? ביזן גרויען צאָפּ!... פאַרגעס ניט, אַז ביסט שוין ב"ה 18 יאָר. אַז דו וועסט עלטער ווערן וועט דיך דער חתן אויך ניט וועלן!..."

אַזוי האָבן זיי איר איינגערעדט, ביז דער שידוך איז מיט מזל געוואָרן.

„זעסט בתיה, אַז מען דאַרף די האָפענונג ניט פאַרלירן! אָט האָבן מיר שוין ב"ה דערלעבט נחת!..."

*

שלמה איז אַהיימגעקומען. ער זעט, ווי די מוטער סערווירט דעם טיש, פרעגט ער: „מוטער, וואָס באַדייט דאָס? דו פאַרטרעטסט עפּעס רחלען?"

די מוטער האָט אים געענטפערט: „די אומשטענדן פון דער צייט האָבן געשאַפן אַזאַ לאַגע. דו ווייסט דאָך, אַז ס׳איז מלחמה, אָבלאַוועס, אַרעסטן. איז גלייכער, אַז אַ יידישע טאָכטער זאָל זיך געפינען נעבן אירע עלטערן... דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן רחלען צייטווייליק אָפּ־שאַפן..."

שלמה טראַכט זיך: ס׳איז אַ פּראָוואָקאַציע!... אָבער דאָס וועט זיי ניט העלפן. זיין האַרץ האָט אין אים ניט געשטילט און ער זאָגט:

„מוטער, איר בויט לופט־שלעסער צוליב די שלאָסבערגס!"

„צי דען איז דאָס ניט פּאַסנד?" — ענטפערט זיין מוטער.

„צי זאָג איך, אַז זיי זיינען ניט פּאַסיק? ס׳מוז קומען אין באַטראַכט, אַז פאַר מיר איז די הויפּט־זאַך ניט פּאַסנד. איר ווייסט גאַנץ גענוי, אַז מיט עלטערן לעבט מען ניט. איך באַוווּנדער אייער פאָרשלאַג, וואָס איז ניט אַ פאַרבינדונג פון אייער זונס גליק, אין קעגנטייל, עס איז אַ באַגראָבונג פאַר אייער איינציקן זון! מיינע געפילן קאָן איך ניט שטילן און וויל זיי ניט פאַרלירן. דאָס איז ניט קיין פּאָסטן, וואָס מען

קאָן באַזייטיקן. אייערע דענערווירנדיקע שטעלונגען וועלן ניט מנצח זיין!...״

„היתכן, אַז דו זאָלסט זיך אַנגאַזשירן אויף אַזאַ צוקונפט? איך קאָן דיר, שלמה, זאָגן, אַז דיינע טענות פּאַראיבלען. איך, אַלס מוטער, דריק אויס מיינע מיטגעפילן און דערקלער דיר, אַז דיין לאַגע איז אַ טראַגי־קאָמישע! איך באַדויער די שטעלונג פון דאָקטער ראַבינאָוויטש!... ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, אַריינגענומען זיך אין קאָפּ. יאָ, מען זאָגט, אַז אַ מענטש קאָן זיך צו אַלעם צוגעווינען, אָבער, שלמה, ס׳איז ניט אַן עפּל אויפצועסן. דו מוזט דאָס גוט באַדענקען. איך זע, אַז עס באַלאַגערט דיך אַ פייער!״

די מוטער איז אַרויס מיט גרויס צאָרן פון צימער.

שלמה איז געבליבן אַליין. ער טראַכט זיך: איך זע שוין גוט, אַז מיינע עלטערן מאַכן מיר שטאַרקע שטערונגען, אָבער איך מוז זיך באַרואיקן, ווייל אַלעס איז אָפּהענגיק פון מיר. ס׳איז אַ פאַקט, אַז זיי ווילן, ווי דער שטייגער פון עלטערן מיט זייער פּאָליטיק אָפּשוואַכן מיינע הערצלעכע געפילן. פון היינט אָן הער איך אויף מיט זיי צו פירן דיסקוסיעס. בכדי צו רעאַליזירן מיין פּלאַן, מוז איך אָנשרייבן אַ בריוו רחלען, איר צוויסן געבן וועגן מיינע איבערלעבונגען.

ליבע, טייערע רחלע!

דיר איז דאָך באַוווּסט פון מיין איבערגעגעבנהייט צו דיר. ביז היינט האָב איך ניט געקאָנט דיר צוּוויסן געבן, מחמת איך בין געווען אונטער מיינע עלטערנס השפּעה. איצט, ווען איך בין געוואָרן זעלבסט־שטענדיק, פון דער צייט אָן האָב איך אָנגעפאַנגען שטאַרקער פילן מיין ליבע צו דיר.

ווען איך פלעג אַ טראַכט טאָן וועגן דיר אין דער צייט, ווען מיר איז געווען שווער צוליב מיין לערע, פלעג איך זיך באַרואיקן, אַז די שוועריקייט וועט מיר לייכטער מאַכן די צוקונפט מיט דיר. דאַן בין איך געווען אַזוי צופרידן, אַז קיין גלייכן איז ניט געווען צו מיר. מיט גרויס פלייס האָב איך געלערנט איך זאָל קאָנען האָבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן מיין ציל — זיין צוזאַמען מיט דיר... ליידער, ווען איך האָב מיינע עלטערן פאַרטרויט דעם סוד וועגן מיין ליבע צו דיר, האָב איך מצד זיי אָנגעטראָפן אַ שטאַרקן ווידער־שטאַנד. ס׳קומט מיר אויס צו קעמפן מיט זיי. דאָך בין איך **פעסט**

איבערצייגט, אַז מיין קאַמף וועט זיך ענדיקן מיט אַ גליקלעכן נצחון. קיינער אין דער וועלט וועט מיר אַנדערש ניט איבערצייגן און ניט אַראָפּפירן פון מיין אויסגעקליבענעם וועג!... זיי מוטיק און שטאָלץ, מיין טייערע רחלע, דו ביסט און בלייבסט מיינע אויף אייביק! איך קוש דיך פיל מאָל!

מאָרגן 8 אָוונט קום איך צו דיר.

דיין אייביק ליבנדער שלמה.

רחל האָט דערהאַלטן שלמהס בריוו. זיין דערקלערונג האָט איר פיל באַגייסטערט. די מוטער האָט באַמערקט, אַז רחל לייענט דעם בריוו איין מאָל און נאָך אַ מאָל און זי איז איבערראַשט. פרעגט זי: „רחלע, פון וועמען איז דער בריוו?"

„הערסט מוטער, דער פאָטער איז אויסערגעוויינלעך קלוג!..."

„וואָס געהער דאָס אָן צו דעם בריוו? — פרעגט די מוטער.

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָס ראַבינאָוויטשעס פרוי האָט מיך אַנטזאָגט פון דער אַרבעט איז ניט פשוט. יאָ, ער האָט רעכט!"

„רחלע, דו האָסט מיך שטאַרקט פאַראינטערעסירט. דערצייל מיר דעם עיקר פון וועמען האָסטו באַקומען דעם בריוו?"

„פון שלמהן."

די מוטער איבערראַשנד: „פון שלמהן דעם דאָקטער? נו, נו, וואָס שרייבט ער?"

„איך מוז דיר, מוטער, דערציילן וועגן שלמהן, ווען ער פלעגט אַהיימ־קומען אויף אורלויב, פלעגט ער מיר שטענדיק ברענגען ביכער. ער איז תמיד געווען פאַראינטערעסירט, אַז איך זאָל לייענען. ער פלעגט שרייבן זייער פיינע בריוו, אָבער איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז שלמה זאָל וועגן מיר אַזוי טראַכטן ערנסט!..."

„וואָס איך הער, רחלע? איך בין זייער נייגעריק. לעז מיר איבער דעם בריוו."

זי האָט דער מוטער איבערגעלעזן דעם בריוו.

„רחלע, פאַרוואָס האָסטו קיינמאָל ניט דערציילט?"

„מוטער, מוזט פאַרשטיין, ווען שלמה וואָלט געווען פון מיין גלייכן, וואָלט איך געקאָנט דערפון ערנסטער טראַכטן, אָבער ער איז דאָך דעם עושרס אַ זון און דערצו שטודירט ער דאָקטער!... האָב איך פון דעם

אַפּילו טראַכטן ניט געקאָנט, אַז שלמה זאָל וועגן מיר ערנסט קלערן?...״
„אָבער איצט?״ — פרעגט די מוטער.
ענטפערט רחל: „איצט צווייפל איך אויך אין דעם, ווייל ווען איך פלעג זיך אַמאָל פאַרטראַכטן איבער דעם פּראָבלעם, פלעג איך קומען צו אַ באַשלוס, אַז זיינע עלטערן וועלן צו דעם ניט דערלאָזן.״
„אָבער דער בריוו רעדט דאָך פיל!...״ — זאָגט די מוטער.
„יאָ מאַמע, דו ביסט אַ קלוגע פרוי דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז פון רעדן ביזן טאָן איז גאַנץ ווייט און פון שרייבן ביזן פאַרווירקלעכן איז נאָך ווייטער!... און נאָך מער, דאָס איך בין אַ שטוב־מיידל, קאָן דאָס זיין אַ גרויסע שטערונג אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ פאַנטאַזיע! איך וויל זיך גאָרנישט איינרעדן!...״
אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דער פאָטער. ער האָט אויף זיי באַמערקט, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען. וויל ער אַ פרעג טאָן, וואָס ס׳איז געשען, אָבער די מוטער האָט אים פאַרכאַפּט און אַ זאָג געטאָן:
„איך מוז דיר, ישראל, זאָגן, אַז דו ביסט טאַקע אַ חכם!״
„מיט וואָס בין איך ביי דיר מיט אַמאָל אַ חכם געוואָרן?״
„דו האָסט געהאַט געזאָגט, אַז וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט רחלען, איז ניט אַ פּשוטע זאַך.״
„נו, נו, דו האָסט מיך פאַראינטערעסירט״ — זאָגט ישראל.
„און נאָך ווי אינטערעסאַנט! שלמה האָט געשיקט אַ בריוו. קורץ גערעדט, שלמה וויל, אַז אונדזער רחל זאָל פאַר אים אַ כלה ווערן!״
„מען דאַרף האָפן, אַז גאָט וועט געוויס העלפן! הערסט, חנה, ווען שלמה איז צו מיר אין חדר געגאַנגען, האָט ער מיר, ווי אַ שייגעץ געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל רחלען!...״
„וואָס הייסט דאָס ער האָט דיר געגעבן צו פאַרשטיין?״
„דו ווייסט דאָס איצט, אָבער איך האָב נאָך דאַן פאַרשטאַנען. און הער זיך צו מיט קאָפּ: ווען איך האָב אים פאַרטייטשט דעם פסוק, אַז יעקב האָט געדינט זיבן יאָר פאַר רחלען, האָט ער אַ זאָג געטאָן: ווער וועט דאַרפן דינען פאַר רחלען? ווען איך האָב אויף אים געשריגן, וואָס ווילסטו ניט פאַרשטיין דאָס, וואָס איך פאַרטייטש דיר? האָט ער מיר געענטפערט: „רעבעניו, איר ווילט מיך ניט פאַרשטיין, אָבער ס׳וועט קומען אַ צייט, אַז איר וועט מיך וועלן פאַרשטיין!...״ איך האָב דאַן געקלערט, אַז זיין ענטפער איז פון אַ קלוגן שייגעץ...״
ישראל האָט ווייטער גערעדט: „איך גלויב, אַז ער טראַכט ערנסט,

אָבער איך גלויב ניט, אַז זיינע עלטערן זאָלן מסכים זיין. וואָס זאָגט רחל?"

ענטפערט חנה: „רחל זאָגט אויך דאָס זעלבע. מאָרגן באַדאַרף קומען צו אונדז שלמה."

„איך וואָלט שוין וועלן עלטער ווערן מיט אַ טאָג!..." — זאָגט ישראל.

אויף צומאָרגנס איז שלמה געקומען צו דער באַשטימטער צייט.

שלמה פרעגט: „רחלע, האָסט מיין בריוו דערהאַלטן? מיינע קושן אויך?..."

רחל, קוקנדיק אויף שלמהן, האָט זיך צעשמייכלט...

„אָבוואָל דיר, מיין טייערע, איז שוין באַוווּסט, אַז מיינע עלטערן ווילן דערשטיקן מיינע געפילן צו דיר, דאָך וועלן זיי מיך ניט גובר זיין. איך קאָן דיר ערנסט זאָגן, ליבע רחל, אַז די לעצטע טעג איז פאַר מיר טראַגישער, ווי אין משך פון די לעצטע אַכט יאָר. ס'מוז קומען אין באַטראַכט, אַז מיט עלטערן לעבט מען ניט אייביק. ענדלעך איז געקומען אונדזער גליקלעכע צייט, אונדזער ליבע מוז ווערן באַפרייט..."

רחל הערט שלמהס ווערטער, דאָך אין האַרץ גלויבט זיך איר ניט. שלמה באַמערקט איר פאַרצווייפלונג און זעצט פאָר ווייטער זיין געשפרעך:

„דיר, רחלע, דאַרף זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז דיין נאָמען באַדאַרף זיין פאַרבונדן מיט דאָקטער ראַבינאָוויטש, ווייל קיין אַנדערע, אויסער דיר, איז ניט ווירדיק אים צו טראָגן. דער גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז יאָרן לאַנג זאָלן זיין פאַרבונדן אונדזערע געפילן."

„שלמה, דיינע עלטערן וועלן קיינמאָל אין קיין פאַל ניט דערלאָזן, אַפילו אַז זיי וועלן אין האַרצן יאָ מסכים זיין!..."

„רחלע, מיין זעלבסטשטענדיקייט קאָן קיינער ניט אַפּנעמען פון מיר, ס'קאָן ניט קומען אין באַטראַכט, אַז מיר זיינען ניט פאַסנד. די ערנסטע געפילן דיקטירן אין לעבן און וועלן ניט געפינען פאַר נייטיק צו מאַכן וועלכע ס'איז ענדערונגען. און דאָס וועט דערמעגלעכן און פאַרזיכערן, ווי ס'קומט..."

שלמה באַמערקט, ווי רחל וויל עפּעס זאָגן און האַלט זיך אָפּ, דאַן פרעגט ער: „רחלע, ווילסט עפּעס זאָגן? נו, ביטע!"

„יאָ, יאָ שלמה, דאָס איז שוין דער געזעץ פון דער וועלט, אַז געלט איז דער יחוס און שפּילט אַ גרויסע ראָלע..."

„געלט איז טאַקע גוט, אָבער מיט געלט קאָן מען זיך ניט פאַרזיכערן.

יאָ, זייער כוונה איז ניט צו דערלאָזן, אָבער זיי וועלן זיך מוזן צוריק־ציען." שלמה באַמערקט, ווי רחל לעבט שטאַרק איבער, ער זעצט פאָר ווייטער: „ס'איז ניטאָ קיין גרענעץ צו דער אויסהאַלטונגס־קראַפט, ווען מען ווייסט פאַר וועמען מען קעמפט! דו, רחלע, ביסט און בלייבסט די איינציקע ביי מיר!..."

שלמה נעמט איר אַרום און קוּשט איר...

רחלע שמייכלט און שטויסט אים עטוואָס אָפּ...

„מיר דאַרפן ניט זיין פרעמד איינער צום צווייטן. דאָס איז דער געזעץ פון לעבן!" ער נעמט איר מיט ביידע הענט פאַרן איידעלען, שיינעם פּנים און קוקט אַריין אין אירע שוואַרצע, שיינע, גוטע, גרויסע אויגן און זאָגט: „רחלע, ס'איז דערגרייכט געוואָרן אַ הסכם צווישן אונדז אויף אייביק. גאָט זאָל מסכּים זיין! זאָג, רחלע, מיט מזל!"

ענטפערט רחל: „הלוואַי!"

„מאַך באַקאַנט דיינע עלטערן וועגן אונדזער גליקלעכן באַשלוס און אין די ווייטערע אונדזערע פאַרהאַנדלונגען וועלן מיר זיי באַפּולמעכטיקן."

ער האָט זיך מיט רחלען הייס צעקושט, געזעגנט, פאַרשפּראָכן, אַז אַלץ וועט זיין ווי זיי האָבן באַשטימט. די עלטערן האָבן מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט ביז רחל וועט זיי איבערגעבן וועגן שלמהס באַזוך. ענדלעך איז פון צווייטן צימער רחל אַריינגעקומען זייער אַ צופרידענע און דערקלערט די עלטערן, אַז ניט אַ בלינדער צופאַל האָט אַהער געבראַכט שלמהן. ער פאַרפליכטעט זיך צו שאַפן אונדזער צוקונפט. פאַר אַלץ איז ער פאַראַנטוואָרטלעך. די עלטערן זיינען געוואָרן איבערגליקלעך, דערהערנדיק אַזאַ איבערראַשנדע בשורה.

ווען בליומע איז אַריין צו איר מאַן אין קאַבינעט, איז זי געווען שטאַרק דענערווירט פון אירע דיסקוסיעס מיט שלמהן. האָט חיים, באַמערקנדיק איר דענערווירט פּנים, אַ פרעג געטאָן:

„ווידער איז עפּעס פאָרגעקומען מיט שלמהן?"

„הערסט, חיים, איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס פייער זאָל אַזוי שטאַרק ברענען אין שלמהס האַרץ... ווען איך פלעג אַמאָל מאַכן רחלען אַ באַמערקונג, איז ער שטענדיק געווען איר באַשיצער. ס'איז מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אין געדאַנק, אַז שלמה זאָל זיין פאַרליבט אין רחלען. אָט דערפאַר איז ער שטענדיק געווען איר פאַר־טיידיקער."

„יאָ, לויט ווי מיר שיינט, זאָל זיך מיט אים ניט אָנפאַנגען אַ דראַמע."

„וואָס רעדסטו, חיים? ווי איך פאַרשטיי, איז די דראַמע אַ פאַר־טיקע..."

חיים שרייט: „איך וויל דאָס ניט הערן, דו רעדסט נאַרישקייטן! איך פאַרשטיי פון דיינע רייד, אַז דו טוסט אים אונטערשטיצן, ווי דער שטייגער פון אַזעלכע מוטערס, ווי דו! דו האָסט אין דעם אַ גרויסן חלק!..."

„וואָס הייסט עס? איך פאַרשטיי דיך ניט, חיים!"

„דו האָסט איר געלאָזן בילדן, געמאַכט באַלעזן, געשעצט, ווי אַן אייגענע."

„חיים, דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס רחל האָט זיך געלערנט, איז געווען איר שטרעבונג. טראָץ דעם איז זי געווען פלייסיק און דערפילט אַלע אירע פליכטן. זי האָט פאַרשאַפט, אַז איך בין געווען צו איר, ווי עס פאַסט פאַר אַ גוט פרעמד קינד. דו ווייסט אויך, אַז איר אָפּשטאַם איז פון פיינע מענטשן."

„דעריבער איז וואָס? איך פאַרשטיי פון דיינע רייד, אַז דו וואָלסט שוין באַשטאַנען."

ווען דו וואָלסט געהערט, חיים, מיינע רייד און דערקלערונגען, וויפל מי איך האָב אָנגעווענדט, לײדער, האָט דאָס אויף אים קיין ווירקונג געמאַכט. לויט ווי איך פאַרשטיי, וועט דאָס אונדז, ליידער, ניט העלפן."

„אויב אַזוי, בליומע, שיקן מיר רופן דעם שדכן קליין, וואָס מיר האָבן אָפּגעשטימט וועגן שלאָסבערגן, ווייל מיט שלמהן קאָנען מיר גאָר־ניט ריידן. אונדזער שפּראַך־קאַמף האָט אים פון אונדז אָפּגעשטויסן. יאָ, יאָ, בליומע! מיר האָבן פאַנטאַזירט מיט אונדזער זון כל־זמן ער איז געווען אין אונדזער רשות. אַזוי, אַזוי איז מיט היינטיקע קינדער!..."

*

ווען שלמה איז געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט, האָט עמעצער אָנגע־קלאַפּט אין טיר און שלמה האָט אַריינגעבעטן. ס'איז אַריינגעקומען דער שדכן קליין און אים איבערגעגעבן, אַז „דער הער דאָקטער מיט זיינע עלטערן זיינען איינגעלאַדן אויף היינט 8 אָוונט אויף אַ וויזיט צו דער פאַמיליע שלאָסבערג."

שלמה האָט קליינען באַדאַנקט און איראָניש אַ זאָג געטאָן: „ווי איך פאַרשטיי, זייט איר פאַראינטערעסירט אין פרנסה, קאָנט איר אויך באַקומען פון דריטן צד!..."

„איר ווייסט דאָך, הער דאָקטער, ווען אַ שדכן באַקומט די מטבע, קאָנען חתן־כלה האָבן זייער אייגענע דעה!..״

שלמה האָט זיך צוגעשמייכלט, זאָגנדיק: „איר זייט ניט קיין שדכן!״

„פּאַרוואָס, הער דאָקטער, מיינט איר אַזוי?״

„איר זייט אַן אמתער אַרטיסט!..״

„אַזוי מוז מען קאָנען...״

„אויב אַזוי זייט איר פּאַר מיר וויכטיק. ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: אַז מען שמירט — פאָרט מען... בכדי אייער מי זאָל ניט זיין אומזיסט, נאָט אייך אַ פינפערל (5 רובל) און זעט מיר דערליידיקן דעם בריוו צו הער קאַפּלאַן וועלוול.״

קליין האָט באַדאַנקט דעם דאָקטער, צוזאָגנדיק אים, אַז אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג. קליין האָט איבערגעגעבן קאַפּלאַנען דעם בריוו. קאַפּלאַן בעט אים זיצן. קאַפּלאַן לייענט דעם בריוו און קליין טראַכט בשעת מעשה: מען דאַרף ווייטער זען אַ נייעם ענין... ער פרעגט: „הער קאַפּלאַן, צי זייט איר „צום האָבן״?...״

ענטפערט קאַפּלאַן: „וואָס זייט איר אַזוי פאַראינטערעסירט?״

„איך גלויב, אַז איידער דער הער קאַפּלאַן איז געבוירן, האָב איך שוין געהאַט אויסגעפירט שדוכים.״

„אויב אַזוי האָב איך דעם כבוד זיין מיט אייך באַקאַנט!״

„ביטע, ביטע, הער קאַפּלאַן, איר ווייסט דאָך, ביי אַ שדכן איז אומר ועושה!... איך האָב פאַר אייך אַ שדוך, אָבער אַ שידוך! ממש אַן אוצר! זי האָט אַ הויז מיט אַ קאָלאָניאַל־געשעפט פון אַ פיינעם אָפּשטאַם. אַזאַ שידוך קאָן מען טאַקע אָנרופן אַ גליק!...״

„איך פאַרשטיי אַנדערש״ — ענטפערט קאַפּלאַן — „ווען ערנסטע געפילן פון צוויי מענטשן זיינען פאַרבונדן — דאָס הייסט גליק!״

„אַנטשולדיקט מיר, הער קאַפּלאַן, איר ווייסט דאָך, אַז אַ דאָקטער קומט, נעמט ער אָן פאַרן פולס און אַ שדכן — פאַרן האַרץ!...״

„יאָ, יאָ איר קאָנט די קונץ!...״ — ענטפערט קאַפּלאַן סאַרקאַסטיש — אַ שדכן מוז אַלץ קאָנען!...״

קאַפּלאַן אַנטשולדיקט זיך און שרייבט אַן ענטפער שלמהן.

חשובער חבר שלמה!

ענטפערנדיק אויף דיין ח׳ שרייבן, טייל איך דיר מיט, אַז ליידער קאָן איך ניט קומען צו דער באַשטימטער צייט, ווייל איך דערוואַרט

אין דער זעלבער צייט אַ וויכטיקן קליענט. אַלזאָ ערוואַרט מיך פּינקטלעך 5.

מיט אַכטונג וועלוול.

קאַפּלאַן, איבערגעבנדיק ה׳ קליינען דעם בריוו, ווי אויך אַ באַפרידיקונג פאַר זיין טירחה, בעט איבערגעבן דעם בריוו צום דאָקטער ראַבינאָוויטש.

שלמה, זיצנדיק ביי זיך אין קאַבינעט און אַרומטראַכטנדיק דעם פּלאַן וועגן דער פאַרשטייענדער איינלאַדונג אויפן אָוונט ביי דער פאַמיליע שלאָסבערג, האָט דערהאַלטן וועלוולס בריוו.

ער האָט זיך געוואָנדן מיט דער ביטע צו ה׳ קליין: „איך האָב צו אייך מיין צוטרוי, מוז איך אייך עטוואָס באַקאַנטמאַכן, אַז מיינע עלטערן ווילן, אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט שלאָסבערגס טאָכטער. ליידער בין איך גאַנץ ווייט פון זייער ווילן.״

„ווי אייך איז באַוווּסט, בין איך איינגעלאַדן היינט, 8 אָוונט. בעט איך אייך איר זאָלט איינשליסן אויפן אָוונט דעם ה׳ קאַפּלאַן. דער פאַקט וועט מוזן אָנערקענט ווערן, ווייל פאַקטיש איז ער שוין לאַנג אָנערקענט געוואָרן דורך פריילין שלאָסבערג.״

„איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט, ה׳ דאָקטער, ס׳האַנדלט זיך צו פאַר־שטאַרקן אין אָפיציעלן זין... איך האָף, אַז איך וועל דאָס אַדורכפירן. אויף דעם בין איך אַן אַלטער ספּעציאַליסט!...״

„איך וואָלט שוין וועלן זען דאָס, וואָס איך הער! ביטע, ה׳ קליין, איר וועט זיין גוט באַפרידיקט.״

„איר ווייסט דאָך, ה׳ דאָקטער, ווי ס׳שטייט געשריבן: כסף וזהב מטהר...״

שלמה גיט איבער קליינען דעם בריוו און בעט אים איבערגעבן צו פריילין שלאָסבערג פּערזענלעך. קליין, נעמענדיק דעם בריוו פאַרזיכערט דעם דאָקטער, אַז דאָס וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג.

*

שיינדעלע איז געזעסן אין איר צימער און געלעזן אַ בוך. מען האָט איר געמאָלדן, אַז אַ מאַן מיטן נאָמען קליין איז צו איר געקומען. אין דעם מאָמענט האָט זי זיך פאַרגעשטעלט וועגן שידוך מיט שלמהן, אָדער וועגן אַ צווייטן... און אין איר געדאַנק שטעלט זי זיך פאָר וועלוולס געשטאַלט מיט זיינע שיינע שוואַרצע געקרויזלטע האָר אויפן קאָפּ, מיט זיינע שיינע גרויסע בלויע אויגן און אין אירע געדאַנקען קומט פאָר

אַ שטאַרקער געראַנגל, וועלכער קעמפט: אין קיין פאַל ניט דערלאָזן זיך באַהערשן פון אירע עלטערן, וועלכע שטרעבן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן מיט שלמהן... און דערמאָנענדיק זיך, אַז קליין וואַרט, האָט זי אים אַריינ־געבעטן. קליין איז אַריינגעקומען און איבערגעגעבן שיינדלען דעם בריוו. אויפמאַכנדיק דעם בריוו, האָט זי געבעטן קליינען זיצן. זי האָט איבער־געלעזן שלמהס בריוו מיטן פאָלגנדן אינהאַלט:

האָכגעשעצטע שיינדעלע!

אַזוי ווי אונדזערע עלטערן ווילן שאַפן פאַר אונדז באַדינגונגען, דערגרייכונגען אויפן פּאַנאַטישן געביט, כדי מיר זאָלן זיך ניט פילן אונטער אַ שווערן פּסיכאָלאָגישן יאָך, זייענדיק פאַרגליכנט צום אַלט וועלטלעכן לעבן. אונדזער פליכט איז: אַלץ אָנווענדן, כדי צו שטערן זייערע פאַרלאַנגען... דעריבער בעט איך דיר אין אונדזערע אייגענע אינטערעסן קומען היינט 5 אַ זייגער.

מיט אַכטונג שלמה.

שיינדעלע, איבערלייענענדיק דעם בריוו, האָט געבעטן קליינען ער זאָל פּערזענלעך גלייך איבערגעבן שלמהן, אַז זי וועט קומען צו דער באַשטימטער צייט, און באַדאַנקענדיק אים פאַר זיין בריוו, האָט זי אים אויך שיין באַפרידיקט, פאַר וואָס קליין האָט איר שיין באַדאַנקט און אַוועק אַ צופרי־דענער, טראַכטנדיק דערביי, אַז היינטיקער טאָג איז טאַקע אַ טאָג פון פּרנסה, הלוואי אויף ווייטער ניט ערגער...״

קליין איז געקומען און געגעבן איבערגעגעבן שלמהן דאָס, וואָס פריילין שלאָסבערג האָט אים געבעטן. שלמה, דערלאַנגענדיק קליינען אַ צוגעגרייטן בריוו אַדרעסירט צו פריילין רחל כהן, ווי אויך אַ פינפערל פאַר זיין מי און בעט גלייך דעם בריוו איר פּערזענלעך באַזאָרגן, קליין איז אַוועק צו רחלען איבערגעבן דעם בריוו.

רחל איז שטאַרק געווען פאַרקלעמט. אירע עלטערן האָבן עס באַ־מערקט, דאָך האָבן זיי גאָרניט גערעדט, בכדי רחלען ניט צו פאַרשאַפן קרענקונג. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אַן עצה געבן: יאָ איינלאַדן שלמהן אָדער ניט?

„הערסט, חנה, ווען מיר וואָלטן געקאָנט געבן צען טויזנט רובל נדן, וואָלטן מיר זיכער אים איינגעלאַדן, אָבער, ווען דער נדן איז רחל אַליין, זי זאָל געזונט זיין, האָבן מיר קיין אַנדער עצה, ווי אויסוואַרטן. איך האָב אַ פאָרגעפיל, אַז עפּעס גוטעס וועט געשען!״

ענטפערט חנה: „ביט אומזיסט זאָגט מען: „ווו תורה, דאָרט איז חכמה"..."

די צייט איז געגאַנגען פּאַמעלעך. יעדע מינוט איז געווען, ווי אַ יאָר. פּלוצלונג קומט קליין און פרעגט זיך אויף רחלען.

איבערראַשנד זאָגט חנה: „ביטע, ביטע, הער קליין, זיצט אַ ווײַלע, זי גייט שוין אַריין."

די מוטער רופט אַריין רחלען, זאָגנדיק דערביי, אַז קליין האָט געבראַכט פאַר איר אַ בריוו.

רחל וווּנדערט זיך: „אַ בריוו? געוויס פון שלמהן! זאָג, מוטער, איך קום שוין!"

רחל איז אַרייַנגעקומען, העפלעך געגריסט זיך צום ה' קליין, וועלכער האָט איר איבערגעגעבן שלמהס בריוו, פאַר וואָס זי האָט קליינען באַדאַנקט און אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר קליינען, איז זי אַריין אין צווייטן צימער לייענען דעם בריוו.

מיין ליבע טייערע רחלע!

דער באַגינען פון אונדזער גליקלעכער צוקונפט זאָל אַפּיציעל אָנערקענט ווערן. ווי דיר איז באַוווּסט די לאַגע פון דער זאַך, זאָל ניט פאַרפּלאָנטערט ווערן, דעריבער, טייערע רחלע, אונדזער באַשטימונג באַשטייט אין דיין באַדייטנדער מאָס צו דערגרייכן אַ סוף, וואָס פאַרפּליכטעט דערצו. דורך דעם וועט ווערן אָנערקענט אונדזער ערנסטער ענין. די רעכט, וואָס איך נעם זיך, ווייל דיין נאָמען איז טיף איינגעבאַקן אין מיין האַרץ און אַ באַשטאַנד־טייל פון יעדן טראָפּן בלוט, וואָס פליסט אין מיינע אָדערן. צי דען קאָן מען דאָס ענדערן? איך קאָן דאָס ערנסט זאָגן, ווייל איך בין געווען און וועל בלייבן דיין אייביק איבערגעגעבענער שלמה.

איך דערוואַרט דיר היינט פּינקטלעך 5 אַ זייגער.

אין דער צייט פון רחלס אָפּוועזנהייט, האָט חנה מכבד געווען קליינען מיט טיי. קליין האָט באַדאַנקט און געטרונקען. גלייכצייטיק פרעגט זיך קליין אויף איר מאַן, וואָס ער מאַכט? חנה דאַנקט פאַר דער פראַגע און ענטפערט, אַז ער איז ב"ה געזונט, ווי אויך, אַז ער דאַרף באַלד אַרייַנקומען. אַזוי, אונטערהאַלטנדיק זיך, איז ישראל אַרייַנגעקומען. דערזעענדיק קליינען, האָט זיך ישראל פריינטלעך באַגריסט און פרעגט זיך „מיט וואָס גוטעס וועט איר אונדז דערפרייען?"

„אַ גוטער מלאך ברענגט תמיד גוטס, נאָר אַזוי ווי אַ מענטש איז ניט קיין מלאך, איז ער אַ גוטער שליח! — ענטפערט קליין — איך האָב געבראַכט פון אייער חתן אַ בריוו...״

„פון אונדזער חתן?...״

„יאָ! זייט איר צופרידן?״ — פרעגט קליין.

„אַוודאי, נאָך ווי? פון מיין געוועזענעם תלמיד אַ בריוו?״

„וואָס הייסט עס?״ — פרעגט קליין.

ישראל דערקלערט אים, אַז דער דאָקטער איז געווען זיין תלמיד.

„אויב אַזוי זענט איר טאָקע אַ גוטער מלמד!...״

„מיט וואָס?״ — פרעגט ישראל מיט פאַרווונדערונג.

„איר האָט אים גוט אויסגעלערנט!...״

„איך קאָן אייך צוגעבן, אַז ער איז אַ געבוירענער יונגאַטש!... ער האָט זיך נאָך פאַרליבט אין מיין רחלען, ווען ער איז נאָך אין חדר ביי מיר געגאַנגען.״

„אַזוי זיינען שוין היינטיקע קינדער!״

אַזוי האָבן זיי זיך אונטערגעהאַלטן אַ שטיקל צייט, ביז רחל איז אַריינגעקומען, זיך אַנטשולדיקט, זאָגנדיק דערביי, אַז זי מוז אַוועקגיין. קליין, דערהערנדיק דאָס, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַ קוק געבנדיק אויפן זייגער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„מען זאָגט, אַז ווייבער האָבן ניין מאָס רייד, בפרט אַ שדכן... איך האָב פאַרגעסן, אַז איך מוז אויך אַוועקגיין.״ ער ווענדעט זיך צו רחלען, אויב זי איז ניט דאַקעגן ער זאָל איר מיטבאַגלייטן? אויף וואָס זי איז מסכים.

די עלטערן באַגלייטן זיי אַרויס, נאָכווינטשנדיק: „אין אַ גוטער שעה!...״

*

שיינדעלע מיט וועלוולען זיינען געזעסן ביי שלמהן אין קאַבינעט און שלמה האָט מיט אומגעדולד דערוואַרט רחלען.

ענדלעך איז רחל אָנגעקומען מיט קליינען. רחל האָט זיך פריינטלעך מיט אַלעמען באַגריסט. שלמה האָט געבעטן קליינען אונטערוואַרטן און ער איז אַריין אין קאַבינעט, ווענדנדיק זיך צו זיי מיט פאָלגנדעס:

„איך מוז ווידער באַטאָנען דאָס זעלבע, וואָס איך האָב אייך שוין געזאָגט. אונדזערע עלטערן ווילן שאַפן פאַר אונדז אַן אויפגאַבע, כדי זיי זאָלן דערגרייכן זייער ציל. מיר דאַקעגן מוזן פאַרווירקלעכן אונדזערע

צילן, וועלכע זיינען אין אונדז פאַרבאָרגן אין משך פון יאָרן. ס׳איז געקומען די צייט צוריידן וועגן אונדזער צוקונפט. מיר זיינען שוין אויף אַזוי פיל דערוואַקסן, אַז מיר זאָלן אויפהערן פאַנטאַזירן, נאָר אַריינטערעטן אין די פראַגן ס׳זאָל טראָגן אַן ענטזאַגונגס געדאַנק. דאָס וועט טראָגן די אחריות צום ציל, כדי צוצופאַסן, וואָס ס׳דערוואַרט זיי. דעריבער מוזן מיר פאַרוואַנדלט ווערן אין איין אַפּאַראַט!...״

שיינדעלע ווענדעט זיך צו שלמהן מיט פאָלגנדעס:

„אונדזער פליכט איז אַלץ אָנווענדן, כדי צעשטערן אונדזערע עלטערנס שטרעבונגען!... דיין עצה דערגרייכט אַ באַדייטנדן געדאַנק אים צו באַשטימען. פאַקטיש מוזן מיר זיי איבערצייגן, כדי צו דערגרייכן אונדזער צוקונפט!...״

„ליבע רחלע! דער גליקלעכער מאָמענט האָט אַרויסגעשטעלט דיין באַדייטנדע קאָנסאָלידאַציע, אין וועלכער ס׳איז פאַרביי פיל יאָרן. דער צוועק איז געווען פאַרבאָרגן, אָבער די אָנערקענונג ענדיקט זיך מיטן סוף צום גליקלעכן אייביקן שריט...״

„איך מוז דיר, שלמה, דערקלערן, אַז דיין ערנסטקייט קאָן ניט פאַרשאַפן מניעות בנוגע אונדזער גליקלעכן צוקונפט. איך בין פאַר־פליכטעט אויף אייביק דערפילן דיין פליכט!...״

„דערלויבט מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער, זאָגט וועלוול, איך בין מסכים מיט אייערע מיינונגען. ס׳בלייבט נאָר איבער פאַר מיר צו זאָגן: „גאָט זאָל מסכים זיין!...״

„די אַלע פראַגן, וואָס מיר האָבן באַשטימט, איז נאָר דער פרייער ווילן. דעריבער האָב איך אַלעמען צוזאַמענגערופן צו באַהאַנדלען, כדי אָננעמען אַן איינשטימיקן באַשלוס, ס׳זאָל ניט קאָנען באַווירקן זייערע שטערונגען. ביי מיר מיט זיי איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו!... אָבער דאָס אָפּזאָגן זיך האָט געמאַכט אַ סוף צו זייער פאַראינטערעסירונג. די פראַגע פון איינלאַדונג אויפן אָוונט, לייג איך פאָר: דו, שיינדעלע, זאָלסט איינ־לאַדן רחלען און איך וועל איינלאַדן וועלוולען דורך הער קליין...״

„איך בין, זאָגט שיינדל, פולשטענדיק מסכים מיט שלמהס פאָרשלאַגן. מיין שטאַרקער ווילן איז צו דערגיין צום ציל, וואָס איז געווען יאָרן לאַנג אַן אומאויפהערלעכע שטרעבונג פאַר אונדזער גליקלעכער צוקונפט!...״

רחל מאָטיווירט דאָס, וואָס שלמה האָט אויפגעפאַסט די אויפגאַבן איבער אַלע אונדזערע גרונט־פּראָבלעמען, וועלכע וועלן ברענגען צום געווונטשענעם ציל.

שלמה נעמט איר אַרום, דריקנדיק צום האַרצן און, זאָגנדיק: „דו, מיין טייערע רחלע, פאַרדינסט אַ קוש... רחל האָט צוגעשמייכלט.

„אונדזערע קאָנקרעטע באַראַטונג איז פאַרענדיקט" — זאָגט שלמה.

זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איינשטימיק צו קומען 8 אָוונט. שלמה האָט געבעטן קליינען ער זאָל קומען מיט וועלוולען צו דער פאַמיליע שלאָסבערג אין דער באַשטימטער צייט.

*

ווען קליין איז געקומען צו קאַפּלאַנען, איז ער שוין געווען אָנגעטאָן אין אַ שיינעם עלעגאַנטן וויזיט־אַנצוג, אין לאַקירטע לאַטשן מיט אַ שיין פאַרקעמטע פריזור.

פרעגט קאַפּלאַן: „וואָס איז די סיבה, הער קליין, וואָס איר האָט פאַרשפּעטיקט?"

ענטפערט ער: „ס'מאַכט ניט, זיי וועלן ביי מיר שווימען, ווי מען זאָגט, אין די זומפּיקע וואַסערן!..."

„אייער געוויסן דערלויבט עס?"

„הער קאַפּלאַן, איך דריק אויס מיין מיטגעפיל, ס'איז ניט מער, ווי אַ קלאַסן־קאַמף!..."

„מיר וועלן דאָרט זיין אַ גרופּע פּורים־שפּילער!..."

זאָגט קליין: „בעסער, הער קאַפּלאַן, אַ גרופּע אַרטיסטן! איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, איר זעט אויס פּונקט ווי אַ דאָקטער!... איך גלויב, אַז איר וועט אויספירן אייער ראָל פּעדאַנטיש!..."

„לאָמיר זיך איצט ווינציקער חכמענען, זאָגט קאַפּלאַן, ווייל די צייט איז קורץ, מיר מוזן שוין גיין." אַזוי זיינען זיי אַוועק.

*

שלאָסבערג מיט זיין פרוי מלכהלע זיינען געזעסן ביי זיך אין אויפנאַמס־צימער ביי אַ שיין סערווירטן טיש, אויף וועלכן ס'איז געווען צוגעגרייט פאַרשיידענע פרוכטן, קאָנפעטורן מיט געטראַנקען. מיט גרויס אומגעדולד האָבן זיי אויסגעקוקט די דערוואַרטעטע געסט.

פון קאָרידאָר האָט זיך פּלוצלונג געלאָזט הערן אַ קלונג. דאָס שטוב־מיידל האָט געעפנט די טיר. ס'זיינען אַריינגעקומען חיים ראַבינאָוויטש מיט זיין פרוי בליומע. די שלאָסבערגס, אַריינבעטנדיק די געסט מיט גרויס צופרידנהייט אין אויפנאַמס־צימער, האָבן זיך דערביי געוווּנדערט, וואָס שלמה איז ניט מיטגעקומען. דאַקעגן די ראַבינאָוויטשעס, פאַר־

באַרגנדיק זייער פּאַרדרוס, האָבן די שלאָסבערגס באַרואיקט, אַז שלמה וועט געוויס באַלד קומען. אַזוי, ווי זיי זיצן און אונטערהאַלטן זיך, איז אַריינגעקומען דאָס שטוב־מיידל און געמאָלדן, אַז צוויי הערן זיינען געקומען. האָט שלאָסבערג איר געהייסן זיי אַריינבעטן. ס׳זיינען אַריינ־געקומען קליין מיט קאַפּלאַנען.

קליין האָט באַקאַנט געמאַכט די שלאָסבערגס מיטן הער קאַפּלאַן. זיי האָבן זיך העפלעך באַגריסט. גלייכצייטיק האָבן די שלאָסבערגס באַקאַנט געמאַכט די אָנגעקומענע געסט מיט דער פאַמיליע ראַבינאָוויטש.

די ראַבינאָוויטשעס האָבן קאַפּלאַנען אין אָנהייב ניט דערקאַנט, מחמת זיי איז ניט איינגעפאַלן, אַז קליין זאָל קומען מיט וועלוול קאַפּלאַן. דאָך האָבן זיי זיך פיין אונטערהאַלטן.

*

שיינדל, זיצנדיק ביי זיך אין צימער, האָט געצווייפלט וועגן פּלאַן, וואָס שלמה האָט אָרגאַניזירט. אין דעם מאָמענט איז צו איר אַריין איר פאָטער און געזאָגט, אַז קליין איז געקומען מיט אַ פיינעם יונגענמאַן. ער האָט איר געבעטן, אַז זי זאָל אַריינגיין, דערביי האָט איר דער פאָטער באַמערקט, אַז די ראַבינאָוויטשעס זיינען אויך דאָ. שיינדל האָט געזאָגט, אַז זי קומט גלייך אַריין.

ווען שיינדל איז אַריינגעקומען, האָט דער פאָטער איר באַקאַנט געמאַכט מיט וועלוול קאַפּלאַן... גלייכצייטיק האָט זי זיך מיט די איבעריקע געסט פריינטלעך באַגריסט. זי איז געווען זייער צופרידן, וואָס וועלוול איז געקומען... זי טראַכט זיך: איך וואָלט שוין וועלן ווערן מיט אַ שעה עלטער, וואָס וועלן זיי דאַן ריידן?

שיינדל קוקט מיט אומגעדולד אויס, ווען וועט שוין ענדלעך שלמה קומען? אין דעם מאָמענט קומט אָן שלמה און באַגריסט זיך פריינטלעך מיט אַלעמען. חיים ראַבינאָוויטש האָט באַמערקט, אַז קאַפּלאַן האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף די שלאָסבערגס. ער זאָגט צו זיין פרוי:

„ס׳שיינט מיר, אַז עס שאַפט זיך דאָ אַ פרישע שפּיל!...״

מיט אַמאָל האָט זיך אייניקע מאָל איבערגעחזרט דאָס קלינגען. פרוי שלאָסבערג האָט אויפגעמאַכט די טיר. רחל איז אַריינגעקומען אָנגעטאָן אין אַ מאָדערן וויזיט־קלייד, באַפּוצט מיט אַ שיינע ראָזע בלום, דעם קאָפּ מאָדערן פריזירט, זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פּרינצעסין.

פרוי שלאָסבערג האָט רחלען ניט דערקענט. רחל האָט זיך געפרעגט

אויף שיינדלען. פרוי שלאָסבערג האָט איר אַריינגעבעטן. שיינדל, דער־זעענדיק רחלען, האָט זיך מיט איר פריינדלעך באַגריסט. גלייכצייטיק האָט זי איר באַקאַנט געמאַכט מיט די געסט. רחל האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. די יוגנט האָט זיך גוט אונטערהאַלטן: שלמה האָט זיך אַמוזירט מיט רחלען און שיינדל — מיט וועלוולען...

שלמהס עלטערן באַמערקן און באַוואונדערן, וואָס ס'איז דאָ געשען?

שלאָסבערג באַראַט זיך מיט מלכהלען וועגן וועלוול קאַפּלאַן, פרעגנ־דיק איר מיינונג וועגן אים. מלכהלע ענטפערט: „ער זעט זיך אויס צו זיין אַ פיינער און אַנשטענדיקער מאַן, אָבער פון וואָס פאַר אַ באַרוף איז ער?...״

צו זייער געשפרעך האָט זיך צוגעהערט ראַבינאָוויטש און באַשליסט באַוווסט מאַכן זיי וועגן קאַפּלאַנען. ער אינפאָרמירט זיי וועגן זיין אַפּשטאַם. אויך ער איז פון באַרוף אַ שניידער. ס'איז ניט קיין שפּאַס, זיי האָבן זיך פאַראייניקט און אַטאַקירן אונדז!...״

שלאָסבערג באַשטעטיקט ראַבינאָוויטשעס מיינונג און גיט צו, אַז ער האָט רעכט און דאָ באַמערקט ער, אַז שלמה טוט זיך מיט שיינדלען גאָרניט אינטערעסירן. זיי זאָגן איינער צום צווייטן: „מיר זעען שוין אונדזער'ע גליקן!...״ קליין האָט באַמערקט זייער איפּערגונג און טראַכט: וואָס זאָל ער רעדן מיט זיי, ווען שלאָסבערג וועט פרעגן וועגן קאַפּלאַנען? אין דעם מאָמענט פרעגט שלאָסבערג:

„הער קליין, וואָס האָט איר איינגעלאַדן קאַפּלאַנען? צי דען געהערט ער צו אונדזער געזעלשאַפט?״

קליין ניט פאַרלירנדיק זיך, ענטפערט: „הער שלאָסבערג, איר מוזט פאַרשטיין, אַז אַ שדכן מאַכט ניט קיין אונטערשייד, ער איז תמיד מסכים, כדי צו שאַפן די באַדינגונגען פאַר די, וואָס האָבן געפּאַדערט...״ קליינס ענטפער איז פאַר שלאָסבערגן געווען גאַנץ קלאָר, אַז זייער איצטיקע באַקאַנטשאַפט איז ניט די ערשטע...

שלאָסבערג מיט ראַבינאָוויטשן וואַרפן זיך איבער קעגנזייטיק מיט אומרואיקע בליקן.

ראַבינאָוויטש זאָגט צו זיין פרוי: „מען מוז דאָ האַנדלען, ניט וואַרטן! איך זע, אַז פאַר אונדז פאַנגט זיך אָן אַן אמתע דראַמע!״

„דו, געדענקסט, חיים, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז די דראַמע איז אַ פאַרטיקע!...״

מלכהלע, באַמערקנדיק, אַז אַלע זיינען שטאַרק צעטראָגן, פרעגט:
„וואָס איז געשען?"

„דו זעסט ניט, — ענטפערט שלאָסבערג מיט כעס, — אַז די באַקאַנטשאַפט איז ניט פון היינט און נעכטן?"

„איר זעט, אַז מיינע געדאַנקען שטימען מיט אייערע" — דערקלערט ראַבינאָוויטש שלאָסבערגן.

קליין, באַמערקנדיק זייער אומצופרידנהייט מאַכט זיך תמעוואַטע און זאָגט צו זיי: „מיינע הערן, האָט קיין פאַריבל ניט, וואָס גייט עס אייך אָן, וואָס די יונגעלייט פאַרברענגען?"

„הער קליין, — ענטפערט שלאָסבערג, — איך פּראָטעסטיר קעגן דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט!... איר האָט אַריינגעבראַכט אַ מישמאַש אין מיין הויז!..."

„וואָס רעדט איר? איך בין חלילה אויסן געווען שלעכטע כוונות? פאַרקערט, איך האָב דערפילט אַ חוב לגבי די יונגעלייט. דאָס איז דער ריינער אמת!..."

„אייער מאָטיוו איז אומבאַגרינדעט! אויף אייער אייגענער אחריות האָט איר איינגעלאַדן דעם הער קאַפּלאַן אָן דער הסכמה פון די עלטערן."

„וואָס הייסט, הער שלאָסבערג, אויף אייגענער אחריות? מיין שטייגער איז אַ ריכטיקער. קיין מאָל איז ניט געווען קיין דענערווירונגען פון מיין אַרבעט. אַלץ ווערט געשאַפן לויט וועמענס ווילן..."

שלמה, דערהערנדיק דעם געשפּרעך צווישן שלאָסבערגן מיט קליינען, האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין, פרעגנדיק וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָ?

„דיין אויפמערקזאַמקייט, שלמה, איז ניט געווענדעט אין דער געהעריקער ריכטונג.ליידער וועט עס ניט ברענגען צו גוטע רעזולטאַטן!"

„איך בין שוין אויף אַזוי פיל דערוואַקסן, אַז איך קאָן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך" — ענטפערט שלמה.

שיינדל, צוהערנדיק זיך צו שלמהס ענטפער, האָט זיך געווענדעט צו אירע עלטערן:

„אויך איך בין לגבי וועלוולען אין די זעלבע באַשלוסן, ווי שלמה צו רחלען."

„דו, שלמה, ביסט אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר!..."

„איך מאַך אייך באַקאַנט, ליבע עלטערן, פון מיין גליקלעכן באַשלוס:

ע ר נ ס ט ע   ל י ב ע ס

איך האָב באַשטימט אין אַ מזלדיקער שעה, אַז איך בין אַ חתן געוואָרן פאַר רחלען! מיין האַרץ האָט געחתמעט!..."

אויף שיינדל האָט זיך געוואָנדן צו אירע עלטערן, זאָגנדיק:

„ליבע עלטערן, מיינע ערנסטע געפילן האָבן געשוועבט אַכט יאָר. היינט איז דער גליקלעכער מאָמענט געקומען. איך האָב וועלוולען געגעבן מיין וואָרט „יאָ" אויף אייביק!..."

די עלטערן, זייענדיק שרעקלעך איבערראַשט פון זייער טאָכטערס פלוצימדיקן באַשלוס, האָבן מיט כעס געשריגן: „וואָס איז דאָ געשען?... ווימען האָסטו דאָס דערזען?..."

וועלוול, פילנדיק זיך שטאַרק באַליידיקט פון די לעצטע אַרויס־געזאָגטע ווערטער פון שיינדלס עלטערן, ענטפערט:

ניט פאַרגעסט, אַז געלט איז ניט דער גאַנצער גליק
ס׳קומט ס׳גייט אַוועק צוריק,
מ׳קאָן לייכט פאַרשפּילן צוליב דעם דאָס גליק.

געדענקען זאָלט איר גוט,
ניט פאַרצאַפּט דעם אָרעמאַנס בלוט!
קיין קאַטעגאָריעס קאָנען ניט עקזיסטירן,
די ליבעס מוזן צו פאַרשטענדעניש פירן.

כדי איר עלטערן זאָלט קאָנען אָנטייל נעמען,
זאָלט איר אייערע קינדער ניט פאַרשעמען...
מיט דעם וועט איר דערגרייכן פיל,
גלייכצייטיק אייערע קינדערס ציל!...

די „ערנסטע ליבעס" אָנטפּלעקן
זייערע אידעאָלאָגיעס, פילאָסאָפיעס, —
אָן „זיי" איז אַ חורבן אויף דער וועלט!...

די ערנסטע ליבעס האָבן דערצו געבראַכט,
די ערנסטע ליבעס האָבן אונדז גליק פאַרשאַפט!

אַזוי ווי די עלטערן האָבן דערהערט זייערע קינדערס פעסטע באַשלוסן, זיינען די מוטערס געקומען צום באַשלוס, אַז אַנדערש וועט ניט זיין,

מ׳וועט מוזן מסכים זיין, ווייל ס׳וועט ניט העלפן קיין שטערונגען. מ׳דאַרף זען ס׳זאָל ניט קומען צו לייטיש געלעכטער.

שיינדלס פּאָטער שרייט: „טוט וואָס איר ווילט. איך זאָג גאָרניט!"

מלכהלע איז ניט איינשטימיק געווען מיט איר מאַנס דעה, זאָגנדיק:

„וואָס איז דאָ צו מאַכן? ס׳פּאַסירט אין דער וועלט אַזעלכע זאַכן! ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, ווען אונדזער טאָכטער וואָלט זיך חלילה פאַרליבט אין אַ קריסט און זיך געשמדט, וואָלט בעסער געווען? פאַרשטיי, אַז דאָס קאָן טרעפן ביי גאַנץ שיינע און פרומע יידן. און נאָך אַ זאַך — ווען איך האָב וועלוועלען דערזען, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער פערזאָן איז אַ געבילדעטער מאַן. דו האָסט אים אָנגענומען אויך אַזוי, ווי איך האָב געמיינט. איך ראָט דיר, מאַרקוס. בעסער בלייב, ווי מען זאָגט, אַ גוטער נאַר! ס׳וועט שוין גאָרניט העלפן. אונדזער טאָכטער איז פאַרליבט ניט פון נעכטן. איך מוז דיר צוגעבן, דערזעענדיק וועלוועלען, האָב איך זיך אויך פאַראינטערעסירט, ווי מיט אַן אויסערגעוויינלעך שיינעם אַנשטענדיקן אַדעלמאַן. זיין באַנעמונג איז זייער שיין. ס׳ווענדט זיך אַלץ אין דיין באַציאונג צו אים. ווען ער וועט באַקומען אַ ביסל מער בילדונג און דו וועסט אים ניט אָפּשטויסן, נעמען אין געשעפט, וועט ער ווערן אַ וויכטיקער מענטש. אונדזער קינד וועט לעבן אַ גליקלעכן לעבן! פאַר ווער וועמען לעבן מיר?"

מאַרקוס ענטפערט איר: ביי דיר איז שוין אַלץ פיקס און פאַרטיק, נאָר נעמען און חתונה מאַכן!... אַזוי וואָלסטו באַשטאַנען?"

„מאַרקוס, דאָס איז מיין מיינונג. צי האָסטו דען ניט געהערט איר פעסטן באַשלוס? און ווען מיר וועלן ניט מסכים זיין, וואָס מיינסטו וועט זי טאָן? שטעלן אַ שטילע חופה און זאָגן: ווי איר ווילט!... צי דען קאָנסטו ניט היינטיקע יוגנט? איך בעט דיך, מאַרקוס, זיי ניט איינגע־עקשנט און ברענג ניט צו לייטיש געלעכטער, ווי אויך אונדזער טאָכטער צו שאַנדע! אַזוי האַלט איך. נו, מאַרקוס, האָב איך דען ניט רעכט?"

„מלכהלע, אַנטשולדיק מיר, פרויען האָבן לייכטערע דעות, ווי מענער. דעריבער ביסטו דערפאַר..."

ס׳איז ניט ווי דו זאָגסט. מ׳קאָן ניט גיין קעגן לעבנס־שטראָם."

דאָך האָט ער גענומען אין אַכט זיין פרויס רייד, זייענדיק איבערצייגט, אַז אַלע זיינע שטערונגען וועלן ניט העלפן, האָט ער דאָך געמאַכט נאָך אַ פרווו, אפשר וועט ער קאָנען ענדערן שיינדלס באַשלוס. ער מיינט,

אַז ער טאָר עס ניט אָפּלייגן און קלאַפּט אָן אין טיר פון זיין טאָכטער און רעדט צו איר מיט אַ גוטן טאָן:

„זע, מיין טאָכטער, דו ביסט ביי אונדז אָן איין־איינציקע. אונדזער גאַנצער פאַרמעגן איז פאַר דיר. פאַרוואָס ווילסטו ניט פאַרשטיין, אַז דער ווּלוול איז ניט פּאַסנד פאַר דיר און ניט פאַר דיינע עלטערן. צי דען קאָנסטו זיך ניט באַהערשן? אַלץ ווענדט זיך אין יעדן מענטש. גיב אַ טראַכט און ענטפער מיר!...״

„פאָטער, איך מוז עס דיר דערקלערן, ווּעסטו דיין טאָכטער פאַרשטיין, אַז ס׳איז ניט אַזוי, ווי דו טראַכסט. געפילן קאָן מען ניט מיט רייד ענדערן. איך בין צוליב דעם פערזאָן פיל נעכט ניט געשלאָפן און, ווי דו זאָגסט, באַשלאָסן ניט צו טראַכטן וועגן אים. אָבער, ליידער, די געדאַנקען און מיינע הערצלעכע געפילן האָבן מיט מיר געקעמפט און מיך באַהערשט. איז וואָס קאָן איך ענדערן? אַזוי, פאָטער, מוזטו דיין טאָכטער פאַרשטיין. איך האָף, אַז ווּלוול וועט זיין אַן אַנשטענדיקער מאַן, ווייל ער באַזיצט אַן איידעלע, שיינע נאַטור, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע אין פאַמיליען־לעבן. דערצו איז דאָך פון אים ניט אָוועקצונעמען זיין שיינעם איידעלען אויסזען. דאָס קאָן מען דאָך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנד. כ׳זאָג דיר פאָטער, אַז אַנדערש איז מיין לעבן קיין לעבן ניט!״

„טאָכטער, איך גיב דיר דריי טעג צו טראַכטן וועגן דעם.״

„פאָטער, איך קאָן דיר דעם ענטפער שוין געבן: מיין האַרץ פאַר־פליכטעט מיר נאָר מיט אים מיין לעבן צו פאַרבינדן!...״

דער פאָטער איז אַרויס מיט גרויס צאָרן פון דער טאָכטערס צימער און אויף איר ענטפער — קיין וואָרט. ער טראַכט: מלכהלע איז טאַקע גערעכט! היינט זעט ער, אַז מיט שיינדעלען איז גאָרניט צו מאַכן! ניט ווילנדיק וועט ער מוזן מסכים זיין. ער טראַכט: ס׳איז אים אַ שאַנדע פאַר זיין געזעלשאַפט אַריינצוברענגען אין זיין הויז אַן איידעם פון אַזאַ אָרעמען, איינפאַכן אָפּשטאַם.

ווי ס׳ווייזט אויס, טראַכט ער, איז אונדזער מזל אַזאַ!... מיר האָבן שטאָלצירט מיט אונדזער שיינדעלען, נאַדיר אַזאַ אָנשיקעניש! פאַרליבט, אַזש פאַרברענט געוואָרן! ס׳העלפט ניט מיינע רייד, איך וועל אַריינגיין צו די ראַבינאָוויטשעס אַ ביסל אָפּריידן זיך פון האַרץ. אַזוי טראַכטנדיק, איז ער צו זיי אָנגעקומען.

„וואָס זאָגט איר, הער ראַבינאָוויטש, צו אונדזערע גליקן?״

„שוין איינמאָל גליקן! וואָס קאָן מען טאָן, פריינד שלאָסבערג, אַז אין לעבן קומט ניט אויס ס׳זאָל זיך שאַפן, ווי דער מענטש טראַכט.״

„אָבער אַזעלכע פאַרקרומטע זאַכן זאָל ביי אונדז פּאַסירן, האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן!״ — האָט געזאָגט שלאָסבערג.

„געדענקסטו, חיים, וואָס איך האָב דיר דאַן געהאַט געזאָגט, אַז מיר וועלן זיין געצוווּנגען שלום מאַכן מיט שלמהס פאַרלאַנג!... ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „אַז מען קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער!...״

„איר ווייסט, פריינד ראַבינאָוויטש, אין וואָס מיין פרוי האָט געפונען אַ טרייסט? זי האָט מיר דערקלערט: ס׳טרעפט נאָך ערגערע פאַלן. אין איר געבוירן־שטאָט האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל, אַז עלטערן פון אַ כלה האָבן געשטערט, האָט דער בחור דערשאָסן זיין געליבטע און נאָכדעם זיך זעלבסט. און נאָך וואָס, ס׳פּאַסירט אַפילו קינדער פון פרומע עלטערן ליבן זיך איין אין אַ קריסט און בייטן דעם גלויבן. איז זי ניט אַ חכמה?״

„דאָס איז אויך אַ שטיקל טרייסט, ווייל ליבע ברענגט אָפטמאָל צו אַלעם בייזנס! הערט איר, הער שלאָסבערג. מיר קאָנען אייך פיל יאָרן אַלס גוטער פריינד. אָט וואָס איך וויל אייך זאָגן. איך, ווי אויך מיין מאַן, זאָל געזונט זיין, קאָנען וועלוולען פון קינדווייז אָן. ער איז מיט אונדזער שלמהן צוזאַמען אין חדר געגאַנגען. מיר האָבן וועגן אים געהערט, אַז ער איז געווען אַ גוט פעאיק קינד. מיר זיינען ניט געווען קעגן דעם, אַז אונדזער שלמה זאָל זיך חברן מיט אים. מוז איך אייך פון אמת פריינטלעכן שטאַנדפונקט ראַטן, ס׳זאָל שיין זיין פאַר אייך און גוט פאַר אייער טאָכטער. מיר וואַרפן אייך חלילה ניט אָן דעם געדאַנק, דאָך אַמאָל אַן עצה פון גוטע פריינט, קאָן שאַפן אַ פאַרלייכטערונג: און זיין אויסזען, וועט איר זיך מיט אים אין ערגעץ ניט פאַרשעמען. נעמען דעם צוקונפטיקן איידעם אין אייערע געשעפטן, לויט זיינע פעיקייטן און נאָך אַ זאַך, אויב איר ווילט שענער מאַכן פאַר לייטן, קאָנט איר עפענען אַן אָפּטיילונג פון אייער בראַנזשע פאַר זיינע עלטערן, וועלכע אַלס שניידער, איז ער באַקאַנט אין דער בראַנזשע.

שלאָסבערג האָט באַדאַנקט פאַר זייער פריינטלעכע עצה, זיך געזעגנט מיט זיי און אַוועק מיט אַ לייכטערן געמיט... מאַרקוס איז אַהיימגעקומען מער אויפגעלייגט, און אַ זאָג געטאָן צו זיין פרוי:

„יאָ, מיין טייערע, איך האָב זיך ניט געקאָנט באַהערשן פון שיינדלס דערקלערונגען, בין איך אַוועק צו אונדזערע גוטע פריינד ראַבינאָוויטש.

שטעל זיך פאַר, אַזוי ווי דו האָסט געראָטן, זיינען זיי ביי דער זעלבער מיינונג וואָס דו.

„גאָט זאָל מסכים זיין, זאָגט מלכהלע, אַז אונדזערע קינדער זאָלן גליקלעך זיין און מיר ביידע זאָלן דערלעבן נחת פון זיי!...״

*

„זעסט חיים, אַז אַ מענטש קאָן קיינמאָל ניט זאָגן: אַזוי וועל איך שאַפן אָדער מאַכן. די צייט מאַכט, וואָס דער מענטש קאָן זיך קיינמאָל ניט פאָרשטעלן. צי דען האָבן מיר געקאָנט טראַכטן, אַז אונדזער שלמה זאָל טאָן דאָס, וואָס אונדז איז ניט צום האַרצן? זעסט דאָך, חיים, מיר זיינען ניט די איינציקע עלטערן, וואָס לעבן איבער. די שלאָסבערגס זיינען זייער רייך און האָבן אויך געהאָפט נעמען פאַר זייער איינציקער טאָכטער אַ חתן, ער זאָל זיין צו גאָט און צו לייט, דאָך האָבן זיי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק. איז וואָס האָבן מיר צו טראַכטן? גאָט פירט אָן מיט זיין וועלטל!... ער איז מזוג זווגים. און וועגן אונדזער צוקונפטיקער שנור...״

רייסט חיים איר איבער און זאָגט: „יאָ, יאָ אַ שנור, מ׳שטיינס גע־זאָגט!...״

ענטפערט בלומע: „חיים, זאָג ניט אַזוי! רחלס יחוס קאָן מען ניט פאַרגלייכן מיט וועלוולס. וער, ווער איך קאָן זיי פון מיין היים. איך האָב דיר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן זיי. און איצט, אַז אונדזער גורל האָט אונדז געבראַכט, אַז מיר זאָלן ווערן מחותנים, מוז איך דיר באַרואיקן. ס׳איז נאָך ניט אַזוי שלעכט, ווי דו טראַכסט? איר זיידע ז״ל פון מוטערס צד איז געווען ביי אונדז רב. רחלס פאָטער, ווי דיר איז באַוווּסט, איז אַ גרויסער למדן, און זיין אָפּשטאַם איז אויך פון למדנים. איך קאָן דיר ערנסט זאָגן, אַז מיר דאַרפן ניט זינדיקן. אלא וואָס, זיי האָבן ניט קיין נדן, ווי ס׳זאָל פּאַסן פאַר אונדזער זון. מהכא תיתא, געלט איז נאָך ניט דער גאַנצער גליק, אַזוי ווי וועלוול האָט געזונגען. ער האָט אַלעמען די אויגן געעפנט. אַזוי אַרום לאָמיר זיך ניט מאַכן אומזיסטע צרות, און באַרואיקן אונדזער זון... מען דאַרף איינלאַדן אונדזערע מחותנים, זאָלן זייערע הערצער ניט ווייטיקן, און אונדזערע קינדער זאָלן זייערע נערוון ניט פּטרן. ס׳וועט זיין שיין פאַר גאָט און דער השי״ת וועט אונדז ממלא זיין מיט כל טוב פאַר אונדזערע איבערלעבונגען...״

„דו האָסט שוין געמאַכט דיין חשבון? מען טאָר זיך ניט היילן, מען דאַרף לאָזן מיט דער נאַטור, אפשר?...״

„וואָס ווידער אפשר? דיין „אפשר" איז שוין לאַנג פאַרביי, היינט קאָן שוין קיין רייד ניט העלפן! דאָס קאָן נאָר שאַפן פאַר אונדז איבעריקע איבערלעבונגען! וואָס פריער — אַלץ בעסער פאַר אונדז און שענער פאַר זיי. אויב דו, חיים, ווילסט נאָך, אַז דיין זון זאָל זיך נאָך אַמאָל רעכענען מיט אונדז, מאַך, ווי איך עצה דיר!"

„לאָז מיר אָפּ פון דעם גאַנצן עסק!" — שרייט חיים.

„וואָס הייסט דאָס אָפּלאָזן? איך פאַרשטיי דיר ניט, צי דו מאַכסט זיך נאַריש, אָדער ווילסט מיר מאַכן צו נאַר? אַ מענטש מוז זיך קאָנען באַהערשן. אַזוי מוז דאָך זיין. צי דו ווילסט יאָ, אָדער ניט!... יעדער מענטש מוז קאָנען אַלץ אָננעמען פאַר גוט, דאַן קאָן מען זיין צופרידן מיטן גורל."

„יאָ, בלומע, ביסט אַ גוטע און קלוגע פרוי, ווי אויך אַ צו גוטע מוטער. אָבער איך קאָן זיך, ליידער, ניט באַהערשן, ווייל מיין נאַטור באַהערשט מיך, טאָ וואָס קאָן איך טאָן?"

„אַבי דו עצהסט אונדזער שלמהן, אַז ער זאָל זיך באַהערשן... זאָג מיר, חיים, אין וואָס באַשטייט דיין באַהערשונג? די פראַגע פון נדן? דו מוזט פאַרשטיין און מיטפילן אונדזער זון, אַז ליבע פון קינדהייט אָן, איז ניט צו פאַרגלייכן מיט קיין זאַך אין דער וועלט!..."

„יאָ, בלומע, מיר איז שוין אַזוי באַשערט, נאָר איבערצולעבן!..."

„זיי ניט קיין יחסן ביי גאָט. דו ביסט ניט דער איינציקער. יעדער, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ נאַטור ווי דו, לעבט איבער מער, ווי אין דער ווירקלעכקייט. אָבער דו ביסט דאָך ניט קיין יונגער מענטש! אַ מאַן מיט פאַרשטאַנד מוז זיך קאָנען מיט אַלעם באַפרידיקן, דאַן קאָן ער זיך באַהערשן."

„דו מיט דיין זון האָבן מיך שוין פאַרמאַטערט, זאָל שוין זיין, ווי איר ווילט. בעסער פרעגט מיך ניט וואָס צו מאַכן, אַז ס'מאַכט זיך פאַר אייך, ווי איר ווילט!..."

„איך וויל? יעדער מענטש מוז פאַרשטיין, אַז דאָס לעבן גיט ניט, ווי דער מענטש וויל. אַלזאָ, חיים, איך פיל דיך מיט און פאַרשטיי דיך גוט. זאָג בעסער שלמהן אַ גוט וואָרט און בענטש אים, ווי יצחק אבינו האָט געבענטשט זייער זון יעקבן... ער איז דאָך ווערט אַ ברכה, ווייל ער נעמט דאָך אַ טייער קינד, אַזוי ווי אונדזער מוטער רחל... דו קאָנסט דאָך איר פון קינדהייט אָן: אָרנטלעך, שיין, געהאָרכזאַם געווען, וועט זי

אונדז אויף די עלטערע יאָרן געבן כבוד, ווי מען קאָן דערוואַרטן פון אַזאַ קינד!...״

„וואָס פאַרלאַנגסטו, בליומע?״

„איך האָב דיר שוין געזאָגט וועגן דעם, זאָל איך דיר איבערחזרן?״

„נו, איך גיב מיין פאָטערלעכע ברכה: זאָלן זיי זיין געבענטשט פון גאָט!...״

„ווען זאָלן מיר באַשטימען די תנאים?״ — פרעגט בליומע.

„איך לייג פאָר ל״ג בעומר.״ און אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן.

דערביי באַטאָנט בליומע איר מאַן: „דו געדענקסט, ווי איך האָב געעצהט שלאָסבערגן, אַז זיי זאָלן אויסבעסערן זייערע מחותנימס מאַ־טעריעלע לאַגע, וועט זיין שענער פאַר זיי. דעס גלייכן וואָלטן מיר גע־דאַרפט אָנווענדן דעם ביישפיל לגבי אונדזערע מחותנים. ר׳ ישראל איז אַ בן־תורה, אַ הדרת־פנים. זיין פרוי אַן איידעלע און שוואַכע, וואָלט געווען אַ יושר מיר זאָלן אויסבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע — קויפן פאַר זיי אַ סעפּעראַטע הייזקע, וואָס וועט זיי פאַרלייכטערן אין אַלע היגזיכטן. דו ווייסט דאָך, חיים, אַז זייער וווינונג געפינט זיך אין אַ שלעכטער געגנט. מחמת, ווי באַוווּסט, פאַרדינגט מען ניט גערן וווינונגען אויף הדרים. איך וועט דאָס זיין פון אונדזער זייט לגבי אונדזערע קינדער אַ שיינער זשעסט מיטן אַרויסהעלפן די מחותנים. וואָס זשע זאָגסטו חיים?״

„אַזאַ זאַך מוז מען באַטראַכטן. דאָס איז פאַרבונדן מיט געלט... שלמהן וועט מען מוזן איינאָרדענען אַ וווינונג, אַ קאַבינעט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ דאָקטער, און אַ חתונה וועט דאָך אויך קאָסטן, קיין נדן באַקומט ער דאָך ניט, און דו טראַכסט נאָך וועגן די מחותנים! איך פאַרשטיי דיך ניט!״

„חיים, איך מאַך דיר אַ פאָרשלאַג און נעם אין באַטראַכט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן מיר מוזן פאַרווירקלעכן דעם ענין, ווייל זייער ליידן וועט ווירקן אויף אונדזער זון. צי דען קאָנען מיר זיך ניט דער־לויבן? פאַר וועמען האָבן מיר צו טראַכטן? און טאַקע פאַרוואָס ניט?״

„דערווידער מיר ניט! לאָזן מיר פריער איינאָרדנען אונדזער שלמהן, דאַן וועלן מיר וועגן זיי אַ טראַכט טון, וואָס דו לייגסט פאָר?״

די צייט איז געקומען, מען האָט געמאַכט תנאים אין איינעם פון די שענסטע סאַלאָנען מיט די בעסטע איינריכטונגען, באַלויכטן מיט לוסטרעס. די טישן געדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, מיט די טייערסטע געשירן

און מיט די בעסטע געטראַנקען, מיט פאַרשידענע טאָרטן, ביסקוויטן, באָנבאָניערעס.

אַלע איינגעלאַדענע פריינט און געסט זיינען געקומען צו דער שמחה. די געסט האָבן מיט נייגעריקייט געוואַרט אויף חתן־כלה.

די כלה איז אָנגעקומען, געקליידעט אין אַ באָרדאָ זיידן קלייד, אין אַ מאָדערנער פריזור. איר איידל שיין פּנים מיט אירע גרויסע שוואַרצע גוטע אויגן, אירע לאַנגע ווייס מיט אירע געדיכטע ברעמען האָבן איר צוגעגעבן פיל חן, ווי אויך אירע אויערינגלעך און האַלדזבאַנד אויף איר אַלבאַסטער־האַלדז און די פינגערלעך אויף אירע לאַנגע ווייסע פינגער און אירע אָרעמבענדער אויף אירע ווייס־קלאָרע הענט — אַלץ געפּאַסט אין בריליאַנטן. דאָס אַלץ האָט פון איר אַראָפּגעבלאַנקט, אַ דאַנק וועלכע רחלע האָט געשיינט, ווי די ליכטיקע זון. איר שלאַנקע פיגור, ווי אויך איר האַלטונג איז געווען, ווי פון אַ פירשטלעכער היים.

רחלס עלטערן, אָנקוקנדיק זייער טאָכטער, האָט זיך ביי זיי באַוויזן טרערן אין די אויגן פון גרויס נחת...

אין דעם מאָמענט האָבן זיי געטראַכט: געלויבט איז דער אייביקער פאַר זיין גרויס גענאָד, וואָס ער האָט באַוויזן מיט זייער אָרעם טייער קינד, וועלכע האָט זיי דערקוויקט די הערצער און ווינטשנדיק גליק אין זייער צוקונפט.

חיים מיט בלומען, אָנקוקנדיק זייער שלמהן מיט רחלען, זאָגנדיק צו זיך: „ער האָט געקעמפט — זיין קאַמף איז כדאי געווען! זאָלן זיי זיין געבענטשט פון גאָט!... זי איז טאַקע שיין, איידל, איר אויסזען איז, ווי אַ מלכה! מיר האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען!...”

אויך דער חתן איז געווען סימפּאַטיש. זיין איידל גוטער אויסזען מיט זיין שוואַרצע קאָפּ האָר, זיינע שוואַרצע אויגן, ווי אויך געקליידעט אין שוואַרצן סמאָקינג מיטן צילינדער, האָט אים געמאַכט שלאַנק זיין אויסזען.

ווען שלמה האָט אָנגעקוקט זיין שיין גראַציעזע כלה, איז ער באַ־גייסטערט געוואָרן פון זיין דערגרייכונג. זי האָט אין אים אָנגעצונדן זיינע האַרציקע געפילן און באַשטראַלט די נשמה. ער דערמאָנט זיך אין זיינע ערשטע געפילן, וואָס רחלע האָט אין אים דערוועקט, נאָך זייענדיק אַ קינד. ער טראַכט: יאָ, אַזוי גייט דעם מענטשנס לעבן... אָן ענערגיע שאַפט זיך ניט דעם מענטשנס פאַרלאַנגען!...

איך בין מיט דיר, רחלע, פון די גליקלעכסטע אין דער וועלט! — טראַכט ער.

דער רב האָט אָנגעהויבן שרייבן די תנאים. ביי דער רובריקע „נדן" פרעגט דער רב וויפל אַריינשרייבן? ענטפערט שלמה:

„מיין נדן איז אומשעצבאַר, ווייל איך נעם אַ בת תלמיד חכם מיט... אַ גוטע נשמה, וואָס ס'איז דאָס טייערסטע אין פאַמיליען־לעבן!..."

דער רב האָט שלמהן געענטפערט: „אשת חיל מי ימצא?... ווען דו האָסט עס דערגרייכט, איז דאָס אַ ברכה פון השם יתברך!..."

ס'איז מיט מזל באַשטימט געוואָרן דער יום החתונה — ר"ח אלול.

די געסט האָבן דער חתן־כלה מיט די מחותנים אָפּגעגעבן „מזל־טוב".

דער עולם האָט געגאָסן פון די כבודים, מען האָט געטרונקען „לחיים" לכבוד חתן־כלה און מחותנים. דער עולם האָט געזונגען, מוזיק האָט געשפּילט. זיי האָבן גוט פאַרבראַכט ביז שפּעט ביינאַכט. די געסט זיינען זיך צוביסלעך פונאַנדערגעגאַנגען צופרידן מיט די בעסטע ווונטשן אין דערוואַרטונג אויף זייער גליקלעכער חתונה.

די צייט איז געגאַנגען און ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, וואָס ס'איז באַשטימט געווען זייער חתונה.

חיים ראַבינאָוויטש האָט זייער זונס חתונה איינגעריכטעט אין גרעסטן שענסטן זאַל. אַלע איינגעלאַדענע פריינט און באַקאַנטע זיינען געקומען צו דער באַשטימטער צייט. מען האָט דערוואַרט מיט אומגעדולד דעם אָנקומען פון חתן־כלה. ענדלעך האָט מען דער כלה אַריינגעפירט אין זאַל אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן קלייד, בראָדירט מיט גאָלד־פעדים, ווי אויך מיט אַ לאַנגן טיול־שלייער אויפן קאָפּ.

דאָס צירונג, וואָס זי האָט געטראָגן האָט באַשיינט איר איידל, שיין, סימפּאַטיש פּנים. איר שלאַנקע פיגור האָט יעדן באַצויבערט.

מען האָט באַזעצט דער כלה. איר פּנים האָט פון שמחה געשטראַלט, טראַכטנדיק וועגן איר גרויס מזל, וואָס זי האָט דערגרייכט צו גיין מיט איר געליבטן שלמה צו דער חופּה. דאָס גלייכן האָט אויך שלמה געפילט דאָס זעלבע.

מען האָט דעם חתן אַריינגעפירט אין זאַל צום באַדעקן די כלה. נאָכן פאַרענדיקן די פּראָצעדור, האָט דער רב געגעבן דער יונגער פּאָר חופּה־וקדושין". די געסט האָבן פייערלעך געווונטשן דער חתן־כלה און מחותנים „מזל־טוב", די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכן מאַרש, די געסט

האָט מען פאַרבעטן צום סערווירטן טיש, מען האָט געטרונקען, געגעסן פון בעסטן און שענסטן, צווינטשנדיק קעגנזייטיק: „לחיים, מזל־טוב״.

די געסט האָבן געטאַנצט און גוט פאַרבראַכט ביז פאַרטאָג.

דער עולם איז זיך ביסלעכווייז פונאַנדערגאַנגען און די יונגע פּאָר איז אָפּגעפאָרן צו זיך אין זייער שיין־איינגעריכטעטער היים.

רחל מיט איר שיינער באַנעמונג צו איר מאַן, האָט דערפרייט זיין האַרץ. זייביידע זיינען געווען גליקלעך מיט זייער גורל.

אַזוי איז זייער צופרידן לעבן געגאַנגען. מיט ווירדע האָט זיך שלמה באַצויגן צו רחלס עלטערן. אויך זיין מוטער בליומע האָט זיי געשטיצט, מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט.

ישראל מיט חנהן האָבן זייער געשעצט זייער איידעם פאַר זיין איבערגעגעבנהייט צו זיי, אַדאַנק וואָס חנהס שוואַכער געזונט־צושטאַנד האָט זיך פיל פאַרבעסערט, אַדאַנק שלמהס אַרויסגעוויזענער מעדיצינישער הילף.

ווען רחל מיט שלמהן פלעגן באַזוכן אירע עלטערן, פלעגן זיי תמיד איבערלעבן, צוליב דעם וואָס אירע עלטערן קאָנען זיך ניט לייסטן אַ בע־סערע דירה. אויך שלמהס מוטער פלעגט שטאַרק באַדויערן זייער לאַגע. איין מאָל האָט זי געטראַכט: איך האָב דאָך חיימען אָנגעוואָרפן דעם געדאַנק וועגן די מחותנימס לאַגע. און אַזוי, זיצנדיק ביים אָוונטברויט אויפגעלייגט פון זיינע גוטע געשעפטן, זאָגט אים בליומע:

„געדענקסט, חיים, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט די קינדער איינאָרדענען, וועסטו אַ טראַכט טאָן וועגן אַ דירה פאַר אונדזערע מחותנים.״

„ווילסטו מיך ווידער פאַרפּלאָנטערן? דו האָסט גרויסע אַספּיראַציעס ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַ צווייטן!...״

חיים באַמערקט, אַז ביי בליומען ענדערט זיך דאָס פּנים. זי לעבט שטאַרק איבער, זאָגנדיק דערביי: „חיים, דו קאָנסט ניט מיטפילן דעם צווייטן, ווייל מיר פאַרמאָגן פיל געלט, ווי אויך אַ גרויס געשעפט. די עלטערע טייערע מענטשן לעבן געדריקט אין ענגשאַפט. זיי זיינען דאָך אייגענע. ווער וועט זיך אומקוקן אויף זיי, אויב ניט מיר?!״

„ערגער זיך ניט, בליומע, איך וועל דיר צוליב טאָן. רעד מיט אַ פאַר־מיטלער וועלן מיר די זאַך רעאַליזירן.״

זי האָט גלייך אויסגענוצט די געלעגנהייט, אָנפרעגנדיק ביי אַ פאַר־מיטלער, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן אַ סעפּאַראַטע שיינע הייזקע מיט

אַ פּרוכט־גאָרטן פאַר אַ צוגעגעלעכן פּרייז. חיים האָט איינגעצאָלט די נויטיקע סומע.

ישראל מיט חנהן זיינען געווען איבערגליקלעך און געדאַנקט די מחותּנים פאַר דער גרויסער מתּנה, וואָס זיי האָבן פאַר זיי געלייסטעט. אויך די קינדער זיינען געווען איבערראַשט פון זייער מוטערס גוטע אידעע. אַזוי זיינען אַלע געווען צופרידן.

נאָר איין זאַך האָט זיי געקלעמט דאָס האַרץ, וואָס עס הערט זיך ניט ביי זיי בייעס... שלמה האָט מיט זיין אינטואיציע געשאַפן אַ שיינע רעקלאַמע: זיין פּראַקטיק האָט געשמט און רחל האָט פון זיין שיינע גוטע באַנעמונג צו איר געשיינט, ווי די זיבן זונען...

אויך שלמה, קוקנדיק, ווי זיין שיינע פרוי בליט, ווי אַ רויז אין פרילינג, האָט באַקומען פיל ענערגיע און אַ מענעריש שיין סימפּאַטיש אויסזען. ער האָט געשמט מיט זיין גוטע באַנעמונג צו מענטשן און איבערהויפּט צו קראַנקע. ס'איז געווען אַ נחת־רוח אָנצוקוקן אויף זייער שיין אַרט לעבן. אַזוי איז זייער לעבן געגאַנגען.

צייטנווייז האָט זיי פאַרדראָסן, וואָס רחל פאַרשוואַנגערט ניט... שלמה האָט זיך געווענדעט צו זיינעם אַ קאָלעגע אַ גינעקאָלאָג, וועלכער האָט זיי באַרואיקט. אויפן דריטן יאָר האָט רחל געשענקט שלמהן אַ זונעלע, געראָטן אין זיין מוטער, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן משהלע, נאָך זיין מוטערס זיידן הרב משה ז״ל.

*

נאָך שלמה ראַבינאָוויטשעס חתונה, האָבן שיינדלס עלטערן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זייער טאָכטערס חתונה. זאָגט מאַרקוס צו זיין פרוי:

„ווי מאַכט מען? מאַכן אַ חתונה, ווי ס'פּאַסט פאַר אונדז, מוז מען איינלאַדן אַלע באַקאַנטע. הייגט שטעל זיך פאַר, מלכהלע, אונדזער לאַגע! מיט וועמען וועלן מיר זיך באַווייזן? מילא, מיט וועלוולען איז אַ האַלבע צרה, ער גייט נאָך מיט, אָבער מיט די מחותּנים! מיט זייער אויסזען און האַלטונג! וועלן מיר זיך פאַרלירן אין די אויגן פון אונדזערע באַקאַנטע... וועגן פריינט? פאַר זיי אַרט מיך שוין ניט. זיי איז שוין דאָס באַוווסט. איך מוז דיר, מלכהלע זאָגן, ס'איז מיר אַ ווייטיק, ווי מען זאָגט: ניט אַליין אָנצוקוקן און ניט יענעם באַווייזן! אַזוי איז מיט אונדזער שיינדלס פאַרדרייעניש!... אַמאָליקע קינדער האָבן געוווסט, אַז עלטערן זאָגן „ניין", איז ניין! ווייל זיי זיינען געווען געהאָרכזאַם, און די קינדער זיינען געווען צופרידן, ווי די עלטערן האָבן באַשלאָסן."

„מאַרקוס, וואָס האָסטו ווידער טענות? דו האָסט דאָך שוין צוגע־שטימט, וואָס גייסטו מאַכן נייע חשבונות? לאָז אָפּ! מיר יידן זוכן נאָר יחוס, כבוד... צי דען ווייסטו ניט אונדזער אָפּשטאַם? מיר זיינען אַלע אברהם אבינו'ס איינקלעך! מאַך ניט אַזאַ שלעכטן איינדרוק אויף זיך און אויך אויף אונדזער טאָכטער. מיר מוזןביישטייערן אונדזערע געפילן, כדי ס'זאָל זיין שיין פאַר איר און פאַר לייטן, במילא וועט פאַר אונדז אויך זיין גוט! מאַך ניט קיין נייע פלענער, מאַך אַ חתונה און זאָל אַראָפּ פון האַרצן אַלע שוועריקייטן! אַנדערש קאָנסטו שוין ניט מאַכן! ס'מוז אַזוי גיין ווי ס'גייט...”

„איך פאַרשטיי אַנדערש. איך וועל זיי חתונה מאַכן, אָבער ניט אין ו.‚ נאָר אין אַן קליין שטעטל, מאַכן אַ קליינע שמחה און „אַראָפּ פון מאַרק”... דאָס איז מיין פּלאַן...”

„איז וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען? אַ פּוילער תירוץ! ס'וועט זיין נאָך מיאוסער פאַר אונדז. דו ווייסט, ווען מאַכט מען אַזאַ חתונה? ווען אַ טאָכטער פאַרוויילט זיך מיט אַ בחור פאַר דער חתונה, דאַן, ווען ס'איז אַ ביסל צו שפּעט... מאַכן די עלטערן שא, שטיל!... וואָס ווילסטו באַשמוצן אונדזער טאָכטערס כבוד?... ס'וועט זיין אַ שאַנדע פאַר אונדז, ווען מען וועט זיך דערוויסן. פון דאַן אָן, זייט ס'איז אונדז באַוווסט געוואָרן וועגן שיינדלס ליבע, זוכסטו תמיד מיטלען, וועגן, אָבער אָננעמען אַנדערש איז דאָך ניט מעגלעך. איז וואָס האָבן מיר פיל צו טראַכטן און אַריינ־דרינגען אין פאַרשיידענע מאָטיוון אַזוי אָדער אַנדערש? ס'איז ניט אויס־צומיידן, להיפך, מאַך אַ שיינע חתונה, ס'זאָל זיין שיין פאַר אונדזערע קינדער און פאַר לייטן. פאַר לייטן, ווי דו פאַרשטייסט? אָבער פאַר די קינדער! דאָס וועט בלייבן אַן אייביקער צאַרן. דאָס וואָלט פאַר זיי אויסגעקומען, ווי זיי וואָלטן געווען אומווירדיקע!... מייד אויס דיינע קאַפּריזן, אַז דו זאָלסט ניט דאַרפן באַדויערן!... אויב מענטשן וועלן זאָגן, אַז שלאָסבערגס מחותנים זיינען ניט איי, איי! מילא, וועלן זיי פאַרשטיין, אַז דאָס איז שיינדלס ליבע. און ליבע, ווייסן אַלע, מאַכט ניט קיין סתירות!...”

מאַרקוס האָט מלכהלעס עצות און טענות אויסגעהערט און געקומען צום באַשלוס, אַז זי האָט רעכט. וואָס מאַכט מען ניט צוליב קינדער? „אַז מען קאָן ניט אַריבער, מאַכט מען דעם וועג אַרונטער!...”

זיי האָבן באַשלאָסן נאָך סוכות מאַכן מיט מזל זייער טאָכטערס חתונה. די חתונה האָבן די שלאָסבערגס איינגעאָרדנט אין גרעסטן און

שענסטן זאַל. איינגעלאַדן אַלע קרובים, פאַבריקאַנטן, סוחרים, ווי אויך גוטע באַקאַנטע. אין דעם זאַל, וואָס די חתונה איז פאָרגעקומען, איז דער סופיט געווען געמאָלן מיט די שענסטע קונסט־מאָלערייען. אויך די גע־ביידע אויסערלעך האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. די גרויסע זאַלן מיט פיל באַגילטע לוסטרעס, וואָס האָבן אילומינירט. די גרויסע פענצטער מיט די זייד־טיולענע גאַרדינען מיט די בראָנזענע קאַרניזן. די לאַנגע באַדעקטע טישן מיט שניי־ווייסע טישטעכער און די גרויסע וואַזעס מיט פאַרשיידענע פרוכטן, זיסוואַרג, טאָרטן און פון די בעסטע געטראַנקען, אין די קריסטאָלענע גראַפינען מיט די באַקאַלן, האָבן געפינקלט און באַשיינט די שמחה.

די צוזאַמענגעקומענע געסט מיט די מחותנים האָבן דערוואַרט דער כלה. ענדלעך איז די כלה אָנגעקומען. זי איז געווען געקליידט אין אַ ווייס זיידן קלייד, בראַדירט מיט גאָלדפעדים. דער לאַנגער שלייער האָט פאַר־דעקט איר גאַנץ געשטאַלט. איר צירונג, געפאַסט אין בריליאַנטן, האָט באַלויכטן איר שיין, איידל, צופרידן פנים.

איר באַדעקונגס־ווינקל איז געווען באַצירט, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע פאַנטאַזיעס.

דער רב, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אָנגעזעענסטן פלאַץ אויף דער שמחה, האָט אַדורכגעפירט דעם גאַנצן רעליגיעזן צערעמאָניאַל פון דער כתובה און חופה־וקדושין.

אונטערפירער פון חתנס צד איז געווען שלמה מיט זיין פרוי רחל.

מען האָט דעם חתן אַריינגעפירט צום באַדעקן די כלה. אַלע געסט זיינען פאַרבליפט געוואָרן פון זיין שיין אַריסטאָקראַטישן אויסזען. שלאַנק, עלעגאַנט, אָנגעטאָן אין אַ סמאָקינג מיטן צילינדער אויף זיין שיין פאַר־קעמטן קאָפּ.

די געסט האָבן גערעדט צווישן זיך: „שלאָסבערגס טאָכטער איז גע־בוירן אין אַ העמדעלע..."

נאָך דער חופה האָט מען די געסט פאַרבעטן צו די סערווירטע טישן, אויף וועלכע ס'איז געווען פאַרשיידענע פישן, פליישן, געבעקסן, גע־טראַנקען, קאָמפּאָטן, פון וועלכע די געסט האָבן גענאָסן.

דער עולם האָט געמאַכט „לחיים" לכבוד חתן־כלה, געווונטשן פיל גליק אין זייער צוזאַמענלעבן, ווי אויך די מחותנים „מזל־טוב" און דער־לעבן פיל נחת פון די קינדער.

נאָכן עסן האָט זיך דער עולם געלאָזן צום טאַנץ־זאַל. דער אָרקעסטער

האָט געשפּילט פאַרשיידענע מוזיק־טענץ. מען האָט גוט פאַרבראַכט ביז פאַרטאָג. לאַנגזאַם האָט דער עולם פאַרלאָזט דעם זאַל, צווינשנדיק די חתן־כלה און מחותנים מזל און נחת פון זייערע קינדער.

ווען אַלע געסט זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, זאָגט שלאָסבערג צו די ראַבינאָוויטשעס:

„אייער זון שלמהלע האָט גוט ,אונטערגעפירט׳...״

„קאָן מען דען זאָגן, אַז ס׳איז שלעכט?...״ — ענטפערט ראַבינאָוויטש.

„היינט איז שוין גאָט צו דאַנקען.״

„איך פאַרשטיי אייך, הער שלאָסבערג. אויב מענטשן ווילן זיין גליקלעך, מוז מען זוכן צופרידנהייט און מיר עלטערן דאַרפן זיך שעצן גליקלעך, אַז אונדזערע קינדער זיינען צופרידן.״

„היינט זיינען שוין פאַרענדיקט אַלע חשבונות.״ — ענטפערט שלאָסבערג.

„אָט אַזוי, מיינע טייערע, דאַרף יעדער איינער טראַכטן, זאָגט פרוי שלאָסבערג. איך, למשל, בין היינט פון די גליקלעכסטע, אַז אונדזער טאָכטער איז גליקלעך.״

פרוי ראַבינאָוויטש האָט צוגעשטימט, אַז זי איז אויך פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק. אין דער זעלבער צייט, ווען די עלטערן האָבן צווישן זיך דיסקוטירט, האָבןביידע יונגע פּאָר: שלמה מיט רחלען און וועלוול מיט שיינדלען דערמאָנט די צייט, ווען זיי האָבן געמאַכט אָנשטרענגונגען מיט זייערע עלטערן לגבי זייערע צילן, ניט זייענדיק זיכער צי זיי וועלן מצליח זיין, צו וואָס זייערע פאַרבענקטע הערצער האָבן געשטרעבט!...״

„דו ווייסט דאָך, וועלוול, ווען מען וויל אין לעבן וואָס דערגרייכן, מוז מען אָנווענדן דעם כלל: „אין דבר העומד בפני הרצון...״

זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט, ווינטשנדיק קעגנזייטיק דאָס בעסטע און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

נאָך שיינדלס חתונה, האָט וועלוול אַרויסגעוויזן גוטסקייט און איבערגעגעבנהייט צו זיין פרוי, ווי אויך צו אירע עלטערן.

שלאָסבערג האָט באַקומען אַ בעסערע מיינונג וועגן זיין איידעם. וועלוולס פעאיקייטן האָבן באַוויזן, אַז מען דאַרף אים אַריינגעמען אין זייערע געשעפטן. מיט זיין שיינער, איידעלער באַנעמונג צו די קונדן, האָט ער זיך דערוואָרבן פיל צוטרוי. מיט זיין מיטהילף, איז פיל פאַרבעסערט געוואָרן זיין שווערס געשעפטן.

„הערסטו, מלכהלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן: פון וועלוולס האַלטונג

באַקומט מען אַ באַגריף, אַז ער פאַרשטייט גוט דעם מסחר. ער שטעלט מיר פראַגן, ווי אַ פאַכמאַן, וואָס האָט צו זאָגן אויף דעם געביט. ס׳קומט מיר אין געדאַנק, אַז וועלוול איז פאַר מיר, ווי אַ וווּנדער! איצט איבער־צייג איך זיך, אַז אונדזער טאַכטער האָט אים בעסער פאַרשטאַנען. איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז וועלוול זאָל פאַרמאָגן די דאָזיקע פעאיקייטן. איך אַלס פאָטער האָב ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק נעמען פאַר אונדזער טאָכטער אַזאַ חתן און דערצו נאָך פון אַ פשוטן אָפּשטאַם. דאָס האָט מיר פאַרביטערט און כ׳האָב אים ניט געקאָנט פאַר־שטיין, טראָץ דעם, וואָס פון ערשטן אויגנבליק האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. איך קאָן דיר, מיין טייערע, ערנסט זאָגן, אַז איך קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. אונדזערע אָנגעשטעלטע מעגן זיך ביי אים לערנען. און נאָך אַ זאַך, וואָס שטייט העכער פון בילדונג: זיין שיינע, ליבע באַנעמונג צו אונדזער טאָכטער, ווי אויך צו אונדז! איך בין ממש איבערצייגט, אַז אויף דער עלטער וועלן זיי זיין פאַר אונדז גוטע, איבער־געגעבענע קינדער, וואָס דאָס איז ניט צו באַקומען פאַר געלט...״

„יאָ, מאַרקוס, מיר דאַרפן זיין גליקלעך. אמת, מיר האָבן פיל איבער־געלעבט, נאָר, אַדאַנק גאָט, דאָס האָט אונדז ממלא געווען מיט פרייד און נחת. איך בעט ביי גאָט ער זאָל אונדז באַשענקען מיט אַזאַ אייניקל, ווי אונדזער איידעם!...״

אַזוי איז זייער גליקלעכער לעבן געגאַנגען. מלכהלעס ווונטש איז דערפילט געוואָרן. זייער שיינדעלע האָט מיט מזל געבוירן אַ זונעלע אין גאַנצן געראָטן אין זיין פאָטער. אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן יוסף, נאָך שלאָסבערגס פאָטער ז״ל. יוסף איז געווען אַ שיין און גוט קינד. אַלע זייערע פריינט און באַקאַנטע זיינען געווען פון קינד אַנטציקט. מען פלעגט זאָגן: „פרוי שלאָסבערג, איר פאַרמאָגט אַן אייניקל, וואָס איז אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן. אַזאַ איידל, שיין קינד!...״

„יאָ, יאָ, ער זאָל נאָר זיין מיט יאָרן און אַ גוטן מזל!״ — זאָגט פרוי שלאָסבערג.

זיין זיידע, באָבע האָבן אים זייער ליב געהאַט. עלטערע מענטשן פלעגט ער אָפּגעבן כבוד. אויך אין שולע האָט ער אַרויסגעוויזן גוטע געפילן צו אָרעמע תלמידים, ווי אויך האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין זיינע לימודים. שיינדל האָט געפירט אַ שיין פאַמיליען־לעבן. געווען טעטיק לטובת הכלל. זי האָט געשמט מיט איר גוט האַרץ, געהאָלפן אָרעמע,

קראַנקע. זי פלעגט אָפט באַזוכן בתי־יתומים און ברענגען זיי אויף יעדער יום־טוב מתנות.

נאָכן ערשטן קימפּעט האָט שיינדל זיך געפּילט ניט, ווי אַמבעסטן. דאָך האָט איר דער מאַן קיינמאָל ניט געשטערט אין איר געזעלשאַפטלעך־ווילטעטיקער אַרבעט. ווען שיינדל פלעגט באַזוכן דעם בית־יתומים, האָט יוסעפל פאַרלאַנגט די מוטער זאָל אים מיטנעמען, בעטנדיק איר, אַז ער וויל מיטגיין און טיילן די אָרעמע קינדער מתנות אויף יום־טוב. זיין מוטער איז ניט געווען קעגן דעם. איין מאָל באַמערקט ער, אַז זיין מוטער איז שטאַרק פאַרנומען מיטן צוגרייטן אויף פּורים פאַר זייערע איינגע־לאַדענע געסט, ווענדעט ער זיך צו זיין מוטער: „ווייסט, מוטער, וואָס איך טראַכט? איך וויל אַליין גיין אין בית־יתומים ברענגען די קינדער מתנות.‟

„יאָ, קינד מיינס, ביסט גערעכט. נעם מיט ביסקוויטן, זיסוואַרג און צוטייל עס. איך וועל זיין צופרידן, ווייל איך בין פאַרנומען מיט די איינגעלאַדענע געסט.‟

אַזוי איז ער אַוועק, צוטיילט, וואָס די מוטער האָט אים מיטגעגעבן פאַר זיי. און ווען ער האָט שוין אַלעמען באַפרידיקט, זאָגט אים דער שעף:

„יוסף, אויב דו ביסט פאַראינטערעסירט קום זען, ווי די עלטערע קינדער גיבן אָפּ אַ קאָנצערט לכבוד פּורים, ווי אויך זען פאַרשטעלטע.‟

אויף דעם שעפס פאַרשלאַג, האָט ער אים באַדאַנקט און אַריין זען. יוסף האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם מיידעלע, וואָס האָט געשפּילט קלאַוויר. איר אויסזען און שפּילן האָט אויף אים געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק.

יוסף האָט זיך פאַראינטערעסירט וויסן ביים שעף, ווער איז דאָס מיידעלע, וואָס האָט געשפּילט קלאַוויר.

„פון אירע דאָקומענטן איז זי אַ גאַנצע יתומה. איר פאָטער איז געווען אַ סטודענט. די מוטער — געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק איר אַלס דריי־טאָגיק קינד. זי איז זייער אַ פעאיקע: שפּילט, זינגט, מאָלט...‟

די דערקלערונג פון שעף, ווי אויך זיין אייגענע אָבסערוואַציע, האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט יוספן, טראַכטנדיק, אַז ער מוז אַלץ אָנווענדן, אַז די יתומהלע זאָל ניט בלייבן אין יתומים־הויז... קומענדיק אַהיים, איז ער געקומען צום באַשלוס דאָס פאַרצולייגן זיין מוטער. ווען זי וועט זיין דערפאַר, וועט דער פאָטער ניט זיין קעגן.

נאָך פּורים, ווען די געסט זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, באַמערקט די מוטער, אַז יוסעפל איז שטאַרק פאַרטראַכט. פרעגט זי אים, פאַרוואָס איז ער אַזוי פאַרטראַכט?

ענטפערט ער: „יאָ, מוטער, דו האָסט ריכטיק באַמערקט. ווי דיר איז באַוווּסט, האָב איך ערב פּורים באַזוכט דעם בית־יתומים, ווי אַלע מאָל צעטיילט דאָס זיסוואַרג, וואָס דו האָסט מיר מיטגעגעבן, האָט מיך דער שעף פאַרבעטן צו זען אַ פאָרשטעלונג פון די עלטערע קינדער. בין איך אַריין און געזען, ווי אַ מיידעלע האָט זייער שיין געשפּילט קלאַוויר. אויף מיין פראַגע, ווען מען האָט דאָס מיידעלע געבראַכט, האָט ער געענטפערט: פאַר פּורים, און האָט דערביי שטאַרק געלויבט דאָס מיידעלע, זאָגנדיק, אַז זי שפּילט, זינגט און מאָלט זייער שיין. איך וואָלט וועלן, מוטער, אַז דו זאָלסט זען דאָס יתומהלע. איך גלויב, אַז דו וועסט ערנסט אַ טראַכט טאָן..."

די מוטער האָט געשטוינט: „וואָס הייסט דאָס, יוספל, ערנסט אַ טראַכט טאָן?"

„איך מיין, אַז איר זאָלט אָנקוקן דאָס מיידעלע. איך גלויב, אַז איר וועט זיין איינשטימיק איר נעמען צו אונדז."

„יאָ, מיין קינד, דו ביסט צוגעוווינט צו טראַכטן גוט און טאָן גוטעס, אָבער ס'ווענדט זיך ניט אין מיר אַליין. צו באַשטימען די זאַך מוז איך פאָרלייגן דעם פאָטער, אַז דער פאָטער וועט מסכים זיין, וועלן מיר אַ טראַכט טאָן..."

דער מוטערס ענטפער האָט יוספן, מער־ווייניקער, באַרואיקט. ער האָט אין האַרץ געטראַכט, אַז דאָס ערשטע איז דערגרייכט געוואָרן, אָבער ער מוז זיך מיט איר נענטער באַקאָנען.

גאַנץ פרי איז ער אויפגעשטאַנען, געמאַכט זיינע אויפגאַבן, כדי צו קאָנען גיין אין בית־יתומים.

ווען יוסף איז געקומען, האָבן די קינדער געגעסן פרישטיק.

דער שעף האָט באַוווּנדערט יוספס פרי קומען.

„יאָ, הער שעף, מיין באַזוך פּורים האָט מיר געמאַכט ניט גלייכ־גילטיק צו דער מוטיקער יתומהלע. לויט איר אויסזען און טאַלענט, לייג איך פאַר מיינע עלטערן, אַז זיי זאָלן איר נעמען פון דאַנען."

„ביטע" — האָט אים דער שעף פריינטלעך געענטפערט.

ווען יוסף האָט זיך מיט איר באַקאָנט, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז אַלץ וועט ער פאַרשאַפן פאַר איר. ער באַטראַכט איר שיינעם קינדער־

געשטאַלט, אירע שוואַרצע גוטע גרויסע קלוגע אויגן, איר קאָפּ געקרויזטע האָר האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף זיין האַרץ.

ער פרעגט איר, ווי זי הייסט? זי האָט זיך עטוואָס פאַרשעמט, ענטפערנדיק: „ליובאַ". ער טראַכט, אַז איר נאָמען איז פּאַסנד פאַר איר, טראַכטנדיק דערביי: ווען דו, עלנטע ליובאַ, וואָלסט וויסן מיינע געפילן, וואָס איך פיל צו דיר, ווייל איך ליב דיך מיט מיין גאַנצער נשמה!... און אין האַרץ באַדויערט ער: אָך, אַזאַ וויכטיק קינד איז עלנט און אָרעם! אָבער איך וועל זיך ניט באַרואיקן, ביז כ'וועל דערגרייכן פאַר איר דאָס, וואָס איך טראַכט!... שוין היינט אָנפאַנגען אַן ערנסטן געשפּרעך מיט דער מוטער, אַז זי זאָל רעדן מיטן פאָטער.

אויף צו מאָרגנס ביים פרישטיק באַמערקט די מוטער, אַז יוסף איז זייער באַאומרואיקט, זאָגט זי צו אים:

„דיין דורשט צו טאָן גוטס, איז מיר באַוווסט. האָב געדולד ביז איך וועל האָבן די געלעגנהייט צו רעדן מיטן פאָטער."

יוסף פרעגט אומגעדולדיק: „ווען?"

„איך קאָן דיר גענוי ניט זאָגן, אָבער איך וועל שוין זען פאַרשאַפן אַ געלעגנהייט. אפשר היינט אָוונט, כדי באַרואיקן דיר."

זיין מוטערס דערקלערונג האָט אים אַ ביסל באַרואיקט, אָבער ער פרעגט זיך, ווי וועט אויף דעם דער פאָטער קוקן? דאָך האָט ער געלייגט האָפענונג, אַז ס'וועט דאָך קומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט די עלטערן.

אויף צו מאָרגנס, זיצנדיק ביים אָוונטברויט, זאָגט שיינדל צו וועלוולען: „גאָט האָט אונדז געבענטשט מיט אַ גוט קינד."

„יאָ, מיין טייערע, איך ווייס, אַז ער באַקומט אַ גוטע דערציאונג, אָבער דאָך, וואָס האָט אַזעלכעס פּאַסירט, אַז דו מאַכסט מיר אויפמערק־זאַם?"

„ווייסט דאָך, וועלוול, ווען איך פלעג גיין אין בית־יתומים, פלעגט תמיד יוסף מיטגיין. היינטיקן פּורים האָב איך ניט געהאַט קיין צייט, איז ער אַליין געגאַנגען און זיי צוטיילט דאָס זיסוואַרג. אַדאַנק דעם באַזוך, איז ער געקומען מיט אַ פאַרשלאַג, אַז מיר זאָלן אַדאָפּטירן אַ קינד. ווייסט דאָך, צווישן אונדז רעדנדיק, קאָן איך קיין קינדער מער ניט האָבן."

אויף וועלוולס פראַגע, ווי אַלט איז דאָס קינד?

„צוועלף יאָר" — האָט שיינדל געענטפערט.

„לויט מיין מיינונג, איז זי צו אַלט. אַזעלכעס פּראַקטיצירט זיך ביז אַ יאָר."

„ווייסט דאָך, וועלוול, איך האָב שוין ניט קיין געדולד דערציִען אַ קינד, ווייל ס'איז פאַרבונדן מיט געדולד און פאַר מיינע נערוון איז צו אָנ־געשטרענגט."

„איז וואָס וועסטו מאַכן מיט אַזאַ דערוואַקסן מיידל."

„לויט ווי יוסף דערציילט, איז זי זייער אַ פּעאיקע: זי שפּילט, זינגט און מאָלט, ווי אויך פון זייער אַן איידעלען אָפּשטאַם."

„אויב דו, מיין טייערע, ביסט פאַר דעם, קאָן מען איר אָנקוקן, דאַן וועלן מיר באַשליסן."

„ווען קאָנסטו זיך פאַראינטערעסירן?"

„דאָס וועל איך דיר שוין זאָגן" — ענטפערט וועלוול.

נאָך דעם, ווי זיי זיינען געקומען צום באַשלוס, האָט די מוטער יוספן באַרואיקט, אַז דער פאָטער איז ניט דאַקעגן.

יוסף, דערהערענדיק דעם מוטערס דערקלערונג, זאָגט:

„ליבע מוטער, דו וועסט טון אַ וויכטיקע זאַך, איך דאַרף דיר דאָס ניט דערקלערן, ווייל איך ווייס דיינע גוטע געפילן, וואָס דו האָסט צו אָרעמע קינדער. אָבער דאָס, וואָס דו וועסט טאָן פאַר דער יתומה, וואָס האָט ניט געקאָנט געניסן פון מוטערלעכע צערטלעכקייטן, געבליבן דריי טאָג אַלט נאָך דער מוטערס טויט. דעם פאָטער פאַרלוירן, איידער זי איז געקומען אויף דער וועלט... אויך דער אָפּשטאַם לויט אירע דאָקומענטן איז וויכטיק: דער פאָטער איז געווען אַ סטודענט. מוטער, איך דערצייל עס דיר, ווייל אַלץ ווענדעט זיך אין דיר..."

אויף דעם גליקלעכן טאָג האָט יוסף געוואַרט מיט אומגעדולד, ווייל זיין געהיימע ליבע צו איר איז פאַר אים געווען טייערער פון אַלץ.

*

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך וועלוול געווענדעט צו זיין פרוי, אַז ער איז גרייט צו דערפילן איר פאַרלאַנג בנוגע דער יתומה.

זיי זיינען אַוועק אַהין. דער שעף האָט זיי זייער פריינטלעך אויפגע־נומען, אַריינבעטנדיק זיי צו זיך אין ביוראָ. ער האָט זיי אויפגעקלערט פאָלגנדעס:

„געערטע פאַמיליע קאַפּלאַן! איר זייט געוויס געקומען וועגן דער יתומה ליובאַ. ביי דער געלעגנהייט מוז איך אייך זאָגן: איך אַלס שעף אַרבעט דאָ 25 יאָר. אָפּגעגעבן פאַר די געליטענע קינדער מיין ענערגיע און האַרץ, ווייל די אַרבעט פאָדערט עס פון יעדן מיטפילנדן מענטש. איך קאָן אייך באַקאַנטמאַכן, אַז אַזעלכעס, ווי דאָס מיידעלע איז נאָך

דאָ ניט געווען. איר אַנשטענדיקע באַציאונג איז אַ זעלטנהייט. אירע פעאיקייטן: זי שפּילט, זינגט און מאָלט. מיט איין וואָרט: אַ שאָד, וואָס אַזאַ קינד געפינט זיך אין אַ קינדערהיים!"

„הער שעף, איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט אויף אונדז געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. מיר זיינען טאַקע געקומען באַקענען זיך מיט דעם קינד."

דער שעף האָט אַריינגעפירט ליובאַן, כדי זיי זאָלן זיך מיט איר באַקאָנען. ליובעס האַרץ האָט אָנגעפאַנגען פּילן, אַז איר לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן. אָבער ווי וועט עס געשען? דאָס האָט זי זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער יונגער באַזוכער זאָל אויף איר לייגן אַכט און קאָנען שאַפן פאַר איר אַ בעסערע צוקונפט...

אַזוי איז זי אַריינגעקומען אין דערוואַרטונגס־צימער.

„ביטע, פרוי און הער קאַפּלאַן! זייט באַקאַנט, דאָס איז ליובאַ!" — האָט זיך צו זיי געהאָט געווענדט דער שעף.

ליובאַ האָט זיך העפלעך פאַר זיי פאַרנייגט, אָנרופנדיק דערביי: „ליובאַ דימענטשטיין!"

נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך מיט איר באַקאַנט, האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער פאַראינטערעסירונג צו איר.

איר האַרץ האָט איר פאַרגעזאָגט אויף אַ בעסערער ענדערונג אין לעבן.

ווען די קאַפּלאַנס זיינען אַהיימגעקומען און אַרומרעדנדיק וועגן ליובען, זיינען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז אַלץ איז, ווי יוסף האָט זיי געשילדערט, באַוואונדערנדיק זייער יונגן יוספן, אַלס גייסט־רייפן אַנט־וויקלטן זון, וואָס זאָל אַזוי קאָנען באַנעמען און פאַרשטיין דאָס לעבן!...

„נו, וועלוול, וואָס זאָגסטו?" — פרעגט שיינדל.

„איך גיב דיר, מיין טייערע, איבער אַלץ אין דיין דיספּאָזיציע."

שיינדל זאָגט איר מאַן, אַז ער מוז אויך אָנטייל נעמען אין דער זאַך. וועלוול דאַקעגן באַמערקט דער פרוי, אַז אויב זי האָט בדעה נעמען איר, איז נאָר אַלס גוווערנאַנטן, דאַן וועט זי זיי נוצן ברענגען, ווי אויך אַן אויסבעסערונג פאַר ליובאַן אין איר צוקונפט.

וועלוול האָט זיין פרוי צוגעזאָגט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט דעם ענין צו דערליידיקן. די מוטער איז געקומען צו יוספן אָנזאָגן, אַז צווישן איר מיטן פאָטער איז געקומען צו אַ הסכם וועגן ליובאַן, און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועלן זיי דעם ענין דערליידיקן.

פון זיין מוטערס דערקלערונג איז יוסף איבערראַשט געוואָרן.

ער האָט אָפטער געמאַכאַט באַזוכן ביי ליובען אין אַנשטאַלט. ליובעס חברטעס האָבן באַוווּנדערט אירע דערגרייכונגען און געזוכט געלעגנהייטן דורך פאַרשיידענע פראַגן אויסצוגעפינען, וואָס ס'האָט אַזוינס מיט איר פּאַסירט? ליובאַ האָט באַשלאָסן, אַז די באַדייטונג פון יוספס באַזוכן זאָל אויף זיי ניט מאַכן אַן איינדרוק, אַז זי אָדער ער איז פאַראינטערעסירט אין איר צוקונפט.

דאָך, זעענדיק פונדערווייטנס יוספס אָנקומען פלעגט איר יונגע נשמה דערציטערט ווערן פון פרייד. דאָס גלייכן האָט זיך יוסף אויך ניט געקאָנט באַהערשן דאָס גליק פון זיין דערגרייכונג.

איין מאָל, קומענדיק אַהיים פון ליובען און באַטראַכטנדיק זיינע עלטערנס איינשטימיקייט, טראַכט ער: איך מוז איר באַוווּסט מאַכן וועגן דעם, כדי זי זאָל זיך פילן בעסער... אַלזאָ, זייענדיק דאָרט אַ צווייט מאָל, וועל איך איר באַשטימט איבערגעבן.

ליובעס האַרץ פילט און לעבט איבער, ניט ווויסנדיק, וואָס ער טראַכט? נאָר פון זיינע גוטע באַציאונגען, וואָס פלעגן מאַכן אַ גוטן איינדרוק, דאָך האָט זי אים געגעבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער דענקט וועגן איר. און אַזוי טראַכטנדיק, אין אָנוועזנהייט פון די חברטעס, מעלדעט מען איר, אַז דער שעף רופט איר אין ביוראָ.

אַלע אירע חברטעס זיינען איר מקנא, אַז מיט ליובען אינטערעסירן זיך רייכע מענטשן...

ווען ליובאַ איז אַריינגעקומען אין ביוראָ, האָט אויף איר געוואַרט פרוי קאַפּלאַן, וועלכע האָט איר פאַרגעלייגט, אויב זי איז איינשטימיק, קאָן זי איר מיטטיילן, אַז זיי זיינען פאַראינטערעסירט איר נעמען צו זיך, ווי אויך געבן איר די גענעריקע בילדונג, לויט אירע פעאיקייטן.

ווען פרוי קאַפּלאַן האָט איר דאָס געזאָגט, האָט זי זיך ניט געקאָנט באַהערשן און אָנגעהויבן וויינען.

„פאַרוואָס וויינסטו, ליובאַ? — פרעגט פרוי קאַפּלאַן. — דיר וועט דאָך זיין ביי אונדז בעסער, ווי דו געפינסט זיך."

ליובעס געזיכט האָט אין דעם מאָמענט אָנגעפאַנגען שיינען און זי ענטפערט:

„גנעדיקע פרוי קאַפּלאַן, אייער פאָרשלאַג איז פאַר מיר איבערראַשנד. איך טראַכט ניט וועגן „ניין". איך בין גליקלעך און האָף, אַז איך וועל אייך קיין מאָל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן דאָס גוטס, וואָס איר ווילט

פאַר מיר שאַפן. איך בין פון די גליקלעכע. וואָס גאָט האָט מיך אַהער געבראַכט צו באַקאַנען אַזעלכע גוטע מענטשן!...״

*

קומענדיק פון יתומים־הויז האָט אויף איר געוואַרט וועלוול.

„וואָס הערט זיך, מיין טייערע?״

„הערסט, וועלוול, איך בין איבערצייגט, אַז דאָס וואָס מיר ווילן טאָן איז אַ גוטע זאַך. ווען איך בין געקומען, האָט דער שעף אַרויסגערופן ליובען, כדי פעסטצושטעלן איר אייגענעם באַשלוס. זי האָט קלאָר און דייטלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וועט אייביק געדענקען דאָס גוטס, וואָס מיר ווילן פאַר איר שאַפן. אירע אויסדריקן זיינען, ווי פון אַ דער־וואַקסענער. ס׳פילט זיך, אַז זי איז איבערהויפט אַ גוט קינד.״

„אויב אַזוי, שיינדעלע, מוזן מיר אָנפאַנגען דאָס צו רעאַליזירן, אַז מיר פאַרפליכטן זיך ווי עלטערן געבן איר אַלע באַדערפענישן. אַזוי מוז זיין אָנגעוויזן אין די דאָקומענטן. אַזוי אַרום איז אַלץ רעאַליזירט געוואָרן, לויט די געהעריקע פאַרשריפטן פון אַנשטאַלט.

ס׳איז אַוועק אַ קורצע צייט, אַלץ איז דערליידיקט געוואָרן. דאָס וואָס זיי זיינען געווען רייכע און באַוווּסטע מענטשן, איז קיין מניעה ניט געווען מצד דער אַנשטאַלט־פאַרוואַלטונג.

ליובאַ, ביים פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט, האָט זיך האַרציק געזעגנט מיטן שעף, מיט די אָנגעשטעלטע, ווי אויך מיט די חברטעס און אירע צוקונפטיקע אַדאָפּטאַטאָרס האָבן איר מיט פרייד אויפגענומען.

ווען ליובאַ איז אָנגעקומען אין דער נייער היים, זיינען אירע אויגן געווען געווענדט צו יוספן. מיט אירע בליקן האָט זי איבערגעגעבן אירע געהיימע געפילן, וואָס זי פילט צו אים... דעסגלייכן איז יוסף געווען בנעימותדיק און גליקלעך, ווען ער האָט איר דערזען, אַז זי איז שוין ביי זיי.

„ביסטו צופרידן, יוסף?״ — פרעגט די מוטער.

„אַוודאי! דו ווייסט דאָך ,מוטער, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש צו טאָן גוטס. ווען גאָט גיט דעם מענטש די מעגלעכקייט צו העלפן דעם געדריקטן, איז אַ באַפרידיקונג פאַר דעם, וואָס העלפט דעם געדריקטן.״

„יאָ, מיין זון, דו פאַרשטייסט גוט דאָס לעבן!״

אַזוי איז די צייט געגאַנגען. יוסף האָט פלייסיק געלערנט און אָנגע־קומען אין אוניווערסיטעט.

וואַקאַציע־צייט, אַהיימקומענדיק פלעגט ער תמיד ברענגען פאַר ליובאַן

ביכער. ליובאַ איז אויסגעוואַקסן שיין, שלאַנק, אירע מאַניערן האָבן גע־מאַכט אויף יעדן אַ גוטן איינדרוק.

איין זאַך פלעגט ליובען קלעמען, ווען די פרוי קאַפּלאַן פלעגט זיך פילן ניט גוט. איין מאָל, ווען ליובאַ האָט דער פרוי קאַפּלאַן פאָרגעלעזן אַ בוך, האָט זי ביי פרוי ק. געבעטן זי זאָל איר דערלויבן מאָלן איר בילד, אויף וואָס זי איז מסכים געווען.

ווען דאָס בילד איז פאַרטיק געוואָרן, זיינען שיינדל מיט וועלוולען אַנטציקט געוואָרן פון איר מאָלן.

איר באַצוג צו דער משפחה איז געווען איינדרוקספול, דאָסגלייכן זיי צו ליובאַן. זיי האָבן איר געליבט, ווי אַן אייגן קינד.

זייער געדאַנק איז געווען צו שאַפן פאַר איר אַ גוטע צוקונפט, אָבער ליידער... ווי זאָגט מען: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט!..״

אַזוי האָט פּאַסירט מיט פרוי קאַפּלאַן. פון תמיד אָן איז זי געווען אַ שוואַכע. זי האָט באַזוכט דאָקטוירים, געפאָרן אויף קוראָרטן, אָבער ליידער, דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן. זי איז אַוועק פאַר דער צייט...

וועלוול האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן קלאַפּ, דאָסגלייכן יוסף. אויך ליובאַן האָט דער פאַל שטאַרק דערשיטערט. איר לאַגע האָט זיך גע־ענדערט... זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס זי האָט געהאָפט צו דער־גרייכן, וועט זיין אוממעגלעך. ווען יוסף פלעגט קומען אויף זומער־וואַקאַציעס, פלעגט ער איר אַרויסווייזן זיין פריינטלעכקייט, ווי אַלע מאָל. אָבער ליובאַ פלעגט אין דעם זען נאָר פאַרדרוס. איר האַרץ איז פאַרקלעמט געווען און האָט קיינמאָל ניט צוגעלאָזן איר געדאַנק, אַז יוסף זאָל וועגן איר ערנסט טראַכטן. דאָסגלייכן יוסף, ווען ער האָט איר געוואָלט דער־קלערן, וואָס זיין האַרץ לעבט איבער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ס'איז גלייכער איר עפענען זיין האַרץ דאַן, ווען ער וועט ענדיקן זיין שטודיום און וועט קאָנען שאַפן זיין אייגן לעבן, וועט דאָס זיין צו דער זאַך. זיי האָבן זיך ביידע געליבט אין געהיים נאָר דורך טראַכטן. מיט דעם האָבן זיי זיך באַרואיקט און געשטילט זייערע הערצלעכע געפילן...

אַזוי ווי וועלוולס לאַגע האָט זיך געענדערט, האָבן זיינע פריינט און באַקאַנטע אים געראָטן, כדי ער זאָל זיך בעסער פילן און קאָנען זיך פאַרזאָרגן, אַז זיין הויז זאָל קאָנען ווייטער עקזיסטירן און זיין לעבן זאָל האָבן אַ זין, דאַרף ער חתונה האָבן. ס'איז ניט צו מאַכן! שיינדעלע וועט ניט לעבעדיק ווערן. ס'איז אַזוי פון דעם נאַטור: אַ מאַן קאָן ניט

זיין אַליין! מען האָט אים באַקאַנט מיט אַ שיינע און געבילדעטע פרוי, ווי אויך פון אַ שיינעם אָפּשטאַם.

כדי צו קאָנען לערנען דעם מענטש, מוז נעמען צייט... ליידער זיין איינזאַמקייט האָט אים געצווונגען צו פאַרבינדן זיך מיט דער פרוי: פייגל שמחוורוויטש.

צווישן זיי איז געווען אַן אַנשטענדיקע און גוטע באַציאונג, נאָר וואָס אַמבאַלאַנגט צו ליובאַן, איז שוין ניט דאָס, וואָס געווען...

„ווייסט וואָס, וועלוול, איך וועל דיר זאָגן: איך באַמערק, אַז יוסף איז ניט גלייכגילטיק צו ליובען!...״

„יאָ, פייגל, מעגלעך. מיר האָבן איר, צוליב מיין זונס פאַרלאַנג, גענומען פון בית־יתומים. זי איז פאַר אונדז זייער איבערגעגעבן. אין אונדזערע שווערע צייטן איז זי געווען אַ טרייסט. איר גוטע, אַנשטענדיקע באַציאונג צו מיין גאָטזעליקע פרוי איז געווען, ווי אַן איינציק קינד צו אַן אייגענער מוטער!...״

„ס׳קאָן זיין, ווייל איר האָט פאַר איר פיל געלייסטעט. לאָמיר דאָס איבערלאָזן פאַר איר. איצט, ליבער וועלוול, וויל איך דיר זאָגן וועגן יוספן. איך האָב פאַר אים אַ פריילין פון אַ שיינעם אָפּשטאַם. מעגלעך, אַז דו האָסט געהערט פון פּראָפעסאָר שוואַרץ? די פריילין האָט שוין זייט צוויי יאָר פאַרענדיקט דאָקטער־מעדיצין. אמת, זי איז ניט אַזוי שיין, אָבער סימפּאַטיש, מיטל־וווּקס, בלאָנד, בלויע אויגן, ניט צו דיק, ווי מען זאָגט ביי אונדז: ,יידישער חן׳! איך וואָלט געווען פאַר דער זאַך, ווי האַלטסטו, וועלוול?״

„ביי מיר קאָנסטו פועלן. דאָס איז ניט אַמבאַלאַנגט אין אונדז. פּרווו, אויב דו ווילסט.״

„איך וועל דורך מיין קאַנטשאַפט מיט דער משפחה דאָס זען צוזאַמענ־ברענגען, ווען יוסף וועט קומען, נאָכן פאַרענדיקן מיט מזל זיין לערע.״

די צייט איז געגאַנגען, ס׳איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, יוסף האָט טעלעגראַפירט, אַז ער פאַרענדיקט גליקלעכערווייז זיינע לעצטע עקזאַמענס מיט אַן אויסצייכענונג, באַקומענדיק אַ גאָלדענעם מעדאַל. דער פאָטער, נאָכן איבערלעזן די איבערראשנדע טעלעגראַמע פון זון, וואָס האָט אים פאַרשאַפן פיל פרייד, האָט אין האַרץ שטאַרק באַדויערט, וואָס זיין יוספס טייערע איבערגעגעבע מוטער האָט ניט דערלעבט הערן דעם נחת פון איר ליבן איינציקן זון.

ליידער, ליידער האָט ער דאָס איבערגעלעבט שטילשווייגענדיק. זיין

האַרץ האָט תמיד געטרויערט, געטרויערט וועגן זיין טייערע ניט פאַר־געסענע גוטע שיינדעלע!... נו מאַך אַ משפט, מיט וועמען?... גאָט האָט מיר געשענקט אַ גרויסע מתנה, ליידער, אויף אַ קורצער צייט...

ער האָט איבערגעלעבט אַזעלכע שווערע מאָמענטן, ניט האָבנדיק מיט וועמען זיך צו טיילן. זיינע טייערע עלטערן האָט ער אויך פריצייטיק פאַרלוירן. אויך זיין שווער און שוויגער ז״ל, וואָס זיינען פאַר אים געווען מיט כבוד און ליבע צוליב זיין פאַרנעם. און צוליב זיי האָב איך באַקומען אַזאַ בכבודיק אָרט אין דער געזעלשאַפט און געבראַכט מיין טייער קינד, ווי מען זאָגט: „צו גאָט און צו לייט״... דאָך, טייערער פון אַלץ איז געווען מיין אייביק ניט פאַרגעסענע שיינדעלע ז״ל... איז וואָס פון דעם אַלעס? גאָט גיט ניט מיט אַלעם. ער האָט מיך געבענטשט. פיל מענטשן האָבן מיך מקנא געווען מיין שיין און גוט לעבן. אָבער היינט איז פאַר מיר אַלץ, ווי אַ חלום פאַרשוווּנדן! איך קאָן דאָס ניט פאַרגעסן און וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן! נאָר דאָס איינציקע, מיין זונס טיטול דאָקטער, איז פאַר מיר אַ נחת און מיטל צו באַרויקן מיינע נערוון, ווי אויך אַ פרייד אויף מיינע עלטערע יאָרן! מיט די געדאַנקען האָט ער זיך אַ ביסל באַרויקט.

פייגל, באַטראַכטנדיק וועלוולען, האָט אַ פרעג געטאָן:
„זאָג מיר וועגן וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט?״

„דו ביסט דאָך אַ קלוגע פרוי. אַלס אַזעלכע, גלויב איך, אַז דו דאַרפסט מיך פאַרשטיין. מיין זונס קאַריערע איז פאַר מיר אַ האָפענונג צו האָבן פון אים נחת.״

„יאָ, וועלוול, איך האָב דאָס אויך אַזוי פאַרשטאַנען, טראַכט דעם, וואָס גאָט האָט מיר קיין קינדער ניט געגעבן, אָבער דיין פרייד איז אויך מיין פרייד, לויט ס׳דערנענטערט זיך זיין קומען, וויל איך פאַרלייגן מיינע גוטע פריינט פראָפעסאָר שוואַרצס טאָכטער.״

„איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, מאַך, ווי דו פאַרשטייסט.״

ניט פיל טראַכטנדיק איז זי געקומען צום געדאַנק: ס׳ערשטע פאַר־לייגן דעם ענין פריילין שוואַרץ. זי איז זיכער, אַז פריילין שוואַרץ וועט זיין דערפאַר. יוספס אויסזען איז אינטערעסאַנט. ער איז הויך, שלאַנק, זיין מענערישער אויסזען איז צוציענד. מיט איין וואָרט — דאָס איז פאַסנד פאַרן פראָפעסאָרס און פאַר דער טאָכטער. און איר מאַן וועט געוויס זיין צופרידן. וואָס טוט מען ניט פאַר אַ גוטן מאַן? ווען יוסף וועט קומען

אַהיים, וועלן מיר איינלאַדן גוטע פריינט און באַקאַנטע, דאַן וועט זיין אַ געלעגנהייט זיי צו באַקאָנען. אַזוי האָט זי געטראַכט.

ווען וועלוול איז געקומען פון זיינע געשעפטן און, זיצנדיק ביים אָוונט־ברויט, זאָגט פייגל: „דו ווייסט, מיין מאַן, איך האָב באַטראַכט און אויסגעפונען אַ גוטע געלעגנהייט זיי צו באַקאָנען. ווען יוסף וועט קומען, וועלן מיר איינלאַדן דיינע און מיינע גוטע באַקאַנטע, ווי אויך ד״ר שוואַרץ מיט אירע עלטערן. איך גלויב, אַז זיי וועלן קומען, מחמת מיין גאָטזעליקער מאַן מיטן פּראָפעסאָר שוואַרץ זיינען געווען, ווי גוטע ברידער. אַלזאָ, ווי מיינסטו?״

„פייגל, איך פאַרלאָז זיך אויף דיר. איך האַלט, אַז דו פאַרשטייסט אַן ענין!...״ מיט דעם זיינען זיי געקומען צום באַשלוס.

אויפן איינלאַדונגס־אָוונט זיינען געקומען אַלע געסט.

יוסף האָט זיך געפילט זייער גוט. זיין האַרץ האָט באַקומען אַ טאָפּלטע פרייד. ערשטנס צוליב זיין באַקומענעם דאָקטאָראַט. צווייטנס, עס דער־נענטערט זיך די צייט, וואָס ער וועט קאָנען דערקלערן זיין געליבטע ליובאַן דאָס, וואָס זיין האַרץ און נשמה האָבן לאַנג געגאַרט... ער טראַכט: ער וועט אַלעס אָפּגעבן פאַר זיינע הייליקע געפילן, וואָס האָבן געשטרעבט פון זיין קינדהייט אָן.

ליובאַ איז אויך געווען פון די גליקלעכסטע, טראָץ דעם, ניט ווויסנדיק געננוי פון זיין איבערגעגעבנהייט, דאָך, ווי זאָגט זיך: „איין האַרץ פילט דאָס צווייטע...״

פּראָפ. שוואַרץ איז געווען צופרידן, באַקאָנענדיק זיך מיט יוסףן. ער האָט געפונען פאַר נויטיק זיך נעענטער באַקענען מיטן יונגן דאָקטער, וועלכן ער האָט שטאַרק באַוווּנדערט זיינע פעאיקייטן, באַמערקנדיק דערביי, אַז ד״ר קאַפּלאַנען שטייט פאַר אַ העכערע קאַריערע. אויך באַזיצט ער פילאָסאָפיע. פּראָפ. שוואַרץ פאַרשטייט, אַז ד״ר קאַפּלאַן האָט פיל צייט אָפּגעגעבן פאַר דעם צוועק. ער איז בכלל באַהאַוונט ניט לויט זיינע יונגע יאָרן און אויך, אַלס מענטש מיט זיינע שיינע מאַניערן און האַלטונג, האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. יוסף האָט פאַר־שטאַנען דעם פּראָפעסאָרס באַנעמונג, ניט ווויסנדיק אין וואָס עס האַנדלט זיך, דאָך האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז מען גרייט צו פאַר אים עפּעס „אַן ענין״... יוסף טראַכט: נו, נו, אַז מען מיינט, נאַרט מען זיך!...

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט זייער שיינער געגאַרטער אָוונט.

וועלוול מיט פייגלען זיינען געווען זייער צופרידן פון פּראָפעסאָרס

אויפמערקזאַמקייט צו יוספן, דאַקעגן איז זיי געווען פאַרדריסלעך, וואָס יוסף האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף דער פריילין שוואַרץ. פייגל האָט דאָס באַוווּנדערט, דאָך האָפט זי צו דערגרייכן איר פאַרגענומענעם ציל!...

ווען העלוול האָט פון זיין זייט צוגעגעבן פייגלען מוט, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט האָבן פראָפּ. שוואַרצן פאַר אַ מחותן, אָבער, מיין טייערע, מיר ווייסן דאָך ניט, וואָס וועלן דערויף זאָגן די יונגע מענטשן?״

ענטפערט פייגל: „קודם כל, לאָד איך נאָך אַמאָל איין פריילין שוואַרץ, נאָכדעם וועלן מיר קאָנען פאַרשטיין פון זייער באַנעמונג.״

„מאַך, פייגל, ווי דו פאַרשטייסט!״

„איך וועל אויף 8 אָוונט איינלאַדן פריילין שוואַרץ, דאָסגלייכן וועל איך פאַרלייגן יוספן ער זאָל אָנוועזנד זיין צו דער באַשטימטער צייט. וועגן פריילין שוואַרץ בין איך זיכער, אַז זי וועט מיט צופרידנהייט אָננעמען אונדזער איינלאַדונג.״

אָבער פון זייער געהיימען בונד צווישן אים מיט ליובען, וואָס זיי טראָגן פון קינדהייט אָן, ווייסט ניט דער פאָטער און די די שטיפמוטער געוויס ניט, ווי אויך, וואָס זיי טרוימען צו פאַרווירקלעכן אין דער נאָענטער צוקונפט...

„העלוול, איך בין ביי דער מיינונג, אַז פאַר יוספן וואָלט דאָס געווען זייער אַ פּאַסנדער שידוך...״

ווען יוסף איז אַהיימגעקומען, האָט פייגל אים געבעטן, אַז ער זאָל אין דער היים זיין 8 אַזייגער אָוונט, ווייל זי האָט איינגעלאַדן פריילין שוואַרץ אויף דער צייט.

„פרוי קאַפּלאַן, איר זייט מיין פאָטערס לעבנסבאַגלייטערין און דאָס, וואָס איר געפינט פאַר נויטיק צו זאָרגן פאַר יוספן, דאַנק איך אייך זייער. פון אייער זייט איז דאָס גאַנץ פיין, אָבער זיין אין דער היים, דאָס איז מיין זאַך.״

„יוסף, איר האָט פאָלקאָם רעכט צו מאַכן ווי אייך איז באַקוועם, אָבער עס פּאַסט דאָך ניט!״

„איך האָב אייך וועגן דעם ניט באַפולמעכטיקט״ — ענטפערט יוסף. — „אייערע באַקאַנטע האָט איר די פולע רעכט איינצולאַדן צו יעדער צייט און ניט מיך באַשטערענגען. נעמט זיך ניט די רעכט, וואָס עס קאָנען אַפילו די בעסטע עלטערן ניט נעמען!...״

„יוסף, איך בין ניט געווען קיין מוטער, אָבער אַלס פרוי פיל איך

צו אייך מוטערלעכע געפילן. איר האָט אויף מיר תמיד געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. איך ווינטש אייך דאָס בעסטע.״

„איך דאַנק אייך פאַר אייערע ווונטשן, אָבער וואָס אַמבאַלאַנגט וועגן מיר אויף ווייטער, האָב איך מיין אייגענעם ווילן און געפילן, וואָס מען קאָן קיינמאָל ניט אָנוואַרפן אַ צווייטן.״

יוסף האָט פאַרלאָזן דאָס צימער, אין וועלכן ס׳איז אויך אָנוועזנד געוועזן זיין פאָטער, וואָס האָט ניט רעאַגירט אויפן זונס אויפרעגונג.

„האָסט שוין געהערט דיין זונס ענטפער? וואָס מאַכט מען איצט, ווען איך, ניט וויסנדיק זיין מיינונג, האָב איינגעלאַדן פריילין שוואַרץ?״

„געדענקסטו פייגל, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף פריער וויסן זיין מיינונג, און דאַן איינלאַדן. אָבער, ווען דו האָסט געטאָן פאַר־קערט, מוזטו אָנקלינגען צו פריילין שוואַרץ, זאָגן איר, אַז דו קומסט צו איר. פון דעם וועט זי שוין פאַרשטיין... און באַטראַכט, וואָס דו האָסט צו רעדן? אַ קלוגע, און דאַך זיך באַנאַרישט!...״

„איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, — זאָגט פייגל, — אַז לויט פראָפ. שוואַרץ און יוסף האָבן זיך אונטערהאַלטן אויפן אָוונט, איז געוועזן אָנצונעמען, אַז די זאַך וועט געבן גוטע רעזולטאַטן. אָבער, ליידער! פון זיין ענטפער איז מיר שוין אַלץ קלאָר. יוסף האָט שוין פון לאַנג פאַר־בונדן זיין האַרץ... אָבער מיט וועמען? דאָס איז די פראַגע. אַלס פאָטער האָסטו געקאָנט פאַרשטיין פון זיינע יונגע יאָרן...״

„דו ביסט אַ קלוגע פרוי, דאַרפסטו אַזעלכע פראַגן אַ פאָטער ניט פרעגן. וואָס קאָן אויף דעם געביט וויסן אַ פאָטער און אַפילו אַ מוטער? דעם יונגן מענטשנס פאַנטאַזיע און פאַרלאַנגען שטערן אָפט זיין גליק אָדער ברענגען גליק. אָנוואַרפן געפילן קאָן קיינער ניט. איך מוז דיך באַקאַנט מאַכן מיט מיין יוגנט. איך האָב געלערנט אין חדר מיט נאָך תלמידים. ווי עס פירט זיך אין אַ חדר, האָב איך געהאַט אַ הערצלעך איבערגעגעבענעם חבר. זיינע עלטערן זיינען געוועזן רייכע. איך, אַלס זייער איינציקן זונס חבר, האָבן זיינע עלטערן געהאַט צו מיר סימפּאַטיע. איך בין ביי זיי געוועזן פאַררעכנט, ווי אַן אייגענער. אַלזאָ, ביי זיי פלעגן אָפט קומען אויף אַ באַזוך אַ רייכע פאַמיליע. דאָס איז געוועזן מיין ג״ז פרויס עלטערן. איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז זייער איינציקע צוועלף יאָריק טעכטערל זאָל זיך אין מיר פאַרליבן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיין חבר שלמה וועט מיט איר חתונה האָבן, ווייל זיינע עלטערן מיט אירע זיינען געוועזן שטאַרק באַפריינדעט. צום

סוף — שלמה האָט חתונה געהאַט פאַר אונדזער מלמדס טאָכטער און איך מיט דעם רייכן מיידל... הייַנט פאַרשטייסטו: קאָנען דען עלטערן וויסן די קינדערשע נשמות!..."

„דאָך, — זאָגט פייגל, — דאַרפסטו, ווי אַ פאָטער ווירקן אויף יוספן, ווייל זי איז דאָך פאַסנד. איך גלויב, אַז יוסף איז אַ גוטער זון, וועסטו האָבן אויף אים אַ השפעה."

„פייגל, מיין עצה איז דו זאָלסט אָנקלינגען צו פאַמיליע שוואַרץ, כדי זייער טאָכטער זאָל ניט קומען."

פייגל האָט אָנגעקלונגען צו פריילין שוואַרץ און איר געמאָלדן, אַז זי קומט צו איר. דאַקעגן האָט זי פון דעם אַרויסגעדרונגען, אַז פון דער איינלאַדונג איז גאָרניט געוואָרן. זי האָט פיל איבערגעלעבט. פון גרויס פאַרדרוס איז זי אַריין אין סאַלאָן, אָנגעפאַנגען שפּילן. די עלטערן, באַמערקנדיק, אַז זייער טאַמאַראַ שפּילט קלאַוויר אין דער צייט, ווען זי האָט געזאָלט זיין ביי די קאַפּלאַנס מיט אַ וויזיט. זאָגט די מוטער מיט באַוווּנדערונג צו איר מאַן באָריס: „דאָס געפעלט מיר ניט!"

ענטפערט באָריס: „יעדער מענטש האָט זיינע פאַרבאָרגענע געפילן. דעם סוד פון מענטשנס נשמה איז אָפטמאָל פאַרבאָרגן, אַפילו קעגן זיין אייגענעם ווילן. אַמאָל פאַסירטביים בעסטן בוים אַ שלעכטע פרוכט. וואָס קאָן מען פאַרשטיין פון איין מאָל זען אַ מענטש? די קאַפּלאַנס שמ'ען פאַר אָנשטענדיקע מענטשן. זיין שווער האָט אין שטאָט געשמ'ט אַלס זייער אָנשטענדיקער און געזעלשאַפטלעכער פּערזאָן."

„יאָ, באָריס, דאָס האָבן מיינע ג"ז עלטערן פיל מאָל דערמאָנט וועגן זייער מענטשלעכקייט."

„איז וואָס, פריידל, דערפון? ס'וועגדט זיך דען אין אונדזער אָנער־קענונג?"

אין דער צייט פון געשפרעך איז אַריינגעקומען זייער פריינדינע פרוי פייגל קאַפּלאַן, פרעגנדיק אויף זייער טאָכטער טאַמאַראַ. די מוטער האָט געמאָלדן דער טאָכטער, אַז פרוי קאַפּלאַן איז געקומען. טאַמאַראַ האָט איר אַריינגעבעטן.

פרוי קאַפּלאַן האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר טאַמאַראַן, זאָגנדיק, אַז זי האָט ניט געוווּסט, אַז יוסף וועט ניט קאָנען קומען דעם אָוונט, צוליב דעם, וואָס ער מוז זיין אויף זיין חברס פאַרלאָבונג.

טאַמאַראַ האָט די דערקלערונג פון פרוי קאַפּלאַן אַנדערש פאַרשטאַ־

נען. טראַכטנדיק, אַז עס פּאַסט ניט אַרויסצוּווייזן די איבערלעבונגען, האָט טאַמאַראַ געענטפערט:

„פרוי קאַפּלאַן, איר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערן, וואָס מיט יוספן האָט פּאַסירט."

איר נשמה האָט געציטערט פון פאַרדרוס: צום ערשטן מאָל אין איר געזעלשאַפטלעכער באַקאַנטשאַפט זאָל זי זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבן אין ערשטן אויגנבליק!... ליידער, ווי זי פאַרשטייט — אַן רעזולטאַט! דאָס וועט ביי איר בלייבן אַ געהיימניס, ווייל אַזאַ פּערזאָן מיט אַלע מעלות איז אַ זעלטנהייט און דאָס, וואָס ער האָט געמאַכט אויף איר פּאָטער אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, האָט עס אויף איר נאָך מער משפּיע געווען.

פרוי קאַפּלאַן האָט פון טאַמאַרעס האַלטונג אַרויסגענומען, אַז זי איז אַנטוישט. זי האָט איר באַרואיקט, זאָגנדיק, אַז זי וועט אַלץ אָנווענדן, כדי ס'זאָל געפונען ווערן אַ לייזונג.

„פרוי קאַפּלאַן, צי ווענדעט זיך עס אין אייך? איך פיל און פאַרשטיי, אַז איר און אייער מאַן זיינען ניט דאַקעגן."

„איך גלויב, אַז אַלס גוטער זון, וועלן מיר אויף אים משפּיע זיין."

„איך גלויב און איך בין מיט אייך אָפנהערציק — מאַכט, וואָס איר קאָנט און פאַרשטייט, אַז איך בין פאַר דער זאַך..."

קומענדיק אַהיים, האָט זי איבערגעגעבן וועלוועלען אירע איבער־לעבונגען זייענדיק ביי טאַמאַראַן.

„וואָס האָט ביי זיי פּאַסירט?"

„מיין קומען האָט אויף זיי אַלעמען געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, ספּעציעל אויף טאַמאַראַן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז וועגן יוספן איז גאָרניט געוואָרן. איצט איז מיר אַ שאַנדע און אַ ווייטיק, לויט איך בין מיט זיי באַפריינדעט פיל יאָרן און קאָן טאַמאַראַן אַלס קינד, וואָס איז מיר איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי אַן אייגן קינד. זי וואָלט געקאָנט זיין אַ גוטע פרוי פאַר יוספן און פאַר אונדז, ווי אַן אייגן גוט קינד. גיב אַן עצה, וועלוול. דו ביסט אַוודאי ניט דאַקעגן. זע, ווירק אויף אים, ווי אַ פּאָטער דאַרף ווירקן צום גוטן פאַר זיין זון."

„צו דעם מוז מען האָבן געדולד און צייט. אַזאַ זאַך קאָן מען ניט מאַכן אויף איין פוס. פאַרשטייסט דאָך אַליין און באַטראַכט אויך, כדי ס'זאָל זיין גוט און פּאַסנד."

אַזוי ווי זיי זיינען געקומען צו דער הסכמה, זאָגט זי:

„דאָס ערשטע, וועלוול, דאַרפסטו, אַלס פאָטער, ניט נאָר אָנוואָרפן דעם געדאַנק, ווי אויך ווירקן.״

„איך בין מיט דיר פולשטענדיק איינשטימיק, אָבער ס׳ווענדט זיך ניט אין אונדז!״

*

אין דער זעלבער צייט איז יוסף געזעסן ביי זיך אין צימער און באַטראַכט זיין לאַגע: איך בין געוואָרן זעלבסטשטענדיק. דעם נאָמען „קאַפּיטאַן״ פון מענטשנס לעבן האָב איך דערגרייכט. און איך קאָן זיך ניט באַהערשן פון מיינע שטורמישע הערצלעכע געפילן. און דאָ נאָדיר אויף מיין קאָפּ אַן אָנשיקעניש מיט אַ שטיפמוטער, וואָס דרייט אָן מיט מיין פאָטער!... ניין, דאָס וועט ניט גיין!

מיט דעם געדאַנק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן. כ׳וועל זיך ניט אונטער־וואַרפן זייער ווילן. דאָס ערשטע מוז איך ליובאַן אָפן איבערגעבן דאָס, וואָס ס׳איז ביי מיר פיל יאָרן געווען פאַרבאָרגן, און ווען איך וועל באַקומען פון איר דאָס, וואָס איך וויל, דאַן וועל איך מיין פאָטער קאָנען באַקעמפן...

ליובאָ, ליובאָ! — רעדט ער צו זיך. — אָן דיר איז מיין לעבן קיין לעבן ניט! מיט דיר זיינען מיינע געפילן פאַרבונדן, און קיינער וועט מיר אַנדערש ניט איבערצייגן. און אויב מיין שטיפמוטער האָט באַקומען פון פאָטער דעם רשות, אַז זי קאָן מאַכן, וואָס זי וויל — וועלן מיר זען!...

„ווייסט וועלוול, איך מוז מאַכן נאָך אַ פּרווו: זאָגן יוספן, אַז מיר לאַדן איין טאַמאַרען. וואָס וועט ער אונדז אויף דעם ענטפערן? אָבער טאַמאַרען וועלן מיר ניט איינלאַדן ביז מיר וועלן ניט הערן פון אים אַן ענדגילטיקן ענטפער. אין דעם פאַל וועלן מיר וויסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן.״

„יאָ, פייגל, אַזוי מוזן מיר פּרווון.״

איינמאָל ביי מיטאָג פרעגט פייגל יוספן: „זאָלן מיר איינלאַדן פריילין שוואַרץ?״

„דאָס איז אייער זאַך!״

„פאַרוואָס דענקסטו אַזוי? — פרעגט דער פאָטער — פריילין שוואַרץ איז ניט פּאַסנד פאַר דיר? דאָס, וואָס זי איז עלטער פון דיר מיט צוויי יאָר? אָבער זי איז באַוווּסט מיט איר גוטע פּראַקטיק! ס׳מוז אויך קומען אין באַטראַכט, אַז זי איז פּראָפ. שוואַרצס טאָכטער!״

„איך, ליבער פאָטער, קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט דער באַצייכענונג!״

„איך האָף, זאָגט פייגל, אַז פריילין שוואַרץ וועט געהערן צו פאַמיליע קאַפּלאַן.“

יוסף איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן, זאָגנדיק:

„דאָס איז אַן אָנגריף פון פּראָווינציאַנעלע עלטערן, וואָס פאָדערן נאָכצוגעבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס, אַלס פּרעמיע!“

„וואָס הייסט אַ פּרעמיע? — זאָגט דער פאָטער — אין דעם הינזיכט וועל איך שטעלן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, ניט פאַרגעס, אַז די געגעבענע באַדינגונגען פאַרווירקלעכן דיר, אָבער איך מיין, אַז ס'איז נאָך ניט גענוג!“

„וואָס דענערווירט איר זיך, פאָטער, איך בעט אייך, פון הייַנט אָן לאָמיר אויפהערן דיסקוטירן וועגן אַלע שדוכים. לאָמיר בעסער פירן דיסקוסיעס וועגן טעאַטער!...“

„אַי, יוסף, דו ביסט גאָר געוואָרן ניט ענלעך צו זיך!... קיינמאָל איז פון דיר ניט געהערט געוואָרן אַזעלכע דענערווירנדע געשפּרעכן!“

„פון איצט אָן זאָלן אַלע פראַגן פאַרבונדענע מיט פריילין שוואַרץ, ווי אויך מיט אירע אַלע גרויסע פאַרדינסטן געהערן צו פרוי קאַפּלאַן, און מיינע אינערלעכע געפילן — צו יוסף קאַפּלאַן!... מיט דעם איז אונדזער דיסקוסיע פאַרענדיקט.“

יוסף אַ פאַרקלעמטער פאַרלאָזט דאָס צימער, זאָגנדיק צו זיך: איך קאָן ניט מיט מיינע געפילן זיי רעפּרעזענטירן און זאָלן זיי ניט קאָנען אויף מיר רעאַגירן. איך פאַרענדיק מיט זיי.

אויסהערנדיק יוספס קאַטעגאָרישע אָפּזאָגן זיך, זיינען זיי דערשי־טערט געוואָרן. פייגל האָט אַרויסגעזאָגט איר פאַרדאַכט, אַז יוסף מוז זיין פאַרליבט אין ליובאַן. בכדי דעם פאַקט גענוי פעסטצושטעלן, זאָגט זי צו וועלוולען, אַז זי וועט דעם פאַקט אויסגעפינען מיט דער הילף פון איר שניידערקע, דאַן וועט זי אים קאָנען געבן אַן עצה.

פרוי קאַפּלאַן האָט זיך געוואָנדן צו דער שניידערקע דוואָשע:

„איך האָב צו אייך אַ ביטע: איר זאָלט אַכטונג געבן, אויב יוסף קומט אַריין צו ליובאַן? דאָס דאַרף זיין בסוד. איך וועל אייך זיין דאַנק־באַר.“

ניט לאַנג וואַרטנדיק, האָט זיך איר איינגעגעבן נאָכקומען איר בעל־הביתטעס בקשה.

„דאָס, וואָס איר, פרוי קאַפּלאַן, האָט מיר געבעטן, קאָן איך אייך גענוי איבערגעבן. נעכטן פאַרנאַכט, זיצנדיק ביי מיין אַרבעט, וועלנדיק

אָנצינדן דעם לאָמפּ, האָב איך געזוכט אַ שוועבעלע. איז יוסף אַרויס פון ליובאַס צימער, פרעגנדיק מיר, וואָס איך זוך? אויף מיין ענטפער: „אַ שוועבעלע״, איז ער צוריק אַריין אַהין און מיר געבראַכט אַ שוועבעלע...״

פרוי קאַפּלאַן האָט איר באַדאַנקט.

פייגל האָט מיט טריומף געווענדט זיך צו וועלוולען, זאָגנדיק:

„זעסט, מיין טייערער, אַז מיין השערה איז געווען אַן אמתע. נאָך פריער פלעג איך באַמערקן, אַז יוסף איז ניט גלייכגילטיק צו ליובען און מיט מיין איצטיקן עקספּערימענט דורך מיין שניידערקע האָב איך זיך איבערצייגט, אַז יוסף איז פאַרליבט אין ליובאַן...״

דער פאָטער איז איבערראַשט געוואָרן, הערנדיק דאָס פון פייגלען.

„וואָס? ער איז פון זינען אַראָפּ? שטודירט, דערמעגלעכט אים אַזאַ קאַריערע, צום סוף וויל ער מיך פירן פאַרן נאָז? ניין, ניין! זאָל ער וויניקער פאַנטאַזירן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן!...״

אין דער זעלבער צייט איז יוסף געזעסן ביי ליובאַן אין צימער און צו איר גערעדט: „ליובאַ טייערע, היינט איז דער גליקלעכער טאָג פון אונדזערע ערנסטע איבערגעגעבענע געפילן, וואָס מוזן קומען צו אַ הסכם פאַר אונדזערע אַלע יאָרן. דעריבער לאַד איך דיך איין צו זיך אין צימער...״

ליובאַ האָט דאָס באַוואונדערט און געוואָלט אים אָפּזאָגן, אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן. און אין די געדאַנקען טראַכט זי: ס׳פּאַסט דאָך ניט, איך מוז באַווייזן, אַז ער איז אַ דזשענטלמאַן. ער איז דאָך געווען פאַר מיר ערנסט אַלע מאָל! ווי קאָן איך אים איגנאָרירן? מיט די געדאַנקען האָט זי זיך באַרואיקט און באַשלאָסן אַריינגיין אין צימער...

ווען זי איז אַריין, האָט יוסף זיך געווענדעט צו איר מיט פאָלגנדע ווערטער:

„טייערע ליובאַ, זאָלסט ניט באַוואונדערן מיינע קאָנקרעטע דערקלערונגען. זיי זיינען פעסט באַשטימטע פון טיפן האַרץ. ווי דיר, מיין טייערע, איז באַוווּסט מיין איבערגעגעבנהייט צו דיר פון ערשטן טאָג אָן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט. דיין איצטיקער צושטאַנד איז צו דיר געקומען אַ דאַנק מיין ליבע צו דיר. איך בין געווען דער קעמפער פאַר דיין פרייהייט. איך גלויב, אַז דו ווייסט עס, מוזטו, אַלזאָ וויסן פון מיינע געפילן צו דיר... אַלזאָ, ליבע ליובאַ, דו האָסט באַהערשט מיין האַרץ און בלייבסט פאַר מיר די איינציקע אויף מיין גאַנץ לעבן. קיין אַנדערע

איז ניט ווערט צו טראָגן מיין נאָמען. ס׳איז מיר אומבאַדינג נייטיק דיין ערנסט וואָרט...״

ליובאַס האַרץ האָט גלייכגילטיק ניט געקאָנט פאַרנעמען זיינע קאָנ־קרעטע פאָרשלאָגן. ער האָט באַהערשט אירע געפילן, ניט גלויבנדיק אין זיינע ערנסט געשטעלטע פאָרשלאָגן, און אַזוי אומגעריכט דערגרייכן אַזאַ גליקלעכן ציל!

„ליבער יוסף! דיינע עלטערן וועלן ניט דערלאָזן מיר זאָלן זיך פאַראייניקן און איך זאָל טראָגן דיין נאָמען און טיטל.״

„ליבע, טייערע ליובאַ! איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, איך בין דער צענטראַל־אָרגאַן פון דענקען און ווילן. קיין אַנדערע איז ניט ווערט טראָגן מיין נאָמען!״

ליובאַ טראַכט: וואָס זאָל זי אים ענטפערן? אפשר איז זיין מיינונג אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג, ווי ס׳פּאַסירט אָפטמאָל ביי יונגע מענטשן? מעגלעך, אַז אין אַזעלכע מאָמענטן זיינען מענטשן קורצזיכטיק און ס׳קאָן זיין פאַר מיר שעדלעך!...

אין געדאַנק האַלט זי „ניין״, איך טאָר אַפילו פון דעם ניט טראַכטן...

יוסף פילט אירע איבערלעבונגען און פרעגט:

„ליובאַ טייערע! וואָס טראַכטסטו?״

„איך טראַכט פון דעם, וואָס דו, ליבער יוסף, האָסט אַנגעוואָרפן דעם געדאַנק צו פאַרבינדן אונדזער לעבן. ס׳זאָל זיך ניט שאַפן פאַר אונדז אַ דראַמע?...״

יוסף האָט זיינע אויגן אויפגעהויבן אויף ליובאַן, וועלכע האָבן אויס־געדריקט ערנסטקייט, און ער קלערט איר ווידער אויף:

„דער מאַן האָט געקעמפט פאַר דיר. דאָס איז דער זעלבער קליינער איבערגעגעבענער יוסף!...״

ליובאַ טראַכט: זיינע דערקלערונגען און איבערגעגעבנהייט פאַרשאַפט אַן ערנסטע מיינונג. דאָס פייער פון זיין האַרץ אַטאַקירט מיך, אָבער ס׳דריקט אויס אַ שטאַרקן מיטגעפיל. ער האָט געקעמפט און געשטרעבט מען זאָל מיר שענקען אויפמערקזאַמקייט. זיינע געפילן דריקן אויס עפּעס טראַגישעס...

יוסף באַטראַכט אירע איבערלעבונגען און פרעגט איר: „איך וויל פון דיר הערן אַן ערנסטן ענטפער!״

זי ענטפערט: „יאָ, טייערער, דו האָסט רעכט צו פאָדערן. דיינע

אויסדרוקן פֿאַרהייליקן מיינע געפילן און פֿאַרזיגלען מיין האַרץ אויף אייביק!..."

יוסף, דערהערנדיק איר אויסערגעוויינלעך לאַגישן ענטפֿער, דער־קלערט:

„טייערע געליבטע מיינע," — און נעמענדיק איר אויפֿן שויס און אַרומנעמענדיק איר שיינעם געשטאַלט, אַריינקוקנדיק אין אירע שיינע, שוואַרצע, קלוגע, גוטע אויגן מיט די לאַנגע וויעס, אין וועלכע ער האָט הייס האַרציק געקושט... זאָגנדיק דערביי: „כאַר דיין אויסערגעוויינלעכן שכל, דיינע געניאַלע פֿאַרבונדענע שטעלונג שטייט מיין הייליקע פֿליכט: איך לאָז זיך מקריב זיין פֿאַר דיין באַשלוס... מיין טייערע! היינט איז דער 28־טער מאַי. זאָל דער גליקלעכער טאָג ברענגען פֿאַר אונדז אַן אייביק גליק!..."

יוסף, אַנטוענדיק אויף ליובאַס קלאָרן, ווי אַלבאַסטער האַלדז אַ גאָל־דענעם מעדאַליאָן, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעפּאַסט זייערע ביידנס בילדער, זאָגנדיק דערביי: „דאָס איז, מיין טייערע, אַן אָנדענקונג אויף אייביק צו אונדזער ערשטן פֿאַרבינדונגס שריט, אַלס צייכן נאָכפֿאָלגן איינער דעם צווייטן!..."

ליובעס פּנים האָט זיך צעשטראַלט פֿון גרויס שמחה, ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן, האָט זי זיך פֿונאַנדערגעוויינט...

יוסף, באַרואיקנדיק איר, האָט ליובאַן הייס צוגעדריקט צום האַרץ און ווידער, קושנדיק איר האַרציק, האָט ער געזאָגט: „דו ביסט מיין אייביקע בלום, וואָס בליט און וועט אייביק בליען פֿאַר דאָקטאָר קאַפּלאַן. טייערע מיינע! אונדזער מאַרגנשטערן איז אויפֿגעגאַנגען. זאָל ער אונדז באַלייכטן אין אונדזער צוקונפֿט. איך האָף, אַז קיינער וועט ניט זיין אימשטאַנד פֿאַרטונקלען אונדזער לויטער־שטראַל, ווייל די געפֿילן צו אַ מענטש, וואָס האָט געשטרעבט און שטרעבט אויף אייביק צו זיין ערנסט!..."

„טייערער יוסף! דו ביסט טאַקע געווען דער איינציקער אין מיינע שווערע קינדער־יאָרן. איך דאַנק דיר זייער, אָבער... דער רמז באַשטימט אַ באַדייטנדע מאָס און לייגט אַ שטעמפּל אויף אַ גרויסן קאַמף אין זיינע רעזולטאַטן..."

„טייערע מיינע! מיט פֿרייד און טרייהייט שטעל איך זיך אונטער דעם קאַמף, ווייל די פֿראַגע וועט מוזן באַשטימט און באַצייכנט ווערן אויף אייביק. ער טראַכט: ס'מוז דערגרייכט ווערן אַ באַדייטנדע מאָס

ס'זאָל לייגן אַ שטעמפּל אויף מיינע רעזולטאַטן... געגנוג ביז היינט געוועזן אַמבאַלאַנגט פון מיין פּאָטער. איצט, ווען איך האָב שוין דערגרייכט צום רול, מוז איך קאָנען איבערפירן מיין שיף צום גליקלעכן ברעג, אַז קיין שטורעם זאָל ניט האָבן קיין כוח איר אונטערצוברעכן. כדי אָפּצושאַפן די איבערלעכע מחיצה מיטן פּאָטער, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָבן אים געצוואונגען די געפילן און פאַנגט אָן רעדן מיט ליובאַן:

„טייערע מיינע! איך מוז מאַכן אַ נייעם שריט פאָראויס, דאָס וועט ברענגען אונדזער ווונטש און געבן אַ געלעגנהייט צו פאַרוואַנדלען אַן אָנערקענונג, וועלכע מעג באַזיצן אומבאַוועגלעכעס לשם אונדזער אויס־פירונג...״

„יוסף! צי וועלן זיי דאָס באַשטעטיקן?״

„אָבער איך וועל קאָנען שטעלן אויף דער העכסטער מדרגה און דאַן וועט עס מוזן פאַרווירקלעכט ווערן.״

„די אָפיציעלע באַדינגונגען קאָנען אין גאַנצן באַזייטיקן, אויב ס'וועט זיין אָפּהענגיק פון זיי...״ — זאָגט ליובאַ.

„דאָס ליובאַ, פּאָדערט פון אונדז צו באַצייכענען אונדזער זעלבסט־שטענדיקייט, דאַן וועלן מיר פאַרשטאַרקן דעם ניט אָנערקענונג פון זייער ווילן.״

ליובאַ אַנאַליזירט יוספס דערקלערונגען מיט זיינע טיפע אונטער־שטרייכונגען, און זי שטעלט זיך אַן ערנסטע פראַגע: צי האָט ער רעכט אויף דירעקטע פאַרבינדונגען? זי באַטראַכט יוספס רואיקע שטריכן אויפן פּנים, זאָגן „יאָ״ צו פאַרשאַפן די פאַרבינדונגען, אָבער וועט עס דען פאַרשאַפן דעם ריכטיקן וועג?...

ער באַמערקט איר אויפרעגונג און ווידער דערקלערט ער איר:

„די איינהייטלעכקייט וועלן ווידמען די בעסטע ענערגיע פאַר אונדזער גליקלעכן צוקונפט. ביז דאַן וועלן אונדזערע געפילן בלאָנדזשען. דאָס איז מיין פאַרזיכערונג. אונדזער גערעכטיקייט וועט זיי מוזן איבערצייגן. קיין שום אַנדער אידעאַל, אויסער דעם איינציקן פאַקט, דאַן וועלן זיי מוזן אָנטיילנעמען...״

ליובאַ הערט אויס יוספס רייד און טראַכט זיך: צי דען בין איך פון די גליקלעכע? אָבער זי האָט זיך גאַנץ גלייכגילטיק געהאַלטן. ער באַמערקט עס און פרעגט איר:

„טייערע, צי פילסטו דאָס, אַז איך בין גליקלעך מיט דיר? איך רעכן זיך מיט דיר גאַנץ ערנסט, כדי דערגרייכן אונדזערע געמיינזאַם

געגאַרטע רעזולטאַטן, איז נויטיק דער „באַגער" פאַר אונדזער גליקלעכן צוקונפט..."

די הייליקע הונדערט־פּראָצענטיקע פאַר האָבן באַשטימט אַן ענערגישן קאַמף. אין זייער פּאָזיציע האָט זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט דער פאָטער. די שטיפמוטער מיט איר עגאָאיסטישן כאַראַקטער, האָט זיי קאָנטראָלירט, קריטיקירט און געשטערט זייער גליק. דער פּראָצעס פון צאָרן האָט זיך פאַרשטאַרקט. מיט איין וואָרט, זי האָט אָנגעפירט אַ פּראָוואָצירנדע ראָל. יוסף האָט זי באַרעכטיקט, כדי זי זאָל קאָנען באַשולדיקן ליובאַן. מיט דעם וועט זי קאָנען פאַרשאַפן אַ גוטע שטימונג פאַר פריילין שוואַרץ. ליידער האָט זיך איר דאָס ניט איינגעגעבן. יוסף האָט געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, זאָגנדיק:

„פאָטער, ס׳איז שוין געשען. מיין נאָמען איז הייליק פאַרבונדן מיט ליובאַן!..."

דער פאָטער שרייט: „אַזאַ פאַל איז אומווירדיק ביי יידן, ווי אויך ביי מיר און שאַפט פאַר דיר קיין גוטע רעזולטאַטן! תיקף ומיד נעם אַן אַ שטעלונג און פאַרענדיק מיט איר!..."

אַן אויפגערעגטער האָט יוסף פאַרלאָזן זיין פאָטער און געטראַכט: איך האָב געוואָלט שאַפן אַן אָפענע איבערצייגונג איבערצוררייסן זייער פּאָליטיק. איך האָב אויפריכטיק, ערלעך געוואָלט זען אַן ענדערונג צום גוטן. איך בין געגאַנגען אָפן זיי באַקענען, אַז זיי זאָלן ניט באַזייטיקן ליובאַן. איך פאַרענדיק מיט מיין אָפענער פאַרטיידיקונג. וואָס ווייניקער מ׳רעדט, איז בעסער און געזונטער. איך מוז ווערן זעלבסטשטענדיק, דאָס וועט מיר געבן מער רעכט. איך וועל פאָרן קיין מ. דאָרט וועל איך מיר שאַפן מיין צוקונפט... מיר איז איצט ניט פאַרמאַסקירט, ד. ה. אַן אָפענער פּראָצעס, וועלכעס שרעקט מיך ניט אָפּ. איך צווייפל, צי זיי וועלן זיך צוריקציען, ווייל די שטיפמוטער וועט אַזוי מאַכן, אַז דער פאָטער וועט תמיד זיין דאַקעגן. איך פיל, אַז זי האָט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג.

מיט די געדאַנקען איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. ווידער טראַכט ער וועגן ליובאַן: מיין טייערע, זי איז אַ גרויסע חכמה! זי האָט פאָראויס געזען דעם גרויסן געראַנגל. איך וועל ניט מאַכן קיין לאַנגן איבעררייס, ס׳זאָל ניט פאָרקומען פאַר מיין טייער׳ע אונטערגראַבונגען מצד דער שטיפמוטער... פון די געשפּרעכן מיט זיי האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, ווי באַלד דער פאָטער האָט זיך אַרויס־געזאָגט קעגן מיין ווילן, באַווייזט עס מיר, אַז איך מוז וואָס שנעלער

האַנדלען צוליב דעם פּאַטערס נעגאַטיווע שטעלונג. פּאַקטיש וועל איך מוזן פאַרלאָזן מיין היים און שאַפן פאַר אונדז אַן עקזיסטענץ. יאָ, ס׳זיינען שוין פאָרגעקומען אַזעלכע זאַכן. דאָס האָט אַלץ מיטגעבראַכט מיין שטרעבונג פאַר דער אומצורייסבאַרער פאַרבונדנקייט פון אונדזערע געפילן. יאָ, ליובאַ, דו האָסט עס פאָראויסגעזען!...

איך מוז אין זיך פאַרשטאַרקן מיין אמונה און באַפרייען אונדזער צוקונפט — טראַכט יוסף ווייטער. — ס׳איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון מיין קינדהייט אָן. דער איינציקער שטאַרקער ווילן האָט מיר באַפוילן: גענוג וועגן דעם דענקען, שאַפן, שאַפן! דאָס איז מיין הייליקע פליכט און מיין אַרויפגעלייגטע אייביקע אויפגאַבע!

ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט און באַשלאָסן אַלץ פאַרשרייבן אין זיין טאָג־בוך.

יוסף איז אַריין צו ליובאַן אויפקלערן זיין פּלאַן:

„ליובאַ טייערע, איך וויל זאָלסט וויסן, אַז איך מוז אָפּפאָרן קיין מ. צוליב מיין זשורנאַליסטישער אַרבעט.״

ער באַמערקט איר דענערווירונג און פּנים־ענדערונג.

„ליובאַ, האַלט זיך גוט און צווייפל ניט! מ. וועט געבן אונדז די געלעגנהייט צו דערגרייכן אונדזער זעלבסטשטענדיקייט. דאָס וועט זיין די ערשטע גרינדונג, כדי צו מאַכן אַ פולשטענדיקע איבערגאַנגס־תקופה. איך שטעל אַ פעסטן יסוד: איך בין געווען און בלייב דיין אייביקער איבערגעגעבענער לעבנסבאַגלייטער. איך וועל אַנטוויקלען אַ ברייטע טעטיקייט ס׳זאָל דערשיינען אונדזער גליקלעכע צוקונפט!״

„טייערער יוסף! דיין אחריות־געפיל מאָביליזירט מיינע געדאַנקען. יאָ, טייערער, דו ביסט אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר!״

ליובעס האַרץ איז פול געוואָרן מיט באַגייסטערונג, אין דערוואַרטונג אויף אַ זעלבסטשטענדיקייט, און דערצו נאָך אין אַזאַ וויכטיקן צענטער! ליובאַ האָט אויף יוספס דערקלערונג און באַראַטונג גלייך געגעבן איר הסכמה און באַמערקט:

„זע, טייערער, וואָס שנעלער, ווי מעגלעך. דו ביסט דאָך מיין באַשיצער. איך באַפולמעכטיק דיר, און גאָט זאָל דיר מצליח זיין אין דיין וועג!״

אַזוי האָבן זיי זיך האַרציק צעקושט, געזעגענענדיק זיך, און ער איז אָפּגעפאָרן קיין מ.

ליובאַ איז אַליין געבליבן אויפן פעראָן, לאַנג קוקנדיק אין דער ריכטונג פון דעם נאָר וואָס פאַרשווונדענעם צוג.

אַהיימקומענדיק אַ מידע פון אירע שווערע איבערלעבונגען, ווי אויך פון יוספס באַגייסטערונג, וואָס ער האָט איר באַגייסטערט, איז זי איינגעשלאָפן. אויפכאַפּנדיק זיך גאַנץ פרי און אַ קוק געבנדיק אויפן זייגער, האָט זי צו זיך אַ זאָג געטאָן: מיין טייערער יוסף איז שוין זיכער אויפן אָרט. מאָרגן אין דער צייט וועל איך שוין פון אים האָבן אַ גוטע בשורה. מיט די געדאַנקען איז זי אַרויס פון צימער. ליובאַ האָט שוין פון ערשטן פרימאָרגן אָן, נאָך יוספס אָפּפאָר, באַמערקט, אַז פרוי קאַפּלאַן קוקט אויף איר מיט חשד.

ליובאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן פילן אַן ענדערונג. דאָסגלייכן הער קאַפּלאַן איז אויך ניט, ווי געוויינט. אין שטוב האָט זיך געענדערט די גאַנצע סיטואַציע. ליובאַ טראַכט: וואָס איז דאָ געשען? צי דען האָט זיי יוסף באַוווּסט געמאַכט וועגן זייער אינטימען לעבן?... איר פאַרגעפיל האָט איר פאַרגעזאָגט ניט קיין גוטס. עס שאַפט זיך צו איר אַן אַנטיפּאַטישע באַציאונג, אָבער זי לייגט ניט אויף דעם קיין אַכט. זי האַלט זיך שטאַלץ. ס׳איז דאָך צווישן איר מיט יוספן געשלאָסן געוואָרן אַן אייביקער בונד!...

אויף צומאָרגנס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון יוספן. ליובאַ איז מיטן בריוו אַריין צו זיך אין צימער און אויפמאַכנדיק אים מיט גרויס אומגעדולד, האָט זי אָנגעהויבן לייענען. פון גרויס צופרידנהייט און איבעראַשונג, האָט זי זיך ספּאַזמאַטיש פונאַנדערגעוויינט. באַרואיקנדיק זיך עטוואָס, האָט זי פאַרגעזעצט דאָס לייענען דעם בריוו:

ליבע, טייערע ליובאַ!

איך בין בשלום אָנגעקומען קיין מ. אַריינקומענדיק אין האָטעל 12 אַזייגער ביינאַכט, שרייב איך דיר גלייך אייניקע ווערטער, כדי, מיין טייערע, דיך באַרואיקן. איך בין זייער ווייט פון דיר, אָבער גייסטיק איז מיין האַרץ און נשמה נאָענט צו דיר. איך האָף, אַז אין אייניקע טעג אַרום וועל איך דיר מערער קאָנען אינפאָרמירן. טראַכט ניט איבער, זיי מוטיק. אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג. נאַטירלעך, ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט אונדזערע באַשלוסן. דאָס איז מיין הייליקע פליכט.

דיין אייביק דיך ליבנדער און שעצנדער מיט מיינע אומבאַגרענעצטע געפילן דריק איך דיין בילד צו מיין האַרץ און קוש דיך טויזנטער מאָל! דיין יוסף.

איבערלעזנדיק יוספס בריוו, האָט זי זיך איבערצייגט אין זיינע ערלעכע, איבערגעגעבענע געפילן. יאָ, ער איז אמת ערלעך! זיין נשמה איז קלאָר, ווי קריסטאַל. אין דערוואַרטונג אויף אַ צווייטן בריוו פאַרלאָזט זי אַ צופרידענע איר צימער.

*

אין דער זעלבער צייט, ווען ליובאַ איז געווען איבערגליקלעך פון יוספס בריוו, איז יוספס פאָטער מיט זיין שטיפמוטער געזעסן אין קאַבינעט און באַטראַכט יוספס האַנדלונג. „יאָ, זאָגט זיין פאָטער צו פייגלען, — פאַר מיר איז קלאָר, אַז ער האָט מיר איבערצייגט מיט זיין פולשטענדיקן ריס, דערקלערנדיק אָפן זיין שטעלונג און פאַרלאַנג...״

ער בעט ביי פייגלען אַן עצה און באַמערקט איר, אַז זיין זעלבסטשטענדיקייט, וואָס איך האָב אים דערמעגלעכט, האָט אים פאַרשטאַרקט און פאַרשאַפט קעגן מיין ווילן. מילא מיר וועלן זיך אויך אַן עצה געבן, איבערצייגן אים, אַז מיר האָבן אויך אַ דעה!״

„אויב דו ועסט ניט זיין דאַקעגן, — ענטפערט פייגל, — קאָן איך דיר אַרויסהעלפן. אַזוי ווי אין דער פּאָליציי איז ליובאַ פאַררעגעסטרירט אַלס גווערנאַנטין, דאַרף מען מאַכן אַ פּראָטאָקאָל, אַז זי איז אַ פּאָליטישע... אַזוי אַרום וועט מען איר אַרויסשיקן...״

וועלוול, אויסהערנדיק איר עצה איז געווען דאַקעגן, מאָטיווירנדיק, אַז דאָס איז ניט דערלאָזבאַר!... אָבער דער יחוס מיטן פּראָפעסאָרס טאָכטער האָט אים אַראָפּגעפירט פון ריכטיקן וועג...

אַ צווייטער געדאַנק זאָגט אים, ווען איך האָב עטלעכע קינדער, איז מילא. איין זון נעמט אַ מיידל, וואָס איז ניט אַזוי פּאַסנד. אָבער, פאַרמאָגנדיק איין איינציקן זון מיט אַזאַ קאַריערע, זאָל איך דערלאָזן צו אַזאַ שידוך?! ס׳איז ניט אין איינקלאַנג מיט מיין זונס דערגרייכונגען און ס׳איז ניט דערלאָזבאַר! ס׳מוז אָנגעווענדט ווערן איזאָלירונג!...

„היינט הויב איך אָן רעאַליזירן דעם פּלאַן — דערקלערט פייגל וועלוועלן — אַזוי ווי יוסף איז אַוועקגעפאָרן קיין מ. צוליב זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט, כדי דערגרייכן אַן ענדערונג זי זאָל ניט קאָנען אויף ווייטער אים באַהערשן... אַזוי ווי מיר זיינען געווען גוט באַפריינדעט מיטן גובערנאַטאָר נאָך פון מיין ג״ז מאַן, האָב איך אַ מעגלעכקייט צו באַקומען פון אים אַן איינטריטס־דערלויבעניש, כדי קאָנען רעאַליזירן דאָס נויטיקע לגבי ליובאַן...״

וועלוול האָט איינגעשטימט.

פייגל, אַריינקומענדיק צום גובערנאַטאָר, האָט ער איר פריינטלעך אויפגענומען, פרעגנדיק דערביי איר ווונטש, אָנרופנדיק איר מיטן נאָמען: „פרוי שמחוביץ". פייגל קלערט אויף דעם גובערנאַטאָר, אַז איר איצטיקער נאָמען פון איר צווייטן מאַן איז קאַפּלאַן. ער האָט אַן איינציקן זון, וועלכער האָט פאַרענדיקט דאָקטער. דער זון האָט זיך פאַרליבט אין שטוב־מיידל, וועלכעס פאַרן פאָטער איז עס אַ טראַגעדיע. אַלזאָ, איז זיין ווונטש, אויב מעגלעך, זאָל מען איר אָנעמען אַלס פּאָליטישע... זיין זון איז גראָד פאַררייזט, איז געווונטשן מען זאָל דאָס פאַרשנעלערן..."

דער גובערנאַטאָר האָט געעצהט פרוי קאַפּלאַן ברענגען אַ ביטע אונטערגעשריבן פון איר מאַן, וועט ער דעם ענין באַטראַכטן... אויף צומאָרגנס האָט וועלוול קאַפּלאַן געשיקט די געפאָדערטע ביטע, לויט די אָנגעוויזענע כּללים פון גובערנאַטאָר...

*

ליובאַס האַרץ פילט, אַז אַרום איר וועבט זיך עפּעס אַ געהיימניס מצד פייגלען. ליובאַ פרעגט זיך: וואָס איז דאָ פּלוצים געשען? אָבער פון זייערע קאַטאַסטראָפאַלע איינפאַלן האָט זי זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַזאַ שאַרפער וויכוח אַרום איר לעבנספראַגע. דאָך האָט זי אין געוויסע מאָמענטן אַ טראַכט געטאָן, מעגלעך, אַז יוסף אַליין האָט זיי באַקאָנט געמאַכט מיט זיין איבערגעגעבנהייט צו מיר, קוקן זיי אויף מיר, ווי אויף אַ פּשוטע באַגעגעניש מיט זייער זון... מיט דעם האָט זי זיי באַרעכטיקט. אָבער די ענערגיע, וואָס יוסף האָט איר פאַרשאַפט, האָט איר אַלע שלעכטע געדאַנקען פאַרטריבן און צוריק־געהאַלטן, כּדי זיך באַרואיקן, האָט זי גענומען יוספס בריוו און לייענט זיי איין מאָל, נאָך אַמאָל, זאָגנדיק צו זיך: איך בין טאַקע פון די גליק־לעכסטע. ער איז ערנסט, ער וועט מיך קיינמאָל ניט פאַרראַטן. אָבער פאַרוואָס זיינען מיינע פאַרגעפילן אַזעלכע שלעכטע?!...

גלייכצייטיק האָט זי אירע שלעכטע געדאַנקען באַהערשט מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט אַלץ דערפילן, ווי מיר האָבן באַשלאָסן!...

צווייטער בילד

„דער קרבן"

12 ביינאַכט, ווען ליובאַ, ליגנדיק ביי זיך אויפן געלעגער און לייענענדיק יוספס בריוו, אין וועלכן זי האָט געפונען אַ שטאַרקע טרייסט אין אירע שווערע מאָמענטן פון אירע איבערלעבונגען. אין דעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער קלונג אין טיר.

ליובאַ איז אַריין אין קאָרידאָר. אויף איר פראַגע: „ווער איז?" האָט מען געענטפערט: „פּאָליציי"!

אַ צעטומלטע האָט ליובע אויפגעמאַכט די טיר.

ס'זיינען אַריין צוויי פּאָליציי־לייט, פרעגנדיק אויף ליובאַ דימענטשטיין. „דאָס בין איך" — האָט ליובאַ צעשראָקן געענטפערט. די פּאָליציאַנטן האָבן איר באַפוילן זיך אָנטאָן און מיטגיין מיט זיי.

ליובאַס האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן, פרעגנדיק זיי: „פיליכט מאָרגן ?"

„ניין! גלייך מיט אונדז גיין!"

ליובאַ האָט ביי זיי געבעטן דערלויבן אַריינגיין מעלדן די הערשאַפט, אַז זי מוז גיין אין פּאָליציי. זיי האָבן איר דערלויבט. ליובאַ טראַכט ביי זיך: איך, אומפאַרשעמטע, ווייסט דאָס פריער פאַר מיר! איר פאַרשאָלטענע האָט מיר ניט פאַרגינען מיין גליק!...

יוסף, יוסף, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט, ווען דו וואָלסט געווען אין דער היים, וואָלט דאָס אומגליק ניט געקומען! און איצט, אויב יוסף וועט זיך אין דער געהעריקער צייט ניט דערוויסן, בין איך אַ פאַרלוירענע !...

מיט די געדאַנקען איז זי געבראַכט געוואָרן אין דער פּאָליציי.

ליובאַ איז אַריינגערופן געוואָרן צום אויספאָרשער, וועלכער האָט אַרויסגענומען דעם צוזאַמענגעשטעלטן פּראָטאָקאָל און, פרעגנדיק איר

נאָך אייניקע פראַגן, כדי צו דערגענצן דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איז געווען צוגעשיקט פון גובערנאַטאָר...

ביים פאַרענדיקן דעם פּראָטאָקאָל, האָט דער אויספאָרשער באַפוילן ליובאַן אונטערשרייבן. ליובאַ האָט געבעטן מען זאָל איר דעם פּראָטאָקאָל איבערלייענען, פרעגנדיק דערביי אין וואָס מען באַשולדיקט זי?

דער אויספאָרשער האָט איר אויפגעקלערט, אַז זי איז באַשולדיקט אין אונטערגרונט־באַוועגונג... גלייכצייטיק איר באַפוילן אַ צווייט מאָל דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבן, וואָס ליובאַ האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, מאָטיווירנדיק, אַז זי איז קיינמאָל ניט געווען פאַרמישט אין אומלעגאַלע באַוועגונגען... דער אויספאָרשער מאַכט איר אויפמערקזאַם, זאָגנדיק: „ביי אונדז פירט זיך, אַז מען גיט אונטערצושרייבן מוז מען אונטערשרייבן!...״

ליובאַ, ניט אונטערשרייבנדיק, האָט געטענהט, אַז זי איז אין קיין פאַל ניט שולדיק! האָט זיך דער אויספאָרשער געווענדעט צום פּאָליציי־מאַן: „פירט איר אין קאַמער!...״

ליובאַן האָט מען אַריינגעפירט אין אַ פינצטערן קאַמער. זי האָט שוין דערפילט אַ דאָזע פון טויט!... זי זאָגט צו זיך: אָט זיינען מיינע שלעכטע פאָרגעפילן!...

די נאַכט האָט זיך ביי איר געצויגן, ווי אַ יאָר. זי באַדויערט איר עלנטע לאַגע, וואָס זאָל זי איצט טאָן? ווי זאָל איך אים געבן צו וויסן? און ווען ער וועט ניט געוויר ווערן, איז אַלץ פאַרלוירן!... זי איז אַ מידע, אַ צוזאַמענגעבראָכענע פון אירע אַזוי פיל שווערע איבערלעבונגען, איינ־געשלאָפן.

אויף צומאָרגנס פרי האָט מען ליובאַן געבראַכט אין געריכט, לויט אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג: „דרינגענד״ דורכפירן דעם משפט!...

איבערלייענענדיק דעם פּראָטאָקאָל דורך איינעם פון די בייזיצנדע ריכטער, האָט מען ליובאַן געפרעגט, אויב זי איז זיך מודה אין דער אויסגערעכנטער באַשולדיקונג? ליובאַ האָט געענטפערט „ניין״! צוגעבנ־דיק: „איך בין ניט שולדיק״.

דאָס וואָרט נעמט דער באַשטימטער פאַרטיידיקונגס־אַדוואָקאַט, וועל־כער ווייזט אויף, אַז ליובאַ, פאַרלירנדיק דעם פאָטער פאַר איר געבורט און דער מוטער — דריי טאָג נאָך איר געבוירן, איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קינדער־אַנשטאַלט. אין דאָזיקן אַנשטאַלט איז זי געווען ביז 12 יאָר. דאַן איז זי אַדאָפּטירט געוואָרן דורך פאַמיליע קאַפּלאַן, ווו זי איז געווען

אַ גוווערנאַנטין. דאָס באַווייזט, אַז זי האָט זיך ניט פאַרנומען מיט קיין פאַרדעכטיקע באַוועגונגען. דאַקעגן איז זי באַוווּסט, אַלס גוטע, געטרייע אַרבעטערין אין דער הויז־ווירטשאַפט פון דער דערמאָנטער פאַמיליע. אַלזאָ, נעמענדיק אין אַכט, אַז זי איז שטענדיק געווען שטאַרק פאַרנומען אין הויז, האָט זי קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט אומ־לעגאַלע באַוועגונגען, בעט ער, אַז דאָס געערטע געריכט זאָל נעמען אין אַכט זיינע ריכטיק אָנגעוויזענע אַרגומענטן און באַפרייען די באַשולדיקטע.

דער פּראָקוראָר נעמט דאָס וואָרט, אויפווייזנדיק פון זיין שטאַנדפּונקט, אַז פיל אַזעלכע כלומרשט אומשולדיקע נשמות, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער פאַרשיידענע מאַסקעס פירן אויס אומלעגאַלע פונקציעס, וואָס שעדיקט דער מלוכה... אַלזאָ, בעט ער די געערטע ריכטער נעמען אין אַכט זיינע מאָטיוון און איר געבן די מאַקסימום שטראָף, וואָס קומט לויט פּאַראַגראַף נומער...

דאָן פרעגט איר דער פּאָרזיצנדער: „האָסטו וואָס צוצוגעבן?"

ליובאַ ענטפערט: „געערטע ריכטער, איך בין אומשולדיק, ריין פון אַלע באַשולדיקונגען. איינס קאָן איך זאָגן, אַז די פאַמיליע קאַפּלאַן, ניט וועלנדיק, אַז זייער זון זאָל הייראַטן מיט מיר, האָבן פּראָוויצירט די באַשולדיקונג, וואָס איך בין כלומרשט באַגאַנגען. דעריבער בעט איך די געערטע ריכטער מיך באַפרייען. אין קעגנפאַל וועט זיין דריי קרבנות: איך מיט מיין צוקונפטיק קינד, ווי אויך מיין קינדס פאָטער — דאָקטאָר קאַפּלאַן!"

דאָס געריכט איז אַרויס אויף אַ באַראַטונג. אַריינקומענדיק צוריק האָט דאָס געריכט אויסגערופן: „לויט דעם פּאַראַגראַף... פאַר אונטער־גרונט־באַוועגונגען, וואָס איז קעגן דער מלוכה, פאַרפליכטעט ביז 25 יאָר קאַטאָרגע, נעמט דאָס געריכט אין באַטראַכט די אומשטענדן פון דער באַשולדיקטער און פאַרקלענערט איר די שטראָף אויף 10 יאָר אַרבעטס־לאַגער. וואָס אַנבאַלאַנגט די אָנווייזונגען, האָבן מיר באַקומען גענויע ידיעות פון אונדזערע אייגענע קוועלן און ניט פון פּריוואַטע..."

*

פייגל קאַפּלאַן, געוויר ווערנדיק וועגן ליובאַס אורטייל, איז אַהיימ־געקומען אַ צופרידענע, אָנזאָגנדיק וועלוולען די בשורה, אַז, וואָס זי האָט געגאַרט, איז דערפילט געוואָרן... זי האָט דעם גרעסטן תענוג, וואָס זי האָט דאָס געקאָנט פאַרשאַפן. ווי אויך מוז זי צוויסן געבן פריילין שוואַרץ. אַזוי רעדנדיק, האָט זי אָנגעקלונגען צו פריילין שוואַרץ. אויף די

פראַגע: „ווער רעדט?", האָט זי געענטפערט: „פרוי קאַפּלאַן. איך קאָן אייך אָנזאָגן, אַז איר האָט היינט, ווי מען זאָגט אַ האָפענונג צו דער־גרייכן אייער ציל..."

פריילין שוואַרץ האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס אַזעלכעס האָט פּלוצים פּאַסירט? האָט איר פייגל געענטפערט, אַז זי קומט גלייך צו איר, וועט זי איר געבוי אַלץ איבערגעבן.

ביי פריילין שוואַרץ איז די צייט געווען לאַנגווייליק און האָט מיט גרויס אומגעדולד דערוואַרט פרוי קאַפּלאַנס אָנקומען. ענדלעך איז זי אָנגעקומען. מיט גרויס צופרידנהייט האָט זי איר עמפּפאַנגען.

„איך מוז אייך, מיין טייערע, אָט וואָס געהיימניסעס אַנטפּלעקן פון אונדזער יוספן, אַז צוליב אים האָבן מיר „עקספּאָרטירט" די גוווערנאַנטין..."

„וואָס הייסט דאָס עקספּאָרטירט? איך פאַרשטיי אייך ניט, פרוי ק.!"

„גאָר פּשוט, מיר האָבן געמוזט אָננעמען אַזאַ „מיטל", כדי איר באַזייטיקן, ווייל יוסף האָט געמאַכט מיטן פאָטער אַ פולשטענדיקן ריס..."

„איך פאַרשטיי אייך ניט וואָס איר רעדט? ביטע, פרוי קאַפּלאַן, דערקלערט מיר דייטלעך, וואָס מיינט איר?"

„יוסף האָט זיך באַרימט, אַז זיין נאָמען איז הייליק פאַרבונדן מיט ליובאַן. מיט דעם האָט ער פאַרשאַפט אַזאַ לאַגע, אַז מיר האָבן קענען איר אָנגענומען „סאַנקציעס"...

„איך באַגרייף דאָס ניט!"

גאָר פּשוט, מען האָט איר פאַרשיקט..."

פריילין שוואַרץ האָט זייער באַדויערט ליובעס לאַגע, ניט אויסדריקנ־דיק דאָס אין ווערטער, האָט פייגל באַמערקט איר שטאַרקע אויפרעגונג...

זאָגט פייגל: „מצד אייך, מיין טייערע, האָט יוספס פאָטער באַ־שטאַנען."

„מצד מיר? האָט געפּאָדערט אומגליקלעך מאַכן אַ מענטשן!... יאָ, איך האָב געגאַרט דערגרייכן מיין ציל, אָבער ניט בויען מיין גליק אויף אַ צווייטנס אומגליק!..."

פרוי פייגל קאַפּלאַן, דערהערנדיק אירע רייד, חזרט איבער נאָך אַמאָל:

„יוספס פאָטער האָט זיך גענומען דאָס רעכט איר צו באַזייטיקן, אויף וויפל ס'איז אָפּהענגיק פון זיין זייט, האָט ער געזאָגט, אַז ער מוז אים באַהערשן, כדי ער זאָל זיך מיטן פאָטער מוזן רעכענען און ניט שאַפן דאָס, וואָס זיין קאָפּ האָט אים דיקטירט!..."

פריילין שוואַרץ באַוווּנדערט דאָס באַזייטיקן און נאָך מיט אַזאַ

אכזריותדיקייט!... און רעדט ניט קיין וואָרט צו איר און קוקט איר אָן מיט פאַרדרוס.

„פריילין שוואַרץ, וואָס טראַכט איר?"

„איך טראַכט איבער דעם, וואָס איר האָט מיר איצט איבערגעגעבן די טרויעריקע פּאַסירונג, וואָס איר האָט דורכגעפירט. מיט אייער טאָט האָט איר געוואָלט פאַרשאַפן אַ טענדענץ, אַז ער זאָל רעזיגנירן פון ליובאַן? לטובת מיר? איך מוז אייך ערנסט זאָגן, אַז איר האָט מיט אייער טאָט באַקעמפט נאָר זייער פּלאַן, אָבער ניט אים און אַפילו ניט לטובת מיר!..."

פייגל האָט אַרויסגעדרונגען פון איר ענטפער, אַז זי איז אַ שטאַרקע קעגנערין צו דעם, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט. דאָסגלייכן טראַכט זי, ווען פריילין שוואַרץ וואָלט ניט געווען קעגן, וואָלט דאָס געווען אַן ענין. און דאָ הערט זי פון איר גאָר אַן אַנדער מיינונג. איר גאַנצער באַציאונג צו מיר האָט זיך גאָר געענדערט.

פייגל טראַכט: איך מוז די זאַך מאַכן פּלאַטשיקער, און זי ווענדט זיך צו פריילין שוואַרץ, זאָגנדיק:

„איר ווייסט דאָך, אַז עלטערע מענטשן פאַרשטייען גאַנץ אַנדערש, מחמת זייער באַציאונג צו די דיסציפּלין־רעכט, וואָס זיי זיינען ניט נאָכגעקומען ווי מען באַדאַרף..." — און פייגל איז שטיל געבליבן, געוואָלט הערן, וואָס וועט זי אויף דעם ענטפערן, אָבער פריילין שוואַרץ האָט דאָס גאַנץ אַנדערש באַגריפּט און גאָרניט געענטפערט, דערביי טראַכטנדיק, אַז פון אַזעלכע מענטשן איז גלייכער רעזיגנירן, נאָר אַלס מענטשלעכקייט האָט זי איר אַ זאָג געטאָן:

„יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי אייך!..."

פייגל איז אַוועק אַ צעטומלטע און אַריינקומענדיק אין שטוב, געזאָגט צו וועלוולען:

„ווייסט וואָס, מיר שטעלט זיך אַ פראַגע צי פריילין שוואַרץ וועט וועגן דעם דערציילן אירע עלטערן?"

„האָסט דאָך מיט איר גערעדט אָפנהאַרציק, ווי האָט זי דאָס אויפ־גענומען?"

„ווען זי וואָלט עס גוט אויפגענומען, ווי איך האָב זיך פאַר דעם פאַר־געשטעלט, וואָלט דאָך וועגן דעם קיין רייד ניט געווען!..."

„אַזוי, אַזוי איז מיר שוין קלאָר פון דיין ענטפער, אַ קלוגע פרוי און זיך שטאַרק באַנאַרישט! דו, פייגל, האָסט פאַרקאָכט אַ קאַשע!..."

און וואָס וועט אויף דעם זאָגן יוסף, ווען ער וועט קומען און זיך דערוויסן פון דיין שטיקל אַרבעט, וואָס דו האָסט אים אָפּגעטאָן? און איצט איז מיר אַ שאַנדע, ווי וועלן קוקן אויף אונדז די פאַמיליע שוואַרץ? ווען מיר וואָלטן ניט געווען יידן, וואָלט מען אונדז אָנגענומען פאַר אַנטי־סעמיטן!...״

„וואָס נעמסטו זיך אַזוי אָן פאַר דער פרימאַדאָנע?...״

„איך זע אין דיר, אַז דו האָסט געהאַט גרויס שנאה צו ליובאַן, דעריבער האָסטו דאָס בליץ־שנעל געמאַכט, ניט לאָזנדיק מיר באַטראַכטן. מיט דעם האָסטו געבראַכט אויף מיר אַ צרה!...״

פייגל קוקט אויף וועלוועלען מיט צאָרן און ער פרעגט איר:

„וואָס קוקסטו מיך אָן? איך פיל, נאָך אַלעמען, ביסטו שולדיק.״

ער איז אַרויס פון צימער מיט כעס און אַוועק אין זיינע געשעפטן.

פריידל שוואַרץ, תמרהס מוטער, פרעגט איר: „איך זע דו ביסט פאַר־קלעמט, וואָס אַזעלכעס האָט פּאַסירט ביי פרוי קאַפּלאַן? נאָך איר אַוועקגיין, שיינט מיר ביסטו געוואָרן פאַרענדערט.״

„איך מוז דיר, מוטער, דערציילן אַ געשיכטע, וואָס ביי זיי איז פאַר־געקומען. דאָס קאָן נאָר פאָרקומען ביי אַלטוועלטלעכע אָפּגעשטאַנענע מענטשן. ווי דיר איז באַוווּסט, איז ביי זיי געווען אַ שיינע, איידעלע גוווערנאַנטין. אַזוי ווי פרוי קאַפּלאַן האָט געוואָלט מיך באַקאָנען מיט איר מאַנס זון, האָט זי מיר געזאָגט בסוד, אַז זי איז זייער פאַר דער זאַך. ווען דער זון וועט אַהיימקומען זאָלן מיר זיך באַקאָנען. און איצט, מוטער, הער אויס ווייטער. זייער זון האָט זיך געליבט אין דער גוווערנאַנטין. ווי איך פאַרשטיי, האָט זי זיך געוואָלט איינקויפן סימפּאַטיע ביי איר מאַן, אַז זי איז אַ גוטע פרוי און וויל, אַז זיין זון זאָל שליסן מיט מיר קאָנט־שאַפט מיטן צוועק צו הייראַטן. אָבער דער ענין איז צונישט געוואָרן, ווי איך פאַרשטיי פון זייער טאָט...״

„פון וועלכע קוועלן נעמסטו דאָס?״

„איך מוז דיר, מוטער, אָפן דערציילן, ווען פון דעם פאַרשטיין. ווען פרוי קאַפּלאַן האָט מיר היינט אָנגעקלונגען, אַז זי קומט און וויל מיט מיר וועגן אַן ערנסטע זאַך רעדן, האָב איך דאָס באַוווּנדערט, וואָס אַזעלכעס איז געשען? ווען זי איז געקומען, האָט זי מיך אויפגערעגט, געמאַכט אויף מיר אַ שלעכטן איינדרוק. שטעל זיך פאָר, מוטער, זי האָט זיך, ווי איך פאַרשטיי, געוואָלט איינקויפן אַ לאַסקע. זאָגט זי צו מיר: פריילין שוואַרץ, איך האָב היינט פאַרשאַפט פאַר אייך אַזאַ זאַך, אַז קיינער

טאָר דערפון ניט וויסן. איך האָב פאַרשאַפט אַזאַ זאַך, אַז יוסף זאָל טראַכטן וועגן אייך... איך האָב דאָס באַוווּנדערט: וואָס הייסט דאָס?... דו ווייסט דאָך, מוטער, אַז מיר זיינען אַלע מאָל געווען אָפּגהאַרציק מיט פרוי קאַפּלאַן. האָב איך איר געענטפערט: געוויס בין איך ניט דאַקעגן, אַז אייער זון זאָל זיין פאַראינטערעסירט, אָבער, ווי וועט איר דאָס דער־מעגלעכן? ווען זי האָט מיך אויסגעהערט, זאָגט זי צו מיר אָט וואָס: יוסף האָט זיך באַרימט, אַז ער איז „פאַרבונדן" מיט דער גוווערנאַנטקע..."

„וואָס איז געוואָרן?" — פרעגט די מוטער.

„הער, מוטער! דו וועסט זיך קיינמאָל ניט פאָרשטעלן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. זיי האָבן איר פּשוט פאַרשיקט!..."

„וואָס רעדסטו, תמרה? ווי האָבן זיי זיך אַזאַ זאַך דערלויבט? אוי, וויי, דאָס איז דאָך שרעקלעך! זי איז דאָך ביי זיי געווען פיל יאָרן. ווען מיר זיינען געווען איינגעלאַדן צו זיי, האָט מיר דער הער קאַפּלאַן דערציילט, אַז זיי האָבן איר גענומען פון בית־יתומים און דערצויגן, ווי אַן אייגן קינד. באמת אַ שאָד! אַזאַ איידעלע, אינטעליגענטנע, שיינע פריילין! איר באַנעמונג איז געווען אויסערגעוויינלעך! זי האָט אויך דיין פאָטער געפעלן. ער האָט געגעבן וועגן איר די בעסטע מיינונג."

„יאָ, מוטער, וואָס האָב איך אין אָנפאַנג געזאָגט וועגן זיי? זיי זיינען אַלטע, אָפּגעשטאַנענע שלעכטע מענטשן!"

„ניין, מיין קינד, דו קאָנסט ניט די משפּחה קאַפּלאַן! זיי האָבן געשמט פאַר גוטע אַנשטענדיקע מענטשן. זיין ג"ז פרוי איז געווען זייער אַ פיינע, געשטאַמט פון די שלאָסבערגס. דאָס האָט נאָר געקאָנט פאַרשאַפן די פרוי פייגל!... איך קאָן איר פון לאַנג. זי איז טאַקע אַ געבילדעטע, אָבער צום כאַראַקטער האָט עס ניט. איר ג"ז מאַן איז געווען אַ פיינער, אַנשטענ־דיקער, אָבער זי?... האָט געהאַט קנאה צו אַלעמען און קנאה שאַפט שנאה! יאָ, מיין קינד, איך פאַרשטיי דיין איבערלעבונג, ווייל דו ביסט אויפריכטיק און אויפריכטיקייט ברענגט אַנשטענדיקייט און ברענגט עס דעם מענטש צו פערפעקטקייט. ליידער, אַזעלכע מענטשן האָט די נאַטור פיל ניט באַשאָנקען. די פייגל האָט אַלע מאָל געשפּילט אַ ראָל פון אַן אַרטיסטין. איך האָב איר אויפגענומען צוליב איר ג"ז מאַן. ליידער, האָט ער פון איר תמיד זייער פיל איבערגעלעבט. צוליב אים איז זי ביי אונדז געווען פריינטלעך אויפגענומען. מיט איר עגאָאיסטישן כאַראַקטער האָט זי געוואָלט אויפצווינגען איר מאַן מיט איר שטיף־זון! נו, מיר וועלן עלטער ווערן, וועלן מיר הערן, צו וואָס זי וועט זיי ברענגען!..."

און אַזוי, ווי זיי רעדן, קומט אַריין באָריס און פרעגט זיין פרוי:

„פריידל, וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט?״

„ביי דער פאַמיליע קאַפּלאַן האָט פּאַסירט אַן אומגליק.״

פריידל האָט איר מאַן איבערגעגעבן אַלע פרטים, וואָס זייער תמרה האָט איר דערציילט. באָריס האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די געשיכטע און געזאָגט מיט פאַרדרוס:

„איך קאָן איר דעם „פויגל״... זי איז פעיק אויף אַלעם שלעכטס!...״

„הער באָריס, אויף וועמען איך קאָן זיך ווונדערן, איז נאָר אויף דעם הער קאַפּלאַן. איך האָב אים נעכטן באַגעגנט האָט ער אויסגעזען רואיק, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען. ער זאָל אומגעזעצלעך ברענגען אַן עלנטע יתומה צום גרונט?!... ער איז דאָך אַלע מאָל געווען אָנגענומען פאַר אַן אָנשטענדיקן מאַן!...״

„יאָ, פריידל, אין אונדזער תורה ווערט געזאָגט: אשה רעה מר ממות! דו פאַרשטייסט דאָך די באַדייטונג פון די ווערטער? איך בין ביי דער מיינונג, ווען זיין ערשטע פרוי וואָלט געלעבט, וואָלט דאָס קיין מאָל ניט פּאַסירט. זי איז געווען אַ גוטע און אָנשטענדיקע פרוי...״

ענטפערט פריידל: „גיי פרעג ביי גאָט קשיות! איך מוז דיר ערנסט זאָגן, אַז פון היינט אָן וויל איך איר ניט קאָנען. ווען זי וועט האָבן אַ געלעגנהייט אונדז טרעפן אין טעאַטער, אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ, וועל איך איר אויסמיידן... ס׳איז אַ שאַנדע, אַז די פייגל זאָל איבערטרעטן אונדזער שוועל!״

„פריידל! ביסט פאָלקאָם גערעכט. איך בין אויך דערפאַר! ווי קוקט אויף דעם אונדזער טאָכטער?״

„אונדזער טאָכטער האָט באַשלאָסן קאַטעגאָריש ניט מאַכן מיט איר קיין געשעפטן, אַזויווי קיינמאָל גאָר ניט געווען. ווען זי וואָלט געווען אַ מעסיקערע, וואָלט דערצו ניט געקומען. ווי זאָגט מען: ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען... ניט אונדזער זאַך, אַ סוף מיט זיי אַלעמען!״

*

יוסף איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, ניט ווויסנדיק, וואָס איז דאָרט אין דער היים געשען. טאָג טעגלעך דערוואַרט ער מיט דער גרעסטער אומגעדולד די פּאָסט, אפשר היינט? דער טאָג גייט פאַרביי און קיין ידיעות פון זיין טייערער ליובאַן! זיין האַרץ קלעמט אים, מעגלעך אַ בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען, אָדער ס׳האָט וואָס פּאַסירט. זיין פאַרגעפיל זאָגט אים ניט פאַר קיין גוטס. איך מוז פאָרן אַהיים. אפשר איז

זי חלילה קראַנק געוואָרן? אַ שרעק נעמט אים אַרום. איך מוז אַלץ וואַרפן, פאָרן, זען, וואָס איז דאָרט געשען?

יוסף איז מיט דער גרעסטער אומגעדולד געפאָרן צום וואָקזאַל, אויסגעקויפט אַ רייזע־קאַרטע עקספרעס און אָפגעפאָרן פון מ. נאָך ווו. פאָרנדיק אין צוג איז ער ווידער באַהערשט געוואָרן דורך שווערע שלעכטע געדאַנקען: אפשר האָט מיין שטיפמוטער, דער „פויגל", פאַרשאַפט ליובאַן איבערלעבונגען? איך האָב פאַר דער קורצער צייט איר אָבסערווירט און געקומען צום באַשלוס, אַז זי קאָן זיין פעאיק צו אַלעם שלעכטס, לויט איך האָב שוין געהערט פון אירע רייד. זי וויל אָנפירן מיט מיין פאָטער, כדי אַדורכצופירן אירע פּלענער מיט איר פריינדין פריילין שוואַרץ. ווען איך בין געווען פאַררייזט, האָט זי געהאַט אַ מעגלעכקייט מאַכן מיט ליובאַן, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט... יוסף האָט מיט זיינע אַלע קרעפטן זיך אָנגעשטרענגט צו באַהערשן זיין אומרואיקייט. ליידער, זיינע שלעכטע געדאַנקען האָבן אים באַהערשט.

אָנקומענדיק אויפן וואָקזאַל אין וו., שטעלט אים אָפּ זיינער אַ חבר, פרעגנדיק:

„ווייסטו, יוסף, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דיין ליובאַן?"

יוסף, דערהערנדיק די ווערטער, איז זיין האַרץ פאַרגליווערט געוואָרן. דער חבר באַמערקנדיק יוספס בלייכן פנים, האָט זיך אָפּגעהאַלטן פאַר־צוזעצן וועגן ליובאַס אומגליק. יוסף לאָזט אים אָבער ניט אָפּ, בעטנדיק ער זאָל זאָגן, וואָס עס האָט פּאַסירט?

„מיט ליובאַן האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק..." — זאָגט דער חבר און איז שטיל געבליבן.

יוסף בעט זיין חבר ער זאָל אים ניט ציען די נערוון, ווייל ער איז ספּעציעל געקומען געוויר ווערן וואָס עס איז מיט ליובאַן געשען?

„קורץ, — זאָגט דער חבר, — מען האָט ליובאַן אַרעסטירט און פאַר־שיקט!..."

יוסף האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן פון אַזאַ אומגעריכטן אָנזאָג.

„אַזאַ אומפאַרשעמטע מערדערין! וואָס האָט זי געמאַכט מיט מיין ליובאַן? זאָל זי פאַרברענט ווערן! איך וועל דאָס ניט איבערטראָגן, ביז איך וועל ניט נקמה נעמען פון איר!..."

מיט גרויס צאָרן איז יוסף אַריינגעקומען צום פאָטער, זאָגנדיק:

„דו האָסט זיך פאַרבונדן מיט אַזאַ אונטערוועלט־פרוי! ס'איז שרעק־לעך!" — ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק

מיט אימפעט, אַז דער פּאַטער האָט זיך דערשראָקן פאַר אים און פייגל, דערזעענדיק יוספס אויפרעגונג, איז פון הויז אַנטלאָפן.

„פּאַטער, וואָס איז מיט דיר געשען? אויך דו האָסט איבערצייגט דיין „אונטערגרונט״?! ווו איז דיין עלעמענטאַרישע לאָגיק? אויף אַזאַ אופן פּאָדערט מקריב זיין דעם לעצטן, ווער ס׳האָט געבראַכט דעם ערשטן!... אייערע דראַסטיקע פאַרלאַנגען, וואָס איר ווילט זיך פאַראייניקן מיט פּראָפעסאָר שוואַרצס טאָכטער, דער שידוך וועט קיינמאָל ניט צו־שטאַנד קומען! אייער בלוטדראַסטיקער ווילן האָט אָנגעגריפן דיין זון אויף אייביק!״

דער פּאַטער, וועלנדיק פאַרמאַסקירן זיין פרווּס אוממאָראַלישן טאַט, זאָגט צו יוספן: „דו מוזט זיך צופּאַסן!״

„איך קאָן ניט און וויל זיך ניט צופּאַסן צו וואָס מיינע געפילן נייגן זיך ניט.״

„דיין ענטפער, יוסף, איז ניט פון אַ יידיש אינטעליגענטן בחור. ביי אונדז יידן איז ניט אָנגענומען אַזאַ לייכטזיניקער שריט, ווי דו האָסט מיר געוואָלט איבערצייגן.״

„איך מוז דיר זאָגן, פּאַטער, אַז דיין טאַט איז ניט פון אַ יידישן מענטש, נאָר ווי פון אַן אַנטיסעמיט. יאָ! אויף דעם האָב איך די פולע רעכט אַרויסזאָגן מיין מיינונג. ווער ס׳וועט דאָס הערן, וועט זאָגן דאָס זעלבע. אייערע פּראָוואָקאַציעס וועלן באַטראַכט ווערן אין אַן אַנדער ריכטונג...״ יוסף וויל נאָך פאָרזעצן, נאָר דער פּאַטער רייסט אים איבער, זאָגנדיק:

„פאַרענדיקט זאָל ווערן מיט דיין פילאָסאָפיע!...״

„דאָס איז קיין פילאָסאָפיע, אין דער צייט, ווען ס׳איז אַנטשפּראָכן געוואָרן מיין פולע האַרמאָניע מיט איר, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר מיין צוקונפט. דיין פרוי האָט געבראַכט דערצו: באַגראָבן דיך מיט דיין רעפּוטאַציע, דיין איינציקן זונס לעבן צעבראָכן, ווי אויך אָפּגעריסן דיין זון פון דיר אויף אייביק!...״

„דו, יוסף, האָסט זיך פון קינדוויַיז אָן צוגעוווינט צום קורצזיכטיקן געדאַנק צו פאַרבינדן זיך מיט אַזעלכע!...״

„דו האָסט באַטראַכט ניט מער, ווי אַ מאַטעריאַל צו באַאַרבעטן אַזאַ בלוטיקן טאַט אויף ווער? אויף אַן עלנטע יתומה!...״

קומט אַריין פייגל און וויל זיך פאַרענטפערן, זאָגנדיק:

„פון דיין פולשטענדיקן ריס, וואָס דו האָסט דערקלערט דיין פאָטער, האָט געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל דאָס פאַרשאַפן...״

„מיין פּראָצעס האָט זיך נאָך ניט געענדיקט מיט אייךביידן. זאָל די באַצייכענונג בלייבן אויף אייביק פאַרבונדן מיט איר נאָמען! ליובאַ האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין אַלע היניזיכטן.״

„ניט פאַרגעס, אַז דיין טיטל פאַרקערפּערט ניט איר פערזענלעכקייט, ווי דו טראַכטסט. געגנוג בלאָנדזשען און שאַפן איינהייטן, וועלכע קאָנען ניט זיין ענלעך איינע צו די צווייטע.״

„אייער באַדייטונג רעאַגירט ניט! ביז היינט איז ליובאַ געווען, אַלס ערשטע אין מיין לעבן. ליובאַ בלייבט די לעצטע פאַרבינדונג מיט מיר אַזוי לאַנג, ווי דער פּראָצעס פון שאַפונג אונדזער צוקונפט וועט ניט ווערן פאַרענדיקט, וויל איך וואָרענען פאַר אַ געפערלעכן צוגאַנג. אַן אַנדער פּערזאָן וועט הייסן אַפילו פון מיין זייט פאַרצייכנט אַלס בלוטיקער טאַט!״

דער פאָטער, דערהערנדיק יוספס דערקלערונג, איז פאַרשטיינט געוואָרן:

„מ׳קאָן דאָך משוגע ווערן פון דיר! ס׳איז ניט אַ פּאַסיקע לאָגיק פון דיין זייט, ס׳קאָן אָפּשוואַכן דיינע אַרבעטס־מעגלעכקייטן און פעאיקייטן. דערמיט וועט פאַרניכטעט ווערן דיין וווּנדערבאַרע לערע.״

„זאָג דאָס ניט! דו מיט דיין פאַרברעכערין האָבן פולשטענדיק גורם געווען דערצו. אָבער איך וועל ווידמען מיין בעסטע ענערגיע צו דעראָבערן דעם טיטל צו וואָס איך שטרעב. אָבער טראַכט ניט, אַז איר נאָמען וועט ליקווידירט ווערן. דער מענטש לעבט מיט זיין אידעאָלאָגיע. זי איז ביי מיר פאַרהייליקט ביז מיין ענדע לעבן!...״

דער פאָטער וויל אים עפּעס זאָגן, יוסף רייסט אים איבער די רייד און זעצט פאָר:

„איר האָט ניט קיין רעכט צו דיסקוטירן און פאַרטראַכטן איבער מיינע פּראָבלעמען, וועלכע וואַרטן אַליין אויף אַן אויפלייזונג!״

יוסף איז אַרויס פון צימער אַן אויפגערעגטער. זיין האַרץ האָט אויף איין מינוט ניט געקאָנט זיך באַרואיקן און ער טראַכט: ווי און וווּהין זאָל איך גיין און ווער קאָן מיך פאַרשטיין, ווי גרויס ס׳איז מיין שמערץ? מיין אייגענער פאָטער האָט מיין לעבן צעשטערט און אומגעבראַכט אַזאַ שיינע בלום מיט אַ גוטע נשמה!... יאָ, איך מוז זיין אַ קרבן, ווייל צוליב מיר האָט זי זיך, ניט ווילנדיק, מקריב געווען. זי האָט מיר פאַראויס

געזאָגט... דעם אומגליק האָט נאָר פאַרשאַפן מיין נאַיוויטעט, טראָץ דעם, וואָס איך האָב אַרויסגעזען פון דער מרשעת, האָב איך אַפילו מיין פאָטער ניט באַדאַרפט אַנטדעקן מיינע געהיימע געפילן. איצט איז שוין אַלץ פאַר־לוירן. איך מוז זיין דער צווייטער קרבן, דאָס איז מיין לעצטער באַשלוס...״

אַזוי זיינען געגאַנגען זיינע שווערע יונגע, עלנטע יאָרן. דאָקטער קאַפּלאַן האָט ווייטער שטודירט. אין דעם האָט ער געזען אַ געזונטע ניגונג. צייטנווייז האָט זיין האַרץ און געדאַנקען געבלאָנדזשעט און גע־שאַפן ערנסטע פראַגן: אַנגעמען די פונקציע, וועלכע די פּערזאָן דאַרף דערפילן צו פאַרענדיקן דעם פּראָצעס פון בויען אַ צוקונפט? זיינע הערצלעכע ערנסטע געפילן האָבן אים דיקטירט: ניין, ניין! איך מוז זיין אַ קרבן, ווייל צוליב מיר איז מיין טייערע ליובאַ אַ קרבן געווען! אַזוי האָט ער זיך פיל יאָרן צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער איז אויף אייביק פאַרבונדן מיט איר נאָמען. און אַזוי זיינען פאַרלאָפן זיינע יונגע בליענדע יאָרן. ער האָט מצליח געווען און דערגרייכט זיין קאַריערע, באַקומענדיק דעם טיטל „פּראָפעסאָר״ צו קאָנען העלפן קראַנקע, אָרעמע מענטשן... מיט דעם האָט ער זיך באַרואיקט, אַז ער וועט דערפילן זיין אויפגאַבע מיט שטאָלץ. ער איז געווען אַ גוטער מיטפילנדער מענטש! ער האָט געשמט מיט זיין פּראַקטיק. מיט דעם האָט ער זיינע שווערע געפילן באַרואיקט.

*

ווען יוסף האָט פאַרלאָזן זייער צימער, איז דער פאָטער אַן אויפ־געטרייסלטער געוואָרן פון זיינע דערקלערונגען. ער גייט אַרום איבערן צימער אַן אויפגערעגטער, ריידנדיק אויפן קול: „מיין זון האָט פאָלקאָם רעכט מיך צו באַשולדיקן. איך, אַלס פאָטער, האָב ניט געטאָרט נעמען דאָס רעכט צו שטערן זיין גליק! היינט פאַרשטיי איך, אָבער ס׳איז איצט ניט אָנבאַלאַנגט פון מיר. דו, פייגל, האָסט מיר פאַרשאַפט צרות, אַז מיין זון איז מיר געוואָרן אַן אייביקער שונא!״

„וואָס רעדסטו, וועלוול, איך פאַרשטיי אַנדערש: ער איז נאָך יונג, ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער אַנדערש קלערן.״

„ניין, ניין! דו קאָנסט ניט מיין זון. ער איז אַן אַקטיווער מאַן! דערפאַר קאָן איך זאָגן, אַז איך האָב געבראַכט צוויי קרבנות!... אַ מענטש מוז יעדע זאַך באַטראַכטן, איידער ער גייט טאָן, אַפילו אַ גוטע זאַך. ניט כאַפּ־לאַפּ און אָפּגעטאָן!... דעריבער באַשולדיק איך דיך. מיין זון איז געווען אַ שטילער, אַ צאַרטער, ווי אַ יונג בוימעלע אין וואַלד, אַזוי

איז ער דערצויגן געוואָרן. היינט האָסטו אים געבראַכט צו אַזאַ לאַגע, אַז ער וועט ווערן אַ וואַנדערער, אַן איינזאַמער אויף דער וועלט. אַלץ צוליב דיין גאַרונג, וואָס דו האָסט געוואָלט אים פאַרבינדן מיט דיין פריינדינע. דו האָסט מיין קאָפּ גוט פאַרדרייט און אומגעבראַכט, ווי יוסף האָט געזאָגט, אַזאַ שיינע בלום! דאָס קאָן מען פון איר ניט אָוועקנעמען. ס׳איז מיר אַ ווייטיק און אַ שאַנדע, אַז דאָס האָט ביי מיר געדאַרפט פּאַסירן! דו האָסט פאַרטונקלט זיין לעבן. דאָסגלייכן אַזאַ שיינע, ליכטיקע צוקונפט, וואָס איך האָב געקאָנט דערוואַרטן פון מיין זון. וואָס ער רעדט און וועט רעדן, וועל איך מוזן שווייגן.״

מיט די ווערטער האָט ער פאַרענדיקט און אַרויס פון שטוב.

פייגל איז געבליבן זיצן אַ פאַרצווייפלטע פון איר מאַנס טענות. זי טראַכט: ער האָט רעכט. ווער האָט אים געקאָנט און געוווּסט, אַז ער איז געווען פון קינדהייט אָן פאַרליבט אין דער מויד? נאַדיר אַ צרה אויף מיין קאָפּ! איצט מאַכט ער מיר אין גאַנצן שולדיק...

קומט אַריין וועלוול און פרעגט: „וואָס טראַכסטו פייגל?״

„יאָ, איך האָב באַדאַרפט פריער טראַכטן. אָבער איצט, נאָך אַלעמען מאַכסטו מיך שולדיק? געדענקסט דאָך גוט, וואָס דו האָסט מיר געבעטן: גיב אַן עצה, ווער האָט געקאָנט וויסן אייערע געשעפטן! צי דען האָסטו, ווי אַ פאָטער, קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז ער איז „פאַרכליאַבעט״ אין דער שטוב־מויד?...״

„איצט פאַרשטיי איך דיר נאָך בעסער, ווען איך וואָלט דיך פריער פאַרשטאַנען, וואָלט צו דעם אומגליק ניט געקומען.״

„איך פאַרשטיי דיך ניט, וואָס הייסט „פאַרשטאַנען״? — פרעגט פייגל.

„איך פאַרשטיי פון דיינע רייד, ווי דו דריקסט זיך אויס אויף ליובען: שטוב־מויד, איז צו זען, אַז דו האָסט איר ניט באַגריפן. זי איז ביי אונדז ניט געווען קיין שטוב־מויד, נאָר אַ גוווערנאַנטין. אויך איר אָפּשטאַם איז געווען אַ פיינער.״

„האָסטו, וועלוול, געקאָנט אירע עלטערן?״

„פון אירע דאָקומענטן.״

„פאַרוואָס ביסטו געווען קעגן איר?״

„איך ווייס אַליין ניט, — זאָגט וועלוול, — דו האָסט מיר אין דער צייט פון זיין אַהיימקומען תמיד געפּרעסן מיין האַרץ פון זיין געהיימען בונד מיט ליובען. דו האָסט נאָכגעקוקט זיין יעדן טריט, געהעצט קעגן

זייביידע. ווייסט ניט, אַ פּאַטער וויל דאָך שטענדיק בעסער און שענער פאַר זיין קינד!״

„אין דעם פאַל דאַרפסטו דאָך מיר ניט מאַכן שולדיק! אויב אַזוי ביסטו דאָך אַ מיטשולדיקער! ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „וואָס בעסער מען וויל, אַלץ ערגער שאַפט מען׳...״

„שווייג בעסער, פייגל, וועט מיר זיין גרינגער אויפן האַרץ! דיינע טובות, וואָס די האָסט געוואָלט מיר פאַרשאַפן, וועל איך ניט פאַרגעסן ביז מיין לעצטן אָטעם!...״

„איידער איך האָב דערפילט מיין גליק, בין איך פאַרפלייצט געוואָרן מיט ביטערנישן.״

„דערפאַר, זעסטו פייגל! דאַרף מען תמיד זיין נייטראַל: ניט וועלן איינעם גוטס טאָן אויפן חשבון פון צווייטן. דאָס האָט פאַר אונדז אַלעמען פאַרשאַפט גרויסע צרות. און גאָט ווייסט מיט וואָס ס׳וועט זיך ענדיקן?״

און אַזוי גייענדיק איבערן צימער הין און צוריק, פאַרקלעמט פון זיינע איבערלעבונגען, האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אין פּסוק איז געשריבן: „אשה רעה מר ממות...״ דאָס אומגליק, וואָס זי האָט מיר אַריינגעבראַכט, וועט זיין אַ סענסאַציע פאַר אַלע מיינע באַקאַנטע, איך וועל ניט קאָנען אויפהויבן מיין קאָפּ! היינט, וואָס טויג מיר מיין גאַנצער לעבן?! נאָך אַזאַ בעל־הבתישע פּרוי, וואָס האָט מיר געגעבן גרויס כבוד און דער־פירט, אַז איך בין באַוווּסט געוואָרן אַלס אַנשטענדיקער מענטש. איך האָב געטאָן אַ גרויסן פעלער, ניט געדאַרפט זיך צוהערן פון מיינע גוטע פריינט, וואָס האָבן מיר געראָטן ניט צו בלייבן אַליין. איך האָב פאַרן מאַכן אַזאַ שריט געדאַרפט גוט באַטראַכטן, אַז אַ פּאַטער האָט אַן איינציקן זון, דערצו אַזאַ אבן־טוב, וואָס מיין ג״ז גוטע פרוי שיינדעלע האָט מיר געשאָנקען, האָב איך באַדאַרפט אַנדערש האַנדלען: דאָס ערשטע זען אַ פּאַסנדע כלה פאַר אים, איינריכטן, לויט מיינע מעגלעכקייטן. דאָס וואָלט מיר פאַרשאַפט נחת. ס׳וואָלט געווען שיין פאַר לייטן און ניט געבראַכט צו אַזאַ חורבן אויף מיין טייערן בכבודיקן זון, וואָס גאָט און לייט האָבן זיך מיט אים געבענטשט! איך האָב זיך אַליין פאַרשעמט, ברענגענדיק מיין זון צו אַזאַ טראַגישן צושטאַנד! זי האָט זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט מיין רייכקייט, נאָר געוואָלט מיך אינגאַנצן באַהערשן. זי האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אירע שלעכטע געדאַנקען און מיר ניט געלאָזט באַטראַכטן, נאָר גלייך נאָכפאָלגן אירע עגאָיסטישע פּלענער. איצט האָב איך קיין לעבן ניט. וואָס טויג מיר מיין פאַרמעגן, אַז איך האָב ניט פאַר וועמען

צו לעבן. מיין הויז איז פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום!... ווי האָט שלמה המלך געזאָגט: „טוב פת חרבה ושלוה בה, מבית מלא זבחי ריב״, ד.ה. בעסער אַ שטיקל טרוקן ברויט און רו, איידער האָבן אַלעס גוטעס און אין שטוב זאָל זיין פול מיט קריג...

אַזוי איז מיר מקויים געוואָרן. יאָ, ווען דער מענטש זאָל פאָראויסזען פריער, וואָס שפּעטער וועט פון דעם אַרויסקומען, וואָלט מען געקאָנט אויסמיידן אַ סך שלעכטס, אָבער, ליידער, דער שכל איז אַ קריכער און פאַרקריכט אין אַ געפערלעכן וועג. איך האָב אַ באַגרינדונג צו טראַכטן, אַז די געפערלעכע שנאה, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן צו דער אָרעמער יתומה ליובאַ, האָט איר באַוויזן די געדאַנקען אַרויסצוברענגען מיך פון געדולד און דעראָבערן, זי זאָל זיין די וויכטיקסטע אין שטוב, ווייל איר ג״ז מאַן האָט איר פאַרגעטערט, ווי זי האָט עס מיר דערציילט. וואָס טויג אַ שיינע פּאָס, ווען אין איר איז שלעכטער ווייך!... ווער קאָן מיר היינט העלפן? פון מיין זונס רעזיגנאַציע צו מיר קאָן איך דען האָבן טענות צו אים? ער געפינט זיך דאָך אונטער אַ שטאַרקן פייער, וואָס דאָס שיינע, טייערע קינד ליובאַ האָט אין אים אָנגעצונדן נאָך פון קינדערוויז אָן... דאָס מוז איך מודה זיין, אויף וויפל איך האָב איר געקאָנט, זי איז ווערט געווען פאַר איר איידעלער, שיינער באַהאַנדלונג צו מיין ג״ז פרוי שיינדעלע, גרויס דאַנקבאַרקייט. מיט וואָס האָב איך איר פאַר דעם אַלעם באַצאָלט?!... ליידער, ליידער בין איך אין דעם אַלעם שולדיק! איך האָב צופיל אַרויסגעוויזן מיין צוטרוי צו איר. איך האָב שוין פאַרלוירן מיין גלויבן צו איר, אַז זי האָט באַשטאַנען שאַפן אַזאַ געפערלעכן שריט, איז צו וואָס קאָן זי זיין ווייטער פעאיק? איך מוז פאַרענדיקן מיט איר. ניט זי איז פאַר מיר. דאָס מוז זיין מיין אָנהויב, אַז מיר זיינען ניט פּאַסנד איינע פאַר די צווייטע. איך קאָן שוין מיט איר ניט זיין מער אונטער איין דאַך. ווען איך וועל פון איר פטור ווערן, איז מעגלעך, איך וועל זיך קאָנען באַרואיקן. זי איז פאַר אונדז געקומען אין הויז, ווי אַ מלאך המות!... ס׳איז דאָ אַ כלל: „אַ שלעכטער מענטש ברענגט צו שלעכטס״. איז געוויס בעסער, וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן מיט איר. ניט ביי קיינעם פרעגן עצות. מערסטנס מענטשן זיינען ניט געניגט צו ראָטן גוטס... ווען מיינע גוטע פריינד וואָלטן געווען אמתע, וואָלטן זיי מיר אַנדערש געראָטן!... ליידער, מיין פולער צוטרוי צו מענטשן, האָט מיך געבראַכט צו אַלע צרות!... דעריבער מוז איך זיך שטאַרקן, אָננעמען מוט און ניט לאָזן זיך באַהערשן פון דער מרשעת. איך טאָר צו איר

ניט האָבן קיין מיטגעפילן און ניט מוחל זיין! אין קעגנפאַל, וועט דאָס זיין פון מיין זייט לעכערלעך. ווי איינער וועט באַטראַכטן מיין האַנדלונג, אינטערעסירט מיך ניט. זאָל זי ניט האָבן צו מיר קיין טענות, ווי מען קאָכט, אַזוי עסט מען. זי וועט שוין מיר ניט איבערצייגן. איך פאַרענדיק מיט איר אויף אַלע מאָל.״

אַזוי האָט ער באַשלאָסן און אַרויס פון שטוב.

*

אין דער זעלבער צייט טראַכט פייגל פון איר קורצזיכטיקייט, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן ליובאַן: איך האָב גענומען אויף זיך אַ פונקציע, וואָס דאָס האָט ניט געדאַרפט געהערן צו מיר. מיין איניציאַטיוו האָט ניט געדאַרפט זיין קעגן ליובאַן, ווייל דאָך איז זי געווען ביי זיי לאַנגע יאָרן. דאָס האָב איך יאָ געוווסט, האָב איך ניט געדאַרפט מאַכן אַפילו אַ פּרווו, אַז דאָס זאָל אַרויסרופן פון מיין זייט אַנטוישונגען. הייַנט זע איך, אַז איך האָב פון ביידע זייטן פאַרשפּילט און געשעדיקט מיין רעפּוטאַציע. סוף־סוף וועלן אַנגענומען ווערן מצד לייטן ניט קיין בכבודיקן אָנזען קעגן מיר, נו, וואָס קאָן איך מאַכן? איך גלויב, אַז די אומגערעכטיקייט וועט זיין אויף מיין זייט. דאָס וועט בלייבן אַ גרויסער פלעק אויף מיר. מיין ג״ז מאַן האָט מיר פיל מאָל געוואָרנט: ניט נאָכקומען מיינע עגאָאיס־טישע געפילן. ער איז געווען אַ קלוגער מאַן. ער האָט מיר געראָטן, איך זאָל שטענדיק מעסטן, וועגן, וואָס איך וויל טאָן, און ניט אָננעמען אַ שטעלונג און גלייך אויספירן. דאָס האָט מיר איצט איבערצייגט. איך האָב געוואָלט קאָנקורירן, באַווייזן, אַז איך קאָן אָנפירן מיט אים, ווי אויך מיט זיין זון. און דאָס ערגסטע, וואָס זיין זון איז טאַקע געפאַלן, ווי זיין פאָטער האָט דערקלערט, אַ קרבן. ווי איך פאַרשטיי, וועט מיר וועלוול קיינמאָל ניט מוחל זיין. זיין אַנטוישונג קעגן מיר וועט בלייבן אויף אייביק. אין אירע פאַרצווייפלונגען האָט זי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די גאַנצע איניציאַטיוו איז דאָך געקומען פון איר זייט. ס׳איז שוין שפּעט, איך קאָן שוין גאָרניט העלפן!...״

*

וועלוול באַשליסט אָן צווייפל אָן ענדע מאַכן מיט פייגלען. דאָס ערשטע איבעררייסן מיט איר אַלע באַציאונגען, ניט אונטערגעבן זיך איר שיינעם פּרויען־געשטאַלט מיט איר שיין פּנימל, וואָס קאָן פאַרכישופן אַ מאַן. ווי אומגליקלעך איך בין! אויף מיינע מיטעלע יאָרן באַדאַרף איך האָבן צו טאָן מיט אַזאַ אָנשיקעניש! זי האָט מיך אַריינגעצויגן אין

אַ זומפּ. ווען מענטשן וועלן זיך דערוויסן, וואָס זיי וועלן זאָגן, וועלן זיי זיין גערעכט! מיט די פאַרצווייפלטע געדאַנקען האָט ער זיך געוואָרנט: נאָר זיך ניט פאַרלירן. אַזוי לייכט, ווי איך בין אַריינגעפאַלן, אַזוי מוז איך אַרויסקריכן! מיט דעם באַשלוס איז ער אַהיימגעקומען.

„איך זע, וועלוול, אַז דו ביסט זייער צערודערט. צי באַדאַרף מען תמיד זיין פאַרטרויערט? זאָג מיר, האָסטו ניט געהערט, געזען דעם נחת, וואָס עלטערן האָבן פון שלעכטע קינדער?"

„יאָ, ענטפערט וועלוול, איך פאַרשטיי, אַז פון שלעכטע קינדער האָט מען ניט קיין נחת, ווען איז דאָס גערעדט, ווען אַ קינד איז פון נאַטור שלעכט, אָבער מיין זון איז מיט אַ גוטן מיטגעבוירענעם אינטעליגענטן כאַראַקטער. זיין ג"ז מוטער האָט אין אים איינגעפלאַנצט גוטע מידות, וועלכע האָבן מיר געגעבן האָפענונגען, אַז פון אים וועל איך האָבן כבוד און נחת. דו האָסט פון אים אַלעס גוטס אַרויסגעריסן, ווי מען רייסט אַרויס דעם בוים מיטן וואָרצל. דערביי מוז איך דיר באַטאָנען, אַז ווייטער קאָן צווישן אונדז קיין לעבן ניט זיין!"

פייגל, דערהערנדיק פון וועלוולען זיין קורץ־שאַרפן אַרויסגעזאָגטן באַשלוס, האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן און אים געענטפערט:

„איך האָב געחלומט פון אַ נייעם שיינעם לעבן און געטראַכט וועגן אַ רעאַלן צוקונפט. לײדער, האָט די מויד צעגליט אין דיר אַזאַ פּיינט־שאַפט, וואָס פאַרכאַפּט מיין גאַנצן וועזן און שאַפט אַ גערעאַנגל און פאַראַכטונג לגבי מיר. דו, וועלוול, ביסט דאָך מסכים געווען צו דעם! פאַרוואָס ביסטו געוואָרן גלייכגילטיק צו מיר?..."

„איך מוז דיר זאָגן, אַז אַזאַ פרוי, ווי דו, האָט באַדאַרפט אַנדערש פאַרשטיין און אייגאָרדענען אונדזער לעבן. האָסט ניט געדאַרפט מישן זיך, מאַכן אַזעלכע נקמה־טאָטן! וואָס ווייסט אַ מאַן? דו האָסט מיר אָנגעוואָרפן אַ געדאַנק כלומרשט פאַרשאַפן פאַר מיין זון אַ פּאַסנדע צוקונפט. דיין צוגאַנג איז געווען אויסצופירן גאָר עפּעס אַנדערש... דו ביסט אַ גרויסע עגאָאיסטין, און מען דאַרף זיך היטן פאַר דיר..."

„אַזוי ווייט ביסטו אַוועק? איך גלויב ניט, וועלוול, אַז דו האָסט פאַרלוירן די גוטע געפילן, וואָס דו האָסט מיר אַרויסגעוויזן, זאָל זיך ענדיקן אַזוי פּיינטלעך!..."

„דו אַליין האָסט זיי אין מיר פאַרענדיקט!..."

„אַזוי ווייט האַלטסטו?" — פרעגט פייגל.

„יאָ, ניט איך אַליין זאָג. ווען דו וועסט דאָס גוט באַטראַכטן, וועסטו האָבן די זעלבע איבערצייגונג."

„לאָמיר אָנפאַנגען רעדן צו דער זאַך. ווערלוול, וואָס פאַרלאַנגסטו?"

„איך פאַרלאַנג ניט פון דיר קיין גערעכטיקייט, ווייל די נאַטור האָט עס דיר ניט געשענקט. מיר איבערצייגן קאָנסטו שוין ניט מיט קיין זאַך, אַלזאָ אין גיכן פאַרענדיקן מיר אונדזער צוזאַמענלעבן."

„ס'איז מיר אַ שאַנדע צו הערן פון דיר אַזעלכע דבורים! הערסט, ווערלוול, מיר מוזן זיך צופּאַסן. דו ביסט דאָך ניט קיין יונגער מאַן, וואָס בייט פּרויען, ווי הענדשקעס!... אין לעבן פּאַסירט פאַרשידנס: גוט, שלעכט. דעם מענטשנס לעבן ברענגט אַמאָל באַוווּנדערונג צו גוטס, צי פאַרקערטס, דאָך מוז מען אַלץ אָננעמען, ווי ס'גייט!"

„ביי מיר קאָן עס ניט אָנגענומען ווערן לויט, ווי דו, פייגל, רעדסט. קיינער וועט מיר ניט איבערצייגן. דו מיט דיין כאַראַקטער געוויס ניט! אַלץ קאָן מען ענדערן. ס'טרעפט פאַרשיידנס, אָבער דאָס, וואָס האָט ביי אונדז פּאַסירט, וועט קיינמאָל ניט ענדערן די לאַגע. איך האָב פעסט באַשלאָסן. קיינער רעאַגירט ניט מיט מיר, אַחוץ דיין רעאַגירונג, וואָס האָט געבראַכט שלעכטע רעזולטאַטן."

„דו ביסט צו שטרענג צו מיר, באַזין זיך, וואָס דו ווילסט מאַכן! מיר גייט אין דעם: איך האָב אָפּגעלעבט 15 יאָר, אַלע זיינען מיך מקנא געווען מיין שיין פאַמיליען־לעבן. איך האָב, ניט ווילנדיק, געגאַנגען מאַכן אַ לעבן, נאָר צוליב דעם, וואָס מיינע באַקאַנטע האָבן מיר געראָטן גיין פאַר דיר, אַז איך וועל האָבן מיט דיר אַ גוט לעבן. מען האָט דיך געלויבט אַלס גוטער מאַן, וואָס ווייזט זיך אַרויס?..."

„יאָ, מענטשן האָבן געוווּסט, וואָס זיי האָבן גערעדט און געראָטן. אָבער, ווי זאָגט מען: ווען מען טרעט אַרויף אויף אַ קאָטשערע, גיט זי צוריק! דו האָסט ניט נאָר מיר אָנגעטראָטן, אַפילו זיך אויך... דו האָסט פאַרוואַנדלט מיין פרייד צו שפּאָט און שאַנדע!"

אַזוי האָבן זיי זיך זייערע אַרויסגעזאָגטע אַרגומענטן קעגנזייטיק דערקלערט. דאָך טראַכט ער, אַז אויך ער האָט אין דעם אַ שולד. ווי זאָגט מען: „אַ פרוי האָט לאַנגע האָר מיט אַ קורצן שכל"... איך אַלס מאַן, האָב באַדאַרפט די זאַך בעסער איבערטראַכטן און דערצו האָב איך געדאַרפט אָננעמען, אַז די זאַך איז ערנסט, אַז זיי זיינען זיך געפעלן און זיי ניט געדאַרפט שטערן.

ליובאַ איז דאָך פון קינדוייז אָן געווען ביי אונדז, האָב איך באַדאַרפט

פאַרשטיין, אַז צווישן זיי האָט זיך געשאַפן אַ שטאַרקע ליבע, ניט ווי זי האָט מיר מיט אירע העצעס, ליידנשאַפטלעכע פאַראַכטונג דערקלערט און אַריינגעשלעפט זיי אין דעם אומגליק.

לויט ווי איך האָב פון יוספן געהערט זיינע דערקלערונגען, איז דאָס געווען אַן אויסערגעוויינלעכע ליבע. ער האָט מיר מיין האַרץ צעבראָכן. דאַקעגן זי האָט מיר פאַרשלייערט איך זאָל ניט קאָנען זען די ווירק־לעכקייט און געשאַפן אַן אַטמאָספערע, אַז איך קאָן זיך ניט אַן עצה געבן. איך וויל זיך דערווייטערן פון דעם, אָבער ס׳לאָזט מיך ניט נאָך. וואָס מער, איך באַטראַכט, ווייטיקט מיר מיין האַרץ פאַר אים און פאַר איר. מילא, ער איז כאָטש אויף דער פריי. אָבער זי איז פאַרלאָזן פון דער פרייער וועלט. דערצו שטעל איך מיר פאָר איר פאַרביטערונג, וואָס די אָרעמע יתומה טראָגט אויף מיר.

פאַרוואָס קומט עס איר? איך ווייס ניט, ווען איך וועל קאָנען באַרואיקן מיינע נערוון? איך שטעל זיך פאָר, ווי ס׳איז מיין זון אויפן האַרץ? ווען אַן אייגענער מענטש קאָן אָפּטאָן אַ צווייטן, אַז ער זאָל האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן, און בפרט אַן אייגענער פאָטער!... לאָמיר אָננעמען, אַז איך האָב מיט איר פאַרענדיקט, איז וואָס? וועט דאָס פאַרלייכטערן מיין זונס לאַגע? אָדער ס׳וועט שאַפן אַ בעסערע לאַגע פאַר דער אָרעמער ליובאַ?

יאָ, ניט אומזיסט זאָגט מען: „אשה רע מר ממות.“ זי האָט אונדז אַלעמען פאַרביטערט! זי האָט מיר געשאַפן אויפן גאַנצן לעבן צרות צרורות, וואָס דאָס בילד פאַר מיר וועט ניט פאַרשווונדן ווערן ביז מיין לעצטן אָטעם!... איך מוז פון איר וואָס שנעלער פטור ווערן, ווייל ווען איך זע איר, צאַפּלט אין מיר אויף מיין האַרץ און נשמה!...

זאָל זי גיין פון מיין הויז! מיינע אויגן זאָלן איר מער ניט זען! אויב איך וועל ניט מיט איר גיך פאַרענדיקן, פיל איך, אַז איך וועל דאָס ניט אַריבערטראָגן! דאָס וועט צעטרייסלען מיין גאַנצן פונדאַמענט, וואָס איך האָב אויפגעבויט מיט אַלע מיינע כוחות, זאָל חלילה ניט גיין לאיבוד. און צום סוף זאָל איך אויך ניט פאַלן חלילה אַ קרבן!... דאָס העכסטע, וואָס איך מוז אָנווענדן, איז נאָך אַמאָל ריידן מיט איר, ווי זי זאָגט מיר: מען דאַרף ניט לייגן צופיל אַכט.

איר איז לייכט צו זאָגן. אָבער, ווען זי וואָלט געפילט מיינע איבער־לעבונגען אַלס פאָטער, גלויב איך, זי וואָלט אויסגעדריקט איר פאַרבי־טערונג מער פון מיר, איך טאָר ניט נעמען אין אַכט אַלע אירע מעשיות

מיט דעם, וואָס זי האָט מיר געוואָלט באַגייסטערן, אַז ביי איר מאַן איז זי געווען זיין „אידעאַל". מעגלעך, אַז זי האָט אים ניט געקאָנט פּראָוואָצירן, ניט האָבנדיק קיין קינדער פון איר מאַנס צד. איז וואָס גייט מיך אָן איר דערפאָלג, וואָס זי האָט געהאָט? און דאָך נעם איך אַרויס פון אירע רייד, אַז צוליב אים האָט מען איר הויך געהאַלטן. מילא, זי דאַרף מיר אַזוי דערציילן, אָבער דאָס וועט גאָרניט פאַרבעסערן מיין לאַגע, אַפילו אירע אויך ניט. איך טאָר ניט פאַרגעסן איר הפקרות אויב איך וועל זיך צוהערן צו אירע טענות, וועט עס זיין פאַר מיר, ווי אַראָפּנידערן אין די טיפענישן פון אָפּגרונט!...

אין דער זעלבער צייט ליגט פייגל אין שלאָפצימער אונטערן בלויען ליכט־לאָמפּ און טראַכט: ווען וועלוול וועט באַנייען זיינע טענות צו מיר, וואָס זאָל איך אים ענטפערן?

עס איז דאָך אמת, אַז איך האָב זיין זון פון אים פאַרוואָגלט! איך קאָן דאָס פאַר קיינעם ניט פאַרלייקענען, דערצו האָב איך אָפּגעטאָן אַזאַ פאַרברעכן לגבי ליובען, וואָס עס קאָן איינהילן מיין צוקונפט אין שוואַרצע וואָלקנס, אין פאַל, ווען איך וועל וועלן נאָך אַמאָל מיט וועמען פאַרבינדן מיין לעבן. איך בין דאָך נאָך יונג, צווייטנס בין איך דאָך עלנט געבליבן און זיין אַליין איז אוממעגלעך. אפשר איז גלייכער אים ניט אויפרעגן? סיי ווי וועט ער זיין פרעמד פאַר מיר, אַפילו, ווען איך זאָל אים זיין ווי איבערגעגעבן, גלויב איך, אַז ער וועט לגבי מיר ניט ענדערן זיין מיינונג. איז צוואָס טויג שוין אַזאַ צוזאַמענלעבן?

אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, ליגנדיק אויף איר געלעגער אַ מידע, איז זי איינגעשלאָפן. חלומט זיך איר ג״ז מאַן, ווי ער צענעמענדיק אירע שיינע בלאָנדע לאָקן אויף אירע אַקסלען און מאָלט איר.

פון גרויס איבעראַראַשונג, האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן, אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, טראַכט זי איז דאָס געווען אַ חלום?...

זי האָט ניט געהאַט די גענוגנדע גלייכגעוויכט צו איבערצייגן זיך און אָנגעפאַנגען ספּאַזמען... קיינער איז אין שטוב ניט געווען.

ווען זי איז געקומען צום פולן באַוווסטזיין, האָט זי זיך דערמאָנט דאָס ליד, וואָס איר ג״ז מאַן האָט איר דעקלאַמירט:

ליבע פייגעלע, דיין לעבנסוועג זאָל זיין ריין, ווי קריסטאַל
דאַן וועסטו האָבן דערפאָלג איבעראַל.
באַצויבערט האָסטו מיר,

ליבן ליב איך דיר פיל,
מיין ביטע איז צו דיר:
זאָלסט עס נעמען אין אַכט,
דאַן וועט אונדזער לעבן זיין גליקלעך און געאַכט.
גיין זאָלסטו תמיד אין מיינע וועגן,
דאַן וועסטו באַצויבערן אונדזער לעבן.
אַנווענדן, ווי מעגלעך, ניט מאַכן פעלערן...
קיינעם אין לעבן ניט שטערן,
וועט דיין לעבן קיינמאָל ניט פאַראיינזאַמט ווערן...

פייגל טראַכט, ווען איך וואָלט אין אַכט גענומען מיין ג״ז מאַנס אָנווייזונגען, וואָלט איך ניט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון מיין אייגענעם לעבן. אָבער דאָס, וואָס איך האָב געזען אין חלום באַדייט, אַז איך מוז פאַרשטאַרקן מיין גלויבן אין זיך און שאַפן פרישע ענערגיע, איך זאָל פאַרגעסן דאָס, וואָס איך לעב איבער צווישן די פיר ווענט. דאַן וועט נאָך מיין יוגנט אויפלעבן און שאַפן אַן אינטערעס אויף ווייטער. די פעלערן וואָס איך בין באַגאַנגען, דאַרפן מיר דינען, ווי אַ וואָרענונג, ווייל ס׳האָט מיר געקאָסט אַ סך געזונט און ס׳מוז בלייבן אַ געהיימניס, כדי אָפּצוהיטן מיין כבוד. און אין איר אומבאַקוועמער לאַגע פון איר אומגערעכטיקייט, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן אַלעמען, איז זי אַרויס פון שטוב, כדי זיך קאָנען עטוואָס באַרואיקן, ווי אויך קאָנען אַרויסגיין פון טעמפּן ווינקל און אויך דערווייטערן זיך פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אַזוי גייענדיק פאַרטראַכט, ניט קאָנענדיק קומען צו אַ קאָנקרעטן ענטפער פאַר זיך אַליין, קומט אין איר קאָפּ אַ געדאַנק: וואָס בין איך אַזוי פאַרצווייפלט? געלט מוז איך פון וועלוועלען באַקומען. די וועלט איז נאָך ניט אונטער־געגאַנגען. אַ פּאַך האָב איך דאָך אויך. און מיט אַ פאַך קאָן מען אין ערגעץ ניט פאַרלירן ווערן. פלוצים טרעפט זי אָן אַ יוגנט־חבר, וואָס האָט איר אַמאָל סימפּאַטיזירט. די באַגעגעניש האָט איר געמאַכט אַביסל פאַרגעסן אין איר דערשלאָגנקייט.

דער חבר, ד״ר יצחק ראָזענקראַנץ, פרעגט איר: „פייגעלע, וואָס ביסטו אַזוי פאַרצווייפלט?״

„דו ווייסט, יצחק, אַז מיין מאַן איז שוין דריי יאָר ניט צווישן די לעבעדיקע?״

„וואָס פרעגסטו צי איך ווייס? איך האָב עס אין צייטונג געלעזן.״ —

און אַזוי ריידנדיק באַטראַכט ער און באַוווּנדערט איר שיינקייט, איר שלאַנקע פיגור און ער טראַכט, ווי צוציענד זי איז נאָך!... גלייכצייטיק אָבסערווירט זי אים און ווערט אַפּאַטיש, ווייל ער אַנטשפּרעכט ניט איר געשמאַק: ער איז ניט הויך, ניט שיין, אָבער זי ווייסט, אַז ער באַזיצט אַ גוטן כאַראַקטער. טראַכט זי, אַז דאָס איז וויכטיקער אין לעבן. דען וואָס טויג אַ שיינער מאַן, ווען ער איז צופיל פּרינציפּיעל? בעסער אַ גוט האַרץ, ווי אַ שיינער מאַן!...

יצחק באַמערקט, אַז פייגל לעבט פיל איבער און רעדט צו איר, ווי אַ גוטער חבר:

„איך האָב אַ פאָרשלאַג. זאָלסט זיך ניט באַליידיקן, וואָס איך וועל דיר פאָרלייגן: ביי אונדז אין שפּיטאָל פאָדערט זיך אַן אָבערשוועסטער. אַזוי ווי איך ווייס דיין לאַגע, שטויס איך מיך אָן, אַז עפּעס האָט מיט דיר פּאַסירט.״

זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי מען וואָלט אָנגערירט אַ קראַנק אָרט.

„יאָ, יצחק, דאָ איז ניט דאָס אָרט ווענן דעם צו רעדן. דיין אויפ־מערקזאַמקייט גיט מיר אַ געלעגנהייט מיט דיר אָפנהאַרציק זיך דורכ־רעדן.״

„פייגל, דו ווייסט דאָך מיין נאַטור, אַז איך בין פון די מענטשן, וואָס בענקען פון קינדהייט אָן צו זיין נאָענט צו די, וואָס זיינען אָפנהאַרציק. אמת צייטנווייז בידעריקט עס אַראָפּ דעם מענטש, אָבער די נאַטור איז דאָך שטאַרקער פון אַלץ. זאָג מיר, פייגעלע, ווו ווילסטו זיך טרעפן מיט מיר?״

„ווו געפינסטו זיך?״ — פרעגט פייגל.

„איך שטיי איין אין האָטעל „מעטראָפּאָל״. איך דערוואַרט דיך צו יעדער צייט.״

„איך וועל קומען 7 אָוונט.״

מיט דעם זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען. יצחק איז געווען זייער צופרידן פון דער באַגעגעניש. פייגל — דאָס גלייכן. זי טראַכט: די זאַך איז פון גאָט אַליין געקומען פאַר מיין צעוווייטאָקטע האַרץ. ווי איך פאַר־שטיי איז ער אַ פרייער מענטש, ווייל ער איז דאָך נאָך היינט מיט מיר פאַראינטערעסירט. איך וועל עלטער ווערן מיט אייניקע שעה, וועל איך בעסער קאָנען ווענן אים אַ טראַכט טאָן. די צייט איז איר געווען לאַנגווייליק, דאָך — פאַרלאָפן. יצחק האָט איר אָפּגעוואַרט מיט צופרידנ־הייט. זי — דאָס זעלבע. ער נעמט אַרום איר שיינעם שלאַנקן געשטאַלט

און דריקט איר צום האַרצן און קוקט אַריין אין אירע גרויסע בלויע אויגן און זאָגט צו איר::

„פייגעלע, מיר זיינען דאָך אַלטע גוטע פריינט, האָב איך צו דיר אַ ביטע זאָלסט מיט מיר זיין אָפנהאַרציק. מעגלעך, אַז דיר וועט דאָס ווי טאָן, וואָס איך לייג דיר פאָר. דאָס באַדייט מיך אויסהערן, ווייל איך בין אויך עלנד און פיל מיטגעמאַכט אין מיין ניט לאַנגן לעבן. דו ווייסט דאָך, אַז דאָס לעבן שאַפט פאַרשיידענע איבערלעבונגען, וואָס מאַכט דעם מענטש אַנטוישונגען.״

פייגל טראַכט: ווען דו, יצחק, זאָלסט וויסן מיינע אַנטוישונגען! אפשר רעדן און אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ? טרינקענדיק טיי, באַטראַכט ער איר און זאָגט:

„פייגעלע, וואָס דאַרף מען אַ סך טראַכטן? צי דען קאָן מען זיך דערטראַכטן? מען מוז ניט טראַכטן נאָר רעדן, אפשר וועלן מיר זיך דררעדן...״

„לויט מיין לאַגע, מוז איך דיר באַקאַנטמאַכן. איך בין פאַרהייראַט צו זייער אַ רייכן געשעפטסמאַן. אמת, ער איז ניט אַזוי פּאַסנד פאַר מיר, אָבער ווייסט דאָך, אַז אַ פרוי בלייבט עלנד, געפינען זיך שוין גוטע לייט, וואָס רעדן צו. ווי דיר איז באַוווּסט, האָב איך קיין קינדער ניט געהאַט. הייסט דאָס, אַז איך בין געוועזן אַליין. דער מאַן מיינער האָט געהאַט אַן איינציקן זון, וואָס האָט געענדיקט דאָקטער. איך האָב אַזוי פאַרשטאַנען, וואָס הייסט זיין זון? זיין זון וועט אויך זיין מיין זון. אָבער, ליידער, צוליב דעם זונדל איז ביי אונדז אַרויסגעקומען גרויסע צרות. איך בין נאָך פאַרבונדן מיט אים, אָבער פריער אָדער שפּעטער וועלן מיר זיך מוזן שיידן.״

יצחק, אויסהערנדיק אירע מאָטיוון, זאָגט:

„איך וועל דיר דערציילן אַ געשיכטע פון מיין באָבע. ווען זי איז יונג געווען, האָט זי געהאַט דערפאַלג. ווי ס׳פירט זיך, האָט מען פאַר איר געזוכט אַ חתן פון רייכן פיינעם אָפּשטאַם. איז דאָס געווען אַ גלייכער שידוך. אָבער די נאַטור האָט זיי ניט אויסגעגלייכט. זי איז געווען, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ רייך קינד מיט אַ רייכע נאַטור, באַזוכט קאָנצערטן, טעאַטער, אַליין אויך געווען באַקאַנט אין מוזיק. מיט איין וואָרט — אַ געזעלשאַפטלעכע פּערזאָן. ער האָט עס ניט געפאָדערט. אַליין גיין איז ניט אָנגענעם, ווי אויך ניט פּאַסנד. קומען אין געזעלשאַפט — אויך דאָס זעלבע, ווי וועט מען אויף איר קוקן? אַלזאָ, אַזוי איז ביי איר

אַוועק די שענסטע, בעסטע יאָרן. קינדער האָבן זיי אויך ניט געהאַט. איר איז דאָס געווען זייער פאַרדריסלעך, ביז ער איז פּלוצים קראַנק געוואָרן און איר איבערגעלאָזן... דאָס איז געווען אַמאָל. אָבער היינט מוז מען ניט ליידן און שווייגן!... איך, למשל, האָב חתונה געהאַט מיט אַ שיינע, געבילדעטע פרייליין. מיר זיינען ניט געווען פּאַסנד מיט די כאַראַקטערן, האָב איך גענומען דעם ביישפּיל פון מיין באָבע, אָבער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ד. ה. מיר האָבן זיך געגט. איידער ליידן און שווייגן, איז גלייכער — אַליין... דער מענטש לעבט דאָך ניט אייביק. ווען מ׳איז פריי, קאָן מען זיך צופּאַסן. אַזוי מוז יעדער פון אונדז טראַכטן.״

פייגל האָט יצחקן אויסגעהערט און טראַכט: הייסט דאָס, אַז דו האָסט דאָס זעלבע אַדורכגעמאַכט וואָס איך גיי איצט אַדורכמאַכן...

יצחק קוקט מיט זיין ליבלעכן פּנים צו פייגלען און זאָגט:

„טייערע, נעם זיך ניט צום האַרץ. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך געליבט און ליב דיך ביז היינט״. — און נעמט איר אויפן שויס, צודריקנדיק איר צום האַרץ און קושט איר.

פייגל ענטפערט אים מיט די זעלבע, איבערגעגעבענע געפילן...

ער זאָגט איר: „טייערע פייגעלע, ס׳לעבט אויף מיין ווילן צו לעבן נאָר מיט דיר. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת. אַלע מיינע יאָרן האָב איך געטרוימט, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען מיר וואָלט אונדזער גורל געבונדן... ליידער, האָסטו מיך דאַן ניט פאַרשטאַנען. דו ביסט נאָר נאָכגעלאָפן נאָך רייכקייט. אמת, דיין מאַן איז געווען רייך, ווייל ער האָט באַקומען שטיצע פון זיינע עלטערן. איך גלויב, אַז דו ביסט געווען מיט אים ניט צו גליקלעך, פאַרוואָס? ווייל דו ביסט נאָך אים נאָכגעלאָפן... פון דעם אַליין קאָן זיך אַ פרוי ניט גוט פילן...״

פייגל האַקט אים איבער, זאָגנדיק: „ניין, יצחק, ער האָט זיך מיט מיר גערעכנט, פלעגט מיך מיטנעמען אין זיין געזעלשאַפט, ניט אַלס מאַן, נאָר אַלס גלייכע. ער האָט מיך געאַכט, געשעצט, געליבט. מיר האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. מענטשן זיינען אונדז מקנא געווען. זיין באַנעמונג צו מיר איז געווען פאַעטיש. ער האָט מיך געמאָלן אין פאַרשיידענע פּאָזעס...״

פון אירע דעריננערונגען האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט.

יצחק האָט אַלע אירע רייד אויפגענומען מיט צער. ניט צוליב דעם, וואָס ער איז אים אַ חבר געווען, נאָר צוליב די וואַרעמע געפילן, וואָס פייגל פילט נאָך היינט צו אים. דאָס, וואָס זי רעדט פון אים אַזוי פיל, באַווייזט, אַז זי קאָן אים ניט פאַרגעסן. ער טראַכט: בעסער זיין צו איר

גלייכגילטיק. פון אירע מאַטיוון פאַרשטיי איך, אַז זי וועט זיך מיט מיר ניט וועלן רעכענען. און ווידער קאָן איך איר פון דער יוגנט. זי האָט שטענדיק געטרוימט וועגן אַ רייך לעבן. צו וואָס טויגן מיר מיינע פאַנ־טאַזיעס? אין זיין האַרץ שטורעמט, ווי די ים־כוואַליעס, אָבער ער זאָגט:

„פייגעלע, ווען דו וואָלסט געפילט מיט וואָסערע געפילן איך בין געוועזן און בין צו דיר, וואָלסטו מיך פאַרשטאַנען...״

„יצחק, איך האָב דיך אַלע מאָל פאַרשטאַנען און בפרט היינט. אָבער וועגן „דעם״ קאָן איך דיר ניט ענטפערן, מחמת איך בין נאָך מיט אים פאַרבונדן.״

„זאָג מיר, פייגעלע, קאָן איך האָפן, צו וואָס איך שטרעב? צי וועט עס צושטאַנד קומען?...״

„איך בין איצט, ווי צעטומלט פון אונדזער באַגעגעניש. גיב מיר דיין טעלעפאָן־נומער, וועל איך דיר אָנקלינגען.״

יצחק איז פון פייגלס ענטפער באַהערשט געוואָרן פון פרייד. אין די געדאַנקען טראַכט ער מעגלעך, אַז זי וועט זיך באַדענקען. ניט אַלע מאָל איז מען יונג! ווען איך האָב איר דערקענט, איז זי אַלט געווען 17 יאָר. אָבער ביי די יאָרן האָף איך, אַז זי וועט ערנסטער אַ טראַכט טאָן... ער האָט איר געגעבן דעם טעלעפאָן־נומער, טראַכטנדיק דערביי: מעגלעך, אַז ער וועט זיין פון די גליקלעכע!...

ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן פון זיינע גוטע האָפענונגען, האָט דאָך אים דער געדאַנק געזאָגט, אַז אַזוי לייכט וועט דאָס אים ניט אָנקומען... ווידער טראַכט ער: צי דען בין איך ניט ווירדיק? איך בין דאָך ניט, ווי מען זאָגט, אַ געוויינלעכער בשר ודם!... ער האָט זיך מיט איר האַרציק צעשיידט, אַריינקוקנדיק אין אירע גרויסע בלויע אויגן, וועלכע האָבן זיין האַרץ פאַרכישופט, קושנדיק זיי פיל מאָל אַזוי הייס, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן אין אַלעמען, אָנפאַנגענדיק וויינען, ווי אַ קינד, וואָס צעשיידט זיך מיט דער מוטער...

„איך פאַרשטיי דיך, יצחק. די צייט איז די בעסטע אָנפירערין אין לעבן. זעסט דאָך, מיר זיינען די לעצטע יאָרן געווען ווייט איינער פון די צווייטע, ניט געהאַט די מינדעסטע אָנונג, אַז מיר וועלן זיך טרעפן און דאָך, ניט וויסנדיק און ניט טראַכטנדיק, האָבן מיר זיך געטראָפן. מעגלעך, אַז אונדזער שיקזאַל וועט אונדז צוזאַמענברענגען אַזוי, אַז מיר וועלן נאָך זיין גליקלעך!...״

יצחק, דערהערנדיק איר לאָגישן ענטפער, האָט זיך ביי אים נאָך

מער פֿאַרשטאַרקט די האָפֿענונג. פֿייגל, וועלנדיק נעמען פֿון אים אָפּשייד, ווענדעט זיך צו איר יצחק מיט אויפֿמערקזאַמקייט, זאָגנדיק:

„שוין גייסטו, וואָס איילסטו זיך? ס'איז נאָך פֿרי, מיר וועלן מיטאָג עסן און נאָך מיטאָג וועל איך דיר באַגלייטן, אויף וואָס זי האָט צוגע־שטימט."

נאָך מיטאָג האָט ער זיך מיט איר האַרציק געזעגנט און זיך צעקושט און איר אַרויסבאַגלייט אין דערוואַרטונג אויף אַ געשפּרעך מיט זיין געליבטער פֿייגעלע.

*

פֿייגל, אַהיימקומענדיק, טראַכט פֿון איר באַגעגעניש מיט יצחקן און ניט געווען איבעריק צופֿרידן פֿון איר צווייפֿלהאַפֿטן ענטפֿער מיט וואָס זי האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, כדי אים צו באַרואיקן. פֿרעגט זי זיך, וואָס זאָל איך אים זאָגן?

זי איז געווען באַהערשט פֿון זיין טראַגעדיע, ווען אַ מאַן קאָן זיך אַזוי קליין מאַכן, ווי וויינען, איז אַ פֿאַקט, אַז ער פֿילט צו מיר איבער־געגעבענע געפֿילן. דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, קאָן איך אים פֿון דער יוגנט, וואָס דאָס איז אויך וויכטיק. ווידער קאָן מען אים ניט אָוועק־מאַכן מיטן האַנט, ווייל ער איז דאָך אַ דאָקטער! און וויכטיק איז נאָך, וואָס ער האָט ניט קיין קינדער. אין מיינע יאָרן אָן קינדער, איז אַ זעלטנ־הייט. איך האָב שוין גענוג געהאַט צו טאָן מיט פֿרעמדע קינדער. איז מען גוט — טויג ניט. זאָגט מען: וואָס מישט זי זיך? וואָס איז זי אַ מוטער, וואָס איר אינטערעסירט אַזוי שטאַרק?... און ווייטער, ווען זי וואָלט געווען אַ מוטער, וואָלט זי ניט דערלאָזט, אַז אַ גוווערנאַנטין זאָל פֿאַרדרייען דעם קאָפּ אַזאַ בחור. גענוג! איך וויל שוין וועגן זיי ניט טראַכטן. אויב איך וויל לעבן רואיק, מוז איך זיך דערווייטערן פֿון די קאַפּלאַנס, ווי אויך פֿון מיין ג"ז מאַנס געזעלשאַפֿט. איז דער בעסטער פּלאַן מיט אים פֿאַרענדיקן.

אין דער צייט, ווען זי איז באַהערשט געווען פֿון אירע געדאַנקען, קומט אַריין וועלוול און בלייבט שטיין אַ פֿאַרווונדערטער, אָנקוקנדיק איר, ווי זי וואָלט געווען אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס לויערן אַרום איר. אַזוי פֿאַרטראַכט איז זי געווען. ער האָט איר קאַלט־בלוטיק אַ פֿרעג געטאָן, וועגן וואָס זי טראַכט.

דאָס איז פֿאַר איר געווען אַן אויסטערלישע פֿראַגע. זי האָט אים אויך קאַלטבלוטיק געענטפֿערט:

„איך פאָר צו מיינע גוטע באַקאַנטע אויף עטלעכע טעג. וואָס קען עס דיך היינט אינטערעסירן, וועגן וואָס איך טראַכט?"

„יאָ, איך וואָלט שוין פון דיר אין גאַנצן ניט געוואָלט וויסן" — און ער איז אַרויס פון שטוב.

פייגל, דערהערנדיק זיין ענטפער, טראַכט, וואָס זי האָט דערלעבט הערן, און פון וועמען?... ס'האָבן זיך אין איר אָנגעצונדן די נערוון. איר דאַרץ האָט אָנגעפאַנגען קלאַפּן, זי האָט זיך געמוזט לייגן אויפן געלעגער, כדי זיך באַרואיקן. קומענדיק עטוואָס צו זיך, זאָגט זי: איין מאָל פאַר אַלע מאָל, מוז איך מאַכן אַן ענדע. אין קעגנפאַל, וועל איך דאָ בלייבן ליגן און קיינער וועט ניט וויסן, וואָס מיט מיר קומט פאָר. מיר איז שוין אַלץ מיאוס געוואָרן!...

זי איז אַריין אין באָד־צימער, גענומען אַ קאַלטן טוש און באַשלאָסן צווויסנצוגעבן ד"ר יצחקן, אין וועלכער צייט זי קומט, כדי ער זאָל איר אָפּוואַרטן. מיט דעם האָט זי זיך עטוואָס באַרואיקט.

ווען יצחק האָט זיך געזעגנט מיט פייגלען, האָט ער אַלץ באַטראַכט מיט גאַר אַן אַנדער געדאַנק. יאָ! איך האָב איר ליב, איך קאָן עס ניט אָפּלייקענען. זי איז איינגעבאַקן אין מיין האַרץ, אָבער איך האָב דאָך ניט אַזעלכע מעגלעכקייטן נאָכצוקומען אירע אַספּיראַציעס. וואָס וועל איך מאַכן לייטיש געלעכטער! גענוג געהאַט צו טאָן מיט גטן. איך וועל איר אָפּן דערקלערן ניט דורכן טעלעפאָן, ניט אין האָטעל, נאָר איר איינלאַדן צו זיך אויף אייניקע טעג. זאָל זי זיך באַקאָנען מיט מיין לאַגע. געפינענדיק זיך מיט איר צוזאַמען, וועט עס מיר געבן אַ מעגלעכקייט איר קאָנען לערנען.

און אַזוי טראַכטנדיק גיט ער אַ קוק אויפן זייגער, זאָגנדיק: ס'איז שוין באַלד 7 אַ זייגער, מ'דאַרף אָנקלינגען צו פייגעלען.

פייגל, דערהערנדיק דעם טעלעפאָן־קלונג, האָט זיך ווי אָפּגעפרישט. דערביי טראַכט זי, וואָס יצחק וועט איר ניט פאָרלייגן, וועט זי עס ערנסט נעמען אין באַטראַכט. און אפשר איז דאָס געווען מענער־שוואַכקייט, ווי ס'פּאַסירט מיט אַ מאַן, וואָס לעבט איינזאַם!... און ווידער טראַכט זי, וואָס האָב איך אַזוי פיל אַריינצוטראַכטן? אַ שוועסטער פאָדערט זיך אין זיין אָפּטייל? אין ערגסטן פאַל וועל איך אָנקומען אַרבעטן און שפּעטער וועט די צייט באַווייזן. דערווייל האָב איך געזאָגט פון מיין יוגנט־חבר, אַז ער וועט מיך איינאָרדענען. אין מיין איצטיקע לאַגע איז דאָס אויך גוט.

פייגל איז אָנגעקומען אין האָטעל, ווו דאָקטער יצחק האָט איר מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט. ער פרעגט איר:

„פייגעלע, ווי פילסטו זיך?"

„זייער גוט" — ענטפערט פייגל.

ער ווענדט זיך צו איר, פרעגנדיק, אויב איר איז אָנגענעם, קאָן ער באַזאָרגן בילעטן אויף בעטהאָווענס אַ קאָנצערט, עס שפּילט די 9־טע סימפאָניע.

נאָך דעם זאָגט ער איר, אויב ס'וועט איר זיין אָנגענעם, וועט ער איר איינלאַדן צו זיך אויף אייניקע טעג, זי זאָל זיך באַקאָנען מיט זיין אַרט לעבן. פייגל, דערהערנדיק יצחקס פאַרשלאַג, האָט פון פרייד געדריקט זיין האַנט. דערמיט האָט זי אויסגעדריקט איר איינשטימיקייט...

ווען יצחק האָט געפילט, אַז ער אינטערעסירט איר, איז ער באַהערשט געוואָרן פון פרייד. טראַכט ער. זי איז שוין ניט די זעלבע פייגעלע!... זי פלעגט ביי די בעסטע פאַרשלאַגן זיינע ניט לייגן קיין אַכט. אַ געפיל פון פרייד האָט זי אין אים אַרויסגערופן... ער האָט איר אַ נעם געטאָן צו זיך, ווי מען נעמט אַ ליב קינד, און געדריקט, און געקושט אָן אַ סוף!... זי דאָסגלייכן... זי האָט געפילט, אַז זי איז נאָך ניט פון די אַרויס־געוואָרפענע!...

דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט.ביידע זיינען געווען באַגייסטערט פון דער 9־טער סימפאָניע. פייגל, אָנקומענדיק צו יצחקן, איז געוואָרן אַנטוישט. אירע אויגן האָבן ניט געגלויבט, אַז אַזאַ פערזאָן, ווי אַ דאָקטער, זאָל זיין אַזוי אָפּגעלאָזן!... איר איז קאַלט געוואָרן אויף דער נשמה. ס'האָט געמאַכט אויף איר אַ שלעכטן איינדרוק. זי טראַכט: וואָס טויג מיר אַזאַ לעבן?

יצחק האָט באַמערקט, אַז זי איז שטאַרק פאַרטראַכט, פרעגט ער:

„פייגעלע, דיר איז שווער צו זען מיין איצטיק לעבנס־אַרט? דו, מיין טייערע, מוזט פאַרשטיין, ווען אַ מאַן לעבט איינזאַם!..."

אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט פאַרצווייפלונג. יצחק האָט מיט זיינע אַלע קרעפטן געוואָלט איר אַריינברענגען אין אַ בעסערער שטימונג. אויף זיין ביטע, האָט מען אַריינגעבערענגט פון רעסטאָראַן פון שענסטן און בעסטן. ליידער, האָט דאָס איר ניט אימפּאָנירט.

יצחק טראַכט: איר שטרעבונג האָט זיך ביי איר ניט געביטן, טראָץ דעם וואָס זי האָט שוין אין איר לעבן פיל אַדורכגעמאַכט. טראַכט ער ביי זיך: דעם מענטשנס נאַטור ענדערט זיך ניט. ס'וועט מיר מיט איר זיין

שווער צוזאַמענלעבן און וועט אַרויסרופן שווערע פּראָבלעמען. ס׳פּאַסירט אויך אין לעבן, אַז מען קאָן זיך צופּאַסן. איך וואָלט איר געקאָנט געבן פיל ליבע, אָבער וואָס טויג מיר, ווען זי איז מיט אנדערע אייגנשאַפטן! סוף־סוף וועל איך ניט קאָנען איר אַנטקעגנקומען אירע קאַפּריזן. איז גלייכער ניט אָנהייבן, אָדער רעדן מיט איר אָפנהאַרציק, דאַן וועל איך קאָנען קאָנקרעט וויסן.

און אַזוי, ליגנדיק אויף דער סאָפע פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, פרעגט אים פייגל: „יצחק, וואָס ביסטו פאַרטראַכט?"

ענטפערט ער: „דו מוזט פאַרשטיין, אַז ס׳וואָלט געווען אַן אומזין ניט צו טראַכטן. מאַן און פרוי איידער זיי קומען זיך צוזאַמען דאַרפן גוט אַנאַליזירן זייערע כאַראַקטערן, כדי אויסצומיידן אומאַנגענעמלעכקייטן. געוויינלעך, אין סטאַדיום פון מענטשנס לעבן קומען פאַר טענדענצן, פּראָבלעמען. אָבער יאָגן זיך נאָך לוקסוס אָדער פאַנטאַזיעס, פאַרביטערט דעם מענטשנס לעבן. איז מיין עצה, אויב דו קוקסט אויפן לעבן, ווי פריער, איז בעסער ניט אָנהייבן. דאָס איז ניט קיין קינדער־שפּיל. סוף־סוף זיינען מיר דערוואַקסענע מענטשן."

פייגל טראַכט: ער האָט רעכט. וואָס זאָל איך אים ענטפערן, ס׳זאָל אים ניט באַליידיקן? זאָגט זי צו אים:

„יצחק, פון דיין געהאַלט וועט מיר זיין שווער צו מאַכן אַ לעבן, ווי איך בין געוווינט. איך בין דיר פאַר אַלעם זייער דאַנקבאַר. דאָס איז אַ ריכטיקע דערשיינונג, אַז אין צוזאַמענלעבן מוז זיין אַ פולע האַרמאָניע, און ווען ניט, ווירקט אויף דער פרוי זייער שלעכט. דעריבער, יצחק, אויב מאַכן פאַרווורפן איינער דעם צווייטן, איז לאָמיר זיך ביידע, ווי דו לייגסט פאָר, גוט באַטראַכטן און דאַן קומען צום באַשלוס."

און אין האַרץ טראַכט זי: איך וואָלט שוין וועלן זיין אויפן צווייטן זייט...

יצחק האָט אויסגעהערט פייגלס ענטפער און האָט אַרויסגעדרונגען, אַז ס׳וועט זיין פיל גלייכער שלום מאַכן מיטן געדאַנק צו לעבן איינזאַם, אָבער רואיק... אין געדאַנק טראַכט ער: אין אָנפאַנג, ווען איך האָב איר באַגעגנט, בין איך אויך געווען פאַרצווייפלט, וויסנדיק איר כאַראַקטער. דאָך האָב איך געוואָלט נאָך אַמאָל פּרובירן. אָבער צו אַלעמען מוז מען האָבן מזל!... ווו נעמט מען דאָס שטיקעלע גליק?... וואָס קאָן איך מאַכן? זאָל זי טאָן, ווי זי פאַרשטייט! אויב זי וועט פאַרלאַנגען איך זאָל איר

איינאָרדענען, ווײַל איך איר אַנטקעגנקומען, אָבער ניט אין מײַן אָפּטייל...
נאָך זייערע געשפּרעכן, זאָגט פייגל יצחקן:

„ווייסט וואָס איך וועל פאַרלייגן: אַזוי ווי מיר זײַנען שטאַרק איבער־מידעט פון אונדזערע „פּראָבלעמען״, לייג איך פאָר מיר זאָלן זיך אָפּרוען.״

יצחק האָט אָנגערופן דאָס שטוב־מיידל, געהייסן צוגרייטן פאַרן גאַסט אַ געלעגער. פייגל האָט זיך געמאַכט אַ קאַלטן טוש, כדי באַרויקן אירע צערודערטע נערוון, זאָגנדיק „אַ גוטע נאַכט״ און אַריין אין פאַר איר צוגעגרייטן צימער, און געלייגט זיך שלאָפן.

יצחק, ליגנדיק ביי זיך אין שלאָפצימער, טראַכט: צוויי יאָר פון זיין פרויס באַפרייאונג האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסן אין אַזעלכע ענלעכע איבערלעבונגען. ס׳האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט זיך מיט איר באַגעגנט. יאָ! טראַכט ער, ליבע איז אַזאַ „קרענק״, וואָס קיין דאָקטער קאָן איר ניט העלפן!...

פייגל פון איר שלאָפלאָזע נאַכט, איז געווען, ווי צעבראָכן, זייענדיק באַהערשט פון פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס האָבן איר צעשטערט די רו. זי איז פרי אויפגעשטאַנען, געמאַכט איר טואַלעט, געוואַרט אויף יצחקס אויפשטיין. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער פייגלען געפרעגט, ווי זי איז געשלאָפן? זי האָט געענטפערט:

—„ווי אויף אַ נייַ געלעגער. און דו, יצחק?״

„ איך בין געשלאָפן, ווי אַ פאַרליבטער און אַנטוישטער!... פּרויען קאָנען שאַפן גוטס און נאָך מער שלעכטס!...״

„דאָס לעבן שאַפט אָפטמאָל פיל־פאַרביקס. ווי איינער קוקט, אַזוי זעט עס אויס... אַלזאָ, יצחק, איך מוז פאָרן אַהיים, ווייל איך האָב אים געזאָגט, אַז איך גיי צו מיינע אַ פריינדין און מאָרגן קום איך.״

„ווי דו פאַרשטייסט, אַזוי טו. דיין לעבן איז צו דיין דיספּאָזיציע. קיינער האָט קיין רעכט צו דיספּאָנירן מיטן צווייטן. אויב דו ווילסט פאָרן, וועל איך דיך באַגלייטן. ווען דו וועסט געפינען פאַר נויטיק צו קומען, בין איך גרייט דיך אויפצונעמען צו יעדער צייט.״

דאָס שטוב־מיידל האָט סערווירט דעם טיש, זיי האָבן געפרישטיקט. זי האָט אים פאַר אַלעם באַדאַנקט, געזעגענענדיק זיך מיט אים זייער האַרציק און זי איז אָפּגעפאָרן אַהיים.

פאָרנדיק טראַכט זי וועגן איר באַגעגעניש מיט יצחקן. צוואָס איז דאָס נויטיק געווען? אָבער איך האָב קיין זאַך ניט פאַרלאָרן. די צייט

וועט מיר איבערצייגן. ער האָט דאָך צו מיר אמתע גוטע געפילן. זאָל זיין א גוטער פריינט, ס'שאַדט ניט!

קומענדיק אַהיים, טראַכט זי: אפשר זיך איבערבעטן מיט וועלוולען? ער איז דאָך אַ גוטער! אים בעטן ער זאָל מיר מוחל זיין מיינע פאַר־ברעכנס, מאָטיווירנדיק, אַז גאָט איז דאָך אויך מוחל, ווען מען בעט אים מיטן גאַנצן האַרץ!... כ'וועל אים זאָגן, אַז איך וועל פאַר אים אַלץ טאָן. מיר זיינען דאָך פיזיש געבונדן. איך וועל אים וואָרענען: געדענק, וועלוול, וואָס דו ווילסט טאָן? איך בין אַ פרוי, איך קאָן זיך אין יעדן פאַל אַן עצה געבן.

אַזוי האָט זי אים דערקלערט.

וועלוול, אויסהערנדיק אַלע אירע מאָטיוון, האָט איר געענטפערט:

„אויב דיין נאַטור און געוווינהייט איז צו טאָן מענטשן יסורים, איז דערפון צו זען, אַז דו ביסט אַ געבוירענע סאַדיסטין. אויך באַשטעטיקן דאָס די צוויי פאַקטן: קומענדיק פון גובערנאַטאָר, ביסטו געווען אַ שטאַרק צופרידענע... און נאָך דעם נאָכן משפט, האָסטו זיך געקאָנט אויסדריקן, אַז היינט האָסטו דעם גרעסטן תענוג!... אַלזאָ קיין תירוצים און איבער־צייגונגען, אַז ביסט גערעכט, געדענקנדיק דיינע עצות, וועלכע זיינען, ליידער, אויסגעפירט געוואָרן, וועט ניט פאַרקלענערן דיין שטראָף, וואָס דו פאַרדינסט. איך וועל זיך פון דיר באַפרייען און מער דיינע רייד ניט הערן! איך וועל זיך ראַנגלען מיט מיין איינזאַם לעבן, וואָס דו האָסט מיך דערצו געבראַכט. איך גיב דיר דאָס, וואָס מ'וועט צופסקענען. איך האָב שוין אָנגעגעבן וועגן אַ גט.“

פייגל, אויסהערנדיק וועלוולס ענטפער, האָט שוין מער ניט געהאַט וואָס צו טענהן מיט אים.

„נאָר איין זאַך האָב איך צו דיר אַ ביטע דו זאָלסט מיך אויסהערן: דו ביסט דאָך אויך געווען מסכים דערצו, וואָס טענהסטו, אַז איך האָב דיך דערפירט צו אַלע צרות? סוף־סוף מוז איך זיך מודה זיין, אַז ס'איז אַ ביסל אמת, אָבער אַן עצה האָסטו געקאָנט אויסהערן, אָבער טאָן, טוט יעדער מענטש וואָס ער פאַרשטייט...“

און זי האָט אָנגעפאַנגען וויינען...

„דאָס איז אַ קאַצן־יאָמער!...“ — זאָגט וועלוול.

„ס'טוט מיר וויי, אָנהייבנדיק דאָס אַלץ באַטראַכטן, ווערט מיר שווער אויפן האַרץ.“

„יאָ, ס'איז דיר שווער? איז ווי שווער איז מיין זון? און ליובען?... נעמען און פאַרשאַפן טראַגעדיעס אומשולדיקע מענטשן!...״

און וועלוול זעצט ווייטער פאָר זיינע רייד, זאָגנדיק, אַז אירע רייד צעגליט זיין האַרץ, דער צאָרן איז איבערפולט, זיין בעכער גייט איבער ניט מיט ווייַן, נאָר מיט בלוט... ער קאָן שוין לייכטער זיך ניט מאַכן און איר געוויס ניט.

ער פאַרלאָזט אָן אויפגערעגטער די שטוב. גייענדיק באַטראַכט ער אירע טענות און זאָגט צו זיך, אַז זי איז ניט אין גאַנצן אומגערעכט. ער, אַלס פאָטער, האָט באַדאַרפט באַטראַכטן און ניט צוהערן, וואָס אַ נאַרישע פרוי רעדט, ווי אויך באַטראַכטן, וואָס קאָן דערפון אַרויס־קומען? ליידער, די באַגאַנגענע פעלערן וועלן שוין קיינעם ניט העלפן. אַלזאָ, געפינט ער איין, אַז ער איז ווערט זיינע צרות, ווייל ער איז נאָכ־געגאַנגען אירע שלעכטע, מיאוסע מעשים... און ווידער טראַכט ער: איך האָב דאָך שוין אָנגעגעבן אין רבנות. איך וויל ניט הערן אירע באַשול־דיקונגען, איר פרצוף ניט זען, זי איז אַ מכשפה, זי האָט מיך פאַרכשופט פון אָנפאַנג אָן מיט איר פרויען־געשטאַלט, מיט אירע ברענענדיקע אויגן האָט זי מיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרברעכער!...

מיט די געדאַנקען האָט ער ביי זיך געפונען אַ פאַרענטפערונג. יאָ, דאָס איז שוין די שוואַכקייט פון מענער „מין״ נאָכצוקומען די פאַרלאַנגען פון די פרויען, אָבער דאָס פאַרקלענערט ניט מיין פיין. ווען דאָס אומגליק וואָלט ניט געקומען, וואָלט עס געווען, ווי מען זאָגט, פאַר אַ מאַן אַ גליק צו האָבן אַזאַ פאַרטנערין, וואָס אַלע מענער יאָגן זיך נאָך איר און ווינטשן זיך צו דערגרייכן. אָבער שלעכטסקייט איז אַזוי ביטער, אַז ס'איז אומ־מעגלעך, ווייל ס'בלייבט אַ שלעכטער ווידערטעם אויף תמיד. ווידער זאָגט ער צו זיך: מיט מיר קומט אויס, ווי מיטן רוסישן שפּריכוואָרט: „סאַמאַ סאַביניאַ סעביע ביאָט, קאָגדאַ כודאָ זשניאָט...״, ד. ה. די קנעכטן שלאָגט זיך אַליין, ווען זי שניידט די תבואה שלעכט...

*

פייגל האָט שטאַרק איבערגעלעבט פון איר מאַנס דערקלערונג, אַז ער האָט שוין אָנגעגעבן אויף אַ גט. איז וואָס קאָן שוין העלפן מיין געדעכט מאַכן זיך? ווי פלעגט מיין ג״ז מוטער זאָגן: „קיין שונא קאָן דיר ניט טאָן אַזויפיל שלעכטס, ווי דער מענטש זיך אַליין!...״ היינט פאַרשטיי איך!... איך האָב געהאַט ביי וועלוולען אַ שיין, רייך, גוט לעבן, אָבער ליידער, אַליין צעבראָכן!... ס'טרעפט אַ מענטש מאַכט אַ פעלער, אָבער אַזאַ

פעלער, איז ניט צו פֿאַרריכטן! ס׳איז געווען אַ גוטער חלום, אָבער שלעכט זיך געענדיקט... ער האָט מיר דערקלערט, אַז צוליב מיר איז געבראַכט געוואָרן דריי קרבנות. יאָ! איך קאָן זיך אויך אַרייַנרעכענען אין דעם חשבון.

דאָך האָט זי געפונען אַ טרייסט, זאָגנדיק איך בין נאָך יונג. די צייט וועט אַלץ פֿאַרהיילן. איך מוז שרייבן אַ בריוו צו יצחקן, אַז איך בין גרייט אָנצונעמען זיין פֿאָרשלאָג אָנצוקומען אַרבעטן אַלס אָבערשוועסטער. ווען איך וועל באַקומען אַ גוטן ענטפער, האָף איך צו זיין אַ געהאָלפענע. כ׳וואָלט שוין וועלן זיין פון אים אַ באַפרייטע.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. זי איז צו צום טיר, אויפֿגעמאַכט, ס׳האָט זיך באַוויזן אַן אַלט גרויער איינגעבויגענער מאַן. זי האָט שוין פון זיין אויסזען פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז געוויס זיין פון ראַבינאַט. ניט לאַנג וואַרטנדיק, פרעגט ער צי דאָ וווינט די פֿאַמיליע קאַפּלאַן?

זי ענטפערט: „יאָ". וואָס, ביטע, האָט איר נויטיק?"

דער אַלטער, ניט ענטפערנדיק, דערלאַנגט איר צוויי אויפֿפאָדערונגען פון ראַבינאַט פֿאַר וועלוול און פייגל קאַפּלאַן, צו קומען מאָרגן 9 פרי.

*

פייגל האָט וועלוולען איבערגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט אויסגעקוקט. וועלוול האָט פייגלען אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זי זאָל זיין צוגעגרייט אויף צו קאָנען קומען אין ראַבינאַט 9 פרי. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות געהאַלטן גוט, ניט אַרויסגעוויזן איר נערוועזיטעט און מיט פֿאַרביטערונג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

קומענדיק אין ראַבינאַט, האָט וועלוול געבעטן דעם רב ניט מאַכן צופיל חקירות ודרישות, מאָטיווירנדיק, ווי אין פסוק שטייט: „אשה רע מר ממות"... דער רב דערהערנדיק וועלוולס קורצע דערקלערונג און קאָנענדיק זיין אויטאָריטעט, ווי אויך זיין ג״ז פרוי, האָט זיך מיט אים גערעכנט און געהייסן אַרייַנרופן די פרוי פייגל, איר געפרעגט, צי זי האָט וואָס צו זאָגן אויף איר מאַן? פייגל האָט געענטפערט:

„אַנטשולדיקט רבי, וואָס איך וועל אייך זאָגן: שלמה המלך האָט געזאָגט, אַז צווישן טויזנט פרויען קאָן מען ניט געפינען איינע אַ רעכטע... זאָל מיין מאַן זוכן אַ בעסערע פרוי!..."

דער רב האָט אויפגעהויבן זיינע גרויסע שוואַרצע טיפע אויגן און באַטראַכט די יונגע קלוגע פרוי, פרעגנדיק:

„האָט איר קינדער?"

„קיין קינדער."

„צי האָט איר געהאַט אַ מאַן?"

„מיין ערשטער מאַן איז געווען ד"ר שמחוביטש."

דער רבי האָט ווידער באַטראַכט דער פרוי, זאָגנדיק:

„אַזוי!... איך האָב אים גוט געקאַנט פערזענלעך."

זי האָט זיך ניט געקאַנט באַהערשן, דערמאָנענדיק זיך אין ערשטן מאַן, כדי אים צו ענטפערן. זי איז געשטאַנען פאַרן בית־דין, ווי אַ פאַר־משפטע...

די רבנים האָבן צווישן זיך אַדורכגעשמועסט, דאָך איז זי שמחוביטשעס פרוי. זאָגט דער רב:

„ס'האָט ניט צו טאָן מיטן פאַרשטאָרבענעם מאַן. ער האָט געקאַנט זיין אַ פיינער מענטש, ווי ס'פּאַסירט אין אַ משפחה. צו איר קאָן עס קיין שייכות ניט האָבן... אויב דער הער קאַפּלאַן בעט מען זאָל אים באַפרייען, איז עס אַ פאַקט, אַז זי האָט אים שטאַרק פאַרביטערט זיין לעבן... ס'וועט זיין בעסער מאַכן וויניקער טענות מיט דער פרוי."

דער רב האָט געהייסן שרייבן אַ גט. וואָס שייך כתובה־געלט, וועלן מיר פרעגן הער קאַפּלאַן, וויפל ער איז זיך מתחייב צו געבן, כדי פאַר־לייכטערן דער פרויס לאַגע. זי איז דאָך אַן אלמנה. ווענדט זיך דער רב צום הער קאַפּלאַן, פרעגנדיק אים, וויפל וויל ער צוגעבן דער פרוי, ווייל, לוט דער כתובה איז וויניק אָנגעגעבן.

„לויט מיין אָנטוישונג, דאַרף איך איר גאָרניט געבן, דאָך גיב איך איר אַ טויזנטער."

מיט דעם איז פאַרענדיקט געוואָרן דער גט.

*

יוסף האָט אויסגעפונען דעם אַדוואָקאַט, וואָס האָט ליובען פאַר־טיידיקט, כדי אָנווענדן אַלע מיטלען אַרויסצוהעלפן זיין טייערע ליובאַ. דער אַדוואָקאַט האָט אים געענטפערט, אַזליידער קאָן מען גאָרניט טאָן אויף דעם געביט, ווייל דער משפט איז אַן ענדגילטיקער, ד.ה. קיין אַפּעלאַציעס און קאַסאַציעס קאָן מען ניט אָנווענדן...

יוסף איז געבליבן זיצן, ווי אַ פאַרמשפּטער, אויסהערנדיק דעם אַדוואָקאַטס ענטפער. טאָג־טעגלעך פלעגט יוסף אַרומגיין אַרום דער גרויער הויכער פאַרקראַטעוועטער געביידע, ווו זיין טייערע ליובאַ זיצט פאַר־שפּאַרט אָן קיין שום אויסוועג. ער טראַכט און זוכט אַ וועג, צו קאָנען קומען צו איר זיך אַדורכרעדן און אָפּרעדן זיך פון האַרץ. אָבער, ליידער,

אַלע טירן זיינען פאַר אים פאַרשפּאַרט. ער גייט אַרום אַ צעמישטער, ניט קאָנענדיק זיך אַן עצה געבן.

דאָסגלייכן ליובאַ, זיצנדיק איינגעשפּאַרט אין דער תּפיסה אַ פאַר־ביטערטע, אַ פאַרצווייפלטע, טראַכטנדיק וועגן איר טייערן יוספן, וועל־כער וואָלט געקאָנט איר אַרויסהעלפן. ליידער, האָט זי ניט די מינדעסטע מעגלעכקייט מיט אים זיך צו זען. זי זעט אים נאָר אין חלום, ווי ער קומט צו איר אַ פאַרחושכדיקער. זי רעדט צו אים, דו מיין טייערער, האָסט מיך מיט דיין גוט קינדעריש האַרץ אַרויסגענומען פון בית יתומים און צוליב דער חוצפּהדיקער פייגל האָט מען מיך שענדלעך באַזייטיקט, כּדי אונדז צו שיידן. איך גלויב, אַז דו שטרענגסט זיך אָן, אָבער צי וועט דאָס העלפן ?... ווייל די אַוואַנטוריסטין מיט איר גיפט און קנאה, וואָס זי האָט געהאַט צו אונדז, האָט באַשמוצט דיין נאָמען און מיר געבראַכט צו אַ פּאָליטישן משפט אָן אַ פאַרוואָס. איר איז לייכט געווען צו צעשטערן אונדזער גליק!

און אַזוי רעדנדיק צו יוספן אין חלום, האָט מען אויפגעמאַכט די טיר פון דער צעלע און באַפוילן איר אויפשטיין!

ליובאַ האָט אין דעם מאָמענט זיך ניט געקאָנט באַהערשן פון איר חלום, ניט גלויבנדיק, אַז דאָס איז געווען אַ חלום. קומענדיק צום באַוווסטזיין, דערזעענדיק, אַז דאָס איז געווען אַ חלום, זאָגט זי צו זיך: ס'איז געווען אַ גוטער חלום. ליידער, ער איז פאַרשוואונדן. גאָט ווייס, אויב איך וועל אים אין דער וואָר זען!

דאָס זיינען געווען אירע געדאַנקען. אָבער אַ פאַרלייכטערונג האָט עס איר ניט געגעבן. און אין אירע געדאַנקען שוועבט זיין איבערגעגעבנהייט. צי דען קאָן איך אים באַשולדיקן? אמת, איך האָב אים, ווי אַ נביאה פאָרגעזאָגט, אַז ס'קאָן זיך שלעכט אויסווירקן, אָבער אויף אַזאַ הפקר־דיקן אופן! דאָס האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. צו וועמען קאָן איך איצט רעדן? און ווער קאָן מיר העלפן? מיין טייערער פריינד קאָן צו מיר ניט קומען!...

אַזוי האָבן געשטראָמט אירע שווערע געדאַנקען, ווי כוואַליעס אין שטורמישן ים. אויך איז זי געווען פאַרזאָרגט, וואָס וועט זיין מיט איר צוקונפטיק קינד?

יוסף איז געווען זייער פאַרצווייפלט, דערוויסנדיק זיך, אַז ס'איז ניט מעגלעך צו געפינען אַ שפּעלטעלע מען זאָל קאָנען אַמאָל זען און רעדן מיט ליובאַן. ווי אומגליקלעך איך בין!.. היינט שטעל איך מיר

פאַר, וואָס מיין טייערע, האַרציקע ליובאַ טראַכט וועגן מיר? זי האָט מיר פאַראויסגעזאָגט. ווער האָט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די מרשעת זאָל צוטראַכטן אַזאַ בלבול, וואָס קיין מענטשלעכער געדאַנק וואָלט דאָס קיינמאָל ניט צוגעטראַכט?

אַזוי יעדן טאָג פלעגט ער פאַרבייגיין די תפיסה, אָנקוקן די פאַר־קראַטעטע פענצטערלעך, הינטער וועלכע זיין טייערע נשמה זיצט. און אפשר דורך אַ צופאַל וועל איך זיך דערוויסן, ווען מ'וועט איר אַרויספירן פון תפיסה?... אויך דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. זיין האַרץ און נשמה שוועבט אַרום דעם הויכן צאַם אַרום דער תפיסה.

איינמאָל באַטראַכט ער, אַזוי ווי ער איז אַ זשורנאַליסט און האָט אַזאַ לעגיטימאַציע. האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַכט זי זאָל אים דערלויבן האָבן אַ זעאונג מיט זיינע אַ באַקאַנטע ליובאַ דימענטשטיין. די מאַכט האָט אים זיין ביטע באַשטעטיקט. צו דער באַשטימטער צייט איז ער געקומען אין תפיסה...

ליובאַ, זיצנדיק פאַרקלעמט און פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, הערט ווי מען עפנט איר טיר ניט ווי געוויינלעך. זי האָט זיך דערשראָקן, וואָס קאָן דאָס זיין?... פלוצים האָט זיך יוסף באַוויזן...

ער איז געווען שטאַרק פאַרענדערט, פאַרעלטערט, אַזוי, אַז אין אָנפאַנג האָט זי אים ניט דערקענט, ווייל ס'איז איר געווען אומגלויבלעך, אַז איר יוסף זאָל קאָנען קומען. אויף זיין פראַגע: ווי זי פילט זיך? האָט זי ספּאַזמאַטיש זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

יוסף באַרואיקט איר, זאָגנדיק, אַז מען קאָן ניט אָננעמען, אַז איין צד זאָל זיין אימשטאַנד אָנוואַרפן זיין ווילן אויפן צווייטן. פייגל וועט גאָרניט געווינען. וואָס מעגלעך וועל איך אָנווענדן און וואַרטן אויף אַ בע־סערע צייט. איר בלינדע שנאה האָט אונדזער לעבן צייטווייליק צעשטערט, אָבער די צייט שטייט ניט. אַלע שלעכטעס וועט פאַרבייגיין און די גוטע צייט וועט פאַר אונדז קומען. דאָס שלעכטס וואָס זי האָט געשאַפן וועט איר אַנטקעגנקומען...

זע, מיין טייערע, האַלט זיך שטאַרק גייסטיק, דאָס וועט דיר פיל פאַרלייכטערן. זאָרג ניט, מיין טייערע, מיין נשמה איז פאַרבונדן מיט דיינע אויף אייביק!...

פון זיינע אויגן האָט אָנגעהויבן פליסן טרערן, זאָגנדיק דערביי: „ליובאַ טייערע, ס'וועט קומען אַ צייט, אַז אין אונדזער לעבן וועט אויפ־שטראַלן אַ ליכטיקע שטראַל, אַז מיר וועלן דאָס דערמאָנען אין פריידן..."

ליובאַ האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט יוספן און אין געדאַנק טראַכט זי: גאָט ווייסט צי איך וועל קאָנען בייקומען די שווערע צייט, וואָס איך לעב דורך און וויפל ס'שטייט מיר פאָר נאָך אַדורכצומאַכן...

זי קוקט אויף יוספן מיט האַרציקע ליבלעכע בליקן, טראַכטנדיק, ווי אכזריותדיק איז די צייט, ווען נאָך אַ ווײַלע און מיר וועלן זיך מוזן שיידן... און ווער ווייסט, אויב די צייט וועט אונדז דערמעגלעכן זיך נאָך זען?... איר איז אויך זייער שווער. ער נעמט זיך אויך אַריין אין דעם חשבון און באַשולדיקט זיך אין איר אומגליק.

ער טראַכט: צי וועט ער עס קאָנען אויסהאַלטן, טראָץ דעם, וואָס ער איז אויף דער פריי און זי, מיין טייערע, אונטער די אייזערנע קראַטן!... ער האַלט זיך מוטיק, כדי איר צו דערמונטערן און ער בעט איר זי זאָל אָרגאַניזירן אַלע אירע כוחות, כדי דערלעבן צו וואָס זיי שטרעבן.

ליובאַ, דערהערנדיק יוספס טרייסט־ווערטער האָט זיך שטאַרק פאַנאַנ־דערגעווײַנט, זאָגנדיק: יוסף, מיר איז זייער טייער דיין יעדעס וואָרט, אָבער איך מוז דיר באַמערקן, אַז כל־זמן דער מענטש איז אויף דער פריי, האָט ער פרייע געדאַנקען און ווען מען איז אונטער אייזערנע קראַטן, ווערט דער מענטש מיט זיינע געדאַנקען פאַרשקלאַפט!..

די צייט איז געוואָרן קורץ, פיל רעדן האָבן זיי שוין ניט געקאָנט, זאָגט יוסף צו איר: „טייערע ליובאַ, דו ביסט ביי מיר די ערשטע אין לעבן און בלייבסט די לעצטע. איך זאָג דאָס דיר ערנסט!"

ער האָט זיך מיט איר האַרציק צעקושט און זיך געזעגנט.

זי האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעווײַנט, זאָגנדיק, אַז זיינע רייד גייען פון האַרץ צו האַרץ און פאַרלייכטערן אירע שווערע ליידן. דאָך פילט זי אין האַרץ איר גרויסן צער, אַז אָט־אָט צעשיידט זי זיך מיט איר טייערסטן אויף אייביק!...

אַזוי איז אַריבערגעלאָפן די קורצע צייט פון זייער „זעאונג".

יוסף איז ליידער אַוועק אַ צעבראָכענער, אַן עלנטער און זיין טייערע ליובאַ איז פאַרבליבן פאַרשפאַרט אין טונקעלען קאַמער הינטער אייזערנע קראַטן...

ליובאַ, זייענדיק אונטערן איינדרוק פון יוספס באַזוך, האָט זיך קאָנ־צענטרירט מיט אירע אַלע איבערלעבונגען, ווי אויך האָט זיך אָנגעצונדן ביי איר אין האַרץ אַ פייער פון פאַרדרוס, וואָס האָט זיך ביי איר געשאַפן פון איר נערוון־צערודערונג און זי האָט באַקומען קאָפּ־שווינדל.

אַ מידע, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויף איר האַרט געלעגער און

איינגעשלאָפן. חלומט זיך איר, ווי יוסף רעדט ליבלעך און טרייסט איר: איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווייל אין מיין האַרץ איז אַן אומ־אויסשעפּלעכער קוואַל פון ליבע צו דיר!... אָן דיר איז מיין לעבן קיין לעבן ניט!... גלויב און האָף, מיין טייערע, אַז דער גורל פון מענטש בייט זיך. זיי העלדיש, מוטיק. מיט מוט וועסטו אַלע שוועריקייטן אַריבער־טראָגן. דו ביסט ניט אַליין, מיין מיטפילנדע נשמה איז מיט דיר. איך וועל זיך ניט באַפרייען, ביז דיין באַפרייאונג... דערהערנדיק דאָס האָט זיך ליובאַ שטאַרק פאַנאַנדערגעווײנט און אויפגעכאַפּט זיך, באַטראַכטנדיק אַז איר לעבן איז פאַרבליבן נאָר אין חלום!...

אַזוי איז אַריבער דריי חדשים צייט און מער האָט זי יוסףן אין דער וואָר ניט געזען...

ליובאַ איז פון וו. טיורמע פאַרשיקט געוואָרן אויף צען יאָר אַרבעטס־לאַגער. מיטן עטאַפּ זיינען געגאַנגען מענער, פרויען, באַשולדיקטע אין פאַרשיידענע „פאַרברעכנס״. מערסטנס אומשולדיקע...

און אַזוי פירנדיק דעם עטאַפּ אונטער אַ שטאַרק שטרענגער דיס־ציפּלינירטער וואַך אין משך פון אַ לאַנגער צייט, ביז זיי זיינען אָנגעקומען מידע, צעבראָכענע, הונגעריקע אויף דעם באַשטימטן אָרט אין ע.

אויפן באַן־פּלאַנט אין דער שטאָט ע. איז שוין געשטאַנען אַ גרויסע שטאַרקע וואַך, וועלכע האָט איבערגענומען דעם אָנגעקומענעם עטאַפּ אַרעסטאַנטן, וואָס איז באַשטאַנען פון 115 מענער און 37 פרויען, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפּקומען פאַרשיידענע טערמינען.

די מענער זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן קאָנצענטראַציע אַרבעטס־לאַגער. די פרויען — אין אַ ספּעצ. קאָנצ. אַרבעטס־לאַגער פאַר פרויען. אין דעם לאַגער, וווּ ליובאַ איז אָנגעקומען, איז געווען אַ פאַר־שיקטע פרוי ד״ר קלימאָוויטש, מיט וועלכער ליובאַ האָט זיך באַקאַנט. ד״ר קלימאָוויטש איז געווען פאַר ליובאַן, ווי אַ גוטע שוועסטער. אַדאַנק איר, האָט ליובאַ באַקומען לייכטערע אַרבעט, ווייל ד״ר קלימאָוויטש האָט אין אַכט גענומען אירע לעצטע מאָנאַטן פון איר שוואַנגערשאַפט. ליובאַ פלעגט טאָג־טעגלעך אויספירן איר אָנגעגעבענע אַרבעט מיט פלייס און איבערגעגעבנהייט. ביז ס׳איז אָנגעקומען איר צייט פון פונאַנדער־בינדונג. איר האָפענונג איז געווען אין אירע שווערע מאָמענטן, אַז די מוטערלעכע געפילן וועלן איר באַפרידיקן, אָבער די געשאַפענע באַדינ־גונגען האָט איר קיין לייסטונג ניט געשאַפן. איר פאַרגעפיל זאָגט איר קיין גוטס ניט פאַר... זי איז געווען אויפריכטיק און פאָראויסגעזען, אַז

איר קינדס גורל וועט זיין דער זעלבער, ווי אירער, ד. ה. ליובאַ ביי איר דריי־טאָגיקן עלטער איז געבליבן אַ יתומה.

ליובאַ האָט זיך געוואָנדן מיט אַ ביטע אין געהעריקן אַנשטאַלט מען זאָל איר אַרויסגעבן איר מעדאַליאָן, וואָס מען האָט געהאָט ביי איר צוגענומען, כדי ס׳זאָל זיין פאַר איר ניי־געבוירן קינד אַן אָנדענק פון אירע עלטערן. ליובעס ביטע איז דערפילט געוואָרן. איר פאַרגעפּיל איז, ליידער, פאַרווירקלעכט געוואָרן...

ווען זי האָט זיך געפילט זייער שוואַך, האָט זי געבעטן מען זאָל איר געבן די מעגלעכקייט געזעגענען זיך מיט איר טעכטערל. גלייכצייטיק האָט זי דעם אָרדינאַטאָר פון שפּיטאָל געבעטן מען זאָל איר קינדס נאָמען פאַרשרייבן אין די דאָקומענטן: „ראָזאַ דימענטשטיין" און אָנטאָן איר טעכטערל דעם מעדאַליאָן. אויך די ביטע איז דערפילט געוואָרן.

אין איר פאַרצווייפלטע לאַגע האָט זי געפונען אַ שטיקל טרייסט, אַז ווען איר קינד וועט קומען אין די יאָרן, וועט זי פאַרשטיין איר אומ־גליקלעכע מוטער און אפשר וועט זי צופעליק געפינען איר פאָטער און וועט מצליח זיין!...

אין אירע לעצטע שווערע מאָמענטן האָט זי געבעטן גאָט, אַז איר קינדס מזל זאָל בליען, ווי אַ רויז אין פרילינג!...

מיט די געדאַנקען איז ליובאַ איינגעשלאָפן איר אייביקן שלאָף...
ראָזעלע איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַ קינדער־היים.

דריטער בילד

„פ י י ג ל"

פייגל, נאָכן גטן זיך מיט וועלוולען, איז אַ צעבראָכענע אַוועקגעפאָרן קיין ה. צו איר ג"ז מאַנס אַ קוזין מנשה שמחוביטש, כדי זיך עטוואָס באַרואיקן. אָנקומענדיק אַהין, איז דער קוזין געווען פאַררייזט. מרים זיין פרוי האָט פייגלען אויפגענומען זייער פריינטלעך, דערביי באַוואונדערט זי פייגלס שיינעם אויסזען.

מרים איז געווען זייער אַ גוטע און פריינטלעכע פרוי.

מרים פרעגט פייגלען, וואָס זי מאַכט און ווי זי פילט זיך? וואָס הערט זיך ביי איר? זי האָט געהערט, אַז זי האָט חתונה געהאַט פאַר זייער אַ פיינעם און רייכן מאַן, מיט וועלכן זי לעבט גוט...

„דו ווייסט דאָך, מרים, אַז גוטס איז ניט אויף לאַנג. איך האָב טאַקע חתונה געהאַט פאַר אַ פיינעם רייכן מאַן, אָבער צוליב זיין זון האָט זיך טרויעריק פאַרענדיקט אונדזער צוזאַמענלעבן. דער זון זיינער איז אַ גע־בילדעטער, אָבער פון נאַטור זייער אַ שווערער... ער האָט זיין פאַטער און מיר פאַרפינצטערט דאָס לעבן אַזוי, אַז מיר האָבן זיך געגט. דאָס איז מיינע קורצע „גוטע" נייעס."

„איז וואָס, פייגל, טראַכסטו איצט צו טאָן?"

„איך ווייס אַליין ניט. ערשטנס מוז איך זיך, נאָך אַלע מיינע שווערע איבערלעבונגען אָפּרוען און קומען צו זיך און דאַן וועל איך באַטראַכטן, וואָס איך האָב צו טאָן. איך האָב אַ באַקאַנטן, וואָס איז מיר ניט אַזוי צום האַרץ. ער איז אַפילו אַ דאָקטער, אָבער וואָס טוט מען מיט די געפילן, אַז זיי זיינען די אָנפירער פון מענטשנס לעבן?... דאָס האַרץ דערלאָזט ניט. די געדאַנקען וואָלטן איינגעשטימט. לויט מיין איצטיקע לאַגע, ווי איך בין געבליבן עלנט, ווי אויך אין מיינע יאָרן וואָלט איך שוין באַדאַרפט אַנדערש טראַכטן..."

„איך וואָלט זייער וועלן וויסן ווער ער איז? אויב איך וועל אים קענען, וואָלט איך געקאָנט דיר געבן אַן עצה.״

„ער איז ניט פון אייער שטאָט. גראָד אַ געוועזענער יוגנט־חבר, ווי אויך מיין ג״ז מאַנס אַ קאָלעגע, פון אַ פיינעם אָפּשטאַם. ניט פון אַזאַ רייכער פאַמיליע, ווי די שמחוביטשעס, אויך ניט אַזאַ שיינער, פון נידער־ריקן וווּקס, אָבער אַן אָרנטלעכער, אַנשטענדיקער מאַן.״

מרים, דערהערנדיק די שילדערונג פון דעם אומבאַקאַנטן, פרעגט איר:

„ווי איז ער סיטואירט?״

„זעלבסטשטענדיק״ — ענטפערט פייגל.

„דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, ווי אויך ניט טראַכטן פון שיינקייט, ווייל אַ מאַן, ווען ער איז צו שיין, איז אין דיינע יאָרן ניט קיין גרויסע מעלה. פאַרשטייסטו דען ניט, אַז אַ פרוי ענדערט און עלטערט זיך שנעלער, ווי אַ מאַן״

פייגל טראַכט, אַז מרים פאַרשטייט דאָס לעבן בעסער פון איר. ס׳וואָלט אפשר גלייכער געווען איר פאַרטרויען דעם ריינעם אמת? און פייגל הייבט אָן דערציילן:

„ער איז שוין צוויי יאָר געווען פאַרהייראַט. אַזוי ווי זיי האָבן זיך ניט איינפאַרשטאַנען, זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. און אַלס מענטש און דאָקטער איז ער זייער אַן אָפּגעלאָזענער... וועסטו דאָך מיך פרעגן, מרים, פון וואַנען ווייס איך דאָס? הער זשע אויפמערקזאַם, וועל איך דיר אַלץ דערציילן. איך בין צו אים געווען איינגעלאַדן אַמאָל. מיט אַ קורצער צייט צוריק, פאַר מיין גט מיט וועלוועלען, בין איך געגאַנגען אין גאַס אַ פאַרקלעמטע, ניט זעענדיק קיינעם פאַר די אויגן, האָלט מיך פלוצים אָפּ אַ פערזאָן. אין אָנפאַנג האָב איך אים ניט דערקאָנט. ער פרעגט מיך העפלעך, וואָס איך מאַך? נאָך זיין אויסשפּראַך, באַנעמונג און האַלטונג, האָב איך אים אָנגעפאַנגען דערקאָנען. פרעג איך אים: יצחק, דאָס ביסטו?״.. ענטפערט ער מיר, אַז איך האָב זיך געענדערט, דאָך האָט ער מיך דערקענט. ער פרעגט מיך, וואָס האָט עס אַזעלכעס מיט מיר פּאַסירט, וואָס איך בין ניט אַזוי אויפגעלייגט? דערצייל איך אים, אַז מיין מאַן איז ניט מער צווישן די לעבעדיקע. ענטפערט ער, אַז ער האָט שוין וועגן דעם געהערט. ווידער פרעגט ער, וואָס הערט זיך ביי מיר? ענטפער איך אים, אַז איך האָב געהייראַט פאַר אַ מאַן, וואָס איז ניט געווען פּאַסנד פאַר מיר, אָבער ער איז געווען זייער רייך. פרעגט

ער מיר, וואָס הייסט „געווען״? ענטפער איך אים, צוליב זיין זון מוזן מיר זיך שיידן. ער האָט באַוווּנדערט, אַז אַזאַ השפּעה האָט זיין זון? איז ער טאַקע ניט ווערט, זאָגט ער, דיך האָבן פאַר אַ פרוי!... זאָג איך אים, אָט איז דיר אַ בילד פון אַ פּרימיטיוון מענטש!... איך פרעג אים, ווו ער געפינט זיך, ווייל דאָ איז ניט דאָס אָרט אַרומצורעדן, איז ער געווען צופרידן פון מיין פראַגע און מיך איינגעלאַדן קומען אין האָטעל. קומענדיק צו דער באַשטימטער צייט, האָט ער מיך אָפּגעוואָרט פריינטלעך. ער האָט באַשטעלט טיי מיט דעליקאַטעסן. און אַזוי ביים טרינקען די טיי טראַכט איך: אפשר איז אַ פּלאַן כ׳זאָל זיך אויספרעגן וועגן זיין לעבן? איך האָב זיך פיל ניט געדאַרפט אָנשטרענגען, כדי צו וויסן, ווי ער לעבט. ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז שוין געווען פאַרהייראַט, געלעבט צוויי יאָר און ניט געקאָנט זיך איינפאַרשטיין מיט זיין פרוי און צו ענדע געמוזט זיך מיט איר גטן. טראַכט איך ס׳איז אַ גוטע געלעגנהייט פאַר מיין איצ־טיקער לאַגע. אַ דאָקטאָר איז ער דאָך, און ווי דו, מיין טייערע קוזינע, זאָגסט, אַז אַ מאַן דאַרף ניט זיין אַ קראַסאַוויעץ, ד.ה. אַ שיינער, אָבער אַ מענטש דאַרף מען זיין!

ער האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל אים באַזוכן און דאַן וועלן מיר אַ קלער טאָן. אמת, אַזאַ זאַך קאָן מען ניט כאַפּן. מילא, טראַכט איך, קיין 18 יאָר בין איך דאָך ניט, פאַרוואָס ניט צופאָרן? בין איך צוגעפאָרן באַקאָנען זיך מיט זיין שטייגער לעבן. איך מוז דיר זאָגן, מרים, קומענדיק און אָנקוקנדיק זיין אָפּגעלאָזנקייט, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן!... וויפל איך האָב געהאַט צו אים אַנטיפּאַטיע, האָט זיך די אַנטי־פּאַטיע פאַרטאָפּלט איך האָב גלייך אָנגעפאַנגען טראַכטן, ווי מאַכט מען דעם וועג אויף צוריק?... דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן דעם מענטש מיט מער־ווייניקער שכל, אָבער אַזאַ געלערנטער מאַן זאָל זיין אַזוי אָפּגעלאָזן? ווי קאָן מען טראַכטן וועגן אַזאַ פערזאָן?...

איך האָב איבערגעריסן אונדזער געשפּרעך, וואָס זאָל טראָגן אַן אַנדייר־טונג, וועגן בינדן אונדזער גורל. נאָר איין זאַך האָב איך אים געבעטן: אַזוי ווי איך בין פון פאַך אַן אָבערשוועסטער, זאָל ער זיין אַזוי פריינטלעך און פאַראינטערעסירן זיך וועגן איינאָרדענען מיך אויף אַרבעט.

איך פאַרשטיי, אַז ער האָט פיל איבערגעלעבט צוליב מיר, ווייל, וויסנדיק, אַז ער האָט געהאַט צו מיר גוטע געפילן נאָך אַלס יונגער מענטש. איך געדענק נאָך, אַז ער האָט מיט מיינע ג״ז עלטערן גערעדט וועגן מיר, אָבער איך האָב צו אים דאַן אויך געהאַט די זעלבע געפילן...

מיין ג״ז מאַן האָב איך געליבט מיט האַרץ און נשמה, דאָסגלייכן בין איך ביי אים געווען באַליבט און געשעצט!..

יאָ, מיין טייערע מרים, דאָס לעבן איז אַ לאָטעריי. מיין גליק האָב איך אויסגעשפּילט, ליידער אויף אַ קורצע צייט!...

מיין גליק איז געווען גרויס, מיין האַרץ האָט מיך אָפּגענאַרט, ווייל איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל אייביק זיין גליקלעך און צום סוף, ניט פּאַר דיר געדאַכט, אַזאַ קאַטאַסטראָפע!... בלייבן עלנד אַפילו אָן אַ קינד! ווען איך וואָלט געהאַט אַ קינד, וואָלט איך געלעבט צוליבן קינד און געהאָפט, אַז איך וועל דערלעבן פון אים נחת. צו וועמען קאָן איך האָבן טענות?״

מרים טרייסט איר, זאָגנדיק: „פייגעלע, זיי ניט ביי זיך געפאַלן. דו ביסט נאָך יונג, ס׳וועט דיר נאָך גוט זיין!... באַרויק זיך, מיין מנשה וועט קומען פון דער רייזע, וועט ער וועגן דיר אַ טראַכט טאָן.. ער האָט באַקאַנטע דאָקטוירים, מעגלעך, אַז ער וועט דיך דאָ איינאָרדענען און ווען ניט, וועסטו שרייבן צו דיין באַקאַנטן, וועט ער דיך איינאָרדענען.״

„ווען דאַרף מנשה קומען?״

„איך האָף ענדע וואָך.״

„ווי לעבט זיך דיר, מרים?״

„איך בין צופרידן מיט מיין גורל. איך האָב אַפילו פיל אַדורכגעמאַכט אין לעבן קאָנפליקטן מיט פאַרשיידענע איבערלעבונגען... דאָס לעבן אין אַלגעמיין, גייט ניט אַדורך, ווי דער מענטש וויל. שטעל זיך פאָר, איך בין געווען אַ יונגע פריילין, געשפּילט, געטאַנצט, ניט געוווּסט וואָס הייסט איבערלעבונגען. מיינע ג״ז עלטערן זיינען געווען פאַרמעגלעכע. איך האָב באַזוכט טעאַטער, קאָנצערטן, געהאַט פיינע געזעלשאַפט, ווי ס׳פּאַסט אין אַ צענטער. צו אונדזערע באַקאַנטע איז געקומען אַ פריינד, וועלכער איז געוואָרן מיין מאַן. איך בין געווען ביי זיי אָן איינגייערין צו זייערע טעכ־טער, די ייִנגסטע פון זיי איז געווען מיין בעסטע פריינדין. גייענדיק אַזוי צופעליק אויף אַ קאָנצערט, האָב איך זיך מיט אים באַקאָנט. ער האָט געקאָנט מאַכן זייער אַ גוטן איינדרוק ניט נאָר אויף אַ יונגע פריילין, אַפילו אויף עלטערע מענטשן. ער איז געווען זייער שיין, סימפּאַטיש, הויך און שלאַנק זיין שוואַרצער קאָפּ האָר האָט געבלאַנקט ווי סאַמעט און מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָט ער געקאָנט צוציען יעדן. היינט זיינע שיינע מאַניערן און דערצו פון אַ זייער שיינעם אָפּשטאַם. דו קאָנסט דאָך די שמחוביטשעס? וועגן בילדונג איז דאָך אָפּגערעדט! אַלץ צוזאַמען

איז ער געווען, ווי מען זאָגט, אַן אבן טוב. איז דאָך ווויל און גוט, אַז אַזאַ בחור האָט זיך מיט מיר פאַראינטערעסירט!... מיינע חברטעס זיינען מיר מקנא געווען!...

נו, ווי פאַרשטייסטו? איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז גליקלעכער פון מיר איז אויף דער וועלט ניטאָ. מיינע עלטערן האָבן געזוכט אַ געלעגנ־הייט נעבנטער זיך מיט אים באַקענען, כדי צו דערוויסן זיך, וואָס ער טראַכט וועגן מיר? מען האָט אים אייניקע מאָל איינגעלאַדן און אויס־געפונען, אַז ער איז פאַראינטערעסירט מאַכן תנאים. מען האָט זיך זייער פריינטלעך אונטערהאַלטן און איינגעשטימט מאַכן תנאים. מיינע עלטערן האָבן 15 טויזנט רובל נדן געגעבן, ווי אויך האָבן זיי אין זייער הויז אָפּגעשריבן אַ וווינונג פון 4 צימערן, איינגעריכטעט מיט די שענסטע מאָדערנסטע מעבל. מיט איין וואָרט — אַלץ גייט, ווי מען זאָגט, מיטן רעכטן פוס... איך בין גליקלעך. מיין חתן ווייזט אַרויס צו מיר די בעסטע געפילן. ס׳איז אָנגעקומען די באַשטימטע צייט פון אונדזער חתונה.

מיינע עלטערן האָבן איינגעריכטעט די חתונה אין גרעסטן שענסטן סאַלאָן מיטן שענסטן קאָמפּאָרט. מיין גאַרדעראָבע איז באַשטאַנען פון צוויי פוטערס, קליידער, וועש, ווי אויך פון די פיינסטע ביזשוטעריע. נאָך היינט האָב איך פון דער גאַרדעראָבע זאַכן, וואָס איז ניט צו באַקומען. אַזוי, מיין טייערע, האָבן מיר אָנגעפאַנגען גיין אין לעבן. אָבער אין דער ווירקלעכקייט פון וואָרט „לעבן" איז ניט אָמבאַלאַנגט פון זיך, אָדער פון די עלטערן, נאָר פון שיקזאַל!... דער שיקזאַל־גורל האָט, ליידער, געפירט אַנדערש...

נאָך מיין גליקלעכער חתונה, האָב איך געעפנט די אויגן און דערזען, אַז ניט וויכטיק איז דעם מאַנס שיינקייט, אָדער בילדונג.

קורץ, מיין מאַן האָט ליב „כאַפּן אַ קערטל" און אַ „לייכטן פלירט"... און ווו ס׳קומען זיך צונויפן מענטשן פון דער קאַטעגאָריע, איז זיי שווער אויפצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון משפחה־לעבן. ס׳איז אַפילו געווען צייטן, אַז ער פלעגט ניט קומען נעכטיקן.

פאַרשטייסט דאָך, פייגל, ווי אַ יונגע פרוי קאָן פון דעםליידן. מ׳קען ניט האָבן די מינדעסטע זיכערקייט, אַז דער מאַן האָט אמתע געפילן צו זיין פרוי. דעריבער בין איך ביי דער מיינונג, אַז אַ מאַן באַדאַרף ניט זיין צו שיין, עלעגאַנט, ווי אויך הויך געבילדעט, נאָר האָבן אַ גוטן מענטשלעכן כאַראַקטער. אַ דאַנק דעם שאַפט זיך אַ גוטע האַרמאָניע צווישן מאַן און פרוי."

פייגל, אויסהערנדיק איר קוזינע, האָט אויסגעדריקט איר מיטגעפיל, זאָגנדיק:

„איך באַדויער און פיל מיט אייער אומסטאַביל לעבן. מעגלעך ס'איז אָפּהענגיק פון זיין באַשעפטיקונג. איך נעם אַרויס פון דיינע רייד, אויב ער וואָלט פון דיר ניט געהאַלטן, וואָלט ער געשאַפן אַן אַנדער לאַגע... זעסט דאָך, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, קומט ער אַהיים. דו, מרים, האָסט פון אָנפאַנג געדאַרפט בויען דיין לעבן אויף גאָר אַנדערע יסודות... ניט לאָזן אים אַרומפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט מאַכן לופט־געשעפטן, נאָר מאַכן אַן אייגענע פּרנסה מיט אייגענע זאָרגן. דאָס וואָלט אים געצאַמט ער זאָל אויספירן זיינע פליכטן, ווי אַ מאַן, וואָלט ער געבויט אַ סטאַבילע עקזיסטענץ." — און אין האַרץ טראַכט זי גאָר אַנדערש... איך וואָלט שוין וועלן ער זאָל קומען, וועל איך שוין קענען אים אָנציען!...

און ווידער טראַכט זי: דו קאָנסט מיך ניט, מרים. איך וועל דיך פאַרבלענדן, אַז דו וועסט ניט זען און ניט וויסן, ווער ס'האָט דיך באַ־אַרבעט!... זאָל ער נאָר קומען, וועל איך אים אַזוי פאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז ער וועט ביי מיר ליגן, ווי אַ בין אין האָניק!...

פייגל, ניט אַרויסווייזנדיק קיין פאַרדאַכטן, רעדט אירע פאַלשע רייד געמישט מיט גיפט:

„יאָ, מיין טייערע קוזינע, דו ווייסט דאָך, דער מענטש קאָן קיינמאָל זיך ניט פאַרזיכערן מיט קיין זאַך. איך האָב געבויט מיין לעבן אויף געזונטע יסודות. מיין לעבן איז געווען נאָרמאַל. אונדזערע באַציאונגען איינע צו די צווייטע זיינען געווען באַזירט מיט גוטע ערנסטע געפילן. אונדזער וווינונג איז געווען איינגעריכטעט לוקסוס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז ביי אים געווען הייליק."

מרים רייסט איבער פייגלס רייד, זאָגנדיק:

„זעסט דאָך, פייגל, צוויי קוזינען — צוויי כאַראַקטערן!... איך מוז דיר ערנסט זאָגן, אַז איך האָב געטאָן אַ גרויסן פעלער. נאָך דער חתונה, ווען איך האָב אים דערקאָנט, האָב איך באַדאַרפט פּראָטעסטירן און בויען אונדזער לעבן, ווי דו האָסט געזאָגט, ניט אויף לופט־שלעסער. היינט בין איך ניט אימשטאַנד צו ענדערן, ווי זאָגט מען: אַ יונגן בוים קאָן מען נאָך איבערפלאַנצן, אָבער ניט תמיד."

די צייט איז געגאַנגען, דער דערוואַרטעטער גאַסט מנשה איז אָנגע־קומען.

„ווייסט, מנשה, מיר האָבן אַ גאַסט!"

„ווער ?"

„דיין ג"ז קוזינס פרוי פון וו." — ענטפערט מרים.

„פייגעלע ? ווען איז זי געקומען ?" — פרעגט מנשה.

„שוין דער 5־טער טאָג, ווי זי איז דאָ."

„וואָס דערציילט זי ? ווי גייט עס איר ?"

„פון איר לעבן קאָן מען מאַכן אַ באַשרייבונג, וואָס זי האָט אַדורכ־געמאַכט !" — ענטפערט מרים.

„איך קאָן איר פריער פאַר דיר. ווען זי איז נאָך יונג געווען, האָט זי אונדזערע בחורים געפּירט פאַרן נאָז. די פייגעלע האָט געהאַט גרויסע אַספּיראַציעס אין לעבן. נו, ווי זעט זי אויס ?"

„זי דאַרף באַלד קומען, וועסטו איר זען." — ענטפערט מרים.

און אַזוי רעדנדיק איז פייגל אַנגעקומען. פרעגט איר מנשה, וואָס זי מאַכט ? ענטפערט זי :

„איך מאַך דאָס, וואָס צדיקים אויף דער וועלט מאַכן !..."

מנשה מאַכט איר אויפמערקזאַם, אַז אויף דער עלטער איז זי גאָר געוואָרן אַ צדיקת ?... ענטפערט זי, אַז מען לעבט דאַרף מען קאָנען שפּילן און אַמאָל שווימען, דאַן קאָן מען פון לעבן געניסן !...

„פונדעסטוועגן, נאָך דיין עלטער, זעסטו אויס געגוג דרייסט און זעסט אויס בעסער, לויט ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. נו, וואָס הערט זיך ביי דיר אין אַלגעמיין ? איך האָב געהערט, אַז דו האָסט חתונה געהאַט פאַר זייער אַ רייכן מאַן."

„יאָ" — ענטפערט פייגל מיט אַ טיפן זיפץ. — „אָבער מיין הייראַט איז געווען ניט פון די גליקלעכסטע, ווייל אַ מאַן מיט קינדער, אַפילו מיט אַ דערוואַקסענעם זון, מאַכט אָן אין צוזאַמענלעבן נאָר צרות... אַלזאָ מנשה, ווילסטו דאָך וויסן די ענדע פון דער געשיכטע ? קורץ, מיר האָבן זיך געגט. דאָס וויכטיקסטע איז ביי מיר די פראַגע, ווו נעמט מען אַרבעט ? נאָך דיין ג"ז קוזינס טויט, האָב איך ניט געאַרבעט. איז ווי זאָגט מען ? „דאָס לעבן גיט און נעמט צוריק.", ד. ה. איך האָב אַלץ פאַרלעבט און היינט־צו־טאָג מוז איך טראַכטן וועגן אַרבעט. איך וואָלט גערן געגאַנגען אַרבעטן, לויט מיין פאַך, אַלס אָבער־שוועסטער."

מנשה טראַכט זיך : מען דאַרף איר איינאָרדענען ביי מיינעם אַ באַ־קאַנטן פּראָפעסאָר, אַן אָרדינאַטאָר. ווען זי וועט דאָ זיין, וועל איך קאָנען האָבן אַ שאַנס מאַכן מיט איר אַ פלירט... זי איז נאָך פול מיט לעבן !... ניט ווי מיין מירעלע (מרים). אמת, אַזאַ פרוי, ווי פייגל, טויג ניט פאַר

אַ פֿאַמיליען־לעבן, אָבער אַ פֿלירט!... פֿאַרוואָס ניט?...

און אַזוי טראַכטנדיק, פֿאַנטאַזירט ער ווייטער: אין אַ שיינער זומער־נאַכט, ווען די לבֿנה וועט שיינען, קאָן מען מיט איר שאַפֿן ראָמאַנטישע מאָמענטן און פֿאַרגעסן פֿון אַלע צרות!... אויסגעצייכנט! טראַכט ער און רעדט צו איר מיט אַ זיס שמייכעלע:

„פֿייגעלע, טראַכט ניט פֿיל. איך וועל אַ רעד טאָן מיט מיינעם אַ גוטן באַקאַנטן פּראָפֿעסאָר. איך גלייב, אַז ער וועט דיך איינאָרדענען אין שפּיטאָל."

זי באַדאַנקט אים און שמייכלט־צו סודותדיק, זאָגנדיק:

„זייער שיין, מנשה!..."

פֿייגל, וויסנדיק זיין נאַטור, טראַכט: ער איז נאָך זייער שיין. איך וועל ניט מאַכן אָפֿענע אינטריגעס, אָבער פֿלירטעווען מיט אַזאַ פּערזאָן פֿאַרוואָס ניט? מירעלען (מרים) וועט עס אַפֿילו ניט קומען אויפֿן געדאַנק דאָס, וואָס איך טראַכט. מיט זיין מיטהילף וועט מיר געוויס לייכטער זיין קריגן אַרבעט. מיט די געדאַנקען האָט זי זיך באַרואיקט.

מרים האָט פֿאַרבאַרייט אַ שיינעם אָוונט־ברויט. זי האָט זיי אַריינגעבעטן צום טיש, וואָס איז געווען שיין סערווירט מיט געררויכערטע פֿיש, פּוטער, קעז, קאַפֿע און דעליקאַטעסן.

און אַזוי, עסנדיק, פֿאַרברענגענדיק, איז אַריינגעקומען זייער אַ גוטער באַקאַנטער מיט דער פֿרוי. מרים האָט זיי פֿאַרבעטן צום טיש. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען, גוט זיך פֿאַרווײַלט ביז שפּעט אין אָוונט. די געסט, באַדאַנקענדיק פֿריינטלעך פֿאַר זייער גוטער אויפֿנאַמע, האָבן די באַקאַנטע איינגעלאַדן צו זיך און געבעטן מיטנעמען פֿייגלען.

אויף מנשהס פֿראַגע, ווי ס'געפֿעלן פֿייגלען די געסט? האָט זי גע־ענטפֿערט:

„זי זעט אויס אין מיינע אויגן, ווי אַ באָבע. ער איז ניט פּאַסנד פֿאַר דער פֿרוי. איך פֿאַרשטיי, אַז ער דאַרף זיין אַ זעלטענער מאַן, ווען ער קאָן זיך צופֿרידנשטעלן מיט אַזאַ געוויינלעכע פֿרוי!..."

ענטפֿערט איר מנשה: „ניט אַלע מאָל אימפּאָנירט דעם מאַן שיינקייט אָדער בילדונג. איך מוז דיר זאָגן, פֿייגל, אַז דו האָסט אַ טעות. ער איז אַן איינפֿאַכער, זי דאַקעגן איז אַ געבילדעטע מיט אַ פֿיינעם כאַראַקטער. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין צוזאַמענלעבן, ווייל די פֿרוי שפּילט אַ וויכטיקע ראָל. איבערהויפּט, ווען אַ מאַן איז פּרימיטיוו, שאַפֿט דאַן די פֿרוי אַ שיינע געזעלשאַפֿט און אַ גוטע אַטמאָספֿער. דערצו מוז אַ מאַן,

וואָס פאַרשטייט די וויכטיקייט, שעצן און אַכטן אַזאַ פרוי. און דאָס איז דער מאַן, וואָס פאַרשטייט, ווייל ער פאַרמאָגט אין זיך איינגעבוירענע אינטע־ליגענץ. ווען דו וועסט קומען צו זיי און אָנקוקן, וואָס זיי האָבן באַוויזן אין זייער קורצן צוזאַמענלעבן. זייערע שיינע צוויי זין. דער עלטערער, 8 יאָריקער, שפּילט פידל. ער זאָגט פאָר צו זיין אַ ווירטואָז. דער יונגערער, 6 יאָריקער, שפּילט פּיאַנאָ. זייער שפּילן איז אַ זעלטנהייט. דערצו איז זי אַ גוטע ווירטין און אַ גוטע פרוי פאַרן מאַן, פאַרשטייט, ווי צו דערציען אַ קינד.״

פייגל טראַכט: מנשה האָט אַ ווייטן קוק און פאַרשטייט דאָס לעבן... מיט אים וועט מיר גאָרניט אַרויסקומען, וואָס איך האָב געטראַכט... מעגלעך ער האָט דאָס אַלץ געזאָגט צוליב זיין מרימען, כדי זי זאָל אים ניט חושד זיין... און ווידער טראַכט זי: וויפל איך האָב שוין פּראַקטיק, זע איך, אַז איך פאַרשטיי נאָך גאָרניט. ווען איך וואָלט גוט פאַרשטאַנען, וואָלט איך אויף יצחקן געדאַרפט קוקן מיט אַנדערע אויגן... אין דעם פאַל האָב איך אַנדערש האַנדלען באַדאַרפט און ניט קוקן אויף דער אומאָרדענונג אין זיין וווינונג. ווי זאָגט מנשה: „דאָס פאַמיליען־לעבן שאַפט די פרוי, ניט דער מאַן...

ווען איך וואָלט פריער געהערט זיינע קלוגע רייד, וואָלט איך זיך אַנדערש באַצויגן צו יצחקן. איך זע דאָס אַרויס פון מנשהן אַלס מאַן, וואָס פאַרמאָגט אַלע מעלות און לעבט מיט אַזאַ פרוי, ווי מרים! אמת, זי איז אַ גוטע, קלוגע, אָבער קליין־ווּוקסיק, זעט אויס פיל עלטער פון אים. ביי זיין אָנקומען, האָב איך באַוווּנדערט וואָס איז עס פאַר אַ פּאָר? שפּעטער, דערזעענדיק, ווי דעליקאַט ער באַנעמט זיך צו איר און מיט וואָס פאַראַ פּאַטערלעכע, איידעלע באַציאונג ער באַציט זיך צו זייערע קינדער, איז ער טאַקע אַ מוסטערהאַפטער מאַן און פּאַטער! און אויב ער דערלויבט זיך מאַכן אַ פלירט, איז ער דאָך אַ מאַן...

אָבער דאָס אַלץ איז פּוסטע פאַנטאַזיעס. ניט פאַרלאָזן זיך אויף מנשהס קאָמפּלימענטן, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט לגבי מיר, ווי אויך זיינע פאַרשפּרעכונגען, אַז ער וועט מיר העלפן איינאָרדענען זיך. בעסער וועל איך אים באַווייזן מיין ווירדע, אַז איך קאָן זיך אַליין אַן עצה געבן, ווי אָנשרייבן אַ בריוו צו יצחקן, אפשר וועט ער מיר דאָך ענטפערן, ווייל איך האָב אים אומדירעקט באַליידיקט מיט מיין אומטאַקטישער אויפפירונג. דאָך האָט ער צו מיר אַרויסגעוויזן גוטע געפילן. איך גלויב, אַז ער וועט מיר גערן ווערלן זען... מעגלעך, אַז ער פאַרשטייט מיך און

וועט ניט וועלן אַפילו טראַכטן וועגן מיר. נו, וואָס קאָן איך אַנדערש טאָן? ניטאָ קיין אַנדער ברירה! אויב ער וועט מיר ענטפערן, ווי איך דערוואַרט, וועט זיין שיין און קאָנען זאָגן זיי, אַז יצחק לאַדט מיר איין און איך פאָר צו אים. דאָס וועט זיין מיין לעצטער פּרווו, אויב איך האָב נאָך אַ ביסעלע מזל. וועז ניט, וועל איך מוזן ווירקן אויף מנשהן, ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט איינאָרדענען...

ענדלעך האָט פייגל באַשלאָסן אָנשרייבן יצחקן אַ בריוו, ווו זי בעט אַנטשולדיקונג פאַר איר ניט באַלדיקן שרייבן, מחמת, ווי אים איז באַוווסט פון איר פאַרגאַנגענער לאַגע מיט איר געגטן מאַן, אַז זי האָט פיל איבער־געלעבט. וועלנדיק זיך עטוואָס באַפרייען פון דעם קאָשמאַר איז זי צוגע־פאָרן צו אירע אַ קוזינע, ווו זי געפינט זיך צייטנווייליק. זי וואָלט גערן געוואָלט הערן פון אים, וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט זיך און בכלל, וואָס הערט זיך ביי אים אין אַלגעמיין? אגב בעט זי אים ער זאָל זיך פאַר־אינטערעסירן און איר איינאָרדענען אין זיין אָפּטיילונג אַלס אָבער־שוועסטער אין איינקלאַנג מיט דעם, ווי ער האָט איר פאַרשפּראָכן. זי וועט גליקלעך זיין, ווען זי וועט באַקומען פון אים אַ שנעלן, גוטן אַנטוואָרט, פאַר וועלכן זי דאַנקט אים פאָראויס.

יצחק, דערהאַלטנדיק פייגלס בריוו, האָט באַוווּנדערט דעם שטאַרקן קאָנטראַסט אין באַצוג צו אים, פון איר אַוועקפאָרן ביז איר פריינטלעכן בריוו. ביי דער געלעגנהייט באַשליסט ער גיין צו זיין שעף אַדורכרעדן זיך וועגן זיין לאַגע. ער וועט אים אַלץ דערציילן, וואָס וועט ער אים ראַטן. יצחק טראַכט: דער שעף איז אַ מאַן אין די יאָרן, ווי איך האָב געהערט, האָט ער אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע איבערלעבונגען... איך דענק, אַז ער וועט מיר געבן אַ גוטע עצה. דאַן וועל איך איר קאָנען געבן אַ קאָנקרעטע תשובה. אַזוי האָט ער באַשלאָסן. קומענדיק אין שפּיטאָל האָט מען אים געזאָגט, אַז דער פּראָפעסאָר יאַקובסאָן איז היינט אַוועק אין אורלויב אויף 10 טעג. טראַכט ער: ס'איז גלייכער זי זאָל אַביסל צוואַרטן. איך האָב אויף איר בריוו לענגער געוואַרט.

די צייט איז אַריבער. פּראָפעסאָר יאַקובסאָן איז צוריקגעקומען פון אורלויב. יצחק האָט באַקומען די מעגלעכקייט מיט אים צו רעדן. ער מאַכט אים באַקאַנט, אַז ער איז אַ געגטער און וויל זיך מיט אים באַראַטן. ער ברענגט אים אַ פּסוק פון חומש, וואָס ער האָט אַמאָל אין חדר געלערנט: „לא טוב להיות האדם לבדו..."

ענטפערט אים פּראָפ. יאַקובסאָן, עם כל הכבוד וועט ער אים אויס־

הערן און, ווי געוויינלעך, געבן אַן עצה, אַפּילו אָנוויַיזן, ווי מען באַדאַרף צוגיין צום פאַמיליען־לעבן.

„אויב אַ מאַן פאַרשטייט, ווי זיך צו באַגיין מיט זיין פרוי, שאַפט זיך אַ שיין פאַמיליען־לעבן. מיין ניט, יצחק, אַז ס'ווענדט זיך אין אַ פרוי. דער פסוק „והוא ימשל בך...״ הייסט ניט, אַז דער מאַן דאַרף זיין דער הערשער, ווי דער רבי האָט אַמאָל פאַרטייטשט צו די תלמידים. אין דעם פאַל וואָלט זיך געשאַפןביים מאַן אַזאַ מיינונג, אַז די פרוי איז אַ גאָרניט. דאָס טויג ניט. אין דעם פאַל ווערט די פרוי אויפגערעגט, וויל זיך מיט אים ניט רעכענען, ער ווערט דענערווירט, קאָן ניט באַהערשן די נערוון, ביז... ס'קומט צו געוויסע קאָנפליקטן. ווען די פרוי איז מיט אַ גוטער נאַטור, פאַרלעגנגעט'ס זיך זייער לעבן, אָבער ס'איז אָך און ווייַ צו אַזאַ לעבן!... אויך פּאַסירט, ווען די פרוי איז ענערגיש און באַזיצט אַ גוט פאַך, אין דעם פאַל דערפירט דאָך נאָך שנעלער צו אַ גט.״

יצחק האָט אויסגעהערט דעם פּראָפעסאָרס אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, טראַכט ער: יאָ, ער איז גערעכט און גוט, וואָס איך האַלט זיך מיט אים אַן עצה. איך וועל אָנהויבן פון איר בריוו, נאָך דעם וועל איך הערן, וואָס ער וועט מיר עצהן.

„הער פּראָפעסאָר! איך וויל זיך מיט אייך האַלטן אַן עצה. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיינע אַ יוגנט־חברטע. זי בעט מיך איך זאָל איר איינאָרדענען אַלס אָבערשוועסטער. זי איז אַן אלמנה נאָך מיינעם אַ קאָ־לעגע. צווייטנס האָט זי נאָכן מאַנס טויט געהייראָט און ניט לאַנג נאָך זייער צוזאַמענלעבן זיך געגט. זי איז אַ פרוי מיט גרויסע אַספּיראַציעס. צו דעם איז זי נאָך געגוג שיין, יונג, ניט נאָך אירע יאָרן. קינדער האָט זי ניט. איך בין פון מיין יוגנט אָן ניט געווען גלייכגילטיק צו איר. און היינט האָט זי ביי מיר דערוועקט די אַנגעווייטיקטע פראַגע... וואָס זאָל איך טאָן?״

„מיין עצה איז: איר אייגלאַדן. דאָס וועט אייך געבן די בעסטע מעגלעכקייט איר צו קאָנען לערנען...״

„הער פּראָפעסאָר, איך מוז זיין אָפנהאַרציק און אייך זאָגן, אַז דאָס, וואָס איר עצהט מיר, האָב איך שוין געטאָן. איך האָב דורך דעם זיך פאַרשאַפט נייע איבערלעבונגען.״

„נו, אויב איר האָט שוין געמאַכט אַזאַ פּרווו, צוּוואָס וועט אייך דערפירן אַזאַ צוקונפט? דאָס וועט אייך קיין גוטס ניט ברענגען. אָט

וואָס איך וועל אייך זאָגן, וועגן איר איינאָרדנען, זאָלט איר ניט זאָרגן. דאָס וועט אייך פאַרדרייען אייער קאָפּ. זאָל זי זיך אַליין פאַרזאָרגן. און ווידער איילט זיך ניט, איר וועט גאָרניט פאַרשפּעטיקן. ווי זאָגט מען: „אַ מאַן ווערט ניט אַלט, און וואַסער ווערט ניט זויער...״ באַרואיקט אייער האַרץ! פיל ערגער איז דאַן, ווען מען ווייסט ניט און מען קאָן ניט אויסגעפינען, וואָס דער צווייטער באַזיצט. גאָט האָט פריער באַשאַפן די חיה. דער מין חיה איז אויך דאָ פאַרשידנס. דער פוקס, למשל, איז כיטרע, אַ ביבער וויינט תמיד. די צוויי מינים זיינען געפערלעך. פאַרוואָס? די פרוי, וואָס באַזיצט די נאַטור פון אַ פוקס, מוז מען זיך פאַר איר שטאַרק היטן. פאַר דער צווייטער קאַטעגאָריע: ביבער, מוז מען זיך אויך שטאַרק היטן. פון אַזאַ פרוי, וואָס באַזיצט „זיין״ אייגנשאַפט, זאָלט איר וויכן. אין קעגנפאַל, וועט זי אייך דעם גאַנצן לעבן פאַרוויינען... נעמט דאָס אין אַכט, ווייל איך זאָג דאָס אייך פון אייגענער דערפאַרונג. און וואָס אַמבאַלאַנגט „לא טוב היות האדם לבדו״... אויך דאָס פאַרשטיי איך. איך האָב פאַר אייך אַ פאָרשלאָג: צו מיין פרוי קומט אַ קוזינע און איך קאָן איר. לויט ווי מיין פרוי קאָן איר גוט, גלויב איך, אַז זי וועט זיין פּאַסנד פאַר אייך. אויך זי איז אַ געגטע מיט אַ קינד, אַ מיידעלע. פון פאַך איז זי אַ קינדער־דאָקטער. ווען זי וועט קומען, וועלן מיר אייך איינלאַדן און מיט איר באַקאַנען. דאָס איז מיין בעסטע עצה.״

יצחק, אויסהערנדיק דעם פּראָפעסאָרס אָנווייזונגען, האָט ער אים באַדאַנקט, באַמערקנדיק, אַז ס'איז שטענדיק גוט, ווען מען באַראַט זיך, בפרט מיט אַזאַ פּערזאָן! ער טראַכט: וואָס ענטפערט מען איר? זי איז דאָך איינזאַם און וואַרט געוויס מיט אומגעדולד אויף מיין ענטפער. זי וויל דאָך קומען אַרבעטן, אָבער איך קאָן דאָך איר. ערשטנס איז זי דער אמתער פוקס, וועט זי מיר אַזוי פאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז איך וועל ניט וויסן צי איך לעב, אָדער מען וועט מיך מוזן אָפּשיקן אין משוגעים־שפּיטאָל. איז געוויס גלייכער צו באַהערשן מיינע געפילן, וואָס קאָנען מיך פאַרפירן אין אַ זומפּ. זאָל זי פון מיינע געדאַנקען און אויגן פאַרשווינדן! דאָס בעסטע איז איר ענטפערן, אַזוי ווי זי האָט גלייך ניט געגעבן צוּוויסן וועגן איר קומען, האָט דער שעף אָנגענומען אַן אַנדערע. און אַ סוף זאָל דאָס נעמען!... און אויף ווייטער, האָבן מיר איינער צו די צווייטע קיין שייכות, קיין אָנדייטונג, וועט זי מיר מער ניט דרייען דעם קאָפּ. אַזוי האָט ער פעסט באַשלאָסן און זיך באַרואיקט און שרייבט איר אַ בריוו מיט דעם אינהאַלט:

ערנסטע ליבעס

ליבע פייגעלע!

דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן, ליידער האָסטו פאַרשפעטיקט מיט דיין שרייבן. פאַרוואָס האָסטו גלייך ניט געגעבן צו וויסן? פון דיין שרייבן פאַרשטיי איך, אַז דו ביסט געווען מיט גאָר אַן אַנדער מיינונג, וואָס און ווי עס מאַכט זיך אין לעבן, מוז יעדער אָננעמען גלייכגילטיק. מיין ווונטש: ווער באַגליקט דאָרטן, און איך דאָ.

מיט אַכטונג

יצחק.

פייגל וואָרט מיט גרויס אומגעדולד אויף יצחקס ענטפער. ענדלעך, ווען זי האָט דעם בריוו דערהאַלטן, האָט איר דאָס האַרץ פאָראויסגעזאָגט: פוסטע האָפענונגען! ווידער טראַכט זי: אַמאָל דוכט זיך...

זי האָט דעם בריוו מיט אומגעדולד אויפגעמאַכט און גענומען לייענען: „ליבע פייגעלע"... דאָס האָט עטוואָס באַרואיקט אירע נערוון. דער ווייטער־דיקער אינהאַלט פון דעם בריוו האָט איר אינגאַנצן צערודערט... זי זאָגט צו זיך: אַ האַרץ איז, ווי אַ זייגער. יאָ, ס׳טויג ניט! אַלע מיינע פלענער זיינען צערונען געוואָרן, וואָס טוט מען ווייטער? דערווייל שווייגן און וואַרטן, וואָס וועט מיר מנשה פאַרלייגן?...

אין דער זעלבער צייט טראַכט מרים, זאָגנדיק צו זיך: איך פאַרשטיי איר ניט! זי זיצט און לעזט ביכער, ווי זי וואָלט געווען ביי רייכע עלטערן. זי מאַכט דעם איינדרוק, ווי איך בין איר מחויב אויסהאַלטן. צווייטנס איז דאָס פאַר מיר איבער דער טבע צוקוקן איר באַציאונג צו מענער... איך קאָן זיך שוין פאַרשטעלן, וואָס ס׳קאָן דערפון אַרויסקומען! זי האַלט זיך פאַר אַן אַריסטאָקראַטין מיט חוצפהדיקע באַנעמונג.

ס׳איז אַריינגעקומען מרימס אַ פריינדינע. מרים האָט איר אויפגענומען, באַקאַנטמאַכנדיק מיט פייגלען, זאָגנדיק, אַז זי איז זייערע אַ קוזינע. זיי האָבן זיך פריינטלעך אונטערהאַלטן. פייגל האָט פאַר איר פאַרגעשטעלט איר לאַגע.

די פריינדינע באַטראַכט און באַדויערט איר לאַגע, אַז אַזאַ שיינע, עלעגאַנטע פרוי איז עלנט... די פריינדינע טראַכט: מיט וואָס קאָן איך איר אַרויסהעלפן? זי פרעגט פייגלען, צי זי באַזיצט אַ פאַך? ענטפערט פייגל, אַז זי איז אַ קראַנקנשוועסטער, ליידער איז איר שווער זיך איינצואָרדענען. די פריינדינע דערמוטיקט איר, זאָגנדיק, אַז גוטס וועט נאָכקומען.

מרים איז אַריינגעקומען און איינגעלאַדן אויף טיי. ביים טיי טרינקען, האָט מרים געבעטן איר פריינדינע, אַז זי זאָל זיך פאַראינטערעסירן אייג־אָרדענען איר. די פריינדינע האָט מרימען באַרואיקט, אַז זי וועט זיין פאַראינטערעסירט.

מיט דעם האָט זיך זייער געשפּרעך געענדיקט און די פריינדינע איז אַוועק.

„דיין פריינדין זעט אויס צו זיין אַ גוטע פרוי.״ — זאָגט פייגל.

„זי איז טאַקע אַ גוטע פרוי, וואָס וויל נאָר גוטס טאָן פאַר יעדן. זי איז געבענטשט מיט אַ שיין, גוט לעבן. שטעל זיך פאָר, פייגל, זי האָט אַלס מיידל חתונה געהאַט מיט אַ געגטן מאַן, וואָס האָט געהאַט צוויי קינדער. אָבער איר גוטע נאַטור מיט איר שיינער באַנעמונג צום מאַן, ווי אויך צו די קינדער, וועלכע האָבן דאָס אָפּגעשאַצט, גיבן איר אַ גרויס כבוד, ווי אַן אייגענער מוטער. אַזוי אַרום איז איר לעבן געאַכט, געשעצט. מיט איין וואָרט — אַ מוסטערהאַפטע פאַמיליע!...״

פייגל טראַכט: ווען איך וואָלט דאָס פאַרשטאַנען, ווי ווויל און גוט וואָלט מיר געווען!... ליידער, מיין עגאָיסטישע נאַטור האָט מיך דערפירט, אַז איך בין היינט־צו־טאָג אַן אומגליקלעכע און עלנטע. אַפילו פאַר־טרויען מיינע אינערלעכע שמערצן קאָן איך פאַר קיינעם ניט. זי וויל אויסבאַהאַלטן אירע אינערלעכע איבערלעבונגען, זאָגט זי:

„ליבע מירעלע, דערצייל! איך האָב ליב צו הערן, ווי מענטשן קאָנען שאַפן גוטס פאַר זיך און פאַרן צווייטן...״ — און אין האַרץ האָט זי גרויס חרטה אויף אַלע אירע פאַרברעכנס, וואָס זי איז באַגאַנגען פאַר יענעם און אויך צרות פאַר זיך...

און טראַכט זיך: וועלוול, וועלוול! ער איז דאָך געווען ערלעך צו מיר, ממש ווי אַ מלאך! ווען איך וואָלט געווען ערלעך צו זיי, וואָס וואָלט מיר געפעלט?... אַזוי טראַכטנדיק וויל זי, אַז מרים זאָל ניט באַ־מערקן אירע אינערלעכע איבערלעבונגען, זאָגט זי:

„ווי יונג און שיין דיין פריינדין זעט אויס!...״

„שטעל זיך פאָר, פייגל, ווי זי האָט אויסגעזען אַלס פריילין. וואָלסט געזאָגט, אַז זי פּאַסט צו זיין אַ האָליוודער אַקטריסע! זעסט, און זי איז צופרידן. אמת, ער איז דער הויפּט־דירעקטאָר פון אַ באַנק. צו דעם איז ער שיין, יונג, ניט לויט זיינע יאָרן. מעגלעך, אַז זי מיט איר אינטעליגענץ און גוטן כאַראַקטער האָט אויף אים משפיע געווען. איך קאָן אים פון דער יוגנט. מיט זיין געגטער פרוי בין איך געווען גוט אויפגעטראָגן,

אָבער זי איז געווען אַן עגאָיסטין. תמיד געפּאָרן אַהיים צו אירע עלטערן. פאַרלאָזן דאָס הויז, דעם מאַן, די קינדער. זיי פלעגן אַהיימקומען פון שולע, טראָץ דעם, וואָס אין שטוב איז געווען אַ באַדינערין, אָבער אַ מוטערס אויג האָט געפעלט... דערצו, ווען דער מאַן קומט אַהיים פון זיין טאָג־אַרבעט, ווייל ער האָבן זיין איבערגעגעבענע פרוי נעבן זיך, מיט וועלכער ער זאָל זיך קאָנען אַמוזירן, ווי אויך אַמאָל אַראָפּריידן פון האַרץ, ווי ס׳פּאַסירט ביי אַרבעטס אומשטענדן...

איז, אַז אַזאַ פרוי, וואָס פאַרמאָגט דעם מיטגעפיל, ווי אויך שאַצט אָפּ דעם מאַנס פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ער טראָגט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, אין דעם פאַל זיינען זיי גליקלעך. דעריבער האָט איר גלייכ־גילטיקייט צום מאַן און קינדער דערפירט צו זייער גט.

מיין פריינדין איז די פרוי, וואָס פאַרשטייט דאָס. זי איז ניט שטאָלץ, טראָץ דעם וואָס זי איז פון אַ רייכער היים. ווען דו וועסט קומען צו איר, וועסטו זען, וואָס פאַר אַ ווירטין זי איז און ווי זי פירט זיך מיט די דערוואַקסענע קינדער און ווי זיי זיינען איר געהאָרכזאַם! אַלץ ווערט מיט איר דערלויבעניש געקויפט. זי איז די איינדרוקספולסטע פּערזאָן ביי איר מאַן און קינדער. יאָ, מיין טייערע, דאָס הייסט אַ גוטע פרוי, וואָס פאַרשטייט, ווי צו פירן אַ פאַמיליען־לעבן!...״

נאָכן געשפּרעך וועגן מרימס פריינדינע, איז פייגל געבליבן, ווי פאַרבליפט. טראַכט זי, אַז מרים רעדט, ווי זי וואָלט וויסן מיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, אָבער זי ווייסט דאָך גאָרניט, און מיט דעם האָט זי זיך עטוואָס באַרואיקט. זי טראַכט: מען דאַרף זיך האַלטן ערנסטער, ווען ניט, וועל איך זיך מאַכן צו גאָרניט.

פלוצים איז מנשה געקומען. מען האָט זיך אַביסל אונטערהאַלטן. מרים האָט געהייסן דעם שטוב־מיידל גרייטן צום טיש. זיי זיינען אַריין אין עס־צימער און געגעסן מיטאָג.

נאָכן עסן זיינען זיי אַריין אין שלאָפצימער אָפּרוען. זאָגט מרים מנשהן:

„וואָס טויג אונדז די פרישע „קאָפּ־דרייעניש״? זי געפעלט מיר ניט!...״

„האָב איך דען איר איינגעלאַדן זי זאָל קומען?״

„דו האָסט איר אָנגעדייטעט, אַז דו וועסט זיך מיט איר פאַראינ־טערעסירן. אַלזאָ, טו וואָס דו קאָנסט, ווייל זי זיצט אויף אונדזער קאָפּ. ווי איך זע, ווייל זי זיך ניט אָנשטרענגען. זי זיצט, לייענט ביכער...״

„מרים, דאָס אומגליק האָט דאָך געטראָפן אונדזער אַ קרובה! מוזן

מיר איר העלפן. באַרואיק זיך, מרים, איך וועל אָנווענדן אַלץ וואָס איז מעגלעך, און ווען ניט, וועלן מיר זען.״

„כל־זמן איך האָב ניט אַרויסגעזען איר גראָבקייט, האָב איך אַרגומענ־טירט פילזייטיק. מעגלעך ס׳ליגט איר ניט אין קאָפּ. דאָך ערב יום־טוב איז ניט צו פאַרשטיין. זי זאָל דאָס צולייגן אַ האַנט און העלפן... זי איז דאָך ניט קיין קינד! איך, למשל, פלעג קומען צו פאָרן צו מיינע אַ טאַנטע אויף אַ יום־טוב, וואָס דאָרטן זיינען געווען גענוג אַרבעטאָרינס, ווי אויך קיין קינדער, דאָך האָב איך געהאַט פאַרשטענדעניש מיטצוהעלפן, כאָטש מיין טאַנטע האָט עס ניט פאַרלאַנגט. באַזונדער פיל איך, אַז זי איז מיר אַ שונא... שטעל זיך פאָר, מנשה, מיט אַ טאָג צוריק איז מיר אויסגעקומען צוגיין דערליידיקן אַן ענין. דאָס קינד איז געשלאָפן. דאָס שטוב־מיידל איז אין דער היים ניט געווען. בין איך געווען זיכער, אַז איך קאָן רואיק אַוועקגיין, ווייל פייגל איז דאָך אין שטוב. צוריקגייענדיק הער איך, ווי אַ קינד וויינט שטאַרק. וווּנדער איך זיך: זאָל דאָס זיין אונדזער קינד? איז דאָך פייגל אין שטוב! ווי פאַרצאָרנט בין איך געוואָרן — ניט צוגיין באַרואיקן אַ קינד?!... דאָס קינד איז געווען פאַרוויינט, דאָס הערצעלע פאַרקלעמט, נאַס... מיט דעם האָט זי אַרויסגעוויזן איר אומדאַנקבאַרקייט און איר שלעכטע נאַטור!... ווייל איך ניט האָבן אַ שונא ביי זיך און נאָכקומען אירע קאַפּריזן. ווען דו ביסט נאָך געווען אויף דער רייזע, האָב איך איר געזאָגט זי זאָל גיין עסן פרישטיק. זי האָט ניט געפונען פאַר נויטיק מיר ענטפערן. האָב איך געטראַכט: אפשר האָט זי ניט געהערט, רוף איך איר נאָך אַמאָל, ענטפערט זי מיר: „איך קום גלייך״...

ווי איך וואָלט געווען איר באַדינערין!... אַפילו ניט מיט אַ דאַנק, ווי ס׳פירט זיך אין דער וועלט!... דו ווייסט דאָך, מנשה, ווען איך טו פאַר וועמען, זוך איך קיין דאַנקבאַרקייט. אָט די געשיכטע מיט אונדזער קינד, קאָן איך ניט פאַרגעסן!... דאָס איבערצייגט מיך, אַז איך טאָר ניט האַלטן אַזאַ מענטש אין שטוב. אויב זי איז ניט פאַרמעגלעך, זאָל זי זוכן אַן אַרבעט. ווען זי האָט געבעטן מיין פריינדין, זי זאָל איר העלפן איינ־אָרדענען, אויף צומאָרגנס האָט זי איר פאַרגעלייגט, אַז ביי אירס אַ באַ־קאַנטע פרוי איז נויטיק אַן אינטעליגענטע פרוי, וואָס דאַרף פאַרווילן, אַמוזירן, פאַרלעזן א.ד.ג. האָט זי זיך פאַרקרימט, זאָגנדיק: „דאָס איז ניט פאַר מיר״... זי האָט אַפילו ניט געפונען פאַר נויטיק באַדאַנקען איר פאַר איר מי... וואָס זוכט זי ביי אונדז? די זכרונות פון אַמאָל?... דער „אַמאָל״ איז שוין לאַנג אַוועק! דו ווייסט דאָך, מנשה, דאָס איך רעד

קיינמאָל ניט סתם אַזוי! מאַך אַן ענדע! זי האָט נאָך קרובים. מיר זיינען ניט די איינציקע!״

„דיין גוטע נאַטור ווייס איך. האָב אַ ביסעלע געדולד, איך וועל זיך זען מיט מיינעם אַ גוטן באַקאַנטן, אויב ער וועט איר איינאָרדענען, איז פאַר אונדז גלייכער... פאַרגעס ניט, אַז זי איז דאָך געבליבן אַן עלנטע, ווי אויך אַדורכגעגאַנגען אין איר לעבן אַ טראַגעדיע. איך פאַרשטיי דיך, מרים, אַז דו פאַרדינסט, זי זאָל קעגן דיר אַנדערש האַנדלען. זי פאַרשטייט עס ניט. דו האָסט איר אַרויסגעוויזן צופיל וואַרעמקייט. דאָס האָט געבראַנגט דערצו, אַז זי טראַכט זיך: דו מוזט איר זיין ווי אַן אייגענע שוועסטער! יאָ, מרים, מוסט פאַרשטיין, אַזוי ווי דו קאָנסט ניט ענדערן דיין נאַטור, דאָסגלייכן קאָן זי ניט ענדערן איר שלעכטע נאַטור.״

אין געדאַנק איז ער אומרואיק. ער וואָלט געוועזן צופרידן, ווען ער אָרדנט איר איין. ס׳מאַכט ניט, זי זאָל זיין אין מיין רשות, וועל איך קאָנען געניסן פון איר צוויבערהאַפט געשטאַלט. זי איז נאָך גאַנץ יונג און ליבלעך!...

אויף צומאָרגנס איז ער ספּעציעל געגאַנגען צו זיין גוט באַקאַנטן אָרדינאַטאָר און פאַרגעלייגט וועגן פייגלען. אויף דעם אָרדינאַטאָרס פראַגן, וווּ האָט זי געאַרבעט און ווי לאַנג? האָט מנשה געענטפערט, אַז גענויע אינפאָרמאַציעס קאָן ער אים ניט געבן, אַז ער וועט איר צו אים שיקן.

מיט פייגלס באַזוך ביים אָרדינאַטאָר איז דערליידיקט געוואָרן איר שטרעבונג. זי האָט ביים פּראָפעסאָר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און זי איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אָבערשוועסטער.

מנשה פלעגט זיך טרעפן מיט פייגלען. זיין באַנעמונג צו איר איז געווען אויסערגעוויינלעך. אַזוי איז געווען אַ קורצע צייט. מרים האָט אים ניט חושד געווען, ווייל ער פלעגט אַהיימקומען צו דער צייט. דער אָרדינאַטאָר איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז פייגל זאָל זיין נאָענט צו אים... אַ דאַנק וואָס ער האָט איר אָנגענומען אויף דער אַרבעט. אָבער זי האָט זיך מיט אים ניט געוואָלט רעכענען, ווי געזאָגט: „צוזאָגן און ליב האָבן — קאָסט קיין געלט ניט!״...

ליב האָט זי באַקומען מנשהן... די צייט איז געגאַנגען. מנשה האָט איינגעלאַדן פייגלען אין טעאַטער. אין טעאַטער נעבן זיי איז גראָד צופעליק געזעסן מרימס אַ גוטע באַקאַנטע. די באַקאַנטע, זעענדיק מנשהן אָן מרימען, האָט זיך געוווּנדערט און אים אַ פרעג געטאָן, וואָס האָט פּאַסירט, וואָס מרים איז ניט מיטגעקומען מיט אים?...

מנשה טראַכט: וואָס ענטפערט מען? זי וועט געוויס מיך פאַר־אורטיילן, ווען זי וועט זען, אַז איך אונטערהאַלט זיך מיט פייגלען.

כדי אויסבאַהאַלטן דעם סוד, זאָגט ער דער באַקאַנטער, אַז מרים פילט זיך ניט אַמבעסטן. קומט ער אַהיים און טראַכט: אַמבעסטן וועט זיין, אַז ער זאָל פאַרלויפן דעם וועג און מרימען זאָגן, אַז דער אָרדינאַטאָר האָט אים איינגעלאַדן מיט פייגלען אין טעאַטער...

מרים האָט דאָס אַנדערש פאַרשטאַנען. זי טראַכט זיך: איך קאָן דאָך דיך, אַז דו שטעלסט מיר אונטער פיסלעך. מיין ניט, אַז איך האָב פאַר־געסן אַלע דיינע „מעשים״!... ניט לאַנג טראַכטנדיק איז זי אַוועק צום אָרדינאַטאָר און פרעגט אים:

„הער פראָפעסאָר, מיך אינטערעסירט אַ פראַגע: צי האָט איר איינ־געלאַדן פייגלען מיט מיין מאַן אין טעאַטער?״

דער אָרדינאַטאָר האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט. פון זיין מימיק האָט מרים פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אויסבאַהאַלטן דעם סוד. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר איר געווען, דאָס, וואָס ער האָט זיך געפרעגט ווען?...

„הער פראָפעסאָר! אַ פאָטער פון דריי קינדער, וואָס טראָגט דעם שטאָלצן נאָמען „פאָטער״ זאָל אַזוי גרינגשעצן און זיין פרוי פאַרראַטן?!...״

מיט די ווערטער האָט זי פאַרענדיקט איר געשפרעך מיטן אָרדינאַטאָר און אַוועק. דער אָרדינאַטאָר טראַכט: מילא, איך קאָן זיך דערלויבן אַזאַ זאַך, ווייל איך בין אַ פרייער מענטש, אָבער אַזאַ „פויגל״ וועט ביי מיר אין שפיטאָל ניט אַרבעטן!... ער האָט איר אַרויסגערופן פון דער אַרבעט צו זיך אין קאַבינעט און איר געזאָגט:

„איך באַצאָל אייך דעם חודשלעכן געהאַלט און איר זענט באַפרייט...״

פייגל האָט זיך געוווּנדערט און זי פרעגט אים:

„הער פראָפעסאָר, וואָס איז געשען?״

„אין אָנהייב פון אונדזערע פאַרהאַנדלונגען איז אייך געוועזן פאַר־שטענדלעך מיינע באַדינגונגען. מאַכן פון זיך, ווי מען זאָגט, באַטירלעכע פערל, זענט איר גאַנץ ווייט פון דעם. מיך באַאַרבעטן וועט איר ניט. דער פאַל, וואָס האָט מיך אייך פאַסירט איז מיר באַוווּסט. ניטאָ וואָס צו רעדן, איר זענט באַפרייט!...״

פייגל טראַכט: פון וואַנען ווייסט ער דאָס? און איצט, וואָס זאָל איך זאָגן מרימען? זי וועט געוויס מיך באַשולדיקן, אַז איך וויל ניט אַרבעטן. און דאָס, וואָס פאַר מרימען איז עס קיין סוד, דאָס איז איר

גאָרניט אײנגעפאַלן. ווי זאָגט מען: „הימל און ערד האָבן געשווירן, אַז קײן פאַרבאָרגענעס זאָל ניט זײן!...״

פײגל טראַכט: פון פּראָפעסאָרס דערקלערונג פאַרשטײ איך, אַז ס׳איז אים באַוווּסט געוואָרן איר סוד מיט מנשהן. ווידער טראַכט זי: נאָך אַ פעלער האָט זי געמאַכט, וואָס אים איז שווער צו פאַרריכטן.

זי איז אַוועק צו אַ שוועסטער אָפּקילן אירע פרישע צרות. די שוועסטער האָט באַוווּנדערט איר קומען, וויסנדיק אַז הײנט איז איר אַרבעטס־טאָג. פרעגט זי: „פײגל, וואָס איז געשען?״

„איך פיל זיך ניט אַמבעסטן״ — ענטפערט פײגל.

זאָגט די שוועסטער, אַז בײ איר פּאַסירט אויך אַזעלכעס.

פײגל טראַכט: מען זאָל זיך ניט דערוויסן די סיבה, פאַרוואָס האָט ער איר אָנטזאָגט, ווײל זײ האָבן באַמערקט, אַז דער פּראָפעסאָר איז צו איר ניט גלײכגילטיק. זײ וועלן זיכער זײן צופרידן, ווען זײ וועלן זיך דערוויסן, אַז ער האָט איר פון דער אַרבעט אָנטזאָגט.

נו, וואָס טוט מען ווײטער? גײן צו מרימען אָפּנעמען די זאַכן? דאָס וועט זײן פאַר איר אַ סענסאַציע. זי וועט געוויס פרעגן, וואָס איז געשען? איז אפשר גלײכער וואַרטן ביז מנשה וועט קומען וועל איך זיך מיט אים באַראָטן.

אַ דערשעפּטע פון אירע איבערלעבונגען, וואָס מיט איר איז פאָר־געקומען, האָט זי זיך עטוואָס באַרואיקט, דערמאָנענדיק זיך וועגן מנשהן, אַז ער איז איר באַשיצער און האָט צו איר גוטע געפילן וועט ער שוין וועגן איר אַ טראַכט טאָן.

אירע פאַרגעפילן זאָגן איר ניט פאַר קײן גוטס... אפשר איז מנשה אָפּגעפאָרן אויף זײן רײזע? איז אין דעם פאַל פיל ערגער...

נאָך דעם, ווי מרים האָט זיך דערוווּסט פון פּראָפעסאָר דעם אמת, טראַכט זי: אָפּוואַרטן, זען, וואָס וועט ווײטער צווישן זײ פאָרקומען.

מנשה האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דער פּראָפעסאָר האָט באַפרײט פײגלען פון דער אַרבעט. זײן מרים ווײסט דאָך גאָרניט. פאַקטיש איז אַלץ אין אָרדענונג: פײגעלע, זײן זיס לעבן, אַרבעט און ער האָט נאָך צײט צו פאָרן אויף דער רײזע און אין דער צײט קאָן ער נאָך אַ לעב טאָן... אַזוי טראַכטנדיק, ווײל ער אויסנוצן די צײט, זאָגן זײן מרים, אַז ער מוז דאָ ניט ווײט צופאָרן. שפּעטער גײן צום אָרדינאַטאָר און בעטן אים ער זאָל פײגלען געבן צוויי טעג פרײ אויפן חשבון פון איר אורלויב... אַלץ וועט זײן אין אָרדענונג... און, ווי דער שטײגער, איז געשען פאַרקערט.

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז פייגל איז באַפרייט געוואָרן פון איר אַרבעט. מיט דעם, טראַכט ער, ענדיקן זיך אַלע זיינע האָפענונגען.

אויסרעכענענדיק, אַז די סיבה פון איר באַפרייאונג האָט אפשר אַ שייכות מיט מרימס באַקאַנטע אין טעאַטער? איז נאָך מעגלעך צו כאַפּן אַ מפּלה פון מרימען!... נאָך אַלעמען קאָן זי חלילה קראַנק ווערן און די קינדער וועלן אויך ליידן, און דער שלום־בית וועט אויף לאַנג צעשטערט ווערן. טראַכט ער: צו דער לאַגע האָט דערפירט מיינע אוממאָראַלישע הפקרדיקע מעשים. און די קינדער וועלן זיך אַנשטויסן, אַז צווישן זייערע עלטערן איז ניטאָ קיין שלום־בית. זיי זיינען דאָך שוין עלטערע קינדער, וועלכע פאַרשטייען דאָס לעבן, וועלן זיי פאַרלירן צו מיר דעם פאָטער־לעכן כבוד... מעג אַזאַ הויז ווי מיינע זיין אַפילו די רייכסטע, וועט אין ד׳עם פאַל ניט עקזיסטירן די הייליקייט צו עלטערן. דאָס קאָן שלעכט ווירקן אויף זייער מאָראַל. דאַן וועל איך מוזן טראָגן די אחריות!...

וואָס מאַכט מען, אַז דער וואָלף זאָל זיין זאַט און די ציג — גאַנץ?... ס׳קומט מיר אויס אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע בייזע מחשבות, ווי אויך פייגל זאָל פאַרשווינדן פון מיינע געדאַנקען, ווייל דער תאוותדיקער געדאַנק שאַפט אַלעס בייז!... וווהין זאָל איך אויף אַ צייט פאַרשווינדן, כדי ניט אויפצורעגן מיין מרימען? אויך מיינע טייערע קינדער!... מיר איז באַ־שערט צרות. זי וועט מיר וואַרפן אין פנים אַלע מיינע פאַרגאַנגענהייטן. אויף להבא טאָר איך ניט מער דערלויבן אַזעלכעס, אין קעגנטייל, וועט עס מיך אינגאַנצן צעברעכן!...

אַ צעבראָכענער גייט ער צו פייגלען. זי האָט זיך דערפרייט מיט זיין קומען. אין אירע געדאַנקען שוועבן פרישע, זיסע חלומות: האַלטן זיך מיט אים אַן עצה. ער וועט איר זיכער מיט אַלעמען באַזאָרגן. אַזוי אַרום פרישט זי אָפּ אירע געדאַנקען — אַ האָפענונג אויף גוטס!

ער קוקט אויף איר געשטאַלט און אין אירע פאַרכישופטע אויגן און ער טראַכט: איך האָב געלערנט: „איזהו גבור הכובש את יצרו״... אַז איך בין געווען דער גורם פון די מעשים רעים איז אַ פאַקט. אויב איך וועל לייגן אויף איר אַכט, דראָט מיר חרוב צו מאַכן מיין גאַנצע פאַמיליע. און אַזוי, ווי ער זיצט און טראַכט וועגן אַלע זיינע באַגאַנגענע פעלערן, דענקט זי, אַז ער טראַכט געוויס וועגן איר. זאָל ער זיך טיפער פאַר־טראַכטן, ס׳שאַדט ניט!...

מנשה דאַקעגן טראַכט: איך מוז איר באַווייזן איר עגאָאיזם, מיט וואָס זי האָט באַדאַנקט מרימען פאַר איר פריינטלעכע גוטע אויפנאַמע, ווי

אויך מיר געבראַכט צו בושה צוליב איר פאַרגעניגן אויפן צווייטנס חשבון. פייגל האָט ניט דערוואַרט אַזעלכעס צו הערן פון מנשהן...

„דאָס, וואָס דו זאָגסט, אַז איך האָב ניט אָנשטענדיק געהאַנדלט לגבי מרימען, איז דאָס אַ פעלער פון מיין זייט, אָבער דו מוזט מודה זיין, אַז דו האָסט געהאַנדלט ניט בעסער פון מיר קעגן דיין אייגענער פרוי. מאַך מיך ניט אינגאַנצן שולדיק און לייג ניט אַרויף דיינע פעלערן אויף מיר. זאָג נאָר, מנשה, דיינע אַלע פאַרגאַנגענע מיאוסע פעלערן, וואָס דו ביסט באַגאַנגען קעגן דיין פרוי אָנערקענסטו ניט? האָבן ניט געטראָגן קאָנסעקווענצן? דו טראַכסט: ס׳איז מיר ניט באַוווסט? פון דיינע פאַר־גאַנגענע יאָרן איז אָפהענגיק די איצטיקע באַגאַנגענע פעלערן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט עוולות קעגן דיין פרוי, פאַר וועלכע דו ביסט פאַראַנט־וואָרטלעך! פאַרוואָס באַליידיקסטו מיך? איך בין דאָך אַ פרוי!...״

„אַ פרוי ביסטו, דאָס קאָן איך ניט אָפלייקענען, אָבער צוגעבן קאָן איך יאָ: „אַ שלעכטע״! דאָס ווערט אַפילו אין אונדזער תורה געזאָגט: אשה רע מר ממות״. היינט פאַרשטייסטו, ווער דו ביסט? דאָס וואָרט „מר״ איז ערגער פון טויט, ווייל, ווען אַ מענטש שטאַרבט, פילט ער גאָרניט, אָבער, ווען מען פילט די ביטערניש פון אַ שלעכטער פרוי, איז ערגער פון טויט! איך פאַרענדיק מיט דיר און גאָט זאָל מיך שומר ומציל זיין פון אַזעלכע שלעכטע, נאַרישע פרויען, וואָס פאַרשטייען ניט אָפּצושאַצן דעם אייגענעם כבוד!...״

ניט פיל טראַכטנדיק, ענטפערט זי:

„דו ביסט דער צווייטער שלאַנג! מער ניט ס׳איז דאָ אַן אונטער־שייד צווישן מיר און מוטער חוה. זי האָט זיך געלאָזט איינרעדן, געגעבן אדמען צו פאַרזוכן פון זעלבן עץ הדעת, זאָל ער אויך געניסן פון טעם „טויט״, ווי זי האָט צוליבן שלאַנג געגאָסן. אויב דו וועסט פיל רעדן, וועסטו געניסן דאָס, וואָס ס׳קומט דיר. מאַך זיך ניט קליגער פאַר דער פרוי!... נאָר מיט איין זאַך זענט איר געבענטשט: וואָס איר טוט אָפּ קעגן דער פרוי, מיינט איר, אַז איר האָט אַ הכשר איבער אונדז, און איר מעגט זיך דערלויבן קריטיקירן דער פרוי און אַליין בלייבן „דזשענ־טעלמענער״...״

זי דערקלערט אים, אַז זי איז פון אים אַ צוקונפטיקע מוטער, כדי צו געווינען זיין ליבע צו איר, און ער וועט איר מוזן אויסהאַלטן...

„אין דער אמתן? אָדער דו זוכסט אַ געלעגנהייט מיר צו פאַרדרייען

דעם קאָפּ? ס׳וועט מוזן אויסגעפונען ווערן צי איך בין דיין קינדס פּאָטער. דאָס טוט די נאַטור איבערצייגן..."

ווען זי האָט דאָס דערהערט, טראַכט זי: דאָס וועט זיך ניט איינגעבן. נאַטירלעך האָט זי געוווּסט, אַז מען קאָן עס לייכט אַנאַליזירן, אָבער די דרייסטקייט פון מנשהס דערקלערונג האָט צוניט געמאַכט איר פּרווו.

„דיינע פּלענער, פייגל, וועלן דיר קיין נוצן ניט ברענגען. איך פיל, אַז פון אָנפאַנג אָן פּראָוואָצירסטו מיך. מאַך זיך ניט אַזוי קלוג. פאַקטיש פעלט דיר שכל. ניט מיט אַזעלכע איינפאַלן קאָן מען פאַנגען אַ מאַן? דו ביסט אויף דעם צו קליין. איך זאָג דיר, פייגל, איין מאָל פאַר אַלע מאָל: זוך ניט צו געווינען אַ מאַן, וואָס האָט אַ פרוי מיט קינדער, ווייל דאָס וועט דיך נאָר קאָמפּראָמיטירן און צו קיין ברעג ניט דערפירן. איך זאָג דאָס דיר, ווייל דו ביסט דאָך מיין געוועזענעם קוזינס פרוי, ס׳פּאַסט ניט פאַר זיין כבוד וועגן. ער איז געווען אַ וויכטיקער, אַנשטענדיקער מאַן! וואָס ס׳איז געווען, זאָל בלייבן צווישן אונדז. פאַר פון דאַנען אַוועק, וועט זיין שענער פאַר דיר און גלייכער פאַר אונדז."

פייגל טראַכט: יאָ, מנשה האָט מיך שטאַרק באַליידיקט. ווי ס׳זאָל ניט זיין איז ער דאָך אַן אייגענער. ער וויל מיינע ווונדן פאַרהיילן, אָבער זיין צוציאונגס־קראַפט, וואָס ער פאַרמאָגט, וועט מיר זיין שווער אים צו פאַרגעסן. איך בין באַגאַנגען אַ שווערע עבירה קעגן מיין ג"ז מאַן. נו, וואָס קאָן מען מאַכן? היינט איז שוין פאַרפאַלן!

„אַ ביטע האָב איך צו דיר, מנשה: שיק מיר אָפּ מיינע זאַכן, ווייל מיר איז ניט אָנגענעם צו קומען זיי אָפּנעמען."

„דו מוזט פאַרשטיין, פייגל, אַז דאָס איז פאַר מיר אוממעגלעך, ווייל מרים וועט זען, אַז איך פאַרנעם זיך מיט דיינע זאַכן, וועט זי מיך חושד זיין. איך גלויב, אַז דיר איז דאָס פאַרשטענדלעך."

פייגל טראַכט: מיט וואָס פאַראַ אויגן קאָן איך קומען צו דער גוטער מרים? ווי וועט זי מיך אויפנעמען נאָך מיינע טאַטן?... ווי איך פאַר־שטיי איז אַ פאַקט, אַז מרימען איז באַוווּסט פון מיינע שלעכטע, נאַרישע האַנדלונגען לגבי איר. זי האָט דאָך רעכט מיך צו באַשולדיקן... ניין, איך טאָר אַהין ניט גיין. איך וועל אפשר צופאָרן צו יצחקן אים פרעגן, פאַרוואָס ער האָט ניט געענטפערט אויפן בריוו? ס׳פּאַסירט דאָך פאַלן, אַז בריוו גייען פאַרלוירן... אַלזאָ, ווען איך וועל צוריקקומען וועל איך גיין אָפּנעמען די זאַכן. אין צווישנצייט וועט זיך מרים באַרואיקן, ווי מען זאָגט: ניט קומען אויף די הייסע ציין. מיט דעם, טראַכט זי, וועט זי

אויסמײַדן אויפֿרעגונגען. דאָס האָט איר עטוואָס באַרואיקט. די זאַכן וואָס איר פֿעלט איצט, וועט זי זיך צוקויפֿן. זי האָט זיך געמוטיקט, גלויבנדיק, אַז דאָס איז דער בעסטער אויסוועג פֿון איר איצטיקער לאַגע — פֿאַרן צו יצחקן און ניט וויסנדיק זיך מאַכן פֿון זײַן בריוו מיטן ענדגילטיקן אָפּזאָג.

פֿאָרנדיק אין צוג, טראַכט זי: אַרײַנפֿאָרן צו אים גלײַך האָט קיין זין. זי באַשליסט קודם אַרײַנפֿאָרן אין אַ האָטעל און נאָך דעם צו אים צופֿאָרן. איבערהויפּט זיך האַלטן מוטיק. ניט אַרויסווײַזן קיין פֿאַרדאַכט פֿון די לעצטע איבערלעבונגען... זי וועט זיך שיין אָנטאָן, כּדי צו מאַכן אויף אים אַ גוטן אײַנדרוק. ווען ער וועט אָנהויבן רעדן פּאָזיטיוועס, וועל איך ניט זײַן אַזוי ווי פֿריער!... איך וועל גערן אָננעמען זײַן פֿאָר־שלאַג. גענוג צו פֿאַנטאַזירן! איך זע שוין, וואָס עס קומט אַרויס פֿון פֿאַנטאַזיעס!... עס קומט מיר אויפֿן געדאַנק מרימס רייד, אַז שײַנקייט פֿון אַ מאַן דערפֿירט דער פֿרוי צו איבערלעבונגען...

און אַזוי זייענדיק שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין די געדאַנקען, איז אַרײַן דער קאָנדוקטאָר, אויסרופֿנדיק איר סטאַציע, פֿון וועלכער פֿייגל איז אויסגעשטיגן מיט מוט און אײַנגעשטיגן אין אַ דראָזשקע און פֿאַרפֿאָרן אין אַ האָטעל, פֿאַרנומען אַ שיין צימער, אָפּגעפֿרישט זיך און זיך געלייגט אָפּרוען. לײַדער, שלאָפֿן — שלאָפֿט זיך איר ניט, דערמאָנענדיק זיך די לעצטע ווערטער פֿון יצחקס בריוו. דאָך האָט זי זיך געשטאַרקט באַהערשן אירע נערוון, דענקנדיק, אַז איר קומען צו יצחקן וועט ענדערן זײַן מיינונג... און צוואָס מאַכן זיך שווער אויפֿן האַרץ? מײַן קומען וועט ביי אים, אָן צווייפֿל, אַרויסרופֿן אָן אינטערעס און אפֿשר... אויסטער־לישעס? אַזוי האָבן אירע געדאַנקען געבלאָנדזשעט, ניט קאָנענדיק זיך קאָנצענטרירן. נו, קיין אַנדער אויסוועג האָב איך ניט. באַזונדערס, וואָס וועל איך פֿאַרלירן, ווען איך וועל יאָ קומען?

מיט די געדאַנקען איז זי אָנגעקומען צו זײַן הויז.

ביים טיר איז איר שווער געוואָרן אויפֿן האַרץ. זי האָט שוין חרטה געהאַט. צוואָס איז זי געקומען? ווידער זאָגן איר די געדאַנקען: איך בין דאָך אויף דעם צוועק געקומען! ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט זי אָנגעקלונגען. ס'איז אַרויס דאָס שטוב־מיידל, פֿרעגנדיק, אויב זי האָט בײַטיק צום דאָקטער, וועט ער קומען 5 נאָכמיטאָג.

פֿייגל האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט קומען צו דער באַשטימטער צײַט. אָבסערווירנדיק דאָס מיידל, פֿרעגט זי זיך: זאָל דאָס מיידל זײַן די זעלבע,

װעלכע איך האָב פֿאַריקן מאָל געזען? שײַנט מיר, אַז זי איז אַן אַנדערע. דאָס װאָלט געװען בעסער, טראַכט זי: װי ס׳זאָל ניט זײַן, איז אפשר גלײַכער, אַז איך האָב אים ניט געטראָפֿן.

אויב זי איז די זעלבע און האָט מיך דערקאַנט, װעט זי אים איבער־געבן װעגן מײַן באַװוּך. אין דעם פֿאַל װעט מיר זײַן אַנגענעמער צו קומען.

זי איז אַװעק אין האָטעל, אַרײַן אין איר צימער, זיך צוגעלײגט אָפּרוען. מיטאָג־צײַט איז זי אַרײַן אין עס־צימער, אָפּגעגעסן מיטאָג. נאָכן עסן האָט זי זיך אָפּגעפּרישט, אָנגעטאָן און אַ קוק געבנדיק אויפֿן זײגער, זאָגט זי צו זיך: װײניק צײַט געבליבן, כ׳מוז שױן גײן.

אָנקומענדיק האָט פֿײגל אָנגעקלונגען. דאָס זעלבע מײדל האָט די טיר געעפֿנט, זאָגנדיק איר, אַז דער דאָקטער איז געװען און אַװעק. פֿרעגט איר פֿײגל, צי זי האָט אים געמאָלדן װעגן איר קומען? האָט דאָס מײדל געענטפֿערט: „יאָ". פֿרעגט זי איר, האָט ער איבערגעגעבן װען ער װעט קומען? — „גאָרניט..." האָט דאָס מײדל געזאָגט.

פֿײגל איז שטײן געבליבן אַ פֿאַרצװײפֿלטע, ניט װיסנדיק, װאָס זי זאָל טאָן? אפשר אָנשרײַבן אַ בריװעלע, ער זאָל קומען צו איר אין האָטעל? זאָגט איר דער געדאַנק, אַז בעסער װעט זײַן קומען צו אים אומגעריכט...

אַ דערנידעריקטע, אַ פֿאַרקלעמטע איז זי אַװעק. אָנקומענדיק אין האָטעל, איז זי אַרײַן צו זיך אין צימער, זיך אַװעקגעלײגט אויפֿן בעט, זיך גוט אויסגעװײנט אויף איר ביטער מזל און אײַנגעשלאָפֿן.

אין חלום זעט זי איר מוטער אַ פֿאַרזאָרגטע, װעלכע זאָגט צו איר: איך זע און פֿאַרשטײ דײַנע איבערלעבונגען. געדענקסט, פֿײגל, װאָס איך פֿלעג דיר תמיד זאָגן, אַז דו זאָלסט זיך פֿירן, װי אַ מענטש, ניט האַלטן פֿון זיך צופֿיל. אין לעבן מוז מען פֿריער באַטראַכטן, װאָס פֿון דעם קאָן אַרויסקומען, דאַן קאָן מען אויסמײַדן פֿעלערן. לײדער, לײדער האָסטו מיך ניט געפֿאָלגט! דעריבער איז מיר שװער צוקוקן דײַנע לײדן און העלפֿן דיר קאָן איך ניט...

פֿײגל, דערהערנדיק איר מוטערס לעצטע װערטער, האָט זיך היס־טעריש פֿאַנאַנדערגעװײנט און אויפֿכאַפּנדיק זיך, זעט זי אַז דאָס איז געװען אַ חלום... זי איז אויפֿגעשטאַנען אַ מידע, אַן עלנטע, זאָגנדיק צו זיך: נו, װאָס קאָן איך מאַכן, װען מײַן מזל איז אַזאַ, װאָס מיר טרעפֿט זיך ניט פֿאַסנדעס! איצט קומט מיר אויס, איך זאָל אים אויפֿצװינגען ער זאָל װעגן מיר טראַכטן. אָבער װי פֿאַנגט מען אָן? מײַן לאַגע איז

איצט קאָמפּליצירט. איך מוז ווערן אַ גוטע אַרטיסטין און קאָנען שפּילן די ראָלע, כדי איך זאָל ניט קאָמפּראָמיטירט ווערן. זי האָט באַשלאָסן קומען צו אים אַלס פּאַציענטין.

זי איז געקומען צו אים אין די אויפנאַם־שעהען. ס'האָט איר אויפגענומען אַ שוועסטער, וועלכע האָט איר פאַררעגיסטרירט אַלס לעצטע פּאַציענטין און זי איז אַריין אין וואַרטע־זאַל. דערזענדיק, ווי דער וואַרטע־זאַל איז איינגעריכטעט, איז איר באַפאַלן אַ שטאַרקער אומעט. ס'איז ניט צו פאַרגלייכן, ווי ס'איז געווען. דער צימער איז פריש אויסטאַפּעטירט מיטן שענסטן סאָרט טאַפּעטן. די פענצטער באַהאַנגען מיט נייע, שיינע טיול־גאַרדינען, מאָדערנע ליוסטרעס, וואַנט־בילדער פון באַוווּסטע קינסטלער, גרינע פליוש־מעבל, אַ גרויסע ביכער־שראַנק, פון וועלכער ס'האָט זיך אַרויסגעזען קאָמפּלעטן ווערק, באַצירט מיט גאָלד־אותיות. אויפן דיל אויסגעשפּרייט אַ פּערסישער גרויסער טעפּיך ביי די פענצטער־ווינקלען זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע פיקוס־וואַזאָנעס. פייגל, באַטראַכטנדיק אַלץ, איז ווי פאַרבליפט געוואָרן. זי וווּנדערט זיך: איז עס אין דער וואָר? אָדער אַ חלום? זי האָט זיך געשטאַרקט צו באַרואיקן די צערודערטע נערוון. ס'פּאַסט דאָך ניט פאַר די אַנוועזנדע, זיי זאָלן באַמערקן איר איבעררא̈שונג. זי טראַכט: געוויס איז ער שוין פאַרנומען און צו וועמען קאָן זי האָבן טענות?...

אין דעם מאָמענט איז דער דאָקטער אַריין אין קאַבינעט. די שוועסטער האָט אים איבערגעגעבן דעם רעגיסטראַציע־בויגן. ער, איבערלייענענדיק די נעמען, שטויסט זיך אָן אויף דעם פאַמיליע־נאָמען שמחאָוויטש אויפן לעצטן אָרט. ער האָט זיך באַהערשט, כדי די שוועסטער זאָל ניט באַמערקן זיין אויפרעגונג, און ער טראַכט: גוט, וואָס זי איז די לעצטע. נאָך אירע ראָמאַנטישע דערקלערונגען, וואָס זי האָט מיר דערקלערט, וועל איך איר אויסגיסן מיין פאַרביטערט האַרץ, וואָס זי האָט מיר פאַרשאַפט נאָך מיין באַגעגעניש מיט איר.

די צייט איז אים לאַנגווייליק געווען. שנעל האָט ער פאַרענדיקט מיט זיינע פּאַציענטן, כדי איר אָננעמען און דערקלערן קורץ און שאַרף: זאָל זי מיר ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ און מיין האַרץ צעברעכן... און ווידער טראַכט ער: איך האָב פאַרביטן אויף אָן אַנשטענדיק, רואיק לעבן, ניט אויף אַ ראָמאַנטיש לאַ־יוצלחדיק לעבן!... זאָל זי וועגן מיר ניט חלומען!...

אין דער זעלבער צייט טראַכט פייגל: איך וואָלט שוין וועלן ווערן

מיט אַ שעה עלטער, ווי וועט ער אויף מיר קוקן? וואָס וועט ער מיך פרעגן? וואָס זאָל איך אים דערקלערן מיט מיין איצטיקן קומען? אַזוי, זיצנדיק פאַרטראַכט, איז אַריין די שוועסטער און אויסגערופן: „פרוי שמחאָוויטש". אין דעם מאָמענט, ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן איז איר שלעכט געוואָרן...

יצחק, וואַרטנדיק הערט, ווי די שוועסטער רופט דעם דאָקטער, אַז דער פּאַציענטין איז שלעכט געוואָרן. ער האָט אָנגענומען די געהעריקע מיטלען, און אַריינגענומען איר אין קאַבינעט.

פייגל דערזעענדיק זיין גוטע באַנעמונג, האָט זיך אַביסל באַרואיקט.

„יאָ!" — זאָגט ער צו פייגלען, — „היינט איז אַן אַנדער צייט. איך וויל מער ניט זיין אַ שלימזלדיקער ראָמאַנטיקער! איך בין פון די מענטשן, וואָס זוכן ניט קיין שיינקייט, קאָמפּאָרט, ווען ס'איז ניטאָ די מעגלעכקייט פריי אַרויסצוזאָגן די אייגענע מיינונגען, טוען דאָס די מענטשן, וואָס זיינען פאַרקריפּלט אויף אַ פאַרקריפּלטן אופן!..."

פייגל האָט פון זיינע רייד אַרויסגענומען, אַז איר קומען איז, ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט.

„יאָ, יצחק, איך מוז דיר זאָגן, ווי מיין ג"ז מוטער פלעגט זאָגן: דער גרעסטער שונא קאָן דיר ניט טאָן אַזוי פיל שלעכטס, ווי דער מענטש זיך אַליין!..."

„איך האָב דיר, פייגל, געשריבן, אַז דיין שרייבן איז צו שפּעט אָנגעקומען. צווייטנס, ביסטו ניט קיין קינד ניט צו פאַרשטיין דאָס, וואָס איך האָב דיר אין בריוו געווונטשן, אַז דו זאָלסט זיין גליקלעך דאָרט און איך — דאָ!..."

„ווען איך וואָלט פון דיר דערהאַלטן אַזאַ ענטפער, האָלטסטו מיך פאַר אַזאַ אומפאַרשטענדלעכע?"

„זאָל זיין, ווי דו זאָגסט, פאַרוואָס האָסטו ניט געפונען פאַר נויטיק אָנשרייבן, אָנפרעגן, וואָס מאַכט דער מאַן, וואָס האָט געוואָלט שאַפן אַ צוקונפט? גאָרניט אינטערעסירן זיך די גאַנצע צייט? ווי מיינסטו, דער צווייטער פאַרשטייט ניט? אָט וואָס איך מוז דיר באַקאַנט מאַכן: נאָך דיין אָפּפאָרן בין איך געווען פאַרצווייפלט, איינזאַם. האָב איך באַשלאָסן געענדיגט זיין עלנט און באַשלאָסן קאָנטשאַפט מאַכן מיט אַ פיינע אָנשטענדיקע פרוי — אַ קינדער־דאָקטער. זי איז ניט קיין האָליוודער אַרטיסטין, אָבער סימפּאַטיש, גוטהאַרציק מיט אַ שיין איידל קינד. זי איז אַ גוטע ווירטין, גלייך נאָך אונדזער „יאָ"־וואָרט האָט זי געפונען פאַר

נויטיק איינצואָרדנען מיין וווינונג, ווי דו זעסט, מיין קאַבינעט, אויפנאַם־צימער — אַלץ איז אין איין מאָנאַט איינגעריכטעט געוואָרן. אַלזאָ, איך בין פון די גליקלעכע, אַז איך האָב דערגרייכט אַזאַ פריינד אין מיין איינזאַם לעבן. דיר, פייגל, ווינטש איך נאָכאַמאָל דאָס, וואָס איך האָב דיר שוין געוווּנטשן אין מיין בריוו...״

פייגל האָט אויסגעהערט זיינע רייד מיט גרויס צער, זאָגנדיק אים:

„יאָ, יצחק, איך פאַרשטיי דיך גוט, אָבער צו שפּעט האָב איך דיך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין...״

„באַדויער ניט, פייגל, מיט דיין נאַטור, וואָלטן מיר ביידע געווען אומגליקלעך! איז בעסער פאַר אונדז ביידן, אַז מיר האָבן אונדזער גורל ניט פאַרבונדן.״

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפּרעך.

קומענדיק פון יצחקן, האָט זי אויפגעשלאָסן איר צימער, זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט און באַטראַכט אירע צרות, וואָס זי האָט זיך פאַרשאַפט. פייגל איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג און באַשלאָסן אַן ענדע צו מאַכן מיטן לעבן...

אין האָטעל האָט מען פון אַ צימער דערהערט אַ שרעקלעך ספּאַזמאַטיש געוויין. דער האָטעל־אייגנטימער האָט גלייך אַרויסגערופן „שנעלע הילף״, וועלכע האָט איר געגעבן די ערשטע הילף און פעסטגעשטעלט, אַז די פרוי האָט זיך געסמט. מען האָט איר אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

נאָכן אָפּעראַטעווען איר, האָט ד״ר עפּשטיין איר געפרעגט ווער זי איז? ווען האָט זי דאָ? פייגל האָט געענטפערט, אַז זי איז אַן אַלמנה און אַן עלנטע. דער דאָקטאָר האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט, פרעגנדיק, פאַרוואָס זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד? פייגל האָט געענטפערט, אַז ס׳איז איר שווער געוואָרן דאָס לעבן.

ד״ר עפּשטיין איז אויך געווען אַן איינזאַמער. ער באַטראַכט און באַדויערט איר, אַז אַזאַ אינטערעסאַנטע פרוי זאָל זיין איינזאַם, אַזאַ זאַך איז צו באַוווּנדערן!...

ער פרעגט איר, אויב מעגלעך, זאָל זי אים אויפקלערן איר לאַגע. זי ענטפערט אים, אַז דעם מענטשנס לאַגע איז פאַרבונדן מיטן שטראָם פון לעבן. ווען דער מענטש שווימט און פּילט, אַז ער גייט אונטער, וויל ער זיך ראַטעווען, אָבער ווען ער פאַרלירט זיין פיזישן כח, בלייבט ער גלייכגילטיק צום לעבן!...

פון פייגלס ענטפער האָט ד״ר עפּשטיין פאַרשטאַנען, אַז די פרוי

מאַכט אַדורך אַ שווערע אַנטוישונג און באַדויערט איר, אַז אַזאַ יונגע, שיינע און רייצנדע פרוי זאָל זיין אַזוי שרעקלעך פאַרצווייפלט!... ער טראַכט: נאָך צו פרי איר צו דערלערן, אָבער באַקאַנען זיך מיט איר געענטער שאַדט ניט!... ער, דאַקעגן, דערקלערט איר זיין אַנטוישונג אין לעבן, דאָך האַלט ער זיך מוטיק, דערקלערט איר זיין אַנטוישונג אין לעבן, דאָך האַלט ער זיך מוטיק, כדי ניט צו פאַרלירן זיך!...

„איר זייט נאָך יונג, מוזט איר זיך מוטיקן, דאַן קאָן מען באַקומען אַן אינהאַלט אין לעבן. ניט אַרויסברענגען זיך פון גלייכגעוויכט, ווען מען טרעפט אין לעבן, אַז דער מאַן איז ניט פּאַסנד, מוז מען זיך שיידן און ניט פירן אַ דאָפּלטן לעבן!...”

מיט דעם האָט ער געוואָלט, ווי אַ פּסיכאָלאָג, אַרויסבאַקומען פון איר די סיבה פון איר טאַט...

זי דאַקעגן האָט פון זיינע רייד אַרויסגענומען, אַז ער איז איר חושד אין אַ טאָפּלטן לעבן...

„איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן ביי מיטלשטאַנד און פרומע עלטערן. זיי האָבן מיר געגעבן מיטעלע בילדונג. דאָך איז מיין מזל געוועזן גרויס. איך האָב געהייראַט פאַר אַ דאָקטער, וואָס האָט באַזיצט אַלע מעלות. אונדזער לעבן האָט רואיק געשטראָמט. איך האָב פאַר־שטאַנען, ווי מען באַדאַרף זיך באַגיין מיט אַ באַטירלעכע פערל. די לעצטע צייט איז מיין מאַן קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. און אַזוי, בלייבנדיק איינזאַם, עלנט האָבן מיר מיינע באַקאַנטע געראַטן איך זאָל הייראַטן. מיין צווייטע הייראַט איז, ליידער, געווען פאַר מיר אַ טראַגעדיע. ווי זאָגט דער הער דאָקטער, אַז מען טרעפט ניט מיט אַ מאַן, דאַרף מען זיך שיידן. אַזוי האָב איך געטאָן.”

דער דאָקטער טראַכט: פון איר ביאָגראַפיע קאָן מען אַנאַליזירן איר אַנשטענדיקייט. ס׳פרעגט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס איז זי באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד?... די פראַגע, ווי איך פאַרשטיי, איז איינגעוויקלט אין אַ געהיימניס. ווידער מיינט ער: ביים ערשטן מאָל איז ניט פּאַסנד באַלעסטיקן אַ פרוי, בפרט אַז זי איז נאָך אַ קראַנקע. דאָך האָט ער איר געבעטן, אויב זי איז פאַראינטערעסירט מיט אים זיך צו טרעפן, איז ער גרייט מיט איר זיך צו טרעפן אין יעדער צייט.

פייגל, דערהערנדיק זיין פאַראינטערעסירונג, טראַכט: וואָס זאָל זי אים ענטפערן אויף זיין אָנדייטונג? ניט לאַנג קלערנדיק, ענטפערט זי אים:

„הער דאָקטער, צו יעדער צייט בין איך גרייט מיט אייך זיך טרעפן.״
„ווו איז אייער אַדרעס?״
„אין זעלבן האָטעל־צימער...״

ד״ר עפּשטיין גיט איר אָן די צייט, ווען ער וועט איר באַזוכן.

צו דער באַשטימטער צייט איז ער געקומען צו איר אויף אַ באַזוך. באַרירנדיק פאַרשיידענע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זיי ביידע האָט אינטערעסירט, האָט ער איר אין אַ געוויסן מאָמענט אַ פרעג געטאָן וועגן אַ פראַגע, וואָס אים האָט נאָך פאַראינטערעסירט, ווען זי איז נאָך אין שפּיטאָל געווען. דאַן האָט ער איר ניט געוואָלט צופיל אָנשטרענגען, איבערלאָזנדיק עס אויף שפּעטער, ווען זי וועט זיך בעסער פילן. די פראַגע איז: ער וויל דאָך דערגיין איר סוד, וואָס האָט איר געבראַכט צו אַזאַ שרעקלעכן געדאַנק.

„איך רעד דאָ וועגן אייער „טאַט״, וואָס איר זייט באַגאַנגען לגבי זיך. איך פאַרשטיי, אַז אייך איז שווער אַרויסזאָגן די הערצלעכע שווערע אַנטוישונגען. דאָך איז דיווירקלעכקייט דאָס שענסטע און בעסטע פון מענטש. דאָס שאַפט סימפּאַטיע און אַלץ, וואָס אַ מענטש טוט דאַרף זיין באַלויכטן אין אַ העל ליכט, דאַן זעט מען די ווירקלעכקייט...״

„זיכער, הער דאָקטער, ווען די אַבסאָלוטע ווירקלעכקייט וואָלט עקזיסטירט, וואָלט דאָך ניט דערשינען אין לעבן אַזעלכעס, וואָס שאַפט שלעכטע מחשבות!... יעדער איינער מוז פאַרשטיין דעם „זיך״, דאַן קאָן ער באַזייטיקן דאָס, וואָס קאָן ברענגען אויפרעגונג. איך מוז זיך מודה זיין, אַז ביז היינט האָב איך זיך ניט פאַרשטאַנען, מחמת איך האָב צופיל געגלויבט אין זיך. און ווען מען הויבט אָן צו פאַרשטיין, איז שוין אַביסל צו שפּעט...״

„יאָ, יאָ! מען לעבט און מען לערנט פון לעבן... אַזוי איז געווען און אַזוי וועט ווייטער זיין. ווען דער געדאַנק דיקטירט דעם מענטשן טאָן גוטס און ער פאַרווירקלעכט אים, ברענגט עס גליק!...״

זי האָט אַרויסגענומען פון זיין דערקלערונג, אַז ער סימפּאַטיזירט צו איר, אָבער זי ווייסט דאָך איר פאַרגאַנגענהייט: וואָס הייסט „דער־קלערונגען״? דאָס וועט איר ניט ברענגען קיין גוטע רעזולטאַטן, ליידער נאָר פלירט... און פלירט האָט זי שוין געהאַט איבערגענוג!...

„פרוי שמחאָוויטש, וואָס זייט איר אַזוי פאַרטראַכט?״

„הער דאָקטער, איר האָט אַרויסגעבראַכט אַ געדאַנק, אַז דאָס לעבן לערנט, דעריבער מוז יעדער איינער טראַכטן... און נאָך אַ זאַך: מען קאָן

קיינמאָל ניט דערגיין דעם אמת פון צווייטנס האַרץ, ווייל זי איז ווי אַ תהום! מען קאָן איר קיינמאָל ניט דערגרונטעווען. שטעלט זיך אַ פראַגע: ווו איז די ענדע?... איך בין געווען יונג, נאַאיוו, געגלויבט מיין ג"ז מאַן, מחמת ער איז געווען דער זעלבער, וואָס איך. מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אינטריגעס, פסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, איז זיי שווער צו אַנאַליזירן. דער אַנאַליז מוז געמאַכט ווערן דורך „צייט", כדי ס'זאָל זיך ניט שאַפן שווערע איבערלעבונגען. הייסט, הער דאָקטער, ווו נעמט מען אַזויפיל צייט צו קאָנען לערנען דעם מענטש, ווען דעם מענטשנס לעבן איז קורץ?..."

„יאָ, פרוי שמחאָוויטש, דאָס איז אויך אמת. אָבער ס'איז ניט אויס־געשלאָסן, אַז מען קאָן ניט אַנאַליזירן. מען דאַרף וועלן דעם פערזאָן פאַרשטיין, דאַן שאַפט זיך צוטרוי צו דעם, וואָס מען פילט, אַז ער איז מיט זיין שטעלונג און געפילן איבערגעגעבן. טריישאַפט איז שטאַרקער, ווי ליבע. פון ליבע קאָן מען ווערן אַנטוישט, אָבער פון טריישאַפט — קיינמאָל. מען דאַרף נאָר קאָנען אויסקריסטאַליזירן דעם אייגענעם כאַ־ראַקטער, דאַן שאַפט זיך ערנסטקייט צום צווייטן. איך זאָג עס פון אייגענער דערפאַרונג. איך, למשל, האָב געהייראַט צו די 30 יאָר, ד.ה. ניט אזוי יונג, ווי אויך ניט נאַאיוו. דאָך האָב איך זיך נאָך מיין חתונה אַנטוישט, מחמת זי האָט דערצו געבראַכט. הייסט דאָס, אַז איך בין געווען נאַאיוו? ניין! דעם קליגסטן מענטש קאָן מען, ווי מען זאָגט, פירן אין באָד... זי איז געווען זייער אַ שיינע, אַ קלוגע, אָבער אַ גרויסע עגאָאיסטין... זי האָט געהאַלטן, אַז שענער, קליגער פאַר איר עקזיסטירט ניט... אַזעלכעס שאַפט אַ ווידערווילן אין צוזאַמענלעבן."

פייגל, אויסהערנדיק זיינע דערקלערונגען, טראַכט: ווען איך וואָלט פון יצחקן געהאַלטן פאַקטיש, ווי ער האָט פאַרדינט, וואָלט איך דאָך היינט־צו־טאָג ניט געדאַרפט אויסהערן פון אים פאַרשיידענע באַמער־קונגען, אויספאַרשונגען... יצחק האָט דאָך מיך געקאָנט פון מיין יוגנט, ווי אויך ערנסט געטראַכט וועגן מיר!... נו, כאַפּ נעכטיקן טאָג, ווען ער איז שוין אַוועק! און וואָס עס גייט אַוועק, קומט ניט צוריק... און איצט איז פאַר מיר אַ נייער קריזיס. ערנסט טראַכטן וועגן אים, ווייס איך ניט וואָס, ווייל איך קאָן דאָך אים ניט. לאָזן זיך פון אים פירן, ווער ווייסט, וווהין ער קאָן מיך פאַרפירן?... ווי זאָל איך מיך אָריענטירן? ביי וועמען קאָן איך זיך אינפאָרמירן?... מיט די געדאַנקען איז זי געבליבן זיצן, ניט קאָנענדיק זיך אַן עצה געבן.

„פרוי שמחאָוויטש, וואָס טראַכט איר אַזויפיל אַריין? איך מוז אייך אָפּן דערקלערן, אַז איר האָט מיך באַצויבערט. אַלץ הענגט אָפּ פון אייך. דעריבער באַמערק איך אייך, אַז אונדזער קאַנטשאַפט דאַרף זיין באַזירט אויף צוטרוי! אָן דעם קאָנען מיר זיך נענטער ניט באַקאָנען."

פייגל איז מיטגעריסן געוואָרן פון זיין דערקלערונג. זי ענטפערט:

„כדי דאָס אָנערקענען, איז אָפּהענגיק פון דער צייט, באַזונדער זיינען מיר ניט קיין קינדער, וואָס זעען אַלץ אין העלע פאַרבן. וואָס אַמבאַלאַנגט באַקאָנען זיך, ווי איר הער דאָקטער לייגט פאָר, איז נאַטירלעך ניט איבעריק."

ער, דערהערנדיק איר ענטפער, טראַכט: וואַרשיינלעך באַקומט זי צו מיר צוטרוי, ווי אויך גוטע געפילן. ס'איז צווישן זיי באַשטימט געוואָרן, אַז ער זאָל קומען איר נעמען צו זיך, כדי באַקאָנען זיך מיט אים נענטער. צו דער באַשטימטער צייט האָט ער צוגעגרייט פאַרשיידענע געטראַנקען מיט אַ שיינעם אָוונט־ברויט, ווי ס'וואָלט געווען אין הויז אַ גוטע ווירטין. זיין הויז איז געווען אַ צוויי־שטאָטיק, אַרומגערינגלט מיט אַ פרוכט־גאָרטן, אָפּגעזונדערט פון שטאָט. דאָס האָט איר שטאַרק באַוווּנדערט, פאַרוואָס וווינט ער אַזוי ווייט פון מענטשן? פרעגן פאַסט דאָך ניט. אין האַרץ האָט איר אַ טרייסל געטאָן. ס'פּאַסט דאָך ניט אַרויסווייזן אומצוטרוי, ווי ער האָט איר צו דעם געדאַנק פאָרגעברייט, אַז איינער צום צווייטן מוז האָבן צוטרוי...

ער באַמערקט, אַז פייגל לעבט איבער. איר פּנים האָט זיך געענדערט, ווי זי וואָלט געהאַט באַקומען אַ חשד. ער טראַכט: בעסער ניט לייגן אויף דעם קיין אַכט, וועט זי ווייניקער חושד זיין. ער פאַרבעט איר צום טיש, ווו ס'איז שוין געווען אַלץ פאָרגעברייט. פייגל טראַכט: מען טאָר ניט צופיל געניסן פון די שטאַרקע געטראַנקען, ווי אויך דאַרף מען האָבן דעם קאָפּ אויפן קאַרק... הערן, וואָס פאַר אַ פאָרשלאָג ער וועט מיר מאַכן? ער טראַכט: צום ערשטן מאָל ניט אָנשטרענגען איר צופיל, ווייל זי איז צו קלוג און ס'קאָן מיר ניט געלונגען... מען דאַרף פאַרשטיין, ווי מאַנעווירן, אין דעם פאַל איז דער נצחון געזיכערט!... ער האָט זיך באַהערשט, זאָגנדיק: „מיין טייערע, לאָמיר מאַכן לחיים לכבוד אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט!..."

פייגל, דערהערנדיק זיינע אַרויסגעזאָגטע ליבע־געפילן, איז דרייסטער געוואָרן. נאָך דעם ערשטן גלעזל, זאָגט זי:

„אונדזערע ווייטערדיקע שריט דאַרף ניט זיין אונטערן שלייער!..."

ער, דערהערנדיק אירע אַרויסגעזאָגטע ווערטער, איז צו איר געוואָרן דרייסטער. פייגל דאַקעגן, דערפילנדיק דאָס, טראַכט: מען מוז אין דעם פאַל זיין זייער פאָרזיכטיק, פילנדיק, וואָס איר דראָט...

ער באַטראַכט איר, זאָגנדיק:

„מיין ליבינקע, דו ביסט מיר זייער געפעלן, ווי אויך דיין קוק אויפן לעבן געפעלט מיר... ניט ווי פאַנאַטישע פרויען, וואָס וואַרטן ביז דער חתן וועט קומען באַדעקן דאָס פנים!... די פרויען קאָנען ניט געניסן פון לעבן...״

דאַקעגן טראַכט פייגל: ער וויל מיך אַרויספירן אויף אַ שלעכטן וועג. אויב אַפילו ער טראַכט ערנסט, וועט ער פאַרלירן דעם צוטרוי צו מיר. איך האָב שוין אַ לערע געהאַט פון מיין קוזין מנשה: ער שטעלט מיך פאַר אַ נסיון... זייענדיק פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, דערמאָנט זי זיך אין חלום, וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט, אַז מען מוז תמיד באַטראַכטן, וואָס מען וויל טאָן, דאַן מיידט מען אויס פעלערן.

ווידער טראַכט זי: איך האָב שוין געמאַכט אַ פעלער מיט מיין אומ־טאַקטישן אויסדרוק, דעריבער האָט ער באַקומען אַ חשד, אַז איך בין אַן אוממאָראַלישע. זי טראַכט: איך וועל אים דערציילן אַ געשיכטע, וואָס צוליב אַ פּינטעלע האָט מען אומגעבראַכט אַ מענטש. און זי דערציילט:

„אין אַ געוויס לאַנד האָט מען זייער אַ גרויסע פּערזענלעכקייט פאַר־משפט צום טויט. נאָך דעם, ווי דער משפט איז אַדורך אַלע אינסטאַנצן, איז איבערגעבליבן די איינציקע האָפענונג, וואָס מען האָט זיך געווענדעט דירעקט צום קייזער. דער קייזער, באַטראַכטנדיק דעם ענין, האָט געפונען פאַר נויטיק אים באַגנעדיקן. אויף דעם סמך איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ טעלעגראַמע מיט פאָלגנדן אינהאַלט:

„אוביט ניעלזיא פּאָמילאָוואַט״
ד.ה. „הרגענען ניט באַגנעדיקן״.

ליידער, איז פאַרגעסן געוואָרן אַריינשטעלן אין געהעריקן אָרט דאָס פּינטעלע (.). צוליב דעם איז אויסגעפירט געוואָרן דער טויט־אורטייל. מיטן פּינטעלע וואָלט זיך געלעזן: „הרגענען ניט. באַגנעדיקן״. אין דעם פאַל וואָלט די אויספיר־מאַכט ניט אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל.״

פייגל, נאָכן דערציילן אים די געשיכטע, פירט אויס, אַז צוליב אַזאַ קלייניקייט, אַ פּינטעלע, קאָן קומען גליק אָדער אומגליק.

ד״ר עפּשטיין, אויסהערנדיק די דערציילונג, איז געווען צופרידן,

אַז ס׳איז אים געלונגען פעסטשטעלן איר מאָראַלישן כאַראַקטער, וועלכעס מען קאָן זיך, מער־ווייניקער, שטיצן. דערביי טראַכט ער: אפשר איז דאָס מער ניט אַן אַנגעוואָרפענער געדאַנק, כּדי מיר באַכצוזדענקען? ס׳איז דאָ געשריבענע געזעצן, וואָס האָבן די גרעסטע השפּעה אויף דער מאָראַל, סיי פון מאַן — סיי פון דער פרוי...

„אייער דערציילונג, פרוי שמחאָוויטש, טראָגט אַן ערנסטן כאַראַקטער, וואָס קאָן האָבן אַ גרויסע השפּעה אויפן לעבן סיי פון מאַן און סיי פון דער פרוי.״

„דאָס שאַפט, צום באַדויערן, מער דער מאַן מיט זיין באַהאַנדלונג צו זיין פרוי, ד.ה. אויב דער מאַן האָט צו זיין פרוי ערנסטע געפילן און פירט דאָס לעבן נאָרמאַל, אַנשטענדיק, דאַן קאָן קיין שטרויכלונגען און אומנאָרמאַלקייטן ניט פּאָרקומען. אין דעם פאַל שאַפט זיך ביי זיי ביידן אַן אידילישע האַרמאָניע. מאַן און פרוי וועלן תמיד זיין גליקלעך און ס׳וועט אויסגעמיטן ווערן לייכטזיניקייט, פּאַראַט און אַנדערע לעבנס־קאָמפּליקאַציעס. ווען דער מאַן האָט אַ ברייט הארץ און זוכט סימפּאַטיעס, בין איך זיכער, אַז פריער צי שפּעטער וועט עס פירן צו רעזיגנאַציע...״ — האָט פייגל דערקלערט.

„אַמוויכטיקסטן, פרוי שמחאָוויטש, דאַרף די פרוי קאָנען שאַפן אַ גוטע, רואיקע אַטמאָספער אין הויז. דאָס ווירקט זייער גוט אויפן משפּחה־לעבן.״

„הער דאָקטער, די פרוי קאָן זיין רואיק דאַן, ווען דער מאַן שאַפט די רואיקייט מיט זיין ערלעכן צוגאַנג, ווי איך האָב שוין באַמערקט, נאָר ניט מיט קינסטלעכע איבערצייגונגען. אין דעם ליגט דער באַוווסטזיין פון מאַנס כאַראַקטער. נאָר אין דעם פאַל קאָן דער מאַן זיין דער זיגער, ווייל ער שפּילט אין לעבן די פאַראַנטוואָרטלעכסטע ראָל.״

ד״ר עפּשטיין איז פון פייגלס לעצטע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס איז אַן אויפריכטיקער אמת. ער טראַכט: אַן צווייפל, מיט אַזאַ פרוי קאָן מען זיך פאַרבינדן. אויב אַפילו אירע אונטערשטריי־כונגען טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ געליטענער, וואָס האָט פיל איבער־געלעבט און נעמט פון אייגענער דערפאַרונג, דאָך איז עס זייער וויכטיק. ער איז געבליבן צופרידן פון דער באַגעגעניש. ער האָט איר פאַרבעטן אין זיין גאָרטן, פאַרוואָס זי האָט אים אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט און צופרידנהייט, כּדי צו פאַרשטאַרקן די פריינדשאַפט.

ווידער טראַכט זי: אפשר וועט זיך דאָך זייער גורל פאַרבינדן. און

אַזוי זיצנדיק ביידע אויף דער גרינער באַנק צווישן די פּרוכט־ביימער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַן אַנגענעמען ריח, וואָס האָט דערקוויקט זייערע פאַרבענקטע הערצער, זאָגט זי:

„הער דאָקטער, ווען האָט איר דערוואָרבן אַזאַ שיינעווירטשאַפט?"

„אין משך פון יאָרן. איך האָב אַלע יאָרן געטרוימט צו באַזיצן אייגנס. ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג קינד, פלעג איך נעמען אַ טעפּעלע, איינשיטן אַ ביסל ערד און פאַרזייען אַ ציבלקע. דאָס האָט מיר פאַר־שאַפט פאַרגעניגן און, ווי געזאָגט, ווי צו זיבן, אַזוי צו זיבעציק".

ביידע האָבן זיך צעשמייכלט.

אַזוי זיצנדיק אויף דער באַנק אין גאָרטן און שמועסנדיק, זאָגט ד"ר עפּשטיין:

„פייגעלע, דו ביסט מיר אַזוי סימפּאַטיש, אַז איך נעם זיך די פריי־הייט, אָן דיין דערלויבעניש, ווייל איך פיל און גלויב, אַז דו וועסט ניט זיין דאַקעגן מיין פאַרשלאַג, אַז מיר זאָלן ווערן אָפנהאַרציקע גוטע פריינד. דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז איך רעד ניט סתם. דו, מיין טייערע, האָסט מיט דיינע ערנסטע געדאַנקען אַריינגעדרונגען טיף אין מיין האַרץ. איך האָף, אַז דו וועסט זיך אין גיכן איבערצייגן, אַז דו וועסט האָבן ביי מיר אַ גוט לעבן... קום, מיין טייערע, איך וועל דיר מיינע פיל וויכטיקע זאַכן באַווייזן. איך גלויב, אַז דו וועסט קאָנען אַלץ אָפּשאַצן און זיין אַ גוטע ווירטין..."

אין האַרץ טראַכט פייגל: עס איז אַ צו גרויס געשעעניש! אָדער עפּעס אַ צופאַל האָט מיך געטראָפן. אַזאַ ענדערונג!... וואָס זאָל דאָס זיין? קאָן דאָס דען זיין אַ ווירקלעכקייט?...

אין דעם מאָמענט נעמט ער איר אונטערן אָרעם און פירט איר אַריין אין סאַלאָן, ווו ס'איז קייזערלעך געווען איינגעריכטעט: פון בעסטן און שענסטן, וואָס זי האָט אין איר לעבן ניט געזען. טראַכט דעם, וואָס זי האָט געהאַט ביי איר ג"ז מאַן שיינע גוטע זאַכן, אָבער דאָס, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט זי ניט געזען. היינט די ביזשוטעריע!... טראַכט זי, אַז ער מוז זיין זייער אַ רייכער מאַן. מען דאַרף זיך ניט האַלטן שטאָלץ. האָט זי באַשלאָסן, אַז זי קאָן פריי אים געבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז איינשטימיק... דאָך שרעקט איר דאָס האַרץ און זאָגט אים, אַז דאָס לעבן איז זייער קאָמפּליצירט... אַמאָל איז דאָס לעבן פּראַכטפול, דאָך פּאַסירן נעגאַטיווע פאַלן... אין דעם פאַל ווערט דער קליגסטער מענטש נאַריש.

„פאַרוואָס, פייגעלע, טראַכסטו אַזוי שלעכט? יאָ, ס'פּאַסירן פאַלן, אַז

פון גוטע פריינט ווערט מען שונאים. אָבער, ווען דער מענטש פּאַסט זיך צו, זיינעןביידע גליקלעך!..."

פייגל, דערהערנדיק זיינע אַרויסגעזאָגטע אַרגומענטן און דערמאָנענ־דיק זיך פון איר גוטן פאַרגאַנגענעם רייכן לעבן, וואָס וועלוול האָט איר געגעבן, האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט און ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן, כדי אים אַרויסזאָגן איר צושטימונג, האָט זי אים צוגעדריקט צום האַרץ, אויסדריקנדיק מיט דעם איר „צושטימונג"... פון דעם האָט ער אַרויסגעדרונגען, אַז פייגל האָט צו אים ערנסטע געפילן. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך ניט געקאָנט באַהערשן, האָט ער איר אַ נעם געטאָן אויפן שויס, צוגעדריקט צום האַרץ, שטיל פליסטערנדיק:

„פייגעלע, איך ליב דיך מיט מיין האַרץ און נשמה!..."

ער האָט הייס געקושט אירע גרויסע בלויע אויגן און אירע ראָזע ליפּן אָן אַ צאָל...

פון גרויס איבעררַאַשונג האָט זיך פייגל פאַנאַנדערגעווייַנט...

„פייגעלע, פאַרוואָס ווייַנסטו?"

„איך בענק נאָך אַן אידעאַל לעבן. איך האָב לעצטנס ניט געקאָנט געפינען קיין רו און ניט קיין פרייד, נאָר גייסטיקע יסורים. ווען אַ פרוי איז איינזאַם, קאָן איר יעדער איינער לייכט קריטיקירן."

„איצט, מיין טייערע, הייבט זיך אָן אַ נייע צוקונפט פאַר דיר. פאַר־געס אין דיינע אַלע פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען!..."

פון זיין דערקלערונג האָט זיך ביי איר געשאַפן אַ גוטע שטימונג. אירע געזיכט־שטריכן האָבן פון צופרידנהייט אָנגעהויבן שיינען. ער זאָגט איר, אַז אין קומענדיקן חודש באַקומט ער אורלויב, דאַן וועט ער באַשטימען, ווען זיי וועלן זייער גורל פאַרבינדן... פייגל, דערהערנדיק דאָס, האָט זיך באַרואיקט. ער האָט איר פאַרבעטן צום טיש אויף אָוונט־ברויט. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען, זיך גוט אַמוזירט, געפונען אַ גע־מיינזאַמען אינטערעס. זי האָט זיך געפילט, ווי ניי געבוירן. נאָכן אָוונט־ברויט האָט ער איר אָפּגעפירט אין האָטעל, פאַרשפּרעכנדיק צו קומען נאָך זיין אַרבעט און נעמען איר אין טעאַטער. אין טעאַטער האָט מען פאָרגעשטעלט „מירעלע אפרת".

פייגל, צוהערנדיק, ווי מירעלע זאָגט: „גוטע קינדער, שלעכטע קינ־דער — דאָך קינדער!..." האָט זיך ביי איר אין געדאַנק פאָרגעשטעלט די ראָל, וואָס זי האָט אָפּגעשפּילט קעגן ליובען... זי האָט דאָס גוט גענומען אין באַטראַכט און זיך זעלבסט קריטיקירט אירע באַגאַנגענע

פאַרבערעכנס... טונקל איז איר געוואָרן פאַר די אויגן, טראַכטנדיק, אַז קיינער ווייסט דאָך ניט אירע איבערלעבונגען!... און אפשר גאָר פאַרלאָזן דעם טעאַטער? איר איז שלעכט געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך אין איר מפּלה, וואָס זי האָט געליטן פון וועלוועלען, איר געוועזענעם מאַן, וואָס איז געווען פאַר איר, ווי אַ גוטער פאָטער. און דאָס פאַרברעכן, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן זיין איינציקן זון!... אַ שוידער איז איר באַפאַלן, וויסנדיק, אַז זי האָט באַדראָט זייער קיום... „גר", זאָגט זי צו זיך, „איין אויסוועג — פאַרגעסן, פאַרגעסן!"...

ד"ר עפּשטיין, באַמערקנדיק, אַז אויף פייגעלען ווירקט שלעכט די פאָרשטעלונג, פרעגט איר:

„פייגעלע, אפשר זאָלן מיר פאַרלאָזן די פאָרשטעלונג?"

וועלנדיק פאַרמאַסקירן אירע אינערלעכע איבערלעבונגען, ענטפערט זי, אַז זי האָט קאָפּ־שמערצן באַקומען פון מירעלעס שפּילן...

„פייגעלע, איך האָב באַלד באַמערקט, אַז דו לעבסט פיל איבער, דאָס איז שוין פון דער נאַטור, אַז קינדער זיינען עגאָאיסטן. באַרויק זיך! דו ווייסט דאָך, מיין טייערע, אַז ס'איז ניטאָ דאָס שלעכטס, ס'זאָל פון דעם ניט אַרויסקומען קיין גוטס... זעסט דאָך, פייגעלע: סוף גוט — אַלץ גוט..."

„הייסט עס, אַז מען דאַרף האָפן, אַז פון אַלע שלעכטעס, וועט קומען גוטס" — זאָגט פייגל און אין געדאַנק טראַכט זי: זיין אויפקלערונג פאַרענטפערט אַלע מיינע גרויל־טאַטן, וואָס איך בין באַגאַנגען לגבי זיי אַלע. הלוואי זאָל עס אַזוי זיין, ווי ער רעדט!

די צייט איז אַריבער, ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, וואָס ער האָט באַשטימט. זיי האָבן געמאַכט די רייזע און אונטערוועגס ביי אַ רב געשטעלט אַ חופּה. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז גליקלעכער פון איר איז אויף דער וועלט ניטאָ. ער איז שיין, רייך און אין געדאַנק דענקט זי: אַדאַנק איר צוציאונגס־קראַפט האָט זי דערגרייכט צו אַזאַ גליק!...

אַדורכמאַכנדיק דעם „האָניק־חודש" און אַהיימקומענדיק צוריק, איז זי געוואָרן אַן אַנטוישטע... די זון, וואָס האָט פאַר איר אַזוי העל געשיינט, איז פאַרוואָלקנט געוואָרן. זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז זיין באַצוג צו איר אינטערעסירט אים אויף אַזוי פיל, וויפל זיינע אינערלעכע „באַדערפעניש" פאָדערן... חוץ דעם איז ער פון דער נאַטור אַ גרויסער עגאָאיסט, סאַדיסט, וואָס האָט איר פאַרשאַפט פיל קרענקונג און ליידנשאַפט. נאָך דעם, ווי זי האָט פון אים אַרויסגעזען אַלע זיינע גרוילטאַטן, האָט זי צו אים

טענות געהאַט: ווו איז זיין העפלעכקייט מיט זיינע ליבע־פראַזן, מיט וועלכע ער האָט זיך צו איר באַצויגן? ווי זי זעט, איז דאָס אַלץ געווען קינסטלעך!

זיין אויפפירונג איז, ווי פון אַן אומפאַרשעמטן מענטש און ניט, ווי פון אַ דאָקטער!... זי בעט אים ער זאָל איר באַפרייען. ליידער, האָט עס ניט געהאָלפן. נאָך דעם, וואָס זי האָט אים געבעטן איר צו באַפרייען, האָט זיך איר לאַגע פיל געערגערט... זיינע באַציאונגען צו איר זיינען געוואָרן אומדערטרעגלעך. זיינע אוממענטשלעכע באַציאונגען, סיי פיזיש, סיי גייסטיק, זיינען געוואָרן ברוטאַל... אים האָט אַבסאָלוט ניט אינטערע־סירט אירע אויפרעגונגען, ווי אויך אירע טרערן און נאָך אַלעמען איז אים איינגעפאַלן איר צו פאַרשליסן אין אַ צימער. און ווען זי האָט אויף דעם פּראָטעסטירט, איז ער גרייט געווען צו געבן קלעפּ... ער האָט איר אויך געזידלט, ווי די ערגסטע גאַסן־מענטשן...

זי טראַכט מיט באַוווּנדערונג, ווי האָט דאָס געקאָנט געשען? איז דאָס דען ניט אַ באַצאָלונג פאַר מיינע עגאָאיסטישע טאַטן לגבי ליובען מיט איר געליבטן יוספן? און ווער ווייסט, אויב איך טראָג ניט איצט די קאָנסעקווענצן פאַר מיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס: דעריבער גלויב איך איז מיט מיר געשען דער אומגליקלעכער צופאַל. ווען מיין אַמביציע און אינערלעכע שנאה וואָלט מיך דאַן ניט באַהערשט לגבי דער אָרעמער יתומה, וואָלט איך געלעבט ביי וועלוולען אַ גליקלעך מענטשלעך לעבן. וואָס קאָן איך איצט טאָן? איך וועל זיך מוזן ראַנגלען, ביז מיינע קרעפטן וועלן מיך פאַרלאָזן! ווי פלעגט מיין ג"ז מוטער זאָגן: „אַז מען גראָבט אַ גרוב פאַר יענעם, פאַלט מען אַליין אין איר אַריין!"... זי טראַכט: אפשר מיט גוטן רעאַגירן אויף אים, וועט ער פילייכט באַגרייפן און באַקומען אַביסל דרך־ארץ, כדי איך זאָל באַקומען מער פרייהייט! סוף־סוף בין איך דאָך ניט קיין שקלאַפין, איך בין דאָך אַ געזעצלעכע פרוי!...

אַזוי האָט זי באַשלאָסן אים דערקלערן.

ד"ר עפשטיין, אויסהערנדיק אירע טענות און באַדענקענדיק זיך, אַז זי האָט רעכט פאַדערן פון אים, וואָס איר קומט, האָט ער איר גענומען אויף אַ קאָנצערט. גראָד אין שכנות איז געזעסן ד"ר יצחק ראָזענקראַנץ מיט זיין פרוי און טעכטערל. ד"ר יצחק, באַמערקנדיק פייגלען, האָט זיך מיט איר פריינטלעך באַגריסט, ווי אויך איר באַקאַנט מיט זיין פרוי און טעכטערל. אויף דער פּאַוזע האָבן זיי זיך פריינטלעך אַמוזירט, ווי אויך אויסגעטוישט מיט זייערע מיינונגען וועגן קאָנצערט.

פייגל באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן יונגער, שענער, ענערגישער און שטאָלץ, גאָרניט דער זעלבער יצחק!... טראַכט זי: איך האָב אים ניט דערשאַצט. ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי פּאַרריסן מיט מיין שיינקייט, ווי גוט וואָלט מיר היינט געווען!... מיר ווייזט אויס, אַז עס קומט מיר אַזוי. דאָס, וואָס איך האָב פאַרזייט, דאָס איז אויסגעוואַקסן...

יצחק טראַכט: איך האָב געהאַט הצלחה אַז זי איז ניט איינגעגאַנגען אויף מיין פאָרשלאַג, און ער באַוווּנדערט איר שלעכטן אויסזען. זיין פרוי האָט זיך פאַראינטערעסירט, פרעגנדיק: ווער איז די עלטערע פרוי? האָט יצחק געענטפערט, אַז זי האָט געבויט לופט־שלעסער, ביז זי האָט אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט חרוב געמאַכט... פון איר קאָן מען נעמען אַ מוסר־השכל: „אַז מען פליט הויך, פאַלט מען נידעריק..."

אַהיימקומענדיק פון קאָנצערט פרעגט אים נאָכאַמאָל זיין פרוי:

„יצחק, ווער איז די פרוי?"

„ס'איז כדאי דיר דערציילן וועגן דער פרוי. זי איז אַ גוטע באַקאַנטע פון מיין שטאָט. זי שטאַמט פון זייער אַ שיינער פאַמיליע. געווען אַ שייב־הייט. געהאַלטן פון זיך מער ווי געוויינלעך. מיינער אַ קאָלעגע האָט זיך אין איר שטאַרק פאַרליבט און מיט איר חתונה געהאַט, ווי אויך געווען מיט איר גליקלעך. אין אַ צייט אַרום ווערט ער קראַנק און שטאַרבט. די נאַטור איז שטאַרקער פון אַלעם און זי באַשליסט חתונה האָבן פאַר אַ רייכן סוחר. אַזוי האָט זי מיר דערציילט. צום סוף האָט זי זיך מיט אים געגעט צוליב זיין זון. איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט נאָכן גט. זי האָט זיך געהאַלטן גוטמוטיק, שיין, עלעגאַנט. טראַכט איך: איך בין דאָך איינזאַם, אָבער קאָנענדיק גוט איר כאַראַקטער, האָב איך געצווייפלט אויב איך וועל קאָנען אַנטקעגנקומען אירע קאַפּריזן... דאָך טראַכט איך, אַז זי איז עלטער געוואָרן און פיל אַדורכגעמאַכט, פאַרשטייט זי מערער... קורץ, איך האָב איר געמאַכט אַ פאָרשלאַג. אָבער, ווי איך האָב דיר פריער געזאָגט, אַז זי האָט זיך געהאַלטן פאַרריסן... נאָך אירע יאָרן האָט זי געדאַרפט אויסזען פיל יינגער, זי האָט זיך שטאַרק געענדערט און פאַר־עלטערט געוואָרן. איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב גרויס מזל, וואָס איך האָב זיך מיט איר ניט פאַרבונדן.

„יצחק, ווער איז איר מאַן?"

„איך קען אים ניט. וואַרשיינלעך איז עס דער, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט אונדזער געשפּרעך."

„אויב דער פּערזאָן איז איר מאַן, זעט ער אויס צו זיין אַן עגאָאיסט און בכלל אַן אַנטיפּאַטישער. איר נשמה זעט אויס צו זיין באַעוולט!...״

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער געשפּרעך וועגן פייגלען.

*

ווען פייגל מיטן מאַן זיינען אַהיימגעקומען, האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן אַ נייער „קאָנצערט״... ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט אויף איר, פרעגנדיק:

„ווער איז דער ‚פריינטלעכער׳ פּאַרשוין?...״

„ער איז מיין ג״ז מאַנס אַ גוטער חבר — אַ דאָקטער.״

ער האָט איר באַשולדיקט, אַז זי האָט זיך צופיל מיט אים פאַר־אינטערעסירט, שרייענדיק:

„וועמען ווילסטו איינרעדן! דו מיינסט, אַז איך פאַרשטיי דיך ניט?״

„דו האָסט דאָך געזען, אַז ער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט זיין פרוי און טעכטערל, ווייל מיר האָבן זיך דאָ צופעליק געטראָפן. ניט איך האָב אים איינגעלאַדן — ניט ער מיך.״

„מיין ניט, פייגל, אַז דו וועסט מיר מיין קאָפּ פאַרדרייען!...״

„וואָס הייסט דאָס? איך פאַרשטיי דיך ניט! דו זוכסט מאַכן אויף מיר פרישע בלבולים?״

ער האָט זיך אויף איר שטאַרק געבייזערט און אָנגעהויבן מיט זיינע פויסטן קלאַפּן אין טיש, שרייענדיק:

„וועמען ווילסטו איינריידן? ס׳ווייזט זיך מיר אַרויס, ווער דו ביסט!״

דאַקעגן פייגל האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט, זאָגנדיק:

„וואָס דאַכט זיך דיר? צי קאָנסטו ניט אונטערשיידן? קוק פּראַקטיש, וועסטו זען דיווירקלעכקייט!״

און אין האַרץ טראַכט זי: זיין „צעדרייטקייט״ איז אומנאָרמאַל. מיין לעבן איז געבליבן גרוי און אָרעם אין די בעסטע יאָרן!... ווען איך מוז לעבן מיט אַזאַ אוממענטש, ווי אומגליקלעך איך בין! איך האָב אַפילו ניט פאַר וועמען אויסצורעדן מיין ביטער האַרץ... יאָ, דאָס איז דער באַלוין פאַר די, וואָס יאָגן זיך נאָך רייכקייט, גרויסקייט, וואָס ווילן באַהערשן דעם צווייטן, פליען אין הימל און פאַלן ביז צו דער ערד!...

ביי אים אין הויז איז געווען אַ ועכטער, וועלכער פלעגט היטן, באַאַרבעטן דעם פּרוכט־גאָרטן. זיין ווייב פלעגט זיך אָפּגעבן מיטן דאָק־טער׳ס ווירטשאַפט: איינקויפן, קאָכן, וואַשן, ראַמען א.א.וו. פייגל האָט

אַפילו ניט געהאַט די פרייהייט צו רעדן מיט דער שטוב־אַרבעטערין. אַזוי איז געגאַנגען איר מאָנאָטאָנער טאָג־טעגלעכער לעבן.

ניט זעענדיק פאַר זיך אַן אַנדער אויסוועג, ווי נאָר מאַכן אַן ענדע מיט דעם פאַרשאָלטענעם לעבן, טראַכט זי: אפשר אַראָפּשפּרינגען פון 2־טן שטאָק? און... אַ סוף!... אָבער זי האָט ניט געהאַט די קראַפט זיך צו באַהערשן... איין מאָל ביינאַכט, שלאָפנדיק, חלומט זיך איר, ווי זי פאַלט אַראָפּ פון 2־טן שטאָק. אין דעם מאָמענט האָט זי זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן און אַ געשריי אַרויסגעבּרומט, אַז דער מאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, פרעגנדיק: „וואָס איז געשען?"

ענטפערט פייגל: „פּאַרלויפיק איז נאָך גאָרניט געשען, אָבער פריער צי שפּעטער וועט עס מוזן געשען!..."

„זאָג מיר, איך פאַרשטיי דיך ניט!"

זי שווייגט.

„דו זאָלסט מיר דערקלערן דיינע ניט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען!"

זי שווייגט.

ער, אַרויסגייענדיק פון געדולד שרייט: „דו פאַרשאָלטענע, רעד, אַניט וועסטו באַקומען, וואָס דו פאַרדינסט!..."

פייגל האָט אָנגעהויבן וויינען, זאָגנדיק: „וואָס האָב איך דיר אַזעלכעס געזאָגט?..."

„אַז מען רעדט האַלבע ווערטער, האָב איך פיינט" — און אָנגעהויבן, ווי זיין שטייגער, קלאַפּן מיט די פויסטן, שרייענדיק: „זאָג, ווען ניט, וועסטו דאָ בלייבן ליגן אַ צוגעשמידטע!..."

פייגל, דערהערנדיק דאָס, איז פאַרציטערט געוואָרן און פון פאַרצווייפלונג דערציילט, וואָס זי קלערט מאַכן צוליב אים — אַ סוף צום לעבן!

„אַזוי טראַכסטו?" — פרעגט ד"ר עפּשטיין.

אויף צומאָרגנס האָט ער באַשטעלט קראַטן צו די פענצטער און פון איר פרווו איז געבליבן אַ חלום...

נאָך דעם זאָגט זי צו אים: „איך האָב אַמאָל געלערנט פּרק, ווערט דאָרט געזאָגט: ווער, וואָס דערטרינקט יענעם, ווערט אויך דערטרונקען!..."

אָבער ער האָט אויף דעם ווייניק אַכט געלייגט.

אין דעם מאָמענט האָט זי זיך דערמאָנט, אַז צוליב איר עגאָאיזם, האָט מען אַן אָרעמע יתומה פאַרשיקט אויף 10 יאָר... היינט בין איך אוממעכטיק ביי מיין אייגענעם מאַן און פאַרשפּאַרט אויף אייביקע תפיסה...

ערנסטע ליבעס

ווי האָט פאַרענדיקט מיין ג"ז מאַן די לעצטע פערזן פון זיין ליד:

אָנוועדן, ווי מעגלעך, ניט מאַכן פעלערן...
קיינעם אין לעבן ניט שטערן,
וועט דיין לעבן קיינמאָל ניט פאַראיינזאַמט ווערן...
ווען איך (פייגל) וואָלט אין אַכט גענומען,
וואָלטן די צרות אויף מיר ניט געקומען!...

לאַנג האָט פייגל ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט געלאָזן אַ צוואה:
„טו ניט יענעם שלעכטס, וועט דיר אַנטקעגן קומען גוטס!..."

פערטער בילד

„פארשיקונג — אויפלעבונג"

ראָזעלע דימענטשטיין איז באַליבט געווען ביי די דערציערינס צוליב איר איידעלער שיינקייט און שטילקייט. זייער איבערגעגעבנהייט צו איר איז געווען אַ מוטערלעכע. ווען ס׳פלעגט פאָרקומען אַן אונטערזוכונג פון דאָקטוירים, איז זייער באַציאונג לגבי ראָזעלען געווען זייער אַן איבער־געגעבענע. זיי האָבן איינגעזען, אַז ראָזעלע, אין 5־טן יאָר פון איר זיין אין קינדער־היים, זאָגט פאָר צו זיין אַ ווונדער־קינד. ווען דאָס קינד וועט עלטער ווערן, וועט מען דאַרפן אָננעמען אַ ווענדונג צו די באַשטימטע אַקטיוויטעטן פון איר טאַלאַנט.

אַזוי איז ראָזעלע געוואַקסן, ווי ס׳איז פאָרויסגעזען געווען... זי האָט זיך אַנטוויקלט זייער שיין סיי פיזיש, סיי גייסטיק. זי האָט זיך אויס־געצייכנט אין די למודים, ווי אויך אין מוזיק און מאַלעריי. פון צייט צו צייט פלעגט ראָזעלע אַרויסטרעטן אין קינדער־היים אויף אָוונטן, אויף וועלכע זי האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס טאַלאַנטפול קינד. אַזוי זיינען אַוועק פיל יאָרן.

אָפט מאָל פלעגט זי זיך פאָרן דאָקטאָר באַקלאָגן, אַז ביינאַכט שוויצט זי און ס׳איז איר שווער צו אָטעמען. נאָכן אונטערזוכן, האָט ער איר פאַרבאָטן זיך באָדן אין קאַלט וואַסער, ווי אויך האָט ער איר געגעבן מעדיצינישע מיטלען, וואָס פלעגן איר בעסער מאַכן.

אין קינדער־היים זיינען, אויסער ראָזעלען, געווען נאָך אייניקע שוואַכע קינדער, וועלכע פלעגן זיך קלאָגן אויפן געזונט. די אָנפירערשאַפט פון קינדער־היים האָט זיך באַראַטן מיט זייער דאָקטער, וועלכער האָט געראָטן אַרויסרופן דעם דאָקטאָר ראָזענצווייג, וועלכער איז געווען אַ טובערקולאָז ספּעציאַליסט.

לויט דער אַרויספאָדערונג פון דער געהעריקער אָנפירערשאַפט פון דעם

אַנשטאָלט, האָט ד״ר ראָזענצווייג אונטערזוכט אַלע קינדער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צען קינדער, אין וועלכער צאָל ס׳געפינט זיך אויך ראָזעלע, נייטיקן זיך אין אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג, ווי אויך מוז מען זיי שיקן אין אַ קוראָרט אויף ק.

די קינדער האָט מען גלייך אַהינגעשיקט.

זייענדיק אויפן באַשטימטן קוראָרט, האָט זיך ראָזעלע גענומען פילן ערגער. מען האָט צו איר אַרויסגערופן אַ דאָקטער, וועלכער האָט פאַר־אָרדנט גלייך שיקן איר אין שפּיטאָל. אין שפּיטאָל האָט מען איינגעפונען, אַז מען מוז איר גלייך אָפּערירן, ווייל זי איז קראַנק אויף בלינדדאַרם. מען האָט ראָזעלען אָפּערירט.

נאָך דער אָפּעראַציע, ווען ראָזעלע האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, האָט זי באַמערקט, אַז ביי זיך אויפן האַלדז האָט זי ניט איר מעדאַליאָן. זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק וויינען. איז צו איר צוגעקומען די שוועסטער און געפרעגט איר וואָס זי וויינט.

האָט איר ראָזעלע געענטפערט, אַז זי האָט ניט איר מעדאַליאָן אויפן האַלדז, וואָס איז ביי איר געווען טייער, ווי די אויגן. דאָס האָט זי געהאַט אַן אייביקן אָנדענק פון אירע טייערע עלטערן.

די שוועסטער האָט ראָזעלען באַרויקט, זאָגנדיק איר, אַז דעם מע־דאַליאָן וועט זי גלייך באַקומען, ווען זי וועט אַרויס פון שפּיטאָל. אָבער ראָזעלען האָט דאָס ניט באַרויקט. פאַרקערט, זי האָט נאָך מער זיך פאַנאַנדערגעוויינט, זאָגנדיק דער שוועסטער, אַז זי וועט זיך ניט באַרויקן, ביז מען וועט איר ניט צוריקגעבן איר מעדאַליאָן...

די שוועסטער האָט באַשלאָסן צו מעלדן וועגן דעם דעם אָרדינאַטאָר פון שפּיטאָל: פּראָפעסאָר קאַפּלאַן יוסף... זי האָט דעם דאָקטער קאַפּלאַן דערציילט, אַז אין איר אָפּטייל געפינט זיך אַ קראַנק מיידעלע מיטן נאָמען ראָזאַ דימענטשטיין. זי וויינט און איך קאָן איר ניט באַרויקן, מחמת זי בעט צוריק איר מעדאַליאָן, וועלכער, לויט ווי זי זאָגט, איז פאַר איר דער טייערסטער אָנדענק פון אירע עלטערן, וואָס זי טראָגט פון געבורטס־טאָג אָן.

די פּלוצלינגדיקע מעלדונג פון דער שוועסטער וועגן „ראָזאַ דימענט־שטיין״ האָט אים שרעקלעך איבערראַשט. בליץ־שנעל איז אים דורכגעלאָפן אין געדאַנק: זאָל דאָס זיין מיין אייגן קינד פון מיין טייערער ניט פאַר־געסענער ליובאַ ?!...

דער קלאַנג פון די ווערטער „ראָזאַ דימענטשטיין״ און די דערקלע־רונג פון דער קראַנקער וועגן איר מעדאַליאָן, איז ניט אַ פשוט געשעעניש !... די טיפע פרייד פון זיין האַרץ, ווי אויך גלייכצייטיק די טיפע ווונדן פון זיין שרעקלעכער איבערלעבונג פון זיין פאַרגאַנגענער טראַגעדיע מיט ליובאַן, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין טרויעריקער סימפאָניע !... מיט אַלע זיינע קרעפטן האָט ער זיך געשטאַרקט צו באַהערשן זיין איבער־ראַשונג.

די שוועסטער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, וועלכן זי האָט פון פראָפעסאָר באַקומען : זי זאָל דער קראַנקער באַרואיקן, זאָגנדיק, אַז איר ביטע איז אָנגענומען געוואָרן.

די שוועסטער האָט ראָזען איבערגעגעבן דעם פראָפעסאָרס תשובה. זעענדיק, ווי ראָזאַ איז שטאַרק פאַרווײנט, האָט זי איר געבעטן זי זאָל זיך באַרואיקן. אויף ראָזאַס פראַגע : ווען וועט מען איר דעם מעדאַליאָן צוריקגעבן ? האָט די שוועסטער געענטפערט : גענוי ווייסט זי ניט.

פראָפ. קאַפּלאַן האָט גלייך געוואָלט גיין באַרואיקן דער קראַנקער ראָזאַ, אָבער אין דעם מאָמענט האָט מען אים דרינגענד אַרויסגערופן צו אַ קראַנקער, וועלכער ער האָט דערטיילט הילף.

מיט דער גרעסטער אומגעדולד איז פראָפ. קאַפּלאַן געלאָפן אַרויס־באַקומען דעם מעדאַליאָן. ווי ער האָט דערזען זיין אייגענעם מעדאַליאָן, ווי אויך אויפמאַכנדיק אים און דערזענדיק ליובאָס מיט זיין בילד, וואָס ער האָט איר געהאַט געשענקט, איז אים שלעכט געוואָרן... באַרואיקנדיק זיך עטוואָס, זאָגט ער צו זיך : מ י י נ ס ! מיין טייער קינד !...

מיין פאָטערלעכער חוב איז טאָן אַלץ, כדי ס׳זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַר מיין קינד, אַז איך בין איר אמתער פאָטער ! אָבער דאָס מוז שטופּנ־ווייז, שטופּנווייז געמאַכט ווערן... און ער טראַכט, אַז ערשטנס מוז איך זיך מיט איר פּערזענלעך באַקענען, כדי די הייליקע טרעגערין פון מיין אידעאַל, זאָל וויסן, אַז זי פאַרמאָגט אַ פאָטער !...

און אַזוי טראַכטנדיק, דערמאָנט ער זיך, ווען ניט דער „פּראָבלעם״, וואָלט אויף מיר דער חורבן ניט געקומען און מיין טייערע ניט פאַרגעסענע ליובאַ — קיין קרבן ניט געווען !...

ווידער קוקט ער אויפן מעדאַליאָן, זאָגנדיק צו זיך : מיין טייער איינציק טעכטערל ! איך מוז איר גיין באַרואיקן. ער גייט צו דער אָפּטייל אַכט, וווּ ראָזאַ געפינט זיך. די שוועסטער, באַמערקנדיק פון דערווייטנס ווי דער פראָפ. גייט, זאָגט זי צו ראָזען, אַז מעגלעך דער פראָפעסאָר

גייט אַהער, ער וועט אייך געוויס ברענגען דעם מעדאַליאָן. ניט פֿאַר־ענדיקנדיק די ווערטער, איז ער אַריינגעקומען און געבעטן דער שוועסטער זי זאָל איר אָנטאָן דעם מעדאַליאָן.

ראָזאַ, דערזעענדיק איר מעדאַליאָן, האָט זיך זייער דערפֿרייט און האַרציק באַדאַנקט דעם פּראָפֿעסאָר פֿאַר זיין גוטע אויפֿמערקזאַמקייט.

ראָזאַ האָט פֿון פֿרייד געוויינט. זי האָט געעפֿנט דעם מעדאַליאָן, האַרציק געקושט אים, און געזאָגט:

„מיינע טייערע עלטערן! ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט אייך אין לעבן געקאָנט זען, אָבער ליידער, איך בין פֿון די אומ־גליקלעכע קינדער, וואָס איך האָב אייך אין לעבן ניט געזען!..״

ראָזעס ווערטער האָבן דעם פּראָפֿעסאָר געשניטן זיין האַרץ... ער ווענדעט זיך צו איר, זאָגנדיק:

„ראָזעלע, באַרואיק זיך. היינט נויטיקט איר זיך אין רו, דעריבער איז אייער ביטע אָנגענומען געוואָרן: אייער געזונטהייט פֿאָדערט פֿון אייך זעלבסטשטענדיקייט, איר זאָלט זיך האַלטן גוט, וועט איר שנעלער אַרויס פֿון שפּיטאָל. איך גלויב, אַז דאָס איז דער ווונטש פֿון יעדן קראַנקן. און איך ווינטש אייך אויך דאָס זעלבע, אַז איר זאָלט פֿולקאָם געזונט ווערן!...״

„איך דאַנק אייך, הער פּראָפֿעסאָר, פֿיל, פֿיל מאָל. איך בין ניט אימ־שטאַנד אייך צו באַדאַנקען!...״

„ס׳מאַכט ניט!״ — און ער איז אַרויס פֿון דער אָפּטייל 8.

ער האָט גלייך פֿאַראָרדנט מען זאָל ראָזאַ דימענטשטיין אַריבערפֿירן אין דער אָפּטייל 5. דאָרט איז זי איינגעאָרדנט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלע שוועסטער, ווי אויך מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

דער פּראָפֿעסאָר האָט פֿאַראָרדנט מען זאָל אים יעדן אָוונט 10 אַזייגער מעלדן דעם צושטאַנד פֿון די טעמפּעראַטור. אין פֿאַל, ווען זי וועט זיין העכער — מעלדן עקסטרא.

אַהיימקומענדיק נאָך זיין אַרבעט, זאָגט ער צו זיך: ווי גרויס איז מיין פֿרייד, וואָס איך טראָג אין מיין האַרץ. זי זאָל נאָר מיר בלייבן אויף אייביק!... און ער טראַכט: טייער קינד מיינס, ווי שיין זי איז אויפֿ־געוואַקסן. אין גאַנצן ענלעך צו מיין טייערער ניט פֿאַרגעסענער ליובאַן, ווי צוויי טראָפּן וואַסער!... אַך, ווען מען קאָן איך דאָס דערציילן!... און מיט וואָס פֿאַר אַ צוגאַנג זאָל איך צוגיין צו מיין קינד, אַז ס׳זאָל זיין לאָגיש?...

ראָזאַ האָט זיך באַרואיקט און געשלאָפן גאַנץ רואיק. דאַקעגן זיינע פּאַטערלעכע געפילן האָבן קיין רו געהאַט. ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן און געקומען פאַר 10 אָוונט. ער האָט געמאַכט דעם ערשטן באַזוך אין אָפּטייל 5. ראָזאַ איז רואיק געשלאָפן. דער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט דער שוועסטער, ווי ראָזאַ פילט זיך, ווי איז איר טעמפּעראַטור, ווי אויך איר אַפּעטיט? אויף וואָס זי האָט אים באַרואיקט, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג און ער איז אַוועק.

דער שוועסטער האָט זייער געוווּנדערט דעם פּראָפעסאָרס שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט לגבי ראָזען. ווען ראָזאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט די שוועסטער איר איבערגעגעבן וועגן פּראָפעסאָרס עקסטרא באַזוך. ראָזאַ טראַכט: איך מוז זיין געפערלעך קראַנק, דעריבער לייגט ער אויף מיר ספּעציעל אַכט. דאָס האָט איר פאַראורזאַכט שווערע זאָרגן. זי טראַכט: ווי אומגליקלעך בין איך, וואָס איך האָב ניט קיין עלטערן, וואָס זאָלן זאָרגן פאַר מיר!... דאָך האָב איך אַ ביסעלע מזל, אַז דער פּראָפעסאָר האָט געמאַכט אַ ספּעציעלן באַזוך, ווי אויך מיר גוט איינ־געאָרדנט. ווען ער וועט קומען, מוז איך אים האַרציק באַדאַנקען.

מיט זיינע פּאַטערלעכע געפילן האָט ער געמאַכט אויף ראָזען זייער אַ גוטן איינדרוק. ער איז אויסערגעוויינלעך אַ גוטער מענטש. דער שוועסטער האָט דאָס געוווּנדערט, ווייל ראָזעס צושטאַנד האָט עס ניט געפאָדערט. די טעמפּעראַטור איז ביי איר געווען נאָרמאַל, בכלל האָט זי זיך ניט שלעכט געפילט. די שוועסטער האָט געמוזט אויספירן אַלע דירעקטיוון פון פּראָפעסאָר. זי האָט פּשוט מקנא געווען ראָזען, אויס־דריקנדיק זיך פאַר איר, אַז זי האָט גרויס מזל און אַזעלכע באַדינגונגען, ווי זי באַקומט איז נאָר פּאַטערלעכע... יאָ, ענטפערט ראָזאַ, מען האָט גערעדט אין דער אָפּטיילונג 8, אַז דער פּראָפעסאָר איז זייער אַ גוטער און ער העלפט אַלע נויטבאַדערפטיקע, עלנטע קראַנקע...

אויף צומאָרגנס איז דער פּראָפעסאָר געקומען אין דער אָפּטייל 5 אויף אַ באַזוך. צוקומענדיק צו ראָזעס בעט, נאָכזעענדיק די קראַנקן־קאַרטע, וואָס האָט געהאַנגען איבער איר בעט, ווי אויך, אויספרעגנדיק דער שוועסטער אייניקע איינצלהייטן וועגן ראָזען, נאָכער, צוקומענדיק צו ראָזען, האָט ער זיך העפלעך באַגריסט, פרעגנדיק איר, ווי זי פילט זיך?

ראָזאַ האָט אים זייער העפלעך געענטפערט אויף זיין באַגריסונג

און אים האַרציק געדאַנקט פאַר דעם גוטס, וואָס דער הער פּראָפעסאָר מאַכט פאַר איר, זי וועט עס קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן!...

ראָזעס ענטפער האָט ביי אים אַרויסגערופן אינערלעכע אומבאַשרייבלעכע פרייד. ער וואָלט שוין וועלן, אַז זיין עלנט אומגליקלעך קינד זאָל פילן דאָס, וואָס זי דאַרף פילן פון פּאַטערלעכע צערטלעכקייט.

ער באַטראַכט איר שייַן, סימפּאַטיש פּנימל און טראַכט זיך: ער וואָלט שוין וועלן קושן, ווי אַ פאָטער קושט זיין איינציק קינד!...

ער זאָגט איר „טייער קינד, היינט מאַכט איר אַדורך, ווי נאָך אַן אָפּעראַציע. איר נייטיקט זיך אין בעסערער דערהאָלונג און רואיקייט. וואָס אַמבאַלאַנגט דערהאָלונג זיינען מיר צו דער דיספּאָזיציע פאַר יעדן קראַנקן צו דערפירן אַ פולקאָמע געזונטהייט. דערפאַר איז ניט נייטיק קיין דאַנקבאַרקייט, ווייל ס׳איז אונדזער חוב.״

„הער פּראָפעסאָר, דאָס איז מיין חוב אייך דאַנקען פאַר דעם גוטס, וואָס איר האָט געטאָן און טוט. איך מוז זאָגן, וואָס די שוועסטער האָט געזאָגט, אַז דעם פּראָפעסאָרס געפילן צו קראַנקע זיינען פּאַטערלעכע. אָבער לײדער בין איך ניט פון די גליקלעכע קינדער, וואָס קאָנען דאָס פילן. איך קאָן דאָס נאָר פאַרשטיין און אָפּשאַצן!...״

„אין מענטשנס לעבן שאַפן זיך אַמאָל אומגעריכטע סיורפּריזן... דאָס וויכטיקסטע: לייגט אַכט אויף זיך, ביז איר וועט פולקאָם געזאָנט ווערן און פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל.״

אין דער זעלבער צייט טראַכט ער: מיט וואָס פאַרא צוגאַנג אָנהויבן, כדי ס׳זאָל זיין פאַר איר ניט איבעראַשנד. ער מוז אומבאַדינג ברענגען צו אַן ענדע פון איר לאַנג יאָריקער טראַגעדיע, ווי אויך פון זיין געראַנגל, וואָס ער האָט תמיד געזאָרגט פאַר ליובעס קאַטאַסטראָפע!... ליובאַ, ליובאַ! ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען, ווען די שרעקלעכע טראַגעדיע וואָלט ניט געשען!... לײדער, טייערע ליובאַ! דו ביסט אַן אומזיסטער קרבן געוועזן... דו האָסט יונג פאַרענדיקט דיין בליענד לעבן. מיט הייסע טרערן זעצט ער ווידער פאַר די פאַרגאַנגענע טרויעריקע איבערלעבונגען, זאָגנדיק צו זיך: איך קאָן ניט אָפּלייקענען, אַז איך בין דער ערשטער שולדיקער, אַז איך האָב פאַראורזאַכט אונדזער געמיינזאַם אומגליק!... איך מוז צוגעבן, אַז אין דעם פּראָבלעם בין איך לײדער אויך אַ קרבן! ווידער, טראַכט ער: טראָץ דעם, בין איך גליקלעך, אַז איך קאָן דעם פּראָגראַם פון מיין לעבן ענדיקן לטובת מיין טאָכטער...

זייענדיק אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין זיינע שטורמישע געדאַנקען, האָט אים פּלוצים איבערגעריסן אַ טעלעפאָן־געשפּרעך פון שפּיטאָל.

אַהיימקומענדיק פון שפּיטאָל אַ מידער, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרויִקן פון איינציקן געדאַנק: וואָס טוט מען, אַז דער אָנזאָג זאָל ניט זיין שעדלעך פאַר מיין קינד?

ניט קאָנענדיק קומען צו קיין רעזולטאַטן און וועלנדיק זיך באַרויִקן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך: „מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל!"... (וואָס די צייט קאָן מאַכן, קאָן דער מענטשן שכל ניט שאַפן).

דעם 10־טן טאָג נאָך איר אָפּעראַציע האָט זיך ראָזאַ אָנגעהויבן פילן בעסער. דער פּראָפעסאָר האָט איר אונטערזוכט און פאַראָרדנט אָפּפירן איר מיט זיין קאַרעטע אין קינדער־היים. גלייכצייטיק איר פאַרזאָגט פאַר־זיכטיק זייַן מיטן עסן און זיך צו אים פּריוואַט מעלדן אין דריי טעג אַרום. אין דער באַשטימטער צייט איז ראָזאַ געקומען צום פּראָפעסאָר. דער פּראָפעסאָר, באַמערקנדיק ראָזען צווישן נאָך געקומענע פּאַציענטן, האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל האָבן געדולד, ביז ער וועט פאַרענדיקן מיט זיינע פּאַציענטן, דאַן וועט ער איר אויפנעמען. כדי איר זאָל ניט זיין לאַנגווייליק, האָט ער איר פאַרגעלייגט אַריינגיין אין זיין קאַבינעט און לייענען. ראָזאַ האָט באַדאַנקט דעם פּראָפעסאָר פאַר זיין גוטע אויפמערק־זאַמקייט. זיצנדיק אין קאַבינעט, טראַכט זי: פאַרוואָס האָט ער איר ניט אָנגענומען גלייך מיט אַלע פּאַציענטן? דאָס האָט איר פאַרשאַפט פרישע איבערלעבונג.

מילא, טראַכט זי, זי וועט זען, וואָס וועט ער דערקלערן...

זי נעמט אַ בוך און לייענט, טראַכטנדיק: אפשר וועט ער איר פרעגן, וואָס האָט זי געלעזן? זאָל זי אים קאָנען ענטפערן. אָבער אירע געדאַנקען קאָנען ניט קומען צו קאָנקרעטע מיינונגען.

אין דער זעלבער צייט טראַכט דער פּראָפעסאָר, ווי זאָל ער אָנהויבן, אַז זי זאָל עטוואָס פילן פון זיינע ערנסטע געפילן, כדי זיין קינד זאָל ניט פאַרשאַפט ווערן איבעריקע איבערלעבונגען? ער האָט געטראַכט: דאָס וועט ווייזן איר האַלטונג. אַזוי האָט ער באַשלאָסן און איר אַריינ־געבעטן אין קאַבינעט.

ראָזאַ איז אַריין און העפלעך זיך באַגריסט.

ער נעמט איר פאַרן פּולס און פרעגט, ווי זי פילט זיך?

„אַ דאַנק, הער פּראָפעסאָר, זייער גוט!"

„שלאָפט איר גוט?"

ערנסטע ליבעס

„ווי אַמאָל.“

„ראָזעלע, פאַרוואָס שלאָפט איר שלעכט?“

„הער פּראָפעסאָר, ווען איך וואָלט געהאַט עלטערן, וואָס זאָלן טראַכטן וועגן מיר, מעגלעך וואָלט איך דאַן ווייניקער געדאַרפט טראַכטן!...“

„יאָ, יאָ ראָזעלע, דאָס איז אַ ריכטיקער געדאַנק! ווען מען האָט איר פאַרלוירן פריער פון אייערע עלטערן?...“

ראָזעס האַרץ האָט אָנגעפאַנגען קלאַפּן נערוועיש, כמעט ווי געוויינט. זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, די ליפּן פאַרפעסטיקט, געבליבן אַ ווײַלע שטיל... דער פּראָפעסאָר, באַמערקנדיק דאָס, האָט קוים געקאָנט איינהאַלטן זײַנע טרערן, כדי ס׳זאָל אויף איר ניט מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק. ער זאָגט: „אַנטשולדיק מיר, טייער קינד“, און ער האָט זיך פון איר עטוואָס אָפּגעקערט, כדי זי זאָל ניט באַמערקן זײַן אויפרעגונג.

ווען ער האָט זיך עטוואָס באַרואיקט און צוריקוועגנדיק זײַן בליק צו איר, האָט זי אים באַדאַנקט פאַר זײַן אינטערעסירונג מיט איר עלנטקייט.

„איר זייט פון די קינדער, וואָס קאָנען מאַכן אַ גוטן איינדרוק אַפילו אויף אַ גאַנץ פרעמדן מענטש... דאָס איז זייער וויכטיק. מיט דעם דאַרפט איר זיך גליקלעך פילן.“

„איך דאַנק אייך זייער, הער פּראָפעסאָר פאַר אייערע גוטע מיינונגען וועגן מיר. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב אייך אויף אייער פראַגע וועגן מײַנע עלטערן ניט געענטפערט. מײַן מוטער האָב איך פאַרלוירן דרײַ טעג נאָך מײַן געבורט. מײַן מוטער איז געווען פאַרשיקט אַלס רעוואָלוציאָנערין... אַזוי איז פאַרשריבן אין מײַנע פּאַפּירן. מײַן מוטער האָט געלאָזן אַ צוואה, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם מאַן, ד.ה. מײַן פאָטער אין צייט פון פאַרבינדונג...“

„פון וואַנען האָט אייער מוטער געשטאַמט?“

„פון אַ קינדער־היים... נאָך מײַן מוטערס טויט בין איך געווען אָפּגעגעבן אין אַ קינדער־היים. טראָץ דעם בין איך געווען אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן. אין לעצטן אַנשטאַלט האָבן זיי איינגעפונען, נאָך אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג, אַז איך נויטיק זיך אין אַ קוראָרט, פון וועלכן מען האָט מיך געבראַכט אין אייער שפּיטאָל...“

דער פּראָפעסאָר פרעגט ראָזען, ווען באַדויערט זי מערער? זי פאַרטראַכט זיך און ענטפערט, אַז מער באַדויערט זי איר מוטער, וועלכע האָט זייער פיל אין לעבן אַדורכגעמאַכט, ווי אויך געווען פאַרשיקט און

צום סוף יונג אַוועק פון דער וועלט, איבערלאָזנדיק אַן אומגליקלעך קינד. „איך שטעל זיך פאָר, ווי שווער ס'איז געווען מיין מוטער, אַז זי האָט געדאַרפט אַזעלכעס איבערלעבן!...

ראָזעס ענטפער האָט אויף אים זייער שווער געווירקט. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. געגאַנגען איבערן צימער הין און צוריק, זאָגנדיק:

„באַרואיקט זיך, ראָזעלע, ס'וועט שוין זיין גוט!...״

„הער פּראָפעסאָר, אויב מיין שיקזאַל האָט מיר באַרויבט, ווי קאָן זיין גוט, אַז דאָס בעסטע, טייערסטע און נאָענטסטע אין מיין לעבן האָב איך פאַרלוירן!... דאָס איז ניט אַ זאַך, וואָס מען קאָן פאַר געלט באַקומען און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט...״

דער פּראָפעסאָר האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן, בעטנדיק אַנטשולדי־קונג און אַרויס פון קאַבינעט. אַרומגייענדיק איבערן זאַל אַ שטאַרק פאַר־קלעמטער, ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן, רעדט ער צו זיך מיט טרערן אין די אויגן: מיין טייער קינד, ווי זי פאַרשטייט עס דאָס לעבן!... ליובאַ, ליובאַ! ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען, ווען דו וואָלסט געלעבט און געזען אונדזער טייער קינד!... ליידער, מיר טוט שוין לייד, וואָס איך האָב איר צו דער אויפרעגונג געבראַכט.

דאָס טראַכטנדיק, גייט ער צוריק אין קאַבינעט, כדי ראָזאַן צו באַ־רואיקן. אַריינקומענדיק באַמערקט ער, אַז ראָזאַ האָט זיך עטוואָס באַרואיקט. ראָזאַ, דערזעענדיק אים, האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי האָט אים פאַר־שאַפט ליידן...

„ראָזעלע, באַרואיקט זיך, וועגן דעם דענקט ניט. אויך איך האָב היינט אַ שלעכטן טאָג. מען מוז אין לעבן אַלץ קאָנען אַדורכמאַכן, דאַן קאָן מען דערוואַרטן גוטס. דעם מענטשנס לעבן איז שוין אַזוי געשטעלט פון דער נאַטור: נאָך שלעכטעס — קומט גוטס... איר זייט יונג, שיין, סימפּאַטיש, איר קאָנט נאָך דערוואַרטן פיל, פיל גוטס. און דאָס שלעכטס מוזט איר פאַרגעסן.״

דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעקלונגען צו דער הויז־באַדינערין, זי זאָל סערווירן דעם טיש און גלייכצייטיק איינגעלאַדן ראָזען צום מיטאָג. ביים עסן בעט ער איר, אַז זי זאָל זיך פילן, ווי ביי אַן אייגענעם פעטער... פאַר וואָס ראָזאַ האָט אים באַדאַנקט.

נאָך מיטאָג דערקלערט דער פּראָפעסאָר ראָזען, אַז זי קאָן אויסנוצן די רעכט, וואָס איר קומט נאָך אַן אָפּעראַציע. אויך באַמערקט ער איר,

אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך צו זיין געזעלשאַפט, וואָס איז פאַראינ־טערעסירט על־נט־קראַנקע קינדער צו העלפן.

„הער פּראָפעסאָר, איך דאַנק אייך האַרציק פאַר די רעכט, וועלכע איר דערטיילט מיר."

„אַלזאָ, ראָזעלע, איך דערוואַרט אייער קומען מאָרגן פרי."

ראָזאַ האָט אים באַדאַנקט, זאָגנדיק, אַז זי וועט צו דער באַשטימטער צייט קומען. אויפן פּראָפעסאָרס באַפעל האָט די שטוב־דינערין אַריינ־געבראַכט אַ פרישן בוקעט בלומען פאַר ראָזען און דער קוטשער, לויטן באַפעל, האָט אָפּגעפירט ראָזען אין קינדער־היים.

דער פּראָפעסאָר, אין דערוואַרטונג פון ראָזעס קומען, האָפט, אַז אין רעזולטאַט פון זיינע אַלע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען, וועט סוף־סוף רעאַליזירט ווערן זיין פּלאַן לגבי זיין טייער קינד.

ווען ראָזאַ איז געקומען פון שפּיטאָל, האָט זי דערציילט איר חברטע וועגן דעם פּראָפעסאָרס גוטע באַהאַנדלונג צו איר. דערביי זאָגט זי איר, אַז אַלע לויבן דעם פּראָפעסאָר, אַז ער איז זייער אַ גוטער מענטש, ער העלפט אָרעמע קראַנקע און ספּעציעל האָט ער געלייגט אַכט אויף איר.

פרעגט איר חברטע מאַניע: „האָט ער אַ פרוי?"

„מען זאָגט, אַז ער איז אַן אומפאַרהייראַטער" — ענטפערט ראָזאַ.

„אויב ער איז אַן אומפאַרהייראַטער, פאַרשטיי איך שוין זיין באַציאונג צו פרויען און נאָך דערצו צו אַזאַ יונגע, שיינע פריילין, ווי דו..."

ראָזאַ, אויסהערנדיק מאַניעס ענטפער, האָט אויף איר געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, טראַכטנדיק: ווער ווייסט, אפשר איז מאַניע גערעכט?... זייענ־דיק אין ספק, זעצט זי דאָך פאָר, אַז ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אויסבעסערן איר געזונט, כדי צו הערן, וואָס וועט אויף דעם זאָגן מאַניע.

„צי דען פאַרשטייסטו ניט, ראָזאַ, די אַלטע מענער, ווען זיי באַקאָנען אַ שיין, יונג מיידל, זיינען זיי גרייט גיין פאַר איר אין פייער און וואַסער!..."

אויף מאַניעס רייד האָט ראָזאַ רעאַגירט אַנדערש, פאַרשטייענדיק, אַז מאַניע האָט צו איר קנאה. טראַכט זי: איך וועל זיך ניט רעכענען מיט אירע פאַלשע רייד און וועל יאָ גיין, לויט, ווי איך האָב דעם פּראָפעסאָר צוגע־זאָגט צו קומען.

ראָזאַ איז אַוועק צום פּראָפעסאָר, אַזוי ווי זי האָט אים צוגעזאָגט און קומענדיק צוריק, האָט אויף איר מיט אומגעדולד געוואַרט איר חברטע

מאַניע. זי האָט זיך זייער געוווּנדערט, דערזעענדיק ראָזען אָנקומענדיק אין פּראָפעסאָרס קאַרעטע אין אַ גוטער שטימונג מיט אַ שיינעם פרישן בוקעט בלומען.

פרעגט מאַניע מיט פאַרוווּנדערונג:

„ראָזאַ, וואָס איז דאָס מיט דיר געשען?"

„דאָס, וואָס דו זעסט!..." — האָט ראָזאַ געענטפערט מיט שטאָלץ.

„זע נאָר, וואָס האַלטסטו זיך אַזוי גרויס? וואָס דער פּראָפעסאָר רעכנט זיך מיט דיין שוואַכן געזונט!..."

ראָזאַ טראַכט: ס'איז כדאי צו קאָנען לערנען איר כאַראַקטער. אויף ווייטער וועל איך שוין וויסן, ווי מיט איר צו ריידן. אַזוי זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. ראָזאַ איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך געלייגט אויפן געלעגער, טראַכטנדיק: אפשר איז מאַניעס רייד נאָר אַ מיטל מיר שווער מאַכן אויפן האַרץ? ראָזאַ טראַכט, אַז דער פּראָפעסאָר וויל דאָך ראַטעווען איר געזונט. און ווידער איז זי אין געראַנגל אונטער מאַניעס השפּעה, אַז דער פּראָפעסאָר איז דאָך אַן אומפאַרהייראַטער, פאַר וועלכן מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק... איר יונגע נשמה ציטערט אין איר און זי קלערט: וואָס מאַכט מען? און אַזוי טראַכטנדיק, זאָגט זי צו זיך: וואָס פאַרשטיי איך ניט, אַז מיין דערציילונג וועגן פּראָפעסאָר האָט איר גע־טראָפן, ווי אַ קויל אין האַרץ!...

מאַניע איז אַריין אין צימער און איר איבערגעריסן די געדאַנקען, פרעגנדיק:

„ראָזאַ, וועגן וואָס טראַכסטו אַזוי פיל? צי פאַרשטייסטו ניט די מענער? ווען זיי באַגעגענען אַ שיין, יונג מיידל!..."

ראָזאַ האָט אויסגעהערט מאַניעס רייד, טראַכטנדיק: וואָס איז זי מיר אַזאַ גוטע פריינדין? איר ניט געענטפערט מיט איין וואָרט.

זאָגט מאַניע ווידער צו איר: „קלער וויינציקער!"

„איך קלער — מאָרגן גיין צום פּראָפעסאָר." און זיך צוגעהערט וואָס מאַניע זאָגט אויף דעם.

„לויט, ווי דו, ראָזאַ, דערציילסט, פאַרשטיי איך, אַז דיך דערוואַרט אַ געפערלעכער סיורפּריז..."

„וואָס הייסט דאָס? איך האַלט, אַז זיין טריישאַפט און איבערגעגעבנ־הייט צו קראַנקע איז אַ רעזולטאַט פון זיין גוטהאַרציקן כאַראַקטער. אַזוי פלעגט מען זאָגן אין שפּיטאָל, אַז דער פּראָפעסאָר העלפט אָרעמע קראַנקע מענטשן. אַלזאָ, קיין פאַרדאַכטן קאָן איך לגבי אים ניט האָבן."

אין געדאַנק טראַכט ראָזאַ, אַז מאַניע איז איר פאַלש... מער וועט זי איר קיין זאַך ניט פאַרטרויען, זאָגנדיק צו מאַניען, אַז מיר זיינען שוין גענוג דערוואַקסן און אַרויס פון צימער, באַשליסנדיק מאָרגן פרי קומען צום פּראָפעסאָר.

אויף צומאָרגנס האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעזאָגט זיין הויז־פרוי אַלע פאָרבאַרייטונגען צו מאַכן אין צוזאַמענהאַנג מיט ראָזעס קומען. גלייכ־צייטיק האָט ער פאַרזאָגט דעם קוטשער מיטנעמען די פּאַפּירן און ברענגען ראָזען.

גאַנץ פרי, ניט אַן אויסגעשלאָפענע, איז ראָזאַ אויפגעשטאַנען זיך צוגרייטן. זי האָט אַלע אירע זאַכן איינגעפּאַקט, געמאַכט אַ טוש, פאַרקעמט זיך און אַריין אין עס־צימער עסן פרישטיק. פּלוצים האָט מען איר אַריינגערופן צום שעף, זאָגנדיק, אַז דער קוטשער איז געקומען נאָך איר מיט אַן אויפטראַג פון פּראָפעסאָר צו קומען אויף צייטווייליקער דער־האַלונג. ראָזאַ האָט זיך געזעגנט מיטן שעף, מיט אירע חברטעס און אַ צופרידענע אַפּגעפאָרן. די גוווערנאַנטין האָט ראָזען דערוואַרטעט. די הויז־פרוי האָט ראָזען זייער גוט איינגעאָרדנט.

ראָזאַ איז געווען איבערראַשט פון זייער שיינער, גוטער אויפנאַמע. דאָך האָבן אירע געדאַנקען געבלאָנדזשעט...

דער פּראָפעסאָר איז דרינגנד אַרויסגערופן געוואָרן אין שפּיטאָל, ווו ער האָט געמוזט אַדורכפירן אַן אָפּעראַציע אויף זיין קאָלעגעס אַ קינד אויף בלינדאַרם, ניט האָבנדיק די מינדסטע מעגלעכקייט אָנצופרעגן וועגן ראָזעס קומען. נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער אָנגעקלונגען, פרעגנדיק צי ראָזאַ איז געקומען? די גוווערנאַנטין האָט געענטפערט, אַז זי איז געקומען. דער פּראָפעסאָר האָט איר באַדאַנקט און געבעטן ראָזען איבער־געבן אַ גרוס, אַז זי זאָל זיך פילן גוט.

מיטאָג־צייט האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעקלונגען, אַז ער קומט.

די הויז־פרוי האָט אַלץ צוגעגרייט, סערווירט דעם טיש, דערוואַרט זיין קומען. ראָזאַ טראַכט, אַז זי האָט נאָך מזל, דענקענדיק, אַז איר מוטער מוז זיך מיען פאַר איר... ס'האָט זיך איינגעפונען אַזאַ מאַן, וואָס טוט פאַר איר, ווי אַן אייגענער פאָטער, ווי די קראַנקן־שוועסטער האָט איר אין שפּיטאָל געהאַט דערקלערט...

דער פּראָפעסאָר איז אָנגעקומען. די גוווערנאַנטין האָט אים דערוואַרט, צונעמענדיק פון אים דעם פאָרטפעל, דעם מאַנטל. ער איז אַריין אין צימער אין אַ גוטער שטימונג פרעגנדיק: „ווו איז ראָזאַ?"

„ראָזאַ איז אין איר צימער.‟ — האָט געענטפּערט די גווערנאַנטין.

דער פּראָפעסאָר איז אַריין, באַגריסנדיק זיך מיט ראָזאַן, ווי אויך פרעגענדיק, ווי זי פילט זיך?

„אַ דאַנק, הער פּראָפעסאָר! זייער גוט.‟

ווידער האָט ער איר געפרעגט, וואָס זי לייענט? האָט זי געענטפערט:

„אַ מעדיצינישן זשורנאַל, אָבער ליידער בין איך אין דעם ניט קאָמ־פּעטענט.‟

אויף זיין פראַגע צי זי האָט געפרישטיקט? האָט זי געענטפערט: „אַ דאַנק, יאָ!‟

דער פּראָפעסאָר האָט איר אַריינגעבעטן אין עס־צימער אויף מיטאָג. ביים מיטאָג האָט ער געפירט אַן אויסטויש־געשפּרעך מיט ראָזאַן וועגן פאַרשיידענע קולטורעלע פראַגן: מוזיק, טעאַטער און דאָס גלייכן.

ראָזאַ טראַכט: איז זי ניט באַגאַנגען אַ פעלער מיט איר קומען צו אים, לויט ווי מאַניע האָט איר פאָראויסגעזאָגט?... עפּעס קומט ער מיר אויס צו זיין צו גוט!... קאָן זיך ניט באַפרייען פון אירע פאַרצווייפלונגען.

דער פּראָפעסאָר באַמערקט איר צעררודערונג. ער לעבט איבער טראַכטנ־דיק ביי זיך: ער זאָל איר לאָזן צורו. זאָל זי בעסער איבערלייגן זיך מיט אירע געדאַנקען און ער באַשליסט היינט מיט איר קיין וואָרט ניט ריידן, דאַן וועט זי זיך זעלבסט באַרואיקן.

דער פּראָפעסאָר איז אַרויסגערופן געוואָרן אין שפּיטאָל. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, זאָגנדיק ראָזען, אַז זי זאָל זיך גוט פילן, ווי ביי אַן אייגענעם פעטער. זיין גוטע באַנעמונג האָט איר עטוואָס באַרואיקט, און זי האָט אים באַדאַנקט.

אַזוי איז אַוועק דער ערשטער טאָג. דער פּראָפעסאָר האָט אַנגעקלונגען בעטנדיק ניט וואַרטן מיטן אָוונטברויט, ווייל ער איז שטאַרק פאַרנומען.

ראָזאַ טראַכט: צוליב וואָס האָט זי זיך פאַרשאַפט אומזיסטע קאָפּ־דרייעניש?... די גאַנצע נאַכט האָט זי כמעט ניט געשלאָפן. פאַרטאָג האָט זי געכאַפּט אַ טיפן שלאָף. זי זעט איר מוטער אין חלום. די מוטער זאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע!...‟ ראָזאַ, האָט געוואָלט עפּעס פרעגן דער מוטער, אין דעם האָט די גווערנאַנטין אַנגעקלאַפּט אין טיר און איבער־געריסן דעם חלום.

די גווערנאַנטין האָט ראָזאַן געבעטן אַריינגיין עסן פרישטיק, באַ־מערקנדיק, אַז דער פּראָפעסאָר וואַרט מיטן עסן. ראָזאַ האָט זיך שנעל אָנגעטאָן אין אַ העל־בלוי קלייד, וואָס האָט איר זייער שיין פּרעזענטירט,

אַריין אין עס־צימער, מאַכנדיק אַ רעווערענס און צו אים זיך באַגריסט. אים איז דאָס שטאַרק געפעלן. איר שיינע שלאַנקע פיגור, אירע שיינע בלויע גרויסע אויגן מיט אירע שוואַרצע ברעמען, ווי אויך איר שוואַרצער קאָפּ האָר האָבן באַצירט איר קערפּער. דער פּראָפעסאָר באַטראַכט איר און זאָגט צו זיך: טייערע מיינע, ווי זיס דו ביסט, מיין טייערע טאָכטער, ווי אַ מלאך!...

„איך דערוואַרט אייך, ביטע האַלט מיט, מיט פרישטיק.”

אונטערהאַלטנדיק זיך ביים פרישטיק, האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט ראָזאַן, ווי זי איז געשלאָפן? ראָזאַ האָט אים געענטפערט:

„מען זאָגט: אויף אַ נייעם אָרט שלאָפט זיך ניט און דאָס קאָן איך אויך באַשטעטיקן...”

„פאַרוואָס, ראָזעלע, זענט איר ניט געשלאָפן? מיין ביטע צו אייך, אַז איר זאָלט זיך פילן, ווי אין אַן אייגענער היים!...”

„ליידער, האָב איך דאָס קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געפילט!...”

„ראָזעלע, נעמט ניט צופיל זיך איבער, ווייל דאָס ווירקט שלעכט אויפן האַרץ. אין קעגנטייל, עסט מיט אַ גוטן אַפּעטיט, ווייל איר מוזט בעסער עסן, וועט איר זיך גוט דערהאַלן.”

ער האָט פאַרענדיקט דעם פרישטיק, ווינטשנדיק ראָזען אַ גוטע שטי־מונג, לייענען, גלייכצייטיק אויפמערקזאַם געמאַכט דער גוווערנאַנטין, זי זאָל פאַראינטערעסירן ראָזען און ער איז אַוועק אין שפּיטאָל.

ראָזאַ איז אַריין אין קאַבינעט און אַרויסגענומען פון זיין ביכער־שראַנק אַ בוך: „נאַטיצן איבער אַ וועלט־רייזע” און אַריין צו זיך אין צימער און אָנגעהויבן לייענען. אין דער זעלבער צייט איז אַריין צו איר די גוווערנאַנטין און באַמערקנדיק, ווי ראָזאַ לייענט, האָט זי זיך פאַר־אינטערעסירט, פרעגנדיק, וואָס זי לייענט?

ראָזאַ האָט אויף איר פראַגע געענטפערט: „אַ רייזע איבער דער וועלט”.

אין דעם בוך האָבן זיי ביידע געפונען אַ געמיינזאַמען אינטערעס, אַז זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי די צייט איז פאַריבער.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז אין אַ האַלבער שעה שפּעטער קומט ער אויף מיטאָג.

דער טאָג אין שפּיטאָל איז געווען אַ רואיקער. דער פּראָפעסאָר האָט געבעטן מען זאָל אים אַהיים ניט קלינגען, כדי ראָזען זאָל ניט זיין די צייט לאַנגוויייליק. אין דער זעלבער צייט טראַכט ראָזאַ וועגן איר חלום,

וואָס זי האָט דער מוטער געזען דאָס ערשטע מאָל. ס׳פּאַרדריסט איר, פאַרוואָס זי האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו רעדן מיט איר. וואָס זאָל באַדייטן דער חלום ?...

די גוווערנאַנטין איז אַריין צו ראָזען בעטן זי זאָל אַריינגיין עסן מיטאָג, ווייל דער פּראָפעסאָר וואַרט.

ראָזאַ איז אַריין אין עס־צימער העפלעך באַגריסנדיק זיך צום פּראָפעסאָר.ביים מיטאָג־עסן האָט ער איר באַטראַכט, ווי שיין און סימ־פּאַטיש זי איז! מיט איר באַנעמונג און האַלטונג קאָן מען קומען אין דער פיינסטער געזעלשאַפט.

דער פּראָפעסאָר מאַכט איר אויפמערקזאַם, אַז זי עסט שוואַך און בעט איר זי זאָל עסן מערער, פאַר וואָס ראָזאַ האָט אים באַדאַנקט.

5 אַזייגער איז ראָזאַ אַריינגעבעטן געוואָרן אין עס־צימער טיי טרינקען. ראָזאַ איז אַריינגעקומען, ווו ס׳איז געווען סערווירט דער טיש מיט קאָנ־פיטורן, זיסוואַרג, טאָרטן. ביים טיש זיצנדיק, איז דער פּראָפעסאָר אַריינ־געקומען. ראָזאַ, דערזעענדיק דעם פּראָפעסאָר, איז פון איר פּלאַץ אויפ־געשטאַנען מיט אַן איינגענעמע, סימפּאַטישע מימיקע, העפלעך זיך באַ־גריסט. ביים טיי טרינקען, פאַרברענגענדיק געמיטלעך, פרעגט ער ראָזען צי זי באַהערשט שפּראַכן ?

„וואָס קאָן מען מאַכן, הער פּראָפעסאָר, ווען דער שיקזאַל באַרויבט דעם מענטש ? איך האָב שטאַרק געשטרעבט צו דעם, אָבער,ליידער, אין יתומים־הויז איז דאָס אוממעגלעך געווען !״

„איך פאַרשטיי, ראָזעלע, אַז איר האָט פיל מיטגעמאַכט אין אייער יונג לעבן. דאָך שטאַרקט און מוטיקט זיך, פאַרלירט ניט די האָפענונג אויף גוטע צייטן !...״

אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט אין דער מרשעת פייגל, וועלכע איז אין דעם שולדיק, און איך מוז איצט שפּילן מיט פאַרמאַסקירטע געפילן צו מיין אייגן טייער קינד !...

ווידער טראַכט ער, אַז אַזעלכע קינדער, ווי מיין קינד, איז ווערט צו וועגן און מעסטן !...

און דער פּראָפעסאָר, זייענדיק שטאַרק אינערלעך איבערלאַסטעט מיט זיינע געדאַנקען, ווי אויך, זעענדיק, ווי ראָזאַ איז אויך טיף פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען, חזרט איר איבער זיינע לעצטע, ניט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, כדי הייבן איר פּרעסטיזש, זי זאָל זיך פילן בעסער, זאָגט ער איר :

„טייער קינד! אַזעלכע קינדער, ווי איר, איז ווערט צו וועגן און מעסטן!...״

דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק פאַרקלעמט און ער איז שטיל געבליבן.

ראָזאַ, אויסהערנדיק דעם פּראָפעסאָרס מיינונגען וועגן איר, האָט ניט געקאָנט ענטפערן, ווייל דאָס האַרץ איז איר געווען איבערפולט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע גרויסע שיינע אויגן און געטראַכט: ריידן אָדער בעסער שווייגן?... אָבער זיין איבערגעגעבנהייט איז, ווי אַ פאָטערלעכע!... צוליב וואָס? דאָס פאַרשאַפט ערנסטע מיינונגען. ער וויל דאָך מיר שטיצן מיט אַלעם! און ווידער לויפן אירע געדאַנקען: וואָס טראַכט ער וועגן מיר? וואָס טראָגט ער אין זיין האַרץ און צי דען קאָן איך עס וויסן? ניין, ניין! נאָר די צייט וועט מיר אַלץ אַנטפּלעקן.

ער האָט ווידער באַנייט די פראַגע וועגן לערע:

„ווען איר, ראָזעלע, געפינט איין, אַז די לערע איז פאַר אייך וויכטיק, וועל איך אַלץ דערליידיקן.״

ראָזאַ האָט אים הארציק באַדאַנקט, זאָגנדיק אַ שפּרוך־וואָרט: „לערע איז ליכט, אָן לערע — פינצטער...״

דער פּראָפעסאָר איז געווען שטאַרק צופרידן פון איר ענטפער, צוזאָגנ־דיק, אַז די טעג וועט ער אַלץ דערליידיקן. אַזוי זיינען אַריבער אייניקע טעג, אַז ער האָט אַנגאַזשירט אַ לערער אויף פראַנצויזיש און ענגליש, ווי אויך אַ מוזיק־לערער. אין דער לערע האָט ראָזאַ געפונען אַ גרויסן אינטערעס. די לערע גייט איר גוט און זי פילט זיך גוט. אין דער פרייער צייט שפּאַצירט זי מיט דער גוווערנאַנטין, מיט וועלכער זי געפינט אַ גייסטיקע באַפרידיקונג, אַז ראָזאַ האָט קיין צייט ניט זיך דערינערן וועגן אירע איבערלעבונגען. זי עסט, טרינקט, שלאָפט און אַלץ גייט ביי איר נאָרמאַל. אָבער... דער געדאַנק פון מענטש איז פלינקער פון אַ בליץ. צייטנווייז פלעגן איר מאַטערן די געדאַנקען: וואָס דענקט דער פּראָפעסאָר וועגן איר?...

פון ראָזעס דערפאָלג אין דער לערע, איז דער פּראָפ. געווען זייער צופרידן. דאָך האָט זיין האַרץ קיין רו. ער מוז ענדלעך, אַלס פאָטער פון זיין קינד, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַנטפּלעקן זיין פאָטערלעכקייט לגבי זיין קינד. פאַרוואָס זאָל זיין קינד ניט פילן, אַז זי פאַרמאָגט אַ פאָטער? אָבער, ווי זאָל ער עס דערמעגלעכן?

ס׳איז געווען אַ זונטיק־טאָג. טראַכט ער, אַז היינט מוז ער אָנהויבן. אין דער זעלבער צייט איז ראָזאַ געזעסן און געשפּילט. דאָס האַרץ

קלעמט אים. זיינע געדאַנקען קעמפן מיט אים. ער איז אַריין אין סאַלאָן און געבעטן ראָזאַן זי זאָל אים שפּילן מאָריס ראָזענפעלדס „מיין יינגעלע״. ראָזאַ האָט דערפילט זיין פאַרלאַנג. זיין האַרץ דערוועקט אין אים די פאָטערלעכע געפילן. ער איז ניט אימשטאַנד זיך צו באַהערשן!... ער טראַכט ביי זיך: איך מוז אויך קאָנען זיין אַן אַרטיסט!... ער האָט איר גוט באַטראַכט. וואָס טוט מען?...

ראָזאַ, באַמערקנדיק זיין באַוווּנדערונג, פרעגט: „הער פּראָפעסאָר, איך שפּיל דען ניט גוט?...״

„פאַרוואָס, ראָזעלע, איר שפּילט זייער גוט!...״

ער וויל אָנהויבן רעדן, זיין האַרץ לאָזט אים ניט, ווייל ער וויל איר ניט פאַרשאַפן ליידן. ווידער דיקטירן אים די פאָטערלעכע געפילן, ווי זאָל ער עס אָנדערש מאַכן? איבערלאָזן עס אויף אַ צווייט מאָל, אויף ווען? און וואָס וועט דאָס ברענגען?... ס׳קאָן נאָר ברענגען ווייטערדיקע איבערלעבונגען... אַן ערנסטן ענטפער האָט ער באַקומען פון זיין האַרץ: היינט, היינט! מוז איך אַלץ אַנטפּלעקן!...

דער פּראָפעסאָר בעט אַריין ראָזען אין זיין קאַבינעט.

ראָזאַ האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט. איר האַרץ איז פון שרעק פאַר־גליווערט געוואָרן. זי פרעגט זיך, וואָס זאָל דאָס באַדייטן?... אַרויסווייזן אים אומצופרידנקייט, אין דער צייט, וואָס ער דינט מיר, ווי אַן אייגענער פאָטער, פּאַסט דאָך ניט!...

ער באַמערקט, ווי ראָזאַ לעבט פיל איבער. ער נעמט איר פאַר דער האַנט און פירט איר אַריין אין קאַבינעט און פרעגט איר, אויב זי איז פאַראינטערעסירט זען בילדער? זי ענטפערט: „זייער!...״

ער דערלאַנגט איר צום טיש אַ גרויסן דיקן אַלבום מיט פאַרשיידענע בילדער, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען בילדער אין אייניקע פּאָזעס פון אים און איר מוטער אידענטיש, ווי אין איר מוטערס מעדאַליאָן...

ראָזאַ, דערזעענדיק די דאָזיקע בילדער, טראַכט זיך: געוויס, ווי מיין פאָטער און מוטער... אָבער ס׳פּאַסט דאָך ניט, אַז איך זאָל זאָגן דעם פּראָפעסאָר, אַז ער איז ענלעך צו מיין פאָטער! איר האַרץ לעבט איבער. זי טראַכט זיך: איך פאַרשטיי ניט, ווי קומט צו אים מיין פאָטערס און מוטערס בילדער?... ער באַטראַכט איר באַוווּנדערונג און איר גייסטלעכע איבערלעבונג!...

טראַכט ער: גענוג ליידן!... כ׳מוז היינט אַלץ אַנטפּלעקן! אַפילו מיין קינד וועט עס פיל שמערצן פאַרשאַפן, אָבער איין מאָל מוז עס

געשען!... ראָזאַ האָט באַמערקט, אַז דער פּראָפעסאָר לעבט אויך עפּעס איבער. זי האָט, אַדאַנק דעם, נאָך מער איבערגעלעבט. און אַזוי, ווי זי איז פאַרטראַכט, פאַרקלעמט, זאָגט ער:

„טייער קינד, כ׳וויל אייך נאָך מער וויכטיקעס באַווייזן. קומט מיט אין שלאָף־צימער...״

ווען ראָזאַ האָט דאָס דערהערט, איז זי אַ דערציטערטע געוואָרן... זי טראַכט: ניט גיין, איז ניט פּאַסנד, קיין אויסוועג!...

ער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון שלאָף־צימער און זי איז אַריין פאַראויס... ווי איבערראַשט איז זי געוואָרן, דערזעענדיק פאַר זיך איר מוטערס בילד אין גרויסן פאָרמאַט, ווי לעבעדיק...

זי האָט ספּאַזמאַטיש אויסגעשריגן: „אוי, מאַמאַ!...״

אין דעם מאָמענט האָט זי, פון איבערראַשונג, פאַרלוירן איר באַוווּסט־זיין. דער פּראָפעסאָר האָט זיך געשטאַרקט און זיין קינד געבראַכט צום באַוווּסטזיין. אויך אויף אים האָט דאָס שלעכט געווירקט, דערמאָנענדיק זיך אין זיין ניט פאַרגעסענע טייערע ליובאַ!...

ער באַדויערט זייער איר מאַרטירער־לעבן, ווי אויך איר שרעקלעכע לאַגע, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט צוליב אים, וואָס ער קאָן זיך ניט מוחל זיין ביז היינטיקן טאָג, און צום סוף אַזוי טראַגיש און יונג פאַר־שניטן געוואָרן פון דער וועלט!...

באַרואיקנדיק זיך עטוואָס און באַטראַכטנדיק זייער טייער טעכטערל, טראַכט ער ווידער: ליובאַ, ליובאַ, ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען, ווען דו וואָלסט געלעבט און געזען אונדזער טייער טעכטערל!... ליידער, ליידער ביסטו צוליב מיר אַ קרבן געווען!...

ראָזאַ, קומענדיק צום פולן באַוווּסטזיין, פרעגט:

„הער פּראָפעסאָר, ווי קומט צו אייך מיין מוטערס בילד?״

„ראָזעלע, אייער מוטער איז מיינע אַ קרובה געווען...״

פון גרויס איבערראַשונג האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט, טראַכטנדיק: איצט איז מיר אַלץ פאַרשטענדלעך!...

ער האָט ראָזען באַרואיקט, זאָגנדיק:

„ראָזעלע, איך מוז דיר דערקלערן, ס׳איז געקומען דער גליקלעכער טאָג פאַר אונדז ביידע, אַז דו, מיין טייערע, ביסט די איינציקע, נאָענטסטע אין מיין לעבן!״ — און נעמענדיק איר אויף זיין שויס און אַרומנעמענדיק איר, געדריקט צום האַרץ, קושנדיק איר, אויסגערופן: „טאָכטער מיינע, טייערע טאָכטער! אויף אייביק זאָלסטו מיר בלייבן!...״

ראָזאַ, דערהערנדיק די אומגעריכטע דערקלערונג פון איר פאָטער, איז איר שלעכט געוואָרן פון איבעראַשונג. דער פאָטער, דערזעענדיק איר צושטאַנד, האָט אָנגעווענדעט מעדיצינישע הילף.

קומענדיק צום באַוווסטזיין, האָט ראָזאַ פאַרגעזעצט, זאָגנדיק צו איר פאָטער:

„טייערער פאָטער! מיר זיינען פון די גליקלעכסטע, וואָס אונדזער שיקזאַל האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט". זי האָט אים האַרציק געקושט, געקוקט אים אין פנים און געזאָגט: „מיין ליבער טייערער פאָטער, דו האָסט מיר אָנגעטאָן דיין הייליקע פאָטערלעכע קרוין. ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך קאָן אָנרופן דעם טייערסטן נאָמען „פאָטער". אויף אייביק זאָל דיין קרוין מיך באַקרוינען!..."

מיט דעם האָבן זיך זייערע איינזאַמע הערצער דערפרייט און אויס־געדריקט זייער פרייד אין געזאַנג.

דער פאָטער:

אַ לויב־געזאַנג טו איך דיר זינגען, באַשעפער פון דער וועלט!
דו האָסט מיין קינד צו מיר געבראַכט
אַדאַנק דעם, האָב איך איר דערקאָנט...
פאַר דיר, מיין ליב קינד,
איז ווערט געווען אַלע פּלאָגן,
וואָס איך האָב אַלע יאָרן אין האַרצן געטראָגן.
פאַר דיר, מיין ליב קינד,
גיב איך אַוועק מיין גאַנץ פאַרמעגן
פאַר דיין בעסערן קומענדן מאָרגן.
פאַר דיר, מיין ליב קינד,
איז מיין אַרבעט גרינג און זיס,
ווייל דו האָסט מיין לעבן אָפּגעפרישט.
ס'איז אַוועק דער טרויער פון מיין האַרץ,
אַ קוואַל פון זיסקייט קוועלט,
ס'שמייכלט שוין מיר די וועלט...

ראָזאַ:

וווּנדער איבער וווּנדער האָט מיט מיר געטראָפן,
נאָך אַזוי פיל איינזאַמע יאָרן

האָב איך מיין טייערן פאָטער געטראָפן.
דריי טאָג נאָך מיין געבוירן,
האָב איך דיך, טייערע מוטער, פאַרלוירן.
דיין טרויער אין מיין האַרץ האָב איך תמיד געטראָגן.
אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט
פלעגט מיך מוטשען מיין בענקשאַפט נאָך דיר,
ס׳פלעגט מיך אַרומנעמען, ווי אַ קעלט.
אַלע מיינע יאָרן האָב איך וועגן דיר געטראַכט,
ביז דער גליקלעכער צופאַל
האָט מיר צו מיין טייערן פאָטער געבראַכט.
היינט, טייערע מוטער, איז מיר גוט
די פאָטערלעכע האַרציקע איבערגעגעבנהייט
פאַרשאַפט מיר פרייד און מוט!...

נאָך דעם ווי זייערע הערצער האָבן זיך באַרויִקט, האָט פּראָפעסאָר קאַפּלאַן — ראָזאַס פאָטער — איינגעפונען, אַז צוליב ראָזאַס שוואַכן געזונט, מוז ער מיט איר פאָרן קיין שווייץ, כדי זי זאָל פולשטענדיק געזונט ווערן.

צו דעם צוועק האָט ער באַשלאָסן נעמען אויף אַ געוויסע צייט אורלויב. נאָכן דערליידיקן אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן און דאָס צוגרייטן זיך אויף דער רייזע, זיינען זיי אָפּגעפאָרן.

פאָרנדיק אין צוג באַטראַכט דער פאָטער זיין שיינע, עלעגאַנטע טאָכטער: נאָר געזונט זאָל זי מיר זיין!...

אין דער זעלבער צייט קוקט ראָזאַ אויף איר פאָטער, ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן פון פרייד, טראַכט זי: ווי גליקלעך איך בין, אַז איך פאַרמאָג אַזאַ גוטן, וויכטיקן, אַריסטאָקראַטישן פאָטער!... ווער קאָן פאַרשטיין מיין פרייד? ער זאָל מיר נאָר זיין געזונט! דאָס איז מיין איינציקער באַגער. ערשט האָב איך אָנגעפאַנגען וועלן לעבן!...

אין דעם מאָמענט נעמט זי איר פאָטער אַרום, קושנדיק אים האַרציק און זאָגנדיק:

„דו, מיין טייערער פאָטער, האָסט אין מיר אָנגעצונדן אַ ליכטשטראַל!... איך פיל שוין, אַז מיין געזונט פאַרבעסערט זיך. דיין פאָטערלעכע ליבע איז פאַר מיר דער בעסטער „באַלזאַם״. איך האָף, אַז איך וועל פולשטענדיק זיין געזונט.״

אויף אַ געוויסער סטאַנציע זיינען איינגעשטיגן אין דער קופּע נאָך צוויי פּאַסאַזשירן. אין ווייטערדיקן צוג־לויף, צונויפרעדנדיק זיך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער איז אַ קונסט־מאָלער, דער צווייטער — אַ געוויסער דאָקטער. ראָזע האָט זיך זייער גוט אַמוזירט מיטן קונסט־מאָלער, מיט וועלכן זי האָט געפונען אַ געמיינזאַמען אינטערעס. פּראָפ. קאַפּלאַן, באַמערקנדיק דאָס, האָט געהאַט אַ גייסטיק פאַרגעניגן, אַז זיין טאָכטער האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט. דאָסגלייכן האָט פּראָפ. קאַפּלאַן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם קאָלעגע, אַ באַוווּסטער דאָקטער. אין דער פרייער צייט האָבן זיי פאַר־בראַכט אין שאַך־שפּיל.

אַזוי אַרום איז ביי זיי שנעל אַריבער די צייט, ביז דער צוג איז אָנגעקומען קיין שווייץ.

אָנקומענדיק קיין שווייץ, האָט פּראָפ. קאַפּלאַן אָנגעקלונגען פון וואָקזאַל אין איינעם פון די שענסטע האָטעלן, באַשטעלנדיק פאַר זיך מיט ראָזען צוויי צימערן, וועלכע זיינען פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן. אָנקומענ־דיק אין האָטעל, האָט דער האָטעל־באַדינער איבערגעגעבן פּראָפ. קאַפּלאַנען די שליסלען פון די באַשטעלטע דורך אים צוויי נומערן. ווען פּראָפ. קאַפּלאַן מיט זיין טאָכטער זיינען געגאַנגען דורך דעם לאַנגן קאָרידאָר צו זייערע באַשטעלטע צימערן, האָט ער באַמערקט אויף אַ טיר אַן אויפ־שריפט: „פּראָפ. בורשטיין א.". אָפּשטעלנדיק זיך ביי דער טיר, טראַכט ער: איז עס ניט אַמאָל מיין געוועזענער קאָלעגע?

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און פּראָפ. בורשטיין איז אַרויסגעקומען. ער האָט קאַפּלאַנען ניט דערקאָנט. דאַקעגן קאַפּלאַן האָט אים גלייך דערקאָנט. פרעגט אים פּראָפ. קאַפּלאַן:

„זייט איר ניט צופעליק אהרן בורשטיין פון וו.?"

לויט דער שטימע האָט אים פּראָפ. בורשטיין דערקענט און אַ געשריי געטאָן:

„יוסף, יוסף!" — און זיי זיינען זיך געפאַלן אין די אָרעמס.

„ווער איז דאָס פרייליין, וואָס איז מיט דיר?"

„מיין טאָכטער, זייט באַקאַנט!"

פּראָפ. בורשטיין, פון מאָמענט אָן זיין באַקאַנטשאַפט מיט ראָזאַן גייט אַרום, ווי אָן אַ קאָפּ... ראָזאַ האָט אויף אים געמאַכט אַן אויסער־געוויינלעכן איינדרוק. איר אינטעליגענץ, איר באַגאַבונג, מיט וואָס זי

איז געווען באַשאַנקען פון נאַטור, איז געלעגן אויף איר איידעלען שיינעם אַריסטאָקראַטישן פּנים, ווי אויך איר שלאַנקע פיגור...

פּראָפ. בורשטיין טראַכט: ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז אַזאַ יונג קינד זאָל קאָנען זיין האַרץ באַהערשן!... ווי זאָל ער זיך באַפרייען פון זיינע געפילן? וויסנדיק זיין עלטער, איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל קאָנען האָבן אפילו אַ געדאַנק!...

ווען ער פלעגט ראָזען דערזען, פלעגט אים זיין האַרץ שטורמען, ווי די כוואַליעס אין ים. זיינע געפילן האָבן געקעמפט מיט אים: וואָס מאַכט מען? אפשר איינלאַדן זיי אין טעאַטער, וויסנדיק, אַז יוסף וועט אים ניט אַנטזאָגן.

פּראָפ. בורשטיין האָט זיי איינגעלאַדן און זיי זיינען אַוועק אין טעאַטער. זיי האָבן דאָרט גוט פאַרבראַכט. פּראָפ. בורשטיין האָט באַמערקט, אַז ראָזאַ איז צו אים גלייכגילטיק.

אַהיימקומנדיק פון טעאַטער איז אין האָטעל געוואָרן אַ גערודער. ס׳איז אָנגעקומען פּאָליציי, וועלכע האָט דורכגעפירט אַ רעוויזיע און ס׳זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן פינף פּערזאָן.

אויף פּראָפ. קאַפּלאַן האָט עס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין ליובאָס שרעקלעכן צופאַל... פון דעם צופאַל איז דעם פּראָפ. קאַפּלאַן שלעכט געוואָרן.

ראָזאַ, דערזעענדיק דעם פאָטערס פאַרפאַל, האָט זיך שטאַרק דער־שראָקן און זי האָט זיך צעשריגן: „פּאַפּאַ, פּאַפּאַ!״ ער האָט ניט געגעבן קיין ענטפער.

ראָזאַ איז אַריינגעלאָפן צום פּראָפ. בורשטיין וועגן הילף. ער דער־זעענדיק ראָזעס איבערגעשראָקן בלאַס פּנים, איז איבערראַשט געוואָרן, פרעגנדיק: „וואָס איז געשען?״

„שנעלער, הער פּראָפעסאָר, מיין פּאַפּאַ איז שלעכט געוואָרן.״

ער איז גלייך אַריין און געגעבן די נויטיקע הילף.

פּראָפ. קאַפּלאַן איז ביסלעכווייז געקומען צום נאָרמאַלן צושטאַנד.

„יוסף, מאַך זיך ניט נאַריש! צוליב אַזאַ טאָכטער דאַרף מען לעבן 120 יאָר!...״

„יאָ, דו האָסט פולקאָם רעכט. צי דען ווייסטו ניט, ווען מען קאָן לעבן, קומט דער טויט!...״ — האָט פּראָפ. קאַפּלאַן געזאָגט.

„יוסף, רעד ניט קיין נאַרישקייטן, ס׳פּאַסט ניט פאַר דיר. דו דאַרפסט נאָך דערלעבן נחת פון דיין טאָכטער!...״

„ווען דו, אהרן (פראָפ. בורשטיין) וואָלסט וויסן מיין טראַגעדיע, וואָלסט זיך ניט געוווּנדערט!..."

ראָזאַ האָט באַדאַנקט דעם פּראָפעסאָר פאַר זיין געגעבענע הילף איר פאָטער. ביים אַוועקגיין האָט פּראָפ. בורשטיין באַמערקט זיין קאָלעגע, אַז ער זאָל ווייניקער טראַכטן וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, וועלכע קאָן אים מער שאַדן, ווי נוצן ברענגען. גלייכצייטיק מיט זיי זיך געזעגנט, ווינטשנדיק אַ רואיקע נאַכט און אַוועק צו זיך אין צימער.

פּראָפ. קאַפּלאַן האָט געהאָפט ראָזען געבן הויכע בילדונג, אָבער, ווען ס'האָט מיט אים פּאַסירט דער צופאַל, האָט דער מאָמענט געענדערט זיין פאָטערלעכן ציל: איך מוז איר באַזאָרגן, אַז מיין קינד זאָל ניט בלייבן עלנט. אַזוי טראַכטנדיק איז ביי אים אַריבער די שלאָפלאָזע נאַכט.

פּראָפ. בורשטיין איז אויך די נאַכט ניט געשלאָפן. ער איז געווען, ווי צעמישט פון זיינע געדאַנקען: וואָס זאָל ער מאַכן און מיט וואָס פאַראַ צוגאַנג זאָל ער צוגיין, כדי ס'זאָל זיין לאָגיש. ער האָט באַטראַכט, אַז ער וועט מאַכן נאָך אַן איינלאַדונג אין טעאַטער, און גייענדיק, וועט ער שוין זען... אַזוי האָט ער באַשלאָסן.

גאַנץ פרי איז ער אויפגעשטאַנען, געמאַכט זיין טואַלעט, אָנגעקלאַפּט אין טיר פון זיין קאָלעגע, וועלכער האָט אים אַריינגעבעטן.

„נו, ווי פילסטו זיך? ווי ביסטו געשלאָפן?"

„אַ דאַנק, קאָלעגע, ניט אַזוי גוט!"

„ווען דו וועסט זיך גוט פילן, האָב איך אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן היינט גיין אויף אַ קאָנצערט."

פּראָפ. קאַפּלאַן איז ניט געווען קעגן דעם.

„דערלויבט מיר, קאָלעגע, פרעגן אַ פראַגע. מעגלעך, אַז עס איז ניט אין דער צייט, דאָך גלויב איך, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין: ווילסטו דיין טאָכטער העכערע בילדונג געבן? אָדער איר חתונה מאַכן?"

ער איז געבליבן שטיל, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

קאַפּלאַן האָט פאַרשטאַנען זיין קאָלעגע, אַז ער איז פאַראינטערעסירט אים זיין טאָכטער, טראַכט ער: וואָס ענטפערט מען אים? און ער זאָגט אים:

„איך וועל עס נעמען צו קענטעניש."

דער ענטפער האָט פּראָפ. בורשטיינען באַפרידיקט, עס האָט אים פאַרשאַפט מוט און האָפענונג. ער האָט זיך באַרואיקט און ס'איז צווישן זיי באַשלאָסן געוואָרן היינט גיין אויפן קאָנצערט.

ראָזאַ איז פרי אויפגעשטאַנען. זי איז אַריין צום פּאָטער, פרעגנדיק, ווי ער פילט זיך? גלייכצייטיק האָט זי זיך מיט אים צעקושט, ווי אויך געפרעגט, ווי איז ער געשלאָפן?

„אַ דאַנק, מיין קינד, איך האָב געהאַט פיל נאָכצודענקען, דערפאַר בין איך ניט געשלאָפן. און דו, ראָזעלע, ווי ביזטו געשלאָפן?”

„איך, ליבער פּאָטער, בין אויך שלעכט געשלאָפן, טראַכטנדיק, וועגן דיר, ווייל דיין שוואַכער געזונט האָט מיר פאַרשאַפט פיל נאָכטראַכטן”.

„יאָ, מיין קינד, דאַרום האָט דיין פּאָטער פיל צו טראַכטן וועגן דיין געזונט און צוקונפט...”

ראָזאַ האָט שוין פון פּאָטערס אויסדרוק: „צוקונפט” פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ געשפּרעך מיט בורשטיינען, וועגן איר.

דער פּאָטער דענקט, אַז איצט איז די פּאַסנדסטע צייט איר פאָרצו־שלאָגן און ווענדעט זיך צו ראָזען מיט פאָלגנדעס:

„אַ פּאָטער מוז שטענדיק טראַכטן וועגן דער צוקונפט פון זיין קינד, ווייל ס׳איז די פּאָטערלעכע פליכט. און אַ קינד מוז נעמען אין באַטראַכט, דאָס אַ פּאָטער וויל תמיד פאַרשאַפן גוטעס פאַר אים. ראָזעלע, מיין קינד! איך גלויב, אַז דו פאַרשטייסט וועגן וועמען ס׳רעדט זיך. דער פּראָפ. בורשטיין איז אַ וויכטיקער מאַן: אַ ליטעראַטאָר, אָרגאַניזאַטאָר, אַ באַ־וווסטער כלל־טוער. אַזאַ פּערזאָן איז אַ כבוד פאַר אַ פרוי! דעם פאָרשלאַג, ראָזעלע, וועגן פּראָפ. בורשטיין לייג איך דיר פאָר, ניט חלילה, ווי ס׳האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז עלטערן פלעגן אויפצווינגען קינדער. אויב דו ביסט מסכים, קאָן דאָס זיין דיין גליקלעכע צוקונפט און מיין ווונטש! איך וואָלט נאָך וועלן זען נחת פון דיר, מיין קינד!...”

פאַר ראָזען איז אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז בורשטיין האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג. ראָזאַ ווענדעט זיך צום פּאָטער מיט פאָלגנדעס:

„טייערער פּאָטער, איך בין פאַרפּליכטעט אָנצונעמען דיין פאָרשלאַג. איך קאָן ניט ענדערן, אויב דיין שטעלונג איז פאַר דעם...”

„מיין קינד! איך שטעל דאָס דיר פאַר, אָבער — קיין באַפעל! דאָס באַשטייט אין דיין אייגענעם גוטן ווילן. איך מוז דיר דערקלערן, כדי דו, מיין קינד, זאָלסט מיר גוט פאַרשטיין מיין ווונטש און איבער־געגעבנהייט! ווען איך האָב פאַרלוירן דיין מוטער, בין איך נאָך גאַנץ יונג געווען. אַ צווייט מאָל הייראַטן האָב איך ניט געוואָלט. מיין איינציק גליק איז דאָס, וואָס איך האָב דיר געפונען. דאָס דערקלער איך דיר, אָבער קיינע פּריווילעגיעס זוך איך ניט פון דיר. נאָר אין

דער ראַם פון מיינע פּאַטערלעכע פּליכטן. איך וואָלט וועלן, אַז דו, מיין טאָכטער, זאָלסט זיין גליקלעך, אויב דאָס קאָן שאַפן פאַר דיר אַ גליקלעכע צוקונפט, נאָר ווען דו וועסט באַשליסן. און ווען ניט, פאַרענדיק איך מיט דעם.״

„טייערער פּאָטער, איך פאַרשטיי, אַז דו האָסט פיל אַדורכגעמאַכט אין דיין לעבן. דו האָסט פאַר מיר פיל גוטעס געשאַפן, ווי אויך ווילסט שאַפן אַ גליקלעכע צוקונפט. דיין פאָרשלאַג פאַרשטיי איך. איך וויל ניט גיין קעגן דיין ווילן. מיין ביטע , אַלזאָ, איז צו דיר, ליבער פּאָטער, דיין פאָרשלאַג פאַרלויפיק אָפּלייגן.״

פון ראָזעס ענטפער האָט איר פּאָטער פאַרשטאַנען, זאָגנדיק צו איר :

„ליבע קינד, מיט די מענטשלעכע געפילן, וואָס יעדער מענטש פילט, פאָדער איך ניט, אַז דו זאָלסט דאָס פאַר מיר רעפּרעזענטירן. איך גלויב, אַז דו פאַרשטייסט דיין פּאָטער, איך אָנערקען דיין ווילן און באַשלוס״.

קומענדיק אויפן קאָנצערט און זיצנדיק זאַלבעדריט אין דער לאָזשע, האָט פּראָפ. בורשטיין באַמערקט ראָזעס גלייכגילטיקייט צו אים. גלייכ־צייטיק האָט ער באַמערקט, אַז צווישן אייניקע באַזוכער אין דער צווייטער לאָזשע, זיצט אַ יונגער, הויכער, שיינער, עלעגאַנטער סטודענט, וועלכער האָט געוואָרפן פריינטלעכע בליקן צו ראָזען. אויך האָט ער באַמערקט, אַז ראָזאַ ווייזט אַרויס סימפּאַטיע צום סטודענט. ראָזאַ פילט און באַוווּנדערט, אַז אין אַזאַ קורצע צייט, האָט דער סטודענט אָנגעצונדן איר האַרץ און נשמה !...

ס׳איז געווען צו באַמערקן אַ פאַראינטערעסירונג איינער צום צווייטן. פּראָפ. בורשטיין האָט דאָס באַטראַכט : ליידער, ליידער, אָנוואַרפן אַ מענטשן געפילן איז אוממעגלעך, ווי אויך שאַפט זיך ניט אין לעבן, ווי מען וויל. גלייכצייטיק טראַכט ער : פון היינט אָן, וועט ער זיך מוזן דערווייטערן, כדי איר קאָנען פאַרגעסן. מיט די געדאַנקען האָט ער זיך עטוואָס באַרואיקט.

אַהיימקומענדיק, האָט ער די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. ער האָט זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן פון זיינע שווערע האַרציקע איבערלע־בונגען און דערמאָנענדיק זיך דאָס, וואָס ער האָט געזען אין דער צייט פון דער פּאַוזע, אַז זיי האָבן זיך באַקאַנט און נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש, האָבן זיי אויסגעוועקסלט זייערע וויזיט־קאַרטן צווישן זיך. פון דעם האָט פּראָפ. בורשטיין געדרונגען, אַז דאָס איז אַן אָנפאַנג פון אַן

ערנסטער באַקאַנטשאַפט... אַ דאַנק דעם, האָט ער פאַרלוירן זיינע אַלע טרוימען לגבי ראָזען!...

דער פאָטער, באַמערקנדיק, אַז ראָזאַ איז זייער פאַרטראַכט, ניט זי עסט, ניט זי שלאָפט, טראַכט ער: זי מוז האָבן אַן ערנסטע באַקאַנטשאַפט!... דער פאָטער, ניט וואַרטנדיק, ביז זי וועט אים די אורזאַך דערקלערן, פרעגט ער איר: „ראָזעלע, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט, וואָס ניט דו עסט, ניט דו שלאָפסט און תּמיד ביזטו פאַרטראַכט?..."

ראָזאַ טראַכט: איך וועל דעם פאָטער דערקלערן דעם ריינעם אמת.

„ליבער פאָטער! לויט, ווי דו האָסט מיר געגעבן די פולע רעכט, קאָן איך דיר אָפן דערקלערן: דאָס געפיל, וואָס פירט אָן מיטן מענטשנס האַרץ איז דער שטראָם פון לעבן און קעגן שטראָם איז אוממעגלעך צו שווימען..." דער פאָטער הערט און שווייגט און פאַרשטייט שוין איר אַנדייטונג... און ראָזאַ זעצט פאָר: „ליבער פאָטער! מיינע געפילן צו דיר האָבן קיין שאַץ, אָבער נאָר פאַר דיר! פאַר אַ צווייטן? וועסטו דען פון מיר פאַרלאַנגען?..."

„טייער קינד! דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז דיין פאָטער וויל קיין פּרוּוו מאַכן קעגן דעם פּרינציפּ. איך בין נייטראַל, ווייל איך דערלויב זיך ניט, אַז ס'זאָל קומען מיין עקזיסטירנדער געזעץ... אין דער הינזיכט גיב איך מיין גאַראַנטיע: אָננעמען אַן אָנטייל, צו וואָס דיין האַרץ איז גענייגט, אויב דו ביזט פעסט איבערצייגט אין דיינע געפילן..."

„ליבער פאָטער! איך דאַנק דיר פאַר דיין אָנטייל נעמען... ס'קאָן ניט געמאַכט ווערן אַ פּרוּוו צו ענדערן!... דער פערזאָן שאַפט דעם פולן צוטרוי אויף אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן."

דער פאָטער, דערהערנדיק זיין טאָכטערס ענטפער, זאָגט איר:

„איך נעם מיין פליכט צו באַזוכן זיינע עלטערן, ווי אויך באַקאַנען זייער זון..."

ראָזאַ, אויסהערנדיק איר פאָטערס דעה, מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז ס'האָט ניט קיין צוועק מאַכן אַ באַזוך ביי זיינע עלטערן אין דער צייט, ווען זייער זון האָט נאָך ניט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט, איז מיין ראַט, אַז דו, פאָטער, זאָלסט זיי מיטן זון איינלאַדן. אויך קאָן איך דיר באַמערקן, אַז צווישן אונדז איז געוועזן אַ געשפּרעך וועגן אונדזער פּראָ־בלעם... האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, מיט פאַרצווייפלונג, אַז דו, פאָטער, וועסט ניט זיין איינשטימיק, ווייל ער לערנט נאָך. אַלזאָ, איז מיין

ראַט זיי איינלאַדן, וועט ער פאַרשטיין, אַז ביי אונדז איז געווען אַ געשפּרעך וועגן דעם ענין און דו ביזט ניט דאַקעגן."

„יאָ, מיין קינד, דאָס איז אַ געדאַנק. ווי דו פאַרלאַנגסט, אַזוי וועל איך טאָן."

ראָזאַ, דערהערנדיק פון פּאָטער זיין „איינשטימיקייט", איז צו צום טעלעפאָן אָנזאָגן איר „סימפּאַטיע", אַז דער פּאָטער איז גרייט איינלאַדן אים מיט די עלטערן.

*

ווען מאַרקוס, ראָזעס סימפּאַטיע, האָט פאַרענדיקט דעם געשפּרעך מיט ראָזען, איז אַריינגעקומען זיין מוטער און אים איבערגעגעבן, אַז אירע אַ קוזינע לייגט פאָר זייער אַ וויכטיקן און רייכן שדוך.

מאַרקוס, אויסהערנדיק זיין מוטערס פאָרשלאַג, האָט איר געענטפערט:

„ס'איז שוין דריי מאָנאַט זייט איך בין באַפריינדעט מיט זייער אַ וויכטיקע פריילין. איר פּאָטער איז אַ פּראָפעסאָר."

ער באַווייזט ראָזעס בילד זיין מוטער, וועלכעס מאַכט אויף איר זייער אַ גוטן איינדרוק. דערביי באַמערקט ער זיין מוטער, ווען זי וועט זיך מיט איר באַקענען, וועט זי מאַכן אויף איר אויך אַזאַ איינדרוק, ווי אויף אים. אַלזאָ, האָט ער צו דער מוטער אַ ביטע, אַז זי זאָל איבעררײדן מיטן פּאָטער וועגן דעם ענין. „איך האָף, אַז דער פּאָטער וועט אויך מסכים זיין."

די מוטער האָט דעם ענין פאָרגעלייגט דעם פּאָטער, וועלכער איז מסכים געווען איינלאַדן דעם פּראָפעסאָר מיט זיין טאָכטער. זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַן איינלאַדונג צו קומען 8 אָוונט.

פּראָפ. קאַפּלאַן, דערהאַלטנדיק בלומענטאַלס איינלאַדונג, האָט איבער־געגעבן וועגן דעם ראָזען. ראָזאַ איז געווען איבערגליקלעך, בלייבנדיק וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן וויזיט.

צו דער באַשטימטער צייט זיינען זיי אָנגעקומען צו דער פאַמיליע בלומענטאַל, וועלכע האָבן די איינגעלאַדענע געסט אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט.

ראָזאַ האָט אויף די בלומענטאַלס געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. איר אינטעליגענץ, באַגאַבונג, מיט וואָס זי איז געווען באַשאָנקען פון דער נאַטור, איז געלעגן אויף איר איידעלן, שיינעם, אַריסטאָקראַטישן פּנים.

זי האָט מיט איר איינפלוס אַלעמען באַגייסטערט. און אין איר וויזיט־קלייד מיט איר שיינע פריזור און שלאַנקע פיגור, האָט זי אויסגעזען,

ווי אַ פּרינצעסין! מאַרקוס, דערזעענדיק ראָזען, איז אַנטציקט געוואָרן. ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן פון זיינע האַרציקע געפילן, אין אָנבליק פון זיינע עלטערן און צוקונפטיקן שווער, ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער איר אַ האַרציקן קוש געטאָן...

אויך פּראָפ. קאַפּלאַן איז געווען געקליידעט אין אַ וויזיט־אַנצוג. זיין שלאַנקע פיגור, טיפע שוואַרצע אויגן, פון וועלכע ס'האָבן אַראָפּגעגלאַנצט די גאָלדענע פּענסנע, זיין געקרויזטער שוואַרצער קאָפּ האָר, אין וועלכע ס'האָבן זיך אַדורכגעוועבט איינצלנע גרויע האָר, וואָס האָבן אים צוגעגעבן חן מיט זיין אַריסטאָקראַטישן אויסזען.

די פאַמיליע בלומענטאַל האָט געשמט אַלס איינע פון די שענסטע יידישע פאַמיליעס אין שווייץ. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט פון דור־דורות מיט זייער גרויסער פילאַנטראָפּישקייט. ער איז געווען אַ רייכער סוחר פון גאָלד־בראַנזשע. אַ מיטל־וווקסיקער מיט אַ געזונטן פרישן אויסזען. זיין פּנים האָט געשיינט מיט לייטזעליקייט און געשמט פאַר אַ גרויסן חכם. די פרוי בלומענטאַל איז געווען שיין, שלאַנק, זי האָט אויסגעזען פיל יינגער לויט אירע יאָרן. אויך איר כאַראַקטער איז ניט אָפּגעשטאַנען פון איר פילאַנטראָפּישן מאַן.

געקליידעט איז זי געווען אין אַ שוואַרץ־־זיידענע קלייד. אירע אויערינגלעך, האַלדז־באַנד, אָרעם־באַנד געפּאַסט געווען אין ברילליאַנטן.

נאָך אַ קורצן געשפּרעך מיט די געסט, האָט די פרוי בלומענטאַל אַריינגעבעטן זיי אין סאַלאָן. דער טיש איז געווען סערווירט מיט קאָנ־פיטורן, טאָרטן, באַנבאָניערעס, פאַרשידענע געטראַנקען. דער סאַלאָן איז געווען באַלויכטן פון בראָנז־קרישטאָלענע לויכטערס, וואָס האָבן שעמע־רירט, ווי ליכטיקע שטערן. די גרין־פּליושענע מעבל, מיט די טיול לאַנגע גאַרדינען אויף בראָנזענע קאַרניזן, וואָס זיינען געהאַנגען איבער די גרויסע פענצטער, ווי אויך די גרויסע שיינע קונסט־בילדער אויף די ווענט, ביי די זייטן פענצטער פון סאַלאָן זיינען געשטאַנען צוויי שוואַרצע נעגער־סטאַטועס איינער קעגן צווייטן, האַלטנדיק אין די הענט וואַזעס מיט וויין־טרויבן. איבערן סאַלאָן איז געווען אויסגעשפּרייט אויפן דיל אַ פּערסישער טעפּיך, וועלכעס דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַן אָנגענעמע שטימונג.

מאַרקוס איז געווען געקליידעט אין אַ שוואַרצן וויזיט־אַנצוג. מיט זיין איידעלן, סימפּאַטישן, יונגן, גוטן, שמייכלדיקן פּנים, האָט אויף פּראָפ. קאַפּלאַן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אינטעליגענטן, באַוווסט־זיניקן, יונגן מאַן.

ראָזאַ, באַמערקנדיק איר פּאַטערס באַנעמונג צו מאַרקוסן, האָט איר פאַרשאַפט גרויס סאַטיספאַקציע.

מאַרקוסעס עלטערן האָבן געבעטן די געסט, זיי זאָלן געניסן פון כיבוד. אַזוי האָט זיך ביי זיי פאַרשאַפט אַ היימישע שטימונג.

געניסנדיק פון די פולע באָקאַלן ווייִן, האָבן זיי זיך געמיינזאַם גע־ווונטשן „לחיים", מ׳זאָל דערלעבן נחת פון די קינדער!...

בלומענטאַל, אַרומריידנדיק מיטן פּראָפ. פאַרשידענע פּראָבלעמען, האָט אים באַטאָנט, אַז ער איז אַ גרויסער עסקן, וואָס שפּענדעט פיל פאַרן ציוניזם... אונדזער זון מאַרקוס איז אויך אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ציוניזם!

„יאָ, הער בלומענטאַל, דאָס איז אונדזער נאַציאָנאַלע פליכט דערציִען די יוגנט אין דעם גייסט. קיין אַסימילאַציע טאָר ניט עקזיסטירן! איך האָף, אַז דער צוקונפטיקער דור וועט אויפבויען אונדזער הייליק לאַנד, ווי אויך אונדזער ליכט וועט ווידער אויפשיינען, ווי אין אונדזערע אַלטע גוטע צייטן!"

בלומענטאַל, אויסהערנדיק פּראָפ. קאַפּלאַנס דערקלערונג, האָט זיך געפילט גליקלעך, טראַכטנדיק, אַז גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ מחותן, וואָס אַנטשפּרעכט זיינע אידעאַלן!...

אין דער צייט, וואָס צווישן די מחותנים איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע, האָט מאַרקוס, פאַרברענגענדיק מיט ראָזען, איר געבעטן, זי זאָל שפּילן איינִיקע זאַכן, ווי: שאָפּענס, מאָצאַרטס, באַכס...

גערן האָט ראָזאַ דערפילט מאַרקוסעס פאַרלאַנג. איר שפּילן האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַ באַגייסטערונג.

די שטימונג ביי די מחותנים איז געוועזן זייער אַ גוטע. זיי האָבן באַשטימט אין קורצן מאַכן תנאים. ביי „לחיים־טרינקען" האָבן די בלו־מענטאַלס אויסגעדריקט האָפענונג, אַז זייערע קינדער וועלן זיין גליקלעך און צופרידן!... און פּראָפ. קאַפּלאַן האָט צוגעגעבן:

„אַוווּ ס׳איז דאָ צופרידנהייט, איז דאָ ברכה און הצלחה!..."

מאַרקוסעס עלטערן האָבן אַריינגעבעטן די קינדער, זיי מודיע געווען וועגן באַשלוס פון די עלטערן, וועגן מאַכן אַ תנאים, אויף וואָס מאַרקוס מיט ראָזען האָבן מיט צופרידנהייט זייערע עלטערן האַרציק באַדאַנקט און מיט זיי זיך צעקושט און די צוקונפטיקע חתן־כלה האָבן זיך אויך האַרציק צעקושט...

און אַזוי האָבן זיי גוט פאַרבראַכט ביז צוועלף ביינאַכט.

פּראָפ. קאַפּלאַן מיט ראָזען האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט מיטן צוקונפטיקן חתן, ווי אויך מיט די מחותנים, באַדאַנקענדיק זיי פאַר די גוטע אויפנאַמע. בלומענטאַל האָט געהייסן זיין קוטשער, ער זאָל זיי אָפּפירן אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס.

אָנקומענדיק אין האָטעל, פרעגט ראָזאַ איר פאָטער, ווי געפינט ער איין וועגן מאַרקוסן?

„ראָזעלע, וואָס אַמבאַלאַנגט זיין מענטשלעכקייט, ווי זיין באַנעמונג, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער, גוטער מענטש, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע אין צוזאַמענלעבן. וואָס אַמבאַלאַנגט זיינע פעאיקייטן, זאָגט, אַז אין זיינע יאָרן, ענדיקנדיק דאָקטער, איז צו האָפן, אַז ס׳שטייט אים פאָר גרויס דערפאָלג אין זיין קאַריערע.״

ראָזאַ, אויסהערנדיק איר פאָטערס מיינונג וועגן מאַרקוסן, איז געווען גליקלעך און זאָגט: „ליבער פאָטער, איך האָב געהאַט דעם זעלבן מיינונג וועגן מאַרקוסן, אַז ער דאַרף זיין אַן אמת איידעלער, גוטער מענטש, וועלכער זעט פאָר צו זיין אויך פאַר דיר אַ גוטער, איבערגעגעבענער איידעם, ווי אַ זון!״...

*

די צייט איז געגאַנגען, יעדער אָוועקגייענדיקער טאָג האָט דערנענ־טערט זייער גליקלעכן טאָג פון די תנאים.

בלומענטאַל האָט אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו די קרובים, באַקאַנטע אויף דער באַשטימטער צייט. אויך פּראָפ. קאַפּלאַן האָט איינגעלאַדן זיין איינציקן חבר, פּראָפּ. בורשטיין. ס׳איז געקומען דער גליקלעכער טאָג פון די תנאים. ווען אַלע געסט זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט, איז אָנגעקומען דער רב, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבן אָן און אָנגעפאַנגען שרייבן די תנאים. ווען דער רב האָט פאַרענדיקט די תנאים, האָט ער זיי איבערגעלעזן אויפן קול און אַלע פריינט און באַקאַנטע האָבן געווונטשן חתן־כלה מיט די מחותנים „מזל־טוב״!

דער זמן החתונה איז באַשטימט געוואָרן אין זעקס חדשים אַרום. (ד. ה. נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט).

מען האָט פאַרבעטן די געסט צו די געגרייטע טישן, וועלכע זיינען געווען סערווירט מיט פאַרשידענע געטראַנקען, טאָרטן, ביסקוויטן, באַנ־באַניערן. נאָך די זיסע טישן, האָט מען סערווירט מיט פישן, פליישן, פאַר־שידענע געטראַנקען, קאָמפּאָטן. די אויפנאַמע האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ גוטע שטימונג. אויך פאַר אָרעמע־לייט זיינען געגרייט געווען טישן אין

הויף, אונטער די הויכע נאָדל־בוימער, אונטער וועלכע ס׳האָבן באַלויכטן לאָמפּן. זיי האָבן אויך געגאָסן פון די גוטע שפּייזן און געטראַנקען.

באַזונדערס האָט מען זיי געטיילט צדקה, פאַר וועלכער זיי האָבן האַרציק באַדאַנקט און געווונטשן חתן־־כלה פיל גליק און די מחותנים זאָלן דערלעבן נחת פון די קינדער און צופרידענע זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אין שטאָט האָט מען אַ לאַנגע צייט געשמועסט, אַז בלומענטאַל איז אַ גרויסער גביר, אָבער ניט אַלע גבירים זיינען אַזעלכע בעלי־צדקות!...

פּראָפ. קאַפּלאַן, צוריקקומענדיק מיט ראָזען פון די תנאים אין האָטעל און דערמאָנענדיק זיך אין זיין ניט פאַרגעסענער ג״ז מוטער, וואָס זי האָט ניט דערלעבט זען דעם נחת פון איר אייניקל, האָט איר געזאָגט, אַז פאַר דער חתונה וועלן זיי פאָרן קיין „ווו.״ אויף קבר־אבות צו דער ג״ז באָבע, וועלכעס איז אָנגענומען פאַר אַ חתונה צו קומען אויסבעטן אַ גליקלעכן הייראַט. אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן.

*

וועלוול קאַפּלאַן (פּראָפ. קאַפּלאַנס פאָטער), איז נאָכן גט מיט פייגלען געבליבן אַ צעררודערטער. ער האָט באַטראַכט זיין לאַגע, זאָגנדיק צו זיך: „אָפּגעשפּילט״ און פאַרשפּילט מיין זונס לעבן. און ביי זיך טראַכט ער: ניט נאָר פייגל איז שולדיק אויך איך טראָג אַ גרויסן חלק אין דעם אומגליק...

אַזוי איז געגאַנגען זיין לעבן איינזאַם און עלנט. דאָס איינציקע גליק, וואָס ער איז תמיד געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. צו צייטן האָט דאָס אים אויך ניט באַפרידיקט, טראַכטנדיק: פאַר וועמען? מען האָט אים געעצהט: ער זאָל חתונה האָבן. אים איז שוין באַוווסט זייערע גוטע עצות!.. מיט דעם איז אים שוין גענוג! ער מוז אַליין באַטראַכטן, נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט! די צייט וועט אים באַשטימען. אַזוי פלעגט ער אָפּט טראַכטן. אפשר גאָר באַראַטן זיך מיט אַ רבין? וואָס ער וועט אים עצהן, אַזוי וועט ער טון.

איין מאָל פאַר יום־כפור, האָט ער געמאַכט אַ רייזע צום רבין. געגעבן אַ גרויסן „פדיון״. ס׳איז אים לייכט ניט אָנגעקומען אַנצוקומען צו אים, דאָך איז אים געלונגען. דער רבי האָט אויסגעהערט אַלע זיינע טענות און מיט גרויס מיטגעפיל געזאָגט: „השם יתברך וועט דיר פאַרגעבן דיינע עוולות און וועסט נאָך דערלעבן גוטעס...״

דעם רבינס ברכה האָט אים באַרואיקט. און ווידער ווענדעט ער זיך צום רבין מיט אַן עצה: „איך פאַרמאָג דריי געשעפטן. ווי אייך, רבי, איז

באַוווּסט, פאַרמאָג איך איין איינציקן זון. אויסער אים קיינעם ניט. צי זאָל איך אויפגעבן, רבי, מיינע געשעפטן?״

דער רבי עצהט: „אַלע געשעפטן ניט אויפגעבן, נאָר צוויי. איין געשעפט וועט פאַר דיר זיין פיל לייכטער. דאָס געלט פון די צוויי געשעפטן זאָלסטו אַ העלפט אָפּשרייבן פאַר דיין זון און די איבעריקע סומע: אַ טייל גרינדן אויף דיין ג״ז פרויס נאָמען אַ גמילות־חסדים קאַסע, אויך איינגעבן אַ ספר־תורה אויף ביידנס נאָמען. דאָס איבעריקע אויף וווילטעטיקע אינ־סטיטוציעס. דאָס וועט דיר שאַפן אַ פרייען געמיט. דאָס וויכטיקסטע: נעמען אויף זיך אַלץ מקבל באהבה זיין און השם יתברך וועט דיר געבן געזונט און מאריך ימים ושנים זיין!..״

ביים געזעגענען זיך מיטן רבין, האָט ער אים געוווּנטשן: ער זאָל דערלעבן זיך טרעפן מיט זיין זון, ווי אויך דערלעבן פון אים נחת!..״

אַהיימקומענדיק פון רבין און נעמענדיק אין באַטראַכט די עצות מיט די ברכות, וואָס דער רבי האָט אים געגעבן, איז אים פיל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן... נאַטירלעך האָט ער געמוזט האָבן פיל צייט אויף צו רעאַ־ליזירן די פּלענער. דאָך האָט דאָס אים באַפרידיקט און געבליבן האָפן, אַז די ברכות, וואָס דער רבי האָט אים געבענטשט, וועלן זיכער מקויים ווערן...

און ווירקלעך איז די ערשטע ברכה אים מקויים געוואָרן.

גרויס כבוד האָט ער געהאַט, גרינדנדיק אויף זיין ג״ז פרויס נאָמען (שיינדעלע) אַ „גמילות־חסדים״ קאַסע, וועלכעס האָט אים שטאַרק באַ־פרידיקט, ווי אויך איינגעגעבן אַ ספר־תורה אויף ביידנס נאָמען. באַזונדער האָט ער פאַרשריבן אויף זיין זונס נאָמען אַ געוויסע סומע געלט. געבליבן האָפן, אַז ער וועט נאָך דערלעבן פון זיין יוספן אַ שטיקעלע נחת, לויט, ווי דער רבי האָט אים געבענטשט...

אַזוי זיינען פאַריבער זיינע איינזאַמע יאָרן. זיינע גוטע באַקאַנטע פלעגן אים פאָרלייגן שדוכים, וועלכע וואָלטן געווען פּאַסנד, אָבער נאָך דעם אומגליק, האָט ער באַשלאָסן מיט קיינעם זיך ניט פאַרבינדן.

האָפנדיק און וואַרטנדיק אויף זיין זון יוספן, איז אַריבער 19 יאָר...

איין מאָל, פאַר יום־כפור, איז וועלוול געפאָרן אויף קבר־אבות צו זיין ג״ז פרוי, אויסגיסן זיין ביטער האַרץ...

שטייענדיק ביים קבר זעט ער, ווי ס׳דערנענטערט זיך אַ פּערזאָן ענלעך צו יוספן... אַ שוידער איז אים באַפאַלן. ער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט, אַז דאָס זאָל זיין זיין זון!...

גלייכצייטיק באַמערקט ער ס׳דערנענדערט זיך אַ יונגע פריילין. ער איז געבליבן שטיין, ווי צעמישט... פּלוצים דערהערט ווָעלוול, ווי דער מאַן זאָגט צו דער פריילין: „ראָזעלע, דאָס איז דער קבר פון מיין ג״ז ניט פאַרגעסענער מוטער ד. ה. דיין באָבע!...״

יוסף, ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן, האָט אָנגעפאַנגען וויינען אַרויס־פאַלנדיק אויפן קבר, זאָגנדיק דערביי: „טייערע מוטער!״... דו האָסט תמיד געלעבט פאַר אָרעמע, קראַנקע, יתומים, ניט רעכענענדיק זיך מיט דיין שוואַכן געזונט; כדי אויסצובעסערן זייערע שווערע לאַגעס...״

ער ווענדעט זיך צו זיין טאָכטער, זאָגנדיק: „ראָזעלע, בעט ביי דיין באָבען, אַז דו זאָלסט זיין געזונט, האָבן אַ גוטן מזל, זיין באַלוינט מיט אַ פרייען געמיט צוזאַמען מיט דיין צוקונפטיקן מאַן, ווי אויך דיין פאָטער זאָל זיין געזונט!...״

ווָעלוול, דערהערנדיק די ווערטער פון זיין זון יוסף, האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן, אָנפאַנגענדיק, ווי אַ קליין קינד שרייען: „גאָט מיינער! איז דאָס ניט אַ חלום?!...״

אויב דאָס זאָל זיין יוסף, וואָרום האָב איך איט קיין מאָל אויפן קבר ניט געטראָפן?!.. און דאָ אַזאַ ווונדער מיט אַזאַ יונגע שיינהייט, פונקט, ווי ליובאַ!... אין דער זעלבער צייט דערמאָנט ער זיך, אַז דער רבי האָט דאָך אים געבענטשט, אַז ער וועט נאָך דערלעבן נחת פון זיין זון!... די געדאַנקען האָבן אים געבראַכט צו אַ דעצידירנדיקן געדאַנק: „יאָ״! דער איצטיקער צוזאַמענקום איז געקומען פון גאָט אַליין!... אַזוי ווי ווָעלוול איז געווען אונטערן איינדרוק פון זיין באַגעגעניש מיטן זון, יוסף, זאָגט ער צו זיך: אַז דאָס איז אַ גלענצנדע געלעגנהייט! איך מוז עס אויסנוצן און ווענדעט זיך צו דער פריילין:

„זאָגט מיר, גנעדיקע פריילין, וואָס געהערט אייך אָן דער קבר?״

„דאָס האָט מיר מיין פאָטער געבראַכט אַהער צו מיין באָבעס קבר, אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין התונה, זאָל איך בעטן מיין ג״ז באָבע, זי זאָל פאַר מיר אויסבעטן אַ גוטע גליקלעכע הייראַט און איך מיט מיין חתן און פאָטער זאָלן זיין געזונט!...״

ווָעלוול, דערהערנדיק פון איר, אַז שיינדעלע ז״ל איז איר באָבע, איז ער צוגעגאַנגען צום זון זאָגנדיק: „האָב ניט קיין פאַרדרוס, וואָס גאָט האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט! גאָט האָט מיר געשענקט יאָרן, אַז איך האָב דערלעבט זען דיר מיט דיין קינד!...״

יוסף, דערהערנדיק זיין פאָטערס רייד, איז זיין האַרץ פאַרקלעמט

געוואָרן און האָט אים מוחל געווען, פון פרייד אָנגעפאַנגען קושן האַרציק זיין פאַרבענקטן פאָטער... דער פאָטער איז געוואָרן איבער גליקלעך, דריקנדיק און קושנדיק האַרציק מיט טרערן יוספן...

ראָזאַ, דאָס דערזעענדיק, האָט ווי אַ נאַאיוו קינד פון איבערראַשונג, אָנגעפאַנגען פרעגן: „פאָטער, דאָס איז דיין פאָטער?..."

זייער שמחה איז געווען ניט צו באַשרייבן. פון פרייד האָט זי אָנגעפאַנגען וויינען... דער זיידע האָט איר באַרואיקט.

וועלוול האָט צוגערופן דעם שמש ער זאָל מאַכן אַן אזכרה, געטיילט צדקה פאַר זיין ג"ז פרויס נשמה (שיינדעלע ז"ל).

אויף וועלוולס ביטע, זיינען זיי צוזאַמען אָפּגעפאָרן מיט אים, צו אים אַהיים.

ביי זיך אין דער היים, האָט וועלוול אָפּגעגעבן יוספן אַ באַריכט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיינע געשעפטן, לויטן רבינס עצה: געגרינדעט אַ גמילות־חסדים קאַסע אויפן נאָמען: שיינדעלע ז"ל, אויך אַריינגעגעבן אַ ספר־תורה אויף ביידנס נאָמען, ווי אויך אויף אים (יוספן) האָט ער אָפּגעשריבן די סומע... יוסף איז געווען גערירט ביז טרערן פון זיין פאָטערס איידעלן טאַט לגבי זיין ניט פאַרגעסענער ג"ז מוטער, וועלכער דער פאָטער האָט פאַראייביקט איר אָנדענקונג.

„און איצט, אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן דיר זען, ווי אויך מיין טייער אייניקל, בין איך דאָך פון די גליקלעכסטע! וויל איך וויסן ווער איז איר חתן?"

„איר חתן ענדיקט דאָקטער אין זעקס חדשים אַרום, דאַן וועט מיט מזל זיין זייער חתונה. פאָטער! צי קאָן נאָך זיין אַ גרעסערער גליק, ווי האָבן גוטע, פעאיקע קינדער? זאָלן זיי נאָר זיין געזונט! איך מוז דיר פאָטער, באַטאָנען, אַז דער חתן צייכנט זיך אויס מיט זיין יידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג. זיין פאָטער איז אַ גרויסער סוחר פון גאָלד־בראַנזשע. טראָץ דעם, איז ער אַ גרויסער פילאַנטראָפּ, אַ ציוני. מיר ביידע האָבן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. איך בין זייער צופרידן פון מיינע מחותנים און איך האָף, אַז אונדזער ראָזעלע וועט זיין פון די גליקלעכסטע! איצט, ליבער פאָטער, אַ פּאָר שטריכן וועגן דיין אייניקל: זי איז אַ טייער קינד. איר באַציאונג צו מיר און בכלל צו מענטשן, איז מיט רעספּעקט. דערצויגן איז זי געווען אין אַ בית־יתומים, טראָץ דעם, באַזיצט זי מיטגעבוירענע אינטעליגענץ, גוט, ערלעך, זי האָט ניט קיין גרויסע פאַרלאַנגען. בילדונג האָט זי באַקומען פון די דערציאונגס־אַנשטאַלטן, זי איז גייסט־רייך, שפּילט,

מאַלט זייער שיין. איצט, ליבער פאַטער, וועגן זיך: ווי דיר איז באַוווּסט, איז שוין 19 יאָר זייט איך בין איינזאַם. דאָך אין מיינע שווערע יאָרן האָב איך געלערנט און דערגרייכט, צו וואָס איך האָב געשטרעבט. איך האָב זיך אויסגעצייכנט און באַקומען אַ דיפּלאָם: פּראָפעסאָר־כירורג. באַקומענ־דיק אורלויב אויף אַ חודש צייט, בין איך אָפּגעפאָרן אין אַ סאַנאַטאָריום. קומענדיק צוריק פון מיין אורלויב, קומט אַריין אַ שוועסטער פון מיין אָפּטיילונג און דערציילט מיר, אַז אין איר אָפּטיילונג געפינט זיך אַ קראַנקע נאָך אַן אָפּעראַציע, וואָס וויינט. אויף מיין פראַגע: פאַרוואָס וויינט זי? האָט זי געענטפערט, אַז זי האָט געהאַט געטראָגן אַ מעדאַליאָן און זי האָט אים ניט. ער איז איר איינציקער אָנדענקונג פון אירע עלטערן. אויף מיין פראַגע, ווי הייסט די קראַנקע? ענטפערט זי: ראָזאַ דימענטשטיין. דער־הערנדיק „דימענטשטיין", האָב איך באַקומען האַרץ־קלאַפּעניש און גע־גאַנגען פעסטשטעלן די זאַך. איך זע, ס'איז מיין מעדאַליאָן... ס'איז מיר שלעכט געוואָרן... דער סוד, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן איז אַ מיסטער־יעזער און פאַר מיר אַן אָפענער!... ס'איז מיר גלייך געקומען אויפן געדאַנק די רכילותניצע פייגל, וואָס איז ניט ווערט דערמאָנען איר נאָמען... צוליב איר איז מיין טייערע ניט פאַרגעסענע ליובאַ געפאַלן אַ קרבן!... און די אומזיסטע ליידן פון מיין טייער קינד, וואָס האָט אַפילו ניט געקאָנט איר מוטער פון געבוירן־טאָג!...

איך וויל שוין ניט דערמאָנען אונדזערע טראַגישע איבערלעבונגען, וועלכע מען באַדאַרף אויך צושרייבן אויף איר פאַרברעכערישן געוויסן!... איצט, אַ דאַנק גאָט, האָב איך פאַר וועמען צו לעבן!

מיר גרייטן זיך איצט צו זייער גליקלעכער חתונה!

נאָך מוז איך דיר, ליבער פאָטער, באַטאָנען, אַז מיין מחותן איז אַ ציוני און אַ פילאַנטראָפּ. ער האָט געמאַכט די תנאים, ווי אַ חתונה. אַפילו פאַר אָרעמע איז געווען געגרייט טישן מיט כל־טוב. אויך האָט מען געטיילט פאַר זיי צדקה. אַ שאָד, פאָטער, וואָס דו ביזט ניט אָנוועזנד געווען! ליידער, מיין ג"ז מוטער מיט ראָזעלעס מוטער האָבן ניט דערלעבט זען די גרויסע שמחה! שטעל זיך פאָר, פאָטער, ווי מיר איז געווען אויפן האַרצן, אַז פון מיין צד איז קיינער ניט געווען, מחמת איך לעב אין „ק." צוליב מיין קינדס שוואַכן געזונט, בין איך מיט איר געפאָרן קיין שווייץ. דאָרט האָב איך געטראָפן מיין אַמאָליקן חבר פּראָפ. בורשטיין, וועלכער איז געווען דער איינציקער פון מיין צד..."

„מיין זון, וואָס געווען מוז פאַרגעסן ווערן!... איך בין ניט אומשטאַנד

און וויל ניט דערמאָנען, וויפיל דיין פאָטער האָט אַדורכגעמאַכט צרות!...
מן הסתם איז אַזוי באַשערט געווען!...

זאָל עס פאַרשווונדן ווערן צוזאַמען מיט די שלעכטע מענטשן!...

מען מוז זיך קאָנען באַהערשן און פאַרטרייבן אַלע שלעכטס.

איצט, מיין זון, נעם איך אין באַטראַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער ראָזעלעס חתונה, מיט מזל, וויל איך פאַר זיי איינשאַפן אַ שיינע וווינונג, ווי אויך איינריכטן מיט מאָדערנע מעבל און אַ קאַבינעט פאַר דיין צוקונפטיקן איידעם.״

ראָזאַ, דאָס דערהערנדיק פון איר זיידן, איז זי צו אים צו און אַרומגעמענדיק אים געקושט, באַדאַנקט, זאָגנדיק: זי וואָלט גערן געוואָלט, אַז דער זיידע זאָל זיין ביי איר אויף דער חתונה. דער זיידע האָט איר פאַרשפּראָכן צו קומען. ראָזאַ, דערהערנדיק איר זיידנס ענטפער און אים אָנקוקנדיק, טראַכט: יאָרן לאַנג האָב איך געטרוימט צו געפינען אַ קרוב, וואָס זאָל מיר פאַרשטיין מיין עלנט איינזאַמען לעבן!... יאָ, יאָ, אַ מענטש טאָר קיין מאָל ניט פאַרלירן זיין האָפענונג!... היינט בין איך פון די גליקלעכסטע אויף דער וועלט, אַז איך פאַרמאָג אַזאַ טייערן פאָטער, ווי אויך אַ ליבן זיידן! איך קאָן מיט זיי שטאָלצירן, זיי זאָלן זיין געזונט!

אַ שאָד, וואָס מיין ליבע מוטער און באָבע האָב איך ניט געקאָנט!...

דער זיידע, דערזעענדיק, ווי ראָזעלע איז שטאַרק פאַרטראַכט, לייגט ער פאָר: „אַזוי ווי היינט שפּילט יידיש־טעאַטער, לייג איך פאָר מיר זאָלן גיין.״ און זיי האָבן איינגעשטימט.

אַהיימקומענדיק פון טעאַטער, נאָכן אָונט־ברויט, זאָגט וועלוול:

„יוסף, איך וויל זיך מיט דיר מיישב זיין, ווי דיר איז באַוווּסט, פאַרמאָג איך אַ קאַפּיטאַל, אָבער מיין עלנט לעבן איז מיר געוואָרן אומדערטרעגלעך, ניט האָבנדיק מיט וועמען זיך טיילן. נאָך דער „מרשעת״ (פייגל), האָב איך באַשלאָסן בלייבן איינזאַם. היינט, אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַז איך האָב פאַר וועמען צו לעבן, וואָלט איך וועלן זיין לעבן דיר מיט דיינע קינדער.״ — און ער איז געבליבן שטיל, וואַרטנדיק אויף זיין זונס ענטפער.

„איך פאַרשטיי דיר, פאָטער, און נעם דאָס אין באַטראַכט, איך האָב דאָס זעלבע אַדורכגעמאַכט אין מיינע יונגע יאָרן. מען דאַרף וועגן דעם ערנסט אַ טראַכט טאָן. צוליב מיין קינד בין איך געקומען קיין שווייץ. אַלץ איז מיר פאַרבליבן אין „ק״. דאָרט פאַרמאָג איך אַ ווילע מיט אַ שיינע איינגעאָרדנטעווירטשאַפט. וואָס אַמבאַלאַנגט דעם לעבן אין שווייץ, איז

מיר ניט באַקאַנט. דאָך האַלט איך נאָך זייער גליקלעכער חתונה אַלץ ליקווידירן און זיין לעבן זיי. דאָס גלייכן, פּאָטער, קאָן איך דיר ראַטן, ווען דו וועסט קומען אויף דער חתונה, וועסטו זיך באַקאַנען מיט די מחותנים, מיט מאַרקוסן, וועלכע זיינען בכבודיקע, גוטע מענטשן, ווי אויך שווייץ איז אַ לעבעדיקער צענטער, וועסטו פאַרגעסן אין אַלע דיינע פאַרגאַנגענע צרות...

ווייסט דאָך, פּאָטער, ווי ס׳איז געשריבן: „מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל!״ טראַכט ניט צופיל אַריין, האָפנטלעך, ס׳וועט זיין, ווי מיר באַגערן!...״

נאָכן פאַרברענגען ביים פּאָטער אַ געוויסע צייט, האָבן זיי זיך האַרציק געזעגנט און יוסף מיט ראָזען זיינען אָפּגעפאָרן צוריק קיין שווייץ, מיט דער האָפענונג אין קורצן זיך זען.

די צייט איז געגאַנגען, וועלוול וואַרט מיט אומגעדולד אויף אַ בריוו פון יוספן. אַזוי פאָרנדיק פון „וו.״ קיין שווייץ, זאָגט ראָזאַ:

„ווייסט, פּאָטער, וואָס איך וואָלט פאַרגעלייגט: ס׳וואָלט געווען בעסער, אַז דער זיידע זאָל זיין נעבן אונדז. ער וועט זיך בעסער פילן און מיר אויך. אַלזאָ, ווי דענקסטו, פּאָטער?״

„יאָ, מיין קינד, איך האַלט אויך דאָס זעלבע, אגב איך האָב מיטן זיידן שוין גערעדט קאָנפערירט וועגן דעם, קומענדיק פון טעאַטער, ווען דו האָסט געהאַט געשלאָפן. דערווייל, מיין קינד, זאָרג ניט, מיר וועלן האָפנטלעך אַלץ רעאַליזירן.״

אָנקומענדיק קיין שווייץ, האָט זיי מאַרקוס דערוואַרט מיט בלומען און האַרציק זיך מיט זיי צעקושט און זיי זיינען אָפּגעפאָרן אין האָטעל. אין אָוונט, זייענדיק איינגעלאַדן צו די מחותנים אויף אָוונט־ברויט, האָט פראָפ. קאַפּלאַן, באַרירנדיק די פראַגע וועגן זיין פּאָטער, אַז ער איז רייך, אָבער איינזאַם... האָט בלומענטאַל געענטפערט:

„איך וואָלט פאָרגעלייגט, אַז אייער פּאָטער, קומענדיק אויף דער חתונה און באַקענענדיק זיך מיט אונדזער לעבן, וואָלט אים זיכער געפעלן פאַרבלייבן נעבן אונדז, במילא וואָלט ער זיך ניט פילן איינזאַם...״

אַזוי האָבן זיי געמיינזאַם באַשלאָסן און אים וועגן דעם שריפטלעך צוויסן געגעבן, ווי אויך איינגעלאַדן אויף דער חתונה.

וועלוול, באַקומענדיק פון יוספן דעם איינלאַדונגס־בריוו, האָט מיט צופרידנקייט געענטפערט, אַז ער איז זייער דאַנקבאַר און וועט פון זיין זייט אַלץ אָנווענדן, כדי דערגרייכן זיין ציל און זייער ווונטש.

ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער חתונה. וועלוול קאַפּלאַן איז אָנגעקומען. אים אַנטקעגן זיינען געקומען דערוואַרטן: זיין זון מיט דער טאָכטער, מיט איר חתן מאַרקוס, ווי אויך די מחותנים בלומענטאַל. מען האָט זיך האַרציק צעקושט, קעגנזייטיק געווונטשן מזל־טוב, און איינשטייגנדיק אין בלומענטאַלס קאַרעטע, זיינען זיי אָפּגעפאָרן צו די מחותנים. וועלוול קאַפּלאַן האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק מיט זיין שיינעם אויסזען, ווי אויך מיט זיין שיינעם האַלטן זיך. ער האָט אויסגעזען נאָך גאַנץ יונג און עלעגאַנט.

אויך זיי, די מחותנים, האָבן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף וועלוולען.

ס׳האָט זיך ביי זיי געשאַפן אַ גוטע שטימונג, אַז אַלע האָבן געפילט אַן איבערגעגעבנקייט איינע צו די צווייטע, ווי זיי וואָלטן יאָרן לאַנג געווען געבונדן.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער גליקלעכער טאָג פון זייערע קינדערס חתונה, וועלכע איז געווען איינגעריכטעט אין שענסטן, גרעסטן זאַל, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט גרויסע ליוסטרעס אין גרין־גאָלדענע קאָלירן, אויפן סופיט האָבן אָפּגעקלאַפּט פאַנטאַסטישע קאָלירן. די גרויסע פענצטער זיינען געווען באַהאַנגען מיט לאַנגע דורכזיכטיקע טיול־פאָרהאַנגען. די ברייטע גרויסע טישן זיינען געווען געדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, אויף וועלכע ס׳זיינען געשטאַנען קרישטאָלענע וואַזעס מיט פאַרשידענע פרוכטן, טאָרטן, ביסקוויטן, באָנבאָניערעס, פאַרשידענע געטראַנקען מיט זילבערנע בעכער. פון דעם אַלעם האָט זיך געשאַפן, ווי אַ פערלמוטערבויגן.

די הונדערטער איינגעלאַדענע קרובים און געסט זיינען געקומען צו דער באַשטימטער צייט. אַריינקומענדיק אין זאַל, איז ביי די געסט געוואָרן אַ געהויבענע שטימונג. באַלד זיינען אַלע געסט, ווי פאַרבליפט געוואָרן, דערזעענדיק די שיינע, גראַציעזע, שלאַנקע כלה. אין איר ווייס טיול חתונה־קלייד, וואָס איז געווען בראַדירט מיט גאָלדענע פעדים, איר פערל האַלדז־באַנד, אָרעם־בענדער, פינגערלעך, אויערינגלעך, אַלץ איז געווען געפּאַסט מיט ברילִיאַנטן, וואָס האָבן באַלויכטן איר שיינעם, איידעלען, אַריסטאָקראַטישן פנים.

אין אירע נשמה־טיפענישן טראַכט זי וועגן איר ג״ז מוטער, וואָס איז יונג אַוועק פון דער וועלט און האָט ניט גענאָסן פון איר קינדס פרייד, ווי אויך, ליידער, ניט זוכה געווען זען איר קינד, ווי זי איז גליקלעך!... איר האַרץ איז איר פאַרקלעמט פון איר מוטערס פאַרגאַנגענהייט. זי האָט זיך געמוזט באַהערשן, כדי איינצוהאַלטן אירע טרערן. זי האָט אויפגעהויבן

אירע אויגן, דערזעענדיק דעם גרויסן זאַל מיט די פיל עלעגאַנטע רייכע געסט, ווי אויך איר טייערן פאָטער מיטן ליבן זיידן, וועלכע האָבן איר האַרץ דערפרייט. זי טראַכט, ווי ווונדערלעך איז, אַז איך האָב זיי געפונען און ווי גליקלעך איך דאַרף זיך שעצן, אַז איך פאַרמאָג זיי, זיי זאָלן זיין געזונט!

מאַרקוסעס עלטערן זיינען אַריינגעקומען אין זאַל, דערזעענדיק זייער שיינע כלה, ווי זי זיצט אין איר באַדעקונגס־ווינקל, זיינען זיי צוגעגאַנגען, האַרציק זיך צעקושט, קעגנזייטיק זיך געווונטשן מזל־טוב. אויך די מחותנים האָבן זיך צעקושט און קעגנזייטיק געווונטשן, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין גליקלעך!

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען דער רב, וואָס האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט, ווו ער האָט צוגעגרייט די כתובה. מען האָט דעם חתן אַריינגעפירט אין זאַל, ווו ער איז אָנוועזנד געווען ביים פאָרבערייטן די כתובה. דער עולם האָט באַטראַכט דעם חתן און באַוווּנדערט זיין שיינעם, איידעלן, אַריסטאָקראַטישן פּנים מיט די שוואַרצע גרויסע אויגן, ווי אויך זיין שלאַנקע פיגור אין זיין סמאָקינג מיטן צילינדער אויף זיין שוואַרצן, ווי סאַמעט, קאָפּ האָר, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פרינץ. דער חתן, באַמערקנדיק פון דערווייטנס זיין ליבע, שיינע כלה, וואָס האָט זיין נשמה באַשטראַלט, איז ער באַגייסטערט געוואָרן. ווען מען האָט אים צוגעפירט צום באַדעקונג, איז די פרייד פון זיין האַרץ איבערפולט געוואָרן... ער האָט זיך געמוזט באַהערשן איינהאַלטן זיינע טרערן פון די דערפרייענ־דיקע געפילן!...

אויך דער כלהס פאָטער און זיידע האָבן שטאַרק איבערגעלעבט, דער־מאָנענדיק זיך אין זייער פאַרגאַנגענהייט, באַדויערנדיק זיין ניט פאַרגע־סענער ליובא, (ראָזעלעס ג״ז מוטער), וואָס האָט ניט דערלעבט איר איינציק קינד צו דער חופּה פירן. אויך איר זיידע האָט שטאַרק באַדויערט זיין ג״ז פרוי שיינדעלע, וואָס האָט ניט דערלעבט דעם נחת פון איר אייניקל, וואָס שיינט, ווי די ליכטיקע זון!... נו, פרעג ביי וועמען? און ווער קען ענטפערן?... דער רב האָט געמאַכט אַן אזכרה דער כלה׳ס מוטער ז״ל. שנעל האָבן זיי פאַרטריבן זייערע שווערע געדאַנקען און פאַרשאַפט אַ פריילעכע שטימונג, זאָגנדיק: „אַ שבח צום אייבּיקן, וואָס מיר האָבן איר געפונען!...״ אַלע געסט האָבן באַוווּנדערט די שיינע, גראַ־ציעזע חתן־כלה, וועלכע האָבן אַלעמען באַצויבערט. די מחותנים האָבן פון שמחה געשטראַלט, פירנדיק זייערע קינדער צו דער חופּה.

נאָך דער חופּה האָט מוזיק געשפּילט, ס׳האָט זיך געשאַפן אַ צופרידענע שטימונג. מען האָט פאַרבעטן די געסט צו די סערווירטע טישן, אויף וועלכע ס׳איז געווען געגרייט פון שענסטן און בעסטן.

ביים עסן האָבן זיך די געסט גוט אַמוזירט, דערציילנדיק פאַרשידענע עפּיזאָדן, מען האָט געלאַכט, פאַרבראַכט...

אויך פאַר אָרעמע לייט איז געווען צוגעגרייט אין אַ באַזונדערן חדר טישן מיט גוטע שפּייזן, וויין, וועלכע האָבן גערן געגעסן. אויך האָט מען געטיילט צדקה, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע שמחה, ריידנדיק צווישן זיך, אַז ס׳ערשטע מאָל אין זייער לעבן געניסן זיי פון אַ רייכע חתונה, פאַר וואָס זיי האָבן האַרציק באַדאַנקט די מחותנים, ווינטשנדיק: „זיי זאָלן דערלעבן פיל נחת פון די קינדער!" און זיינען צופרידענע אַוועק.

נאָכן עסן זיינען די יונגע געסט אַריין אין טאַנץ־זאַל, ווו מוזיק האָט געשפּילט און זיי האָבן געטאַנצט פאַרשידענע טענץ.

אַזוי פאַרברענגענדיק ביז אַ פּויזע, האָט מען די געסט אַריינגעבעטן אין זאַל, ווו ס׳איז געווען סערווירט די טישן מיט פאַרשידענע טאָרטן, טיי, קאַפע, לייכטע געטראַנקען, פּרוכטן, זיסוואַרג, פון וועלכע זיי האָבן געגעסן.

פאַר עלטערע האָט מען געשפּילט חסידישע נגונים. די מחותנים, צוזאַמען מיט די פּרימערע, האָבן געמאַכט אַ טענצל. אַזוי אַרום האָבן זיך אַלע געסט גוט געווײלט, אַמוזירט, פאַרבראַכט ביז פאַרטאָג.

דער עולם האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט די חתן־כלה אָנווינטשנדיק אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן! און די מחותנים — זאָלן פון די קינדער דערלעבן פיל נחת! און צופרידענע זיינען זיי זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען. אין שטאָט האָט מען לאַנג געשמועסט, אַז נאָר בלומענטאַל איז מסוגל צו שאַפן אַזאַ שיינע שמחה, ווי אויך איז ער זייער אַ גוטער איבער־געגעבענער מענטש, וואָס איז אַ מוסטער פאַרן יידישן פאָלק.

בלומענטאַלס שטרעבונג איז געווען, אַז זיינע מחותנים זאָלן זיך איינאָרדענען נאָר אין שווייץ. נאָך די קינדערס חתונה, האָט דער זיידע וועלוול מקיים געווען, וואָס ער האָט צוגעזאָגט זיין אייניקל ראָזאַ. ער האָט געקויפט אַ פּרעכטיקע ווילע, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי גרויסע וווינונגען, אַרומגערינגלט מיט פּרוכט־ביימער. די שענסטע וווינונג, האָט ער פירשטלעך איינגעאָרדנט פאַר דער יונגער פּאָר.

די צווייטע וווינונג האָט ער איינגעאָרדנט פאַר זיין זון יוסף (פּראָפ. קאַפּלאַן), און די דריטע וווינונג — פאַר זיך.

בלומענטאַל האָט באַוווּנדערט, וואָס זיין מחותן װעלוול קאַפּלאַן לאָזט זיך קאָסטן פּיל געלט. ענטפערט וועלוול: „איך הער, אַז איר באַוווּנדערט מיין טאַט. ערשטנס בין איך אַ פאַרמעגלעכער ייִדע, וואָס קאָן זיך דער־לויבן אַזאַ פאַרגעניגן. איר ווייסט דאָך, מחותן, ווי מען זאָגט: „אַז גאָט העלפט, ווען מען קאָן געבן אַ קינד אַ מתנה, דאַן פרייט זיך דער פאָטער און דאָס קינד. גאָט האָט מיר מיט איין האַנט געשטראָפט, אַז איך בין געבליבן, ניט פאַר אייך געזאָגט, איינזאַם. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער מיר געבענטשט, אַז איך האָב אַ מעגלעכקייט שאַפן פאַר מיינע אייניקלעך, אַז זיי זאָלן פילן, אַז זייער ייִדע שאַפט פאַר זיי גוטעס. דאָס איז פאַר מיר דער גרעסטער פאַרגעניגן! פאַר וועמען לעב איך? מיין זון איז באַזאָרגט, איך — דאָס זעלבע. מיין שטרעבונג — די יונגע פאַר זאָלן גליקלעך זיין, אַז מיר אַלע זאָלן דערלעבן פון זיי פיל נחת!"

און אַזוי רעדנדיק, איז אַריינגעקומען די מחותנטעסטע און פאַרבעטן אויף מיטאָג. זיי האָבן זיך באַזעצט אַרום סערווירטן טיש, ווו ס'איז איינגעריכטעט געווען אַ פּרעכטיקער מאַלצייט.

ביי מיטאָג עסן, דערמאָנט וועלוול זיין ג"ז פרוי (שיינדעלע) און באַווייזט זיי איר בילד. דאָס בילד האָבן זיי באַטראַכט מיט מיטגעפיל, זאָגנדיק, אַז דאָס בילד באַווייזט, אַז זי איז געווען אַ גוטהאַרציקע פרוי.

יאָ, מיינע טייערע, זי האָט געשמט מיט איר גוט־האַרציקייט! זי האָט אין איר לעבן פיל געלייסטעט פאַר אָרעמע קראַנקע, ווי אויך פאַר אָרעמע כלות און יתומים. נאָך אַזאַ פרוי, ווי זי איז געווען, איז אין „וו" ווייניק פאַרבליבן. איך גלויב, אַז מיין אייניקל ראָזעלע, זאָל לעבן, איז באַשאָנקען מיט איר באָבעס נאַטור. נאָר מיט גוטע גליקלעכע יאָרן זאָלן זיי ביידע זיין!

מיין ג"ז שווער איז געווען אַ באַוווּסטער פאַבריקאַנט. ער האָט געשטאַמט פון די שלאָסבערגס. אויך איז ער געווען אַ גרויסער נדבן, אַ ציוני און זייער אַ גוטער מענטש. מיין זון האָט זיין זיידנס אייגנ־שאַפטן."

בלומענטאַל האָט באַמערקט זיין מחותן, זאָגנדיק: „וואָס פאַר אַ בוים, אַזאַ פרוכט!..."

זייער אַלעמענס לעבן איז ביי זיי געווען געבענטשט. ד"ר מאַרקוס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער, אַ דאַנק זיין גוטע נאַטור און אויפמערק־זאַמקייט צו יעדן פּאַציענט. זיין באַצוג צו מענטשן איז געווען אַ פריינט־לעכער, מיט אַ שמייכלדיקע מינע. ער פלעגט זיך תמיד דערנענטערן צו

די מענטשן, וואָס טראָגן אַ שווערע לאַסט, אַרויסהעלפן מיט ראַט און טאַט. פּראָפ. קאַפּלאַן האָט מיט זיין איידעם שטאָלצירט. ד״ר מאַרקוס האָט זיך צו זיין שווער באַצויגן מיט גרויס כבוד, דאָסגלייכן צו זיין שווערס פאָטער און צו זיין ראָזען, ווי אַ גוטער פאָטער צו זיין איינציקע טאָכטער. טאָג־טעגלעך פלעגט ד״ר מאַרקוס באַזוכן זיין שווער, אויך זיין שווערס פאָטער. ער פלעגט תמיד טראַכטן פאַר זייער געזונט. זיי זיינען געווען ביי אים איינגעקריצט אין זכרון און אין האַרצן, ווי אייגענע עלטערן. אויך ראָזאַ מיט איר איידעלער נאַטור האָט געשאַפן פאַר אַלעמען אַ גוטע האַרמאָניע און צום יאָר זיי דערפרייט מיט אַ שיין ליכטיק מיידעלע, ווי אַ מלאכל און אַ נאָמען געגעבן ליובאַ — נאָך איר ג״ז מוטער.

דאָס קינד האָט אַלעמען דערפרייט, פאַרשאַפט פאַרגעניגן און באַ־פרידיקט זייערע הערצער.

וועלוול זאָגט צו יוספן: „מען טאָר קיינמאָל ניט פאַרלירן קיין האָ־פענונג! פאַר אונדזער צער, האָבן מיר דערלעבט גרויס נחת!״

ענטפערט יוסף: „יאָ, פאָטער, ווי זאָגט מען: „סוף גוט — אַלץ גוט!...״

פינפטער בילד

„חלוצה"

אין שטאָט פּ. האָבן געוווינט צוויי רייכע שכנים. די שכנים זיינען געווען צווישן זיך גוט באַפריינדעט. די פאַמיליע שניידערמאַן איז באַשטאַנען פון זעקס קינדער, פון וועלכע די עלטסטע האָט געהייסן דבורה. די צווייטע פאַמיליע, גליקמאַן, איז באַשטאַנען פון פינף זין. זייער עלטסטער זון, יעקב, איז געגאַנגען אין איין שולע מיט שמואל שניידערמאַן.ביידע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער שולע פון די בעסטע תלמידים, ווי אויך גוטע חברים, וועלכעס יעקב פלעגט תמיד קומען צו שמואלן מאַכן די לעקציעס.

אַזוי זיינען פאַרביי זייערע יאָרן. זיין שוועסטער דבורהן האָט מען גערעדט שדוכים, אָבער זי פלעגט ענטפערן, אַז זי וויל העכערע בילדונג דערגרייכן. דאַקעגן שמואל האָט באַשלאָסן חתונה האָבן.

מען האָט פאָרגעשלאָגן שדוכים גאַנץ רייכע, פון וועלכע ער האָט באַשלאָסן בינדן זיין גורל מיט אַ געבילדעטע, סימפּאַטישע, גוטע פריילין, ניט פון אַזאַ רייכן אָפּשטאַם. און אַזוי די איבעריקע שמואלס ברידער האָבן געטאָן שדוכים, וועלכע זיינען געווען צופרידן מיט זייערע מזלות. זייערע עלטערן האָבן געהאַט נחת פון די זין. דאָס איינציקע, וואָס די עלטערן פלעגן איבערלעבן, איז געווען, וואָס זייער שיינע, געראָטענע טאָכטער, דבורה, טראַכט ניט וועגן אַ שדוך. דבורהס אַלע חברטעס זיינען שוין חתונה געהאַטע. אַלע מאָל האָט מען געהאַלטן, אַז דבורה איז די קליגסטע און שענסטע פון אַלע אירע חברטעס, ווי אויך געבילדעט און טראַכט ניט וועגן אַ תכלית!...

מען פלעגט שפּאַסן: וואָס טראַכט זי? אפשר וועט זי גיין אין אַ מאַנאַסטיר? דאָס איז ביי יידן ניט אָנגענומען!

ווען צו דבורהן זיינען דערגאַנגען די קלאַנגען, פלעגט זי זיך צעשמייכלען און מיט דעם פלעגט זיך פאַרענדיקן...

איר סוד פון אירע איבערלעבונגען האָט קיינער ניט געוווּסט, אַ חוץ איר איין איבערגעגעבענע חברטע, וועלכע האָט געוווּסט, אַז זי איז פאַרליבט אין יעקבן... מחמת זי פלעגט זיך מיט קיינעם ניט טרעפן, אָבער די עלטערן האָבן געטראַכט, אַז ס׳מוז ביי איר זיין אַן ערנסטע זאַך!...

ווען שמואל האָט געלערנט, פלעגט קומען צו אים זיין חבר יעקב מאַכן די לעקציעס. דאַן פלעגט דבורה אַריינגיין צו זיי אין צימער און מאַכן אירע לעקציעס. דאָס איינציקע, וואָס אירע עלטערן פלעגן עס באַמערקן, אָבער לייגן אויף דעם אַכט, פלעגן זיי ניט.

יעקב איז פון דער נאַטור געווען אַ פריילעכער, אַ וויצלער, שלאַנק, הויך, מיט אַ שיינע שוואַרצע געקרייזטע קאָפּ האָר. מיט זיינע קלוגע שוואַרצע אויגן, פלעגט ער אַלע יונגע מיידלעך צוציען, ווי מיט אַ מאַגנעט. אויך דבורה איז געווען שלאַנק, הויך, מיט איר בלאָנדע געקרייזטע קאָפּ האָר, מיט אירע גרויסע גרינע אויגן, מיט אירע חן־גריבעלעך אין די באַקן, מיט איר ראָזע פאַרב אין איר איידעלן שיין גוטן פּנים, האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

אָבער, ליידער, האָט יעקב קיין אַכט ניט געלייגט אויף דבורהן.

זי פלעגט זיך צופרידנשטעלן נאָר מיט אַ בליק טאָן אויף אים און תמיד פלעגט זי זוכן אַ געלעגנהייט אַנוועזנד זיין, ווען יעקב פלעגט קומען צו איר ברודער... ווען שמואל האָט חתונה געהאַט, פלעגט אים יעקב זעלטענער באַזוכן. דאַן איז איר שווערער געוואָרן אויפן האַרצן. אירע גרויסע איבערלעבונגען און בענקשאַפט נאָך אים, האָט איר פיל קרענקונג פאַרשאַפט, אַז זי האָט אַפילו וועגן קיינעם ניט געקאָנט טראַכטן. איין מאָל האָט איר מוטער באַטראַכט: זי מוז מיט איר רעדן אָפענע דבורים, וואָס איז די סיבה, וואָס זי וויל ניט טראַכטן וועגן אַ שדוך? און די מוטער רעדט צו איר:

„אַלע דיינע ברידער האָבן חתונה געהאַט און האָבן אייגענע פאַ־מיליעס און פון דיר האָבן מיר צרות. אונדז גייט ניט איין דאָס לעבן, צוקוקנדיק זיך, ווי אַזאַ שיינע בלום ווערט אָפּגעבלעקט! פאַרשטייסטו דען ניט, אַז דו ווערסט עלטער? יעדער פון די פריינט און באַקאַנטע ווייסט, אַז דו ביזט די עלטסטע! ווען מ׳טרעפט מיר אין גאַס און מ׳פרעגט: וואָס הערט זיך, פרוי שניידערמאַן? ווערט מיר שווער אויפן האַרצן! וואָס קאָן איך ענטפערן? זאָג איך, אַז דו קאָנסט זיך ניט צופּאַסן... דו ווייסט

דאָך, דבורהלע, אַלע דיינע חברטעס זיינען שוין חתונה געהאַט! און דו ביסט דאָך געוועז, ווי מען זאָגט, די פּערל פון זיי און... זיצסט! ס׳איז אונדז אַ שאַנדע! נאָך מער, דיינע עלטערן זיינען דאָך פאַרמעגלעך, וואָס וואָלטן דיר געקאָנט גוטעס טאָן! באַטראַכט דיין לאַגע, ווי אויך אונדזערע איבערלעבונגען, וואָס דו פאַרשאַפסט אונדז!...״

דבורה אַ פאַרבענקטע, אַן איבערגעלעבטע פון אירע הערצלעכע געפילן, וואָס זי פילט פון קינדווייז אָן צו יעקבן, וועלכן זי קאָן ניט פאַרגעסן און קאָן ניט שטילן אירע געפילן. פאַר איר עקזיסטירט ניט קיינער. דאָס איינציקע באַרואיקט איר, ווען זי האָט אַ געלעגנהייט אַ קוק טאָן אויף אים, דאַן שטילט זי איר האַרץ!...

שמואל האָט פאַרשטאַנען זיין שוועסטערס געפילן, וואָס זי פילט צו יעקבן, אָבער ער האָט דאָס געהאַלטן בסוד. ס׳האָט אים ווי געטאָן, באַר זאָגן — פאַר קיינעם! ער האָט שטאַרק באַדויערט, ווייל ער האָט וועגן אַזעלכע נאַאיווע ליבעס געלעזן!... אַזוי איז פאַריבער אייניקע יאָר. איין מאָל איז דבורה אַריינגעקומען אַ פאַרצאַרנטע, אַ וואָרט ניט ריידנדיק מיט קיינעם, אַריין אין סאַלאָן, אָנגעפאַנגען שפּילן און צוזינגען זיך אַ לידעלע...

אין וואַלד וואָלט איך מיט דיר וווינען
צוגעדעקט אַ בלעטעלע פון אַ בוים
מיט דיר, טייערער, אינאיינעם וואָלט איך זיך באַשלאָסן שוין.

ס׳וועקסלט מיר אין קאָפּ
פאַרשידענע געדאַנקען
ס׳איז ניטאָ פאַר וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן.

סיי טאָג און סיי נאַכט
טו איך נאָך דיר בענקען,
און דו, מיין טייערער יעקב, זאָלסט מיר דיין האַרץ שענקען...

שמואל, דערהערנדיק זיין שוועסטערס געזאַנג, איז אים טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן, וויסנדיק, אַז וועגן יעקבן קאָן קיין רייד ניט זיין. ער ווייסט פון אים גענוי, אַז וועגן שאַפן אַ פאַמיליע איז ער ווייט, ווייל ער האָט מיט אים אייניקע מאָל געכאַפּט אַ שמועס וועגן דעם, ווי אויך באַמערקנדיק אים פאָלגענדעס:

„יעקב! מען מוז קוקן אויפן לעבן רעאַל. דו ביזט דאָך אַ דינאַמישער

מענטש, וואָס קאָן האָבן דערפּאָלג און דערלעבן, ווי מען זאָגט, פרייד און נחת!...״

אויף דעם, האָט ער אים געענטפערט מיט אַ ליד...

גראָד פאַרקערט, ווי האָסטו געהערט,
אַז מען זאָל לעבן מיט אַ געזינדל אָן שרעק?
דער געוואַלט פון די קינדער
און פון דער פרוי באַזונדער
איז אַלע מאָל צרות פּעק.

ביי דיר אין זין אַ שווער געווין
אַלע ווילע אַן אַנדער פּגע...
דאָס קינד האָט זיך פאַר אַ קאַץ דערשראָקן
היינט די מאָזלען, מאָרגן די פּאָקן,
ס׳איז קיינמאָל ניטאָ קיין רו אַ רגע!...

מיט דעם ליד האָט יעקב פאַרענדיקט זיין געשפּרעך מיט שמואלן.

אזוי איז פאַרלאָפן אַ לאַנגע צייט און דבורה טראַכט אַלץ וועגן יעקבן...

איין מאָל איז אַריינגעקומען די מוטער צו שמואלן און זאָגט אים:

„שמואל, דו ביזט דאָך אַ קלוגער מענטש, קאָנסטו דען ניט משפּיע זיין אויף דיין שוועסטער, אַז זי זאָל זיך פאַראינטערעסירן וועגן אַ שדוך? איך האָב מיט איר היינט גערעדט וועגן אַ וויכטיקן פערזאָן. ס׳האַנדלט זיך וועגן גליקמאַנס וואַלד־סוחרס זון, אַ מוזיקער (יעקבס קוזין). דבורה האָט דעם ענין אָפּגעוואָרפן, מאָטיווירנדיק, אַז זי האַלט ניט פון דעם... פרעג איך איר: ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיצן ביי עלטערן?... אַזוי זיצנדיק פאַרטראַכט, פאַרקלעמט, ענטפערט זי מיר: „איך פאַרשטיי דיר, מוטער, דו ל׳עבסט איבער צוליב מיר, דאָך דאַרפסטו וויסן, אַז איך פאַרשטיי איך ווער ניט יונגער, ווייל די צייט גייט פאַראויס...״ זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, אַ קוק געבנדיק אויף מיר און געזאָגט: „איך בין, ווי אַ צוגע־שמידטע מיט מיינע געפילן צו אַ פערזאָן פון קינדערוייז אָן...״ זי האָט אָנגעהויבן ספּאַזמירן!... מיין האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט. איך האָב איר אַרומגענומען, געקושט, כדי איר צו באַרואיקן. איך זאָג איר, אַז מען מוז זיך קאָנען באַהערשן! איך בין אויך געווען אַמאָל יונג, איך פאַרשטיי דיר,

אָבער יעדע זאַך מוז זיין מיט אַ ציל. אויב ס'האָט ניט קיין ציל, איז עס נאָר אַ פאַנטאַזיע און פאַנטאַזיעס ברענגען ניט גוטע רעזולטאַטן... פרעג איך איר, דבורהלען, ווער איז דער פערזאָן?

„יעקב — שמואלס חבר." — ענטפערט דבורה. — „איך זע און פאַרשטיי, אַז ס'איז נאָר אַ שיינער חלום! איך וויל זיך פון אים דערווייטערן מיט מיינע געדאַנקען און קאָן ניט..."

„זע, מיין קינד, דו מאַכסט זיך אומגליקלעך, אַלץ ווענדעט זיך אין מענטש!"

„יאָ, מוטער, איך פיר מיט זיך אַ געראַנגל און קאָן זיך ניט באַהערשן, ווייל אין מיין האַרץ ברענט, ווי פייער!..."

„געוואַלד, דבורה, דו פאַרשפּילסט דיין לעבן!.." — שרייט די מוטער.

דבורה, ניט קאָנענדיק מער אויסהערן דער מוטערס רייד, איז אַרויס פון שטוב און אַוועק צו איר חברטע.

„וואָס הערט זיך דבורהלע?" — פרעגט איר חברטע רבקה.

„דו ווייסט דאָך, רבקה, מיינע איבערלעבונגען. מיינע עלטערן דערגייען מיר די יאָרן..."

„זיי האָבן פולקאָם רעכט! באַפריי זיך פון דיינע פוסטע חלומות און פון דיינע פאַנטאַזיעס. דאָס וועט דיר גאַרניט געבן. קוק רעאַל אויפן לעבן. דו ביזט שיין, געבילדעט און אינטערעסאַנט. זע פאַס זיך צו אַ פאַסנדן פערזאָן. אַזוי לאַנג, ווי דו וועסט וועגן אים טראַכטן, וועסטו ניט קומען צו קיינע רעזולטאַטן. דאָס איז מיין מיינונג. איך בין דיר תמיד געווען אַ גוטע פריינדינע. דו ביזט דאָך געווען צווישן אונדז די שענסטע און בעסטע. אַלץ איז אַמבאַלאַנגט אין דיר. דו ביזט נאָך גאַנץ אינטערעסאַנט. ווי איך פאַרשטיי, פאַרשאַפסטו דיינע עלטערן אומזיסטע צרות!..."

„רבקהלע, דאָס האַרץ פון מענטשן איז ניט קיין מכשיר, וואָס יעדער קאָן מאַכן, וואָס ער וויל. גלויב מיר, אַז איך בין זיך אַ גוטער פריינט, אָבער דאָס האַרץ פירט אָן מיט מיר. מיין שכל פאַרשטייט, אַז ס'איז פוסטע חלומות, אָבער די בלינדקייט פון ליבע, איז שטאַרקער פאַר דעם קליגסטן מענטשן!..."

„אַזוי טויג ניט! — זאָגט רבקה — דאָן פעלט דיר ענערגיע. ס'ווענדעט זיך נאָר אין יעדן איינעם, וואָס פאַרשטייט דעם פעלער און נעמט עס צו קענטעניש. פרעגט זיך אַ פראַגע: וואָס איז בעסער פאַר דער פרוי? ליבן אָדער זיין באַליבט? דו ביזט דאָך שוין אַ דערוואַקסענע, גלויב איך, אַז דו פאַרשטייסט."

אָבער צו קיינע רעזולטאַטן זיינען זיי ניט געקומען.

אין דער זעלבער צייט, ווען רבקה האָט גערעדט צו דבורהן, האָט איר מוטער גערעדט מיט איר זון שמואלן:

„דו, אַלס ברודער, ווייסטו אויף איר ווירקן, אַז ס׳זאָל פאַרקומען אַ זעאונג מיט דעם פּערזאָן. ער וואָלט געווען זייער פּאַסנד, לויט, ווי מיר קאָנען די גליקמאַנס משפּחה, און ער האָט געשיקט דעם שדכן, הייסט עס, אַז ער איז פאַראינטערעסירט. לויט, ווי מיר ווייסן זיינע יאָרן, איז ער פּאַסנד. אַלזאָ, זון מיינער, ווענד אָן אַלץ, וואָס דו קאָנסט און אפשר גיב איר איבער, וואָס דו האָסט געהערט פון יעקבן, אַז ער טראַכט ניט וועגן חתונה האָבן. מעגלעך, אַז זי וועט זיך אַנטוישן! ווי צו רעדן באַדאַרף איך דיר ניט לערנען.״

אויף צו מאָרגנס איז דבורה אַריינגעקומען צו שמואלן זיך אָפּרעדן פון האַרצן. זאָגט שמואל:

„יאָ, דבורה, האָסט מיר פאַרשפּאָרט אַ גאַנג. איך וויל מיט דיר רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין. איך גלויב, אַז דו האָסט עס שוין געהערט פון דער מוטער. לויט, ווי מיר קאָנען זיי, איז די משפחה אַ פּאַסנדע. דאָס וויכ־טיקסטע, וואָס דער פּערזאָן איז פּאַסנד: הויך, שלאַנק, סימפּאַטיש, מיט אַ שיינעם באַרוף. איך גלויב, אַז דו דאַרפסט ערנסט וועגן דעם אַ טראַכט טאָן.״

שמואל וואַרט, וואָס דבורה וועט אויף דעם ענטפערן. אָבער זי שווייגט. טראַכט ער, אַז ער מוז איר אָפּן דערקלערן:

„איך אַלס איבערגעגעבענער ברודער, זאָג דיר וועגן יעקבן זאָלסטו ניט טראַכטן, ווייל איך קאָן אים בעסער. ער איז אַ טיפּ, וואָס באַציט זיך צום געדאַנק „חתונה״, ווי צו פּוסטע חלומות!... און אויף אַזאַ באָדן קאָן מען ניט בויען גאָלדענע שלעסער... איך באַדויער די צייט, וואָס דו לאָזט אַדורך.״

דבורה, דערהערנדיק פון ברודער וועגן יעקבן, איז געבליבן שטיין אָן אַנטוישטע. ער באַטראַכט איר און רעדט ווייטער:

„יאָ, מיין שוועסטער, וואָס אַוועק איז פאַרפאַלן, אָבער אויף ווייטער מאַך ניט קיין פעלער, אַזוי איז מיין מיינונג. איך רעד דיר ניט איין, נאָר וועגן דיין טובה, ס׳איז שוין די העכסטע צייט!...״

„איך פאַרשטיי, שמואל, וואָס דו עצהסט. איך דאַנק דיר פאַר דיין פאַראינטערעסירונג. איך פּלאַניר אַנדערש. ס׳איז דאָ אַ וויכטיקערער פּראָ־בלעם: ווערן אַ חלוצה און פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָרטן וועל איך זיך

צופּאַסן אַ מענטש אין מיין גלייכן. איך האָב צו דיר אַ בקשה, אַז דו זאָלסט איבעררעדן מיט די עלטערן, וועלכעס וועט זיין דאָס פּאַסנסטע פאַר מיר. איך פאַרשטיי, אַז די ערשטע צייט, וועל איך דורכמאַכן שווער, ווייל איך וועל ניט האָבן די באַקוועמלעכקייטן, ווי ביי די עלטערן, אָבער פסיכאָלאָגיש וועל איך זיך פילן בעסער. איך וועל זיך איינלעבן, איינ־וואָרצלען אין אייגן לאַנד, וואָס איז מיין איינציקע שטרעבונג. גענוג זיין אין גלות!...״

„האָסט פולקאָם רעכט, שוועסטער, עס איז אַ געדאַנק און אַ שיינע אידיי, אָבער ווי וועלן אויף דעם קוקן די עלטערן?״ און ער טראַכט: זי איז דאָך אַן איינציקע, דערצו דערצויגן אין גוטע באַדינגונגען, וועלכעס די עלטערן זיינען ביכולת געבן איר אַ גרויסן נדן, אויפבויען אַ שיינע צוקונפט און פלוצים אַ פרישע פאַרדרייעניש!... ער איז גרייט איר שטיצן, אָבער, ווי ברענגט מען אַזאַ פאָרשלאַג פאַר די עלטערן? דערהערנדיק, אַז דבורה פּלאַנט ווערן אַ חלוצה, וועלן זיי ווערן, ווי צעמישט!... אָבער, ווי געזאָגט, פריער־שפּעטער וועלן זיי מוזן וויסן. הכלל, ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה, ווי אָננעמען מוט און זיי דערקלערן איר פּלאַן. אַזוי האָט ער באַשלאָסן.

גייענדיק אַזוי צו די עלטערן און אָנקומענדיק אויפן הויף, טרעפט ער אָן זיין מוטער און באַגריסט איר מיט אַ „גוט־מאָרגן!״ דערביי באַמערקט ער איר, אַז יעדער מאָרגן ברענגט סענסאַציעס...

די מוטער פרעגט אים מיט נייגעריקייט: „האָסטו מיט דבורהן גערעדט וועגן שדוך?״

„ניין! ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש... אַזוי ווי דו, מוטער, האָסט מיר געבעטן איבערגעבן איר וועגן שדוך, אָבער זי האָט מיר דערקלערט, אַז זי האָט גאָר אַנדערע אַספּיראַציעס. איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט פאָרגע־שטעלט, אַז אונדזער דבורה זאָל וועלן ווערן אַ חלוצה, כדי פאָרן קיין ארץ־ישראל!... איך מוז דיר, מוטער, באַמערקן, אַז זי באַציט זיך גאַנץ ערנסט וועגן דעם ענין. זי זאָגט, אַז זי פאַרשטייט, אַז אונדזערע עלטערן וועלן פיל איבערלעבן. וויפיל איך האָב מיט איר ניט גערעדט, אַז דו ביזט דערצויגן אין גוטע באַדינגונגען, ווי אויך קאָנען אונדזערע עלטערן שאַפן פאַר דיר אַ שיינע רייכע צוקונפט...״

„זאָג מיר, שמואל, וואָס האָט זי אויף דעם דיר געענטפערט?״

„זי האָט מיר דערקלערט: איר איז שווער צו זיין מיט אים אין איין שטאָט און אָנגעפאַנגען זיך דענערווירן, זאָגנדיק: דאָ וועט זי זיך פילן

שלעכט. איר וועט זיין לייכטער „דאָרטן״, ווייל גייסטיק וועט זי זיך בעסער פילן, זייענדיק אין אייגן לאַנד... אַזוי זאָגט זי געוווינט זיין אין גלות!... יאָ, מוטער, איך פיל, אַז זי טראַכט זייער ערנסט...״

די מוטער, דערהערנדיק דאָס פון שמואלן, איז בלאַס געוואָרן, זאָגנדיק:

„וואָס האָט זי זיך אין קאָפּ אַריינגענומען אַ פרישע פאַרדרייעניש?!

פריער האָט זי איר צייט אַוועקגעגעבן פאַרן טייוול און היינט וויל זי זיך איינגאַנצן אומגליקלעך מאַכן! אַי, ווי איז מיר!... ווען דער פאָטער וועט דערהערן, פאַרשטייסטו דאָך, וואָס ער וועט זאָגן וועגן דעם: דערצויגן, געלערנט, געגעבן הויכע בילדונג, געהאָפט דערלעבן אַ נחת פון דער עלטסטער טאָכטער, נאַ דיר אַזאַ צרה! וואַרפן אַזאַ גוטע היים און פאָרן באַאַרבעטן די ערד פון זונען אויפגאַנג ביזן אונטערגאַנג!... דער פאָטער וועט איר גאָרניט געבן, זאָל זי ניט מיינען, אַז ער וועט איר שיקן פּאַקעטן, געלט!...״

„מוטער, באַרואיק זיך, דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז זי איז ניט קיין קינד, וואָס מען קאָן דיקטירן!״

„פון דיין ענטפער, שמואל, פאַרשטיי איך, אַז דו שטיצט איר אונטער...״

„מוטער, זיי ניט בייז אויף מיר. ווען איך וואָלט געווען אויף דבורהס אָרט, ד. ה. אַ פרייער מענטש, וואָלט איך געהאַט דעם זעלבן געדאַנק. וויפל איז דער שיעור צו זיין אין גלות? באַטראַכט גוט, וועסטו פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט קיין פוסטע פאַנטאַזיע! סוף־סוף זיינען מיר דאָך אין גלות. און גלות הייסט ניט, אַז מיר זיינען אין אייגן לאַנד. מיר פאַרשטייען ניט, פאַרוואָס מען שלאָגט אונדז? ווייל מיר זיינען אין דער פרעמד... אַלזאָ, מוטער, ס׳מוז קומען די צייט, אַז מיר זאָלן אָנפאַנגען בויען אונדזער אייגן לאַנד. קיינער וועט פאַר אונדז ניט אויפבויען, אויב ניט דבורה און נאָך אַזעלכע!... איין ברודער פאָרן צווייטן, וועט ניט אויפבויען אַ הויז און בפרט אַ לאַנד!... אַלזאָ, מוטער, דאַרפסט איר מיטפילן! פריער, אַלס יונג קינד, האָט זי ניט פאַרשטאַנען, ווייל ליבע איז בלינד, וואָס פאַרבלענדט אַלעמען. זי האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרשטיין יעקבן, אַז ער איז אַזאַ טיפּ, וואָס טראַכט ניט פון אַ משפחה־לעבן. נאָר פאָרן נאָך ארץ־ישראל איז גאַנץ אַנדערש!... דאָס טוט זי לויט איר אייגענעם פאַרשטאַנד און דער ווילן איז שטאַרקער פון אַלץ!... מוטער, מוזט ווירקן אויפן פאָטער ער זאָל איר העלפן. אַזוי פאַרשטיי איך. ווען מיינע קינדער וועלן עלטער ווערן און וועלן — וועלן פאָרן נאָך ארץ־ישראל, וועל איך זיין צופרידן. גענוג ליידן פון גלות!... אונדז שלאָגט מען, אָבער צוריקגעבן איז אַ פאַרברעך!... דעם

פריץ קושט מען, ווייל מען יאָגט זיך נאָכן עגל הזהב... ווען יידן וואָלטן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָלטן אַלע געדאַרפט נאָכטאָן דבורהס ביישפּיל!...
איך האַלט, אַז זי טוט גוט. היינט איז די ריכטיקע צייט פאַר איר צו פאָרן, אַזוי ווי זי האָט מיר דערקלערט, אַז זי וועט זיך איינלעבן אין אייגן לאַנד און מיט דער צייט קאָנען צופּאַסן זיך אַ פּאַסנדן מענטשן."

אַזוי ווי זיי רעדן, איז אַריינגעקומען דער פאָטער, וועלכער פרעגט וועגן וואָס זיי רעדן? „אפשר וועגן חתן, וואָס מען לייגט איר פאָר? מוז איך אייך זאָגן, אַז איך בין שטאַרק דערפאַר."

„יאָ, אברהם, לאַך ניט! ווען דו וועסט הערן, וועגן וואָס מיר רעדן, וועסטו זיך אַ כאַפּ טאָן פאַרן קאָפּ!..."

דער פאָטער אָן איבערראַשנדער, פרעגט: „וואָס איז געשען?"

„הער, אברהם, וואָס שמואל האָט מיר דערציילט, אַז אונדזער דבורהן איז אַריין אין קאָפּ אַ פרישע פאַנטאַזיע: זי וויל ווערן אַ חלוצה און פאָרן קיין ארץ־ישראל. נו, געפעלט דיר איר איינפאַל?!..."

„וואָס איז זי משוגע געוואָרן? אַוועקוואַרפן די עלטערן, ברידער!... איר איז צו גוט, ווייל זי האָבן אַ ביסל צרות. דו, שמואל, דערקלער איר, אַז פיל אַזעלכע, ווי זי פאַטריאָטינס זיינען געפאָרן, אָנגעליטן זיך איבערן קאָפּ, צוריקגעקומען אָן קרעפטן. וואָס מיינט זי זיך, איך וועל איר געלט געבן? זאָל זי פאַרגעסן! איך וועל איר זאָגן: זאָל זי אויפהערן פאַנטאַזירן מיט פוסטע פאַנטאַזיעס, דאָס וועט איר צו קיין גוטעס ניט ברענגען."

„אברהם, דו ווייסט גאָר ניט, וואָס שמואל האָט מיר דערקלערט, אַז ער איז אויך ביי דער מיינונג, ד. ה„ ווען ער וואָלט געווען אַ פרייער מענטש, וואָלט ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל. און דו בעטסט אים אַז ער זאָל משפיע זיין אויף דבורהן!... רעד דו, אברהם, מיט איר, אפשר וועסטו קאָנען משפיען זיין אויף איר."

„אַזוי!" — זאָגט דער פאָטער, — „דו, שמואל, אונטערשטיצסט דיין שוועסטער?"

„יאָ, פאָטער, דאָס איז אונדזער פעלער. מיר זאָגן: ובנה ירושלים... ווער זאָל אויפבויען? דו ווייסט דאָך, פאָטער, ווי זאָגט דער פרק: „אם אין אני לי — מי לי"... מען זיצט אין גלות און מען וואַרט אויף נסים... און, ווי זאָגט די גמרא: „אין סומכים על הנס!..." ד.ה. זאָלסט זיך ניט שטיצן אויף נסים... שטערט איר ניט! זי וויל ווערן אַ חלוצה, זאָל זי ווערן. דאָס וויכטיקסטע: דער מענטש דאַרף זיין געוואַגט! אונדזער פאָלק האָט גענוג אַדורכגעמאַכט. מיר מוזן זוכן וועגן, וואָס פריער, אַלץ בעסער.

ס׳איז כדאי מען זאָל זיך פֿאַרטראַכטן וועגן דעם, פֿאַרקירצן דעם גלות. אָן אַן אייגן לאַנד קאָנען מיר ניט ווערן אַ פֿאָלק. איך בעט אייך באָך אַמאָל, פּלאָטערט ניט איבער דבורהן! זי איז שוין ניט קיין קינד״ — און ער איז אַרויס אַן אויפגערעגטער פֿון שטוב.

„נו, אברהם, האָסטו שוין געהערט פֿון אונדזער „אידעאַליסט״?

ער איז געבליבן זיצן פֿאַרטראַכט, זאָגנדיק: „פֿאַניע, שמואל וועט זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דבורהן. איך הער און פֿאַרשטיי, אַז זי האָלט זיך עצות מיט אים. ער האָט איר ניט געטאָרט עצהן!... נו, זאָלן זיי טאָן ווי זיי ווילן און פֿאַרשטייען! וואָס קאָן איך מאַכן, אַז היינטיקע קינדער פֿאָלגן זיך ניט?״

„אוי וויי איז מיר! ווי ס׳ווייזט אויס, וועלן מיר זיך מיט איר מוזן שיידן! און גאָט ווייסט, ווען מיר וועלן זיך מיט איר קאָנען זען? ווען זי האָט געשפּילט אַ פֿאַלשע ליבע, איז געווען צרות, דאָך איז געווען אַ האָפֿענונג: היינט־מאָרגן וועלן מיר דערלעבן אַ שטיקעלע נחת, אָבער אַזוי, ווי זי האָט זיך אָנגעטראַכט, איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן!...״

„דו ווייסט דאָך, פֿאַניע, היינטיקע קינדער טוען מיטן אייגענעם שכל, קומט אַרויס מיטן קאָפּ אַראָפּ!...״

און אַזוי רעדנדיק, איז אַריינגעקומען דבורה. די מוטער פֿרעגט איר פֿון וואַנען זי קומט?

„פֿון שמואלן.״ — ענטפֿערט דבורה.

„דבורה, אונדז איז שוין אַלץ באַוווּסט, אַז צווישן אייך קומט פֿאַר באַראַטונגען. איך מוז דיר ערנסט זאָגן, אַז דו טוסט ניט גוט, דו וועסט חרטה האָבן, ווען ס׳וועט שוין זיין צו שפּעט!...״

דבורה טראַכט: אפשר נייע ענערגיע. דאָס האָט איר געשטאַרקט און זי ענטפֿערט קאַטעגאָריש:

„איך פֿאַר קיין ארץ־ישראל!... מיר וועלן באַפֿרייען אונדזער לאַנד!... אונדזערע ברידער, שוועסטער זאָלן קאָנען קומען צו אונדז, ווי פֿרייע בירגער.״

„ווי לאַנג ביסטו, מיין טאָכטער, געוואָרן אַזאַ הייסע פּאַטריאָטקע?״

„מוטער, מיין פֿאַרגאַנגענהייט לערנט מיך, אַז איך דאַרף זיין ענערגיש. מיט ווילן און ענערגיע קאָן מען פֿיל מאַכן! דו ווייסט דאָך, מוטער, אַז די צייט שאַפֿט מער פֿון אַלץ! איך האָב זיך שוין פֿאַרשריבן אין „פּועלי־ציון״, אַזוי האָט באַשטימט מיין גורל. מיינע פֿיל באַקאַנטע האָבן, אָן וואַקלעניש, באַשטימט צו פֿאָרן, פֿאַרוואָס זאָל איך זיך וואַקלען? אַלזאָ,

מוטער, נעם זיך ניט צום האַרץ. איך וועל זיין אַן איבערגעגעבענע חלוצה, ווי אויך אַ גוטע טאָכטער פאַרן פאָלק און פאַר אייך..."

זי איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך געלייגט אויפן געלעגער און באַטראַכט איר לאַגע פון קינדהייט אָן... און געקומען צו דער מסקנה, אַז דער גורל פירט אַן מיטן מענטש... אַזוי טראַכטנדיק, איז זי איינגעשלאָפן.

דער פאָטער איז ניט בייגעווען זייער געשפרעך. אַריינקומענדיק, פרעגט ער:

„וווּ איז דבורה און צי האָסטו, פאַניע, מיט איר גערעדט?"

„דבורה איז ביי זיך אין צימער. איך האָב מיט איר פיל גערעדט און פון אירע רייד נעם איך אַרויס, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו מאַכן. מיר וועלן מוזן מסכים זיין. דו קאָנסט דאָך אונדזער דבורהן, אַז זי באַשליסט, קאָנען קומען צען חכמים, וועלן זיי איר ניט איבערצייגן!... לאָמיר האָפן, אַז גאָט וועט איר וועג באַגליקן, ווי אויך איר באַשערטן געפינען אין ארץ־ישראל... און אפשר איז אַזוי גלייכער? ווי זאָגט מען: „דער גורל פירט אַן מיטן מענטש!"

„הערסט, פאַניע, איך האָב מורא, אַז זי וועט זיך שנעל אַנטוישן, ווייל דאָס לעבן איז דאָרט אַ שווערער. איך מוז איר וואָרענען און שפּעטער זאָל זי טאָן, וואָס זי וויל. איך וועל איר ניט אַרויסהעלפן. זאָל זי זיך ניט שפּילן מיט אירע פאַנטאַזיעס. ווען זי וואָלט געווען יינגער און צוגעוווינט צו פיזישער אַרבעט, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה... אָבער, נעמענדיק אין באַטראַכט איר עלטער מיט איר אינטעליגענץ, ווי אויך איר אָרגאַניזם, וואָס איז צו דעם ניט אַנטשפּרעכנד, וועט זי זיך גאַנץ שנעל אַנטוישן."

דער פאָטער האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן זיין געשפרעך, איז דבורה אַריינגעקומען, פרעגנדיק די עלטערן, פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי פאַרזאָרגט?

„ווען דו, מיין טאָכטער, וועסט זיין אַ מוטער, דאַן וועסטו אונדז בעסער פאַרשטיין!... דער פאָטער האָט וועגן ארץ־ישראל גענויע איינפאָרמאַציעס. רייד מיט אים, וועסטו וויסן, וואָס דו האָסט צו טאָן?"

„זע, מיין טאָכטער, דו ביסט דאָך ניט געוווינט צו שווערע אַרבעט. חלוציזם איז גוט, ווען מען איז יונג, קאָן מען זיך צוגעוווינען לעבן אין אין די מחנות, אַרבעטן שווער א.ד.ג. די עלטערן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט, אַז זייערע קינדער זאָלן עולה זיין, שטיצן זיי, אָבער

מיר זיינען קעגן דיין פּאַרן, וועט דיר זיין שווער און דו וועסט פּאַרלירן דעם ברען, וואָס דו האָסט איצט. און נאָך אַלעמען ביסטו דאָך שוין אין די יאָרן, וואָס דאָס איז אַן אַלטער כּלל, אַז זיי ווירקן מען זאָל זיך פאַרטראַכטן. דו הערסט זיך צו צו זייערע רעדעס, וואָס זיינען דורכ־געדרונגען מיט זייער שטרעבונג צו טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, אַריינבציען וואָס מער יוגנט, וועלכע האָבן זייערע געמיינזאַמע צילן און אויפגאַבעס. איך פאַרשטיי זיי די בויער און שעפער, אָבער דו, מיין טאָכטער, ביסט ניט פאַר זיי!..."

דבורה האָט אויסגעהערט דעם פאָטערס דערקלערונג און אים גע־ענטפערט:

„ניין, פאָטער, דער רוף צו גיין קיין ארץ, וועט געפינען אַ גרויסן אָפּקלאַנג צווישן טויזנטער יוגנט. דאָס איז דער ריכטיקער וועג, וועלכער וועט עפענען דאָס האַרץ און מוח. מיר וועלן זיך צופּאַסן צום לעבנס־שטייגער, וואָס איז מיין ווונטש. זיך באַהעפטן צו די חלוצים, ווי אויך צו די קבוצים, וועלכע איז איינע פון די עיקרדיקע אויפגאַבן אַרויפגע־לייגטע אויף אונדז. מיר וועלן שטעלן פעסטע יסודות פאַר אונדזער פאָלק. צום סוף, עלטערן, זאָג איך אייך, אַז מיר זיינען באַאויפטראַגט געוואָרן אָפּצוהיטן טריי די חלוצישע ווערטן מיט דעם ציוניסטיש־אידעאַליסטישן אידעאַל. מיט דעם פאַרענדיק איך."

דער פאָטער, דערהערנדיק פון זיין טאָכטער איר קאָנקרעטן ענטפער, איז אַנטוישט געוואָרן, זאָגנדיק:

„איך אַנטזאָג זיך פון דיר. פון היינט אָן טו, וואָס דו פאַרשטייסט!..."

די מוטער, דערהערנדיק די באַשלוסן פון דבורהן און איר מאַן, האָט זיך שטאַרק דענערווירט און ניט געקאָנט זיך באַרואיקן. איר איז אַזוי שלעכט געוואָרן, אַז מען האָט געמוזט אַרויסרופן זייער הויז־דאָקטער, וועלכער האָט איר באַרואיקט און איינגעפּונען, אַז דאָס האַרץ איז ביי איר ניט אין אָרדענונג. אויף דעם דאָקטערס פראַגע:

„וואָס איז געשען, פרוי שניידערמאַן, וואָס די לעצטע צייט זעט איר אויס ניט אַמבעסטן?"

„הער דאָקטער, מען זאָגט: קליינע קינדער מאַכן קליינע צרות און גרויסע — גרויסע צרות!... אַזוי, ווייזט אויס, איז דאָס געזעץ פון לעבן!"

דער דאָקטער האָט איר שטרענג פאַרזאָגט, אַז זי זאָל זיך נאָר ניט אויפרעגן! אין אייניקע טעג אַרום איז זי געקומען צום דאָקטער. אויס־הערנדיק איר האַרץ, פרעגט ער איר:

„איר זייט דאָך געווען תמיד מוטיק און וואָס איז מיט אייך געשען, פרוי שניידערמאַן?"

„הער דאָקטער, איך בין געצוווּנגען צו די איבערלעבונגען, ווייל מיין איינציקע טאָכטער האָט מיך דערצו געבראַכט!"

דער דאָקטער פרעגט איר מיט פאַרווּנדערונג: „אייער טאָכטער איז דאָך אַן אינטעליגענטע פריילין, ווי קומט עס?"

„הער דאָקטער, איך האָב צו אייך אַ ביטע: דערלויבט מיר זיין מיט אייך אָפנהאַרציק. אונדזער טאָכטער רעזיגנירט פון אונדז און פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישׂראל."

„נו, פאַרוואָס זייט איר קעגן איר אידעאַל?"

„הער דאָקטער, ווי אייך איז באַוווּסט, איז אונדזער טאָכטער דערצויגן געוואָרן ניט צו קיין שווערע אַרבעט און זי איז אין די יאָרן, וואָס האָט שוין געדאַרפט בויען איר אייגן לעבן."

„וואָס האָט פּאַסירט, פרוי שניידערמאַן, אפשר איז אייער טאָכטער אַנטוישט?"

„הער דאָקטער, איך וויל אייך באַקאַנען מיט איר לאַגע. ווי ס'פּאַסירט, האָט מיין עלטערער זון געהאַט אַ חבר, וואָס זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין איין שולע. זיי פלעגן צוזאַמען מאַכן די אויפגאַבן. אַזוי אַרום איז ער געווען ביי אונדז אַן איינגייער. מיין טאָכטער איז פון נאַטור אַ פאַר־שלאָסענע. זי האָט זיך אין אים איינגעליבט אַזוי האַרציק, אַז ביז היינט קאָן זי אים ניט פאַרגעסן... וואָס טוט מען? זי איז ביי אונדז די עלטסטע. פיר אונדזערע זין זיינען שוין פאַרהייראַט."

פרעגט דער דאָקטער: „ווי זעט זי אויס? ווי האַלט זי זיך?"

„זי איז זייער שיין, הויך, שלאַנק, באַקומען הויך־בילדונג, ווי אויך מוזיקאַליש, פון דער נאַטור אַ מעסיקע. מען האָט איר גערעדט און מען רעדט איר פיינע פּאַסנדע שדוכים. זי אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם. וואָס טוט מען?"

ענטפערט דער דאָקטער: „פרוי שניידערמאַן, איר ליבע קאָן מען דער־קלערן אַלס „יוגנטלעכע", ווי ס'פּאַסירט ביי יונגע קינדער. זיי קאָנען זיך פאַרליבן פון נאָר אָנקוקן זיך. די ליבע איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און אין אַזאַ פאַל איז איר שווער צו פאַרגעסן. די פאַרליבטע ווערן ניט אַנטוישט, ווייל זיי טרעפן זיך ניט אָן אויף געוויסע קאָמפּליקאַציעס, וואָס דאָס ברענגט אָפט מאָל אַנטוישונגען. אַזוי אַרום איז אַזאַ ליבע אַ שווערער פּראָבלעם. מיין ראָט: אויב איר האָט אַ קרובה אין אַ צווייט

לאַנד, שרייבט איר אַן אַ בריוו, אַז זי זאָל אייך איינלאַדן אויף אַ באַזוך. ווען איר וועט באַקומען אַזאַ איינלאַדונג, זאָלט איר באַווייזן אייער טאָכטער דעם בריוו, אַז איר ווילט פאָרן אויף אַ לוסט־רייזע און איר זאָגן, אויב זי איז פאַראינטערעסירט מיטפאָרן. שפּעטער קאָן זי מאַכן, וואָס זי וויל. נאָך אַזאַ דערקלערונג, גלויב איך, וועט זי זיך איבערצייגן, אַז איר זייט ניט קעגן איר פאַרלאַנג. מיט דעם אופן וועט אייך געלינגען איר איבערצייגן.״

זי האָט באַדאַנקט דעם דאָקטער פאַר זיין גוטע עצה און אַ צופרידענע אַוועק אַהיים. אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט איר דער מאַן געפרעגט, וואָס ד׳ער דאָקטער האָט געזאָגט?

„ער האָט מיר שטרענג פאַרזאָגט: נאָר ניט ערגערן זיך. דער עיקר וועגן דבורהן האָט ער מיר געעצהט מיר זאָלן מאַכן אַ לוסט־רייזע. זי זאָל ניט פאַרשטיין, אַז מיר זיינען קעגן איר אידעאַל, נאָר זאָגן איר, אויב זי וויל מיטפאָרן און שפּעטער וועט זי קאָנען פאָרן וווהין זי וויל. ער גלויבט, אַז דאָס וועט אויף איר גוט ווירקן. וואָס זאָגסטו, אברהם?״

דאָס איז אַ פּלאַן, פאַניע. האָסט דאָך אַ שוועסטער אין שווייץ. שרייב איר אַן אַ בריוו. וועגן אינהאַלט, דאַרף איך דיך ניט לערנען.״

ניט לאַנג וואַרטנדיק, איז אָנגעקומען אַן איינלאַדונגס־בריוו מיט די נייטיקע פאָרמאַליטעטן. דבורה, באַמערקנדיק דעם רעקאָמענדירטן בריוו, האָט געפרעגט דער מוטער פון וועמען דער בריוו איז?

„פון דיין מומע אין שווייץ״ — ענטפערט די מוטער.

אויף דבורהס פראַגע, וואָס זי שרייבט, האָט די מוטער איר דערלאַנגט דעם בריוו, זאָגנדיק:

„נאַ, דבורה, לייען איבער!״

איבערלייענענדיק דעם בריוו, פרעגט זי: „וועט איר פאָרן?״

„וואָס פאַר אַ פראַגע? איך האָב שוין לאַנג געטראַכט מאַכן אַ לוסט־רייזע צו דיין מומע, ווייל נאָך זייער חתונה איז דיין מומע מיטן פעטער אַפּגעפאָרן נאָך שווייץ. פאַר דער גאַנצער צייט האָבן מיר זיך איינמאָל געזען. אויב דו ביסט פאַראינטערעסירט מיטמאַכן אונדזער רייזע, דאַרפסטו זיך צוגרייטן.״

די מוטער באַמערקט, ווי דבורה נעמט אָן איר פאָרשלאָג מיט צופרידנ־הייט, זאָגנדיק:

„איך וואָלט מיטגעפאָרן, אָבער, ווי מאַכט מען מיט דער הכשרה, וואָס איך דאַרף דורכמאַכן?״

„נאָכן צוריקקומען, וועסטו קאָנען אַדורכמאַכן!..."
„וואָס זאָגט מען ,זיי'?" — פרעגט דבורה.
„דו זאָג מיר נאָר דעם אַדרעס, וועל איך שוין אַלץ דערליידיקן."

די מוטער, באַקומענדיק פון דבורהן דעם אַדרעס, איז מיט צופרידנ־הייט אַהינגעגאַנגען און אַלץ דערליידיקט. זיי זיינען אַלע געווען צופרידן און זיך געגרייט צו דער רייזע קיין שווייץ. פאַרנדיק, האָבן די עלטערן געהאַט נחת פון דבורהן. זי האָט זיך גוט געפילט, פאַרבראַכט מיט פאַר־שיידענע מיטרייזנדע. זיי האָבן איינגעזען, אַז דעם דאָקטערס עצה איז געווען אַ גוטע. זי איז, ווי ניי געבוירן. זיי האָבן געהאַט אַ גליקלעכע רייזע.

אָנקומענדיק קיין שווייץ, זיינען זיי אַדורך דעם קאָנטראָל פון די דאָקומענטן, אויך די זאַכן־קאָנטראָל איז אויך אַדורך בשלום.

די פאַמיליע ראָזענפעלד איז אָקעגנגעגאַנגען די אָנקומענדיקע געסט און זיי האַרציק אויפגענומען. די שוועסטערס, שוואָגערס, קוזינעס האָבן זיך דערפרייט און האַרציק זיך צעקושט. אין אַ פריילעכער שטימונג זיינען זיי אַלע אָפּגעפאָרן צו דער שוועסטער.

דבורה האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק מיט איר סימ־פּאַטיש שיינעם אויסזען און איידעלער באַנעמונג. די עלטערן האָבן געהאַט נחת פון זייער טאָכטער, טראַכטנדיק: הלוואי אויף ווייטער ניט ערגער!... קומענדיק אַהיים, האָט די שוועסטער מיטן שוואָגער איינגעריכטעט פאַר זיי צוויי צימערן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפילט באַקוועם און גוט.

מאַניע ראָזענפעלד (דבורהס מומע) פלעגט אָפּט איינאָרדענען אויפ־נאַמעס לכבוד זייערע ליבע געסט. צוליב זייער זון, דאָקטאָר פּסיכאָלאָג, איז די געזעלשאַפט באַשטאַנען פון זיינע קאָלעגן, צווישן וועלכע אַ געווי־סער פּראָפעסאָר בורשטיין אהרן איז געווען מיט זיי גוט באַפריינדעט. דבורה, וועלכע פלעגט אָנטיילנעמען אין דער געזעלשאַפט, האָט זיך היימיש און גוט געפילט. פּראָפעסאָר בורשטיין האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דבורהן, וועלכע איז געווען שיין, סימפּאַטיש, גוט פון נאַטור, שלאַנק, ווי אַ פּאַלמע מיט אירע שיינע גרויסע גרינע אויגן, מיט איר בלאָנד־געקרייזלטע האָר, מיט אירע חן־גריבעלעך און פרישן פּנים, מיט איר האַלדז, וואָס איז געווען ווייס, ווי אַלאַבאַסטער און דער מעדאַליאָן מיטן בריליאַנט האָט פאַרבלאַנקט איר אַריסטאָקראַטיש פּנים. בורשטיין טראַכט: די פריילין וואָלט געווען פּאַר מיר פּאַסנד... מען דאַרף געוווּיר ווערן צי זי איז פאַרנומען. איז זי פריי, דאַרף מען האַנדלען און ניט וואַרטן!...

אַדורכרײדן זיך מיט פרוי ראָזענפעלד, ווי אויך מיט זײער זון ד״ר ראָזענ־פעלד, וועלכע קאָנען מיר העלפן אין דעם ענין. אַזוי ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער ניט געוואַרט מען זאָל אים אײנלאַדן, אַלײן געקומען און געפונען אַ געלעגנהײט רעדן מיט פרוי ראָזענפעלד וועגן איר שוועסטערס טאָכטער דבורה.

זײן געשפּרעך מיט פרוי ראָזענפעלד איז געווען זײער אַ פרײַנטלעכער. זי האָט פון זײן געשפּרעך אַרויסגענומען, אַז ער איז שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין דבורהן. ער האָט אָנגעדײט, אַז זי מאַכט זײער אַ גוטן אײַנדרוק, ווי אויך מען קאָן אויף איר זאָגן „אַריסטאָקראַטיש״, אַז זי איז פּיקאַנט.

ענטפערט פרוי ראָזענפעלד: „יאָ, פּראָפ. בורשטײן, דאָס ווײכטיקסטע פאַרן פאַמיליען־לעבן איז אַ פרוי מיט אַ גוטע דערציאונג און כאַראַקטער.״

ער, הערנדיק פרוי ראָזענפעלדס אונטערשטרײכונגען, האָט שוין אָפן גענומען רעדן:

„פרוי ראָזענפעלד, אײך איז דאָך באַקאַנט מײן מײנונג און באַנעמונג צו פרײלײַנס, וועלכע זוכן אַן אויסבעסערונג נאָר פאַר זיך, פון אַזעלכע האַלט איך ניט. ווען איך וואָלט ניט געהערט פון אײך דאָס, וואָס איך הער, ווי אויך איר אײַנדרוקספולע האַלטונג מיט אירע טראַדיציאָנעלע ייִדישע משפחה, וואָס איז פּאַסנד, דערלויב איך מיר אַרויסזאָגן מײן געדאַנק, בײַ דער געלעגנהײט, אַז איך וואָלט ניט געווען דאָקעגן, אַז איר, פרוי ראָזענפעלד, זאָלט זײַן פאַראינטערעסירט...״

פרוי ראָזענפעלד, דערהערנדיק פון פּראָפ. ב. זײַנע אַרגומענטן, האָט מיט צופרידנהײט באַצײכנט, אַז זי וועט מאַכן באַמיאונגען און פאַראינ־טערעסירט זײַן פאַר בײדע צו שאַפן גליק...

ווען ער איז אַוועק, האָט ער מיט צופרידנהײט איר געדריקט די האַנט מיט אַ קוש, בעטנדיק, אַז זי זאָל אים אָנקלינגען...

זי האָט אים פאַרשפּראָכן, אַז האָפנטלעך וועט אַלעס גוטס נאָכקומען.

ווען דבורה איז געקומען פון איר קוזין, וואָס האָט אויך געגעבן גוטע מײנונגען וועגן פּראָפ. ב., לויט ווי ער האָט שוין געהערט וועגן זײַן פאַראינטערעסירונג מיט זײַן קוזינע, איז ער אויך געווען פאַר דעם...

„דו ווײסט, דבורה, אײנער פון דײנע באַקאַנטע האָט פאַר דיר איבערגעגעבן אַ שײנעם גרוס.״

„אינטערעסאַנט, מומע, ווער איז דער אײנער?״

„דער אײנער איז פּראָפעסאָר בורשטײן.״

„אַ שיינעם דאַנק, מומע! ער זעט אויס צו זיין אַן ערנסטער פּערזאָן.״

„ביי אונדז, דבורה, האָט ער זייער אַ שיינעם נאָמען. ערשטנס איז ער זייער אַ גוטער מענטש, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע אין צוזאַמענלעבן!... צווייטנס איז ער באַוווּסט מיט זיין באַרוף, אַלס גוטער כירורג און אַ גרויסער כלל־טוער, ווי אויך אַ ציוני און, לויט זיין אויסזען, איז ער פּאַסנד... אויך דאַרף איך דיר באַמערקן, אַז ער איז אונדזער אַ גוטער פריינד. מיט וויפל איך האָב אים באַקאַנט געמאַכט פון אונדזער געזעלשאַפט, געבילדעטע מיט באַרופן, האָט ער מיר תמיד געענטפערט, אַז אַ פריילין, וואָס זוכט נאָר אַ גוטע עקזיסטענץ, הייסט, אַז זי איז פאַראינטערעסירט אויסבעסערן איר אייגן לעבן... פאַרבינדן זיך מיט אַן עגאָיסטין איז ניט כדאי. אַלזאָ, דבורה, ווי געפעלט ער דיר?״

„מומע, איך קאָן נאָר זאָגן, אַז פון איין מאָל זען, קאָן מען ניט אַרויסזאָגן קיין מיינונג. יאָ אָדער ניין קאָן מען זאָגן, ווען מען באַקענט זיך נעענטער. און לויט ווי דו, מומע, שטעלסט פאָר דעם פּערזאָן, פאַרשטיי איך, אַז דו, מומע, ביסט געוויס פאַראינטערעסירט פאַר מיר, ווי פאַר אַן אייגענע.״

די מומע איז געווען צופרידן פון דבורהס אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. זי טראַכט: מען דאַרף אים איינלאַדן, זאָל ער קומען.

פּראָפ. בורשטיין האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויפן טעלעפאָן־רוף און אַליין געקומען, טראַכטנדיק: איך בין דאָך ביי זיי קיין גאַסט. לויט ווי פרוי ראָזענפעלד האָט מיר אָנגעדייטעט, פאַרשטיי איך, אַז מיין קומען וועט זיין ניט איבעריק. לויט ער האָט געהערט פון ד״ר ראָזענפעלד, אַז זי איז אַ פרייע, מוז איך אַלעם אָנווענדן, ווייל פריילין שניידערמאַן (דבורה) איז אַן אויסערגעוויינלעכע מיט איר שיינקייט, האַלטונג און בילדונג, ווי אויך די יאָרן — פּאַסנד. שיינע פריילינס האָב איך גענוג געזען! טראַכט ער, אַז דבורה, ווי די מומע רופט איר, איז לויט ווי איך פאַרשטיי איר, וועט זיין פאַר מיר אַן אמתער גליק... ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שיינעם גראַנאַט גאַרניטור. זיין שלאַנקע פיגור, זיינע שיינע שוואַרצע האָר מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, זיין איידעלן אַריסטאָקראַטישן אויסזען. אריינקוקנדיק אין טואַלעט־שפּיגל, טראַכט ער: איך האָף, אַז סוף־סוף וועל איך דערגרייכן מיין ווונטש...

ער איז אַן אויפגעלייגטער געקומען צו דער משפחה ראָזענפעלד מיט אַ שיינעם בוקעט רויזן. דערזעענדיק זיין אָנקומען, טראַכט זי: ס׳איז גוט, ווען דעם מזל דאַרף מען ניט זוכן. בעסער, אַז ער קומט אַליין!

פרוי ראָזענפעלד איז איבערראַשט געוואָרן פון זיין פלוצימדיק קומען. זי האָט אים זייער פריינטלעך אויפגענומען, אַריינגעבעטן אין סאַלאָן, וווּ דבורה איז געזעסן און געשפּילט ראָיאַל.

פּראָפ. בורשטיינס אַריינקומען האָט געמאַכט אויף דבורהן זייער אַ גוטן איינדרוק. זי איז באַגייסטערט געוואָרן פון זיין אויסזען און האַלטונג. זי טראַכט: אַזאַ איינדרוקספולער פּערזאָן איז פאַראינטערעסירט און לויט ווי די מומע און קוזין שטעלן אים פאָר, זעט זיך אויס, ווי מען זאָגט, אַז אויף אַלץ קומט אַ צייט! אפשר וועל איך זיין פון די גליקלעכסטע? די געדאַנקען האָבן איר פאַרשאַפט מוט און דרייסטקייט. דאָסגלייכן האָט געטראַכט פּראָפ. ב.: לויט, ווי איך האָב פאַרלוירן מיין האָפענונג נאָך ראָזעלעס באַקאַנטשאַפט, וואָס זי האָט ביי מיר צוגענומען מיין מוט און ווילן צו טרעפן זיך מיט אַ צווייטע... האָב איך ביז ראָזעלען קיינמאָל זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך בין פעיק זיך פאַרליבן. אָבער ליידער, ס'איז געווען אָן אַ ציל. די פרייליין שניידערמאַן (דבורה) האָט מיך איבער־צייגט פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. זי האָט מיין האַרץ דערפרייט, מיין נשמה באַשטראַלט. פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז מען קאָן זיך אַ צווייט מאָל אין לעבן פאַרליבן, ווען מען טרעפט אַ צווייטע פערזאָן, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ ליכט, וואָס באַשטראַלט דיין נשמה!

פּראָפ. ב. האָט געבעטן דער פריילין שניידערמאַן שפּילן שטראַוסעס אַ וואַלס. זי האָט געשפּילט, און מיט איר אויסערגעוויינלעכער באַגייסטע־רונג און באַגאַבטקייט האָט זי אים צוגעצויגן, ווי אַ מאַגנעט...

ווען זי האָט פאַרענדיקט שפּילן, האָט ער איר האַרציק געדאַנקט. גלייכצייטיק האָט ער באַטראַכט איר שיינע שלאַנקע פיגור, איר שיינעם קאָפּ האָר, ווי אויך אירע גרויסע גרינע אויגן מיט די חן־גריבעלעך אין איר ראָזן פּנים. אין זיינע אויגן האָט זי אויסגעזען, אַז שענערס האָט ער קיינמאָל ניט געזען. ער טראַכט: היינט מוז איך מיט איר אָנהויבן ערנסטער רעדן...

פרוי ראָזענפעלד איז אַריינגעקומען פאַרבעטן זיי אויף טיי.

דער טיש איז געווען סערווירט מיט קאָנפיטורן, טאָרטן, באָנבאָניע־רעס, דער צימער איז געווען באַלויכטן פון קריסטאַל־לאָמפּן, אויף די שיין טאַפּעטירטע ווענט זיינען געהאָנגען אייניקע באַרימטע קונסט־בילדער, די פענסטער זיינען געווען באַהאָנגען מיט טיול־גאַרדינען, די שיינע שוואַרץ מאָדערנע מעבל מיטן גרויסן קרעדענץ מיט די קריסטאַ־לענע גלאָז־טירן, פון וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעזען פאַרשיידענע קריסטאַל־

וואַזעס, פיגורן, זילבער־לייכטער, זילבער־בעכערס, אַ חנוכה־לאָמפּ. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן אַ יום־טובדיקע שטימונג.

ביים טיי טרינקען איז אויסער זיי מיט דער מומע קיינער ניט אַנוועזנד געווען. אַזוי האָבן זיי געהאַט די געלעגנהייט באַקענען זיך נענטער. פּראָפ. בורשטיין האָט געפונען מיט איר אַ געמיינזאַמע שפּראַך. ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז פון זיין זייט וואָלט ער געווען פון די גליקלעכע, ווען פריילין שניידערמאַן וועט איינשטימיק זיין. דאָס זעלבע טראַכט דבורה. ווען זי זאָל וויסן, אַז ער דענקט וועגן איר, וואָס זי טראַכט וועגן אים, וואָלט זי געווען די גליקלעכסטע. זי האַלט זיך אָבער עטוואָס צוריק, כדי ניט אַרויסווייזן אירע געפילן... לויט, ווי פּראָפ. ב. איז שטאַרק פאַר־אינטערעסירט געווען, האָט ער נאָכגעפאָלגט אירע געדאַנקען, וועלכע, ווי אַ בליץ־שטראַל וואָלט אים אַדורכגעלאָפן אין די מחשבות, אַז זי פילט צו אים, וואָס ער צו איר... זיי זיינען דעם אָוונט ניט פּעאיק געווען אַנדערש צו טראַכטן... פאַר פּראָפ. בורשטיין האָט אָנגעהויבן שיינען די זון, טראָץ דעם, וואָס דער הימל איז שוין געווען באַזעצט מיט שטערן. פאַר אים איז דער אָוונט געווען אַ יום־טובדיקער. זיין געפיל האָט אים פאַר־פלייצט מיט פרייד. ער האָט זיך באַוואונדערט, אַז ער איז פּעאיק אין אַ קורצע צייט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבן. ווידער באַאומרואיקן אים די געדאַנקען: ער האָט דאָך פון איר ניט געהערט אַ מיינונג וועגן זיך! נו טראַכט ער: דאָס ערשטע איינלאַדן איר אויף אַ קאָנצערט, אויב זי וועט מיין פאַר־שלאַג גערן אָננעמען, וועט דאָס מיך איבערצייגן... אַזוי האָט ער באַשלאָסן.

פאַרבייגייענדיק און רעדנדיק וועגן מוזיק זאָגט ער:

„פריילין שניידערמאַן, איך בין פון די „מוזיקער", וואָס ליבן הערן מוזיק..."

ענטפערט דבורה מיט אַ שמייכל:

„הערן מוזיק איז זייער אָנגענעם. דאָס ווירקט גוט אויף דער נשמה."

ער האָט דאָס אויפגעכאַפּט און איינגעלאַדן פריילין שניידערמאַן אויף אַ קאָנצערט. זי האָט אים זייער באַדאַנקט. זיי האָבן באַשטימט צו גיין אויף מאָרגנדיקן קאָנצערט. ער האָט זיי האַרציק באַדאַנקט פאַר דער שיינער אויפנאַמע און פריינטלעך זיך געזעגנט אין דערוואַרטונג אויף מאָרגן 8 אָוונט.

נאָך פּראָפ. בורשטיינס אַוועקגיין איז אין עס־צימער אַריינגעקומען דבורהס מוטער, זאָגט איר די שוועסטער:

„פאַניע, כ'האָב פאַר דיר גוטע נייעס, וואָס דו וועסט זיין צופרידן."

„גיב גאָט, ס'זאָל שוין קומען דער פּאַסנדער מאַן, אַז זי זאָל זיין גליקלעך און מיר זאָלן דערלעבן פון איר נחת! האָסט אפשר, פּאַניע, באַמערקט, ווען איך האָב אָנגערופן איינעם פון די געסט: „פּראָפעסאָר בורשטיין"? דעם מאַן קאָנען מיר שוין לאַנג. ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער גוטער מאַן. ער איז פּראָפעסאָר כירורג, אַ ציוניסט, פון דבורהס אידייע. און ווען ער זאָל איינשטימיק זיין, איז עס אַ פּאַסנדע זאַך."

„איך פאַרשטיי, אַז דו ווערסט ניט רעדן, וואָס ס'איז ניט פּאַסנד. אָבער, ווענדעט זיך עס אין אונדזער עצה אָדער פאַרלאַנג? דו ווייסט דאָך היינטיקע קינדער! וועגן דעם איז ניטאָ פיל צו רעדן. מיר פון אונדזער זייט וואָלטן געוויס געווען צופרידן, ס'זאָל אַן ענדע נעמען צו אונדזערע איבערלעבונגען!..."

די שוואָגערס האָבן געשפּילט שאַך. ניט ווייסנדיק פון דבורהס באַקאַנשאַפט מיט פּראָפ. ב., איז מאַניע אַריינגעקומען מיט אַ שפּאַס, זאָגנדיק:

„נו, מאַנשאַפט! ווער וועמען האָט באַזיגט?"

„מיין שוואָגער" — ענטפערט נפתלי.

„אברהם, פון דיין זייט איז ניט פיין! קומען אין געסט און באַזיגן דעם בעל־הבית איז ניט אַנשטענדיק!..." — זאָגט מאַניע.

„אויב אברהם פאַרמאָגט די פעאיקייט, איז פאַר מיר אַ כבוד!"

„זייט מיר ביידע געזונט און קומט אַריין עסן אָוונט־ברויט."

ביים אָוונט־ברויט, פאַרברענגענדיק געמיטלעך און פיינדיק צווישן זיך פאַרשיידענע געשפּרעכן, צווישן וועלכע ס'איז אויך באַרירט געוואָרן דבורהס פּראָבלעם, רופט זיך אָן דבורהס פאָטער (אברהם):

„אַז מען האָט קינדער, דאַרף מען גאָט בעטן, זיי זאָלן זיין געהאָרכזאַם. ביי היינטיקע קינדער זיינען די עלטערן אונטערטעניק. ניט ווי אַמאָל. מען גיט זיי אָוועק דאָס געזונט, מען טוט פאַר זיי דאָס בעסטע און זיי ווילן זיך ניט צוהערן און מיינען, אַז זיי פאַרשטייען בעסער! זאָגנדיק דעם אמת וועגן דבורהן, איז זי פון קינדוויַיז אַן געווען די בעסטע אין דער לערע, ווי אויך געהאָרכזאַם געווען, אָבער לעצטנס איז איר באַציאונג צו אונדז געוואָרן אומדערטרעגלעך!..."

די מוטער (פאַני) רייסט איבער זיין געשפּרעך, זאָגנדיק:

„אברהם, וואָס הייסט דאָס אומדערטרעגלעך? פון דיין דערקלערונג קאָן מען פאַרשטיין פאַרשיידנס. דבורהלע איז געווען אַ גוט טייער קינד און זי איז אַ גוטע, נאָר איין זאַך, וואָס דיר געפעלט ניט, וואָס זי וויל ווערן אַ חלוצה און אַוועקפאָרן פון אונדז. דאָס הייסט נאָך ניט, אַז זי

איז שלעכט געוואָרן. איך מוז דיך דערמאָנען וועגן שמואלן, וואָס האָט ער דערקלערט: ווען ער וואָלט געווען אַ פרייער מענטש, וואָלט ער אויך געפאָרן קיין ארץ־ישראל... דאָס הייסט נאָך ניט שלעכט! דער שטראָם פון דער היינטיקער צייט פירט דערצו. מעגלעך, אַז זיי האָבן אַ ווייטערן קוק און פאַרשטייען מער פאַר אונדז! ווי האָט ער דיר דערקלערט: מיר זאָגן „ובנה ירושלים", אָבער ווער וועט אויפבויען אונדזער לאַנד אויסער יידן?!... דעריבער, אברהם, רעד ניט וואָס מיר פאַרשטייען ניט. מעגלעך, ווען מיר וואָלטן געווען אין זייער יוגנט־פּעריאָד, וואָלטן מיר אויך אַזוי געטראַכט..."

„פאַניע, דאָס איז געזאָגט, ווען מען איז יונג, אָבער ניט אין דבורהס עלטער. גלויב מיר, אַז איך פאַרשטיי אויך די צייט, אָבער ניט פאַר איר איז עס צו טראַכטן אַזוי. אַזוי האַלט איך און, ווי זאָגט איר, מיינע טייערע?" — האָט ער זיך געוואָנדן צו די אַרומיקע.

„באַרואיקט זיך — זאָגט מאַניע — מען זאָגט: אַ מענטש טראַכט און צום סוף, ווייסט ער אַליין ניט, וואָס ס'שטייט אים פאַר אין לעבן!... דאָס לעבן איז אַ ים. דער מענטש שווימט, וווהין דער שטראָם קען אים ברענגען ווייסט ניט דער גרעסטער שווימער... עלטערן ווילן געוויס וואָס בעסער פאַר קינדער. דער שיקזאַל איז דער בעסטער אָנפירער פון לעבן. אַלזאָ, שוואָגער אברהם, ווען דו האָסט גערעדט, האָב איך דיך גוט פאַרשטאַנען. לעב ניט איבער פון דיין דבורהלען. איך האָב אַ האָפענונג, אַז זי וועט זיין גליקלעך און איר וועט נאָך דערלעבן פון איר פיל נחת!... נאָר ניט פאַרלירן קיין האָפענונג!"

אברהם, דערהערנדיק דאָס, האָט באַקומען אַ בעסערע שטימונג. ער טראַכט: ווער ווייסט, אפשר האַנדלט זיך וועגן אַ פאַסנדע זאַך, וואָס קאָן זיין אַ גליק זאַך, ווי מאַניע זאָגט. דאָס איז דאָך ניט סתּם געזאָגט. ער ווענדעט זיך צו מאַניען און זאָגט:

„איך פאַרשטיי פון דיינע רייד, אַז עפּעס קומט ביי אייך פאַר וועגן דבורהן."

„יאָ, ליבער שוואָגער, פאַניע וועט דיר שוין וועגן אַלץ איבערגעבן און לאָמיר האָפן, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר הערן גוטע נייעס. דערווייל זייט רואיק, רעגט זיך ניט אויף."

אַזוי האָט זיך געענדיקט זייער געשפּרעך און זיך געווונטשן אַ רואיקע נאַכט.

אין שלאָפצימער פרעגט אברהם זיין פרוי:

„פּאַניע, זאָג מיר, וואָס הערט זיך עפּעס וועגן דבורהן?..."

„„יאָ, — ענטפערט זי, — וועגן דעם, וואָס איך האָב געהערט פון מאַניען, קאָן איך דיר איבערגעבן, אַז ביי זיי קומט אַריין אַ פּראָפעסאָר כירורג. ווי איך האָב געהערט, איז ער זייער אַ פיינער מענטש, ווייל מאַניע איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין. ער האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט אין דבורהן..."

„נו, וואָס זאָגט דבורה?" — פרעגט אברהם.

„איך האָב נאָך מיט איר פיל ניט גערעדט. לאָמיר האָפן, אַזוי ווי מאַניע האָט געגעבן אָנצוהערן, פאַרשטיי איך, אַז זיי זיינען זיך געפעלן, אין קעגנפאַל וואָלט מאַניע אַזעלכעס ניט גערעדט."

אויף צומאָרגנס,ביים פרישטיק, זיינען אַלע שוין געווען מער אויפ־געלייגט. זיי רעדן פאַרשיידנס, ניט דערמאָנענדיק קיין וואָרט וועגן דבורהן. מען עסט, מען טרינקט, מען דערציילט זיך וויצן, מען לאַכט. נפתלי, געזעגנענדיק זיך מיט זיין פרוי און די געסט, איז ער אַוועק געשעפטלעך. אברהם, אַרויסנעמענדיק אַ בוך פון זייער ביכער־שראַנק, איז אַריין צו זיך אין צימער לייענען. דבורה איז נאָך געווען ביי זיך אין צימער. זי האָט געהערט, ווי אירע עלטערן מיטן פעטער און דער מומע האָבן ביי פרישטיק גוט פאַרבראַכט, וואָס האָט איר פאַרשאַפן אַ גוטע שטימונג. ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט איר די מומע צוגעגרייט אַ פרישטיק, געווונטשן אַ גוטן אַפּעטיט און אויך אַוועק דערליידיקן, וואָס זי האָט געהאַט נייטיק אין איר ווירטשאַפט.

דבורה האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן זייגער און געטראַכט, אַז ס'איז שוין 10 אַ זייגער. זאָל די צייט אַוועק וואָס שנעלער!...

זי איז באַהערשט פון איין געדאַנק: וואָס וועט זיין, ווען ער וועט ניט איינשטימען נאָכצוקומען מיין אידייע? אפשר זאָל איך אים זאָגן, אַז איך בין פאַראינטערעסירט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, איידער וואָס־ווען, אָדער דערנאָך, ווען איך וועל הערן פון אים, אַז ער טראַכט וועגן מיר ערנסט? און אפשר גאָר איבעררעדן מיט דער מומע, כדי זיי זאָלן וויסן וועגן מיין אידייע.

אין דעם מאָמענט איז די מומע אַריינגעקומען און באַמערקט, אַז דבורה איז פאַרטראַכט, פרעגט זי איר וועגן וואָס זי טראַכט.

„מומע, דו האָסט ריכטיק באַמערקט. איך וויל זיך מיט דיר מיישב זיין. איך גלויב, אַז דו ווייסט דערפון, אַז איך ציל צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. מיינע עלטערן האָבן פיל איבערגעלעבט און איך גלויב, אַז זיי

לעבן נאָך איבער, אָבער מיין באַשלוס איז אַ פעסטער. ווי איך פאַרשטיי, איז דער פּראָפעסאָר פאַראינטערעסירט אין מיר. אַלזאָ, מומע, קאָן איך ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אויב ער וועט זיין קעגן מיין באַשלוס!...״

„דבורה, איך בין דיר געוויס אַ גוטע פריינדין. הער זיך צו צו מיין געדאַנק: ווען ס׳וועט האַלטן ביי דער פראַגע וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל, גלויב איך, אַז פּראָפ. בורשטיין וועט ניט זיין דאַקעגן, ווייל איך ווייס זיין באַנעמונג צו ארץ־ישראל. אַזוי אַרום, גלויב איך, אַז ביים איצטיקן מאָמענט איז ניט כדאַי די פראַגע צו באַרירן. איך גלויב, אַז ס׳וועט האַלטן דערביי, וועט ער געוויס זיין דערפאַר.״

מיט דעם האָט די מומע איר באַרואיקט.

צום מיטאָג איז געווען איינגעלאַדן זייער זון מיט דער פרוי, ווי אויך אייניקע גוטע באַקאַנטע. מען האָט זיך געמיטלעך אונטערהאַלטן, אַזוי אַרום איז ניט אויסגעקומען רעדן וועגן וויכטיקע פּראָבלעמען. נאָך מיטאָג איז יעדער אַוועק אָפּרוען זיך. די שוואָגערס אברהם מיט נפתלין זיינען אַריינגעגאַנגען פאַרענדיקן די שאַך־פּאַרטיע. פאַניע איז בייגעזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ זשורנאַל. מאַניע איז אַוועק איינקויפן פּראָדוקטן, פּרוכטס. דבורה האָט זיך צוגעגרייט אין דערוואַרטונג פון פּראָפ. בורשטיינס קומען. זי איז געווען פאַראינטערעסירט מיט אים זיך טרעפן, לויט די מומע האָט איר פאַרגעשטעלט אים אַלס ציוני, וואָס דאָס האָט איר גרויס מוט און האָפענונג געגעבן, אַז פריער צי שפּעטער וועט איר טרוים פאַרווירקלעכט ווערן...

די צייט האָט זיך גערוקט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — ס׳איז שוין 6. זי איז אַריין אין באָד־צימער, זיך אָפּגעפרישט, די פריזירערין האָט איר געמאַכט אַ שיינע פריזור, די מאַסאַזשיסטין — אַ מאַסאַזש. זי איז געוואָרן פיל ייִנגער, אויסגעזען ווי אַן אַכצן יאָריקע פריילין. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שיין וויזיט־קלייד, און געווען גרייט צו גיין אויפן קאָנצערט.

פּראָפ. ב. אין דערוואַרטונג אויפן מאָרגנדיקן קאָנצערט, האָט די נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן, טראַכטנדיק וועגן דבורהן, ניט ווויסנדיק איר מיינונג וועגן אים... די צייט איז פאַר אים געווען לאַנגווייליק, טראַכטנדיק: פריער קומען — פּאַסט ניט, ד. ה. אַרויסווייזן מיין שוואַכקייט. מען דאַרף זיך קאָנען באַהערשן. אַרויסווייזן צופיל איבערגעגעבנקייט קאָן אַמאָל שאַטן ברענגען!... טראָץ דעם איז ער געקומען פריער. פרוי ראָזענפעלד האָט אים זייער פריינטלעך אויפגענומען, אַריינבעטנדיק אים אין סאַלאָן,

ווו דבורה איז געזעסן און געלעזן אַ בוך. פּראָפּ. ב. האָט זיך העפלעך מיט איר באַגריסט און געפרעגט וואָס זי לעזט.

„פרידריך ניטשעס פילאָסאָפיע.״ — האָט געענטפערט דבורה.

„פילאָסאָפיע איז זייער אינטערעסאַנט. נאָך מער פאַר די, וואָס פאַר־מאָגן פון דער נאַטור די פעיקייטן.״

אַזוי איז צווישן זיי פאַרבונדן געוואָרן אַ געשפּרעך, ביז ס׳איז געקומען די צייט. זיי האָבן זיך געזעגנט. די מומע האָט זיי געווונטשן גוט פאַר־ברענגען און זיי זייגען אַוועק.

אויפן קאָנצערט האָבן זיי זיך גוט געווײלט. דאָך האָט זיין האַרץ געצווייפלט, ניט וויסנדיק, וואָס זי טראַכט וועגן אים. ווען ער זאָל וויסן, אַז זי איז אַזוי פאַרליבט, ווי ער, וואָלט ער געווען גליקלעך. ער וואַרט מיט אומגעדולד, ס׳זאָל שוין זיין אַ פּויזע, כדי זיך עפּעס קאָנען דערוויסן, וואָס זי טראַכט?

זייענדיק פאַרנומען מיט די געדאַנקען, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קלונג און די פּויזע האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט איר איינגעלאַדן אין בופעט, געטראַקטירט, פאַרוואָס זי האָט אים באַדאַנקט.

ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי זיך אויסגעטוישט מיט די געדאַנקען, צווישן וועלכע פּראָפּ. ב. האָט איר געפרעגט, ווי קוקט זי אויפן לעבן? זי האָט אים געענטפערט, אַז דאָס לעבן זעט אויס, ווי מען קוקט און ווי מען פירט זיך. יעדער פירט עס לויט זיינע פעאיקייטן. אַמאָל אויך, לויטן מזל!... פון לעבן דאַרף מען צופיל ניט פאַרלאַנגען. דער מענטש דאַרף שטרעבן צו דעם, וואָס זאָל דערהייבן זיין גייסט!...

די פּויזע האָט זיך פאַרענדיקט און זייער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן.

זיצנדיק ווידער אין זאַל בעת דעם קאָנצערט, טראַכט ער וועגן אירע רעאַלע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, וואָס זאָגן פיל... אָבער וואָס זי מיינט דערמיט האָט ער ניט געקאָנט באַגרייפן. ער טראַכט: ער וועט זיך מוזן אָנשטרענגען, כדי איר צו פאַראינטערעסירן זי זאָל זיינע בלייבן... מיט דעם האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט.

דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט. ער האָט איר באַגלייט אַהיים, צווינטשנדיק אַ גוטע און רואיקע נאַכט, פרעגנדיק, אויב איר איז אַנ־גענעם, וועט ער קומען מאָרגן 8 אָוונט, אויף וואָס זי האָט אים פריינטלעך געדאַנקט פאַרן קאָנצערט און, וואָס אַנבאַלאַנגט זיין קומען, האָט זי אים געענטפערט: „מיט פאַרגעניגן!״

אַהיימקומענדיק און ליגנדיק אויפן געלעגער, האָט ער ווידער וועגן איר געטראַכט: ווי זאָל ער צוגיין צום ענין, אַז ס׳זאָל זיין לאַגיש און גלייכצייטיק ניט אָנוואָרפן זיך. און אפשר אַריינגיין פריער צו יוספן (פראָפ. קאַפּלאַן) באַראַטן זיך. ער איז דאָך אַ קלוגער און פּראַקטישער מאַן. אַזוי האָט ער באַשלאָסן, אויפשטיין פרי און צו אים אַריינגיין, אָפּנ־האַרציק אַלץ דערציילן. ער וועט מיר אַן עצה געבן וואָס צו טאָן? אין דער פרי איז ער אַריינגעקומען צום קאָלעגע (פּראָפ. ק.).

יוסף האָט מיט באַוווּנדערונג געפרעגט זיין קאָלעגע די סיבה פון זיין אומגעריכטן קומען, אויף וואָס אהרן (פּראָפ. ב.) האָט אים גע־ענטפערט:

„ס׳איז דאָ ביי מיר אַ פּראָבלעם, וואָס איך וויל זיך מיט דיר באַראַטן.״

„דערצייל, מיט פאַרגעניגן וועל איך דיך אויסהערן און געבן אַן עצה.״

„ווען דו, יוסף, ביסט צו מיר געקומען אָנזאָגן וועגן דיין ראָזעלעס טעכטערלס געבורט, נאָך דיין אָוועקגיין, איז מיר אָנגעקומען אַן איינ־לאַדונג פון מיינע אַ גוטע באַקאַנטע, איך זאָל קומען אויף אַ וויזיט. זייענ־דיק ביי זיי, האָבן זיי מיך באַקאַנט מיט אַ קרובה. די פריילין, וועלכע איז געקומען פון פ. זי איז אַ שיינע, סימפּאַטישע, מיט הויכע בילדונג. זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. איר מומע קאָן איך שוין פון לאַנג. וואָס מאַכט מען, כדי זיך ניט אָנוואָרפן און מען זאָל מיך אָנערקענען. דו ווייסט דאָך, יוסף, אַז קיין דאָקטער קען זיך זעלבסט ניט היילן!...״

„איך פאַרשטיי פון דיינע רייד, אַז דו ביסט שטאַרק פאַרליבט. ווען מען איז פאַרליבט מוז מען האָבן געדולד, ניט אַרויסווייזן צופיל, ווייל ס׳קאָן שאַפן אַן אָפּשטויסנדן געפיל... און איצט, אהרן, דערצייל מיר, ווי זי אָנערקענט די באַקאַנטשאַפט מיט דיר, וואָס דאָס איז דאָס וויכטיק־סטע, אויב דו האָסט עס באַמערקט. דאַן קאָן מען פאַרשטיין, ווי דו דאַרפסט זיך האַלטן. לויט, ווי דו שילדערסט איר, נעם איך אָן, אַז אויף איר דאַרף ווירקן איר מומע, ווייל זי קאָן דיך ניט. פאַרשטיי איך, אַז דו דאַרפסט רעדן מיט איר טאַנטע און ניט פאַרמאַסקירט זיין, ווייל אין דעם פאַל איז דאָס ניט דורך דיין באַקאַנטשאַפט. אַלזאָ דאַן וועסטו קומען צו אַ פאַר־שטענדיקונג. איך גלויב, אַז דו האָסט געמאַכט אויף איר אַ גוטן איינדרוק, ווי דו קאָנסט אויף יעדן מאַכן. דיין באַרוף קאָן דיר דערצו פיל מיט־העלפן. און זיי ניט, אהרן, צעטרודערט, איך זע דאָס אין דיין פּנים...״

„איך זע, אַז מיין קומען צו דיר וועט מיר נוצן ברענגען.״

„איך וועל זיין צופרידן, ווען מיין ראַט וועט דיר ברענגען נוצן.״

מיט דעם האָבן זיי פֿאַרענדיקט דעם געשפּרעך. ביים געזעגענען זיך, האָט אהרן האַרציק געדאַנקט יוספן פֿאַר זיין גוטן ראַט און אַוועק אַן אויפגעלייגטער. ער טראַכט, אַז ער וועט טעלעפֿאָנירן צו פרוי ראָזענ־פעלד, בעטן איר זי זאָל זיך באַמיען קומען צו אים, ווען מעגלעך, היינט פֿאַרמיטאָג. נאָכן טעלעפֿאָן־געשפּרעך האָט פרוי ראָזענפעלד זיך געוווּנ־דערט, וואָס עס האָט באַוויגן פּראָפ. ב., אַז ער זאָל איר פּלוצים איינלאַדן? טראַכט זי: קומענדיק צו אים, וועל איך שוין וויסן...

ווען פרוי ראָזענפעלד איז געקומען צו אים, האָט ער איר מיט גרויס אַכט אויפגענומען. זיין פּנים איז געווען עטוואָס אויפגערעגט, דאָך האָט ער זיך געהאַלטן און דערלאַנגט צום טיש כיבוד און ס׳האָט זיך ביי זיי געשאַפֿן אַ געמיטלעכע שטימונג.

און אַזוי, זיצנדיק ביים טיש און פֿאַרברענגענדיק, זאָגט ער:

„פרוי ראָזענפעלד! איך האָב מזל, וואָס איך האָב זיך באַקאַנט מיט אייער פּלימעניצע.״

זי, דערהערנדיק די ווערטער, האָט זיך באַרואיקט, פֿאַרשטייענדיק, אַז ער איז פֿאַראינטערעסירט אין דבורהן. זי טראַכט: מען דאַרף רעדן צו דער זאַך און זי ענטפֿערט אים:

„אַז מען האָט מזל, איז זייער גוט! איך מוז אייך, הער פּראָפעסאָר, באַמערקן, אַז אַזאַ פריילין, ווי מיין פּלימעניצע, איז טאַקע, ווי איר זאָגט, „מזל״! ווער ס׳וועט התונה האָבן מיט אַזאַ פריילין, וועט גליקלעך זיין!״

פּראָפ. ב., טראַכטנדיק, וואָס ער זאָל איר אויף דעם ענטפֿערן, זאָגט:

„פרוי ראָזענפעלד! אָט וואָס איך וויל אייך באַטאָנען: אַמאָל און היינט. אַמאָל איז געווען אָנגענומען, ווען מען האָט געהאַלטן טאָן אַ שידוך, זיינען די עלטערן פֿוןביידע צדדים פֿאַראינטערעסירט געווען, אַדורכ־רעדנדיק זיך, זיינען זיי איינפֿאַרשטאַנען געוואָרן. איז עס געווען גוט אָדער שלעכט, האָט די צייט באַוויזן. היינט, ווען מען באַקאַנט זיך מיט אַ פריילין, וואָס זי אינטערעסירט דיך, ווייסט מען ניט, ווי צו האַנדלען, ווייל מען קאָן איר ניט. באַזונדערס, אַז מען איז שוין אין די יאָרן, וואָס מען האָט שוין ניט אַזוי פיל געדולד, ווי מען זאָגט, צו שפּילן ליבעס... אַלזאָ, פרוי ראָזענפעלד, מיט אייך דאַרף מען דאָך ניט פיל זיך אָנשטרענגען, כדי איר זאָלט פֿאַרשטיין דעם צווייטן...״

„איך פֿאַרשטיי אייך, הער פּראָפ. דער ענין איז אַ קאָמפּליצירטער, ווייל יעדער איינער פֿאַרשטייט אַנדערש. אויב מיר האַלטן ביי דעם ענין,

מוז איך אייך באַקאַנט מאַכן אָט וואָס: מיין פלימעניצע איז אַן אידעאַ־ליסטין, אַ ציוניסטין, וואָס וויל העלפן אויפבויען אונדזער לאַנד. דער עיקר איז איר איינציקער אידעאַל — ארץ־ישראל. איך ווייס דאָס, אַז פון דעם איז דער ענין אָפּהענגיק. איך ווייס, אַז איר זייט אויך אַן אָב־הענגער פון ציוניזם, אָבער אויף וויפל אייער שטרעבונג איז, אַנטשולדיקט מיר, ווייס איך ניט. דעריבער זאָג איך, אַז דער ענין איז קאָמפּליצירט. איך פאַרשטיי, אַז איר זייט פאַראינטערעסירט מיט מיין פלימעניצע. דאָסגלייכן, קאָן איך אייך באַקאַנט מאַכן אָן סודות, אַז ווען איר, הער פּראָפ. זייט פאַראינטערעסירט צו שאַפן אַ פאַמיליען־לעבן אין אייגן לאַנד, קאָן דער פּראָבלעם געלעזט ווערן אָן שוועריקייטן. טראָץ דעם, וואָס איך בין ניט די מוטער, ווייל מיין פלימעניצע רעכנט זיך מיט מיר. דעריבער האָב איך זיך גענומען די איניציאַטיוו צו לייזן אייער געמיינזאַמען וווּנטש.״

„פרוי ראָזענפעלד, איך פאַרשטיי אַלץ, ווייל איר רעדט אָפנהאַרציק. אייער פלימעניצע געפעלט מיר. איך האָב געטרוימט צו טרעפן אויף מיין לעבנס־וועג אַ באַגלייטערין מיט אַזעלכע מעלות. וואָס שייכות מיטן געדאַנק וועגן בויען דאָס לעבן אין ארץ־ישראל, איז פאַר מיר אַ גאַנץ נייער פּראָבלעם. איך זאָג ניט, אַז ס׳איז אוממעגלעך. ס׳קאָן געבראַכט ווערן אַזאַ געדאַנק און מיט צופרידנהייט אים באַהאַנדלען, דאָך איז עס פאַר מיר אַ סענסאַציע, ווי אויך אַ לעבנס־פראַגע. אַלזאָ, פרוי ראָזענפעלד, וואָס די צייט קאָן ברענגען, קען דער גרעסטער חכם ניט פאָרויסזאָגן... איך דאַנק אייך האַרציק פאַר אייער פאַראינטערעסירונג און איך האָף, אַז עס וועט גוט זיין. אַ הערצלעכן גרוס פאַר פריילין שניידערמאַן. איך האָב איר נעכטן צוגעזאָגט קומען 8 אָוונט צו גיין צו דער אָפּערע״.

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפּרעך. ער האָט איר האַרציק געדאַנקט פאַר איר באַזוך און זי איז אַוועק אַן אומצופרידענע. פרוי ראָזענפעלד, אַהיימגייענדיק, האָט אַלץ פונסניי באַטראַכט וואָס ער האָט איר דערקלערט און איז געקומען צום באַשלוס, אַז פאַרלויפיק וועט זי וועגן דעם ענין ניט רעדן, ביז ס׳וועט ניט קומען צו מער קאָנקרעטעס.

אַהיימקומענדיק האָט זי דאָס שטוב־מיידל געהייסן גרייטן צום טיש. זיי האָבן געגעסן, גוט פאַרבראַכט, אָבער וועגן ענין בורשטיין — קיין וואָרט ניט דערמאָנט. דבורה איז געווען אין אַ גוטער שטימונג אין דער־וואַרטונג פון פּראָפ. ב.׳ס קומען.

פּראָפ. ב. האָט אַרויסגענומען פון פרוי ראָזענפעלדס רייד, אַז ער האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף פריילין שניידערמאַן. לויט, ווי זי

איז אַ פּאַטריאָטין, פאַרשטיי איך, אַז זי האָט שוין געהאַט אַ געשפּרעך מיט דער מומע יועגן דעם ענין. זיין האַרץ לעבט שטאַרק איבער, טראַכטנדיק, אַז ער האָט אַלע יאָרן געשטרעבט באַקאָנען אַ פריילין, וואָס זאָל ניט זיין אַן עגאָאיסטין. לאָמיר אָננעמען, אַז זי האָט אַ פעסטן באַשלוס לגבי ארץ־ישראל און זי פאָרט אַוועק, ווי וואָלט איך זיך דאַן געפילט?... גוט? — ניין! איך וואָלט שטאַרק חרטה געהאַט!... אַזוי מוז איך זיך פאָרשטעלן, דאַן קאָן איך קומען צו אַ ריכטיקן באַשלוס. אַזוי טראַכטנדיק האָט ער באַשלאָסן אָנפרעגן ביי זיין קאָלעגע יוסף צי קאָן ער קומען? האָט ער אים געענטפערט, אַז ביי יעדער צייט איז ער גרייט אים אויפנעמען. פּראָפ. ב. איז גלייך געקומען צו אים, זאָגנדיק:

„קאָלעגע יוסף, איך בין דיר זייער דאַנקבאַר פאַר דיין גוטע עצה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן. איך האָב אַרויסגערופן פרוי ראָזענפעלד, מיט איר גערעדט אָפנהאַרציק, וויסנדיק, אַז פריילין שניידערמאַן איז אַ גאַסט, דאַרף מען שנעל האַנדלען, כדי דערוויסן זיך, וואָס זי דענקט. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער: די פריילין האָט אַ פעסטן באַשלוס צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. וואָס מאַכט מען? ווי איך פיל שטייט פאַר מיר אַן ערנסטער פּראָבלעם!"

„אהרן, פאַל ניט אַריין אין פּאַניק! באַטראַכט די זאַך לאָגיש. ערשטנס, לאָמיר זאָגן, זייט איר איינע די צווייטע געפעלן, נאָר וואָס, זי וויל דורכאויס פאָרן קיין ארץ־ישראל, פאַרשטיי איך, אַז ס׳דאַרף ניט זיין ביי דיר קיין אָפּהאַלט. דו ביסט דאָך אַ ציוניסט און אַ כלל־טוער, פאַרוואָס זאָלסטו זיין קעגן דעם? צווייטנס נעם איך אַרויס, אַז די פריילין איז אַן ערנסטע, ווייל זי שטאַמט פון רייכע עלטערן. דאָס באַווייזט, אַז זי איז אַן אידעאַליסטין. דאַרפסטו ניט מאַכן קיין שוועריקייטן. אַזוי האַלט איך. נו, ווי טראַכסטו, אהרן?"

„זאָגנדיק דיר דעם אמת, יוסף, האָב איך שוין געטראַכט פאַרשיידנס. אָבער מיינע געפילן לאָזן מיך ניט רוען. איך בין אַנטציקט פון איר מענטשלעכקייט און טיפזיניקייט!..."

„אַלזאָ, אהרן, איז אין וואָס באַשטייט דיין אָפּהאַלט? אמת דאָס לעבן איז דאָרט שווערער. שטעל זיך פאָר: וואָס וועט זיין פאַר דיר בעסער? זיין אין שווייץ און לעבן איינזאַם אין האָטעל־צימערל אָן באַקוועמלעכקייטן, אָדער האָבן פאַר זיך אַ לעבנס־באַגלייטערין, ווי דו שטעלסט פאָר. קאָן דען זיין פאַר דיר אַ גרעסער גליק?!... איך שטעל זיך פאָר, אַז מיט אַזאַ פריילין וועסטו זיך קיינמאָל ניט אַנטוישן!... איך האַלט, אַז דו דאַרפסט

ניט איבערטראַכטן. מעגסט מאַכן אַ פּרווו, שטעלן די פראַגע. מעגלעך דיר וועט זיך איינגעבן איר איבערצייגן.״

„איך צווייפל, ס׳ווייזט מיר אויס, אַז ס׳וועט זיך מיר ניט איינגעבן.״

„אהרן! אויב דו פילסט און פאַרשטייסט, איז דאָך איבעריק וועגן דעם צו רעדן. נאָך אַ זאַך, אויב אַזוי, מוזסטו אַרויסווייזן אין דעם פאַל מער פּאַטריאָטיזם, ווייל איך פאַרשטיי פון דיינע רייד, איז אַ פאַקט, אַז דו טאַרסט אַפילו ניט מאַכן אַ פּרווו, ווייל מיט דעם וועסטו זיך קליין מאַכן. דאָס איז אַ דעליקאַטע פראַגע. מיט אַזאַ פריילין מוז מען פאַרשטיין, ווי צו האַנדלען. איר ביידע וועט זיך איינאָרדנען און דו וועסט זיך פילן גליקלעך. איר השפעה וועט דיר ברענגען גליק. יאָג זיך ניט נאָך דעם עגל הזהב, צוליבנס פאַרשטיי איך, אַז אירע עלטערן וועלן אין דעם פאַל לאָזן זיך קאָסטן. און דו ביסט דאָך אויך, ווי מען זאָגט, ניט אָן מעגלעכקייטן צו שאַפן אַן עקזיסטענץ. און דיין פּראָפעסיע וועט דיר אַרויסהעלפן אין דיין צוקונפט. זיי מער ענערגיש און מוטיק, וואָס עס פאָדערט זיך פון יעדן איינעם, וואָס שטרעבט שאַפן אַ פאַמיליען־לעבן. איך פאַרשטיי דיך, אהרן, ווייל אין דיינע יאָרן, איז אָנשטרענגענד די ערשטע צייט. שפּעטער וועסטו זיך פילן פיל בעסער.״

אהרן, אויסהערנדיק זיין קאָלעגע, ענטפערט:

„יאָ, יוסף, דו פאַרשטייסט מיך גוט. איך נעם דאָס צו קענטעניש, פאַרוואָס איך דאַנק דיר זייער פאַר דיין אינטערעסירונג אין מיין צוקונפט.״

ער האָט זיך מיט זיין קאָלעגע האַרציק געזעגנט און אַ דערמוטיקטער אַוועק.

קומענדיק צו זיך אין האָטעל־צימער, אַ בליק געבנדיק אויפן זייגער, זאָגט ער צו זיך: איך מוז זיך אָפּפרישן, מאַכן דעם טואַלעט, כדי צו קומען צו דער צייט.

דבורה, זייענדיק ביי איר קוזין, האָט גוט פאַרברענגט, זיך געפילט מוטיק, דאָך האָט זי געטראַכט פון פראָפ. ב. אין פאַל, ווען ער וועט מיר פאַרשלאָגן בלייבן אין שווייץ, וואָס זאָל איך אים ענטפערן? אמת, ער געפעלט מיר, אויך איז ער פּאַסנד מיט די יאָרן, זיין פּראָפעסיע, זיין באַנעמונג, וואָס איז זייער וויכטיק. אָבער מיין אידייע לאָזט מיך ניט נאָך. זי טראַכט: מענטשן לאָזן זיך מקריב זיין פאַר אַן אידייע! איך מוז אויך אים ווירקן, אָבער ס׳איז דאָך אַמבאַלאַנגט פון זיין כאַראַקטער. דאָס וועט מיר די צייט איבערצייגן. ווידער וואָס ברויך איך אַזויפיל טראַכטן?

אַלעםפאַלס האָב איך גאָרניט פאַרשפעטיקט. קומענדיק צוריק אַהיים וועל איך דורכמאַכן מיין הכשרה און פאָרן...

דבורה האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אויסרעכענענדיק, אַז פראָפ. ב. דאַרף קומען, האָט זיך מיט זיי געזעגנט, באַדאַנקט פאַר דער גוטער אויפנאַמע און אַוועק אַהיים.

קומענדיק אַהיים, איז זי אַריין צו זיך אין צימער צוגרייטן זיך צו גיין אין דער אָפּערע. אין דער זעלבער צייט איז פראָפ. ב. אַריינגעקומען אַ צופרידענער, באַגריסנדיק זיך מיט פרוי ראָזענפעלד, ווי אויך מיט דבורהס עלטערן. זיי האָבן אים זייער פריינטלעך אויפגענומען. ער האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. דער פאָטער האָט זיך מיט אים אונטערהאַלטן, פרעגנדיק וועגן זיינע עלטערן, ברידער, שוועסטער, קרובים, אויף וואָס פּראָפ. ב. האָט אים געענטפערט:

„הער שניידערמאַן, מיינע עלטערן האָב איך, ליידער, פאַרלוירן פאַר מיין בר־מצווה. אַ ברודער און אַ שוועסטער האָב איך אין אַמעריקע. דאָ פאַרמאָג איך גוטע פריינט, וואָס מען קאָן זיי פאַררעכענען, ווי אייגענע. אַדאַנק מיין ברודער און שוועסטער בין איך דערגאַנגען צו מיין קאַריערע, עס פעלט מיר גאָרניט, אַ חוץ, צו צייטן די איינזאַמקייט!...״

„הער בורשטיין, איך למשל האָב זיך ניט געקאָנט צופּאַסן, ווייל איך האָב איינגעזען, אויב אַ פריילין איז ניט פּאַסנד, איז גלייכער צו לעבן איינזאַם. דאָך מוז איך באַמערקן, אַז דאָס איינזאַמע לעבן איז ניט אָנגענעם, ווי אויך פאַרשווענדעריש. האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל באַקענען אַ פריילין, וואָס וועט אָנטשפּרעכן מיין ווּנטש, וועל איך מיין גורל מיט איר פאַרבינדן. אַזוי איז מיין הייראַט פאָרגעקומען אומגעריכט און מיר לעבן צופרידן.״

פּראָפ. ב., אויסהערנדיק הער שניידערמאַנען, טראַכט: ס׳איז גאָר מיין בילד!... און פרעגט אים צי ער פאַרמאָגט נאָך קינדער?

„מיר האָבן נאָך 5 זין, פון וועלכע 4 זיינען פאַרהייראַט און גוט סיטואירט, אַדאַנק מיינע פעיקע שניר, וואָס שטאַמען פון רייכע, פיינע עלטערן, וועלכע העלפן זייערע מענער אין די געשעפטן און לעבן אַ גליק־לעך לעבן.״

אין דעם מאָמענט איז דבורה אַריינגעקומען פון איר צימער אָנגעטאָן אין אַ שיין וויזיט־קלייד, די האָר פאַרקעמט אין אַ שיינע מאָדערנע פריזור, באַגריסנדיק זיך מיט פּראָפ. ב. ער האָט איר באַטראַכט, דענקענדיק: אין וואָס זי זאָל זיך ניט אָנטאָן, קליידט עס איר גוט. ווי סימפּאַטיש און

עלעגאַנט זי זעט אויס!... זיין האַרץ ווערט אים באַהערשט פון ליבשאַפט צו איר. אין דער זעלבער צייט טראַכט ער: צי זאָל ער באַשליסן פאָרן?... ווער ווייסט צי איך וועל קאָנען שאַפן דאָרט אַן עקזיסטענץ? אָדער גאָר אַוועקגיין פון דעם פאַל? און ווער ווייסט צי איך וועל אין מיין לעבן נאָך טרעפן אַזאַ פריילין?... ער טראַכט: מען קאָן דאָך משוגע ווערן! אָדער לאָזן, ווי ס׳גייט. ניט נעמען זיך צום האַרץ, זען, וואָס די צייט וועט מאַכן. מיט דעם האָט ער געשטילט זיין פאַרבענקט האַרץ. דערביי באַמערקט ער, אַז פריילין שניידערמאַן איז אויך ניט אויפגעלייגט. ער וויל אָנפאַנגען רעדן וועגן דעם ענין, אָבער אונטערוועגנס פּאַסט דאָך ניט. אַזוי זיינען זיי אָנגעקומען אין טעאַטער אויף אַן אָפּערע, פאַרנעמענדיק זייערע פלעצער. טראָץ דעם, וואָס זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט מיט דער אָפּערע, דאָך האָט זיך צווישן זיי געפילט אַן אומצופרידנהייט, ניט וויסנדיק איינע פון די צווייטע די סיבה. אַזוי איז אַדורך די צייט. די אָפּערע האָט זיך פאַרענדיקט. ער האָט איר אָפּגעפירט אַהיים. קיין איבעריקס ניט גערעדט. זי טראַכט, זיין שטימונג האָט זיך ביי אים געענדערט. ער פילט, אַז זי איז אויך אומצופרידן. ניט ער פרעגט איר און ניט זי אים...

פאַרן הויז האָט ער זיך מיט איר געזעגנט, צווינטשנדיק אַ רואיקע נאַכט, געבעטן דערלויבעניש איר באַזוכן מאָרגן, אויף וואָס זי האָט צוגע־שטימט און אים געדאַנקט פאַר דער אָפּערע און ער איז אַוועק אַהיים.

זי טראַכט: וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען? ניט ער מאַכט אַ פאָר־שלאָג. ער שאַפט מיר נאָר איבערלעבונגען. ענדלעך איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי מוז רעדן מיט דער מומע. די נאַכט איז געווען ביי איר אַ שלאָפלאָזע. זי האָט געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל וואָס שנעלער אַריבער. אויף צומאָרגנס איז זי אויפגעשטאַנען פריער, ווי געוויינלעך. אירע עלטערן האָבן אין דער זעלבער צייט גערעדט צווישן זיך, אַז הער בורשטיין זעט אויס צו זיין אַ פיינער מאַן. ווי ס׳ווייזט אויס, איז ער פאַר־אינטערעסירט. ער באַזוכט איר, נעמט איר אויף קאָנצערטן און זיין באַנעמונג צו איר איז ערנסט.

„איך וועל רעדן מיט מאַניען וועגן דעם ענין. זי האָט געוויס גערעדט מיט אים וועגן דבורהן״ — האָט די מוטער געזאָגט.

„פאַניע, ווען מאַניע וואָלט געוווסט עפּעס נייעס, וואָלט זי אונדז געזאָגט. אַלזאָ מוזן מיר וואַרטן״ — זאָגט דער פאָטער.

אויך ביי די עלטערן איז די נאַכט אַריבער ניט רואיק, אויפשטייענדיק

אין דער פרי ניט אויפגעלייגט, האָט מאַניע באַמערקט, אַז אברהם מיט פאַניען זייַנען פאַרטראַכט, פאַרקלעמט. טראַכט מאַניע: פרעגן זיי? אָדער לאָזן, אַז זיי זאָלן אָנפאַנגען רעדן. אַזוי איז אַריבער דער טאָג. ניט פאַניע, ניט מאַניע האָבן באַרירט דעם ענין. אויך דבורה איז געווען ניט אויפֿגעלייגט. נאָכן פרישטיק איז זי אַוועק צום קוזין.

די קוזינע איז געווען צו איר זייער פריינטלעך. זי האָט זיך מיט איר אונטערהאַלטן, ביז דער קוזין איז געקומען אויף מיטאָג.

די קוזינע האָט אָנגעקלונגען, אַז דבורה וועט ביי זיי זיין אויף מיטאָג. ביי דער געלעגנהייט האָט פאַניע געקאָנט אָדורכרעדן זיך וועגן דבורהן.

„מאַניע, ווי געפינסטו איין וועגן פראָפ. ב. ס'קאָן דערפון עפּעס זיין? אונדזער קומען איז דאָך דיר באַוווּסט, אַז עס איז פאַרבונדן מיט איר לאַגע. ס'וואָלט געווען גוט, דו זאָלסט מיט אים רעדן, ווייל דו האָסט אים אַרויסגערופן וועגן דבורהן. זע, שוועסטער, זיי פאַראינטערעסירט..."

„די זאַך איז אין גאַנג. איך האָף, אַז ס'וועט קומען צו אַ גוטן באַשלוס. גלויב מיר, פאַניע, אַז איך בין זייער פאַראינטערעסירט, ווייל איך פאַרשטיי אייערע איבערלעבונגען. זייט מוטיקער. האָפנטלעך, אַז אין גיכן וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג..." — ביי זיך טראַכט זי: ס'איז אַ שווערער פּראָבלעם, ווייל דבורה האָט זיך געהאַט אַרויסגעזאָגט, אַז אין קיין פאַל וועט זי איר אידייע ניט ענדערן... אָבער מאַניע האָט איר שוועסטער וועגן דעם ניט געזאָגט, ווויסנדיק זייערע איבערלעבונגען. זי טראַכט: ס'וועט געוויס קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, ווייל, ווי ער האָט זיך פאַר מיר געהאַט אויסגעדריקט, אַז זי געפעלט אים...

פּראָפ. ב., זיצנדיק אין טעאַטער, אויף דער אָפּערע, האָט געהאַט באַמערקט די ענדערונג פון פריילין שניידערמאַנס האַלטונג, האָט ער געטראַכט, אפשר האָט פרוי ראָזענפעלד איר איבערגעגעבן זיין געשפּרעך?... טראַכט זי וועגן מיר גאַנץ אַנדערש!... אָבער דבורה האָט אַבסאָלוט ניט געוווּסט, ווייל די מומע האָט איר וועגן זיין געשפּרעך ניט איבערגעגעבן. זיין טראַכטן האָט ביי איר אַרויסגערופן פאַרשיידענע קאָמענטאַרן. אַדאַנק דעם, איז ביי איר פאַרגעקומען אַ מיספאַרשטענדעניש. אויך פּראָפ. ב. האָט צוליב איר „מיספאַרשטענדעניש" געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט.

פּראָפ. ב., אויפשטייענדיק אין דער פרי, האָט אָנגעקלונגען צום קאָלעגע, אויב ס'איז מעגלעך קומען צו אים? ער האָט אים געענטפערט: „מיט פאַרגעניגן"...

זיין קאָלעגע יוסף האָט אים, ווי געוויינלעך, זייער פריינטלעך אויפ־

גענומען, אויסהערנדיק זיינע לעצטע שטאַרקע איבערלעבונגען, זאָגנדיק, אַז לעצטנס איז ער פּשוט אויס מענטש... יוסף באַרואיקט אים זאָגנדיק:

„אהרן, איך וועל דיך באַרואיקן מיט אַ משל, וואָס איך האָב געהערט פון מיין זיידן ז״ל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און דערציילט דעם משל, וואָס לאָזט זיך צופּאַסן צו דיין איצטיקער לאַגע. נאָר פאַרשטיי מיר, אַז איך מיין דיין טובה. דער משל איז פאָלגנדער: אַמאָל איז געווען אַן איינזאַמער מאַן. ער האָט שווער געאַרבעט און געמאַכט אַ גרויסן קאַפּיטאַל. טראַכט ער: וואָס טוט מען, אַז אַ גנב זאָל אים ניט באַגנבענען? האָט ער איינגעפונען, אַז דאָס בעסטע וועט זיין קויפן ברילִיאַנטן און באַגראָבן זיי נעבן דער שטוב. ווי ער האָט געטראַכט, אַזוי האָט ער געטאָן. טאָג־טעגלעך פלעגט ער קאָנטראָלירן דעם סימן, וואָס ער האָט געמאַכט. איינמאָל קומט ער און זעט, אַז דער סימן איז ניטאָ... און געפינט אָנשטאָט ברילִיאַנטן — פּשוטע שטיינדלעך... דער־זעענדיק דאָס, איז אים שלעכט געוואָרן. וואָס טוט מען? איז ער אַוועק צו זיינעם אַ גוטן פריינט אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ. אויסהערנדיק אים, זאָגט אים זיין פריינט: איך האָב פאַר דיר אַן עצה. ווייסט וואָס? טראַכט דאָס זעלבע, אַז ביי דיר איז באַגראָבן די ברילִיאַנטן...״ ענטפערט אים דער געליטענער: „איך פאַרשטיי דיך ניט!״ „שאַ, באַרואיק זיך! דו האָסט דאָך פון דיינע ברילִיאַנטן קיין נוצן ניט געהאַט, נאָר וואָס? דו האָסט געוווּסט, אַז זיי זיינען באַגראָבן... אַלזאָ, טראַכט דאָס זעלבע!...״

אהרן (פּראָפ. ב.) האָט אויסגעהערט יוספס (פּראָפ. ק.) משל און האָט צוגעשמייכלט...

„אַזוי, אהרן, דאַרפסטו טראַכטן. דיין קליין צימערל, אין וועלכן דו לעבסט 20 יאָר, ווערסטו אין ארץ־ישראל געוויס האָבן. אַרבעט וועט דיר דאָרט אויך ניט פעלן. דיין קאַפּיטאַל קאָנסטו מיטנעמען. אַפילו, ניט אַרבעטנדיק, קאָנסטו מאַכן אַ שיין לעבן, ווייל דאָס לעבנס־מיטל איז דאָרט זייער ביליק. איז וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט, פאַרקלעמט? דערצו ווערסטו זיין מיט אַ קלוגע, גוטע לעבנסבאַגלייטערין, וואָס איז טייערער, ווי ברילִיאַנטן!... אַזוי פאַרשטיי איך. און דו, אהרן, טו, ווי דיין האַרץ דיקטירט דיר.״

אהרן האָט יוספן באַדאַנקט פאַר זיין קלוגן משל און גוטע עצה, האַרציק זיך געזעגנט מיט זיין קאָלעגע און אַוועק.

אַריינקומענדיק אין זיין צימערל, האָט ער גענומען אַ ביסל קאָניאַק, געמוטיקט זיך, געלייגט זיך אויפן געלעגער, און אַרומגעטראַכט זיין ענין,

וואָס אים שטייט פאָר? איינזאַם לעבן אָדער זיך פאַרבינדן מיט פריילין שניידערמאַן און פאָרן קיין ארץ־ישראל בויען געמיינזאַם דאָס לעבן...

ער האָט איינגעלאַדן פרוי ראָזענפעלד זי זאָל צו אים קומען.

פרוי ראָזענפעלד, באַקומענדיק זיין איינלאַדונג, האָט איר האַרץ גענומען קלאַפּן, טראַכטנדיק: וואָס איז ווידער געשען? איר האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס זי האָט דאָ געמאַכט... ליידער איז פאַרפאַלן... זי איז געקומען צום פּראָפ. ב., אים באַטראַכט, אַז ער איז אין אַ גוטער שטימונג, ניט ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. יעדע מינוט איז ביי איר געווען לאַנג־ווייליק...

„פרוי ראָזענפעלד, וואָס הערט זיך גוטס?"

„איר ווייסט דאָך, פּראָפּ. בורשטיין, אַז ווען מען קומט צו אַ חולה, פרעגט דער דאָקטער דעם חולה. איך פאַרשטיי אַנדערש. איך באַדאַרף ביי אייך פרעגן..."

„זייער לאָגיש, פרוי ראָזענפעלד, אַלזאָ, ווען מיר וועט באַקאַנט ווערן פריילין שניידערמאַנס באַשלוס, דאַן וועלן מיר באַהאַנדלען אונדזער גע־מיינזאַם פּראָבלעם."

„איך בין זייער צופרידן, ווען איך וועל האָבן אַן אָנטייל אין אייערביידנס גליק. פּראָפּ. ב., איך וועל אייך טעלעפאָנירן."

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער קורצן געשפרעך, זיך האַרציק געזעגנט און אַוועק אין אַ גוטער שטימונג.

מאַניע, אַהיימקומענדיק, באַמערקט פאַניע, אַז זי איז אין אַ גוטער שטימונג, דענקענדיק, אַז עפּעס גוטס האָט פאַסירט. זי וויל פרעגן, אָבער, דערמאָנענדיק זיך וואָס אברהם האָט איר געהאָט געזאָגט, אַז מען זאָל מאַניען ניט אָנשטרענגען מיט אונדזערע פּראָבלעמען, ווייל ס'מאַכט איר ניט קיין פאַרגעניגן. האָט זי פאַר אונדז גוטע נייעס, וועט זי געוויס וועלן אונדז דערפריידן.

פּלוצים קומט אַריין דבורה מיט אַ נייעס: זי האָט באַקומען אַ בריוו פון אַ חברטע, אַז זי פאָרט אין גיכן אָפּ קיין ארץ־ישראל און ווינטשט איר אין גיכן זיך צו טרעפן אין ארץ־ישראל."

„הלוואַי!" — האָט איר מומע געווונטשן...

קוקט פאַניע אויף איר שוועסטער מיט פאַרוווּנדערונג, טראַכטנדיק, וואָס זאָל עס באַדייטן? אין דעם מאָמענט באַמערקט מאַניע, אַז פאַניע לעבט איבער... באַשליסט זי אָנזאָגן איר די בשורה, אַז פּראָפּ. ב. האָט באַשלאָסן נאָכצוקומען דבורהס פאַרלאַנג, ד.ה. פאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווען פּאַניע האָט דאָס דערהערט, איז איר האַרץ פון פרייד איבערפולט געוואָרן. ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן, האָט זי אָנגעהויבן וויינען, אַז איר דבורהלע וועט ניט דאַרפן גיין אין אַ קיבוץ, ליידן נויט. זי האָט זיך ניט געגלויבט, וואָס זי הערט!... דערצו נאָך מיט אַזאַ וויכטיקן מאַן!

„איצט, מאַניע, פאַרשטיי איך דיר מיט דיין זאָגן „הלוואי״, און זאָל גאָט געבן מיר זאָלן דערלעבן זען, וואָס איך הער!...״

דבורה, אויסהערנדיק דער מומעס ווונטש, האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַן אָנזאָג צום גוטן. איך וועל מיט איר וועגן דעם ניט רעדן. זי טראַכט: אויב ס׳איז דאָ נייעס, וועט זי מיר געוויס איבערגעבן...

אין דעם מאָמענט איז די מומע אַריינגעקומען אין סאַלאָן, ווו דבורה איז געזעסן און געלעזן אַ בוך. זאָגט צו איר די מומע:

„דבורה, איך קאָן דיר איבערגעבן אַן אינטערעסאַנטן גרוס.״

דבורה האָט פון איר מומעס געשפּרעך פאַרשטאַנען, אַז צווישן איר מיט פּראָפ. ב. איז פאָרגעקומען וועגן איר אַ געשפּרעך. דבורה שווייגט, וואַרט די מומע זאָל פאַרזעצן:

„אין שווייץ, — זאָגט די מומע, — זיינען אויך פאַראַן אידעאַליסטן, וואָס שטרעבן פאַר דער זעלבער אידייע, וואָס דו. אַלזאָ, דערקלער איך דיר אָפן, אויב ער איז דיר געפעלן און דו דענקסט ערנסט וועגן אים, קאָנסטו מיר, ווי אַן אייגענע מומע אָפנהאַרציק זאָגן, דאַן קאָן מען דאָס מאַכן אָן שטערונגען, ווייל ער שטייט אין שפּיץ פון אַ געזעלשאַפט, וואָס קאָן שאַפן סערטיפיקאַטן. וואָס זאָגסטו דבורה, אויף דעם?״

דבורה, דערהערנדיק דאָס פון איר מומע, איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן, ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן פון אינערלעכער פרייד און ניט קאָנענדיק זאָגן „יאָ״ אָדער „ניין״.

„דבורה, איך פאַרשטיי דיך. ס׳איז אַן ערנסטער ענטפער. איך לאָז דיך באַטראַכטן און זאָלסט מיר געבן אַן ענטפער.״

די מומע האָט פאַרלאָזט דעם סאַלאָן מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן דערלעבן נחת פון איר.

אברהם איז אַריינגעקומען, באַמערקט ער, אַז זיין פרוי און שוועגערין זיינען אין אַ גוטער שטימונג און קוקן איינע אויף דער צווייטער מיט צופרידנהייט. טראַכט ער: פרעגן אָדער וואַרטן? ניט לאַנג וואַרטנדיק, זאָגט זיין שוועגערין מאַניע:

„ווייסט, מיין שוואָגער, ווי מען זאָגט, אַז גוטס קומט אומגעריכט.״

„גוטס, בין איך נייגעריק צו הערן״ — זאָגט אברהם.

„אברהם, ביסט דאָך פאַראינטערעסירט, אַז דיין דבורה זאָל חתונה האָבן?"

„מיט וועמען? — פרעגט אברהם מיט פאַרוווּנדערונג — און ווו וועלן זיי זיך איינאָרדענען?"

„מיט וועמען — איז דיר באַקאַנט. דער פערזאָן איז פראָפ. בורשטיין. אויף דיין פראַגע ווו? — דאָס איז זייער זאַך..."

„אַלזאָ, איך בין געוויס פאַראינטערעסירט, אַז אונדזער טאָכטער זאָל נעמען אַ וויכטיקן פערזאָן, ווייל זי איז דאָס ווערט. אָבער דאָס, וואָס דו, מיין שוועגעריך, זאָגסט וועגן איינאָרדענען איז זייער זאַך, איז עס מיר ניט אַזוי צום האַרץ, ווייל מיר פאַרמאָגן איין טאָכטער. מיר וואָלטן וועלן, אַז זיי זאָלן זיין ביי אונדז אין פ. איך וואָלט זיי איינגעאָרדנט אַ רעפּרע־זענטאַטיווע וווינונג. אַלס פּראָפעסאָר, קאָן ער אַנטוויקלען אַ גוטע פּראַק־טיק. מיר שטרעבן אין זיי זען גוטס, אָבער אויב זיי טראַכטן פאָרן קיין ארץ־ישראל, איז עס פאַר אונדז אַ האַלבע טרייסט..."

מאַניע, דערהערנדיק דאָס פון שוואָגער, פאַרשטייט, אַז ער איז אַ שטאַרקער קעגנער, וואָס זיי ווילן ניט זיין אין פ.

„דו ווייסט דאָך, מיין שוואָגער, אַז אַ טאָכטער האָט חתונה, האָט דער מאַן איבער איר די דעה. וואָס קאָן מען טון? אַזוי איז דער סדר פון לעבן. מען דערציט זיי, מען פלעגט זיי, ווי בלומען, אָבער פון די בלומען געניסן די, וואָס האָבן קיין מי געלייגט!... אַזוי, מיין טייערער שוואָגער, דאַרף מען טראַכטן. יעדער פאָטער־מוטער דאַרף עס פאַרשטיין, דאַן קען מען זיין צופרידן, ווי ס'מאַכט זיך. אַזוי פאַרשטיי איך. מיר פאַרמאָגן דריי טעכטער מיט איין זון, ווי דיר איז באַוווּסט. דיין שוואָגער נפתלי איז אויך געווען זייער אַן איבערגעגעבענער פאָטער. ער האָט געשטרעבט, אַז אַלע קינדער זאָלן זיין ביי אונדז אין שווייץ. דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט. זיי זיינען גליקלעך, אָבער מיר זען זיי ניט. נאָר פון הערן האָבן מיר נחת. איז וואָס טוט מען? דאַרפן עלטערן פאַרשטיין, אַז מיר לעבן פאַר זיי און ניט די קינדער פאַר אונדז. אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין!... די איינציקע באַפרידיקונג פון קינדער צו עלטערן איז, ווען קינדער פאַרשטייען און שאַצן אָפּ די עלטערנס מי און גיבן זיי אָפּ כבוד..."

פאַניע, אויסהערנדיק מאַניעס רייד, האָט באַטאָנט, זאָגנדיק:

„מיר זיינען עלטערן פון זעקס קינדער, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך ניט באַקלאָגן, אַז מיר האָבן חלילה אומכבוד פון זיי. מער ניט וואָס אונדזער

דבורה וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל און מיר עלטערן וואָלטן גערן געוואָלט איר חתונה מאַכן זיי זאָלן מיט אונדז זיין אין פ. און אויב זי וועט חתונה האָבן און באַשליסן פאָרן קיין ארץ־ישראל, גלויב איך, אַז אברהם וועט מסכים זיין און זי העלפן, ווי אַ פאָטער. צווייטנס, פאַר וועמען האָבן מיר צו טראַכטן ?... אונדזערע זין זיינען גוט סיטואירט. אַזוי אַרום דאַרף מען נאָר וויסן, ווי קוקט אויף דעם דבורה ? איך מוז דיר, אברהם, זאָגן אַזוי, ווי מאַניע זאָגט : בעסער צו הערן פון דערווייטנס גוטס, ווי חלילה פון דער נאָענטן שלעכטס !... אַזוי דאַרפן מיר אויך זיין איינשטימיק.״

אברהם זיצט און הערט, ווי זיין פרוי גיט אים אָנצוהערן, טראַכט ער : די גוטע מאַמע וואָלט שוין איינגעגאַנגען אויף דעם פּלאַן, אָבער ער רעדט ניט.

ווען נפתלי איז געקומען אויף מיטאָג, איז אַריינגעקומען מאַניע און פאַרבעטן די געסט מיטעסן. זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. דבורה איז ניט אָנוועזנד געווען. זי איז געווען ביים קוזין אויף אַ באַראַטונג, וועגן איר ענין. דער קוזין האָט איר אויסגעהערט און געענטפערט, אַזוי ווי ער קאָן אים, וואָלט ער געווען צופרידן, ווען זי באַשליסט. אָבער זאָגן קאַטעגאָריש, אַז זי זאָל צו דעם מסכים זיין, זאָגט ער ניט, ווייל יעדער, וואָס גייט מאַכן אַזאַ שריט, דאַרף אַליין דעצידירן, ווי זאָגט מען : „ביי מענטשן פרעג און טאָן זאָלסטו מיטן אייגענעם שכל...״

„אַלזאַ, מיין טייערע קוזינע, איך זאָג דיר, ווי איך וואָלט אין דעם פאַל געהאַנדלט. איך, למשל, ביז מיין הייראַט, האָב געהאַט פאַרשיידענע פּלענער, ווי אויך געוואָלט פאָרן נאָך ארץ־ישראל, אָבער מיין פרוי, אַלס איינציקע טאָכטער ביי אירע עלטערן, האָבן זיי געשטערט. מיין שטרעבונג, אַלזאַ, איז ניט צושטאַנד געקומען. אַ פאַקט, אַז מיר לעבן אין שווייץ !... דו האָסט גרויס מזל, וואָס פּראָפ. בורשטיין איז איינשטימיק און גייט דיר אַנטקעגן דיין פאַרלאַנג...״

„דו ביסט דאָך אויך נאָכגעקומען דיין פרויס פאַרלאַנג...״

„דאָס איז שוין פון דער נאַטור, אַז דער מאַן קומט נאָך דעם פאַרלאַנג פון זיין פרוי. אַלזאַ, טייערע קוזינע, ביסט דאָך אויך פון די פּריווילעגס, וואָס קאָנען אויף אַ מאַן מאַכן אַ גוטן איינדרוק ! איך און מיין פרוי וועלן זיין צופרידן, ווען דו האָסט חתונה און בלייבסט ביי אונדז אין שווייץ.״

דבורה האָט זיי פאַר אַלץ געדאַנקט און אַוועק אין אַ גוטער שטימונג, טראַכטנדיק, אַז זי האָט מזל, וואָס פּראָפ. בורשטיין איז איינפאַרשטאַנען

מיט איר אידייע אויף צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אויך טראַכט זי, אַז אירע עלטערן וועלן ניט זיין צופרידן, איבערהויפּט דער פאָטער. דאָך האָפט זי, אַז די מוטער מיט דער מומע וועלן אויפן פאָטער ווירקן. דאָס האָט איר אַ ביסל באַרואיקט און אַזוי איז זי געקומען אַהיים.

אַלע האָבן איר אין דער היים דערוואַרט מיט אומגעדולד. זיי האָבן געוואָלט פון איר הערן אַ דעצידירנדן ענטפער, וואָס זי האָט באַשלאָסן, כדי צוויסנגעבן פראָפ. ב. ווען זי איז אַריין אין עס־צימער, זיינען זיי געזעסן און געטרונקען טיי. רופט זיך אָן איר פעטער:

„דבורהלע, איך האָף, אַז אינגיכן וועסטו אונדז איינלאַדן אויף דיין חתונה...״

„פעטער, דו ווילסט שוין פון מיר פטור ווערן?״ — זאָגט דבורה.

„חס וחלילה! דו ביסט ביי אונדז אַ גוטער גאַסט. אָבער חתונה מאַכן דיך מיט אַ וויכטיקן חתן — פאַרוואָס ניט? אַפילו היינט בין איך גרייט!״

„איך פאַרשטיי, אַז אייער ווונטש וועט פריער צי שפּעטער דערפילט ווערן, ווייל דער פעטער מיט דער מומע וועלן מיך חתונה מאַכן.״

„דבורה, שוין האָסטו פאַרגעסן דיינע עלטערן איינלאַדן אויף דער חתונה?...״ — האָט דער פאָטער געפרעגט.

„עלטערן לאַדט מען ניט איין, ווייל זיי מאַכן די קינדער חתונה... ס׳פּאַסירט, אַז קינדער זיינען ניט פאַראינטערעסירט מיטן שידוך, דאָך מאַכן די עלטערן זיי חתונה.״ — האָט דבורה געענטפערט.

„ניט ביי היינטיקע קינדער קאָן עס פּאַסירן!...״ — ענטפערט דער פאָטער.

מישט זיך אַריין די מומע מאַניע, זאָגנדיק:

„מיינע טייערע, וואָס אַמאָל איז געווען, איז אַוועק. היינט איז אַ צייט, וואָס מען צווינגט קיינעם ניט. יעדער אייגער האָט רעכט באַשטימען זיין גורל. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, ווייל אויב עלטערן שטערן, הייסט עס שטערן זייער גליק!... אַלזאָ לאָמיר רעדן צו דער זאַך.״

מאַניע האָט זיך פאַר אַלעמען אַנטשולדיקט, זאָגנדיק, אַז זי מוז מיט דבורהן פערזענלעך רעדן און זיי זיינען אַריין אין סאַלאָן.

אַריינקומענדיק האָט זיך די מומע געוואָנדן צו דבורהן מיט פאַלגנדעס:

„דבורהלע, איך מוז געבן אָן ענטפער דעם פראָפ. בורשטיין, וואָס זאָל איך אים איבערגעבן, ווייל ער וואַרט אויף דיין באַשלוס.״

„מומע, איך פאַרשטיי, וואָס דאָס באַדייט. ער איז פאַר מיר פּאַסנד.

איך האַלט, אַז דאָס בעסטע איז אים איינלאַדן, ווייל איך וויל מיט אים זיך אַדורכריידן. ער איז אַ מאַן, וואָס פאַרשטייט, וואָס הייסט שאַפן אַ לעבן!..."

„דבורהלע, האָסט רעכט. איך קלינג אים גלייך אָן ער זאָל אונדז באַזוכן."

פּראָפ. ב. האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ טעלעפאָן־רוף, וועלכער האָט אים פאַרשאַפט שלאָפלאָזע נעכט, האָט ער זיך אויפן בעט צוגעלייגט, טראַכטנדיק: אפשר האָט פריילין שניידערמאַן געביטן איר דעה?... און טראַכטנדיק אַזוי, איז ער איינגעשלאָפן. פלוצים האָט דער טעלעפאָן אים איבערגעריסן דעם שלאָף. ער איז צו צום טעלעפאָן און דערהערט פרוי ראָזענפעלדס שטימע. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט. די פרוי ראָזענפעלד האָט אים איבערגעגעבן, אַז וואָס זיי האָבן גערעדט איז, ווי מען זאָגט, אַ גוטער אָנהויב, און אַז דער אָנהויב איז גוט, איז צו האָפן, אַז דער סוף וועט זיין גוט!...

„פריילין שניידערמאַן האָט אייך איינגעלאַדן אויף 8 אָוונט. דאָס איבעריקע ווינטש איך אייך דערפאָלג אין אייער געשפרעך מיט איר."

פּראָפ. ב. האָט דער פרוי ראָזענפעלד האַרציק געדאַנקט און פאַר־שפּראָכן קומען צו דער באַשטימטער צייט.

די מומע מאַניע האָט דבורהן איבערגעגעבן, וואָס זי האָט גערעדט מיטן פּראָפ. ב., ווי אויך, אַז ער האָט פאַרשפּראָכן קומען צו דער צייט, פאַר וואָס דבורה האָט געדאַנקט איר מומע און געבליבן וואַרטן אויף זיין קומען. צו דער באַשטימטער צייט איז פּראָפ. ב. געקומען מיט אַ צופרידן פּנים. זיין העפלעכע האַלטונג און באַציאונג האָט ער אַרויסגעוויזן צו אַלעמען, ספּעציעל צו זיין געליבטער פריילין שניידערמאַן. זי האָט אים אַריינגעבעטן אין סאַלאָן.

אין סאַלאָן, זיצנדיק און פאַרברענגענדיק, טראַכט ער, ווי גליקלעך ער וועט זיין, ווען ער וועט הערן פון איר, אַז זי איז איינשטימיק!... פרעגט ער איר, אויב זי וועט אים דערלויבן אָנרופן מיטן געערטן אייגנט־לעכן נאָמען?

זי האָט אים מיט אַ שמייכל געענטפערט: „איך בין ביי מיינע עלטערן אַן איינציקע טאָכטער, וועלכע רופן מיך ,דבורהלע'."

פּראָפ. ב.: „איך וואָלט אייך גערן אָנגערופן אַזוי ווי אייערע עלטערן, אויב אייך וועט זיין אַנגענעם."

„די צייט שאַפט אַמאָל שנעלער, ווי מען שטעלט זיך פאָר.״ — האָט זי געענטפערט.

„איך האַלט אויך דאָס זעלבע, איז לאָמיר אָננעמען, אַז די צייט איז געקומען, זאָגנדיק דערביי: דבורהלע, מיר זיינען שוין גענוג דערוואַקסן, מיר דאַרפן זיך איינפאַרשטיין. דאָס לעבן שאַפט אָפט סיורפריזן, וועלכע מען דאַרף אויסנוצן. קיינער קאָן ניט שאַפן גליק פאַר דעם צווייטן. דאָס גליק קומט אומגעריכט. דעריבער דאַרף מען ניט אָפּשטויסן פון זיך דאָס, וואָס מען פאַרשטייט, אַז דאָס קאָן דעם לעבן באַפרידיקן. יעדער איינער דאַרף באַשטימען, דאַן קאָן מען קומען צו קאָנקרעטעס.״

ער וויל הערן פון איר אַ געדאַנק, וואָס זאָל אים באַפרידיקן.

זי טראַכט: וואָס זאָל איך אים ענטפערן, אַז ס׳זאָל זיין לאָגיש? זי ענטפערט אים:

„דער צוגאַנג צום לעבן איז זייער ריכטיק, ווי איר, הער בורשטיין, האָט עס אַרויסגעבראַכט. יעדער איינער קאָן זיין גורל אַליין שמידן, אָבער נאָר מיט דעם צווייטנס מיטהילף. ווי זאָגט זיך? „איינער איז קיינער...״ דאָס וויכטיקסטע אין צוזאַמענלעבן איז דאָס איינפאַרשטיין, דאַן שאַפט זיך אַ צופרידענער לעבן. און וואָס ס׳זאָל ניט פאַסירן, דאַרף איינער צום צווייטן ניט האָבן קיין טענות. אין דעם פאַל קאָן דאָס לעבן האָבן אַ זין און שאַפן צופרידנהייט. סוף־סוף פאַסירט פאַרשיידנס, וואָס מען דאַרף קאָנען אָננעמען פאַר גוט. דאָס איז אַ חוב אַרויפגעלייגט סיי אויפן מאַן, סיי אויף דער פרוי. קיין קאַפּיטאַלן קאָן דעם מענטש ניט באַפרידיקן, אויב ער פאַרשטייט ניט דאָס לעבן, איז דאָס ערשטע קאָנען לערנען איינע די צווייטע. אַנאַליזירן דעם כאַראַקטער מוז נעמען צייט. דעריבער זאָגט מען: „וואָס די צייט קאָן שאַפן, קאָן מען פאַראויס ניט וויסן און ניט זען.״

פון אירע דערקלערונגען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי זוכט ניט קיין לוקסוס, נאָר צופרידנהייט. טראַכט ער, אַז ס׳איז דער ריכטיקער וועג פון פאַמיליען־לעבן און מיט איר קאָן מען זיין גליקלעך. אָבער איך האָב דאָך פון איר קיין קאָנקרעטעס ניט געהערט. דערביי באַמערקט ער, אַז אויך זי איז פאַרנומען מיט די געדאַנקען. פרעגט ער איר, וואָס איז זי אַזוי פאַרטראַכט? ענטפערט זי:

„פון טראַכטן קומט מען צו מעשים!״... ביי דער געלעגנהייט, הער בורשטיין, אויב איר זייט פאַראינטערעסירט, וועל איך אייך דערציילן אַ געשיכטע, וואָס איך האָב געלעזן. די געשיכטע איז פאָלגנדע: אין

אַ שטאָט האָט געלעבט אַ גרויסער גביר, וועלכער האָט געהאַט אַן אײנציקע שײנע טאָכטער. מען האָט איר געגרעדט שידוכים. זי פלעגט אַלעמען אָפּזאָגן. די עלטערן האָבן זיך פאַראינטערעסירט וויסן די אורזאַך פון איר אָפּזאָגן זיך. איר סוד האָט זי פאַר קײנעם ניט פאַרטרויט, אויסער טיף ביי איר אין האַרץ איז ער געווען פאַרבאָרגן, טראַכטנדיק, אַז יעדער קאַנדידאַט איז אויסן נאָר איר פאָטערס קאַפּיטאַל, אָבער ניט איר... זי איז אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט, אָנגעקומען אַרבעטן אין אַן אונטערנעמונג, כדי קײנער זאָל ניט וויסן איר רייכן אָפּשטאַם. אין דער אונטערנעמונג האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ יונגן מענטש. זיי האָבן זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט. דאָס לעבן ביי זיי איז געווען אַ זייער צופרידענער און גליקלעכער. צום יאָר, ווי נאַטירלעך, האָט זי געבוירן אַ זונעלע. פרעגט דער מאַן זײַן פרוי: „נאָך וועמען זאָל מען אַ נאָמען געבן דאָס קינד?"

„מײַנע עלטערן, זאָלן געזונט זײַן, לעבן. אפשר נאָך דײַנע עלטערן?"

„מײַנע עלטערן, זאָלן געזונט זײַן, לעבן אויך. מיר וועלן זיי מעלדן, אַז מיר זײַנען פאַרהייראַט און גאָט האָט אונדז געשענקט אַ זונעלע."

זיי האָבן צוויסן געגעבן זייערע עלטערן. די עלטערן, באַקומענדיק די ידיעות, האָבן שטאַרק באַוווּנדערט און גלײַכצײַטיק זיך געפרייט. זיי זײַנען געקומען אויף די קינדערס שמחה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בײדע שטאַמען פון זייער רייכע עלטערן.

אויף דער שמחה, זיצנדיק ביים טיש, פרעגט איר דער פאָטער, פאַר־וואָס האָט זי, זייענדיק אין דער היים, אַלע חתנים אָפּגעזאָגט? ענטפערט זי, אַז איצט קאָן זי זאָגן די סיבה: זי האָט געגלויבט, אַז אַלע חתנים זײַנען געווען פאַראינטערעסירט נאָר צוליב אירע רייכע עלטערן. אַלזאָ, ענדיקט זי איר געשפּרעך — „ליבע עלטערן, מיר האָבן חתונה געהאַט, ניט וויסנדיק אײנער פון צווייטן וועגן זײַן רייכן אָפּשטאַם. מיר זײַנען אמת גליקלעך, און אונדזער ליבע קאָן מען טאַקע אָנרופן: „אַן ערנסטע"...

פּראָפ. ב. אויסהערנדיק דבורהס געשיכטע, זאָגט:

„דבורהלע, איצט הערט אויס מײַן אײגענע געשיכטע: איך, אַלס יונגער מענטש, האָב געהאַט גרויס דערפאָלג ביי יונגע פרײלינס, אָבער איך האָב געשטרעבט צו באַקומען העכערע בילדונג. באַקומענדיק מײַן דאָקטאָראַט, האָב איך זיך מיט דעם אויך ניט באַגנוגנט, ביז איך האָב דערוואָרבן מײַן טיטול. דאָס האָט מיר באַפרידיקט. אַלזאָ, באַקאַנענדיק זיך מיט רייכע, געלערנטע פרײלינס, האָב איך אײנגעפונען, אַז די רייכע

טעכטער, וואָס האָבן באַקומען לייכטע, רייכע דערציאונג, זייגען גרויסע עגאָאיסטינס. זיי אינטערעסירט נאָר אַ לוקסוס־לעבן. דאָס האָט מיר תמיד פון זיי אָפּגעשטויסן. אַנאַליזירנדיק די קאַטעגאָריע, האָב איך באַשלאָסן לעבן איינזאַם. ווען מען האָט מיך מיט אייך באַקאַנט, און דערוויסנדיק זיך, אַז אייער אידייע איז צו גיין אין אַ קיבוץ, אַדורכמאַכנדיק פריער אַ הכשרה, ניט אַלס אָרעם קינד, נאָר פון רייכע עלטערן, דאָס האָט מיר געגעבן אַן ערנסטן געדאַנק נאָכצוטראַכטן. איך מוז אייך, דבורהלע, אָפנהאַרציק אַרויסזאָגן מיינע געפילן און איבערגעגעבנהייט צו אייך, אַז איך וועל זיין גליקלעך נאָר דאַן, ווען איר וועט זיין איינשטימיק, אַזוי ווי דער מאַן, וואָס רעדט מיט אייך. דאָס זיינען מיינע אַרויס־געזאָגטע האַרציקע קאָנקרעטע געדאַנקען צוואָס איך האָב געשטרעבט אַלע מיינע יאָרן, זייט איך בין געקומען צו מיין שכל. אייער באַשיידנקייט און פאַרשטאַנד איז פאַר מיר אַ שם דבר, דערצו זייט איר רעפּרעזענטאַל און לעבנסהאַפט, וואָס קאָן באַצירן אַ מאַן. און איצט, טייערע דבורהלע, איך בין גרייט פאַר אייך צו גיין אויף אַלע אייערע באַשלוסן...״

ער איז געבליבן וואַרטן אויף איר ענטפער.

דבורהלע טראַכט: ער פאַרשטייט מיך, וואָס ס׳איז זייער וויכטיק אין צוזאַמענלעבן. זיין ערנסטקייט מאַכט אַ גוטן איינדרוק, דערצו אַ גע־זעלשאַפטלעך פאַרדינסטפולער, סימפּאַטישער מאַן. דער עיקר, ער גייט אויף אַלע מיינע פאַרשלאַגן... נעמענדיק אַלץ אין באַטראַכט, ענטפערט זי אים:

„אייערע דערקלערונגען שאַפן אַן ערנסטן געדאַנק, ווּעמענס געטריי־שאַפט און איבערגעגעבנהייט קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אויף אַ גאַנץ לעבן פאַר אַ געזעצלעכן פריינד, וואָס קאָן תמיד גיין האַנט ביי האַנט.״

פּראָפ. ב., דערהערנדיק דבורהס ענטפער, האָט דערקלערט:

„איר, דבורהלע, האָט מיין האַרץ באַהערשט. מיינע הערצלעכע געפילן אַנגעצונדן. איך שווער טרייהייט! איך וועל לעבן מיט דער האָפענונג, אַז אייער ענטפער איז מיט אַ פולער אָנערקענונג פאַר אונדזער אייביק גליק!... לאָמיר מעלדן די עלטערן, דער מומע־פעטער, ווייל זיי זיינען געווען פאַר מיר נאָענט אַלע מאָל און איך האָף, אַז זיי וועלן בלייבן אויף אייביק אונדזערע נאָענטסטע.

ער קוקט אויף איר און טראַכט: זאָל ער איר אַ קוש טאָן? זיינע געפילן צו איר קאָן ער ניט באַהערשן. דאָך טראַכט ער: בעסער זיך באַהערשן!...

אין דער זעלבער צייט רעדן אירע עלטערן צווישן זיך:

„דער פּראָפעסאָר איז זייער אַ וויכטיקער, אָבער צי דבורהלע טראַכט וועגן אים? וועגן דעם האָבן מיר פון איר ניט געהערט.

„פאַניע, קוק דאָס גרייטע. מיר דוכט זיך, אַז ביי זיי וועט עפּעס זיין, ווייל מאַניע האָט געהערט פון דבורהן, אַז ער געפעלט איר."

פּלוצים איז זייער געשפּרעך איבערגעריסן געוואָרן, ס'איז אַריינ־געקומען דבורה מיטן פּראָפ. ב. מעלדן די עלטערן, אַז זיי פאַרלאַנגען זייער צושטימונג. די עלטערן האָבן זיך ניט געגלויבט, וואָס זיי האָבן געהערט... ניט וועלנדיק אַרויסווייזן זייער איבערראַשונג, האָט זיך דאָך אַרויסגעזען זייער פרייד. גלייכצייטיק האָבן זיי באַוואונדערט זייער טאָכטערס שנעלן באַשלוס. זיי טראַכטן, אַז דבורה איז דאָך ניט קיין קינד, מען קאָן זיך אויף איר פאַרלאָזן! ניט וועלנדיק פאַרציען די צושטימונג און ניט געבן זיי אַ געדאַנק נאָכצוטראַכטן וועגן אים...

„איך, אַלס פאָטער, האָב דאָס רעכט זיין פאַראינטערעסירט למשל: איר אַלס פּראָפעסאָר, ווען איר קומט צו אַ חולה און גיט אים די ריכ־טיקע מעדיצין, אַדאַנק אייער פעסטגעשטעלטער דיאַגנאָזע, וואונדערט זיך דער חולה, וויפל דאָקטוירים ער האָט געהאַט באַזוכט און קיין אמתע הילף פון זייערע מעדיצינען ניט געהאַט. איך גלויב, אַז איר, הער בורשטיין, פאַרשטייט דעם פאָטערס האַרץ. מיר עלטערן קאָנען אונדזער טאָכטער!..."

„אַנטשולדיקט מיר, הער שניידערמאַן, וואָס איך דערלויב זיך איבער־רייסן אייער געשפּרעך. איך אַלס יונג קינד, ווי אייך איז באַקאַנט פון מיין ביאָגראַפיע, בין איך צו 12 יאָר געבליבן אַ יתום. אַדאַנק מיין ברודער און שוועסטער און מיין שטאַרקן ווילן, האָב איך דערגרייכט דאָס, וואָס איך בין. ווען איך בין געקומען צום שכל און געזען פאַרשיידענע לעבנס־בילדער, ווען מען נעמט אַ פרוי אַן עגאָיסטין, איז דער לעבן אומדער־טרעגלעך. איידער אַזאַ לעבן, איז בעסער ניט הייראַטן!... באַקאָנענדיק זיך מיט אייער טאָכטער און לויט, ווי איר האָט אַ באַגריף אין מיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, דאַרפט איר, הער שניידערמאַן, זיך ניט וווּנדערן און ניט זיין פאַרצווייפלט, אַז איך פאַרשטיי ניט אייער טאָכטער. ווי איז ביי אונדז געשריבן: „יגעתי — מצאתי", ד.ה. וואָס איך האָב געזוכט — האָב איך געפונען!... און איך האָף, אַז מיר וועלן זיין צופרידן פון אונדזער גורל!..."

„מיר זיינען עלטערן, וואָס גייען ניט קעגן קינדערס ווילן. אַלזאָ, מיר

ווינטשן אייך, קינדער, אייביקן גליק אין אייער צוזאַמענלעבן! און ביי דער געלעגנהייט וויל איך אייך, ליבע קינדער, צוגעבן אַ פּאָר ווערטער פון מיין ג״ז שוויגער־פאָטער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם. ווען מיר זיינען געוואָרן חתן־כלה, האָט ער אונדז געזאָגט אַ פּאָר קלוגע, גוטע ווערטער: „קינדער, אויב איר ווילט זיין גליקלעך, פרעגט זיך אַ פראַגע, ווער וויל דען ניט זיין גליקלעך? געלט אַליין איז נאָך ניט דאָס גאַנצע גליק. האָב איך געפרעגט: און וואָס באַשטייט דעם מענטשנס גליק? האָט דער שוויגער־פאָטער ז״ל געענטפערט קורץ: איינע די צווייטע כבוד געבן, וואָס שאַפט גליק אין צוזאַמענלעבן. דאָס וואָרט „כבוד״ איז מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון ביז היינט. מיר האָבן שוין דערלעבט אייניקלעך. ווינטשן מיר, אַז אונדזער טאָכטער מיט איר צוקונפטיקן מאַן זאָלן לעבן מיט אַזאַ כבוד און צופרידנהייט, ווי מיר לעבן! מיר האָבן אַדורכגעמאַכט פאַרשיידנס אין משך פון אונדזער לעבן, אָבער לגבי אונדזער צוזאַמענלעבן האָט עס ניט עקזיסטירט. להיפוך, מיין פרוי האָט זיך צוגע־פּאַסט אין אַלע צייטן, פאַרגרינגערט, פאַרשענערט מיין סיטואַציע. און איצט וועגן אונדזער טאָכטער אייניקע שטריכן: זי האָט באַקומען אַ גוטע דערציאונג, וואָס איז זייער וויכטיק. באַזונדער איז זי געבענטשט מיט אַ גוטן כאַראַקטער. זי איז אַ מיטפילנדע. און די אַלע מעלות, וואָס איר מוטער באַזיצט, איז זי אויך געבענטשט פון דער נאַטור. און וואָס די נאַטור גיט איז עס אַן אייביקער געשאַנק. אַלזאָ, טייערע קינדער, מיר זיינען איינשטימיק און נעמען אין אַכט אייערע פאַרלאַנגען, אַז איר זאָלט זיין גליקלעך און צופרידן אין אייער צוזאַמענלעבן! און דאָס וויכטיקסטע, לויט מיין שוויגערפאָטערס ז״ל ווונטש: „כבוד איינער דעם צווייטן!...״ מיר עלטערן בלייבן האָפן, אַז מיר וועלן דערלעבן פון אייך פיל נחת! און איצט דערלויב איך זיך, ווי אַ פאָטער צו אַ צוקונפטיקן איידעם, פרעגן וואָס פאַרלאַנגסטו? מיר זיינען פאַרמעגלעך. מיר ווילן אייך געבן די מעגלעכקייט איר זאָלט זיך קאָנען שיין איינאָרדענען. מיר האָבן ניט קיין אַנונג ווו איר ווילט שאַפן אייער צוקונפט?״

„הער שניידערמאַן, וואָס אַמבאַלאַנגט אונדזער צוקונפט, האָב איך טריי געשווירן נאָכצוקומען דבורהלעס פאַרלאַנג. אויסער דעם מוז איך אייך באַטאָנען, אַז איך בין פון מיין יוגנט אַ הייסער ציוניסט. איך האָב אַפילו געוואָלט אַדורכמאַכן אַ הכשרה. מיט דעם געדאַנק בין איך פאַרבונדן געווען פיל יאָרן, אָבער מיין שטרעבונג צו העכערע בילדונג האָט מיר געשטערט. איצט, ווען איך קאָן מיין לעבן שאַפן, ווו איך וועל זיך געפינען,

קום איך נאָך אייער טאָכטערס פאַרלאַנג... איז אָן שום ספק, אַז מיר וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָרטן וועלן מיר זיך פילן, ווי אין אַן אייגענע היים, אַפילו ס׳הערשן נאָך פרעמדע מאַכטן, אָבער ווען מיר וועלן זיך פאַראייניקן, וועט אונדזער פאָלק פריער אָדער שפּעטער באַ־הערשן אונדזערע שונאים און ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך! „אם אין עכשיו, אימתי?...״ ד.ה. אויב ניט איצט, איז ווען?...״

דער פאָטער, דערהערנדיק פון אהרנען זיין פעסטן באַשלוס, ענטפערט אים:

„פריער האָב איך געפירט אַ קאַמף מיט איינער איז מיר געווען אומ־מעגלעך צו באַקעמפן, בפרט צווייען!... מיר עלטערן זיינען פאַראינטערע־סירט אייך האָבן פון דער נאָענט, וואָס טוט מען ניט פאַר גוטע קינדער? אייער אידייע איז אַ גרינטלעכע, מען קאָן עס ניט אָפּלייקענען. ווי זאָגט אייער צוקונפטיקע מוטער: „בעסער הערן פון דער ווייטנס גוטס, איידער פון דער נאָענט שלעכטס״... מיט דעם האָט זי מיך באַרואיקט. אַזוי ווי דו, אהרן, האָסט געשווירן אונדזער טאָכטער טרייהייט, אַזוי בין איך טריי אייער מוטער און מיר זיינען מסכים... אַלזאָ, ליבע קינדער, ווען ווילט איר זיך גרייטן צו אייער ציל?...״

„ווי אייך, ליבע צוקונפטיקע עלטערן, איז באַוווּסט מיין איינזאַמקייט, האַלט איך, אַזוי ווי אונדזערע באַדינגונגען דערלויבן אונדז, באַדאַרפן מיר באַשטימען אַ קורצן טערמין.״

„מיר עלטערן זיינען גרייט צו דערפילן אייער ווונטש, ווי אייך איז באַוווּסט, זיינען מיר דאָ געסט, וואָלט געווען גלייכער, אַז מיר זאָלן מאַכן תנאים אין שווייץ און די חתונה אין פּ. אויב איר זייט איינשטימיק?״

ענטפערט אהרן: „ווי דבורהלע וועט באַשטימען בין איך מסכים.

זאָגט דבורה: „איך מיט אהרנען וועלן באַשטימען, וועגן וואָס מיר וועלן אייך, עלטערן, מודיע זיין. און תנאים קאָן מען מאַכן, ווען איר וועט זיין גרייט.״

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט און אהרן האָט ביי די עלטערן געבעטן אַ דערלויבעניש אַ קוש טאָן זיין ליבער כלה...

זיי האָבן זיך אַלע האַרציק צעקושט, ווינטשנדיק קעגנזייטיק „מזל־טוב״. די מוטער האָט זיי געבעטן אַריינגיין אין סאַלאָן ביז די מומע מיטן פעטער וועלן אָנקומען. כדי די צייט זאָל ניט זיין לאַנגווייליק האָט דבורה געשפּילט אויפן ראיאַל און אהרן האָט זיך נייגעריק צוגע־הערט. ניט לאַנג וואַרטנדיק איז אָנגעקומען די מומע מיטן פעטער.

דערהערנדיק פון פֿאַניען די גוטע נייעס, זיינען זיי אַריין אין סאַלאָן און געזאָגט:

„מיינע טייערע, מזל־טוב אייך. ס׳פֿרייט אונדז זייער, מיר ווינטשן אייך פֿון אונדזער טיפֿן האַרץ פֿיל גליק!"

זיי האָבן זיך האַרציק צעקושט.

„אהרן! דער מומע קומט אַממערסטן קושן..." — האָט געזאָגט דער פעטער.

„פעטער, איך בין איינשטימיק. אַזאַ מומע, ווי מיר פֿאַרמאָגן איז ניט אָפּצושאַצן. איך בין גרייט צאָלן מיט גוטס" — און אָנגעהויבן קושן...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

„אהרן, דו ביסט אַ גוטער צאָלער!..." — האָט געזאָגט דער פעטער נפֿתּלי.

„איצט, מיינע טייערע, פֿאַרברענגט ביז מיר וועלן צוגרייטן אַ שיינעם כּיבוד. אויף זייער טעלעפֿאָן־רוף איז געקומען זייער זון מיט דער שנור, ווי אויך פֿריינט און גוטע באַקאַנטע. מען האָט סערווירט דעם טיש מיט טאָרטן, פֿאַרשיידענע געטראַנקען. דער עולם האָט געטרונקען, געגעסן, ווינטשנדיק „לחיים", „מזל־טוב". מען האָט פֿאַרבראַכט ביז שפּעט ביינאַכט און ס׳איז באַשטימט געוואָרן אין אַ וואָך אַרום מאַכן תּנאים. אַלע זיינען געווען צופֿרידן, פֿריינטלעך זיך געזעגנט, צווווינטשנדיק „כּל טוב" און ביי דער געלעגנהייט אַלעמען איינגעלאַדן אויף תּנאים.

„אהרן! היינט קאָנסטו רואיק שלאָפֿן, שלאָף זיך אויס פֿאַר דער גאַנצער צייט."

דבֿורהלע! ביסט זייער אַן אויפֿריכטיקע" — האָט אהרן געענטפֿערט שמייכלענדיק.

דבֿורה האָט זיך אויך צעשמייכלט, זאָגנדיק:

מיין טייערער, אַלע שוועריקייטן זיינען שוין פֿאַריבער. לאָמיר האָפֿן, אַז אַלעס גוטס וועט נאָכקומען."

זיי האָבן זיך האַרציק צעקושט, ווי אויך מיט די מחותּנים, צווווינטשנדיק אַ רואיקע נאַכט און פֿאַרשפּראָכן קומען מאָרגן 7 אָוונט און אַ צופֿרידענער איז ער אָפּגעפֿאָרן.

קומענדיק אין האָטעל און אַריינגייענדיק אין זיין צימער, זאָגט ער צו זיך: דאָס איז מיין ערשטע רואיקע נאַכט. און ער איז רואיק איינגעשלאָפֿן. אין דער פֿרי איז ער אויפֿגעשטאַנען מיט אַ פֿריי געמיט, טראַכטנדיק: מען דאַרף אָנקלינגען יוספֿן (פּראָפֿ. קאַפּלאַן).

ער איז צו צום טעלעפאָן, אָנגעקלונגען, פרעגנדיק אים צי קאָן ער קומען? יוסף האָט אים געענטפערט: „צו יעדער צייט". אהרן האָט אים באַדאַנקט, זאָגנדיק, אַז ער קומט אין אַ שעה אַרום.

צו דער באַשטימטער צייט איז ער געקומען. פראָפ. קאַפּלאַן, דער־זעענדיק זיין קאָלעגע, האָט באַמערקט, אַז ער איז אין אַ גוטער שטימונג. פרעגט ער אהרנען, „וואָס הערט זיך גוטס?"

„יוסף, איך האָב נעכטן צו דיר צוויי מאָל געקלונגען, אָבער קיין ענטפער ניט באַקומען, בין איך אַוועק צו מיין כלה."

„אַזוי, קומט דאָך דיר אַ מזל־טוב, זאָל דיר זיין מיט פיל גליק."

„יוסף, איך מוז דיר זאָגן פון טיפן האַרץ, אַז דעם ערשטן דאַנק קומט דיר. ווען דו האָסט מיר געגעבן די ערשטע עצה, איז געווען זייער לאָגיש. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַן עצה טובה ברענגט גוטע רעזול־טאַטן. און איצט, יוסף, מוז איך זיך פאַר דיר מודה זיין, אַז איך האָב פיל איבערגעלעבט, דער עיקר: „סוף גוט — אַלץ גוט!" איך מוז דיר, יוסף, דערקלערן, אַז ניט קאָנענדיק איר, האָסטו מיר, ווי אַ וויזיאָנער פאָראויסגעזאָגט. מיין כלה פאַרמאָגט זייער אַ גוטן כאַראַקטער און איז גוט דערצויגן. דערצו איז זי זייער באַשיידן, ווי זי וואָלט געשטאַמט פון אַ רבניש הויז. אויסער דעם איז זי געבילדעט, מוזיקאַליש, שיין, סימפּאַטיש, הויך, שלאַנק און אויך אַ געזעלשאַפטלעכע. מיט איין וואָרט מיט אַלע מעלות! איך האָב קיין ווערטער אויסצודריקן דיר מיין טיפע דאַנקבאַרקייט!"

„אהרן, דאַנק מיר ניט, ווייל אַלץ קומט דורך מענטשן. אַזוי איז די טבע: גוטע מענטשן שאַפן גוטס, שלעכטע — שלעכטס. איך מוז דיר, אהרן, באַמערקן, אַז טאָן גוטס איז זייער אַנגענעם, ווייל ס'בלייבט אַ באַפרידיקונג!"

„יוסף, איך האָף, אַז איך וועל דיר אייביק דאַנקבאַר זיין!... ביי דער געלעגנהייט, לאַדן מיר דיך איין מיט דיין פאָטער, ראָזעלען מיט איר מאַן מאַרקוס, ווי אויך, אויב מעגלעך, דיינע מחותנים אויף אונדזערע תנאים, וואָס וועלן פאַרקומען דעם 15־טן 8 אָווגוסט."

„פון מיין זייט בין איך גרייט און, וואָס אַמבאַלאַנגט די איבעריקע, גלויב איך, אַז זיי וועלן נאָכקומען דיין פאַרלאַנג, ווייל דו ביסט געווען ביי זיי אויף תנאים און חתונה. און ווו וועט פאַרקומען דיין חתונה?"

„אין פ." — ענטפערט אהרן.

„אויף דיין חתונה, אהרן, וועל איך געוויס קומען. ערשטנס בין איך

דיר שולדיק אַ חוב, ווייל דו ביסט דאָך געווען ביי מיין ראָזעלען אויף דער חתונה, צווייטנס וועל איך זיין ביי מיין מוטער ז״ל אויף קבר־אבות, אַזוי אַרום וועסטו מיר שרייבן באַצייטנס, וועל איך קומען. איך גלויב, אַז מיין פאָטער וועט אויך פאָרן, וועלן מיר במילא זיין אויף דיין חתונה.״

אַזוי האָט יוסף (פראָפ. קאַפּלאַן) באַרואיקט זיין קאָלעגע. זיי האָבן זיך פריינטלעך אונטערהאַלטן, דערציילנדיק פון פאַרשיידענע איבער־לעבונגען, דערציילנדיק אים אויך, אַז ער האָט קיינמאָל, אַפילו אין די יוגנט־יאָרן, ניט געגלויבט, אַז ער זאָל זיין פעיק זיך פאַרליבן. ווען זיינע חברים פלעגן אים פאַרטרויען, אַז זיי זיינען פאַרליבט, האָט ער געטראַכט: ווי קאָן מען זיך פאַרליבן?...

„יוסף, פון דיין קומען נאָך שווייץ און באַקאָנען זיך מיט דיין טעכ־טערל ראָזעלע, האָב איך אָנגעפאַנגען פילן און גלויבן אין ליבע! מיינע געדאַנקען האָבן געבלאָנדזשעט, ניט געהאַט קיין רו. מיין האַרץ האָט מיר געקלעמט. מיינע געדאַנקען האָבן מיך פאַרפירט. איך פלעג אַרומגיין גאַנצע אָוונטן, ווי אַ לונאַטיק. איך האָב אָנגעפאַנגען ריידן צו זיך אַליין: אַך דו אַלטער נאַר! אין וועמען האָסטו זיך איינגעליבט? אין אַ קינד!? זי איז דאָך ניט פּאַסנד פאַר דיר! דער שכל האָט מיר געענטפערט ריכטיק, אָבער דאָס געפיל, וואָס איך האָב געפילט צו איר, האָט מיר גובר געווען... ראָזע מיט מאַרקוסן זיינען טאַקע אַ גלייכע פּאָר. זאָלן זיי זיין גליקלעך! און דיר, יוסף, ווינטש איך זאָלסט דערלעבן פון זיי פיל נחת!״

„איצט, אהרן, דאַרפסטו שוין זיין צופרידן. דו האָסט זיך צוגעפּאַסט אַ פּאַסנדע פערזאָן. און דו מיינסט, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט פיל איבערגעלעבט צוליב מיין ראָזעלען? איך, אַלס קאָלעגע, דאַרף דיר זאָגן, אַז זי איז דאָך ניט געווען פּאַסנד פאַר דיר. אמת זי איז מיט אַלע מעלות, אָבער דו וואָלסט זיך אין די שפּעטערע יאָרן קאָרומ־פּירט. ווי ס׳מאַכט זיך אין גאַנג פון מענטשנס לעבן, דאַרף מען אָננעמען פאַר גוט. ס׳פּאַסירט נאָך ערגער: מען האָט חתונה, מען לעבט אָפּ אַ פּאָר יאָר און דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳טויג ניט. דאַן פאַרלירט מען דעם קאָפּ, ס׳קומט דערצו נאָך אַ קינד, דאַן ליידן די פּאָטערלעכע געפילן זייער שטאַרק, ווייל די מוטערס נעמען אַוועק די קינדער און היילן דעם קרענקלעכן צושטאַנד קען נאַר די צייט. איצט קאָן איך דיר זאָגן, אַז דו האָסט דערגרייכט אַן איבערצייגנדע ליבע. טראָץ דעם, וואָס איך האָב איר ניט געזען פּערזענלעך, נאָר לויט, ווי דו האָסט איר פאָרגעשטעלט,

איז זי פאַר דיר פּאַסנד, ד. ה. אַ פונדאַמענטאַלע, נאַטירלעכע ליבע אָן פאַנטאַזיעס."

„איך מוז דיר זאָגן, ווען איך בין ביי דיר אין צימער געווען און אויסגעהערט דיין משל, וואָס דו האָסט מיר דערציילט, האָב איך צו זיך געשמייכלט. דאָך האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך מוז האַנדלען, לויט דיין עצה. און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. אַדאַנק דיר, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ און ס'זיינען אַוועק אַלע שוועריקייטן. איצט האָב איך איין דאגה: ווי באַקומט מען צוויי סערטיפיקאַטן? איך האָף, אַזוי ווי איך בין אַ ציוני, וועט זיך מיר איינגעבן צו באַקומען."

„אהרן, האָב ניט קיין דאגה, באַרואיק זיך, האָב נאָר געדולד! ווי זאָגט מען: „מיט געדולד פליקט מען רויזן!..."

יוסף האָט דערלאַנגט צום טיש גוטן ווייַן מיט טאָרט. זיי האָבן געמאַכט אַ „לחיים", צווינטשנדיק אהרנען, אַז צו וואָס ער שטרעבט זאָל דערגרייכט ווערן!"

אהרן האָט יוספן פאַר אַלץ געדאַנקט, באַמערקנדיק, אַז ער דערוואַרט אים דעם 15־טן אויף די תנאים. ער האָט זיך מיט אים האַרציק געזעגנט און פאַר אַלץ באַדאַנקט און אַוועק אין אַ גוטער שטימונג.

אויך דבורה איז די נאַכט רואיק געשלאָפן. זי איז אויפגעשטאַנען מונטער, באַטראַכטנדיק, אַז קומענדיק קיין שווייץ, וועט זי געפינען איר גליק. ווי זאָגט מען: „משנה מקום — משנה מזל!"... אהרן האָט איר האַרץ באַרואיקט, גלייכצייטיק האָט זי באַטראַכט אירע עלטערנס לאַגע. זיי זיינען אויך צופרידן. און ווען די ברידער וועלן זיך דערוויסן, וועלן זיי זיין צופרידן, אַז איך האָב דערגרייכט אַזאַ פּערזענלעכקייט, וועלכער איז נאָכגעקומען מיין שטרעבונג!... ווען מיינע חברטעס וועלן זיך דער־וויסן וועגן דעם, וועלן זיי געוויס זאָגן: „לאַנג געוואַרט, אָבער גוט געמאַכט!"...

אירע עלטערן האָבן באַטראַכט זייער טאָכטערס מזל, זאָגנדיק, אַז מען טאָר קיינמאָל אין לעבן צופיל ניט זאָרגן!...

„זעסט, אברהם, וויפל מיר האָבן געדאגהט און ס'איז געקומען די צייט. ס'איז געקומען דער באַשערטער, איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן מיט צוויי ווערטער..."

„הער, פאַניע, לאָמיר היינט ניט דערמאָנען, וויפל מיר האָבן אַדורכ־געמאַכט ביז מיר האָבן דערגרייכט צו דער מדרגה, אַז מיר קאָנען שוין

טראַכטן וועגן תנאים! און דער עיקר, נעמען אַ חתן צו גאָט און צו לייט! נאָר איין זאַך איז מיר שווער, אַז איך דערמאָן זיך, ווען מיר וועלן זיך דאַרפן שיידן מיט אַזעלכע טייערע קינדער!...״

„אברהם, דאַרפסט זיך שעצן גליקלעך מיט דעם, וואָס זי פּאָרט ניט אַליין. צווייטנס, מיט אַזאַ מאַן! איך גלויב, אַז זיי וועלן ניט אַריינגיין אין אַ קיבוץ. אַזעלכע מענטשן באַקומען לייכט אַ שטעלע. און דבורהלע איז דאָך אויך אַ געבילדעטע, וועט זי באַקומען אַ פּאַסנדע באַשעפ־טיקונג.״

„פאַניע, דו ווייסט נאָך גאַנץ ווייניק וועגן ארץ־ישראל. דאָרטן איז זייער שווער מיט אַרבעט. אַפילו דאָקטוירים אַרבעטן אויף שווערע אַרבעט.״

„וואָס רעדסטו, אברהם? איך הער עס ס׳ערשטע מאָל. דאָקטוירים גייען אויף שווערע אַרבעט?״

„יאָ, מיין טייערע! וואָס טראַכסטו, איך האָב געדאַגהט סתם אַזוי?״

„נאָר דאָך מיט אַזאַ מאַן, ווי אונדזער צוקונפטיקער איידעם, איז בעסער, ווי אַ פריילין וואָלט געפאָרן אַליין. אַלזאָ, אברהם, ווי גאָט מאַכט מוז מען זיין צופרידן!״

„פאַניע, ביסט אַ קלוגע, גוטע פרוי! דו האָסט מיך אַלעמאָל אין מיינע שווערע איבערלעבונגען ניט געלאָזן איך זאָל זיך נעמען צום האַרץ. אַ דאַנק דיר, מיין טייערע, האַלט איך זיך גוט!...״

„נו, אברהם, מאַך בעסער! מיר זיינען ניט די איינציקע עלטערן, וואָס לעבן איבער. דו קאָנסט דאָך די פאַמיליע פּישמאַן? זיי האָבן אַן איינציקע טאָכטער, אַ שיינע, געבילדעטע און אַוועק אין אַ שלעכטן וועג! איז גוט? זיי וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך, ווען זייער טאָכטער וואָלט געוואָרן אַן אידעאַליסטין און געפאָרן קיין ארץ־ישראל!... מיר דאַרפן ניט זינדיקן. אַ דאַנק גאָט, מיר האָבן דערלעבט, אַז אונדזער טייער קינד פאָרט מיט אַ מאַן אַ פּראָפעסאָר. דאָס אַליין איז פאַר אונדז אַ גרויסע באַפרידיקונג און פאַר דבורהלען אַ דערגרייכונג! וואָס ער וועט טאָן, גלויב איך, אַז סוף־סוף וועט ער באַקומען אַרבעט, לויט זיין ספּעציאַ־ליטעט. מיר וועלן פון זיי הערן נחת פון דער ווייטנס. און אויב דו וועסט אַמאָל וועלן מאַכן אַ לוסטרייזע קיין ארץ־ישראל, וועלן מיר זיך קאָנען דערלויבן.״

אברהם האָט צוגעשמייכלט און געזאָגט:

„ווילסט אויף די עלטערע יאָרן ווערן אַ חלוצה, ווי דיין טאָכטער?...״

זי האָט זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

„פאַרוואָס ניט? ווען איך וואָלט געווען אַ יונגע פרוי, וואָלט איך אויף דיר אויך געווירקט, ווי אונדזער דבורהלע אויף אהרנען...״

„אין דעם פאַל, וואָלטן מיר זיך געמוזט מאַטערן און מיר וואָלטן ניט געהאַט די מעגלעכקייט געבן אונדזערע קינדער בילדונג...״

פאַניע רייסט אים איבער זיין געשפרעך:

„וואָס האָבן מיר היינט וועגן דעם צו דיסקוטירן? מיר זיינען באַזאָרגט מיט אַ קאַפּיטאַל, אונדזערע קינדער זיינען גוט סיטואירט, נאָר איין דבורהלע מאַכט אונדז איבערלעבונגען. איז ווי מען קוקט — אַזוי זעט עס אויס! דו ווייסט דאָך, אַז מזל קאָנען עלטערן ניט געבן. זייער מזל איז פאַר זיי. מיט דעם וועלן זיי זיין גליקלעך, וואָס זיי זיינען צוגע־פאַסטע מענטשן. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. ער איז ניט סתם אַ דאָקטער, ער איז דאָך אַ פּראָפעסאָר כירורג! פאַרשטיי איך, אַז מען וועט זיך מיט אים רעכענען. זיי רואיק, אברהם, ניט אַזעלכע מענטשן גייען אַרבעטן ביי שוואַרצע אַרבעט!...״

„פאַניע, איך בין מיט דיר מסכים. איך וועל זיין צופרידן, ווען זיי וועלן זיך גוט איינאָרדנען.״

מיט דעם האָבן זיי זיך עטוואָס באַרואיקט. מאַניע איז אַריין און זיי פאַרבעטן אויף פרישטיק. פרעגט פאַניע, אויב דבורהלע איז שוין אויפגעשטאַנען? ענטפערט זי, אַז נאָר וואָס איז זי ביי איר געווען, מיט איר גערעדט. דבורהלע האָט געזאָגט, אַז זי האָט מיר צו פאַרדאַנקען און אָנגעפאַנגען מיך האַרציק קושן. פון דעם איז צו פאַרשטיין, אַז זי איז צופרידן. און וואָס אַמבאַלאַנגט וועגן זייער צוקונפט, זאָלן די עלטערן זיך ניט זאָרגן. זיי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן.

מאַניע באַמערקט איר שוועסטער־שוואָגער, אַז דבורהלע איז אַ טייערע נשמה, וואָס זאָגט פאַר, אַז אירע עלטערן וועלן דערלעבן פון זיי פיל נחת. אויך אהרן זאָגט פאַר צו זיין אַן איבערגעגעבענער מאַן צו דבורהלען און אויך אַ גוטער שוויגערזון, ווייל זיין גוטע באַנעמונג צו די פאַציענטן איז אַ פאַטערלעכע. אַפילו אָרעמע קראַנקע העלפט ער אַרויס מיט געלט. בכלל איז ער אַ מוסטערהאַפטער פערזאָן. דבורהלע האָט ב״ה מזל, אַז זי האָט ביי אים נושא חן געווען.

מאַניע מאַכט אויפמערקזאַם איר שוועסטער, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערנענטערן זיך פון די תנאים, וואָס דאַרף פאָרקומען אין געציילטע טעג אַרום און אַרבעט איז פיל, אַלזאָ איז בעסער ווייניקער דיסקוטירן.

אַזוי רעדנדיק איז דבורה אַריינגעקומען אין אַ גוטער שטימונג און זיך באַגריסט מיט די עלטערן, ווי אויך זיך צעקושט... זאָגט די מוטער:

„פאַרוואָס קושסטו ניט דער מומע?"

„איך קאָן איר נאָך אַמאָל אַ קוש טאָן. אין צווייען איז שטאַרקער..."

האָט איר די מומע אַ קוש געטאָן, זאָגנדיק, אַז אַזאַ כלה איז ווערט קושן!... אַלע האָבן זיך צופרידענע צעלאַכט, אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער, ווו ס'איז דער טיש געווען סערווירט און געגעסן פרישטיק. נאָך פרישטיק איז יעדער אַוועק צו זיין אַרבעט. ביידע שוועסטער זיינען געגאַנגען איינקויפן, וואָס נויטיק איז צום תנאים. זאָגט מאַניע:

„פאַניע, אַ דאַנק גאָט, וואָס מיר זיינען זוכה געווען צו דעם, אַז איך האָב דאָס אַדורכגעפירט, איז פאַר מיר אַ נחת און אַ שיינער אָנדענק."

ווען דבורה האָט דערהערט אַ טעלעפאָן־קלונג, איז זי צו און געהערט אהרנס שטימע, פרעגנדיק, ווי זי פילט זיך?

„זייער גוט!" — האָט געענטפערט דבורה.

„און דו, אהרן, ווי פילסטו זיך?"

„אויסגעצייכנט!"

דבורה דערציילט אַז זי האָט אים אין חלום געזען, אַז זיי זיינען אויפן שיף און די זון האָט אויף זיי געשיינט... טראַכט זי: זאָל שוין אָנהויבן שיינען די זון פאַר אונדזער פאָלק און מיר וועלן זיין אין כלל!..."

„הלוואי!" — האָט אהרן געענטפערט.

דבורה זעצט ווייטער פאַר אהרנען, אַז זי האָט געשאַפן אַ ליד, וואָס זי וועט פאַר אים פאָרלעזן ווען ער וועט קומען.

„דבורהלע, דו ווייסט, מיין טייערע, וואָס דיין חלום באַדייט? איך וועל דיר פּותר חלום זיין: דיין חלום באַווייזט, אַז אונדזער לעבן וועט אויפבליען. מיר וועלן נאָך דערלעבן זען, ווי אונדזער לאַנד וועט באַפרייט ווערן און מיר וועלן אין פריידן דערציילן די שווערע פאַרגאַנגענע צייטן!... איצט האָב איך צו דיר אַ ביטע, דבורהלע, גיב איבער אַ הערצלעכן גרוס דיינע עלטערן, ווי אויך אונדזער מומע און קוש זיי אַלעמען פאַר מיר. ווען איך וועל קומען, וועל איך דיר, מיין טייערע, אָפּגעבן מיט פּראָצענט..."

דבורה הערט און שמייכלט.

„איך וויל דיר זאָגן, דבורהלע, אַז איך האָב באַשטעלט בילעטן אויף אַ קאָנצערט, חוץ פאַרן פעטער נפתלי, וואָס איז פאַררייזט. איצט טייערע, גיב איך דיר איבער אַן אומבאַקאַנטן גרוס פון מיינעם אַ קאָלעגע, פּראָפ.

קאַפּלאַן. דאָס איבעריקע וועל איך דיר פּערזענלעך איבערגעבן. איך קוש דיך האַרציק און דערוואַרט מיך 7 אָוונט.״

פאַרענדיקנדיק דעם געשפּרעך מיט אהרנען, טראַכט זי: וואָס מער זי דערקאָנט אים, געפינט זי איין, אַז ער איז אַ שטאַרקער פּאַטריאָט. איר וועט זיין לייכט מאַכן מיט אים אַ לעבן. זי איז געבליבן אַ צופרידענע וואַרטן אויף זיין קומען. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען די מוטער מיט דער מומע אויף אַ דראָזשקע מיט פאַרשיידענע פּראָדוקטן. מען האָט אַריינגעטראָגן די פּראָדוקטן. ווען די מוטער מיט דער מומע האָבן זיך אָפּגערוט פון דער אָנשטרענגונג, האָט זיי דבורה געזאָגט, אַז אהרן האָט געקלונגען און געבעטן איבערגעבן זיי האַרציקע גרוסן און קושן. זיי האָבן געדאַנקט און געווען צופרידן.

ביז אָוונט האָט מען זיך געגרייט. מען איז געווען שטאַרק פאַרנומען. 7 אָוונט איז אהרן געקומען אַ צופרידענער, אַ מוטיקער מיט אַ שיינעם פּאַקעט מתנות פאַר דבורהן. אין דער זעלבער צייט איז אַריינגעקומען אַ מענטש פון אַ וויין־געשעפט, וואָס האָט געבראַכט אַ קאַסטן מיט וויין. מאַניע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט אהרן געקויפט. ווען דער מענטש איז אַוועק איז אַריינגעקומען אַ פּרוי מיט אַ גרויסן פּאַקעט, זאָגנדיק, אַז ס׳איז געשיקט פון קאָנדיטאָר, טראַכט מאַניע, אַז דאָס איז שוין איבעריק. איז זי אַריין צו פאַניען אין צימער און געזאָגט:

„מיר האָבן צופיל פּראָדוקטן געקויפט.״

„וואָס הייסט דאָס צופיל? דו ווייסט דאָך מאַניע, וויפל דו האָסט באַדאַרפט.״

„הער, פאַניע, וועסטו זיך ניט וווּנדערן. אונדזער חתן האָט אונדז באַזאָרגט מיט וויינען, באָנבאָניערעס, טאָרטן, ביסקוויטן. ווו וועלן מיר עס אַהינטאָן?״

ענטפערט פאַניע: „וויינען וועלן ניט פאַרפאַלן גיין, טאָרטן וועלן מיר ניט מאַכן, באָנבאָניערעס וועט אויך ניט גיין אין ניוועץ. זאָל עס זיין די לעצטע דאגה!״

„זעסט, פאַניע, וואָס פאַר אַ חתן איך האָב אייך רעקאָמענדירט! זאָלן זיי זיין געזונט און מיר זאָלן דערלעבן נחת פון זיי!״

ביים אָוונט־ברויט זיינען אַלע געווען אויפגעלייגט, פריילעך, דער־ציילנדיק פון אַמאָליקע צייטן פאַרשיידענע געשיכטעס. אויך האָט מאַניע דערציילט אַ מעשה וועגן שלח־מנות פון שלום עליכמען, וואָס, אויס־הערנדיק, האָבן זיך אַלע פונאַנדערגעלאַכט.

זאָגט אהרן: „איך האַלט פון מנהג שיקן שלח־מנות, ווייל ס׳ברענגט אַריין מענטשן אין אַ פריילעכער שטימונג. דעם מנהג היטן אָפּ פיל יידן איין מאָל אין יאָר. איך האָב אויף דעם „שלח־מנות״ געוואַרט פיל יאָרן, זייט איך בין געקומען צום שכל!... איך וועל אַלע יאָר אָפּהיטן דעם שלח־מנות מיט פרייד און שטאָלץ!...״

דערהערנדיק פון אהרנען זיין שיינעם משל, איז ער אַלעמען געפעלן געוואָרן.

נאָכן אָונט־ברויט זיינען זיי אַוועק אויפן קאָנצערט. אין טעאַטער־זאַל האָבן זיי זיך אַלע גוט אונטערהאַלטן, אין פויזע־צייט האָט זיי אהרן איינגעלאַדן צום בופעט, פון וועלכן אַלע פרייגד האָבן געגאָסן. נאָכן קאָנצערט, האָט אהרן זיי באַגלייט אַהיים, האַרציק זיך צעקושט, געזעגנט און אָפּגעפאָרן אין האָטעל.

אַזוי זיינען אַריבערגעלאָפן איניקע טעג. דער פעטער איז אַהיים־געקומען צו די תנאים אַ צופרידענער, געבראַכט שיינע מתנות פאַר חתן־כלה. ס׳איז געקומען די צייט פון די תנאים. אַלע איינגעלאַדענע קרובים, באַקאַנטע פון דער פאַמיליע ראָזענפעלד, ווי אויך פראָפ. יוסף קאַפּלאַן מיט זיין פאָטער וועלוול, ווי אויך יוספס טאָכטער ראָזאַ מיט איר מאַן דאָקטאָר מאַרקוס מיט זיינע עלטערן פאַמ. בלומענטאַל, וועלכע זיינען געווען די איינציקע איינגעלאַדענע געסט פון חתנס צד.

די געסט זיינען געקומען צו דער באַשטימטער צייט. דער חתן (פּראָפ. ב.) האָט זיין קאָלעגע (פּראָפ. י. קאַפּלאַן) מיט דער משפחה זייער פריינטלעך אויפגענומען און אַריינגעבעטן זיי אין זאַל, פאַרשטעלנדיק דבורהן — זיין כלה, וואָס האָט געמאַכט אויף זיי זייער אַ גוטן איינדרוק. גלייכצייטיק האָט ער זיי באַקאַנט געמאַכט מיט די צוקונפטיקע עלטערן און פריינד. אַזוי האָט זיך געשאַפן ביי זיי אַ היימישע פריינדלעכע שטימונג. דער רב איז אָנגעקומען. מען האָט אַריינגעבעטן דעם עולם אין עס־צימער, ווו דער רב האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן און אָנגעהויבן שרייבן די תנאים. די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף ר״ח אלול. דער רב האָט איבערגעלעזן די תנאים, דער עולם האָט געווונטשן חתן־כלה „מזל־טוב״. דאָס זעלבע האָט מען געווונטשן די מחותנים, ווי אויך זיי זאָלן דערלעבן פון זייערע קינדער פיל נחת!

מען האָט פאַרבעטן די געסט צו די סערווירטע טישן און דער עולם האָט געגאָסן פון כל־טוב. די מוזיק האָט געשפּילט, דער עולם האָט זיך גוט אַמוזירט, דערציילנדיק פאַרשיידענע עפּיזאָדן, אַנעקדאָטן א.א.

אין דער צייט, ווען פראָפ. ק. האָט קאָנפערירט מיטן חתן — זיין קאָלעגע, האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן דער כלה, זאָגנדיק:
„אהרן, דו האָסט אויסגעשפּילט דאָס גרויסע געווינס! דיין כלה מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק! דו האָסט לאַנג געוואַרט, אָבער גוט געמאַכט... איך ווינטש אייך דאָס בעסטע אין אייער צוקונפט!"
נאָכן עסן האָט דער חתן געבעטן זיין כלה זי זאָל דעקלאַמירן איר פאַרפאַסט ליד. אַלע געסט זיינען פאַראינטערעסירט געווען צו הערן איר ליד. די כלה האָט אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

ברידערלעך, אַהיים! אַהיים מוזן מיר גיין!
גענוג, אומזיסט זיך מיען,
גענוג צו פרעמדע פליען.
גענוג אונדז צו לויפן
פאַרן געלט זיך פאַרקויפן.
נאָר ניט פאַרגעסט פון ווייטנס „העט־העט"
דורכן בלוטיקן שרעק פון שונאס הענט!...
מיר מוזן לייגן אַן אייגענעם פונדאַמענט;
לייגן אַ בריק,
אַז אונדזער לאַנד זאָל אונדז געהערן צוריק.
גענוג אין גלות זיין,
גענוג צרות געזען,
גענוג קרבנות געבן
און קיין נסים — ניט געשען!...
מיר מוזן צו שווערע אַרבעט גיין:
קנעטן ליים, לייגן אַ שטיין צו אַ שטיין,
אַ שטאַרקן פונדאַמענט מאַכן,
אויף אייביק אונדזער לאַנד פאַרן שונא פאַרמאַכן!
ברידער אינטעליגענץ! מיר מוזן זיך אַלע מיען —
דאַן וועט ארץ־ישראל אויף אייביק אויפבליען!...

ווען די כלה האָט פאַרענדיקט דעקלאַמירן, האָבן אַלע געסט אַפּלאָדירט „בראַוואָ"!... דער חתן, די עלטערן, ווי אויך די מחותנים האָבן געקליבן נחת פון זייער כלהס ליד. די געסט האָבן באַוווּנדערט, אַז פון אַזאַ רייכע היים זאָל אַ פריילין זיין אַזאַ הייסע פּאַטריאָטין. זאָגנדיק:

צי די צייטן זיינען אַזעלכע? מעגלעך, אַז דאָס דאַרף זיין נוגע יעדן איינציקן. מיר זיינען דאָך עדות: דיליידן, שרעק, קרבנות, וואָס אונדזער פאָלק גיט און צו קיין פרייהייט האָט עס ניט געבראַכט, ווי די כלה זינגט אין איר ליד, אַז פון די אומזיסטע קרבנות איז קיין נסים ניט געשען!... מען דאַרף אונדזערע קינדער דערציען אין דעם גייסט, כדי זיי זאָלן בעסער פאַרשטיין דאָס לעבן און דאַן וועט עס ברענגען גוטע רעזולטאַטן! נאָכן אויסמאָרדן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע און פאָגראָמירן אונדזער יידיש האָב און גוטס, דאַרפן מיר, ווי די כלה זאָגט, אַלע יידן גיין באַפרייען אונדזער לאַנד!... אַלע געסט האָבן, ווי איינער באַשטעטיקט, אַז ס׳איז ריכטיק און האָבן חתן־כלה געווונטשן גליק אין זייער צוקונפט און זאָלן דערגרייכן צו זייער ציל!

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט זייער גליקלעכע תנאים.

נאָכן תנאים האָבן די עלטערן, ווי אויך חתן־כלה אָנגעפאַנגען זיך גרייטן צו פאָרן אַהיים קיין פ. די עלטערן האָבן איינגעקויפט פאַרשיידענע בויטיקע זאַכן פאַר חתן־כלה, אויך מתנות פאַר די קינדער און אייניקלעך. פאַניע מיט אברהמען האָבן האַרציק געדאַנקט זייער שוועסטער מאַניען מיטן שוואָגער נפתלי פאַר זייער שיינער אויפנאַמע, איבערהויפּט פאַר דער אינטערעסירונג מיט דבורהלעס זיווג, וואָס קאָנען ניט אויסדריקן זייער דאַנקבאַרקייט אין ווערטער.

„פאַניע, דאָס, וואָס איך האָב געקאָנט, האָב איך אַלס שוועסטער געטאָן. ס׳קומט מיר ניט קיין דאַנקבאַרקייט, מחמת ס׳ליגט אַ פליכט אויף יעדן צו העלפן מיט וואָס מען קאָן, בפרט אַן אייגענע פּלימעניצע, דערצו אַזאַ איידל טייער קינד. ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסע פרייד און נחת, אַז מיר פאַרמאָגן אַזאַ אוצר! איך מוז אייך זאָגן, מיינע טייערע, די געסט, וואָס זיינען בייגעווען אויפן תנאים און זיך צוגעהערט צו איר דעקלאַמירונג, זיינען איבעררעשט געוואָרן! איך גלויב, אַז ס׳וועט מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף דער דערציאונג פון זייערע קינדער. זי האָט גערעדט מיט אַזאַ פּאַטאָס, ווי ס׳וואָלט שוין געווען אַ פריי ארץ־ישראל. אַזוי איז געלעגן אין איר׳ע גייסטיקע פייערדיקע אויגן, וואָס ס׳האָט אַלעמען גערירט ביז טרערן!... וויפל איך האָב געטאָן פאַר איר, איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד. איך האָף, אַז ס׳איז ניט ווייט דער גליקלעכער טאָג, אַז אונדזער פאָלק וועט פּטור ווערן פון גלות און מיר וועלן דער־לעבן זיין אין ארץ־ישראל!...״

„ליבע שוועסטער מאַניע! גלויב מיר, אַז מיר וועלן זיי איה״ש

חתונה מאַכן און זיי וועלן זיך איינאָרדענען אין ארץ־ישראל, האָף איך, אַז מיר וועלן אין פּ. ניט פאַרבלייבן. איך בין אַ מוטער פון 5 זין, שניר, אייניקלעך, זיינען זיי ביי מיר ניט אַזוי טייער, ווי מיין דבורהלע...״

אברהם הערט און באַשטעטיקט:

„יאָ, טייערע שוועגערין, איך בין הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז דבורהלע מיט איר צוקונפטיקן מאַן וועלן בשלום קומען אויפן אָרט, וועט אַ לאַנגע צייט ניט נעמען און איך וועל איר מוזן נאָכקומען, אַזוי ווי אונדזער חתן איז נאָכגעקומען אונדזער טאָכטער!...״

„איך מוז אייך, מיינע טייערע זאָגן, אַז ס׳איז אַ גרויסער נסיון ביי־צוקומען די לאַגע אין אַזאַ שווערע תקופה!...״ — זאָגט מאַניע.

דבורה, הערנדיק איר מומעס ענטפער זאָגט:

„אָבער די האָפענונג פון דורות האָט געפונען איר ערשטע רעאַלי־זירונג און רפואה, וואָס וועט פאַרהיילן די וווּנדן פון אונדזער פאָלק!...״

„זאָלן מיר דאָס דערלעבן זען, וואָס מיר הערן!״ — ענטפערט אברהם.

„איך הער אייך אַלעמען מיט גרויס אינטערעס און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז אַ הימליש ליכט, וואָס וועט באַלויכטן אונדזערע צוקונפטיקע דורות!... סוף־סוף וועט אונדזער לאַנד באַפרייט ווערן, ווי אויך גאַנץ מעגלעך נאָך אין אונדזערע צייטן... מיר וועלן נאָך דערמאָנען פון דעם, פון וואָס מיר דיסקוטירן איצט״ — האָט נפתלי געזאָגט און ער זעצט פאָר: „מיר מוזן ביישטייערן, אויב ניט מיט אונדזער כוח, איז מיט געלט, ווי אויך מיט אונדזער התלהבות, כדי צו שטאַרקן זייער גייסט!...״

אברהם האָט באַשטעטיקט און פאַרשפּראָכן צו געבן אַ געוויסע סומע געלט פאַר קרן קימת. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט זייער דיסקוסיע. פּלוצים איז אַריינגעקומען אהרן און באַמערקט, אַז צווישן זיי פירט זיך אַ הייסע דיסקוסיע, פרעגט ער זיי, וואָס זיינען זיי אַזוי אויפגעטראָגן?

„דיין כלהס ליד, וואָס זי האָט דעקלאַמירט, האָט דערגרייכט אַזאַ הויכפּונקט, אַז דיינע צוקונפטיקע עלטערן, ווי אויך דיין פעטער נפתלי האָבן צוגעזאָגט שפּענדן פאַר קרן קימת אַ געוויסע סומע געלט״ — האָט די מומע מאַניע דערציילט.

„דאָס איז אויך גוט — זאָגט דבורה. — ס׳קאָן ברענגען גוטע רע־זולטאַטן, אָבער מיר דאַרפן זיך שטיצן אויף חלוצישן כוח, וואָס קלאַפּט אין האַרץ פון אונדזער יוגנט אין לאַנד און אין גלות. דער דאָזיקער כוח קאָן בערג אויפרייסן און באַפרוכפּערן וויסטענישן!...״

„וועסטו נעמען דעם אַקעראַייזן מיט אַ לאָפּעטע און גיין אויף די וויסטענישן באַאַרבעטן?... — פרעגט דער פּאָטער.

„יאָ, פּאָטער! איך גיב ניט פאַר קרן קימת, אָבער מיין גייסטיקן כוח און שטרעבונג מיט אייער מיטהילף וועלן גרינדן אַ יסוד און עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל און באַפרייען אונדזער לאַנד, די איינציקע גרויסע ירושה, וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט די יידישע געשיכטע, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט ליידן, צער און גייסטיקע גבורה, וואָס וועט אונדז צעמענטירן אונדזער כוח און שאַפן דעם גלויבן אין אונדזער שליחות פאַרן פאָלק און קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט אַלע פעלקער!...״

„אונדזער דבורהלע האָט אַרויסגעזאָגט ריכטיקע געדאַנקען״ — האָט אהרן געזאָגט. — „דאָס איז ווונדערבאַר! דאָס אויפלעבונגס־ווערק, וואָס ווערט געשאַפן, מוז מען זען אין צענטער פון חלוץ־מענטש, וואָס האָט געהאַלטן און וויל האַלטן דעם אַקעראַייזן, כדי באַפרוכפּערן די וויסטענישן. דאָס איז דער יסוד פאַר דער צוקונפט און די ליבע צום פאָטערלאַנד, צו גערעכטיקייט, פרייהייט און גלייכהייט. אַזוי זעען מיר און ווילן מקיים זיין און מיר גלויבן אין אונדזערע בעסטע מעגלעכקייטן אָן ספק, אַז די פּלענער צו פאַרווירקלעכן זיינען פאַרבונדן מיט אַ לאַנגע תקופה. מיט גרויסע שוועריקייטן, ווי ס׳איז געשריבן: „כל התחלות קשות״... מיט וואָס איינער האָט די מעגלעכקייט, מוז ער צוהעלפן, דאַן וועט מקויים ווערן נחמת ציון!...״

„פאַר אייער הייליקן גלויבן, מיינע טייערע, — ווענדעט זיך אברהם צו פאַניען, — דערלאַנגט כיבוד פאַר אונדזערע קינדער, לאָמיר מאַכן אַ לחיים!...״

די מוטער איז אַריין אין עס־צימער, געעפנט דעם בופעט צו גרייטן צום טיש. מאַניע האָט אָנגעקלונגען צום זון זיי זאָלן קומען אויף אַ כיבוד לכבוד חתן־כלה, וואָס דאַרפן אין גיכן אָפּפאָרן. גרשון מיט תמרהן זיינען געקומען. מען האָט זיך פריינדלעך אַמוזירט. דער טאָג איז געווען אַ רעגי־רונגס יום־טוב. די הייזער זיינען געווען באַצירט מיט נאַציאָנאַלע פענער. פלוצים האָבן זיי דערהערט דאָס שפּילן פון אַן אָרקעסטער נאַציאָנאַלע מוזיק. דערהערנדיק דאָס שפּילן, האָבן זיי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען דעם פאַראַד, זאָגן זיי:

„ווען וועלן מיר דערלעבן זען אַזאַ פאַראַד אין אונדזער אייגן לאַנד?...״

ענטפערט דבורה: „זיצנדיק מיט פאַרלייגטע הענט און האָפן, קאָן אַריבערגיין נאָך טויזנטער יאָרן! מיר דאַרפן דורך אַלע וועגן גיין, כדי

צו שאַפן אַ קראַפט, וואָס זאָל עפענען אַ וועג... דאַן וועלן מיר ווערן אַ שטאָלץ פריי פאָלק! איך וויל האָפן, מיינע טייערע, אַז איר וועט קומען קיין ארץ־ישראל, ווי פרייע בירגער!..."

אַלע האָבן געענטפערט, אַז דבורהלע זאָגט פאַר, ווי דבורה הנביאה!...

אויף צומאָרגנס זיינען חתן־כלה איינגעלאַדן געוואָרן צו פּראָפעסאָר קאַפּלאַן. ער האָט זיי פריינדלעך אויפגענומען. זיי האָבן גוט פאַרבראַכט, מען האָט געטרונקען „לחיים" לכבוד חתן־כלה!

„אַלזאָ" — זאָגט פּראָפ. ק. — „איצט איז די העכסטע צייט אָנצונעמען אַ פעסטן באַשלוס, לויט דיין כלה האָט דעקלאַמירט. מיר וואָלטן געוואָרן אַ פאָלק און געקאָנט אויפהייבן אונדזער שטים! ווו נעמט מען אַזעלכע הייסע פּאַטריאָטן, ווי איר זייט? אייך קומט אַן אמתן ישר־כוח! אייער געדאַנק איז אַ לאָגישער און האָפנטלעך, אַז ביי אונדז וועט זיך פאַר־שטאַרקן דער געדאַנק און מיר וועלן מוזן נאָכטאָן אייערביישפּיל, ווייל די צייט לערנט אונדז, אַז געלט אַליין איז אַ שוואַכער כוח. דער כוח פון געלט איז נאָר אַ ביישטייער. אַ לאַנד קויפט מען ניט און אָן אַ לאַנד איז אַ פאָלק קיין פאָלק ניט!..."

„אונדזער געשיכטע איז פון איין זייט אַ לאַנגע תקופה פון ציון־טרויער און פון דער צווייטער זייט — די קומענדיקע תקופה, וואָס פאָדערט אָנשטרענגונג פון נהמת ציון!..." — זאָגט אהרן.

„דאָ ליגט דער פּונקט, — זאָגט פּראָפ. קאַפּלאַן — וואָס שטייט פאַר אונדזער צוקונפט. ס'מוז געזאָגט ווערן צו דער יוגנט די אָנגענומענע הנחה, אַז וואָס שוואַכער ס'איז אַ פאָלק, גיט ער אַ פאַרצוג דעם שטאַרקן איבערן שוואַכן!... דעריבער מוזן מיר פירן אַ קאַמף מיט רעכט אויף אונדזער לעבנס־פראַגע: זיין איבערגעבן אונדזער אידייע, ווייל אַזוי דיקטירט אונדז די צייט. דאָס איז דער סדר פון אַ פאָלק. נאָר דאַן וועט קומען די גאולה!..."

מיט פּראָפ. קאַפּלאַנס אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען האָט זיך זייער דיס־קוסיע פאַרענדיקט. פּראָפ. ק. האָט זיי פאַרבעטן צום אָוונט־ברויט. ביים שיין סערווירטן טיש זיינען אויך אָנוועזנד געווען וועלוול קאַפּלאַן (יוספס פאָטער), ראָזאַ מיט איר מאַן דאָקטער מאַרקוס. אויפן אָוונט־ברויט האָבן אַלע גוט פאַרבראַכט. מען האָט געמאַכט „לחיים"ס לכבוד חתן־כלה, צווינטשנדיק זיי: „אַ גליקלעכע צוקונפט אין אַ באַפרייטער ארץ־ישראל!..."

אַזוי פאַרברענגנדיק, האָט ראָזאַ מיט דער כלה דיסקוטירט וועגן

ליטעראַטור, מוזיק, ווי אויך וועגן שווייץ. אויף ראָזעס פראַגע, ווי געפעלט איר שווייץ? האָט דבורה געענטפערט:

„מיינע איינדרוקן וועגן שווייץ זיינען פאָלגנדע: דאָס לאַנד איז שיין און דעמאָקראַטיש. די מענטשן — זייער סימפּאַטיש. זייענדיק אַ קורצע צייט, האָב איך באַמערקט, אַז ס׳פילט זיך ניט קיין סעפּאַראַטיזם, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פרייהייט. ס׳איז ווייט צו געפינען אַזאַ העפלעכקייט, ווי אין שווייץ!...״

„דבורה! ווען איך בין אַהער געקומען מיט מיין פאָטער, האָבן מיר דאָס גלייך געפילט, ווי מיר וואָלטן צו אייגענע געקומען. איר, דבורה, האָט ריכטיק אָבסערווירט, דאָך וואָלט איך זייער געוואָלט באַזוכן ארץ־ישראל. נאָך אין שולע, לערנענדיק וועגן ארץ־ישראל, האָב איך געטראַכט, ווען איך וועל ווערן זעלבסטשטענדיק, וואָלט איך וועלן לעבן אין אַן אייגן לאַנד. ווי גוט און שיין ס׳זאָל דאָ ניט זיין, פילט זיך דאָך, אַז עס איז ניט אייגנס. אַלזאָ לאָמיר האָפן, ווען ארץ־ישראל וועט באַפרייט ווערן, וועלן מיר זיך געוויס דאָרט באַזעצן!״

מאַרקוס, אויסהערנדיק זייער דיסקוסיע, זאָגט:

„ראָזעלע, ביסט אויך געוואָרן אַ פּאַטריאָטין? דאָס געפעלט מיר גראָד זייער! אַז פּראָפ. בורשטיין וועט אָנקומען מיט זיין צוקונפטיקע פרוי און זיך גוט איינאָרדענען, וועלן מיר אַ טראַכט טאָן... פּאָרלויפיק פירט זיך דאָרטן אַ שטאַרקער געראַנגל... איז ביים איצטיקן מאָמענט איבעריק...״

„דאָס איז אונדזער פעלער! מען לייגט די קעפּ, נאָר ניט פאַר אייגנס!...״ — האָט דבורה געענטפערט מאַרקוסן.

ענטפערט מאַרקוס: „דאָס איז אויך ריכטיק!״

זאָגט דבורה: „איר זייט דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ. איר דאַרפט שאַפן שעפערישע טעטיקייט, דערנענטערן זיך צו אונדזערע פּראָבלעמען פאַר אַ פריי נאַציאָנאַל לעבן. ניט וואַרטן! וואַרטן איז קראַנקהאַפטיקע קאָמפּלעקסן. „אם אין אני לי — מי לי?...״

נאָכן אָוונטברויט האָבן זיי פריינדלעך יוספן געדאַנקט פאַר די שיינע אויפנאַמע, האַרציק זיך געזעגנט מיט אַלעמען און אהרן מיט זיין כלה זיינען אַוועק אַהיים. אַהיימקומענדיק, זאָגט צו זיי די מומע מאַניע:

„פּראָפ. קאַפּלאַן מיטן פאָטער און טאָכטער זיינען זייער אינטערע־סאַנטע מענטשן!״

„און די בלומענטאַלס?״ — פרעגט דער חתן.

ענטפערט די מומע: „זיי זיינען ביי אונדז זייער פּאָפּולער. אַזעלכע מענטשן, ווי די בלומענטאַלס איז אַ זעלטנהייט. און זייער זון דאָקטער מאַרקוס איז אַ יונגער, אָבער זייער אַ גוטהאַרציקער. ער העלפט אָרעמע קראַנקע מיט ראַט און טאַט.״

„ווי דער פּאָטער, אַזוי דער זון!... — זאָגט אהרן. און זיין פרוי ראָזאַ איז זייער אַ גוטע, ווי מען זאָגט: אַ גוטע נשמה! און זייער קינד איז אַ מלאכל! זאָלן זיי זיין געזונט! זיי זיינען מיינע נאָענסטע אין שווייץ.

אהרן האָט זיך מיט זיין כלה זייער האַרציק צעקושט און געזעגנט, צווישנשנדיק אַ רואיקע נאַכט, דאָסגלייכן מיט די איבעריקע קרובים זיך געזעגנט און אַוועק צו זיך אין האָטעל. אין אַ קורצע צייט אַרום האָבן זיי זיך געמאַכט רייזע־פּאַרטיק, געזעגנט זיך מיט אַלע פריינד, ווי אויך מיט אַלע באַקאַנטע. ביים געזעגענען זיך מיט זיין קאָלעגע, האָט ער אים גלייכצייטיק איינגעלאַדן אויף דער חתונה קיין פּ. ער האָט אים פאַר־שפּראָכן קומען, ווייל ר״ח אלול פאָרט ער מיטן פאָטער אויף קבר־אבות קיין וו.

דער קוזין גרשון מיט דער פרוי תמרה האָבן פאַרשפּראָכן קומען אויף דער חתונה. זיי האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט, באַדאַנקענדיק פאַר זייער גוטער אויפנאַמע. נפתלי מיט מאַניען האָבן באַגלייט איניקע סטאַנציעס זייער שוועסטער פאַניע מיטן מאַן און חתן־כלה, צווינטשנדיק זיי אַ גליק־לעכע רייזע. זיי האָבן געדאַנקט דער שוועסטער מאַניע, שוואָגער נפתלי פאַר זייער אַרויסגעוויזענער האַרציקער פריינטשאַפט לגבי דבורהן, ווי אויך אהרן האָט זיי פריינטלעך געדאַנקט פאַר אַלעם. און זיי זיינען אָפּגעפאָרן קיין פּ.

אָנקומענדיק אַהיים, האָבן די זין מיט זייערע פרויען זייער פריינטלעך אויפגענומען די עלטערן, חתן־כלה, צווינטשנדיק זיי „מזל־טוב״ און האַרציק זיך צעקושט. די שניר האָבן פאַרגעברייט אַ שיינעם כיבוד לכבוד זייער אָנקומען. מען האָט געטרונקען „לחיים״ לכבוד חתן־כלה, ווי אויך לכבוד די עלטערן, צווינטשנדיק קעגנזייטיק „מזל־טוב״. מען האָט געגעסן, געטרונקען, היימיש פאַרברענגט ביז שפּעט ביינאַכט. די זין מיט זייערע פרויען האָבן זיך געזעגנט מיט די עלטערן און מיט די חתן־כלה און אָפּגעפאָרן. אויפן וועג האָבן די שניר גערעדט און באַוווּנדערט דבורהס מזל, וואָס זי איז באַגליקט געוואָרן מיט אַזאַ שיינעם, אַריסטאָקראַטישן, סימפּאַטישן חתן און דערצו אַ פּראָפעסאָר. נאָך מער האָבן זיי באַוווּנדערט,

וואָס דבורה האָט געקאָנט משפיע זיין אויפן חתן, אַז ער זאָל מסכים זיין צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ענטפערט זיי שמואל:

„איצט קאָן מען באַשטעטיקן, אַז דבורה פאַרמאָגט אַ שטאַרקן גייסט, וואָס דעצידירט... איר שכל און לאָגיק, וואָס זי פאַרמאָגט איז גאָרניט צו פאַרגלייכן!...”

מיט שמואלס דערקלערונג איז באַרעכטיקט געוואָרן דעם חתנס טאַט לגבי דבורהן. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט זייער געשפרעך.

די עלטערן האָבן זיך גענומען גרייטן צו זייער טאָכטערס חתונה. מען האָט אַריינגענומען צוויי שניידערינס, וועלכע האָבן אויפגענייט קליידער, וועש און אַנדערע נייטיקע זאַכן. אויך פאַרן חתן האָט אַ שניי־דער גענייט אַנצוגער. דבורה באַמערקט דער מוטער, אַז אין ארץ־ישראל איז וואַרעם, מען דאַרף דאָרטן קיין פוטערס. די מוטער האָט געענטפערט, אַז דער פוטער וועט איר צונוצקומען.

אַזוי איז די צייט אַריבער. צו דער באַשטימטער צייט זיינען אָנגעקומען די קרובים פון שווייץ: די מומע מאַניע מיטן פאָטער נפתלי מיט זייער זון גרשון און פרוי תמרה, ווי אויך דעם חתנס קאָלעגע פּראָפ. קאַפּלאַן מיט זיין פאָטער וועלוול. זייער אָנקום האָט פאַרשאַפן פיל פרייד די עלטערן, ווי אויך חתן־כלה.

מען האָט איינגעאָרדנט די חתונה אין גרעסטן און שענסטן זאַל. דער זאַל איז געווען באַצירט מיט שיינע מאָלערייען, אויפן סופיט געמאָלן פאַרשיידענע פיגורן. די קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן מיט די העל־בלויע לאָמפן, האָבן געשאַפן אַן אויסערגעוויינלעכן אויסזען. ווען די מחותנים מיט אַלע איינגעלאַדענע פריינט און געסט זיינען אָנגעקומען אין זאַל, האָט שוין די מוזיק געשפילט.

מען האָט אַריינגעפירט די כלה אין איר שיינער ווייס־זיידן קלייד, בראָדירט מיט גאָלדענע פעדים און אַ ווייס־טיול שלייער אויפן קאָפּ. אויף איר ווייס־אַלבאַסטער האַלדז די פּערל, ווי אויך אירע אויערינגלעך, אָרעם־בענדער, פינגערלעך געפּאַסט מיט ברילִיאַנטן, וואָס האָט באַלויכטן איר אַריסטאָקראַטיש איידעלען, שיינעם, חנעוודיק פנים. אירע גריינע גרויסע אויגן מיט איר בלאָנדע געקרויזלטע האָר מיט איר שלאַנקער הויכער פיגור, מיט איר גראַציעזן אויסזען האָט זי אַלע געסט איבערראַשט.

מען האָט באַזעצט די כלה. מיט גרויס אינטערעס האָבן די געסט דערוואַרט דעם חתן. פּלוצים איז געוואָרן אַן איבערראַשונג, מען האָט אַריינגעפירט דעם חתן צום באַדעקונג.

זיין שיין, אַריסטאָקראַטיש, איידל, סימפּאַטיש פּנים מיט די שוואַרצע גרויסע אויגן, מיט זיין שוואַרצן קאָפּ האָר, וואָס האָט געבלאַנקט ווי סאַמעט מיטן צילינדער אויפן קאָפּ, האָט געמאַכט זיין פיגור נאָך שלאַנקער און אין זיין סמאָקינג האָט ער אויסגעזען גראַציעז, ווי אַ שיינער פּרינץ. ווען ער האָט דערזען זיין האַרץ געליבטע כלה, האָט זיך ביי אים באַוויזן טרערן, דערמאָנענדיק זיך אין זיינע עלטערן ז״ל.

די כלה, דערזעענדיק איר חתנס ערנסטקייט, האָט זיך אין איר האַרץ דערוועקט צו אים אַ שטאַרק מיטגעפיל, באַטראַכטנדיק זיין גיין צו דער חופּה אָן עלטערן, אָן פריינט, איז זי אין דעם מאָמענט אויך געוואָרן ערנסט. די געסט האָבן עס באַטראַכט און באַוואונדערט, אַז אַזעלכע רייכע חתן־כלה זיינען אַזוי פאַרקלעמט.

ווען דער רב איז אָנגעקומען און אַדורכגעפירט די פּראָצעדור פון דער כתובה, האָט מען חתן־כלה געפירט צו דער חופּה.

דער רב האָט געמאַכט אַן אזכרה נאָכן חתנס עלטערן, דאַן האָבן די געסט פאַרשטאַנען חתן־כלהס איבערלעבונגען...

מען האָט געווּנטשן חתן־כלה מזל־טוב, ווי אויך די מחותנים מזל־טוב און זאָלן דערלעבן נחת פון די קינדער!

מען האָט פאַרבעטן די געסט צו די סערווירטע טישן, וואָס זיינען געווען מיט כל־טוב. מען האָט געגעסן, געטרונקען, ווינטשנדיק „לחיים״. מוזיק האָט געשפּילט.

נאָכן עסן זיינען די געסט אַריין אין טאַנץ־זאַל, ווו מוזיק האָט גע־שפּילט און די יוגנט האָט געטאַנצט. אין אַ געוויסער פּויזע, האָט מען די געסט אַריינגעבעטן אויף אַ קאַפע מיט פאַרשיידענע צובייסעכץ. דער עולם האָט געגאָסן פון שיינעם כיבוד. מען האָט זיך גוט געווילט, פאַר־בראַכט ביז פאַרטאָג. די געסט זיינען געווען צופרידן. זיי האָבן פריינטלעך געדאַנקט די מחותנים, אָנווינטשנדיק חתן־כלה אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן און די עלטערן זייערע זאָלן דערלעבן פיל נחת.

*

דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. פאַרבליבן זיינען נאָר די נאָענטסטע, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען פּראָפ. קאַפּלאַן מיט זיין פאָטער וועלוול. דער פאָטאָגראַף האָט געמאַכט אַן אָנדענקונגס־בילד פון דער חתונה־משפּחה, אין וועלכער ס׳האָט זיך אויך געפונען דעם חתנס נאָענטסטער פריינט און קאָלעגע פּראָפ. קאַפּלאַן מיטן פאָטער.

נאָך דער חתונה זיינען די קרובים, אויך פראָפ. קאַפּלאַן מיטן פּאָטער אָפּגעפאָרן צוריק קיין שווייץ.

פּראָפ. בורשטיין האָט געגומען משתדל זיין זיך וועגן זייער רייזע נאָך ארץ־ישראל. אַלס אַקטיווער ציוני, האָט אים די עקזעקוטיווע פּיל מיטגעהאָלפן, דאָך האָט געמוזט נעמען צייט, ביז ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, אַז זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצופאָרן.

די עלטערן האָבן זיי צוגעגרייט צו ד'ער רייזע אויך מיטגעגעבן אַ גע־ווויסע סומע געלט, כדי זיי זאָלן זיין באַזאָרגט די ערשטע צייט.

די ברידער מיט זייערע פרויען האָבן זיי באַגלייט ביז דער באַן און די עלטערן ביז צום פּאָרט א.

די מוטער האָט ניט אַראָפּגענומען פון זיי די אויגן אין פאַרלויף פון זייער רייזע. אהרן, זייער איידעם, באַמערקנדיק דאָס, ווענדעט זיך צו זיין שוויגערמוטער מיט פאָלגנדעס:

„מוטער! איר דאַרפט זיין צופרידן און שטאָלץ מיט אייערע קינדער, וואָס ווילן ברענגען די גאולה. זייט ניט פאַרצווייפלט, דער גאָט איז דער זעלבער, דער הימל — דאָסגלייכן, נאָר מענטשן מיט אַן אַנדער אידעע! און ווער ס'פאַרמאָגט די זעלבע אידעע הייסט ער אַ ברודער. מיט אַ ברו־דער איז מען בדרך כלל ניט פרעמד!...״

„דאָס איז ריכטיק. איך וועל זיך דאַן באַרואיקן, ווען איר, קינדער, וועט בשלום אָנקומען קיין ארץ־ישראל און איר וועט זיך איינאָרדענען דאָרט!...״ — האָט געענטפער'ט די מוטער און אָנגעפאַנגען וויינען...

„שוין וויינסטו? האָב צייט, זיי זיינען דאָך נאָך אין א.!״ — זאָגט דער פּאָטער.

„אָט דערפאַר וויין איך. ווען איך וועל באַקומען דעם ערשטן בריוו, אַז זיי זיינען בשלום אָנגעקומען, דאַן וועל איך זיך באַרואיקן.״

„איך גלויב ניט. איך האַלט, אַז דו וועסט זיך דאַן באַרואיקן, ווען דו וועסט זיין נעבן זיי.״ — זאָגט דער פּאָטער.

„הלוואי!״...״ — ענטפערט די מוטער.

„איך זאָג ניט, אַז ניט, אפשר?... — זאָגט דער פּאָטער.

ס'איז געקומען די צייט פון געזעגענען. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיך די מוטער מיט דער טאָכטער האַרציק געקושט, דריקנדיק איינע די צווייטע צום האַרצן, זאָגנדיק:

„מוטער! ביזט דאָך אַלע מאָל געווען ענערגיש, זיי מונטער, מיר וועלן אייך אָפטע בריוו שרייבן, איר וועט זיין צופרידן. געדענקסט דאָך,

ווי דו האָסט געהאַט געזאָגט דעם פאָטער: בעסער פון ווייטנס גוטס... איצט דערוועקסטו אין מיר אַ שווערן געמיט! מיר פאָרן אין אייגן לאַנד. צווייטנס קאָן מען מאַכן אַ לוסטרייזע צו יעדער צייט.״

מיט דעם האָט זי עטוואָס באַרואיקט איר מוטער.

נאָכן פאָטערס געזעגענען זיך מיט דער טאָכטער און איידעם, זיינען די עלטערן צוריקגעפאָרן אַהיים קיין פ.

אַריינקומענדיק אין דבורהס צימער, האָט די מוטער באַטראַכט, ווי וואָלט געווען בעסער? ווען דבורה איז אין דער היים און לעבט איבער צוליב יעקבן, וואָלט דען מיר געווען לייכטער? טראַכט זי ווידער: אַ מענטש איז קיינמאָל ניט צופרידן!... דבורהלע איז דאָך פאַרהייראַט. ווי זאָגט מען: „מיט אַ מאַן גייט מען לעבר לים״... וואָס קאָן מען טאָן? אַזוי איז שוין דעם מענטשנס לעבן! נאָר זאָרג און זאָרג!...

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען זייער עלטסטער זון שמואל, האַרציק זיך באַגריסט מיט דער מוטער און באַטראַכטנדיק איר פאַר־זאָרגט פנים, האָט ער איר געזאָגט:

„מוטער! וואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט? וועגן דבורהן? דאַרפסטו ניט זאָרגן, זי איז אַוועק מיט איר מאַן, דערצו מיט אַזאַ וויכטיקן און גוטן מענטש! דאַרפסטו זיין צופרידן און שטאָלצירן מיט אַזאַ איידעם!״

„יאָ, טייערער זון! ווען זיי וואָלטן געווען נעבן אונדז, וואָלט איך געווען פון די גליקלעכסטע. איצט וועל איך זיך מוזן טרייסטן מיט זייערע בריוו...״

און אַזוי ווי זיי רעדן, קלינגט דער פאָסט־טרעגער און גיט איבער אַ טעלעגראַמע. שמואל האָט איבערגעלעזן און אַ זאָג געטאָן: „פון א.!״ די מוטער איז בלייך געוואָרן, פרעגנדיק אָן אָטעם: „וואָס שרייבן זיי?״

„היינט פאָרן זיי אָפּ קיין ק. מיט דער ערשטער קלאַס. אָנקומענדיק, וועלן זיי צו וויסן געבן.״

די מוטער האָט זיך פון פרייד פאַנאַדערגעוויינט...

„מוטער! אויב דו וועסט ביי יעדער טעלעגראַמע און בריוו וויינען, וועסטו חלילה קראַנק ווערן. דו ווילסט דאָך דערלעבן גוטעס פון דיינע קינדער!״

„ווען דו וועסט אויסהאָדעווען דיין גדליהון און ער וועט וועלן אַוועקפאָרן פון דיר, דאַן וועסטו מיר מיטפילן...״

„איך האָב דיר שוין וועגן דעם געהאַט געזאָגט נאָך דאַן, ווען אונדזער דבורה האָט געשטרעבט ווערן אַ חלוצה און אַדורכמאַכן אַלע

שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט הלוציזם. דאַן האָב איך דאָס זעלבע געזאָגט. הלוואי זאָלן מיר דערלעבן, אַז אונדזער זון זאָל זיין אַזאַ אידעאַליסט און וועלן פאָרן נאָך ארץ־ישראל, וועלן מיר זיין צופרידן און אפשר איז דאָס גאָר אַ גליק? אַז דבורה וועט זיך איינאָרדענען און שרייבן, אַז מען קען מאַכן דאָרט אַ לעבן, גלויב מיר, מוטער, איך וואָלט דער ערשטער געווען דערפאַר!...״

און אַזוי רעדנדיק, קומט אַריין פרומע שמואלס פרוי, און פרעגט:

„איז אפשר דאָ אַ בריוו?״

„אַ טעלעגראַמע איז נאָר וואָס אָנגעקומען. זיי שרייבן, אַז זיי פאָרן היינט אָפּ״.

„זייט איר, מוטער, צופרידן?״ — פרעגט פרומע.

„ווי גוט ס׳איז, ווען די קינדער זיינען קליין און זיינען ביי די עלטערן!״

„דאָס איז דאָך דער סוד פון דער וועלט!...״ — האָט געענטפערט פרומע. — „ווי זאָגט אייער זון שמואל: ווען אונדזער גדליהו וועט אויס־וואַקסן און וועט וועלן פאָרן, וועלן מיר זיין צופרידן, ווייל סוף־סוף זיינען מיר אין גלות. הלוואי זאָלן מיר דערלעבן דאָס, וואָס איר, מוטער, האָט דערלעבט! ווי געזאָגט, וואָלטן אנדערע עלטערן געוווּנטשן זיך אַזאַ גליק(! באַקומען אַזאַ איידעם איז דאָך אַ גרויסער כבוד פאַר אונדז אַלעמען! אַזוי זאָגט שמואל. איר דאַרפט ניט זאָרגן!״ — מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט און אַוועק.

פאַניע האָט באַטראַכט, וואָס די קינדער האָבן איר דערקלערט. סוף־סוף וועלן זיי אונדז אויך איבערלאָזן. אַזוי האָט זי פאַרשטאַנען פון זייערע רייד. זי איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט, פאַרקלעמט. קומט אַריין אברהם און פרעגט צי ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו?

„ס׳איז דאָ אַ טעלעגראַמע״. — ענטפערט פאַניע.

„אויב אַ טעלעגראַמע, זיינען זיי שוין אָפּגעפאָרן״. — זאָגט אברהם.

„אַזוי ווי דערביי געווען. יאָ, זיי פאָרן שוין אָפּ פון א.״

„מ׳דאַרף אָנזאָגן די קינדער!״ — האָט געזאָגט אברהם.

„שמואל האָט דערהאַלטן די טעלעגראַמע. ער וועט זיי אָנזאָגן״.

„נו, וואָס זאָגט שמואל?״ — פרעגט דער פאָטער.

„ווייסטו דען ניט, אברהם, וואָס שמואל קאָן זאָגן? ער איז דער צווייטער פאַטריאָט נאָך דבורהן״.

„זאָלן זיי מאַכן, ווי זיי פאַרשטייען. און אפשר, פאַניע, איז עס בעסער?... איצט דאַרף מען וואַרטן אויף אַ בריוו״. — זאָגט אברהם.

די צייט איז געגאַנגען. ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַז זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין ק. האָפנטלעך זיי וועלן אין גיבן קומען אויפן אָרט. די מוטער איז אַליין געווען אין שטוב. לייענענדיק דעם בריוו, האָט זי זיך גוט אויסגעוויינט. זי איז אַוועק צו שמואלן אָנזאָגן. שמואל האָט אויך מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם בריוו.

ווען די מוטער איז אַריינגעקומען, איז שמואל אין דער היים ניט געווען. פרעגט פרומע: „מוטער! ס׳איז דאָ אַ בריוו?״

„פרומע! דו האָסט ריכטיק באַמערקט. ס׳איז דאָ אַ בריוו, אָבער ס׳וווּנדערט מיר פון וואַנען ווייסטו?״

„איך זע עס אין אייער פּנים, אַז איר האָט שוין ווידער פיל איבער־געלעבט״... — האָט געזאָגט פרומע.

„וואָס קאָן מען מאַכן? ווייסט דאָך, פרומע, אַז מען האָט קינדער, מוז מען איבערלעבן... זיי שרייבן, אַז זיי זיינען ב״ה געזונט אָנגעקומען קיין ק. די טעג פאָרן זיין אָפּ קיין ארץ־ישראל״.

„מוטער, איצט דאַרפט איר זיין צופרידן. זייער רייזע איז, ווייזט אויס, אַ געלונגענע. מען קאָן האָפן, אַז זיי וועט אַלץ געלינגען, ווייל ער איז אַן ענערגישער מאַן. איר דאַרפט זיין צופרידן!״

„יאָ, מיט איין זאַך בין איך צופרידן, אַז איך דערמאָן זיך, אַז זי איז ניט עלנט״. — האָט געענטפערט פאַניע, איר שוויגערמוטער.

„מוטער! איך האָף, אַז מיר וועלן נאָך זיין צוזאַמען אין ארץ־ישראל!״

„צוזאַמען אין ארץ־ישראל, גלויב איך ניט, ווייל אייער פאָטער האַלט ניט דערפון. אַ לוסט־רייזע, האָפנטלעך, וועלן מיר מאַכן...״

פאַניע איז אַוועק אַהיים.

צום מיטאָג עסן איז געקומען אברהם.

„ווייסט, אברהם, ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו פון די קינדער, אַז זיי זיינען שוין אין ק. און אין גיכן, שרייבן זיי, וועלן זיי אָנקומען אויפן אָרט״.

נאָך דיין פּנים האָב איך דערקענט, אַז ס׳איז דאָ אַ בריוו, ווייל איך זע, אַז דו האָסט זיך שוין אויסגעוויינט!... אונדזערע געשעפטן גייען גוט, אָבער דו מיט דיין צו גוט האַרץ, וועסטו חלילה אונדז ברענגען צום אונטערגאַנג. דו מוזט זיך באַרואיקן. לאַנג קאָן ניט אָנהאַלטן אַזאַ לאַגע. ס׳קאָן זיך שאַפן קאָמפּליקאַציעס, ווייל וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט

אונדזער דבורהן, האָט דאָס זעלבע פּאַסירט מיט נאָך אַזעלכע. ביי דער געלעגנהייט, איז כדאי צו באַמערקן, אַז איר איז געלונגען חתונה צו האָבן מיט אַזאַ וויכטיקן מאַן!... מיר האָבן איר אַרויסגעלאָזט מיט האָב און גוטס!... באַרואיק זיך! אין קעגנפּאַל קאָנסטו חלילה רואינירן אונדזער אייגן לעבן. אַ סוף זאָל עס נעמען! אַ מאַמע דאַרף אויך לעבן! ניט נאָר טראַכטן פאַר די קינדער! יעדע זאַך מוז האָבן אַ מאָס! און דו מיט דיין צו גוטער נאַטור, פאַרגעסטו אָן זיך און אין מיר! די צייטן זיינען אַזעלכע, וואָס קינדער טראַכטן ניט פאַר עלטערן!... דבורה איז אַוועקגעפאָרן, ענדיקט זיך ביי דיר דער ווילן פון לעבן! ערשטנס, איז זי ניט אַוועק, ווי אַ חלוצה, וואָס פאָרט אַוועק אָן מעגלעכקייטן צום לעבן און מוז זיך אויסהאַלטן, ווי אַלע חלוצים, צייטנווייז אַפילו ניט צו האָבן זאַט ברויט!... איך האָב איר אויך ליב, אָבער מיט אַ מאָס. וואָס מיר האָבן געקאָנט, האָבן מיר זיי געגעבן. דעם אייגענעם געזונט דאַרף מען ניט פּטרן, ווייל מיט דעם וועסטו זיי קיין גוטס ניט פאַרשאַפן, נאָר זיך שלעכטס! אַז דו וועסט זיך גוט האַלטן, וועלן מיר דערלעבן פון זיי נחת און אפשר וועלן מיר מאַכן אַ לוסט־רייזע צו זיי? נאָר האַלט זיך מוטיק!...״

ווען פאַניע האָט דערהערט אברהמס טענות, טראַכט זי: ער האָט רעכט! איך בין טאַקע צו גוט, וואָס איך ערגער זיך אַזוי פיל. מען דאַרף זיך באַהערשן. ווען מען איז געזונט, קאָן מען גוטס דערלעבן.

אַזוי איז אַריבער צוויי וואָכן. זיי האָבן דערהאַלטן זייער אַ פריילעכן בריוו, אין וועלכן ס׳איז געווען באַשריבן די גאַנצע רייזע. זי איז געווען זייער אַ גוטע און היימלעכע. זיי זיינען אָנגעקומען קיין יפו און גלייך באַקומען אַ צוויי־צימער־וווינונג מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. ס׳איז ניט, ווי אין פּ. אויך ניט, ווי אין שווייץ, אָבער זיי זיינען זייער צופרידן. דאָס לעבנס־מיטל איז זייער ביליק. ס׳איז אַלץ גוט, נאָר... ס׳בענקט זיך נאָך די עלטערן! מיר האָפן, אַז די צייט וועט אַלץ פאַרבעסערן. אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, האָבן מיר זיך באַפריינדעט מיט אַ געוויסע פּערזענ־לעכקייט. ער האָט אונדז פאַרשפּראָכן, אַז אויב מיר וועלן זיך בוטיקן אין זיין הילף, וועט ער אונדז העלפן. מיר האָפן, אָן אים זיך אַן עצה געבן. אין דער פרי איז אהרן געגאַנגען וועגן אַרבעט. ווען מיר וועלן האָבן גוטע נייעס, וועל איך אייך, ליבע עלטערן, גלייך געבן צו וויסן. איך איַיל זיך אייך אָנצושרייבן, אַז מיר זיינען פולקאָם געזונט. ביים פאַרענדיקן דעם בריוו, איז אהרן געקומען מיט גוטע נייעס: מען האָט אים אָנגענומען אין אַ שפּיטאָל אַלס שעף. מיר זיינען זייער צופרידן. דאָך

רעכן איך גיין אויף קורסן אַלס קראַנקנשוועסטער. אהרן איז דאַקעגן, ווייל ער וויל ניט איך זאָל זיך איבערשטרענגען. אָבער איך וויל זיין זעלבסטשטענדיק. אַ פאַך שאַדט קיינמאָל ניט! איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ פרוי, איר מאַן איז געווען אַן הויכער באַאַמטער, האָט זי מיר געראַטן, אַז איך זאָל זיך יאָ לערנען אַלס קראַנקנשוועסטער. זי זאָגט, אַז איר מאַן האָט איר אויך ניט דערלויבט לערנען אַ פאַך, אָבער איצט איז איר מאַן אויף פענסיע. לויט, ווי זי איז געווען צוגעוווינט לעבן אין לוקסוס, איז איר איצט שווער. ווען זי וואָלט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך, אָדער אַלס קראַנקנשוועסטער, ווענלכעס דאָ באַצאָלט זיך זייער גוט, וואָלט זיך איר געלעבט בעסער. דערפאַר איז איר ראַט, אַז איך זאָל זיך לערנען אַלס קראַנקנשוועסטער. איך גלויב, אַז איך וועל אהרנען איבערצייגן און ער וועט מסכים זיין.

אַזוי איז אַלץ, ווי מען זאָגט ביי אונדז, בסדר. און איצט, טייערע מוטער, האָב איך צו דיר אַ ביטע: לויט, ווי איך קאָן דיין נאַטור, מיט דיין איבערגעגעבנהייט צו אונדז, בעט איך דיר, זאָלסט וועגן אונדז ניט זאָרגן און ניט בענקען, ווייל ס׳ווירקט אויפן געזונט. ווען דו וועסט זיך גוט האַלטן, וועלן מיר פריער־שפּעטער האָפנטלעך, זיך זען. פאַרבלייבט אַלע געזונט, ווי ס׳ווינטשט אייך אייער איבערגעגעבענע טאָכטער, וואָס האָפט הערן פון אייך כל־טוב און קוש אייך האַרציק פילפיל מאָל. אין זעלבן טאָג, שרייב איך אַ בריוו צו מיינע ברידער.

און צו דיר, ליבער פאָטער, האָב איך אַ ביטע: לייג אַכט אויף אונדזער מוטער, זע זי זאָל זיך ניט ערגערן. נעם איר אָפטער אין טעאַטער, כדי זי זאָל ניט בענקען. איך האָף, ווען אהרן וועט אַרבעטן אַ לענגערע צייט, וועלן מיר אַלץ אָנווענדן, כדי צו באַקומען פאַר אייך סערטיפיקאַטן. וועגן דעם האָב איך מיט אהרנען שוין גערעדט. איר ווייסט דאָך זיין נאַטור, אַז ער וויל מיר צופרידנשטעלן. דערצו איז ער פון נאַטור אַ גוטער מענטש. אַלזאָ, טייערע עלטערן, איך האָף, אַז מיר וועלן זיך זען. אַ האַרצלעכן גרוס פון אהרנען. דבורה בורשטיין.

די מוטער, דערהאַלטנדיק דעם בריוו פון די קינדער, האָט זיך געשטאַרקט ניט צו וויינען. אויפגעמאַכט דעם בריוו, גענומען לייענען די ערשטע שורות, אַז זיי זיינען אָנגעקומען בשלום, האָט זי זיך ניט געקאָנט פון פרייד באַהערשן און אָנגעפאַנגען וויינען, אויסגעווישט די אויגן און לייענט ווייטער: גאָט צו דאַנקען! זיי האָבן שוין אַ וווינונג! אַבי מען האָט געזאָגט, אַז מען קריגט ניט אַפילו אַ צימער. ווידער לייענט זי,

אַז אהרן האָט שוין באַקומען אַרבעט אַלס שעף אין אַ שפּיטאָל. דאָס האָט זי דערמוטיקט און זי איז געלאָפן אָנזאָגן אַברהמען, אַז פון די קינדער איז דאָ גאָר אַ גוטער בריוו. ער האָט זיך דערפרייט און אַ זאָג געטאָן:

„אַ ביסעלע זיך אויסגעוויינט, פאַניע?...”

„ניין, אברהם, פאַרוואָס וויינען? פון אַזאַ בריוו איז כדאי מאַכן אַ לחיים!..”

„אָט אַזוי, מיין טייערע, פאַרשטיי איך. ליב האָבן דאַרף מען ניט מיט טרערן, נאָר מיט שכל. אָן שכל קאָן מען חלילה פאַרשפּילן דאָס לעבן!”

„נו, אברהם, לייען דעם בריוו!”

ער האָט אָנגעפאַנגען לייענען אוי... פון פרייד האָט זיך ביי אים באַוויזן אַ פאָטערלעכע טרער...

„אַזוי! — זאָגט פאַניע — דאָס דאַרפסטו איבערלאָזן פאַר מיר...”

„איך קאָן ניט זיין גלייכגילטיק צו אַזאַ גוטן בריוו”.

ער לייענט ווייטער. זיין האַרץ פרייט אין אים...

„זאָגן דיר דעם אמת. איז אונדזער אהרן אַ העלד, אַז ער האָט שוין געקאָנט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס שעף אין אַ שפּיטאָל!”

„און וואָס זי וויל ווערן אַ קראַנקנשוועסטער, וואָס זאָגסטו, אברהם?”

„איך זאָג, אַז עס איז ניט קיין נאַרישקייט! ווידער פרייט מיר, וואָס דבורה שרייבט, אַז מען קאָן האָפן, אַז מיר וועלן זיך זעען. ווי ס'זאָל ניט זיין, איז פון זיין זייט זייער פיין. ער באַרואיקט איר, ווי אויך דיר. נו, פאַניע, זיי מונטער און נעם זיך ניט איבער, וועט אַלץ זיין גוט. פאַניע! ביי די קינדער ביזטו געווען?”

„ניין! איך האָב זיך געאיילט אָנזאָגן דיר און צוריקגייענדיק, וועל איך צו זיי אַריינגיין”.

די מוטער איז אַריין צו שמואלן אָנזאָגן, אַז ס'איז דאָ אַ בריוו זייער אַ גוטער. שמואל איז אין דער היים ניט געווען. האָט זי געבעטן פרומען איבערגעבן שמואלן, אַז ס'איז דאָ אַ גוטער בריוו פון דבורהן.

ווען שמואל איז אַהיים געקומען, האָט פרומע אים איבערגעגעבן וועגן בריוו. ער האָט זיך דערפרייט און געקומען צו די עלטערן זיך דערוויסן, וואָס זיי שרייבן. ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, זאָגט ער:

„מוטער! האָסטו באַדאַרפט אַזוי פיל איבערלעבן? איך האָב געגלויבט אין זיינע פעאיקייטן, אַז ער וועט אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן גיין! דערצו

זיינען זיי דאָך ענערגישע מענטשן! זי וועט זיך דערוועגבן אַ פּאָך, וועלן זיי זיין גליקלעך! אזוי, מיינע טייערע, קינדער דאַרף מען ניט שטערן אין זייער לעבן, ס׳איז ניט, ווי אַמאָל, וואָס מען האָט געהאַלטן קינדער, ווי אונטערן פאַרטוך". היינט זענען אַנדערע צייטן!... ווי גליקלעך וועלן מיר זיך שעצן, ווען אונדזער עלטערער זון וועט וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל! אַזוי דאַרף יעדער איינער טראַכטן. ניט האָבן אין זינען דעם „עגל הזהב", וואָלטן מיר שוין לאַנג געהאַט אונדזער לאַנד!... ניט גיין, ווי שעפּסן צו דער שחיטה!... מען טראַכט נאָר פון פאַרשידענע לוקסוסן! אַזוי לאַנג, ווי מען קאָן גיין, דאַרף מען מיט אַלע וועגן גיין! ווער ווייסט, וואָס מיר קאָנען נאָך דאָ דערלעבן?.."

„שמואל! וואָס קוקסטו אַזוי פּעסימיסטיש? דו ווייסט, ווי מען זאָגט? ווי מען קוקט, אַזוי זעט עס אויס!..."

„ניין, פאָטער, דער שכל הישר באַווייזט, און אַפילו לאָגיש וועל איך דיר אויפווייזן, איך האָב געאַרבעט ביי דיר אין געשעפט ביז מיין חתונה. און נאָך דער חתונה האָסטו געוואָלט, אַז איך זאָל ווייטער אַרבעטן מיט דיר. האָט מיינע געזאָגט: וואָס! מיטן פאָטער? טויג ניט. איך וויל ניט! פרעג איך איר פאַרוואָס? איך וויל דו זאָלסט ווערן אַ בעל הבית פאַר זיך, וויפל דו וועסט פאַרדינען, וועל איך וויסן, אַז דאָס איז אונדזערס. דו, פאָטער, ביזט אַ גוטער! דאָך וויל יעדער איינער זיין זעלבסטשטענדיק! דעריבער פיר איך אויס, אַז מיר מוזן גיין אין אייגן לאַנד, ווי מיר וועלן שאַפן, וועט זיין אייגנס!...

אַפילו ווען מען וועט ליידן פון די שכנים, דאָך וועלן מיר ניט זיין אין אַזאַ סכנה, ווי אין פּ.!... מיר וועלן זיך אויסלעבן קולטורעל מיט אַן אייגענע שפּראַך. און די קינדער, וואָס לערנען אין די שולעס! למשל: אַ יידיש קינד, וואָס לערנט זיך אויסגעצייכנט, דאַרף באַקומען אַ 5, באַקומט אַ 3... שטעל זיך פאָר, ווי פילט זיך געטראָפן דער שילער אין מאָראַלישן זין פון וואָרט?... און ענדערט זיין כאַראַקטער אין ווייטער־דיקן שריט פון לעבן!... אַלזאָ פאָטער, באַטראַכט עס גוט, וועסטו עס ניט זאָגן, וואָס דו האָסט געזאָגט!...

אונדז פעלט שטאָלץ, ווייל מיר זיינען אין גלות. און גלות באַדייט פאַרשקלאַפונג!... אין דעם פאַל פאַרלירט מען די ווירדע ביי זיך! אַלזאָ, פאָטער! ווען איך באַזיץ אַזאַ קאַפּיטאַל, ווי דו, וואָלט איך אַלץ ליקווידירט און געפאָרן קיין ארץ־ישראל!.."

„ניט אין מיינע יאָרן! דער רבונו של עולם איז אומעטום, ווו דער ייד געפינט זיך.״

„פּאָטער! פּאַרוואָס זאָגסטו די ברכה: ובנה ירושלים! ווער וועט אויפבויען ירושלים, ווען מיר וועלן זיצן אין גלות?...״

דער פּאָטער איז געבליבן זיצן אַ פּאַרטראַכטער, און שמואל אַ דער־נערוווירטער, איז אַוועק פון שטוב.

געקומען אַהיים, פרעגט אים זיין פרוי: „שמואל, וואָס איז געשען! וואָס ביזטו אַזוי דענערווירט?״

„דו ווייסט דאָך, פרומע, אַז איך רעד מיטן פּאָטער רעגט ער מיך אויף״.

„דו ווייסט דאָך, שמואל, אַז מיט אים איז ניט כדאי צו דיסקוטירן וועגן ארץ־ישראל!...״

„הערסטו, פרומע, איך האָב אים היינט אַזוי דערקלערט, אַז ער איז געבליבן זיצן אַ פּאַרטראַכטער. איך גלויב, ס׳וועט אויף אים גוט ווירקן״.

„וואָס האָסטו אים אַזעלכעס אויפגעקלערט?״

„איך האָב אים פּשוט געזאָגט, אַז איך אויף זיין אָרט, וואָלט אַלץ ליקווידירט און אַוועק קיין ארץ־ישראל. און נאָך אַזעלכעס, וואָס איז געווען בויטיק, אַז ער זאָל פאַרשטיין די וויכטיקייט פון זיין אין אַן אייגן לאַנד!״

„מיינסטו, שמואל, אַז ער וועט אויף דעם לייגן אַכט? איך צווייפל אין דעם״.

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט דעם געשפּרעך און שמואל איז אַרויס פון שטוב אַן אומצופרידענער, כדי זיך עטוואָס בּאַרואיקן.

ווען פאַניע איז אַריינגעקומען, זאָגט אברהם צו איר: „איך וועל דיר עפּעס דערציילן פון אונדזער שמואלן, וואָס ער עצהט? ער האָט מיר אויפגעקלערט גאָר פשוט: אַלץ ליקווידירן און פאָרן נאָך ארץ־ישראל... ווי מיינסטו, פאַניע, איז עס אַן ענין?״

זי האָט ניט געוואָלט אַרויסווייזן איר צופרידנקייט און געענטפערט:

„דאָס מוז מען באַטראַכטן. מעגלעך, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך! מיר זיינען שוין ניט קיין יונגע מענטשן, מיט אונדזער פאַרמעגן קאָנען מיר עקזיסטירן, ווו מיר וועלן זיך באַזעצן. און דבורהלע שרייבט, אַז דאָס לעבנס־מיטל איז דאָרטן זייער ביליק. צוויי מענטשן קאָנען אַדורכמאַכן אַ שיין לעבן פאַר פינף פונט אַ חודש. אפשר וואָלט געווען גאַנץ גלייך?״

און אין האַרץ טראַכט זי: הלוואי גיט אים גאָט אַריין אַ געדאַנק, אַז ער זאָל דאָס פאַרווירקלעכן, אָבער, טראַכט זי, מען טאָר ניט צופיל אַרויסווייזן אים די צופרידנהייט. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט זייער געשפרעך. אַזוי זענען אַריבער אייניקע טעג. ער רעדט ניט און זי פרעגט אים ניט, נאָר זי באַמערקט, אַז אברהם איז פאַרטראַכט. דענקט זי, אַז עפּעס האָט זיך ביי אים געענדערט. ווען ער וועט אָנפאַנגען רעדן וועגן פאָרן, וועל איך איינשטימען. אָבער איידער וואָס־ווען, איז גלייכער צו שווייגן. אברהם דאַקעגן האָט באַטראַכט: אויב פאָרן, איז גלייכער וואָס פריער. כל־זמן מען איז נאָך ביי די קרעפטן. מיט אונדזער געלט קאָן מען מאַכן אַ געשעפט און שאַפן גוטס פאַר די קינדער.

איין מאָל, ווען אברהם איז געקומען פון געשעפט, באַמערקט זי, אַז ער איז זייער אויפגעלייגט. זאָגט ער צו איר:

„ווייסט וואָס, פאַניע, איך האָב באַשלאָסן אַלץ ליקווידירן און פאָרן נאָך ארץ־ישראל. לויט, ווי דו האָסט געעצהט, איז אפשר אַ פּלאַן, באַ־זיצנדיק די נייטיקע מאַטעריעלע מיטלען, פאָרן באַצייטנס, ווען כ׳בין נאָך ביכולת מאַכן אַ געשעפט און אפשר דאַן קענען אַרויסנעמען שמואלן מיט זיין פאַמיליע. ער וועט זיין גליקלעך, ווען ער וועט קאָנען קומען קיין ארץ־ישראל. טראַץ דעם, האָבן מיר דאָרט אַזאַ שיינעם און וויכטיקן איידעם מיט אונדזער אידעאַלער טאָכטער. האָף איך, אַז אויף דער עלטער וועט אונדז זיין נעבן זיי פיל לייכטער. און דו, מיין טייערע, וועסט זיין פון די גליקלעכסטע מוטערס! נו, וואָס טוט מען ניט פאַר אַ גוטע פרוי?"

ווען פאַניע האָט עס דערהערט פון מאַן, האָט זי זיך זעלבסט ניט געגלויבט אַז זי הערט דאָס. זי האָט זיך פאַר אים מודה געווען, אַז זי וועט טאַקע זיין פון די גליקלעכסטע, ווען דער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

„דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, אברהם, אַז מיר ווערן עלטער און בלייבן אין פּ. אויף וועמען קאָן מען זיך שטיצן?... היינט איז שטיל, און אין אַ פרימאָרגן, קאָן מען בלייבן, ווי די מוטער האָט אונדז געבראַכט אויף דער וועלט... אַלזאָ, אברהם, אויב דו האָסט באַשלאָסן, דאַרף מען אָנשרייבן די קינדער, זיי זאָלן וויסן פון אונדזער באַשלוס. זיי וועלן זיין גליקלעך מיט אונדזער קומען".

„פאַניע! שוין ווילסטו שרייבן? דערווייל ביז מיר וועלן ניט פעסט באַשטימען — שרייב ניט!"

„הייסט עס, אַז דו ביזט נאָך ניט פעסט דעצידירט?"

„פאַרשטייסט דאָך, פאַניע, ס׳טוט זיך ניט אַזוי שנעל, ווי מ׳רעדט! ס׳איז פאַרבונדן מיט צייט, אָבער כ׳זאָג ניט, אַז „ניט". פריער־שפּעטער וועל איך עס באַשליסן!"

זי דאַקעגן ענטפערט אים ניט מיט קיין וואָרט. אַזוי איז אַוועק אַ קורצע צייט. ער רעדט ניט. טראַכט זי: אפשר האָט זיך ביי אים געענדערט זיין דעה? איין מאָל האָט זי באַטראַכט, זי וועט וועגן דעם איבעררעדן מיט שמואלן. אַריינגייענדיק צו שמואלן, וויל זי אָנהייבן רעדן וועגן דעם ענין, האָט ער פאַרלאָפן דעם וועג, זאָגנדיק:

„מוטער! איך קאָן דיר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה: דער פאָטער זוכט אַ קונה פאַרקויפן אייער געשעפט".

די מוטער פרעגט, מיט גרויס פאַרוווּנדערונג:

„פון וועמען האָסטו עס געהערט? און ווען?"

„מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט: שמואל, דיין פאָטער פאַרקויפט דאָס געשעפט? טראַכט איך, פאַרוואָס האָסטו מיר, מוטער, וועגן דעם ניט דערציילט?"

„יאָ, מיין זון, ס׳קומט שוין אויס ריכטיק, ווי מען זאָגט, ווען דו ווילסט וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי דיר, פרעג ביי לייטן. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת: ביז דו האָסט עס מיר ניט דערציילט, האָב איך ניט געוואָלט גלויבן, אַז דיין פאָטער טראַכט ערנסט וועגן פאָרן?"

„ס׳איז מיר אַ וווּנדער, מוטער, אַז דער פאָטער זאָל דיר וועגן דעם ניט זאָגן!"

„איך ווייס דערפון, שמואל, אָבער ביז דער פאָטער וועט ניט דער־ליידיקן, האָב איך וועגן דעם ניט געוואָלט דערציילן. און איצט קאָן איך דיר דערפרייען מיט דעם, וואָס דער פאָטער טראַכט וועגן דיר. ער זאָגט, אַז מיר וועלן בשלום קומען קיין ארץ־ישראל און וועלן האָבן אַ מעגלעכ־קייט אייך אַריבערנעמען, וועט ער עס טאָן, אָבער דערווייל — קיין וואָרט. דו קאָנסט דאָך דיין פאָטער, אַז ער באַטראַכט יעדער זאַך אייניקע מאָל, ווען ער דעצידירט — זאָגט ער, וואָס ער האָט באַשלאָסן. און, אַז ער באַשליסט — איז הייליק!"

„מוטער, וואָס טראַכט דער פאָטער וועגן די איבעריקע ברידער?"

„דו ווייסט, שמואל, וואָס דער פאָטער זאָגט דיר, אַז ס׳ליגט אויף אים אַ פאָטערלעכער חוב דיר קומען אַנטקעגן, ווייל דו ביזט אַ פּאַטריאָט און וועגן די איבעריקע ברידער זאָגט ער, אַז די צייט וועט באַווייזן...

אַלזאָ, מיין זון, לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זיין אין ארץ־ישׂראל״.

פרומע, דערהערנדיק דאָס, זאָגט:

„מיר וועלן זיין פון די גליקלעכסטע, ווען מיר וועלן קאָנען ברענגען אונדזערע קינדער קיין ארץ־ישׂראל, ווו זיי וועלן זיך פילן פריי און מיר וועלן זיי קאָנען געבן יידישע דערציאונג.״

באַמערקנדיק דערביי, אַז די צייט מאַכט דאָס, וואָס דער מענטש קאָן זיך קיינמאָל פאָראויס ניט פאָרשטעלן. מיט דעם האָבן זיי זיך צופרידן געשטעלט. די מוטער איז אַוועק אַן אויפגעלייגטע אַ היים.

אַריינגעקומען אין שטוב טראַכט זי: זאָגן אברהמען, וואָס איך האָב געהערט, אָדער בעסער וואַרטן? און אַזוי טראַכטנדיק, איז אַריינגעקומען אברהם מיט גוטע נייעס:

„ווייסט פאַניע, איך האָב שוין אַ קונה אויף אונדזער געשעפט. ער דאַרף קומען מיט זיין שותף. אויב זיי וועלן זיך איינפאַרשטיין, וועלן מיר קאָנען זאָגן — מיר פאָרן. דאַן וועלן מיר אָנשרייבן צו די קינדער, אַז זיי קאָנען דערוואַרטן געסט. פאַניע! שמואלן האָסטו עפּעס געזאָגט? דערווייל רעד גאָרניט. דו ווייסט דאָך, ווי קינדער זיינען, ביז דו זאָגסט זיי ניט צו, ביזטו דער בעל־הבית. ווי גאָט וועט געבן, וועלן מיר זיין צופרידן. אָבער נעמען אויף זיך אַן עול, דאָס טאָרן מיר ניט. מיר וועלן זיך אַרומקוקן, אויב מען וועט קאָנען מאַכן אַ פּרנסה און מיר וועלן זיי קאָנען אַריבער־נעמען, דאַן — אָן צווייפל, וועלן מיר זיי אַריבערנעמען״.

טראַכט פאַניע: גוט, וואָס איך האָב שמואלן געבעטן, אַז ער זאָל דעם פאָטער ניט דערמאָנען וועגן זיך. ווידער טראַכט זי: אַז אברהם וועט אַוועקגיין, וועל איך מוזן בעטן שמואלן, למען השם ניט רעדן מיטן פאָטער וועגן דעם...

ווען אברהם איז אַוועק דערליידיקן זיינע ענינים, איז פאַניע געקומען צו שמואלן אָנזאָגן, אַז וואָס ער האָט געהערט וועגן פאַרקויפן דאָס גע־שעפט, איז ריכטיק. און איצט, קינדער, איך ברויך עס אייך ניט זאָגן, איך גלויב, אַז איר וועט עס אַליין פאַרשטיין, ס׳איז גלייכער איר זאָלט דעם ענין ניט באַרירן, ווייל אַ פאָטער איז ניט קיין מוטער!... מעגלעך, אַז ער פאַרשטייט בעסער, ווי זיך צו באַגיין מיט קינדער.

ווען דער פאָטער איז געקומען און מיר אָנגעזאָגט די בשורה טובה, אַז ס׳איז דאָ אַ קונה, נאָר ער דאַרף זיך איינפאַרשטיין מיט זיין שותף, דערביי האָט ער מיר באַמערקט, אַז איך זאָל דיר דערווייל ניט זאָגן,

וואָס איך האָב דיר שוין געהאַט געזאָגט. דו ווייסט דאָך, שמואל, אַז דער פּאָטער פּאָרט, ניט, ווייל ער איז אַ הייסער ציוני, נאָר ער טוט עס צוליב מיר. און אַז גאָט וועט אונדז ברענגען בשלום אויפן אָרט, האָף איך, אַז איר, קינדער, וועט זיין מיט אונדז. און דו שמואל, מאַך זיך, אַז דו ווייסט פון גאָרניט!״

„יאָ, מוטער, דו האָסט רעכט. איך פאַרשטיי דאָס זעלבע״.

„און ווידער, קינדער, ווי איך האָב אייך שוין באַמערקט, וואָס די צייט קאָן שאַפן, ווייסט קיינער ניט. לאָמיר וואַרטן און זען דאָס גרייטע. איך מוז גיין אַהיים, כדי דער פּאָטער זאָל ניט מערקן, אַז איך בין געווען ביי אייך. איך גלויב, ווען ס׳וועט זיין אַקטועל, וועט דער פּאָטער אייך אַליין מודיע זיין.

און די מוטער איז אַ צופרידענע אַוועק אַהיים.

„זעסט פרומע, אַז איך האָב געהאַט אַ השפעה אויפן פּאָטער. לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן סוף־סוף זיין אין ארץ־ישראל!...״

אָוונט־צייט, איז אברהם געקומען און אָנגעזאָגט פאַניען, אַז דער שותף איז מסכים געווען. מאָרגן גייען מיר צום נאָטאַריוס. מען קאָן זאָגן, אַז אין 90% איז דער ענין דערליידיקט אין אַ מזלדיקער שעה. און איצט, פאַניע, באַמי זיך אַריינרופן שמואלן. איך וויל מיט אים רעדן אַ פּאָר ווערטער. איך וואָלט אַליין געגאַנגען, ווען איך בין ניט מיד״.

פאַניע איז מיט פרייד אַ פאַרסאָפּעטע געקומען צו שמואלן. פרעגט פרומע:

„מוטער, וואָס איז געשען?״

ענטפערט איר די שוויגערמוטער:

„דער פּאָטער איז געקומען און אָנגעזאָגט די בשורה־טובה, אַז דאָס געשעפט איז כמעט פאַרקויפט און דער פּאָטער וויל רעדן מיט שמואלן.״

„האָט איר זיך געדאַרפט, שוויגער, מטריח זיין? פאַרוואָס האָט איר ניט געשיקט דאָס שטוב־מיידל?״

„ווייל איך דאַרף רעדן מיט שמואלן אַ פּאָר ווערטער״.

„ער דאַרף באַלד אַריינקומען״. — האָט געענטפערט פרומע.

ניט לאַנג וואַרטנדיק, איז געקומען שמואל, דערזעענדיק די מוטער אין אַ גוטער שטימונג, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז דאָ גוטע בייעס. פרעגט ער:

„מוטער! מען קאָן דיר שוין אָפּגעבן מזל־טוב?״

„פאַרוואָס מיינסטו, מיין זון?״

„ווייל איך דערקען עס אין דיין פריילעכן פנים".

„יאָ, שמואל, גיי שנעל, ווייל דער פּאָטער וויל מיט דיר עפּעס רעדן".

גייענדיק, זאָגט די מוטער צו שמואלן:

„נאָר ניט רעדן!... דו פאַרשטייסט דאָך, אַז דער פּאָטער האָט דיר געבעטן קומען, וועט ער דיר אַליין דערציילן."

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטוב, איז דער פּאָטער געזעסן אין פאָטעל אַ פאַרטראַכטער און געראויכערט אַ סיגאַרעט.

„נו, שמואל, געפעלט עס דיר, וואָס איך האָב צעבראָכן מיין עקזיסטענץ?"

„דאָס, וואָס דו האָסט צעבראָכן, איז אַן אָנפאַנג פון אַ גוטער צוקונפט!"

„ווי זאָגט מען, אַז צוויי זאָגן שיכור, מוז זיך דער דריטער לייגן שלאָפן!" — האָט געזאָגט דער פּאָטער.

„ניין, פּאָטער, דער געדאַנק איז געקומען ניט פון שיכרות, נאָר פון שכל הישר!.."

„היינט איז שוין אַלץ פאַרענדיקט, זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה! מיר פאָרן נאָך ארץ־ישראל!... און איצט, מיין זון, איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט זיך לערנען אַ פאַך. מסחר, האָב איך געהערט, איז דאָרטן ניט פון די גרויסע גליקן. מילא, איך פאָר מיט דער מוטער, איז, ווי זאָגט מען, עלטערע מענטשן, ווי מיר וועלן שאַפן אונדזער לעבן, איז מהכא־תיתא! אָבער דו ביזט דאָך אַ פּאָטער פון דריי קינדער, זאָלן געזונט זיין, ד. ה. פינף מענטשן! אויף דעם דאַרף מען זיך גוט באַטראַכטן!"

יאָ, פּאָטער, איך פאַרשטיי און איך בין גרייט אויף אַלץ. אויך פרומע איז אַ פרוי, וואָס פאַרלאַנגט ניט צו פיל פון לעבן. ביי איר איז וויכטיק, אַז די קינדער זאָלן זיין אין ארץ־ישראל, אַז זיי זאָלן זיך פילן פריי, ווי אויך מיר זאָלן קאָנען זיי געבן יידישע דערציאונג, וואָס מען קאָן דערגרייכן נאָר דאָרט".

אויסהערנדיק אים, זאָגט דער פּאָטער:

„דיר איז שוין באַוווסט, אַז מיר פאָרן. ווען מיר וועלן קומען אויף אָן אָרט, וועלן מיר זיך באַקאַנען מיטן דאָרטיקן לעבן, דאַן וועלן מיר האָבן אַ מעגלעכקייט דיר אינפאָרמירן, כדי דו זאָלסט וויסן, וואָס דו האָסט צו טאָן".

„פּאָטער! דו ווייסט דאָך, ווי מען זאָגט: „אין דבר העומד בפני הרצון!..."

„יאָ, מיין זון, ס'איז געזאָגט, ווען אַ מענטש איז יונג און ניט פאַרבונדן מיט אַ פאַמיליע, אָבער ביי דיין לאַגע, מוזטו זיך באַדענקען!..."

„פאָטער! איך זאָג נאָך אַמאָל: אַלץ ווענדעט זיך אין ווילן און, אַז מען איז מיט אַ פאַמיליע, ווענדעט זיך אין דער פרוי. אַלזאָ, פאָטער, לאָמיר איצט ניט דיסקוטירן, די צייט וועט באַווייזן."

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפּרעך. שמואל איז אַוועק אַן אומצופרידענער, טראַכטנדיק, אַז מען דאַרף זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן. אַ צווייטער געדאַנק זאָגט אים: אַ פאָטער איז ניט מחויב אַ חתונה־געמאַכטן זון העלפן!... דאָך האָט ער מיר איינגאַנצן ניט אָפּגע־זאָגט און די מוטער וועט זיכער ווירקן אויפן פאָטער. זאָלן זיי נאָר אָנקומען בשלום, דאַן וועל איך קאָנען האָפן. אַהיים קומענדיק, פרעגט פרומע:

„שמואל, וואָס האָט דיר דער פאָטער געזאָגט?"

„איך בין פון אים ניט אומצופרידן. דער פאָטער זאָגט, אַז איך זאָל זיך לערנען אַ פאַך. פאַרשטיי איך, אַז ס'איז זייער גלייך. און, אַז זיי וועלן בשלום אָנקומען אויף אַן אָרט, פאַרשטיי איך, אַז די עלטערן וועלן אַלץ אָנווענדן, מיר זאָלן זיין נעבן זיי. וואָס איז אַמבאַלאַנגט וועגן אַ פאַך, וועל איך זיך באַראַטן אין אַ הכשרה, וועלכער פאַך איז אַמגאַנגבאַרסטער אין ארץ־ישראל?"

ווענדנדיק זיך צו די נייטיקע אָנפירערשאַפט, האָבן זיי אים געראָטן לערנען סטאָלעריי, ווייל דאָס פאַך איז דאָרט זייער נייטיק. גלייכצייטיק, קאָנענדיק דאָס פאַך און באַזיצנדיק די נייטיקע מאַטעריעלע מיטלען, קאָן מען מאַכן אַ שיין לעבן. שמואל גלויבט, אַז ס'וועט דעם פאָטער געפעלן. שמואל, איבערגעבנדיק דאָס אַלץ דעם פאָטער און אַרומרעדנדיק מיט אים וועגן דעם פּראָבלעם, ווי אויך, אָנדייטנדיק אים, אַז מיט געלט קאָן מען דאָרט מאַכן אַ שיין מעבל־געשעפט, האָט דער פאָטער אים געענטפערט, אַז דאָס איז אַ גלייכע זאַך. ווען שמואל האָט געהערט זיין פאָטערס פּאָזיטיוון ענטפער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס קאָן ברענגען פאַר זיי ביידן נוצן: דעם פאָטערס געלט און זיין מי, אַ דאַנק דעם וועלן זיי קאָנען מאַכן אַ שיין לעבן!...

שמואל האָט זיך גענומען ל'ערנען דאָס פאַך מיט גרויס התמדה. ביז צו זייער אָפּפאָרן, האָט ער שוין באַוויזן מאַכן אַ שיינעם טיש...

דער פאָטער האָט עס באַוואונדערט. אַזוי שנעל איבערצונעמען דאָס פאַך!...

„זעסט, פאַניע, וואָס מאַכט ווילן? לויט שמואל האָט מיר געהאָט געזאָגט, אַז מיט ווילן קאָן מען אַלץ דערגרייכן!... איצט קאָן מען האָפן, אַז זיי וועלן זיין אין ארץ־ישראל!... אָבער, וואָס מאַכט מען מיט די איבעריקע קינדער? וואָלטן זיי געווען אַזעלכע אידעאַליסטן, ווי דבורה, אָדער שמואל, וואָלטן מיר קיין דאגה ניט געהאַט!"

„אברהם! מען דאַרף רעדן מיט שמואלן. איך גלויב, אַז ער וועט אויף זיי משפיע זיין."

„פאַניע! רעד מיט אים, איך גלויב, אַז ער וועט אויף זיי משפיע זיין."

פאַניע, אויסהערנדיק אברהמס פאָרשלאַג, האָט באַטראַכט, אַז ער האָט רעכט, איז זי אַוועק צו שמואלן איבעררעדן. שמואל איז אין דער היים ניט געווען. פרעגט איר פרומע. אויב זי ברויכט אים נייטיק, אָדער זי קאָן אים איבערגעבן. האָט פאַניע (איר שוויגער) געענטפערט, אַז זי דאַרף אים פערזענלעך. זי איז שנעל אַוועק אין סטאָלעריי אים אַרויס־גערופן. אויף שמואלס פראַגע, וואָס איז געשען? האָט פרומע געענטפערט, אַז די מוטער וויל מיט אים רעדן. שמואל האָט פרומען געענטפערט, אַז ער קומט גלייך.

ווען שמואל איז געקומען, זאָגט צו אים די מוטער:

„דער פאָטער האָט צו דיר אַ ביטע, אַז דו זאָלסט ווירקן אויף דיינע ברידער, אַז זיי זאָלן נעמען אַ ביישפּיל פון דיר. איך גלויב, אַז אויב דו האָסט געקאָנט ווירקן אויף דיין פאָטער, ער זאָל ליקווידירן זיין געשעפט, וועסטו געוויס קאָנען ווירקן אויף די ברידער".

שמואל, אויסהערנדיק דאָס, האָט זיך צוגעשמייכלט, זאָגנדיק:

„מוטער! מיין ראָט האָט געמאַכט אַ גוטן אָנפאַנג. איך וועל פּרובירן. אָבער איך צווייפל, ווייל זייערע פרויען זיינען האַלב אַסימילירט, אַז זיי זאָלן איינשטימען! צווייטנס, גייט זיי זייער גוט אין פּ. גלויב איך ניט, אַז ס'וועט מאַכן אויף זיי אַזאַ ווירקונג, ווי אויפן פאָטער. דו ווייסט דאָך, מוטער, ווי אַ פרוי קאָן ווירקן אויפן מאַן!"

„דאָך, שמואל, פּרוביר!" — זאָגט די מוטער.

„ניין, מוטער, ס'איז ניט קיין פאַרגלייך! אויפן פאָטער האָט געווירקט, וואָס דבורהלע מיטן מאַן זיינען דאָרט. צווייטנס, וואָס דו ביזט שטאַרק פאַראינטערעסירט זיין נעבן זיי. איך גלויב, אַז דער פאָטער וויל אויך זיין צוזאַמען, ווי מען זאָגט: „אויסגעגעבן אַלע קינדער און... קומען אין הייליקן לאַנד! אָבער ניט זייערע פרויען!... דאָך וועל איך אָנווענדן אַלע

מײנע מעגלעכקײטן און זײ אויפֿװײזן, מעגלעך, אַז דאָס װעט מיר גע־לינגען. אין דעם פֿאַל, װאָלט איך געװען זײער צופֿרידן.״

מיט דעם האָבן זײ געענדיקט זײער געשפּרעך.

װען פֿאַניע איז אַהײם געקומען, איז גלײכצײטיק אָנגעקומען אברהם מיטן געלט, װאָס ער האָט באַקומען פֿאַרן געשעפֿט. אַרײַנגעלײגט עס אין זײַן קאַסע, אָנגעשריבן אַ בריװ צו דבֿורהן מיט אַהרנען, אַז זײ האָבן ליקװידירט דאָס געשעפֿט און זײ קומען קײן ארץ־ישׂראל, כּדי די מוטער זאָל זיך בעסער פֿילן. פֿאַר דער צײַט פֿון זײער אָפּפֿאָר, איז די מוטער אַרומגעגאַנגען פֿאַרטראַכט, פֿאַרקלעמט און צוליב דעם, איז אים דאָס לעבן געװאָרן אומדערטרעגלעך. אַז ער האָט שױן ניט געקאָנט אַרבעטן אין געשעפֿט. אײַנגעזען, אַז ס׳קאָן חלילה ערגער װערן, האָט ער באַרעכנט, אײדער די מוטער זאָל לײַדן, איז בעסער דאָס געשעפֿט פֿאַרקױפֿן און לעבן רױִק צוזאַמען מיט אײַך, ליבע קינדער. װאָס שײך װעגן שמואלן, באַמערקט דער פֿאָטער דבֿורהן און אהרנען, אַזױ װי זײ איז באַװוּסט זײַן שטרעבונג נאָך א״י, איז דעם פֿאָטער אַ שאָד, אַז שמואל זאָל לײַדן. דערצו איז ער דאָך אױך באַליבט בײַ דער מוטער. איז, װאָס טוט מען ניט פֿאַר אַ גוטן זון, אַז די מוטער זאָל ניט בענקען? אַלזאָ, האָט דער פֿאָטער געראַטן ער זאָל זיך לערנען אַ פֿאַך, כּדי קאָנען עקזיסטירן מיט דער פֿרױ און קינדער. גלײכצײטיק באַמערקט ער זײַן טאָכטער און אײדעם, אַז שמואל לערנט זיך שױן אַלס סטאָליער און באַהערשט דאָס פֿאַך, האָפֿנטלעך, אַז דאָס פֿאַך װעט אים געבן אַ מעגלעכקײט מאַכן אַ לעבן. װידער פֿרעגט ער אָן, װאָס זײ מאַכן? װי גײט זײ? די עלטערן זײַנען גליקלעך, װאָס אהרן האָט זיך גוט אײַנגעאָרדנט. דער פֿאָטער אַנטשולדיקט זיך פֿאַר זײַן קורצן שרײַבן, באַמערקנדיק, אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוגרײטן זיך צו דער נסיעה, זײַנען זײ שטאַרק פֿאַרנומען און האָפֿן אין גיכן זיך זען. האַרציקע גרוסן און קושן פֿון דער מוטער, ברידער מיט זײערע פֿאַמיליעס.

מען האָט דעם בריװ אַװעקגעשיקט. די מוטער איז װעגן דעם אַרײַנ־געגאַנגען זאָגן שמואלן, דערבײַ פֿרעגט זי אים, אױב ער איז געװען בײַ די ברידער?

„יאָ, מוטער! איך בין בײַ זײ געװען און גערעדט, אָבער... לײדער! איך האָב זיך אָנגעשטױסן אױף אַן אײַזערנער װאַנט!... זײער ענטפֿער: „װאָס? גײן אין אַ קיבוץ? באַגראָבן אונדזערע געשעפֿטן? װאָס װילסטו אַנטדעקן אַמעריקע? אונדז איז שױן באַװוּסט די היסטאָריע פֿון דער

פאַרגאַנגנהייט!... היינט צו טאָג איז דאָרטן אויך אַ סכנה!... וואָס ס'וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט רב ישראל!..״

שמואל דערהערנדיק די שווערינס ענטפער, זאָגט:

„ווי ס'זאָל ניט זיין מיט די אַראַבער שלעכט, איז קיין סכנה ניט, ווייל, ווי זאָגט מען: „יעדער הונט אויף זיין מיסט איז אַ בעל־הבית!״. אָבער מיר, יידן, זיינען מיט גייסט, מיט שכל, מיר וועלן זיין בייקומען!... און וועגן פרנסה איז, ווי איינער קוקט אויפן לעבן. איר זעט ניט, וואָס דאָ שטייט פאָר?... ס'איז ניט צו פאַרגלייכן. דאָ זיינען מיר אין גלות! דאָ שרייען זיי: „זשידי פאָרט קיין פאַלעסטינע!״ ווי לאַנג וועלן מיר עס הערן? מיר דאַרפן זען דעם גייסטיקן פנים פון דער צייט. מען רעדט שוין אַ סך וועגן ארץ ישראל. מען בויט, מען שאַפט קיבוצים. דאָס איז אונדזער פונדאַמענט. אַזוי דערנענטערט זיך אונדזער צוקונפט!״

גדליה (שמואלס זון) מישט זיך אַריין און זאָגט:

„אָנקלס! איר האָט דאָך געלערנט, ווען די יידן זיינען אַרויס פון מצרים, האָט נחשון בן עמינדב ניט געקוקט אויף די גרויסע כוואַליעס און אַ שפרונג געטאָן אין ים דער ערשטער... מיט דעם האָט ער באַוויזן אַ גרויסן ביישפּיל פאַרן פאָלק ישראל!... אַזוי מוזן מיר זיך ניט רעכענען מיט די גרויסע געשעפטן און רייכן לעבן. ווען מיר וועלן זיך פאַראייניקן און פאַרשטאַרקן אונדזער גלויבן, וועלן מיר צוריק ווערן אַ פאָלק.״

„גדליה! דו ווילסט אויספירן דיין טאַנטע־פאַטערס שליחות און איר ווילט אונדז אַריינציען אין ארץ־ישראל?... משוגע דאַרף מען זיין!... אַוועק־וואַרפן אַזאַ רייכע פרנסה און פאָרן האָפן אויף נסים!..״

„אייערע געשעפטן שטייען אויף אַ ברענענדיקן באָדן. די ערד ברענט אונטער אייך. וועגן דעם זאָגן עדות די פּאָגראָמען... ס'זיינען געוועזן רייכע יידן, וואָס האָבן אויך אַזוי געטראַכט, ווי איר און פלוצים איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. ווער ס'איז געבליבן לעבן, איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן!... די מערדער זיינען ניט באַשטראָפט געוואָרן! הייסט עס ביי אייך ניט קיין סכנה? אויב אין ארץ־ישראל ברעכט אויס אַן אָנפאַל, גיט מען זיי, אַז דער רוח כאַפּט זיי!... דאָס הייסט — ביי זיך אין דער היים!... און וועגן פרנסה, האָט מיינער אַ גוטער באַקאַנטער געשריבן, אַז ער האָט געמאַכט אַ שפּייז־קראָם און מאַכט אַ שיין לעבן און מיט דער צייט, וועט זיך שאַפן אַ שעפערישער לעבן!״

„שמואל, דו ווילסט אונדז איבערצייגן?״

„איך פיל, אַז איך וועל אייך ניט איבערצייגן. הלוואי, זאָל עס ניט געשען!... די צייט וועט אייך יאָ איבערצייגן.״

זיי זיינען אויפגערעגטע אַרויס פון שטוב.

אויפן וועג, זאָגט גדליה צום פאָטער:

„היינט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס אונדזער מוטער גייט ניט צו זיי״.

„יאָ, גדליה, דו האָסט געגוי באַמערקט. ווי האָט געזאָגט אונדזער מוטער רבקה צו יצחקן: „קצתי בחיי מפני בנות חת!״ דיינע טאַנטעס שטאַמען פון דעם זעלבן אָפּשטאַם. דערפאַר זיינען די אָנקלס געוואָרן אויך אַזעלכע קאַלטע יידן, וואָס זיי אינטערעסירט ניט ארץ־ישראל!...״

קומענדיק אַהיים איז געווען שפּעט, דאָך האָט זייער מוטער געוואַרט מיט אומגעדולד. זי האָט געוואָלט וויסן, וואָס הערט זיך ביי זיי? זאָגט שמואל:

„מוטער, דו וואַרטסט אויף גוטע נייעס?״

„אוודאי!״ — ענטפערט די מוטער.

„איך קאָן דיר איבערגעבן אין קורצן דאָס, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, נאָך איידער איך האָב מיט זיי גערעדט, אַזוי, ווי געוווּסט. מיינע רייד האָבן אָנגעטראָפן אויף אַן אייזערנער וואַנט״.

„מיך אינטערעסירט, וואָס זיי האָבן געענטפערט?״

„זיי פאַרשטייען אַזוי, ווי זייערע ווייבער. בקיצור. זיי ווילן אַפילו ניט הערן פון א״י. איך האָב זיי געזאָגט אין קורצן: איך קאָן אייך ניט איבערצייגן, הלוואי זאָל אייך די צייט ניט איבערצייגן!... איך האָב ניט געוואָלט פאַרלירן מער צייט און מיר זיינען אַוועק. אַפילו גדליה האָט זיך אויך אַריינגעמישט און אַ זאָג געטאָן אַזאַ וויכטיקן געדאַנק, אַז מיר וואָלט עס ניט איינגעפאַלן. ער האָט געגעבן אַ גוטן משל. בשעת די יידן זיינען אַרויס פון גלות מצרים, האָבן די יידן געדאַרפט אַריבערגיין דעם ים. ווען זיי האָבן דערזען די כוואַליעס, זיינען זיי שטיין געבליבן. האָט איינער מיטן נאָמען נחשון ניט גערעכנט זיך און אַריינגעשפּרונגען דער ערשטער אין שטורמישן ים!... דערמיט האָט ער באַוויזן אַ גרויסן ביישפּיל פאַרן פאָלק ישראל... זיין משל איז זייער אַ ריכטיקער, אָבער זיי פאַרשטייען אים ניט, וואָס קאָן מען מיט אַזעלכן רעדן?... נעם זאָג אַ בלינדן מענטש ס׳איז טאָג!...״

די מוטער איז געוואָרן פאַרקלעמט, אויסהערנדיק די רייד. דערביי זאָגט זי צו איר אייניקל:

„גדליהלע! דו וואַקסט אַ גוט קינד. אין דיין תקופה האָף איך, אַז דו וועסט זיין אחד בישראל.״

זי האָט אים אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אין שטערן און זי איז אַוועק אַהיים.

דער יונגסטער ברודער, נאָטע, צוהערנדיק זיך צום עלטסטן ברודער, שמואלן, האָט נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל, אַריין אין פּועלי־ציון, כדי אַדורכ־מאַכן אַ הכשרה צו קאָנען פאָרן קיין א״י. די עלטערן, נעמענדיק אין אַכט, אַז די דריי קינדער וועלן מיט זיי זיין אין א״י, זיינען געווען זייער צופרידן.

„זעסט, אברהם, ביזט געווען דאַקעגן דבורהלעס אידעע. אַדאַנק איר, וועלן מיר זיין אין הייליקן לאַנד. און אפשר וועלן אונדזערע איבעריקע קינדער זיך אַרומזען און נאָכטאָן אונדזער ביישפּיל.״

„יאָ, פאַניע, ביזט גערעכט, ווי זאָגט מען: אַלץ גוט — ענדע גוט!״

ס׳איז געקומען די צייט. זיי האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע. לויט דבורה האָט זיי מיטגעטיילט, אַז וואַרעמע זאַכן זיינען אין א״י ניט נויטיק, האָבן זיי די פוטערס פאַרקויפט, מיטנעמענדיק לייכטערע זאַכן. פאַרן אָפּפאָר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די קינדער מיט די פאַמיליעס. און אַזוי פאַרברענגענדיק, ווענדעט זיך די מוטער צו די דריי זין, זאָגנדיק:

„מיין עצה, קינדער, איר זאָלט ליקווידירן אייערע געשעפטן. יאָגט זיך ניט נאָך קאַפּיטאַלן, כל זמן איר זייט נאָך אַליין בעלי־בתים איבער אייער פאַרמעגן. איר קאָנט קומען און גאַנץ שיין זיך איינאָרדענען. געדענקט און נעמט עס גוט צו קענטעניש, וואָס פריער — אַלץ בעסער!...״

די שנורן האָבן אויסגעהערט און געענטפערט זייער שוויגער:

„דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען. מיר זיינען פאַר־בונדן מיט גרויסע פירמעס, וועלכע זיינען אויך יידישע. זיי מאַכן ניט אַזאַ פּאַניק, ווי איר מאַכט!...״

„יאָ, קינדער, ווי איינער זעט און פאַרשטייט. איך חזר איבער נאָך אַמאָל: פאַרענדיקט דאָס געיעג נאָך קאַפּיטאַלן, ווייל זיי וועלן אייך פאַרפירן און, ווען איר וועט וועלן אַנטלויפן, וועט זיין צו שפּעט... מיט דעם פאַרענדיק איך. בלייבט מיר געזונט אין פ. און מיר אין אייגן לאַנד!״

„אַ סך יאָרן וועלן אַריבערלויפן, ביז ארץ־ישראל וועט געהערן צו אונדז!..״ — האָט געענטפערט עטל (שלמהס פרוי).

דאָס איז ניט קיין סוד. אונדזער געשיכטע איז אַלעמען באַוווסט. ווען מיר וועלן קומען מאַסנווייז און זיך איינבירגערן, ווי אויך קאַפּיטאַ־

ליסטן און ספעציאַליסטן, וועט קומען צו אָנערקענונג, אַז ארץ־ישראל געהערט צו אונדז...״ — האָט געענטפערט די שוויגער.

דער פּאָטער, אויסהערנדיק זייערע שנירס רייד, וואָס האָבן אויף אים שלעכט געווירקט, האָט געזאָגט:

„הערט, קינדער, איר פאַרמאָגט געוויסע סומעס געלט און איר זענט נאָך יונג. פאַרוואָס טוט איר ניט נאָך אייער פּאָטערס ביישפּיל? נעמט אין אַכט אייער ברודער שמואל, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין געלט, דאָך שרעקט אים ניט אָפּ קיינע שוועריקייטן. איר זענט געלערנט און קאָנט לערנען פאַכן, ווי דבורה האָט געשריבן, אַז זי לערנט זיך פאַר אַ קראַנקען־שוועסטער, וואָס באַצאָלט זיך גוט. אַלזאָ, מיינע טייערע, איר זענט שוין גענוג דערוואַקסן צו פאַרשטיין, אַז אייערע עלטערנס געפילן דיקטירן אייך צו דערקלערן און איר טוט ווי איר פאַרשטייט. אָבער איר זאָלט נאָך דעם חלילה ניט חרטה האָבן, ווי די מוטער האָט אייך שוין געזאָגט. איר האָט אויך קינדער, זאָלן זיי זיין געזונט, דאַרפט איר טראַכטן פאַר זיי, ניט נאָר פאַר זיך! דאָס איז דער חוב פון עלטערן!״

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט דעם געשפּרעך און די קינדער זיינען אַהיים געגאַנגען.

אברהם מיט פאַניען זיינען געבליבן אויפגערעגטע, באַטראַכטנדיק זייערע שנירס הוצפּהדיקע ענטפערס. זאָגט אברהם:

פאַניע! ווי ס׳ווייזט אויס, איז מיט זיי געענדיקט. וואָס קאָן מען טאָן? ווען זיי שטאַמען פון אַסימיליאַטאָרישע היימען! וואָס קאָנען העלפן אונדזערע רייד?״

אין אָוונט זאָגט פאַניע צו אברהמען:

„לאָמיר אַריינגיין צו שמואלן הערן, וואָס הערט זיך ביי אים?״

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען, פרעגט זיי שמואל פון וואַנען זיי קומען?

„שמואל, איך מוז דיר מודה זיין, אַז דו ביזט אַ חכם!״

„איך פאַרשטיי, מוטער, אַז איר זענט געוועזן ביי „זיי״, ווייל איך זע אין אייערע אויפגערעגטע פּנימער!...״

„נאָך ווי אויפגערעגט! מיט זיי איז גאָר ניט צו מאַכן. אַזוי מוז עס גיין. אפשר מיט דער צייט וועלן זיי זיך אַרומזעען!״

שמואל האָט זיי עטוואָס באַרויִקט, זאָגנדיק די עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך ניט נעמען צום האַרצן און ניט לייגן אויף דעם קיין אַכט. זיי זיינען דערוואַקסענע מענטשן. פון דער אַסימילאַציע פלאָג ליידן פיל עלטערן. זאָגט די מוטער, אַז שמואל איז פון קינדווייז אָן אַ גוטער, מיט־

פילנדער און פאַרשטענדלעכער זון. „איז אַ דאַנק גאָט, וואָס מיר זיינען געבענטשט מיט דריי גוטע קינדער!...״

ענטפערט איר אברהם, אַז די איבעריקע קינדער זיינען אויך גוטע, דערצויגענע און אָרנטלעכע, נאָר וואָס דען זיי האָבן קיין ווילן ניט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל...

„נו, איך בין דאָך אַלע מאָל געווען אַ קעגנער צו פאָרן אַהין און אויף דער עלטער בין איך איינשטימיק, גלויב איך, אַז זיי וועלן קומען אין מיינע יאָרן, וועלן זיי קומען צום שכל!...״

„איך וויל אייך ניט שווער מאַכן אויפן האַרץ, דו ווייסט, פאָטער, פאַרוואָס דו פאָרסט? ערשטנס, מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, ווען ניט דבורה מיט דער מוטער, וואָלסטו אויך געזעסן אין פ., ווי זיי. דאָס באַווייזט, ווי וויכטיק ס׳איז מיט ווענען מען פאַרבינדט זיך אין צוזאַמענלעבן. אַזוי, מיינע טייערע, זייט געזונט און שטאַרק, נעמט זיך ניט איבער מיט זיי. דאָס וויכטיקסטע: איר האָט זיי דערקלערט. מעגלעך, אַז זיי וועלן קומען דאָך צום שכל!...״

מיט דעם האָט שמואל באַרואיקט די עלטערן און זיי זיינען אַוועק אַהיים.

דעם 20־טן אינדערפרי, זיינען געקומען די זין מיט זייערע פאַמיליעס באַגלייטן זייערע עלטערן צום אָפּפאָר. מיט טרערן אין די אויגן און האַרציקע ווונטשן, האָבן זיך אַלע מיט די עלטערן צעקושט, ווינטשנדיק אַ גליקלעכע רייזע און קומען בשלום אויפן אָרט. אויף וואָס די עלטערן האָבן געוווּנטשן די קינדער בקרוב זיך טרעפן אין ארץ־ישראל. כדי באַרואיקן די עלטערן, האָבן זיי געענטפערט:

„וואָס די צייט קאָן מאַכן, ווייסט קיינער ניט. מעגלעך!...״

דאָס האָט עטוואָס די עלטערן באַרואיקט, וועלכע זיינען אָפּגעפאָרן מיט אַ לייכט געמיט. מיט זייערע וואַרעמע האַרציקע בליקן, האָבן די קינדער באַגלייט די עלטערן און געקוקט, ווי דער צוג דערווייטערט זיך און ווערט פאַרשווונדן פון די אויגן. פון דער ווייטנס לאָזט זיך נאָך הערן דער שוואַכער אָפּקלאַנג פון לאַנגן סירענע־פייף, ווי אויך דאָס קלאַפּן פון די רעדער אויף די רעלסן. דער קלאַנג ווערט אָפּגעשוואַכט פון מינוט צו מינוט, ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן. און אַזוי קוקנדיק, טראַכטן זיי, ווי שנעל זיינען די עלטערן פאַרשווונדן?... דאָס האָט זיי געמאַכט נאָכצוטראַכטן ווי שנעל ס׳זיינען פאַרלאָפן די קינדערישע יאָרן, ווען זיי זיינען צוזאַמען געווען מיט זייערע טייערע עלטערן. און איצט

זיינען זיי אַליין עלטערן!... אין דעם מאָמענט האָט זיי באַהערשט אַ געַ־דאַנק, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט צוזאַמענגערעדט. גלייכצייטיק האָבן זיי באַטראַכט די עלטערנס נחת, אַז זיי פאַרמאָגן גוטע קינדער, וואָס יעדער מעג זיך ווינטשן! טראָץ דעם פאַרמאָגן זיי אַ שיינעם קאַפּיטאַל. היינט שטעלט אייך פאָר, ווי זיי וועלן ווערן אויפגענומען דורך זייערע איבער־געגעבענע טאָכטער און איידעם!...

„יאָ, — זאָגט עטל — זיי האָבן אונדז פאַרלאָזן צוליב זיי..״

אויף דעם האָט זיי שמואל געענטפערט:

„פאַרלאָזט דעם גלות, וועלן זיי אייך אויך שיין אויפנעמען. דאָס איז ניט קיין לעגענדע!... דבורה מיט אהרנען זיינען גוטע מענטשן און מיט גוטע מענטשן איז גוט זיך צוזאַמענצוקומען.״

„די צרה איז, וואָס אונדזערע פרויען קוקן אויף א״י מיט בטול. זיי האַלטן זיך, ווי זיי וואָלטן געווען פרינצעסינס..״ — ענטפערן די ברידער.

מישט זיך אַריין שמואל, זאָגנדיק:

„טייערע שוועגערינס! מען דאַרף תמיד טראַכטן פראַקטיש, קומט אַרויס גוט. נעמט אַ ביישפּיל פון אונדזער דבורהן: זי האָט לאָגיש געטראַכט, נו, האָט זי שלעכט געמאַכט?...״

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט זייער דיסקוסיע און יעדע פאַמיליע איז אָפּגעפאָרן צו זיך אַהיים.

ווען דבורה מיט אַהרנען האָבן דערהאַלטן דעם בריוו, אַז זייערע עלטערן זיינען אַרויסגעפאָרן, איז זייער פרייד געווען אומבאַשרייבלעך. זיי האָבן גלייך אָנגעשריבן אַ בריוו צו שמואלן, אַז פאַר זיי האָט זיך געעפנט אַ ליכטיק בלאַט אין לעבן, אַז זייערע עלטערן האָבן אַרויסגעַ־וויזן אַזאַ מסירות נפש און זיך ניט גערעכנט מיט די געשעפטן, ווי אויך מיט זייער באַקוועמען לעבן, וואָס ביי אונדז איז עס ניט צו באַקומען און מען דאַרף עס ניט, מחמת מיר אין א״י, קוקן אויף דעם מיט בטול.

נו, מיין ליבער ברודער שמואל, מיר האָבן אויסגעקעמפט, אַז אונדזערע עלטערן קומען צו אונדז. און האָפנטלעך, וועסטו מיט דיין פאַמיליע זיין מיט אונדז צוזאַמען. דאָס איז דאָך געווען אונדזער טרוים!... אַלזאָ, מיינע טייערע, מיר בלייבן האָפן אין גיכן מקבל פנים זיין אונדזערע עלטערן, ווי אויך האָפן מיר, אַז זיי וועלן קומען געזונט און וועלן זיין צופרידן, ווי מיר. איצט, ליבער ברודער שמואל, וועגד אָן אַלע מיטלען, אַז אונדזערע ברידער מיט זייערע פאַמיליעס, זאָלן נאָכטאָן אונדזער ביישפּיל: קומען העלפן בויען אונדזער לאַנד.

איבערלייענעדיק דבורהס בריוו, איז שמואל איבערראַשט געוואָרן פון אירע איבערגעגעבענע געפילן צו אים. פרומע זאָגט:

„ס'איז ניט אָפּצושאַצן איר געטריישאַפט. זי איז געווען גוט און זי איז עס נאָך דער חתונה".

„דו ווייסט, פרומע, אין דעם פאַל שפיגלט זיך אָפּ אהרנס כאַראַקטער... אויב דער מאַן באַזיצט אַ שלעכטן כאַראַקטער, איז ווי גוט די פרוי זאָל ניט זיין, קאָן זי ניט אַרויסווייזן איר איבערגעגעבנקייט צו אירע קרובים. ער שלאָגט אָפּ אירע געפילן און ניט ווילנדיק, ווערט איר כאַראַקטער פאַרהאַרטעוועט און אָפּגעפרעמדט! דאָס איז אַ געזעץ פון דער נאַטור".

שמואל איז אַוועק מיטן בריוו צו די ברידער.

אויסהערנדיק דבורהס שרייבן, זיינען זיי געווען צופרידן, זאָגנדיק, אַז זי האָט דערגרייכט איר ציל צו וואָס זי האָט געשטרעבט...

„איר זייט אויך באַרעכטיקט דערגרייכן דעם ציל!... אויך איר קאָנט אויפבויען אייער לעבן אידעאַליסטיש!" — האָט זיי שמואל געענטפערט.

„דאָס איז נאָר טעאָרעטיש, אָבער אין פּראַקטישן זין, איז גאַנץ אַנדערש!..." — האָט געזאָגט עטל (שלמהס פרוי).

„דו, עטל, פאַרשטייסט נאָך גאַנץ ווייניק. דאָס לעבן איז בכלל אַ קאָרט. ווי איינער קאָן שפּילן, אַמאָל, ווי דאָס מזל פון מענטש!... איבערהויפּט איז גוט דעם, וואָס פאָדערט ניט צו פיל פון לעבן, דאַן, ווי ס'זאָל ניט פּאַסירן, איז מען צופרידן. און צופרידנהייט שאַפט דעם מענטשן גליק!..." — האָט געזאָגט שלמה.

ענטפערט עטל:

„שלמה! פאַרוואָס ווילסטו פאַרגרעסערן דיינע געשעפטן און מיר אַנטזאָגסטו קויפן אַן איבעריקע זאַך?"

„צוליב דיינע גרויסע אַספּיראַציעס, מוז איך פאַרגרעסערן מיינע געשעפטן און ליידער קאָן איך ניט אַפילו אַ טראַכט טאָן וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל..." — האָט שלמה אַן אויפגערעגטער געענטפערט עטלען.

שמואל, אויסהערנדיק זייער געשפּרעך, אַז ער נעמט אָן אַ נערוועזישן כאַראַקטער און בכדי אויסצומיידן די דערשיינונג, ווענדעט ער זיך צו שלמהען, זאָגנדיק:

„איך בין ניט געקומען, כדי איר זאָלט זיך אויפרעגן. איך זאָג נאָר, אַז יעדער קאָן שאַפן זיין לעבן צו וואָס ער שטרעבט. יעדער האָט זיין געדאַנק. מען קאָן ניט אָנוואַרפן אַ צווייטן דאָס, צו וואָס ער האָט ניט קיין פאַרשטענדעניש!"

זאָגנדיק אַ גוטן טאָג, איז שמואל אַן אומצופרידענער אַוועק.
ווען שמואל איז אַוועק, האָט שלמה געזאָגט זיין פרוי:
„עטל, דו מיינסט, אַז ער רעדט ניט ריכטיק?״
„יאָ, ער קאָן גוט פּראָפּאַגאַנדירן!״
„וואָס הייסט פּראָפּאַגאַנדירן? ער רעדט גראָד צו דער זאַך!״
„שלמה! ביזט שוין אויך געוואָרן אַ ציוני?...״
„עטל! דו פאַרשטייסט ניט דאָס וואָרט ציוני. מיר יידן זיינען אַלע ציונים, ווייל אונדזער לאַנד הייסט „ציון״. איך האָף, אַז ווען אונדזערע קינדער וועלן ענדיקן די גימנאַזיע, וועל איך ערנסטער אַ טראַכט טאָן, ווייל פריער־שפּעטער, ווי שמואל זאָגט, דאַרפן מיר אויפבויען דאָס לאַנד, כדי מיר זאָלן זיין מיט פעלקער גלייך!...״
עטל פרעגט מיט אַן איראָנישן שמייכל:
„אפשר אָנהייבן פּאַקן די זאַכן?״
„אָט צוליב אַזעלכע פּרויען, ווי דו, קאָן מען נאָר לעבן אין גלות און מאַכן פון די קינדער אַסימילאַטאָרן... איך זאָג דיר, עטל, ערנסט, אַז די עלטערן און שמואל וועלן זיין אין א״י, וועל איך אַלץ אָנווענדן, כדי זיין מיט זיי, ווייל סוף־סוף זיינען מיר אין פּ. פרעמדע...״
„פאַרוואָס טראַכטסטו, שלמה, אַז מיינע פריינד זיינען דיר פרעמד?...״
„ניט איך טראַכט, נאָר איך פיל, ווייל זיי זיינען אַסימילירט און ווו ס׳איז דאָ אַסימילאַציע, זיינען די געדאַנקען פאַרפּירטע און קאָנען קלאָר ניט דענקען!״
עטל האָט אויסגעהערט און געבליבן שטיל, ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט. שלמה איז אַן אויפגערעגטער אַוועק פון שטוב. עטל אַ פאַרקלעמטע איז אַוועק צו אירע אַ שוועסטער, דערציילן איר ביטער האַרץ...
„דו ווייסט דאַך, עטל, ווי מען זאָגט: „מיט אַ מאַן גייט מען עבר לים!... אַזוי האָבן אונדזערע באָבעס געזאָגט און אַזוי מוזן מיר נאָכטאָן!... ארץ־ישראל איז אַ שיין לאַנד. מען עסט מאַראַנצן, מען ווערט אָפּגעברענט פון דער זון, דו וועסט ניט דאַרפן פאָרן נעמען בעדער און וואָס אַלע יידן טוען, וועט איר אויך טאָן!...״
„זעסט, שוועסטער, דו ביזט שוין אויך געוואָרן אַ ציוניסטין?...״
„וואָס טראַכטסטו, אין א״י איז אַזוי שלעכט?״ — האָט געזאָגט ביילע.
„וואָס איז מיט אייך אַלעמען געוואָרן? איך פאַרשטיי אייך ניט!״ — האָט געזאָגט מיט באַוווּנדערונג און צאָרן, עטל.
מישט זיך אַריין חיים (ביילעס מאַן), זאָגנדיק:

„אונדזער פאָלק איז געגליכן צו שעפסן. וווהין איינער לויפט, לויפן אַלע נאָך!..״

„וואָס מאַכסטו אַ שפּאַס?״ — פרעגט עטל.

„איך שפּאַס ניט. אויב מיר וועלן אַליין ניט גיין, וועט מען פון אונדז מאַכן אַזאַ שפּאַס, אַז ס׳וועט אונדז זיין ניט צום לאַכן!... ווען דו, עטל, וואָלסט פאַרשטאַנען פּאָליטיק, וואָלסטו אַזוי ניט גערעדט, אָבער דיין קאָפּ איז פאַרנומען מיט מאָדעס, מיט לוקסוס א. א. איז וואָס קאָנסטו באַגרייפן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט?...״

עטל, אויסהערנדיק איר שוואָגערס דערקלערונג, טראַכט: עפּעס איז ניט אין אָרדענונג אויף דער וועלט. דער שוואָגער רעדט, וואָס שמואל און שלמה דאָס זעלבע. עפּעס איז געשען, וואָס זיי ווילן מיר ניט זאָגן. און זי איז אַוועק אַ צעטומלטע. אַהיימגייענדיק טראַכט זי: איך מוז ערנסט רעדן מיט שלמהן, ווייל זינט איך האָב מיט אים חתונה געהאַט, האָב איך פון אים קיינמאָל ניט געהערט, וואָס איך הער איצט.

אַהיימקומענ, האָט שלמה באַמערקט, אַז עטל וויל מיט אים אָנפאַנגען רעדן און האַלט זיך אָפּ. פרעגט ער זי:

„ווי איך פאַרשטיי, ווילסטו מיר עפּעס פרעגן?״

„ווען דו ביזט אַוועק, בין איך געגאַנגען צו מיין שוועסטערביילע. חיים איז גראָד געווען אין דער היים. מיר האָבן גערעדט וועגן דיר, אַז דו ביזט אויך געוואָרן אַ ציוניסט. האַלט ער אויך מיט דעם געדאַנק, אַז מיר דאַרפן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון דיינע עלטערן. פאַרשטיי איך ניט! צי איז דען אונדזער לאַגע אַזאַ ערנסטע?...״

„עטל! אונדזער לאַגע איז ערנסט גענויע צוויי טויזנט יאָר... אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער. ווען יידן וואָלטן געלייגט אַכט דאַן, ווען די לאַגע איז שוואַכער, וואָלטן מיר געווען אַ רייך פאָלק, ווייל ביז מען הרגעט ניט, מען רויבט ניט אַוועק אונדזער פאַרמעגן, זיצן מיר אין גלות. מען לויפט דאַן, ווען מען איז געצווינגען איבערלאָזן ביי די רוצחים אַלץ, פאַרשטייסטו וואָס הייסט ציוניזם?... דאָרטן, ווען דער ייד בויט אויס אַ הויז, אַ געשעפט, אַ פאַבריק, איז עס זיינס. דערפאַר זאָג איך, אַז פריער־שפּעטער איז אונדזער אָרט נאָר אין ארץ־ישראל. פּטור ווערן פון די אומזיסטע קרבנות... מיר מוזן, עטל, טראַכטן, וואָס אונדזער פאָטער האָט אונדז געזאָגט, אַז עלטערן זיינען מחויב טראַכטן פאַר די קינדער. די ווערטער זיינען מיר אַריין אין קאָפּ. און איך טראַכט ערנסט דערפון: ברענגען די קינדער אויף דער וועלט, אַז די רוצחים זאָלן מאַכן פון זיי,

וואָס זיי ווילן? ניט דערלעבן זאָלן זיי!... יאָ, עטל, אַזוי האָב איך פעסט באַשלאָסן. זאָל נאָר אָנקומען אַ גוטער בריוו פון די עלטערן, וועל איך אָנהויבן איינקאַסירן אונדזער קאַפּיטאַל, ווי זאָגט מיין מוטער, אַז מיט געלט ווערט מען ניט פאַרפאַלן.״ — האָט דערקלערט שלמה זיין פרוי עטל.

„אויב דו טראַכסט ערנסט, האָסטו ניט באַדאַרפט סתם רעדן, נאָר מיר דערקלערן, ווי אַ מאַן, ניט מאַכן פון מיר אַ שפּאַס, אויפוואַרפן מיר, אַז איך טראַכט נאָר פון מאָדעס און ניט פאַר קינדער. וואָס, בין איך ניט קיין איבערגעגעבענע מוטער?...״

אין דעם מאָמענט איז אַריין שמואל מיט אַ גוטע בשורה, אַז די עלטערן שרייבן, אַז ווי נאָר זיי זיינען אָנגעקומען קיין א. אין האָטעל, שרייבט די מוטער אַ פּאָר ווערטער, כדי אונדז באַרואיקן. דער פאָטער איז אַוועק זיך דערוויסן, ווען ס׳גייט אָפּ אַ שיף! ניט לאַנג וואַרטנדיק, איז ער געקומען מיט פרייד, זאָגנדיק, אַז מיר מוזן גלייך פאָרן צום פּאָרט, ווייל ס׳גייט היינט אָפּ די שיף. אַלזאָ, מיינע טייערע קינדער, ווען מיר וועלן אָנקומען בשלום קיין ק., וועלן מיר גלייך שרייבן.

דערהאַלטנדיק דעם בריוו, איז שמואל געוואָרן איבערגליקלעך און איבערראַשט. זאָגט שלמה:

„ווען, ברודער, וועסטו אונדז מודיע זיין מיט אַזאַ בריוו?...״

„אַז מען טראַכט ערנסט, קומט מען צו גוטע מעשים! איך האָף, אַז איך מיט מיין פאַמיליע וועלן אין גיכן אויך שרייבן אַן ענלעכן בריוו. זאָלן נאָר אונדזערע עלטערן אָנקומען בשלום אויף אַן אָרט...״ — ענטפערט שמואל.

נישט לאַנג וואַרטנדיק, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון די עלטערן, אַז זיי געפינען זיך שוין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פילן זיך גוט, דער וועג איז געווען אַ גוטער און אָנגענעמער. ס׳זיינען געפאָרן פיל פאַרמעגלעכע עלטערע מענטשן, אויך אַ גרויסע גרופּע חלוצים, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט געזונגען העברעאישע לידער, פון וועלכע ס׳האָט זיך געפילט אַ היימישע, וואַרעמע שטימונג, וואָס האָט אַלעמען דערמוטיקט און דערפרייט. מען האָט דערציילט געשיכטעס, אַנעקדאָטן. איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט דערציילט אַזאַ געשיכטע, אַז פון זיין יוגנט אָן האָט ער געשטרעבט צו פאָרן נאָך ארץ־ישראל. ווען ער האָט חתונה געהאַט און זיין פרוי האָט אים געשאָנקען אַ צווילינג, צוויי מיידלעך, איז ער געבליבן וואַרטן, ביז די טעכטערלעך וועלן עלטער ווערן. און אַזוי וואַרטנדיק, האָט ער זיי חתונה געמאַכט אין איין וואָך... די עלטערן האָבן איבערגעגעבן

די קינדער דאָס הויז מיטן געשעפט. און איצט פאָרן זיי. דאָס הייסט געשטרעבט און פאַרווירקלעכט!... נאָך ענלעכע געשיכטעס האָט מען דערציילט. ס׳קומט אויס, אַז ווען מען זיצט, זיצן אַלע און, אַז מען פאָרט אַרויס, זעט מען מענטשן פאָרן... אַלזאָ, טייערע קינדער, ווען מיר וועלן בשלום אָנקומען אויפן אָרט, וועלן מיר אייך גלייך שרייבן.

דערהאַלטנדיק דעם בריוו, האָט שמואל געשיקט דורכן זון אָנזאָגן דער משפחה, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו פון די עלטערן.

זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו שמואלן. ער האָט זיי מיט גרויס פרייד איבערגעלייענט דעם בריוו. לכבוד דעם גוטן בריוו, האָבן זיי געמאַכט אַ „לחיים״, צווינטשנדיק, אין גיכן זאָל מען זיין צוזאַמען!...

„נאָר אין ארץ־ישראל!״ — האָט צוגעגעבן שמואל.

„דאָ זיינען מיר שוין ניט צוזאַמען. די שוועסטער, דער שוואָגער, די עלטערן, קאָן מען זאָגן, אַז זיי זיינען שוין אויך אין א״י און מיר דאָ (אין פּ.) הייסט עס, אַז מיר זיינען פון זיי אָפּגעריסן!״ — האָט דערקלערט שלמה.

„דאָס איז אַן ענין, וואָס מיט רצון און געלט קאָן מען אַלץ דערפילן צו וואָס איינער שטרעבט. ווען איך וואָלט געהאַט אַ קאַפּיטאַל, וואָלט איך שוין דאָ ניט געזעסן. איך האָף, אַז די עלטערן וועלן מיר לאַנג ניט לאָזן וואַרטן...״ — האָט געזאָגט שמואל.

נאָטע זאָגט:

„אונדזער צייט דערנעענטערט זיך. איך מיט מיין פרוי ענדיקן די הכשרה, וועלן מיר זיך, האָפנטלעך, טרעפן מיט די עלטערן, שוועסטער־שוואָגער״.

„נאָטע, דו האָסט גוט געטאָן, ניט וואַרטנדיק ביז ס׳וועט קומען אַ קינד... אייער געדאַנק איז געווען אַ ריכטיקער. זאָל אייך גאָט מצליח זיין!״ — האָט געזאָגט שמואל.

ביי דער געלעגנהייט האָט נאָטע דערציילט, אַז זייער אַ קבוצה איז ניט לאַנג צוריק אָפּגעפאָרן. עס מוז זיין אַ קבוצה, וואָס אונדזער מוטער האָט וועגן די חלוצים געשריבן. און אַזוי פאַרברענגענדיק, האָבן זיי זיך קעגנזייטיק געווינטשן, אַז זייער שטרעבונג זאָל בקרוב דערפילט ווערן. זיי האָבן זיך געזעגנט און אַוועק פריילעך, אויפגעלייגטע, געבליבן וואַרטן אויף אַ בריוו פון די עלטערן.

און אַזוי וואַרטנדיק טאָג־טעגלעך אויף אַ בריוו פון די עלטערן, פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען צו שמואלן, מען פלעגט רעדן נאָר וועגן א״י

פראָבלעמען, אַז מען טאָר די צייט ניט פאַרשלאָפן... און אויב מיר וועלן דאַרפן קעמפן, וועלן מיר קעמפן פאַרן אייגענעם לאַנד!

„יאָרן לאַנג האָב איך געהאַט טענות: פאַרוואָס זיצן יידן אין גלות? מען האָט געציטערט רירן זיך פון גלות, ביז ס'איז געשאַפן געוואָרן דער חלוציזם געדאַנק. ס'איז ניט אָפּצושאַצן, ווען מען טראַכט, אַז מיר וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד!... ווי גליקלעך וועלן זיך פילן אונדזערע קינדער? מיר, עלטערן, מוזן לעבן פאַר זיי. מיר זיינען מחויב אַלץ טאָן, כדי באַפרייען זיי פון פינצטערן גלות!..." — האָט געזאָגט שמואל.

„האָפנטלעך ס'וועט קומען אַ סוף פון גלות — האָבן איינגעשטימט די ברידער, — ווייל ס'עפנט זיך אַ נייע תקופה אין אונדזער לעבן!... מיט ווילן און כוח וועלן מיר סוף־סוף באַהערשן אונדזער לאַנד..."

אַלע שוועגערינס האָבן צוגעשטימט, אַ חוץ יענטע, דודס פרוי, וועלכע האָט געזאָגט:

„אונדזער שוואָגער שמואל האָט אַלעמען איבערצייגט, אַז מיר יידן, מוזן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל."

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער דיסקוסיע און יעדער איז געגאַנגען אַהיים.

וואַרטנדיק מיט אומגעדולד, האָבן זיי זיך דערוואַרט. עס איז, ענדלעך, געקומען פון די עלטערן אַ בריוו, אין וועלכן זיי האָבן געשריבן, אַז זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין א"י. זיי פילן זיך זייער גוט. דבורה מיט אהרנען זיינען געקומען צום פאָרט מיט שיינע ראָזעס פון אייגענעם גאָרטן. די עלטערן זיינען גליקלעך געווען, זעענדיק, ווי זייער טאָכטער שיינט און דער איידעם, פּראָפ. בורשטיין איז פיל שענער געוואָרן. פון דער טאָכטער דערוואַרטן זיי אין גיכן גוטע בשורות...

...מיר האָבן זיך ניט געקענט אָנזעטיקן, אָנקוקנדיק אונדזער שיין לאַנד מיט איר רייכן פּייזאַזש און די גרויסע פּרדסים, אויף וועלכע ס'וואַקסן פאַרשידענע פרוכטן: מאַראַנצן, ציטרינען, באַנאַנעס, וויינטרויבן, גראַ־נאַטן, פייגן, טייטלען און פיל אַנדערע מינים פרוכטן, וואָס ביי אונדז אין פ. האָבן מיר ניט געזען... און פון דעם אַלעמען טראָגן זיך ריחות פון גן־עדן!...

...ווען מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אויף אונדזער הייליקער ערד, האָבן מיר פון שמחה געוויינט, מאַכנדיק דערביי שהחינו...

די הייליקייט פון אונדזער לאַנד פאַרהייליקט די נשמות פון די אָנ־קומענדיקע מענטשן. ס'איז אַ מתנה פון גאָט, אַז מען קאָן קומען קיין א"י!

...נאָך איין זאַך, מיינע טייערע קינדער, ס'בענקט זיך נאָך אייך. נאָר די איינציקע האָפענונג באַרואיקט אונדז, אַז פריער־שפּעטער, וועט קומען דער גליקלעכער טאָג און מיר וועלן זיין צוזאַמען. איצט, קינדער, וועגן אַ וווינונג, האָבן דבורה און אהרן צוגעגרייט אַ שיינע, באַקוועמע דירה, ניט ווייט פון זיי. איצט שרייבט אייך דער פאָטער.

ליבע זין מיט אייערע פאַמיליעס, שלום!

ווי ס'איז אייך שוין באַוווּסט פון אייער מוטערס שרייבן, אַז מיר זיינען ב"ה געקומען אויפן אָרט. איך קאָן אייך מיטטיילן, אַז איך בין געקומען צו מיין איבערצייגונג, אַז ס'איז כדאי צו קומען אהער און זיך דאָ באַזעצן. געוויס איז אייך באַוווּסט, אַז אייער פאָטער איז געווען ניט פון די גאָר גרויסע אָנהענגער פון פאָרן קיין א"י. דאָך, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אַהער, האָבן מיר פון פרייד געוויינט ווי קליינע קינדער. ווען זיי פאַרלירן זייער היים און געפינען איר אָפּ, פרייען זיי זיך, אַזוי האָבן מיר זיך געפרייט און פון שמחה געוויינט און געקושט אונדזער הייליקער ערד!...

איך טראַכט וועגן דיר, שמואל, מיט דיין פאַמיליע, וואָס שנעלער דערמעגלעכן צו קאָנען קומען אַהער. איך בין געווען ביי אונדזערע קינדערס באַקאַנטע, זיי האָבן מיר געעצהט קויפן פרדסים. איך האָף, מיר וועלן זיך איינאָרדענען. וועגן דיין פאַך האָב איך זיך פאַר־אינטערעסירט. מען זאָגט, אַז מ'קאָן מאַכן אַ גאַנץ שיין לעבן! דאָ איז דער לעבנס־מיטל זייער ביליק. אַלזאָ, שמואל, זאָרג ניט. מיר וועלן אַלץ אָנווענדן, כדי אייער פּלאַן רעאַליזירן. גיב איבער פאַר אַלעמען אונדזערע האַרציקע גרוסן און קושן.

אייער פאָטער

נאָטע מיט זיין פרוי, פאַרענדיקנדיק די הכשרה, זיינען געקומען גע־זעגענען זיך מיט זיינע ברידער און זייערע פאַמיליעס. גלייכצייטיק געגעבן צו וויסן זיינע עלטערן, וועגן זייער אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל.

די עלטערן, באַקומענדיק פון נאָטען דעם בריוו, זיינען געווען איבער־גליקלעך און געבליבן וואַרטן אויף זייער גליקלעכן קומען.

נאָך אַ געוויסער צייט זיינען זיי בשלום אָנגעקומען מיט דער קבוצה חלוצים קיין א"י.

די עלטערן און דבורה מיטן מאַן זיינען אַרויסגעקומען צום פּאָרט זיי דערוואַרטן. ווען די שיף איז אָנגעקומען מיט פיל פּאַסאַזשירן, צווישן

וועלכע ס׳איז געווען אַ גרויסע גרופּע חלוצים, מיט נאָטען און זיין פרוי. גרויס איז געווען די פרייד פון די עלטערן, דבורהן מיטן מאַן, ווען זיי האָבן דערזעען נאָטען מיט דער פרוי!...

אַ קורצע צייט האָבן זיי צווישן זיך גערעדט, ביז ס׳זיינען אָנגעקומען חברים פון זייער קיבוץ און זיי זיינען אָפּגעפאָרן.

בעתן געשפּרעך, האָבן די עלטערן איבערגעגעבן נאָטען אַז זיי האָבן זיך פאַראינטערעסירט, ווי זעט אויס דאָס לעבן אין די קיבוצים? דאָס לעבן דאָרט איז אַ שווערער, אָבער אַ צופרידענער. מען אַרבעט שווער, אָבער נאָך דער אַרבעט זינגט מען, מען טאַנצט „האָראַ" און מען פילט זיך מונטער. בקיצור, זיי פילן זיך שוין, אַז זיי זיינען אַרויס פון גלות...

נאָך דעם, ווי זיי האָבן אַרויסבאַגלייט נאָטען מיט זיין פרוי אין קיבוץ, האָבן די עלטערן אָנגעשריבן אַ בריוו צו שמואל, מיטטיילנדיק, אַז נאָטע מיט זיין פרוי, זיינען בשלום אָנגעקומען.

און איצט, ליבער שמואל, ווילן מיר וויסן, וואָס הערט זיך ביי דיר און ביי שלמהן? זעט, ווירקט אויף עטלען. פאַרשטייסט דאָך, אַז אַ פרוי האָט אַ גרויסע השפּעה אויפן מאַן.

טראַכט שמואל: וואָס טוט מען מיטן בריוו? ווייזן זיי? ווען זיי באַווונדערן, וואָס דער פאָטער שרייבט, אַז איך זאָל אויף שלמהן מיט עטלען משפּיע זיין. דאָס טאָר איך ניט! און אַזוי ווי ער טראַכט, קומט אַריין שלמה אין סטאָלעריי, און פרעגט צי ס׳איז דאָ אַ בריוו?

קלערט שמואל: וואָס זאָגט מען? קומט אים אויפן געדאַנק, אַז דער בעסטער „ליגן" איז דער „אמת"! שלמה וועט זיין פאָטער פאַרשטיין, אַז ער מיינט ניט זיין רעה. און אַזוי, טראַכטנדיק, פרעגט שלמה?

„וואָס ביזטו, שמואל, אַזוי פאַרטראַכט?"

שמואל ענטפערט אים:

„איך מוז דיר, שלמה, זאָגן דעם ריינעם אמת. ס׳איז דאָ אַ בריוו, אָבער דיין פרוי קאָן איך אים ניט ווייזן. ווען וועסט אים איבערלעזן, וועסטו שוין ניט דאַרפן פרעגן".

ווען שלמה האָט איבערגעלייענט דעם בריוו האָט ער געזאָגט:

„איך האָב שוין אויף דעם געבעט מיט איר גערעדט און זי איז מסכים... מיר האָפן, נאָך די יום טובים אַריבערפאָרן. נו, שמואל, ביזטו צופרידן?"

„אַוודאי! וואָס רעבנסטו, שלמה, אַז איך בין דיר מקנא? חס וחלילה! הלוואי וואָלטן אַ סך יידן נאָכגעטאָן דיין ביישפּיל! איך גלויב, אַז ס׳וועט

מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף יענטען, אויב זי וועט מסכים זיין. גלויב איך, אַז פריער־שפּעטער וועלן זיי נאָכטאָן דיין ביישפּיל. און איצט, שלמה, קאָן איך שוין אָנזאָגן אונדזערע עלטערן, וואָס איך הער פון דיר?"

„שמואל! איך האָב צו דיר אַ ביטע. שרייב אָן די עלטערן וועגן דעם, ווייל איך בין שטאַרק פאַרנומען מיט מיינע ליקווידירונגס־געשעפטן".

„שלמה! און דאָס, וואָס די עלטערן שרייבן וועגן נאָטען מיט זיין פרוי, געפעלט עס דיר?" — פרעגט שמואל.

„שמואל, וואָס קאָן איך זאָגן? איך זאָג נאָר, אַז מען שטעלט זיך צופרידן, איז שוין גוט. צווייטנס, זיין פרוי איז דאָך אויך אַן אידעאַליסטין, וועלן זיי זיכער זיין צופרידן. און ווען מען איז צופרידן, איז קיין זאַך ניט שווער!..."

„איך גלויב, שלמה, אַז אָט־אָט דאַרף אָנקומען פון אים אַ בריוו."

און אַזוי ווי רעדן, איז אָנגעקומען דער בריוונטרעגער מיט אַ בריוו פון נאָטען און שמואל האָט מיט גרויס איבעררעאַשונג, מיט צופרידנהייט גענומען לעזן דעם בריוו, פון וועלכן ס׳האָט זיך ביי אים באַוויזן טרערן אין די אויגן. אין דעם מאָמענט איז גראָד געקומען דוד מיט יענטען פרעגן צי ס׳איז דאָ אַ בריוו פון וועמען? ענטפערט שמואל:

„ס׳איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון נאָטען אַ בריוו".

„וואָס שרייבט ער?" — פרעגט דוד.

„איך האָב נאָר וואָס גענומען לעזן".

„אדרבא, לעז איבער!" — בעט אים דוד.

און שמואל נעמט דעם בריוו און פאַנגט אָן לייענען:

ליבע טייערע ברידער מיט אייערע פאַמיליעס שלום!

איך מיט מיין גיטלען זיינען אָנגעקומען בשלום אויפן אָרט. די על־טערן, שוועסטער און שוואָגער האָבן אונדז אין פּאָרט מקבל פּנים געווען. אונדזער פרייד איז געווען ניט צו באַשרייבן. דער וועג איז געווען אַ ביסל אַן אָנגעשטרענגטער, דאָך היינט צו טאָג זיינען מיר איבערגליקלעך. מען האָט אונדז אין קבוץ אויפגענומען מיט וואַרעמע ברידערלעכע אָרעמס. מיר האָבן דערפילט, אַז דער גלות איז הינטער אונדז!...

די ליכט פון דער ארץ־ישראלדיקער זון פאַרפלייצט מיט שטאַרקע ליכט־שטראַלן. דאָס סוווישטשעריי פון די פייגל טוט וועקן אונדזערע היימישע געפילן און מיר פילן, אַז מיר זיינען שוין פריי אַזוי, ווי זיי!...

ביים פאַרענדיקן דעם בריוו, קאָן איך אייך צוגעבן פאָלגנדעס:

דאָס לעבן אין קיבוץ איז ניט קיין לייכטער, דאָך די פרייהייט ביי

אונדז, שטייגט איבער די שוועריקייטן, וואָס מיר האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַלץ פאַרבעסערן. דער עיקר: מיר זיינען אַלע צופרידן.

איך פאַרענדיק מיין קורצן שרייבן מיט די בעסטע ברידערלעכע גרוסן פאַר אייך אַלעמען. אייער ברודער, וואָס האָפט זיך מיט אייך צו זען אין ארץ־ישראל.

די ברידער, אויסהערנדיק, וואָס נאָטע שרייבט, זאָגן זיי:

„ווען מען איז אַן אידעאַליסט, איז אַלץ ליב און גרינג!"

פאַרן אַוועקגיין דערמאָנט שלמה זיין ברודער שמואלן, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן שרייבן די עלטערן וועגן זיין באַשלוס און שלמה מיט דודן זיינען אַוועק.

ווען שמואל איז אַהיים געקומען פון זיין אַרבעט, איז זיין פרומע ניט געווען אין דער היים. ער האָט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו די עלטערן. ווען פרומע איז אַריינגעקומען און באַמערקנדיק, אַז שמואל שרייבט אַ בריוו, פרעגט זי צו וועמען ער שרייבט?

„צו די עלטערן". — האָט געענטפערט שמואל. — „ווייסט, פרומע, איך האָב פאַר זיי גוטע נייעס. שלמה איז ביי מיר געווען און געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן ליקווידירן זיינע געשעפטן און נאָך די יום־טובים פאָרן זיי אָפּ. אויך פון נאָטען איז געקומען אַ בריוו. ער שרייבט, אַז זיי זיינען אָנגעקומען בשלום נאָך א"י און זיי זיינען צופרידן".

פרומע האָט שטאַרק באַוואונדערט, אַז שלמה האָט באַשלאָסן פאָרן נאָך א"י. זי טראַכט: ווען וועלן מיר שוין אויך קאָנען דערפון דענקען וועגן פאָרן? זי רעדט ניט איבער פאַר שמואלן, ווייל ער זאָל ניט האָבן קיין עגמת־נפש. שמואל האָט אירע איבערלעבונגען פאַרשטאַנען. זאָגט ער איר:

„פרומע, מיט „זיין" הילף וועלן מיר אויך פאָרן. און זאָלן יידן פאָרן וואָס מערער!... וועלן מיר זיין שטאַרקער!..."

פרומע טראַכט: מיין שמואל איז טאַקע אַ חכם און פאַרשטייט מיך!...

שמואל זעצט פאָר זיין שרייבן צו די עלטערן, וועגן שלמהס באַשלוס.

ווען די עלטערן האָבן באַקומען שמואלס בריוו, זיינען זיי געווען זייער צופרידן. זאָגט פאַניע:

„זעסט, אברהם, וואָס הייסט שכל? שמואל מיט זיין שכל האָט געקאָנט משפיע זיין אויף שלמהן! הלוואי זאָל ער שוין זיין דאָ נעבן אונדז!"

„זאָרג ניט, מיין טייערע! דאָס איז שוין פאַר אים אַ גרויסע הילף. איך וועל שרייבן צו שלמהן, אַז נאָכן ליקווידירן זיינע געשעפטן, זאָל

ער שמואלן געבן אויף הוצאות, וויפל אים וועט נייטיק זיין. מיר וועלן אים דאָ אָפּגעבן.״

ווען פאַניע האָט עס דערהערט, זאָגט זי צו אברהמען:

„דאָס איז אַ לאָגישער געדאַנק. פאַר וועמען לעבן מיר, אברהם? אַלע קינדער זיינען ביי אונז גוט סיטואירט, אַחוץ אונדזער טייערער שמואל!...״

זי האָט אָנגעהויבן וויינען. ער פרעגט זי פאַרוואָס זי וויינט? ער באַרואיקט זי, אַז מיט „זיין״ הילף וועלן זיי האָבן אַלע קינדער אין א״י, דאַרף זי דאָך זיין גליקלעך!... זי ענטפערט אברהמען, אַז זי וויינט ניט חלילה פאַר צער, נאָר פאַר פרייד!... אַלזאָ, בעט זי אברהמען, ער זאָל טאַקע אָנשרייבן אַ בריוו צו שלמהן און שמואלן, אברהם האָט דערפילט פאַניעס בקשה, און אָנגעשריבן צוויי בריוו.

זיי זיינען געגאַנגען אָנזאָגן זייער טאָכטער און איידעם, אַז שלמה מיט זיין פאַמיליע קלייבן זיך אין דער נאָענטער צייט קומען אַהער.

אַריינקומענדיק צו דבורהן, זיינען ביי זיי געווען געסט. מען האָט גראָד אַרומגערעדט, וואָס ס׳קומען אַהער חלוצים און אינטעליגענץ, אָבער ניט קיין פרומע. ענטפערט אהרן:

„איך גלויב, אַז אַלע וועלן זיך אַרומזען, אַז ס׳איז געגוג זיין הפקר און דינען „ניקאָלייקען!״... למשל: ווען אַ ייד דינט אין מיליטער אין פעטערבורג און ווען ער ענדיקט זיין דינסט־צייט, איז אים פאַרבאָטן נעכטיקן אַפילו אַ נאַכט אין דער דאָזיקער שטאָט!... איז עס דען ניט אַן אמתער באַנדיטיזם?!...״

„דאָס הייסט „גלות!״ — האָבן אַלע צוגעשטימט.

„קינדער, מיר האָבן פאַר אייך גוטע נייעס. שמואל שרייבט, אַז שלמה ליקווידירט זיינע געשעפטן און קומט מיט זיין פאַמיליע. מיר האָפן, אַז די איבעריקע קינדער וועלן נאָכטאָן זיין ביישפּיל״.

אויף דבורהס פראַגע ווען האָבן זיי דערהאַלטן די ידיעה? האָט דער פאָטער געענטפערט, אַז היינט פאַרנאַכט. דערפאַר זיינען זיי געקומען שפּעטלעך. דבורה ענטפערט דעם פאָטער:

„וואָס הייסט שפּעטלעך? אייער קומען, ליבע עלטערן, איז פאַר אונדז אַלע מאָל אין דער צייט״.

מען האָט גוט פאַרברענגט, געמאַכט אַ „לחיים״ לכבוד דער בשורה טובה. ווען די געסט זיינען אַוועק, זאָגט דבורה:

„פּאַטער! וואָס טוט מען, אַז שמואל זאָל קאָנען קומען מיט זיין פאַמיליע?"

„יאָ, טאָכטער! מיר האָבן שוין דערליידיקט דורך שלמהן, ער זאָל אים, שמואלן, געבן אויף הוצאות און קומענדיק אַהער, וועלן מיר אים אומקערן. איך גלויב ער וועט עס טאָן."

„יאָ, פּאַטער! אויף אים קאָנסטו זיך פאַרלאָזן. אויך עטל וועט ניט זיין דאַקעגן, ווייל זי איז ניט קיין שלעכטע פרוי. אַלזאָ, פּאַטער, שרייב שמואלן, ער זאָל וועגן דעם וויסן."

„מיר האָבן צו זייביידן געשריבן". — האָט דער פּאַטער געענטפערט.

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפרעך און זיינען צופרידן אַוועק אַהיים.

נאָך אַ קורצע צייט האָט שמואל דערהאַלטן דעם פּאַטערס בריוו. ער האָט אים אָנגעהויבן לייענען און איז איבערראַשט געוואָרן. ס'האָט זיך אים ניט געגלויבט, וואָס ער לעזט! טראַכט ער: גיין צו שלמהן זאָגן וועגן דעם, וואָס דער פּאַטער בעט אים, ניין! אויב ער וועט געפינען פאַר נויטיק מיר אַרויסצוהעלפן, דאַרף ער קומען מיר אָנזאָגן. און אפשר האָט ער נאָך ניט דעם בריוו דערהאַלטן, איז אַוודאי איבעריק מיין גיין!

פרומע איז פון גאַס געקומען. זי פרעגט צי ס'איז שוין געוועזן די פּאָסט?

„יאָ, פרומע! ס'איז דאָ אַ גוטע בשורה. דער פּאַטער בעט שלמהן, ער זאָל אונדז אויסלייען אויף הוצאות און ער וועט אים אָפּגעבן, ווען זיי וועלן קומען קיין א"י. אויב ער וועט עס טאָן, וועלן מיר קאָנען קומען אין גיכן צו די עלטערן".

„הלוואי! דו ווייסט, שמואל, וואָס איך וואָלט דיר געראָטן, דערווייל ניט גיין צו שלמהן. אויב ער וועט מסכים זיין, וועט ער געוויס קומען אָנזאָגן אונדז. איך גלויב, אַז דער פּאַטער האָט אים אין דער זעלבער צייט געשריבן. אַלזאָ, מוזן מיר האָבן געדולד."

„אַזוי טראַכט איך אויך" — האָט געזאָגט שמואל.

אין אָוונט זיינען אַריינגעקומען שלמה מיט עטלען.

ווען שמואל מיט פרומען האָבן זיי דערזען, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט. זיי האָבן שוין פאַרשטאַנען זייער קומען...

שלמה זאָגט שמייכלענדיק:

„שמואל! קאָנסט זיך שוין נעמען פּאַקן!..."

„ס'וועגדט זיך דען נאָר אין פּאַקן?..." — ענטפערט שמואל.

„וועגן געלט, גלויב איך, ווייסטו שוין, אַז אונדזער פּאָטער האָט מיר געשריבן אויסצולייען דיר אויף דער רייזע. דערפֿאַר האָב איך געזאָגט, אַז דו מעגסט זיך שוין פּאַקן!... האָב איך רעכט געהאַט?

שמואל, דערהערנדיק שלמהס רייד, האָט זיך פֿון פֿרייד קוים באַ־הערשט, ניט אַרויסצווייזן די טרערן. ער האָט געזאָגט:

„מיר קאָנען שוין האָפֿן אין גיכן זיך באַפֿרייען פֿון גלות!...״

שלמה רופֿט זיך אָפּ:

„שוועגערין! שטעלט אַ כיבוד לכבוד אונדזער גליקלעכן באַשלוס און מיר וועלן מאַכן „לחיים״. און ווען מיר וועלן קומען בשלום קיין ארץ־ישראל, וועלן מיר אַלע צוזאַמען מאַכן דעם אמתן „לחיים!״...

פֿרומע האָט פֿון פֿרייד געוויינט. זי האָט געזאָגט:

„בינד מיך אויף אַלע פֿיר, און וואַרף מיך צווישן מייניקע!...״

זיי האָבן זייער פֿריינטלעך פֿאַרבראַכט און זיינען אַוועק אַהיים.

„איך פֿאַרשטיי, שמואל, אַז די מוטער האָט אונדז צוגעדינט.״

„ניין, פֿרומע! קאָנסט ניט אונדזער פּאָטער. ער רעדט ווייניק, ווען מען דאַרף טאָן, טוט ער!״ — האָט געזאָגט שמואל.

„געוויס, שמואל, קאָנסטו דיינע עלטערן בעסער. אפשר אָנזאָגן די קינדער?״

„לאָז זיי שלאָפֿן רויִק, מאָרגן וועסטו זיי אָנזאָגן.״ — האָט גע־ענטפֿערט שמואל.

*

אויף צו מאָרגנס זיינען זיי געגאַנגען זאָגן די ברידער, דודן מיט יהונתן, וועגן זייער פֿאַרשטייענדיקער רייזע קיין ארץ־ישראל.

באַרירנדיק דעם א״י־פּראָבלעם, זאָגט דוד:

„ס׳איז ניט אַזוי גרינג דאָרט דאָס לעבן, אָבער די קאַטאַסטראָפֿעס, וואָס שטייען דאָ פֿאַר, זיינען פֿיל ערגער...״

„זע נאָר, זע! — האָט געענטפֿערט יענטע, דוד׳ס פֿרוי — וואָס איז אויף אייך אַרויפֿגעפֿאַלן אַזאַ פּחד? ס׳זיינען דאָ מיליאָנען יידן, וואָס זיצן און טראַכטן ניט אַריין, ווי די שניידערמאַנס משפּחה!... איין דבורה האָט אַלעמען געמאַכט פֿאַר משוגעים, וואָס גייען אַרום מיט שווידערלעכע געדאַנקען! אַן אַלטע בתולה האָט אַלעמען פֿאַרדרייט די קעפּ און איר טוט נאָך איר ביישפּיל!...״

דוד מיט יהונתן, דערהערנדיק יענטעס רייד, האָט זיי שטאַרק פֿאַר־דראָסן. זיי האָבן באַוווּנדערט יענטעס אוממענטשלעכן אויסדרוק לגבי

זייער שוועסטער. „ווען אַפילו זי וואָלט געווען אַן אומוויסנדע, אָבער דאָך — אַ שוועגערין! האָסטו איר ניט באַדאַרפט שטעלן אין אַזאַ נידעריקער פּאָרם! נאָך מער, וויסנדיק, אַז דבורה איז אַ וויכטיקע און אידעאַלע מיט הויכע בילדונג און דערצו האָט זי אַ מאַן, אַ פּראָפעסאָר!...״ — האָט דוד געמוסרט זיין פרוי יענטע און געבליבן שטיל אַן אויפגערעגטער.

„איך באַוווּנדער דיך, יענטע! דו האָסט באַדאַרפט באַדענקען, וואָס דו האָסט צו רעדן, ניט סתם פּלאַפּלען נאַרישקייטן!... ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז פון אַ נאַר האָט מען צער!...״ — האָט מיט כעס געזאָגט יהונתן און אַוועק אַן אויפגערעגטער.

יענטע, דערהערנדיק יהונתנס שטראָף־רייד, האָט זיך אָנגעבלאָזן...

„קיין וווּנדער, וואָס יהונתן האָט דיר באַליידיקט! קאָנסטו עס דען פאַרשטיין און פילן, ווי גראָב דו האָסט זיך אויסגעדריקט לגבי אונדזער דבורהן!... ניט ווייל זי איז אונדזער שוועסטער, נאָר יעדער, וואָס האָט זי געקאָנט, וואָלט דיר אַזוי געענטפערט, ווי יהונתן!...״

זי, אויסהערנדיק דודס רייד, איז געבליבן שווייגן. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז זי איז באַגאַנגען אַ פעלער. טראַכט זי: ניט אומזיסט זאָגט מען: „אַ קלאַפּ פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט!״ ס'איז שוין פאַרפאַלן!... ווידער טראַכט זי: וואָס זיי רעדן און וואָס זיי וועלן רעדן, וועלן זיי זיין גערעכט!...

אויף צו מאָרגנס בעט פרומע שמואלן, ער זאָל אָנשרייבן אַ דאַנק־בריוו די עלטערן, פאַר זייער זשעסט, וואָס זיי האָבן געטאָן צו אונדז.

שמואל שרייבט און דריקט אויס זיינע האַרציק־איבערגעגעבענע געפילן צו זיי, וואָס האָבן אים מיט זיין פאַמיליע דערמעגלעכט צו קאָנען רעאַ־ליזירן זייער איינציקע שטרעבונג! ביי דער געלעגנהייט באַמערקט ער זיי, אַז שלמה מיט עטלען זיינען עקסטרע געקומען אָנזאָגן וועגן דעם, וואָס איר, ליבע עלטערן, האָבן זיי געבעטן טאָן לגבי אונדז.

מיר האָפן, אַז מיט „זיין״ הילף, וועלן מיר און שלמה מיט זיין פאַמיליע, קאָנען אין גיכן רעדן מיט אייך פּה אל פּה. אייער אייביק איבערגעגעבענער זון שמואל. אַ הערצלעכן גרוס פאַר אייך פון אונדז אַלעמען.

ווען די עלטערן האָבן באַקומען שמואלס בריוו, איז די מוטער אַ דערפרייענדע געלאָפן אָנזאָגן די קינדער, אַז שלמה איז נאָכגעקומען דעם פאַטערס בקשה, ווי אויך שמואל מיט זיין פאַמיליע וועט אין קורצן אָנקומען זאָגט דבורה:

„אונדזער פרייד וועט זיין גרויס! דו ווייסט, מוטער, פון אַלע ברידער איז שמואל דער בעסטער. ער איז מיר ממש איינגעבאַקן אין האַרצן! מיט זיין גוטסקייט און קלוגשאַפט, האָט ער געקאָנט משפיע זיין אויף שלמהן און איבערהויפּט אויף עטלען!...״

„יאָ, מיין טאָכטער, איך מוז דיר באַמערקן, אַז שכל פאַרמאָגט אַזאַ כוח, וואָס שטייגט אַלץ איבער! און דווקא דער קלוגער, גוטער שמואל איז געדריקט...״

„מוטער, איך האָב אַמאָל געלערנט: „כי לא לחכמים לחם״, ד. ה., אַז ניט דער שכל גיט דעם מענטש אַלץ, נאָר דאָס מזל!...״ — זאָגט דבורה.

„יאָ, טאָכטער, דער עיקר פון מענטשן — מזל, אָן שכל, האָט ער אַ טעם, ווי אַן עסן אָן זאַלץ...״

ס'איז אָנגעקומען די צייט, ווען שמואל האָט באַקומען די נויטיקע סומע געלט פון שלמהן. ער האָט שנעל דערליידיקט די נויטיקע פּאַפּירן, פאַרקויפט דאָס מעבל, די איבעריקע זאַכן און געמאַכט זיך רייזע־פּאַרטיק. אין אָוונט, ווען שמואל מיט פרומען זיינען אַריינגעקומען צו שלמהן, פרעגט אים שלמה:

„ביזטו, שמואל, שוין רייזע־פּאַרטיק?״

„כמעט.״ — האָט געענטפערט שמואל.

„ווי איך זע, מיין ברודער, פאַרט מען אָן געלט שנעלער, ווי מיט געלט!...״

„ניין, שלמה, אָן געלט זיצט מען אויף אַן אָרט... אייך איז נויטיק צייט און אונדז איז נויטיק געווען געלט...״

„יאָ, — זאָגט עטל, — ווען ניט דיין ווייטזעענדער פאַרשטאַנד, וואָלטן מיר נאָך געזעסן מיט אונדזער געלט. מיר האָבן דיר צו פאַרדאַנקען! אַמאָל מיט שכל מאַכט מען בעסער, ווי מיט געלט...״

„אַז מען האָט געלט, באַקומט מען שוין שכל״ — ענטפערט שמואל.

זיי האָבן זיך צוגעשמייכלט, זאָגנדיק:

„דאָס איז אויך אמת!״

„שמואל, וואָס האָבן מיר אַזוי פיל צו דיסקוטירן? אַ דאַנק גאָט, אַז מיר קאָנען אַרויסהעלפן איינער דעם צווייטן! האָפנטלעך מיר וועלן אין גיכן זיין צוזאַמען, ווי דו, שמואל, האָסט אונדז געוווּנטשן.״

„יאָ, שלמה, מיר האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג. א״י איז אונדזערע אייביקע היים. לויט, ווי די צייט באַווייזט, מוזן מיר, יידן, לערנען, אַז די צייט איז קורץ, מוזן מיר זיך צואיילן, ביז מיר האָבן אַ מעגלעכקייט,

ווי אונדזערע עלטערן האָבן אונדז אָנגעזאָגט פאַרן אָפּפאָר. ס׳דאַרף דינען פאַר אַלע יידן, אָבער דער יוצר הרע צום געלט, פאַרשטעלט דעם שכל. אַ דאַנק אונדזער דבורהן און עלטערן, האָבן מיר מזל, אַז מיר קאָנען דערפילן דעם חוב פאַר אונדזערע קינדער, ברענגען זיי אין אייגן לאַנד. און אויב מיר האָבן נאָך ניט אונדזער לאַנד, ווי מען זאָגט, אויפן דאָקומענטאַרן אופן, זיינען מיר דאָך בני ישראל, דאַן וועלן מיר באַהערשן און ווערן עם ישראל!... דאָס איינציקע, ווען מען האָט בטחון, איז שוין אַ גרויסע באַפרידיקונג.״ — האָט דערקלערט שמואל.

„יאָ, שמואל! דו ביזט אַ גרויסער קאַפּיטאַליסט. דיין קאַפּיטאַל האָט קיין שאַץ ניט. מיט בטחון איז לייכטער צו לעבן, ווי מיט געלט!...״

„בטחון דאַרף יעדער ייד האָבן, ווייל ער שטאַרקט דעם יידן.״

אַזוי האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפּרעך, זאָגנדיק, אַז מאָרגן פאָרן זיי אָפּ.

אויף צו מאָרגנס האָבן זיך די ברידער מיט זייערע פאַמיליעס צוזאַמענגעקומען באַגלייטן שמואלן מיט זיין פאַמיליע. געזעגענענדיק זיך האַרציק, קושנדיק און ווינטשנדיק אַ גליקלעכע רייזע און בעטנדיק אַיבערגעבן האַרציקע גרוסן, קושן די עלטערן, דבורה מיט אהרנען, נאָטען מיט גיטלען.

זיי זיינען אָפּגעפאָרן מיטן צוג קיין א.

די ברידער, גייענדיק פון שמואלס אָפּשייד, רעדן צווישן זיך:

„אונדזער שמואלן קומט דער אמתער יישר־כוח! נאָר ער האָט געקאָנט משפיע זיין אויפן פאָטער, וואָס אַ דאַנק אים, וועלן מיר אַלע זיין אין א״י.״

„מיר קומט אויס דערמאָנען שמואלס רייד: „מיט רצון קאָן מען אַלץ דערגרייכן״ — האָט געזאָגט שלמה.

דוד מיט יענטען האָבן אויף דעם ניט רעאַגירט. דאַקעגן יהונתן האָט געזאָגט:

„איך וועל אַלץ אָנווענדן, בכדי צו קומען קיין א״י.״

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט דעם געשפּרעך און יעדער איז געפאָרן צו זיך אַהיים.

אָנקומענדיק קיין א., איז שמואל געגאַנגען זיך אינפאָרמירן, ווען עס גייט אָפּ אַ שיף נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דערוויסנדיק זיך, אַז דעם זעלבן אָוונט גייט זי אָפּ, האָט ער צו וויסן געגעבן די עלטערן, ווי אויך

די ברידער, אַז זיי זיינען אָנגעקומען בשלום קיין א. און פאָרן אָפּ קיין ק. און אָנקומענדיק אויפן אָרט וועט ער זיי שרייבן אַ גענויען בריוו.

אָנקומענדיק קיין ק., זיינען זיי פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, ווו זיי איז אויסגעקומען וואַרטן אייניקע טעג אויפן אָפּגאַנג פון דער שיף קיין ארץ־ישראל.

דער וועג פון ק. קיין ארץ־ישראל, איז געווען זייער אַן אינטערע־סאַנטער, — שרייבט שמואל אין אַ בריוו צו די ברידער. אויף דער שיף זייַנען געווען קאָנצענטרירט יידן פון פאַרשידענע לענדער. ס׳איז אויך געפאָרן אַ גרופּע חלוצים און חלוצות, וועלכע האָבן געזונגען פאַרשידענע לידער, געטאַנצט. דאָס האָט פאַרשאַפן אַ גוטע, פריילעכע שטימונג. מיר האָבן אַפילו ניט געפילט, אַז מיר פאָרן אויפן שטורמישן ים... ביז אונדזער שיף איז בשלום אָנגעקומען צום פּאָרט יפו, ווו זי האָט געאַנקערט.

די קינדער האָבן פון דער ווייטנס, דערקענט דעם זיידן, דער באָבען, זייער טאַנטע דבורה מיטן אָנקל אַהרן און אָנקל באָטע מיט גיטלען, וועלכע זיינען געקומען מקבל פנים זיין. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק פון דער ווייטנס געגריסט, פאָכענדיק מיט די טאַשן־טיכלעך, דערביי שרייענדיק און אָנרופנדיק זייערע נעמען. ביסלעכווייז האָט מען די פּאַסאַזשירן אָנגעע־פאַנגען אַראָפּלאָזן פון דער שיף.

ווען שמואל מיט פרומען און קינדער זיינען אַרויסגעקומען מיט די געפּעק פון מאַגאַזין, ווו זיי זיינען אַדורכגעגאַנגען די קאָנטראָל, זיינען זיי געפאַלן זיך קושן איינער די צווייטע און פון פרייד געוויינט!...

ווען ס׳איז אַריבער אַ קורץ שטיקל צייט און זיי האָבן זיך באַרואיקט פון דער גרויסער איבערראַשונג, זיינען זיי אַלע געפאָרן צו די עלטערן, ווו ס׳איז באַצייטנס צוגעגרייט געווען כיבוד לכבוד זייערע טייערע קינ־דער. דער עולם האָט געמאַכט „לחיים!", ווינטשנדיק די אָנגעקומענע געסט אַ גליקלעכע צוקונפט. מען האָט אויך געמאַכט „לחיים!" לכבוד שלמהן און יהונתן, אַז אין גיכן זאָלן זיי זיין מיט אונדז.

„איך האָף, פאַניע, אַז מיר וועלן זיי אויך דאָ האָבן." — זאָגט אברהם. זאָגט שמואל:

„וואָס שייך יהונתן, קאָן מען זיין מער זיכער, אַז פריער־שפּעטער וועט ער קומען, ליידער וועגן דודן, איז מיר אַ גרויסער ספק, מחמת איר קאָנט איר!... איר קאָנט איר ניט פאַרגלייכן צו עטלען. עטל איז תופס, וואָס מען רעדט צו איר, אַ דאַנק דעם קומען זיי טאַקע."

„ווען מען פאָלגט ניט עלטערן — זאָגט די מוטער — לאָזט זיך אַזוי

אויס. איך האָב אים געוואָרנט, ער זאָל זיך מיט איר ניט פאַרבינדן, ניט לייגן אַכט אויף איר שיין פנימל... וואָס טויג אַ שיין פנים, ווען דער קאָפּ איז פוסט!... נאָך אַלעמען, האָט זי אויף אים אַ גרויסע השפעה. אַ נאַר און פאַרדרייט אַ קלוגן מאַן דעם קאָפּ!...״

מישט זיך אַריין דבורה און זאָגט:

„מען דאַרף דאָס לאָזן מיט דער גאָטור! מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל!... לויט מיין מיינונג, פון איצטיקער פּאָליטיק, איז פריער־שפּעטער, ניט ווילנדיק וועט זי קומען. וואָלט זי פאַרשטאַנען די צייט, וואָלט זי אָנגעווענדט אַלץ און געקאָנט קומען מיטן קאַפּיטאַל...ליידער, איז שכל אַן איידעלע זאַך און דערצו אַ קריכער. וועט זי קומען, ווי די מאַמע האָט זי געבראַכט אויף דער וועלט...״

רופט זיך אָפּ אהרן:

אויף דבורהלען קאָן מען זיך פאַרלאָזן. וואָס זי זאָגט איז כדאי צו פאַרשרייבן אין אַ פּנקס״.

„יאָ, מיינע קינדער, זי נעמט אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און זי וועט, ליידער, טייער באַצאָלן... הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן!״ — האָט געזאָגט די מוטער.

„קינדער! — זאָגט דער פאָטער — לאָמיר ווייניקער דיסקוטירן וועגן יענטען. ווי זאָגט דבורהלע: מה שיעשה הזמן — וואָס די צייט וועט מאַכן, לא יעשה השכל — וועט קיין שכל ניט קאָנען מאַכן. אַלזאָ, וואָס עס דאַרף געשען, וועט געשען. און לאָמיר אַלע מאַכן לחיים, אַז דוד מיט זיין פאַמיליע זאָלן אויך מצליח זיין און קאָנען קומען צו אונדז.״

נאָכן אָוונט־ברויט, האָט דבורה איינגעלאַדן אַלעמען קומען מאָרגן אויף מיטאָג.

אויף צו מאָרגנס, ווען זיי זיינען געקומען צו מיטאָג, לויט דבורהס איינלאַדונג, האָט זיי דבורה מיט אהרנען זייער פריינטלעך אויפגענומען. ביי אַ שיין סערווירטן טיש, זיינען געזעסן די עלטערן, ברידער מיט זייערע פרויען און שמואלס קינדער. אַלע האָבן געמאַכט לחיים לכבוד שמואלס קומען מיט זיין פאַמיליע, צווינטשנדיק אים ער זאָל מצליח זיין און גוט זיך איינאָרדענען. אויף דעם האָט שמואל זיי געענטפערט:

„איך דאַנק אייך, מיינע טייערע! מיר זיינען גליקלעך, וואָס מיר געפינען זיך שוין ב״ה אין אונדזער לאַנד. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך ביסלעכווייז איינאָרדענען.״

„זאָרג ניט, שמואל, — זאָגט דבורה, — אהרן האָט שוין גערעדט מיט

זיינעם אַ קאָליעגע וועגן דיר. ער האָט אים געזאָגט, אַז ביי אים אין שפּיטאָל איז נויטיק אַ בוכהאַלטער. דאָס פּאַך ביי אונדז באַצאָלט זיך ניט שלעכט. דאָס לעבנס־מיטל איז דאָ זייער ביליק, האָפנטלעך, דו וועסט דאָ מאַכן אַ שיין לעבן. און פרומע, וואָס באַהערשט ענגליש, קאָן אויך באַקומען אַ גוטן פּאָסטן."

„איצט, מיינע טייערע קינדער, — זאָגט דער פאָטער, — לאָמיר מאַכן לחיים לכבוד נאָטען און גיטלען, אַז אין גיכן זאָלן מיר זיי אָפּגעבן מזל־טוב מיט אַ זונעלע!..."

„קינדער, — זאָגט די מוטער, — לאָמיר מאַכן לחיים פאַר שלמהן, אַז זיין וועג זאָל זיין אַ מזלדיקער און קומען בשלום. אויך אַ לחיים פאַר דודן מיט זיין פאַמיליע, אַז זיי זאָלן אויך אין גיכן קומען בשלום!"

„און אחרון־אחרון פאַרן בן זקונים יהונתן, אַז ער זאָל אין גיכן קומען! אַז זיי וועלן קומען, וועלן מיר מאַכן דעם אמתן „לחיים!"..."

נאָכן עסן זאָגט דבורה:

„שמואל, וואָס אַמבאַלאַנגט אַ דירה, האָבן מיר פאַר אייך צוגעגרייט. ניט אַזאַ גרויסע, ווי דו האָסט געהאַט אין פּ., אָבער אַ לופטיקע."

„וואָס הייסט אַ לופטיקע? אַ זונען־דירה? — פרעגט פרומע.

„ביי אונדז איז די בעסטע דירה, וועו זי האָט אַ סך לופט, ווייל זון פעלט ניט ביי אונדז..." — האָט געענטפערט דבורה.

„ליבע שוועגערין, מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייך", — האָט געזאָגט פרומע.

אָנקוקנדיק די דירה זיינען זיי געווען איבערגליקלעך, פאַרוואָס זיי האָבן דבורהן מיט אהרנען האַרציק באַדאַנקט.

אַזוי האָבן זיי אָנגעפאַנגען בויען זייער לעבן.

שמואל איז אַריין אין שפּיטאָל אַרבעטן אַלס בוכהאַלטער. פרומע האָט באַקומען אַרבעט אין אַ ביוראָ. די קינדער האָבן אָנגעפאַנגען גיין אין שולע. זיי האָבן זיך גוט געלערנט. שמואל מיט פרומען האָבן געקליבן נחת פון זיי. אַזוי אַרום האָט זיך ביי זיי געשאַפן אַ גליקלעך צופרידן לעבן. די עלטערן זיינען געווען גליקלעך און צופרידן, וואָס זייער שמואל האָט זיך זייער גוט איינגעאָרדנט. זיי פלעגן תמיד קומען איינע צו די צווייטע און צוזאַמען פאַרברענגען. פון צייט צו צייט פלעגן אויך קומען פון קיבוץ נאָטע מיט גיטלען. איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, האָט מען איבער־געגעבן, אַז גיטל האָט מיט מזל געבוירן אַ זונעלע. די ידיעה האָט אַלעמען דערפרייט. די עלטערן האָבן געהאַט נחת. נאָר איין זאַך האָט זיי באַאומ־

רואיקט, וואָס דוד מיט יהונתן זיינען נאָך אין גלות. פון שלמהן האָבן זיי דערוואַרט אַ גוטע בשורה. ענדלעך איז זי אָנגעקומען, אַז זיי זיינען בשלום אַרויסגעפאָרן.

די מוטער איז געגאַנגען אָנזאָגן דבורהן, שמואלן, ווי אויך נאָטען אין קיבוץ, אַז שלמה מיט דער פאַמיליע זיינען שוין אין וועג.

אין אייניקע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון שלמהן, אַז זיי זיינען שוין אין א.

ליבע עלטערן, שלום!

איך טייל אייך מיט, אַז מיר זיינען אָנגעקומען בשלום קיין א. אין אייניקע טעג אַרום גייט אָפּ די שיף קיין ק. מיר זיינען אַלע געזונט. מיר זיינען זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן אַלץ דערליידיקט... נאָר איין זאַך טוט מיר זייער לייד, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט דודן מיט יהונתן. שטעלט אייך פאָר, ליבע עלטערן, ווען איך האָב זיי געמאָלדן, אַז דעם 10טן פאָרן מיר אָפּ, האָט יענטע ניט געפונען פאַר נייטיק צו קומען זיך געזעגענען. פרעג איך דודן, פאַרוואָס איז יענטע מיט די קינדער ניט געקומען? זאָגט מיר דוד, אַז פון איר איז קיין וווּנדער ניט. זי איז אַ ביטערע עקשנית! וואָס קאָן ער מאַכן? זאָל ער זיך מיט איר גטן? אַזוי האָט ער מיר געזאָגט. אים איז שוין אַזוי באַשערט! און וועגן יהונתן, האָב איך מיט אים גע־רעדט פאָרן פאָרן. זאָגט ער, אַז מען וועט אים פאַרלייגן אַ שדוך, וועט ער אויסרעדן, אויב די כלה וועט מסכים זיין צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, וועט ער חתונה האָבן. און ווען ניט, וועט ער דורכמאַכן אַ הכשרה, כדי אַריינצוגיין אין אַ קיבוץ און זיין נעבן די עלטערן און אייך. אונדזערע קינדער האָבן זיך מיט זיי געזעגנט און גע־וווּנטשן, אַז זיי זאָלן אויך אין גיכן קומען קיין א״י. דוד האָט זיך געהאָט אויסגעדריקט, אַז מען דאַרף צו אַלץ האָבן מזל! אַפּילו אונדזערע קינדער זיינען אויך צופרידן, וואָס זיי פאָרן קיין א״י און זיין יענטע וויל אַפּילו ניט הערן דעם נאָמען „ארץ־ישראל". האָב איך אים געענטפערט, בכדי ער זאָל זיך באַרואיקן: מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל... דוד, דו וועסט נאָך אויך קומען צו אונדז?...

ווען מיר וועלן אָנקומען בשלום קיין ק. וועט אייך עטל שרייבן.

פאַרבלייבט אַלע געזונט, האַרציק געגריסט פון אונז אַלעמען.

אייער ש ל מ ה

די עלטערן, דערהאַלטנדיק מיט גרויס אומגעדולד שלמהס בריוו, אַז זיי געפינען זיך שוין אין א. און וואַרטן אויף אַ שיף־אָפּגאַנג נאָך ק., האָבן זיך באַרואיקט מיט דעם, וואָס ער שרייבט, זיי זיינען אַלע געזונט, ווי אויך מיט דער אַנדייטונג, אַז ער איז צופרידן, וואָס ער האָט אַלץ דערליידיקט... זאָגט אברהם:

„פּאַניע, ווי איך פאַרשטיי, האָט ער אַלץ גוט פאַרקויפט. ער איז אַ גוטער סוחר!"

„אַ דאַנק גאָט! אַבי זיי זיינען געזונט און זאָלן קומען געזונט! וועט שוין גוט זיין. און הלוואי זאָלן מיר דערלעבן הערן דאָס זעלבע פון דודן!" — האָט געזאָגט די מוטער.

„און וועגן יהונתן טראַכטסטו ניט?" — פרעגט דער פאָטער.

„מיט יהונתן בין איך מער ווי זיכער, אַז ער וועט קומען! נאָר איין זאַך באַאומרואיקט מיך, וואָס עטל האָט ניט צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער!"

„טראַכסט שוין ווידער איבער, פּאַניע? שלמה שרייבט דאָך, אַז פון ק. וועט עטל שרייבן. באַרואיק זיך! איצט בלייבט אונדז איבער דערוואַרטן אויף אַ בריוו פון ק." — האָט געזאָגט אברהם (דער פאָטער).

מיט דעם האָט זיך די מוטער עטוואָס באַרואיקט.

אַזוי איז אַריבער אַ געוויסע צייט און פּלוצים איז אָנגעקומען אַ בריוו פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ניט זייענדיק זיכער, אַז דער בריוו איז פון שלמהן, האָט זי איבערגעלעזן דעם פּאָסט־שטעמפּל, זאָגנדיק צו זיך מיט איבערראַשונג: „גאָט צו דאַנקען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל!..."

זי האָט אים אויפגעמאַכט, דערזען עטלס אונטערשריפט, האָט זי זיך באַרואיקט, זאָגנדיק צו זיך: „אַ שאָד, וואָס אברהם איז ניטאָ אין דער היים!" זי האָט אָנגעפאַנגען לעזן דעם בריוו:

ליבע עלטערן, שלום!

איך, שלמה, מיט די קינדער זיינען געזונט אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איצט, טייערע עלטערן, קאָן איך אייך מעלדן די סיבה פון מיין ניט שרייבן. אין אָדעס האָבן מיר פיל איבערגעלעבט, ווייל אין האָטעל זיינען מיר געווען עטלעכע טעג, וואַרטנדיק אויף אַ שיף.

יעדע נאַכט האָט מען אונדז מיט די קינדער איבערגעריסן דעם שלאָף... מען האָט געמאַכט רעוויזיעס. די פּאָליצייאישע אַנטיפּאַטישע

פנימער האָבן געמאַכט אויף אונדז אַ פאַרדעכטיקטן איינדרוק. אַפילו אונדזער נח׳ל, אויפמאַכנדיק זיינע פאַרשלאָפענע אייגעלעך, האָט מיט שרעק אָבסערווירט זיי... היינט שטעלט זיך פאָר, ווי מיר האָבן זיך געקאָנט פילן. איבערהויפּט איך, מחמת מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד, וואָס איך האָב אַמאָל געלעזן וועגן אָדעסער פאָגראָם... און זייענדיק אונטער דעם איינדרוק, ווי אייך, ליבע עלטערן, איז באַוווּסט, אַז מיר זיינען ניט קיין חלוצים... האָבן ביי מיר אָנגעפאַנגען שפּילן מיינע קראַנקע נערוון... אַזוי, אַז שלמה האָט געמוזט אַרויס־רופן אַ דאָקטאָר, כדי באַרואיקן מיינע צעטרייסלטע נערוון...

„ווען וועלן מיר פאָרן קיין א״י?״ — פרעגט מיר נח׳ל.

פרעג איך אים: „דאָ איז דען ניט ארץ־ישראל?...

ענטפערט ער: „ניין! דער פאָפאָ האָט געזאָגט, אַז אין א״י וווינען נאָר יידן!... לאָמיר אָפּפאָרן פון דאַנען!״

„ווו זאָלן מיר פאָרן?״ — פרעג איך אים.

„קיין ארץ־ישראל! וועלן מיר ניט זען די שלעכטע מענטשן!...״ — ענטפערט ער.

„נח׳ל, — דערקלער איך אים, — מענטשן זיינען אומעטום פאַר־שיידענע, גוטע און שלעכטע.״ מיט דעם האָט ער זיך באַרואיקט.

טראַכט איך: אַז די קינדער פילן, זיי זיינען אין גלות און, ווי גליקלעך וועלן מיר זיך שעצן, ווען אונדזערע קינדער וועלן זיך פילן פריי אין אייגענעם לאַנד?... פרעגט מיך שלמה: „עטל, וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט?״ ענטפער איך: „פון נעכטיקער נאַכט באַוואונדער איך אונדזערע קינדער, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט! און וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז אין א״י וווינען נאָר יידן, איז אַ סימן, אַז זיי פילן, אַז זיי זיינען אין גלות!... פרעגט נח׳ל: „פאָפאָ, וואָס איז עס גלות?״ ענטפערט שלמה: „גלות באַדייט, אַז מען איז ניט אין אייגענעם לאַנד!...״ פרעגט נח׳ל: „ווען וועלן מיר פאָרן אין אייגענעם לאַנד?״ ענטפערט אים שלמה, אַז די טעג וועלן מיר פאָרן און מיט דעם האָט ער אים באַרואיקט.

און איצט, קומענדיק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פילן מיר זיך פיל בעסער, ווייל מיר דערנענטערן זיך צו אונדזער ציל. שלמה האָט זיך דערקונדיקט, אַז דעם 25־טן גייט אָפּ אַ שיף קיין א״י.

פאָרן אָפּפאָרן וועלן מיר אייך צוּוויסן געבן. פאַרבלייבט אַלע

געזונט און האַרציקע גרוסן פון אונדז פאַר אייך אַלעמען. אייער שנור, וואָס האָפט זיך מיט אייך אַלעמען צו טרעפן געזונט —
עטל.

שלמה שרייבט אייך צו:

ליבע עלטערן, שלום!

ווי אייך איז שוין באַוווּסט פון עטלס שרייבן, דאָך קאָן איך אייך מיטטיילן, אַז מיר זיינען ב״ה געזונט און פילן זיך פיל בעסער. מען קאָן זאָגן, אַז מיר שטייען שוין מיט דעם רעכטן פוס אין ארץ־ישראל... וועגן אונדזער וועג האָט אייך עטל באַקאַנט געמאַכט. אַלזאָ, ליבע עלטערן, ווען מיר וועלן בשלום קומען, וועלן מיר האָבן וואָס צו דערציילן. אָבער, ווי זאָגט מען: „ענדע גוט, אַלץ גוט״.

פאַרבלייבט מיר אַלע געזונט און האַרציק געגריסט —
אייער שלמה.

די עלטערן, דערהאַלטנדיק עטל־שלמהס בריוו, זיינען געווען גליקלעך, אַז זיי זיינען געזונט.

„זעסט, אברהם! — זאָגט פאַניע, — ווי זאָגט מען ביי אונדז: אַ יידישע נשמה איז ניט אָפּצושאַצן! היינט זעט מען, אַז שמואל מיט שלמהן האָבן אויף איר געווירקט. זי האָט צו א״י באַקומען גוטע געפילן״.

„איך האָף, אַז די איבעריקע קינדער וועלן נאָך אויך קומען.״

„הלוואי, אברהם. זאָלן מיר דאָס דערלעבן!״ — האָט געזאָגט פאַניע.

און אַזוי רעדנדיק, איז פון די קינדער אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע: זונטיק זיינען זיי אַרויסגעפאָרן מיט דער שיף, וועלכע וועט אָנקומען מיטוואָך.

דערהאַלטנדיק דעם בריוו, ווי אויך די טעלעגראַמע, איז די מוטער געגאַנגען אָנזאָגן די קינדער וועגן די גוטע נייעס: אַ בריוו פון עטלען מיט שלמהן, ווי אויך אַ טעלעגראַמע, אַז זיי זיינען שוין מיט מזל אַרויסגעפאָרן און מיטוואָך קומען זיי אָן.

דבורה האָט דער מוטער באַדאַנקט פאַר דער גוטער בשורה, זאָגנדיק: „מוטער! דו גיי אַהיים, איך וועל זיי שוין אָנזאָגן.״

ווען שמואל מיט פרומען האָבן דערהערט פון דבורהן, אַז שלמה מיט עטלען מיט די קינדער קומען אָן מיטוואָך, האָבן די קינדער פון פרייד געשפּרונגען, געטאַנצט און געשריגן: „דער אָנקל שלמה, די טאַנטע עטל, משהלע, נח׳ל קומען!...״

דבורה האָט אויך צו וויסן געגעבן נאָטען מיט גיטלען (אין קיבוץ), אַז שלמה מיט דער פאַמיליע קומען אָן מיטוואָך. זיי האָבן איר האַרציק באַדאַנקט פאַר דער גוטער בשורה, זאָגנדיק: מיטוואָך וועלן זיי קומען מקבל־פנים זיין די געסט.

ווען דבורה איז אַהיים געקומען, איז שוין אהרן געהאַט געקומען פון שפיטאָל. דבורה האָט אים איבערגעגעבן די ידיעה, ס'איז דאָ אַ בריוו מיט אַ טעלעגראַמע פון שלמהן, אַז מיטוואָך קומען זיי בשלום אָן. אהרן איז זייער צופרידן געווען פון דבורהס ידיעה, דערביי באַמערקט ער איר, אַז אויף מיטוואָך וועט ער נעמען חופש, כדי קאָנען זיי מקבל פנים זיין ביים פאָרט.

מיטוואָך פרי זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען צו די עלטערן, כדי געמיינזאַם קומען צום פאָרט מקבל־פנים זיין שלמהן מיט זיין פאַמיליע. ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום פאָרט, האָט מען די שיף געהאַט געאַנקערט. די פּאַסאַזשירן האָט מען נאָך ניט געהאַט פון דער שיף אַראָפּגעלאָזט. קוקנדיק פון דערווייטנס, האָבן זיי דערקאָנט שלמהן מיט עטלען און די קינדער. מען האָט זיך קעגנזייטיק באַגריסט, פאָכענדיק מיט די טאַשן־טיכלעך. אויך די קינדער האָבן זיך דערקאָנט, אויסשרייענדיק מיט די קינדערשע דינע קולכלעך: משהלע! נח'ל! און מאַכנדיק מיט די הענטלעך קינדערשע באַוועגונגען...

מען האָט אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז אַראָפּלאָזן די פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען אַדורכגעגאַנגען די קאָנטראָל. דאַן האָט מען זיי אַדורכגעלאָזן, ווו זיי האָבן זיך געטראָפן מיט די עלטערן און פאַמיליעס. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק האַרציק צעקושט. די מוטער, אַרומנעמענדיק שלמהן, האָט פון פרייד געוויינט, זאָגנדיק: „מיין טייערער זון! אין אַ מזלדיקער שעה זאָל זיין דיין קומען!" דאָס גלייכן האָט זי עטלען אַרומגענומען, דריקנדיק זי צום האַרצן און זאָגנדיק: „מיין טייער קינד! אַ דאַנק גאָט, וואָס איר זייט געקומ׳ען בשלום! זאָל אייך, מיינע קינדער, זיין אין אַ מזלדיקער שעה!"

אויך מיט די אייניקלעך האָט זי זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט איר ליבשאַפט צו זיי. די אייניקלעך האָבן דער באָבען ניט געלאָזט צו רו, פרעגנדיק מיט פאַרוווּנדערונג: באָבע! דאָס איז ארץ־ישראל?..."

„יאָ, מיינע טייערע אייניקלעך! איר זייט שוין אין ארץ־ישראל! איר זאָלט וואַקסן געזונט און זיין גוטע זין פאַרן פאָלק!.."

דאָס גלייכן די ברידער מיטן שוואָגער און שוועגערינס האָבן זיך

אַלע האַרציק צעקושט, ווינטשנדיק שלמהן מיט עטלען, אַז זייער קומען זאָל זיין מיט הצלחה! עטל, אָבסערווירנדיק זיי, האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט. זי טראַכט: האָפנטלעך, אַז מיר וועלן זיך אויך אַן עצה געבן!... דער פאָטער איז אָנגעקומען מיט צוויי דראָזשקעס, זאָגנדיק: „קינדער! גייט אַריין אין די דראָזשקעס, וועלן מיר פאָרן אַהיים."

דאָס הויז, וואָס די עלטערן האָבן פאַרנומען, איז געווען אַן איינשטאָקיק, אַרומגעצוימט מיט אַ צוים פון שטיינער און אָפּגעקאַלכט אויף ווייס. אַרום הויז זיינען געווען פאַרפלאַנצט פאַרשידענע פרוכט־ביימער: מאַראַנצן, לימאָנען, מאַנדאַרינקעס אויך פאַרשידענע בלומען, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע ריחות, וואָס פאַרשיכורן, ממש טעם גן־עדן... דאָס הויז איז באַשטאַנען פון דריי צימערן, קיך און באַדע־צימער. די צימערן — שיין מעבלירט. כמעט אין אַלע פענצטער, האָט די זון אַריינגעשיינט, וואָס האָט געשאַפן אַ גוטע שטימונג.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום הויז און באַטראַכטנדיק די שיינע לאַנדשאַפט אַרום דעם הויז, האָט עטל געזאָגט:

„עלטערן! ס'איז כדאי קומען קיין א"י און וווינען אין אַזאַ גן־עדן!..."

אַריינקומענדיק אין שטוב, איז דער טיש שוין געווען סערווירט מיט כל־טוב. עטל און שלמה זיינען געוואָרן איבערראַשט, זאָגנדיק:

„אין פ. האָט מען געהאַט געזאָגט, אַז אין א"י איז ניט צו באַקומען אַ ביסל וואַסער!..."

ענטפערט שמואל:

„וואַסער איז טאַקע אַ פּראָבלעם, אָבער פון עסנוואַרג און פרוכטן, ווי אויך וווינען איז דאָ לרוב! און, ווי איר זעט, מיינע טייערע, לעבן מיר צופרידן. דער לעבנס־מיטל איז ביי אונדז זייער ביליק. איך, למשל, מיט מיין משפחה פאַרלעבן 7 פונט אַ חודש מיט דירה־געלט. איך מיט פרומען פאַרדינען 12 פונט אַ חודש. מיר האָבן שוין געקויפט אַ פּלאַץ אויף אַ הייזל. די קינדער לערנען זיך גוט, אַזוי אַרום, אַז מען איז צופרידן, איז מען גליקלעך".

די מוטער, אַריינקומענדיק אין צימער, האָט אָנגעגאָסן די זילבערנע באָקאַלן מיט כרמל־וויין, זאָגנדיק:

„קינדער! צייט נעמען וואָס אין מויל!"

דער פאָטער האָט אויפגעהויבן דער ערשטער דעם באָקאַל מיטן וויין און נאָך אים די מוטער מיט די קינדער, זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט

לחיים לכבוד שלמה און עטלס קומען אין לאַנד, ווינטשנדיק, אַז זיי זאָלן מצליח זיין און ארץ־ישראל זאָל אין גיכן באַפרייט ווערן!...

„הלוואי!" — האָבן אַלע געענטפערט.

מען האָט געגעסן, געטרונקען, געמאַכט לחיים, צווינטשנדיק דבורהן, זי זאָל בשלום אַריבערקומען און דאָס צוקונפטיקע קינד זאָל ברענגען אונדזער פאָלק די גאולה, אויף וואָס אַלע האָבן געענטפערט: „הלוואי!..." מען האָט ווידער געמאַכט לחיים לכבוד דודן מיט זיין משפחה, לכבוד יהונתן, אַז אין גיכן זאָלן מיר זוכה זיין צוזאַמען מיט זיי מאַכן אַ לחיים!... אַזוי האָבן די עלטערן מיט די זין, שניר, טאָכטער, איידעם, אייניקלעך זייער פריילעך פאַרבראַכט און געקליבן נחת.

„שלמה, ווי מיינסטו, ד'וד וועט קומען?" — פרעגט די מוטער.

„ווייסטו דען ניט, מוטער, אַז ס'ווענדט זיך ניט אין דודן! דו קאָנסט ד'אָך יענטען!... ער ליידט פון איר צרות צרורות. ער איז אַ צו גוטער מאַן צו איר!"

די עלטערן, אויסהער'נדיק עס, זאָגן:

„מיר האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל זיך נאָך איר ניט יאָגן, האָט ער אונדז ניט געפאָלגט, אַלזאָ, אַז מען פאָלגט ניט עלטערן, לאָזט זיך אַזוי אויס!... היינט איז איבעריק אונדזערע רייד! מיר דאַרפן טראַכטן פאַר די קינדער וואָס זיינען דאָ. און דוד מיט יענטען זאָלן פירן דאָס לעבן, ווי זיי פאַרשטייען!... און מיט יהונתן האָסטו, שלמה, גערעדט?"

„יאָ, ליבע עלטערן! פאַר מיין אָפּפאָר האָב איך מיט אים גערעדט. האָט ער געזאָגט, אויב ער וועט קריגן אַ רייכע כלה און זי וועט מסכים זיין פאָרן קיין א"י, איז גוט. און ווען ניט, וועט ער דורכמאַכן אַ הכשרה און גיין אין אַ קיבוץ, כדי זיין נעבן אונדז. אַזוי אַרום, פריער אָדער שפּעטער, וועט ער קומען".

מיט דעם האָבן זיך באַרויקט די עלטערן.

„פאָטער, מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך?" — פרעגט שלמה.

„מיר זיינען געקומען, האָט מען אונדז געראָטן קויפן פרדסים, מגרשים. דאָס איז וויכטיק. די פרדסים ברענגען אַריין פרנסה און דער קרן בלייבט קרן. מיר לעבן רויק און צופרידן און, ווי דיר איז באַוווסט, איז שמואל געקומען אָן געלט. דאָך מאַכן זיי אַדורך זייער לעבן רויק און צופרידן".

„איך האָף, אַז מיר וועלן זיך אויך איינאָרדנען." — זאָגט שלמה.

עט'ל הער'ט זיך צו און טראַכט: זייער גוט! אַבי אין פ. האָט מען

גערעדט, אַז אין א״י איז דאָס לעבן אומדערטרעגלעך. אַזוי, אַז מיר וועלן זיך לאַנג ניט אויפהאַלטן און קומען צוריק אָן אַ גראָשן!... נו, זאָלן זיי זיצן אין פּ. און מיר אין ארץ־ישׂראל!...

די קינדער זיינען אַרויס אין גאָרטן באַקוקן די ביימער, בלומען און באַוווּנדערט, ווי שיין זיי זיינען און ווי וואַרעם ס'איז. ניט ווי אין פּ. שנייען און פרעסט! דאָ איז, ווי ביי אונדז אויף דאַטשע!... אַריינקומענ־דיק אין שטוב, האָבן די קינדער מיט פאַרוווּנדערונג געזאָגט:

„מוטער, דאָ איז דאָך ניט ווינטער! אין פּ. איז שנייען מיט פרעסט און דאָ בליען בלומען און ס'איז וואַרעם!...״

זאָגט זייער זיידע:

„קינדער, דאָס איז ארץ־ישׂראלדיקער ווינטער.״

„אויב אַלע מאָל וועט זיין אַזאַ ווינטער, וועלן מיר קיינמאָל ניט אַרויספאָרן פון דאַנען!...״ — ענטפערן די קינדער.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און זייער פאָטער, שלמה, זאָגט זיי:

„קינדער, מיר האָבן אייך אַהער געבראַכט, כדי איר זאָלט דאָ לעבן און באַפרייען אונדזער לאַנד...״

פרעגט משהלע:

„משה רבינו האָט דאָך אונדז אַריינגעפירט קיין ארץ־ישׂראל, פאַרוואָס זיינען מיר געווען אין פּ.?...״

אַנשטאָט שלמה, זיין פאָטער, זאָל אים ענטפערן, האָט געענטפערט דער זיידע:

„די שונאים האָבן אונדז יידן פאַרטריבן אין גלות, האָבן מיר גע־וואַנדערט, זיינען אונדזערע זיידעס געקומען קיין פּ...״

פאַרוואָס זיינען אונדזערע זיידעס אַרויס פון א״י? ווען איך וואָלט געווען אויף זייער אָרט, וואָלט איך ניט אַרויס פון אונדזער לאַנד, נאָר איך וואָלט זיי אַרויסגעטריבן!... איצט, זיידע! אַז מיר זיינען שוין דאָ אין אונדזער לאַנד, וועל איך אַלץ טאָן, כדי וואָס שנעלער אויפבויען אונדזער לאַנד!...״ — האָט געטענהט משהלע.

אין געשפּרעך מישט זיך אַריין נח'ל:

„צו וואָס דאַרף מען בויען, ווען ס'איז דאָ אַ סך הייזער?״

ענטפערט אים דער זיידע:

„ס'דאַרפן קומען נאָך יינגעלעך מיט זייערע עלטערן, וועט מען מוזן פאַר זיי אויפבויען דירות״.

„נח'ל! דו ביזט נאָך קליין, דו פאַרשטייסט ניט. דו מיינסט, אַז מיר

זיינען געקומען, זיינען שוין אַלע יידן געקומען ?... דו האָסט דאָך געזעען אויף דער שיף וויפל יידן פאָרן ! אפשר האָבן זיי ניט קיין זיידעס, באָבעס, וואָס נעמען זיי צו זיך אַריין, ווי אונדזער זיידע האָט אונדז אַריינגענומען צו זיך !... דערפאַר זאָגט דער זיידע, אַז מען דאַרף בויען הייזער..." — האָט משהלע דערקלערט זיין ברודערל נח׳לען.

ענטפערט נח׳ל :

„אַז איך וועל גרויס ווערן, וועל איך העלפן בויען אונדזער לאַנד !..."

דער זיידע מיט דער באָבען, אויסהערנדיק זייערע אייניקלעכס דיס־קוסיע, האָבן געענטפערט :

„הלוואי, קינדערלעך, זאָל אַזוי זיין !..."

שלמה און עטל, צוהערנדיק זיך צו זייערע קינדערישע רייד, טראַכטן : שוין האָבן אונדזערע קינדער באַקומען נאַציאָנאַלע, אידעאַלע געפילן !...

„אונדזערע אָנשטרענגונגען זיינען געוועזן כדאי !..." — האָט געזאָגט שלמה צו עטלען.

אַזוי איז אַוועק אַ קורצע צייט. זיי האָבן זיך באַקאַנט מיט דעם לאַנד און באַשלאָסן קויפן פרדסים. שלמה האָט געקויפט אַ שיינע ווילע מיט אַ פּרעכטיקע לאַנדשאַפט, אײַנגעריכטעט מיט שיינע מעבל. די קינדער האָבן זיך גוט געלערנט און זיי האָבן געלעבט רואיק און צופרידן. די עלטערן האָבן געהאַט נחת, צוזעענדיק, ווי זייערע קינדער פּראָפּיטירן ביי זיך אין לאַנד.

נאָר איין זאַך האָט די עלטערן באַאומרואיקט, וואָס פון דודן מיט יהונתן איז שוין אַ לענגערע צייט ניטאָ קיין בריוו. זיי טראַכטן איבער פאַרשידנס. דער פאָטער באַרואיקט די מוטער זי זאָל זיך ניט איבער־נעמען, וויסנדיק, אַז דוד איז שטאַרק פאַרנומען אין זיינע געשעפטן. און פון יענטען קאָן מען דען וואָס דערוואַרטן ?

יהונתן איז דאָך אַ בחור, וואָס ער פאַרשטייט ניט, אַז ער פאַרשאַפט די עלטערן איבערלעבונגען. אַלזאָ, טראַכט ווייניקער און היט דיין געזונט. איך האָף, אַז די צייט וועט זיין אַ בריוו.

פלוצים איז אָנגעקומען אַ בריוו פון יהונתן, אין וועלכן ער שרייבט :

ליבע עלטערן, שלום !

איך אַנטשולדיק זיך פאַר מיין לאַנגן ניט שרייבן צו אייך. איך גלויב, אַז אייך איז באַוווסט מיין באַשלוס, דורך שלמהן. איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ פריילין פון רייכע בעלי־בתּישע עלטערן. זי

איז שיין, אינטעליגענט, געענדיקט העכערע בילדונג, ווי אויך אַ בית־יעקב שולע. אַלזאָ, אונדזער שטרעבונג האָט געבונדן אונדזער גורל. מיר האָבן אין אַ מזלדיקער שעה חתונה געהאַט. מיר האָבן געטאָן דעם רצון פון אירע עלטערן און געטרונקען „לחיים" אויך פאַר אייך, ליבע עלטערן, ווי אויך פאַר אונדזער גאַנצער משפחה. דער איינציקער פון אונדזער גרויסער משפחה איז געווען דוד מיט זיין פרוי און קינדער. די חתונה איז געווען זייער אַ שיינע, נאָר איר, ליבע עלטערן און פאַמיליע, האָבן געפעלט. האָפנטלעך, ווען מיר וועלן קומען בשלום, וועלן מיר מיט אייך אַלעמען צוזאַמען מאַכן דעם אמתן „לחיים"!

אייער זון יהונתן

גריסט אַלעמען! מיין פרוי, טייבעלע, שרייבט אייך צו:

ליבע אומבאַקאַנטע עלטערן מיט פאַמיליע, שלום!

ווי אייך איז באַוווּסט פון אייער זונס שרייבן, שרייבט אייך אייער אומבאַקאַנטע שנור טייבל, וועלכע האָפט אין גיכן מיט אייך און פאַמיליע זיך באַקענען, ווען מיר וועלן בשלום אָנקומען קיין ארץ־ישראל. גענוי ווען, ווייסן מיר ניט, ווייל מיר האָבן נאָך פיל צו דערליידיקן. איך בין גליקלעך, אַז איך האָב זיך באַקאַנט מיט אייער זון יהונתן. זיין שטרעבונג האָט פאַרבונדן אונדזער גורל. ווען איך האָב פאַרענדיקט „בית־יעקב" שולע, איז מיין איינציקער ציל געווען: קומען קיין א"י. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך ניט אַנטוישן און בלייבן געטריי אונדזער פאָלק און לאַנד!

פאַרבלייבט אַלע געזונט!

אייער אומבאַקאַנטע שנור טייבל

האַרציקע גרוסן פאַר אַלעמען! מיר לייגן ביי אונדזער חתונה־בילד.

אומגעריכט האָבן די עלטערן דערהאַלטן זייער בריוו, ווי אויך דאָס בייגעלייגטע בילד, פון וועלכן זיי זיינען געוואָרן איבערראַשט. די גליקלעכע בשורה פון זייער זונס חתונה, ווי אויך דער אומגעריכטער בריוו פון זייער אומבאַקאַנטער שנור, וואָס האָט דערפרייט זייערע פאַרקלעמטע הערצער, וואָס האָבן ניט געהערט פון זון אַזאַ לאַנגע צייט. און פלוצים אַזאַ אומדערוואַרטעטע פריילעכע ידיעה, אַז ער האָט ב"ה מצליח געווען!...

„די שנור, — זאָגט די מוטער, — לויט דער פּאָטאָגראַפיע, זעט אויס צו זיין אַ פּאַסנדע פרוי פאַר יהונתן. לויט איר שרייבן, דאַרף זי זיין אַ קלוגע, גוטע, דערצויגענע קינד, וואָס איז מסכים געווען פאָרן נאָך ארץ־ישראל, ווערכער איז געווען זיין איינציקער ציל, ווי אונדזער שלמה האָט איבערגעגעבן. דאָס באַווייזט, אַז זי איז אַן אידעאַלע, וואָס איז ס׳וויכטיקסטע אין צוזאַמענלעבן! אַזוי אַרום קאָנען מיר האָפן, אַז מיר וועלן האָבן פון זיי נחת!"

„מיר קאָנען זיך ניט באַקלאָגן אויף די קינדער, וואָס זיינען דאָ מיט אונדז. ב"ה ניט צו פאַרזינדיקן!" — ענטפערט אברהם.

„איך דענק, אברהם, אַז מיר דאַרפן צוגרייטן מתנות פאַר דער יונגער פּאָר." — זאָגט פאַניע.

„וואָס ווילסטו, פאַניע, קויפן פאַר זיי?" — פרעגט אברהם.

„דער שנור אַ שנירל פערל. פאַר יהונתן אַ זייגער מיט אַ פּאָרט־סיגאַר".

אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן און געקויפט. צוריקגייענדיק זאָגט פאַניע צו אברהמען:

„לאָמיר איצט אַריינגיין צו דבורהן אַנזאָגן און זאָל זי געבן איר מיינונג. גלייכצייטיק וועט עס זיין פאַר איר אַן איבערראַשונג."

ווען די עלטערן זיינען אַריינגעקומען, זאָגט די מוטער:

„דבורהלע! ביזטו פאַראינטערסירט זען, וואָס מיר האָבן היינט געקויפט?"

פאַרוואָס ניט, אַדרבא!" — האָט געענטפערט דבורה.

ווען זי האָט דערזען די מתנות, זאָגט זי:

„דער זייגער מיטן פּאָרטסיגאַר, זע איך נאָך דעם מאָנאָגראַם, אַז ס׳איז פאַר יהונתן. און די פערל? פאַרשטיי איך ניט."

דער פאָטער דערלאַנגט איר דעם בריוו, זאָגנדיק:

„נאָ, דבורה! לעז איבער, וועסטו פאַרשטיין."

„ווען האָט איר באַקומען דעם בריוו?" — האָט געפרעגט דבורה.

„היינט." — האָט געענטפערט דער פאָטער.

ווען דבורה האָט איבערגעלעזן איר בריוו, זאָגט זי:

„איר ווייסט, עלטערן, וואָס איך וועל אייך זאָגן? יהונתן וועט זיין גליקלעך מיט איר, מחמת זי זעט אויס צו זיין אַ גוטע, קלוגע, סימפּאַטישע פרוי. צו דעם איז זי אַן אידעאַליסטין, וואָס עס איז אין צוזאַמענלעבן זייער וויכטיק, ווייל אַזאַ מענטש פאָדערט ניט קיין לוקסוס!.."

„יאָ, דבורה, דו האָסט איר ריכטיק אַנאַליזירט. מיר דענקען דאָס זעלבע. זאָל גאָט געבן זיי זאָלן געפינען זייער גליק אין ארץ־ישראל!...״

„צי ווייסן שוין די ברידער?״ — פרעגט דבורה.

„מיר וועלן זיי שוין אָנזאָגן, זיי זאָלן קומען אויף שבת און נאָטען וועלן מיר אָנשרייבן אין קיבוץ. און דיר, דבורהלע, מיט אהרנען ברויכן מיר ניט איינלאַדן, איר זייט דאָך פון די ערשטע געסט!... אַלזאָ, דבורהלע, מיר מאַכן דעם שבת אַ כיבוד לכבוד דער גוטער בשורה. פאַרגעס ניט קומען מיט אהרנען צו דער באַשטימטער צייט.״

צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקומען צו די עלטערן. מען האָט געמאַכט „לחיים״ לכבוד דער יונגער פּאָר און זיי געווונטשן מזל אין צוזאַמענלעבן, ווי אויך זיי זאָלן קומען בשלום!

די עלטערן האָבן געמאַכט „לחיים״, ווינטשנדיק, אַז דוד מיט זיין פאַמיליע זאָלן אויך קומען, אויף וואָס אַלע האָבן געענטפערט: „הלוואי!״ די עלטערן, זיצנדיק און באַטראַכטנדיק די קינדער מיט זייערע פאַמיליעס, וואָס זיינען נעבן זיי צופרידענע, גליקלעכע, ווי אויך באַטראַכטנדיק די אייניקלעך, וואָס שיינען, ווי די ארץ־ישראל זון, האָבן געהאַט פיל נחת פון זיי... זייער איידעם, פּראָפ. בורשטיין אהרן זאָגט:

„איר, מיינע עלטערן, זייט גליקלעכע אָן עין הרע! איר פאַרמאָגט איבערגעגעבענע קינדער, וואָס טוען אייער רצון און קומען קיין א״י...״

ענטפערט די מוטער:

„אהרן! דער דאַנק קומט דבורהלען. זי איז געווען די ערשטע איניציאַטאָרין. ווען ניט איר אידעאַלער געדאַנק, וואָלטן מיר אַלע געזעסן אין גלות!... און וואָס ס׳באַדייט גלות, דאַרף איך אייך, מיינע טייערע, ניט אויפקלערן! איר זייט מער באַהאַוונט און פאַרשטייט די צייט!... אַלזאָ, מיר זיינען אַ דאַנק גאָט צופרידן און ווינטשן אייך, קינדער, איר זאָלט דערלעבן אַזאַ נחת פון אייערע קינדער, ווי מיר פון אייך, ווי אויך מיר זאָלן זוכה זיין עס דערלעבן צו זען!...״

„ווי איר זעט, עלטערן, — זאָגט שלמה, — וועט איר נאָך האָבן אַלעמען אין א״י. נאָר אויף דודן איז אַ ספק! ער, ווי ער, דאַקעגן זי, וועט קיינמאָל ניט מסכים זיין קומען״.

„וועגן איר איז איבעריק צו דיסקוטירן. סיידן די צייט וועט איר איבערצייגן!...״ — האָט געזאָגט שמואל.

ענטפערט דבורה:

„וואָס קאָן מען מאַכן? מיר דאַרפן זיין צופרידן, וואָס יהונתן האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אידעאַליסטין און זיי קומען!"

„יאָ, יאָ, — זאָגט די מוטער, — דאָס איז טאַקע אַ גליק!"...

אַלע האָבן צוגעשטימט, אַז יהונתן האָט מזל!...

די מוטער האָט פאַרגעברייט דעם אָונט־ברויט. ביים עסן האָבן אַלע פריילעך פאַרבראַכט, דערציילנדיק די חכמות פון זייערע קליינוואַרג, ווי אויך זייער צופרידנהייט, ווי זיי וואָלטן געוועןן געבוירענע אין לאַנד. און ווי שנעל זיי באַהערשן די שפּראַך! זיי לערנען שוין אונדז, ווי מען דאַרף רעדן!

„ס'קומט אויס — זאָגט די מוטער — ווי מען זאָגט: די אייער לערנען די הינער!... אַ דאַנק גאָט, וואָס זיי וועלן ניט וויסן פון קיין גלות!..."

גדליה (שמואלס זון, 14 יאָר אַלט) לייגט פאָר:

„נאָכן אָונט־ברויט דאַרף מען פאַרענדיקן די שמחה מיט „התקוה".

אַלע האָבן איינשטימיק געפּאַטשט בראַוואָ און אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די פּלעצער, שטיין געבליבן און אויסגעזונגען מיט גרויס פּאַטאָס די „התקוה"! אַפילו די קליינוואַרג... נאָכן פאַרענדיקן די התקוה, האָבן אַלע זיך געזעגנט מיט די עלטערן, באַדאַנקענדיק זיי פאַר דער שיינער אויפנאַמע און זיינען אַוועק אַהיים.

נאָטע מיט זיין פרוי זיינען פאַרבליבן נעכטיקן ביי די עלטערן. דער פאָטער באַמערקט נאָטען, אַז פון אונדזער קליינוואַרג וואַקסן אויס גרויסע פּאַטריאָטן... ענטפערט נאָטע: „דאָס איז אונדזער צוקונפט, וואָס וועט באַפרייען אונדזער לאַנד!..."

„הלוואי זאָלן מיר עס דערלעבן!..." — ענטפערן די עלטערן.

ס'איז אַריבער אַ קורצע צייט, האָבן די עלטערן דערהאַלטן אַ בריוו פון יהונתן, אַז זיי געפינען זיך אין א. און דערוואַרטן די שיף נאָך ק. זיי פילן זיך געזונט און גליקלעך, אַז זיי קאָנען רעאַליזירן דעם ציל, צו וועלכן זיי האָבן אַלע יאָרן געטרוימט. כדי די עלטערן באַרואיקן, שרייבן זיי דאָס קורצע בריוועלע, איבערשיקנדיק זיי מיט דער פאַמיליע די בעסטע ווונטשן מיט גרוסן, באַמערקט ער, אַז פון ק. וועלן זיי שרייבן גענויער.

די עלטערן, דערהאַלטנדיק פון יהונתן דעם קורצן בריוו, זיינען געווען צופרידן און האָבן מודיע געווען די קינדער, אַז יהונתן איז שוין אין א. פון ק. וועלן זיי שרייבן אַ גענויען בריוו. אַזוי האָבן זיי אַלע מיט

אומגעדולד געוואַרט אויף אַ בריוו פון ק.

ס׳איז אַריבער אַ געוויסע צייט און קיין שום ידיעה איז פון זיי ניט געקומען. אַלע האָבן זיך באַאומרואיקט, ניט וויסנדיק די סיבה. איין מאָל פאַרנאַכט צו איז פלוצים אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זיי זיינען מיט מזל אַרויסגעפאָרן פון ק. מיט דער שיף „איקס״, וועלכע קומט אָן קיין יפו דעם 28־טן.

די עלטערן, דערהאַלטנדיק די טעלעגראַמע פון ק., זיינען איבעררײַשט געוואָרן פון שמחה. זיי זיינען אַריין צו דבורהן אָנזאָגן די בשורה טובה. דבורה, אויסהערנדיק עס, האָט געעצהט פאַרזאָרגן זיי אַ דירה, באַמערקנ־דיק דערביי די עלטערן, אַז ניט ווייט פון זיי, האָט זי באַמערקט אַ מודעה: עס פאַרדינגט זיך אַ 2 צימער־דירה מיט מעבל. איז איר עצה, מען זאָל גלייך גיין אָנקוקן. די עלטערן האָבן מסכים געווען און זיינען געגאַנגען צוזאַמען זען די דירה.

די דירה איז זיי געפעלן געוואָרן און זיי האָבן דעם בעל־הבית איינגעצאָלט פאַר 2 חדשים. זיי זיינען פון דאָרט אַוועק צופרידענע און באַשלאָסן גיין אָנזאָגן די קינדער וועגן דער ידיעה פון יהונתן, ווי אויך, אַז זיי האָבן שוין פאַר זיי אַ דירה באַזאָרגט מיט מזל. גלייכצייטיק האָבן זיי געבעטן די קינדער צו קומען דעם 28־טן אין דער פרי, וועלן זיי צוזאַמען פאָרן צום פּאָרט.

צו דער באַשטימטער צייט, זיינען זיך אַלע קינדער מיט זייערע פאַמיליעס צוזאַמענגעקומען צו די עלטערן מיט בלומען אין די הענט, בכדי צוזאַמען מיט די עלטערן פאָרן צום פּאָרט דערוואַרטן זייערע טייערע געסט. אָנקומענדיק אויפן אָרט, האָט מען באַמערקט די אָנקו־מענדע שיף פון דערווייטנס, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום ברעג, וועלכע מען האָט פאַראַנקערט.

די אייניקלעך, באַמערקנדיק פון דערווייטנס אויף דער שיף זייער אָנקל, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים אייזערנעם צוים, זייענדיק גרייט אַראָפּצוגיין, האָבן מיט קינדערשע התפעלות אָנגעפאַנגען שרייען: „זיידע! באָבע! אָט־אָט שטייט דאָך דער דוד יהונתן!... פאָכעט מיטן טאַשן־טוך!...״ די מוטער דערזעענדיק איר זון פון דער ווייטנס, טראַכט: מיין זונעלע! מיין האַרציק קינד! אַ דאַנק גאָט, וואָס מיר האָבן דיר דערלעבט זען! זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן פון פרייד און אָנגע־פאַנגען וויינען...

„וואָס וויינסטו, פאַניע? ברויכסט זיך פרייען!...״ — זאָגט אברהם.

„אברהם! צי פאַרשטייסטו דען ניט אַ מאַמעס האַרץ? פון פרייד וויין איך!" — האָט געענטפערט פאַניע.

מען האָט אָנגעפאַנגען אַראָפּצופּאָזן די פּאַסאַזשירן פון דער שיף.

יהונתן מיט זיין פרוי זיינען ענדלעך אַראָפּ.

זיי האָבן איר פון דערווייטנס דערזען און אָבסערווירט, רעדנדיק צווישן זיך: „ווי שיין, איידל, סימפּאַטיש זי איז! שלאַנק, ווי אַ פּאַלמע! זי איז פיל שענער, ווי אויפן בילד! באמת, ווי אַ בת מלכה!" מיט צופרידנהייט האָבן אַלע זיי מקבל געווען, דערלאַנגענדיק איר די בלומען, פאַר וואָס זי האָט זיי העפלעך באַדאַנקט.

די מוטער האָט די שנור פריינטלעך אַרומגענומען, צודריקנדיק זי צום האַרצן און געקושט, ווי אויך יהונתנען האָט די מוטער מיט טרערן אין די אויגן האַרציק געקושט. אויך דער פאָטער מיט דער גאַנצער משפּחה האָבן זיך מיט זיי האַרציק באַגריסט און געקושט, ווינטשנדיק זיי אויך „מזל־טוב מיט ברוכים הבאים!"

אַלע זיינען זיי אָפּגעפאָרן צו די עלטערן.

אָנקומענדיק צום הויז און באַמערקנדיק אַרום די הערלעכע לאַנדשאַפט, זאָגט יהונתן צו די עלטערן:

„אַרום הויז זעט אויס, ווי אַ גן־עדן! איך בין צופרידן, אַז איר האָט זיך גוט איינגעאָרדנט."

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין הויז איז שוין דער טיש געווען סערווירט פון כל־טוב. די קינדער האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש, גענומען מאַכן „לחיים", צווינטשנדיק דער יונגער פּאָר „מזל־טוב לכבוד זייער גליקלעכן אָנקום אין לאַנד!"

„אונדז קומט צוויי מאָל מזל־טוב — זאָגט יהונתן — דער ערשטער לכבוד אונדזער גליקלעכער חתונה. דער צווייטער — וואָס מיר האָבן דערגרייכט אונדזער ציל, אָנקומענדיק אין אונדזער לאַנד..."

„יאָ! — זאָגט דער פאָטער — ס'איז אַ גרויסער מזל מיט אייער אָנקומען אין לאַנד! און זאָל אייער צוזאַמענלעבן זיין מיט גרויס גליק!"

מען האָט געגעסן, געטרונקען און זייער פריילעך פאַרבראַכט.

אַרומרעדנדיק וועגן משפּחה־יחוס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טייבל איז אַ קרובה מיט פרומען. טייבלס עלטערן שמען אַלס אַ באַרימטע משפּחה, וועלכע פירט גרויסע מאַנופאַקטור מסחרים.

אברהם מיט פאַניען, אויסהערנדיק וועגן איר שיינעם אָפּשטאַם, זיינען

געווען זייער צופרידן און זיך געשעצט גליקלעך, אַז זייער יהונתן האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ שיינער משפחה.

אויך טייבל איז געווען צופרידן באַקענענדיק זיך מיטן מאַנס משפחה.

אַזוי האָבן זיי גוט פאַרבראַכט ביז שפעט אין אָוונט. די קינדער זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען יעדער צו זיך אַהיים. יהונתן מיט טייבלען זיינען פאַרבליבן ביי די עלטערן אַ וואָך צייט, לויטן ווונטש פון די עלטערן.

אויף צומאָרגנס, נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד, האָבן טייבל מיט איר מאַן אָנגעשריבן צוויי בריוו קיין פּ. צו אירע עלטערן:

ליבע עלטערן, שלום!

איך מיט יהונתן זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט דעם 28־טן.

דער וועג איז געווען זייער אַ גוטער. מיר האָבן געהאַט מזל, אַז אונדז איז ניט אויסגעקומען לאַנג וואַרטן. פון א. זיינען מיר גלייך מיט דער שיף אָפּגעפאָרן קיין ק. און פון ק. — דאָס זעלבע. ניט האָבנדיק קיין צייט צו שרייבן אַ בריוו, האָבן מיר געשיקט אַ טעלעגראַמע. בעט איך אייך אַנטשולדיקונג פאַר מיין ניט שרייבן. נעכטן זיינען מיר אָנגעקומען אויפן אָרט. די עלטערן מיט דער משפחה זיינען געקומען אונדז מקבל־פנים זיין. זיי זיינען גוטע, סימפּאַטישע מענטשן. אויך רייך. די עלטערן האָבן אונדז געשענקט שיינע מתנות. מיר — אַן אָריגינעלן שנור פּערל. יהונתנען — אַ זייגער מיט אַ פּאָרטסיגאַר פון גאָלד מיט מאָנאָגראַמען. אַ צוויי־צימער וווינונג מיט מעבל האָט מען פאַר אונדז געהאַט צוגעגרייט. מען קאָן זאָגן, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג. ביי דער געלעגנ־הייט באַמערק איך אייך, ליבע עלטערן, אַז זייערע אַ שנור איז אונדזערע אַ קרובה. איר נאָמען איז פרומע. מיר שיקן אייך איבער די האַרציקסטע גרוסן און ווונטשן.

אייער טאָכטער טייבל שניידערמאַן

יהונתן שרייבט אייך צו:

ליבע עלטערן, שלום!

ווי אייך איז באַוווסט פון טייבלס שרייבן, טייל איך אייך מיט, אַז מיר זיינען ב״ה אָנגעקומען געזונטערהייט. אונדזער פרייד איז געווען גרויס. אַ שאָד, ליבע עלטערן, וואָס איר זייט ניט געווען אַנוועזנד!

דאָס לעבן איז זייער שיין. אַלץ איז דאָ ביליק. מען קאָן זיך לייכט איינאָרדענען. מיינע עלטערן, ווי אויך מיינע ברידער האָבן זיך זייער שיין איינגעאָרדנט. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך אויך גוט איינאָרדענען.

אין אַ צווייטן בריוו וועלן מיר אייך גענויער שרייבן. פאַר־בלייבט געזונט און האַרציק געגריסט פון אונדז אַלעמען.

אייער גליקווינטשנדער שוויגערזון
יהונתן שניידערמאַן

אַזוי האָט די פאַמיליע שניידערמאַן געלעבט גליקלעך און צופרידן, זייענדיק איבערגעגעבן איינע די צווייטע מיט האַרץ און נשמה.

די עלטערן האָבן געהאַט גרויס נחת פון אַלע קינדער און אייניקלעך. נאָך מערער האָט זיך זייער פרייד פאַרטאָפּלט, ווען דבורה האָט געבוירן אַ שיינעם ליכטיקן זונעלע. אַזוי אַרום איז זייער עלטער געוועזן באַ־קרוינט מיט עושר און כבוד. מען האָט געמאַכט אַ שיינעם ברית און מען האָט גוט פאַרבראַכט. נאָר איין געדאַנק האָט זיי באַאומרואיקט און פאַרטונקלט זייער ליכטיקן לעבן, וואָס זיי הערן ניט אַ לענגערע צייט פון זייער דודן. דאָס האַרץ האָט זיי געקלעמט. פאַניע, וועלנדיק באַ־רואיקן איר מאַן, פלעגט אים זאָגן: „אברהם! ווי פלעגט זאָגן מיין ג״ז מוטער: „אַלץ אין איינעם, איז ניטאָ ביי קיינעם!״ מיט דעם פלעגן זיי זיך עטוואָס באַרואיקן.

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, איז פלוצים אָנגעקומען אַ בריוו פון פערסיע. דער פאָטער, אויפמאַכנדיק אים, האָט באַמערקט, אַז ער איז פון דודן.

ליבע עלטערן און פאַמיליע!

איך מיט מיין פאַמיליע געפינען זיך אין פערסיע. מיר זיינען געזונט. איר וועט געוויס זיך וואונדערן, ווי קומען מיר קיין פערסיע? וועגן דעם, מיינע טייערע, איז אַ גאַנץ טרויעריקע געשיכטע. איך שרייב אייך בקיצור: די סיבה פון מיין לאַנגן שטילשווייגן איז, וואָס איך האָב זיך געפונען אין „גן־עדן״!... קורץ, מען האָט פון אונדז אַוועקגענומען דאָס האָב און גוטס!... שטעלט זיך פאָר, מיינע טייערע, די לאַגע... ניט לייכט איז אונדז אָנגעקומען צו דערגרייכן דעם ציל...

ניט איין מאָל דערמאָן איך אייערע גוטע עצות. אָבער צו שפּעט!... נעמט זיך ניט צום האַרץ, מן־הסתם איז מיר אַזוי באַשערט!... אַז מען פאָלגט ניט קיין עלטערן, לאָזט זיך אַזוי אויס!...

ווען איך דערמאָן יענטען אייערע גוטע עצות, שווייגט זי און לעבט איבער... מיר טוט לייד עס אַנצוקוקן. דאָך אַ מאַמע פון מיינע קינדער!... און די קינדער לעבן אויך איבער, ווייל זיי פאַרשטייען שוין!...

איך פאַרענדיק מיין שרייבן מיט אַנטשולדיקונג, וואָס איך פאַרשאַף אייך צער. איך פאַרשטיי, אָבער פאַר וועמען קאָן איך אויסרעדן מיין ביטער האַרץ? פאַרבלייבט אַלע געזונט —

אייער אומגליקלעכער זון דוד.

די עלטערן, דערהאַלטנדיק דעם טרויעריקן בריוו פון דודן, האָט אויף זיי געמאַכט אַן דערשיטערנדיקן איינדרוק. „איר ווייסט, ליבע עלטערן, — זאָגט יהונתן, — אַז אויף יענטען האָב איך נקמה. פאַרוואָס? ווען שמואל איז געגאַנגען מיט זיי זיך געזעגענען, בין איך אויך מיטגעגאַנגען. זאָגט זי, וואָס זיינען די שניידערמאַנס משוגע געוואָרן?... אָנגעהויבן האָט דבורה מיט איר צעדרייטן קאָפּ און פאַרדרייט אַלעמען די קעפּ!... דאָס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן. אמת, איך האָב איר גוט אַריינגעזאָגט, וואָס זי האָט פאַרדינט. זאָל זי איצט זען, ווער איז משוגע געווען? איך בעט אייך; נעמט זיך ניט צום האַרצן! ווייל ס׳וועט שוין גאָרניט העלפן, ווען פריער האָט איר אויף איר ניט געקאָנט ווירקן, איז דאָך היינט קיין פעולה. וואָס ס׳איז געשען, איז אַ פאַקט אַ געשעענער!...״

„זון מיינער, דו ביסט נאָך יונג, האָסט נאָך ניט קיין קינדער, קאָנסטו אונדז ניט מיטפילן. ער איז דיר אַ ברודער, אָבער ס׳איז ניט צו פאַרגלייכן צו אַ זון!..״ — האָט געזאָגט די מוטער.

„נו, מאַכט בעסער! — ענטפערט יהונתן — איר קאָנט אים דען העלפן? פאַרוואָס ווילט איר מיר ניט פאַרשטיין? איר דאַרפט דאָך לעבן צוליב זיך און אונדז, ניט אַוועקגעבן דאָס לעבן פאַר איינעם! און נאָך אַ זאַך, וואָס מיט דעם וועט איר אים קיין נוצן ברענגען.״

זאָגט דער פאָטער:

„יהונתן פאַרשטייט לאָגיש און אַ מוטער — גאַנץ אַנדערש!... איך זאָג אויך דאָס זעלבע. ער האָט געדאַרפט לאָגישער טראַכטן, ניט פאַר־

לאָזן זיך אויף זיין יענטען... אויב זי האָט אַזוי פאַרשטאַנען, זאָל זי טראָגן די קאָנסעקווענצן. דו, פאַניע, דאַרפסט אויך אַזוי טראַכטן, ווי איך, האָבנדיק דאָ אונדזערע קינדער, דאַרפן מיר לעבן צוליב זיי. און, ווי אַ מענטש מאַכט דעם חשבון, אַזוי זעט ער אויס. און נאָך אַ זאַך, אונדזער דוד איז אַ מענטש, וואָס וועט זיך אַן עצה געבן. זעט איר! ער האָט זיך ניט געלאָזט אין זאַק אַריינגאַרן!... האָפנטלעך וועלן מיר אים האָבן דאָ. אים דאַרף מען ניט אַריינלייגן אַ פינגער!..."

פאַניע, אויסהערנדיק אַברהם׳ס דערקלערונג, האָט זיך עטוואָס באַ־רואיקט, און געבליבן האָפן, אַז דוד מיט דער פאַמיליע וועט אין גיכן קומען, שטיצנדיק זיך, אַז זיי זיינען שוין אין פערסיע אַ דאַנק גאָט, ווי אויך, ער בעט ניט מאַטעריעלע הילף...

דבורה, ווי אויך אירע ברידער, געוווּיר ווערנדיק וועגן טרויעריקן אינהאַלט פון דוד׳ס בריוו, האָבן פיל איבערגעלעבט. עטוואָס האָט זיי באַרואיקט, וואָס דוד געפינט שוין אויסער די גרענעצן פון „ר. פ." ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „בעסער שפּעטער, איידער חלילה קיינמאָל ניט". זיי האָבן פיל באַדויערט, וואָס דוד איז ניט אַרויסגעפאָרן אין יענער צייט!...

ס׳איז אַריבער אַ שפּאַר ביסל צייט און פון דודן — קיין ידיעה. זיי זיינען אַלע פאַרקלעמט. זיי ווייסן ניט וואָס איבערצוטראַכטן. עס גייט זיי ניט איין דאָס לעבן. די מוטער באַדויערט שטאַרק זיין לאַגע. זי וויינט, ווען קיינער איז אין שטוב ניטאָ. זאָגט זי צו זיך: וואָס קאָן איך העלפן? איך וועל זאָגן, ווי מיין אברהם זאָגט, אַז ער וועט זיך אַן עצה געבן!...

איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. טראַכט זי, אפשר אַ בריוו? פון וועמען? פון נאָטען? און אַזוי ווי זי טראַכט, באַמערקט זי, אַז דער בריוו איז פון דודן פון טערקיי. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס ער שרייבט, אַז ער איז שוין נעענטער, ווי ווייטער... אַזוי, מיינע טייערע עלטערן, דאַרפט איר פאַרשטיין, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט. דאָך זיינען מיר פון די איינצלנע גליקלעכע, וואָס האָבן דערגרייכט ביז טערקיי. מיר בלייבן האָפן, אַז מיר וועלן זיך סוף־סוף זען געזונטערהייט. זייט רואיק, ליבע עלטערן, מיר זיינען אַלע געזונט. אַ גרוס פאַר אַלעמען און ספּעציעל פאַר אונדזער טייערער שוועסטער דבורה מיטן מאַן. איך האָב אַלע מאָל געהאַלטן, אַז דבורה איז אַ קלוגע. און וואָס שייך גוט? איז זי פאַר אונדז אַלעמען! ס׳איז כדאי באַמערקן,

אַז דבורה האָט אונדזער משפּחה געראַטעוועט... ווען ניט דבורה, וואָלטן מיר חלילה, געווען, ווי די ווייסע בערן געפינען זיך...

לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן זיך נאָך פרייען צוזאַמען און דערמאָנען אונדזערע ליידן אין פריידן...

אייער דוד, וואָס ווינטשט אייך אריכת ימים.

אַ גרוס פון יענטען מיט די קינדער.

די מוטער לייענט איין מאָל, נאָך אַ מאָל, ווייַנט זיך אויס פון גרויס פרייד. עס גלויבט זיך איר ניט, וואָס זי זעט. טראַכט זי: מען דאַרף זיך באַרואיקן און גיין אָנזאָגן דבורהן, אָדער וואַרטן אויף אברהמען, ער דאַרף דאָך באַלד קומען.

ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן, שרייבט זי אָן אַ פּאָר ווערטער:

„אברהם! ס'איז דאָ אַ גוטע נייעס פון דודן. איך בין ביי דבורהן. איך דערוואַרט דיך. פאַניע"

ווען אברהם איז געקומען אין שטוב, טראַכט ער: ווו איז פאַניע אַוועק? באַמערקט ער, עס ליגט אַ צעטעלע אויפן טיש. איבערלעזנדיק עס, איז ער אַוועק צו דבורהן. אַריינקומענדיק אַהין באַמערקט ער זיי פריילעכע. זאָגט פאַניע:

„אברהם! דו ביזט טאַקע אַ חכם! דו האָסט געהאַט געזאָגט, אַז דוד וועט זיך אָן עצה געבן. יאָ! זיי געפינען זיך שוין אין טערקיי. אַלע זיינען אַ דאַנק גאָט געזונט".

„זעסט פאַניע, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, ווען דו וואָלסט מיר געפאָלגט, וואָלסטו דיין געזונט פאַרשאָנעוועט און דיינע אויגן ניט אויס־געוויינט!..." — ענטפערט אברהם.

„ווייסט ניט אַ נאַרישע מאַמע פאַרשטייט אַנדערש! ווען מען וויינט זיך אויס, ווערט גרינגער אויפן האַרץ!..."

„ווייסט, פאַניע, לאָמיר גיין צו די קינדער אויך זיי אָנזאָגן, וועלן זיי זיך באַרואיקן. נאָכער וועלן מיר אָנשרייבן צו נאָטען אין קיבוץ".

דבורה פאַרענטפערט זיך, זי וואָלט גערן מיטגעגאַנגען, ווייל זי דער־וואַרט אהרנען צו מיטאָג. גיט איבער, אַז מיר לאַדן זיי איין אויף היינט אָוונט לכבוד די גוטע נייעס.

זיי זיינען אַוועק צופרידענע, גליקלעכע אָנזאָגן די קינדער וועגן דער גוטער בשורה פון דודן. אַריינקומענדיק צו שלמהן, איז ער ניט געווען אין דער היים. האָבן די עלטערן איבערגעגעבן עטלען, אַז ס'איז אָנגע־קומען פון דודן אַ בריוו, אַז זיי געפינען זיך שוין אין טערקיי. אין

צוזאַמענהאַנג מיט דעם לאדט זיי דבורה איין אויף היינט אָוונט אויף אַ כיבוד, ווו אַלע פריינט וועלן זיך צוזאַמענקומען. דאָס זעלבע האָבן די עלטערן איבערגעגעבן די איבעריקע קינדער.

ווען אהרן איז אַהיימגעקומען אויף מיטאָג, האָט דבורה אים איבער־געגעבן די דערפרייענדיקע ידיעה, אַז דוד מיט זיין פאַמיליע געפינען זיך שוין אין טערקיי און אַלע פילן זיך געזונט.

„זעסט דבורהלע! וואָס האָט דער פאָטער געזאָגט? ווי ער וואָלט געווען אַ נביא!" — האָט אהרן געזאָגט.

„אונדז האָט זיך ניט געגלויבט, דערפאַר האָבן מיר פיל איבערגעלעבט. דו ווייסט דאָך, אהרן, ווען אַ מענטש איז אין צער, פאַרשטייט ער ניט, אָבער איצט זיינען מיר אַלע גליקלעך!"

„קאָנסט מיך אויך צורעכענען!" — האָט געענטפערט אהרן.

„יאָ, מיין טייערער! איך צווייפל ניט אין דעם!" — ענטפערט דבורה. און זי באַמערקט אים, אַז ער זאָל קומען אין אָוונט פריער, מחמת זי האָט איינגעלאַדן אַלעמען אויפן אָוונט לכבוד דער גוטער בשורה.

אין אָוונט האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט צו דבורהן מיט אהרנען, לויט, ווי ס'איז געווען באַשטימט. ביים טיש זיצנדיק, האָבן אַלע געמאַכט „לחיים" לכבוד דודס אָנקומען אין טערקיי...

„ווען דוד וועט קומען אין לאַנד בשלום, — זאָגט דער פאָטער — וועט ער דאַרפן בענטשן גומל!"

„דאָס אַלץ האָט פּאַסירט צוליב זיין יענטען. זעסט דאָך, אברהם, אונדזער דוד איז געווען אַ חכם, האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ נאַרישע מויד, איז זיין שכל פאַרשטעלט געוואָרן מיט אירע נאַרישקייטן. דערפאַר זאָגט מען, אַז ליבע איז בלינד!..."

„יאָ, אַזוי איז עס. ס'איז נאָך גוט, אַז ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט!" זאָגט דער פאָטער.

„לאָמיר ווייניקער דיסקוטירן וועגן יענטען..." — זאָגן די קינדער.

דבורה, וועלנדיק איבעררייסן די אָנגעצויגענע שטימונג, האָט אָנ־געגאָסן די באָקאַלן מיט וויין, נעמענדיק די ערשטע דעם כוס, אויסרופנדיק: „לאָמיר אַלע אין איינעם טרינקען לחיים לכבוד דודן מיט זיין פאַמיליע!... האָפנטלעך, אַז אים וועט נאָך אויך זיין גוט!"

„הלוואי!..." — האָבן אַלע געענטפערט.

דוד האָט זיך מיט זיינע לעצטע כוחות דערשלאָגן קיין טערקיי. אָנקומענדיק, האָט ער געוואָלט אָנשרייבן אַ בריוו צו זיינע עלטערן,

מען זאָל אים אַרויסהעלפן צו קאָנען קומען קיין ארץ־ישראל.

יענטע איז געווען דאַקעגן, מאָטיווירנדיק דערמיט, אַז עס פּאַסט ניט דערנידעריקן זיך. זיי וועלן געוויס האָבן בקמה אין מיר. דעריבער וויל איך בעסער גיין שווער אַרבעטן, איידער זייער געלט!... טראַכט דוד: די קאַץ ווייסט, וואָס זי האָט געגאַשט!...

אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן. זיי זיינען ביידע געגאַנגען אַרבעטן צו קאָנען זעלבסטשטענדיק קומען אין לאַנד, אַפילו אומגעריכט...

די עלטערן מיט דער פאַמיליע דערוואַרטן שוין מיט גרויס אומגעדולד פון דודן אַ ידיעה. טאָג־טעגלעך קוקן זיי אויס דעם פּאָסט־טרעגער: אפשר היינט? אָבער ליידער! דער טאָג גייט פאַרביי, ס׳קומט אַ פרישער מיט פרישע האָפענונגען, אפשר היינט? די פּאָסט איז פאַרביי צוזאַמען מיט דער האָפענונג!...

אַזוי גייען פאַרביי טעג, וואָכן, חדשים און פון דודן — קיין וואָרט... די גאַנצע פאַמיליע איז פאַרקלעמט! די מוטער איז שוין אויס מענטש! זיי טראַכטן: עפּס איז געשען! וואָלט אים געלט געפעלט, וואָלט ער געבעטן. מיר וואָלטן אים מיט פאַרגעניגן געשיקט. הייסט עס, אַז געלט איז ביי אים קיין פּראָבלעם! ווען עמיצער איז חלילה קראַנק, דאַרפן זיי דאָך אויך שרייבן. קומט אַריין יהונתן, געוואויר ווערנדיק אויף זיין פראַגע, אַז היינט איז אויך ניטאָ קיין שום ידיעה און זעענדיק, ווי די מוטער איז שטאַרק פאַרזאָרגט, פאַרוויינט, זאָגט ער:

מוטער, באַרואיק זיך! איך זאָג דיר: דאָרט איז גאָר ניט געשען. איך גלויב, אַז אין אַלץ איז זי שולדיק. איר קאָנט איר ניט, אויף וואָס זי איז פעאיק. גלויב מיר, מוטער, זיי קאָנען אונדז אָפּטאָן אויף „טערקיש"! און קומען אומגעריכט!..."

„הלוואי! זאָל עס אַזוי געשען, ווי דו זאָגסט." — ענטפערט די מוטער. די מוטער באַטראַכט, אַז ס׳קאָן אַזוי זיין, ווי יהונתן זאָגט. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז זי וויל אונדז פאַרשאַפן צרות! טראַכט זי מ׳דאַרף זיך באַהערשן! אין קעגנפאַל חלילה, קאָן איך קראַנק ווערן. מיט דעם פאַרשאַפן די קינדער אומזיסטע איבערלעבונגען! זאָל עס גיין, ווי ס׳גייט, די צייט וועט אַלץ באַווייזן." מיט דעם האָבן זיך אירע נערוון באַרואיקט...

איין מאָל אין אַ כמורנעם טונקעלן טאָג, איז פאַניע אַליין געזעסן ביים פענצטער אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרקלעמטע. פּלוצים באַמערקט זי, ווי אַ דראָזשקע פאַרהאַלט זיך ביים טויער פון זייער הויז. אינסטינקטיוו האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויפגעמאַכט דאָס פענצטער, אַרויס־

שטעקנדיק דעם קאָפּ אין דרויסן, פרעגט איר דער דראָזשקאָזש, אַרייני־קומענדיק אין הויף: „דאָ וווינט שניידערמאַן?" אויפן ענטפער: „יאָ", קערט ער זיך אום צו די פּאַסאַזשירן, זאָגנדיק: „דאָ איז עס!..."

די מוטער, דערהערנדיק עס, איז אַראָפּגעלאָפן אַ צעטומלטע, אַן אי־בערגעשראָקענע, שרייענדיק: „קינדער! דוד!, וואָס איז מיט אייך געשען? ווו זייט איר געווען?"

דוד, באַמערקנדיק, ווי זיין מוטער איז שרעקלעך צעטומלט, באַרואיקט איר, זאָגנדיק: „מוטער! באַרואיק זיך. אַלץ איז אין בעסטן אָרדנונג. מיר זיינען אַלע געזונט!"

דער דראָזשקאָזש האָט אַריינגעטראָגן די זאַכן אין שטוב. אויף דער מוטערס ביטע זיינען זיי אַלע אַריין אין שטוב.

פרעגט דוד: „ווו איז דער פאָטער? ווי פילט ער זיך? וואָס מאַכן אַלע? ווי גייט עס יעדן?"

ענטפערט די מוטער: „אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט אייער לאַנגער שטילשווייגן, וואָס האָט אונדז אַלעמען צרות פאַרשאַפט מיט קרענקונג! ווי טוט מען עס אַן עלטערן מיט פאַמיליע אַזוי פיל איבערלעבונגען. ניט שרייבנדיק איין וואָרט?!"

„יאָ מוטער, דו האָסט פולקאָם רעכט. וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך האָבן פאַר דיר אַ גערעכטע פאַרענטפערונג. מוטער! דו ביזט אַן אויפ־ריכטיקע. איך וועל דיר דערציילן, וועסטו מיר פאַרשטיין און ניט משפטן צום שלעכטן..." יענטע, צוהערנדיק דודס דערקלערונג, טראַכט: זיי וועלן זיכער טראָגן אויף מיר אַ כעס, ווייל צוליב מיר האָבן זיי פיל איבער־געלעבט אַן אַ פאַרוואָס! אַלץ צוליב מיינע נאַרישע פאַנטאַזיעס!... און ווי וועלן זיי בכלל איצט קוקן אויף מיר?...

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען יהונתן. דערזעענדיק דודן, יענטען מיט די קינדער, קוקט ער אויף איר מיט פאַרווונדערונג און פרעגט: „וואָס מאַכט איר? ווי זאָגט מען: איר האָט אונדז אָפּגעטאָן אויף טערקיש! אַזוי טוט מען? אויף דיר, דוד, האָבן מיר זיך ניט גערעכט!... דו מיינסט, אַז אַלע מאָל דאַרף מען נאָכגעבן אַ פרוי? ניט צו שרייבן, ניט געבן צו וויסן פון זיך, ניט אינטערעסירן זיך וואָס מאַכן די עלטערן, פאַמיליע?... ווען דו וואָלסט זיך געווענדט ווענן געלט, וואָלטן מיר דיר ניט אַרויסגעשיקט? אַפילו איך וואָלט דיר געהאָלפן מיטן לעצטן, בכדי די עלטערן ניט פאַרשאַפן אַזוי פיל קרענקונג!..."

„איך וועל דיר, יהונתן, איבערצייגן, אַז איך בין ניט שולדיק."

„וואָס דו וועסט ניט זאָגן, איז פֿאַר מיר דיינע רייד, ווי אַרויסגעוואָרפֿן. טראַכט ניט, דוד, אַז דו ביזט געדעכט!..."

יענטע בייט זיך אין פּנים. זי טראַכט, זי האָט געבראַכט אויף זיך פֿרישע צרות. זי ווערט אומרואיק, נערוועאיש, ס'איז איר אַ חרפּה אַפֿילו צו רעדן. מיט מיין פֿירן, טראַכט זי, האָב איך אַריינגעבראַכט קריגערייען פֿון ערשטן אָנקום. אין דעם מאָמענט קומט אָן דער פֿאָטער און, דער־זעענדיק די אומגעריכטע געסט, זאָגט ער: „ענדלעך האָט יהונתן אייך פֿאַרשטאַנען!... וואָס מאַכט איר? וואָס איז געשען? איר זייט דאָך דער־וואַקסענע מענטשן! ווי טוט מען אָפּ אַזאַ זאַך?... פֿאַרשאַפֿן אַלעמען אַזוי פֿיל קרענקונג? אויב דיר האָט געפֿעלט געלט, שרייבט מען אָן, וואָלטן מיר מיט פֿאַרגעניגן אַרויסגעשיקט. אַזוי טוט אַ קלוגער קאָפּ?..."

ענטפֿערט די מוטער: „באַרואיקט אייך. ער האָט אונדז געוואָלט פֿאַר־שפּאָרן געלט..."

„איבערלעבונגען האָט ער אונדז ניט געזשאַלעוועט!..." — האָט געזאָגט יהונתן.

„ביז 70 יאָר לערנט מען זיך, ער וועט איה"ש עלטער ווערן, וועט ער קליגער ווערן!..." — זאָגט די מוטער און זי טראַכט, אַז יענטע האָט אַ צו גרויסן איינפֿלוס אויף אים. דאָס איז דער אומגליק! ווען איך וואָלט ניט געווען אַזאַ באַרעמהאַרציקע מוטער, וואָלט איך ניט אַזוי פֿיל איבער־געלעבט! זי האָט געבעטן יהונתנען ער זאָל זיך באַמיען אַלעמען אָנזאָגן, אויך נאָטען אין קיבוץ, וועגן דודס אָנקומען.

ווען יהונתן איז אַוועק, באַטראַכט די מוטער איר דודן, אַז ער איז געקומען אָרעם, כמעט אָן זאַכן. דאָס פּנים איז ביי אים אויסגעצויגן — הויט און ביינער... דאָס האַרץ קלעמט איר, טראַכטנדיק, אַז אונדזערע רייד דערגרייען אים די יאָרן. וואָס קאָן מען מאַכן? ליבע איז בלינד. דעריבער האָט ער זיך געבראַכט צו אַזאַ לאַגע! אויף איר פֿאַרדריסט מיר ניט, אָבער ער איז דאָך מיין קינד! ווען זי זעט, אַז ער ערגערט זיך שטאַרק, זאָגט זי:

„באַרואיקט אייך, קינדער, איר זענט געקומען צו אייערע עלטערן, זייט ניט דערשלאָגן! דאָס, וואָס אייערע עלטערן און ברידער האָבן אייך אויסגערעדט, איז אַ רעזולטאַט, וואָס האָט אונדז שטאַרק וויי געטאָן."

דבורה, דערוויסנדיק זיך פֿון יהונתן, אַז דוד מיט זיין פֿאַמיליע איז געקומען, איז זי גלייך אַוועק צו אים, און דערזעענדיק אים מיט זיין פֿאַמיליע, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפֿרייט. גלייכצייטיק האָט זי אים

אויסגערעדט, וואָס ער האָט אַלעמען פאַרשאַפט פיל קרענקונג מיט זיין ניט שרייבן... דוד שווייגט. ער איז בלאַס געוואָרן, זאָגנדיק:

„דבורה, וואָס דו רעדסט, ביזטו גערעכט. איך בין באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער. ווען אַ מענטש איז דערשלאָגן, פאַרלירט ער דעם שכל. אַז מיר וועלן זיך אַדורכשמועסן, וועסטו מיר פאַרשטיין!"

די מוטער מישט זיך אַריין, זאָגנדיק:

„טאַכטער! דו גערעכט, ער גערעכט, זיי זיינען מיד פון וועג, די קינדער דאַס גלייכן. וואָס געווען איז שוין פאַריבער. אַ דאַנק גאָט, וואָס זיי זיינען געקומען געזונט!"

יענטע טראַכט: מיר רעדן זיי ניט אויס, אָבער דוד וועט מיר דערגיין די יאָרן. ער איז דאָך ניט שולדיק! דאָס ווייס איך, אָבער העלפן קאָן איך שוין ניט.

„מוטער! — זאָגט דבורה — איך מוז גיין אָנזאָגן אַהרנען און אין אָוונט קומט צו אונדז."

„היינט קאָנען מיר ניט קומען, ווייל זיי זיינען מיד פון וועג. מאָרגן, דענק איך, וועלן מיר קומען. גיב איבער אַ גרוס אהרנען."

דוד האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן, אויסדריקנדיק פאַר יענטען זיין באַדויערונג, וואָס ער האָט ניט געשריבן. ווען ער וואָלט געשריבן, וואָלטן זיי און מיר היינט אַזוי פיל ניט איבערגעלעבט! זעסט, יענטע, אַז מען פאָלגט ניט אַ מאַן, לאָזט זיך אַזוי אויס. דאָס באַווייזט, אַז די אומטריי־קייט צום מאַן פאַרשאַפט נאָר צרות!..."

„איך האָב דאָך דיר, דוד, ניט געצוווּנגען חתונה האָבן מיט מיר!..."

מישט זיך אַריין די מוטער און זאָגט:

„זאָגן מיר דען אַז דו ביזט שולדיק? חס וחלילה!... ער איז אַ זון, ער האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ס'וועט שלעכט ווירקן אויף אונדז, אָבער צו דיר האָט עס ניט!... אַלזאָ איר האָט נאָך מזל, וואָס איר זייט געקומען מיטן לעבן!... און ווען גאָט גיט לעבן, גיט ער אויך צום לעבן!... ס'איז שווער צו זאָגן נביאות, וואָס ס'וואָלט געווען, אָבער וואָס ס'איז, זעען מיר, אַז אַמאָל דאַרף מען זיך צוהערן צו אַן עלטערן מענטשן!... מן־הסתם איז אייך, קינדער, אַזוי באַשערט!... וואָס מיר וועלן קאָנען, וועלן מיר פאַר אייך שאַפן. איר זייט דאָך געקומען צו אייגענע!..."

„יאָ, מוטער! ס'קומט אויס דערמאָנען אונדזער שוועסטער דבורה. ווען ניט איר אידעאַלער געדאַנק, ווו וואָלטן מיר היינט אַלע געווען?... אַ דאַנק איר זייט איר געקומען מיט אייער קאַפּיטאַל, געשאַפן אַ פיין לעבן,

ליידער, ווען איך וואָלט ערנסט דאַן גענומען אין אַכט, וואָלטן מיר היינט געווען מיט לייטן גלייך און ניט איבערגעלעבט און פאַרשאַפט אונדזערע קינדער נויט און לייד!..." — האָט געזאָגט דוד.

יענטע הערט און טראַכט: ער איז גערעכט, אָבער דוד מיט יהונתן ווייסן דאָך, וואָס איך האָב אויסגערעדט וועגן דבורהן... ליידער, איז אוממעגלעך עס צוריקציען, ווי מען זאָגט: „אַ קלאַפּ פאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט!..." איך מוז איצט שווייגן. נאָך גוט, וואָס מיר האָבן זיי אין ארץ־ישראל. דאָך אייגן בלוט! ניט צוליב מיר וועלן זיי פאַר אונדז טאָן, ווי צוליב דודן מיט זייערע אייניקלעך!...

אַזוי זיצנדיק פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, באַמערקט דוד, פרעגט ער:

„וואָס טראַכטסטו? דו האָסט באַדאַרפט פריער באַטראַכטן. און ווען אַ מענטש טראַכט לאָגיש, קומט אַרויס גוט. ליידער האָסטו ניט פאַר־שטאַנען! ווען מען האָט דיר גוט געעצהט, האָסטו זיך אויסגעלאַכט. איצט זעסטו, אַז דיין פאַרשטאַנד האָט אונדז פאַרפירט. מיר וואָלטן אונדזערע קינדער קיינמאָל ניט געזען און ניט געהערט!... גוט נאָך, וואָס מיר האָבן זיך בשלום אַרויסגעריסן!... מיר וואָלטן געדאַרפט גומל בענטשן! מיר האָבן נאָך אויך מזל, וואָס מיר האָבן אונדזערע קינדער געראַטעוועט פון „זייערע הענט"!...

דעם זעלבן אָוונט האָבן דבורה מיט אהרנען באַטראַכט דודס שווערע מאַטעריעלע לאַגע. זאָגט דבורה:

„מען מוז מיט די עלטערן רעדן, ווי אויך מיט שלמהן. דאָך אייגן בלוט! וואָס ס'איז געווען, מוז מען פאַרגעסן".

„איך גלויב, דבורהלע, אַז זיי וועלן אים איינאָרדנען — זאָגט אהרן — דאָס ערשטע ריידן מיטן פאָטער. די מוטער וועט קיינמאָל ניט זיין קעגן. טאָ ווען זאָל מען רעדן?"

„אַפילו היינט. זיי זיינען דאָך געקומען צעבראָכענע מענטשן! מען באַדאַרף אַרויסרופן די עלטערן און רעדן מיט זיי."

ווען די עלטערן זיינען געקומען, איז שוין געווען עטוואָס שפּעטלעך. דאָך האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן. דאָס ערשטע דאַרף מען פאַר זיי זען אַ וווינונג, שפּעטער וועלן מיר פאַר זיי עפּעס שאַפן.

זאָגט די מוטער: „מיר איז שווער אויפן האַרץ צו זאָגן: ניט העלפן, ווייל דוד איז דאָך פאַקטיש ניט שולדיק און די קינדער געוויס ניט. ווידער דערמאָנען יענטעס נאָמען, בין איך אויף איר שטאַרק אויפגעבראַכט, ווייל זי האָט דודן געבראַכט צום אונטערגאַנג!..."

„מוטער, וואָס געוועזן דאַרף מען ניט דערמאָנען. עס לוינט זיך ניט אויפרעגן. מען דאַרף פאַר זיי איצט שאַפן אַן עקזיסטענץ, ווייל דוד איז אַ מענטש אַ שוואַכער. צו שווערע אַרבעט איז ער ניט פעיק. אַלזאָ מיר פון אונדזער זייט גיבן 50 פונט. און יעדער איינער וועט געבן וויפל ער וועט קאָנען. און איר, עלטערן, וועט געוויס זיי ניט לאָזן פאַלן!...״

טראַכט דבורה, אפשר וועלן די עלטערן פאַריבל האָבן אויף איר, ווייל ער איז דאָך זייער זון און געבליבן שטיל, וואַרטנדיק, וואָס וועלן זיי זאָגן?

די מוטער קוקט אויף דבורהן און זאָגט:

„טאָכטער מיינע, דיין נאַטור ווייסן מיר, אַז דו ביסט אַ גוטע נשמה. זאָל דיר גאָט העלפן פאַר דיין גוט האַרץ! אויך דיר, טייערער אהרן, דאַנקען מיר פאַר דיין מיטהילף!״

„ליבע עלטערן, דאָס איז אַ חוב אויף יעדן, וואָס קאָן מיטהעלפן אין אַן עת צרה!...״ — האָט געזאָגט אהרן.

די עלטערן האָבן באַשטימט 100 פונט. שלמה — 150 פ׳. יהונתן — 50 פ׳. מיט דעם האָבן זיי אויפגעבויט דודס לעבן.

ווען דוד האָט שוין געלעבט רואיק און צופרידן, זאָגט יהונתן צו די עלטערן:

„גלויבט מיר, מיינע טייערע, אַז איר איז אַן עברה, וואָס מען האָט איר געהאָלפן. מער ניט צוליב דודן מיט די קינדער. ווען דבורה זאָל וויסן, וואָס וואָלט זי געזאָגט?...״

„דו קאָנסט דאָך אונדזער דבורהן, אַז זי איז אַ גאָלד! דו טאָרסט ניט, יהונתן, דערמאָנען אַזעלכעס, ווייל ס׳קאָן פאַרשאַפן שנאה! אַלזאָ, פיל רעדן וועגן דעם לוינט ניט.״

דוד האָט יאָ דערמאָנט יענטען, זאָגנדיק:

„דו ביסט אַ שלעכטער נאַר. ווען דו האָסט אַרויסגעזאָגט וועגן דבורהן... האָסטו געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אַ שוועסטער איז גאַנץ טייער ביי אַ ברודער און דערצו אַזאַ איידעלע און גוטע, וואָס פאַרמאָגט אַלע מעלות, ווי אויך אַן אידעאַליסטין!... געדענקסט דאָך אירע ווערטער, וואָס זי האָט אַלעמען פאַראויסגעזאָגט טאַקע, ווי דבורה הנביאה, אַז מיר דאַרפן אַלע גיין, ניט טראַכטן וועגן עגל הזהב! ווען זי האָט עס געזאָגט, האָסטו אויף איר געקוקט, ווי אויף אַן אומנאַרמאַלע. און זעסט, אַז זי איז קליגער פאַר אַלעמען!... וואָס שווייגסטו?״

„וואָס זאָל איך היינט רעדן? ס׳איז פאַרפאַלן! ווען מ׳וואָלט געקאָנט

אומקערן די צייט, וואָלט גוט געווען. און וואָס איך האָב געזאָגט, באַמערק איך, אַז איך האָב געמאַכט אַ פעלער. ס'פּאַסירט, אַז דער גרעסטער חכם רעדט אַמאָל אַרויס נאַרישקייטן!..."

„איך ראָט דיך, יענטע, צוגיין צו יהונתן און אים איבערבעטן, ווייל איך האָב געזען, ווען מיר זיינען אָנגעקומען, ווי ער האָט בייז געקוקט אויף דיר... ווען סטו עס טאָן, וועל איך זיך פילן בעסער און דו אוודאי!" — האָט דוד געראָטן זיין פרוי יענטען.

זי איז אַוועק צו יהונתן. ווען זי איז אַריינגעקומען, איז אויך טייבל געווען אין שטוב. בעט זי ביי טייבלען אַנטשולדיקונג, וואָס זי וויל זיך מיט יהונתן אַדורכשמועסן וועגן אַ געוויסן ענין. אַלזאָ, זאָל ער מיט איר אַריינגיין אין אַ צווייטן צימער.

אַריינקומענדיק אין צימער, זאָגט יענטע:

„ווייסט, שוואָגער, וואָס איך וויל דיך בעטן? זאָלסט מיר אַנטשול־דיקן, וואָס איך האָב זיך קעגן דיין שוועסטער נאַריש אויסגעדריקט... איך גלויב, אַז דו האָסט דבורהן ניט דערציילט, ווי אויך די עלטערן. ווען דו זאָגסט: „ניט", וועט עס דיין ברודער באַרואיקן, ווי אויך מיר, ווייל ער לעבט שטאַרק איבער."

„דעם אמת זאָגנדיק, האָסטו ניט פאַרדינט, אַז דבורה זאָל ניט וויסן. ווען דבורה וואָלט וויסן, ווייס איך ניט, ווי זי וואָלט אויף דעם רעאַגירט. די עלטערן ווייסן יאָ דערפון, געוויינלעך האָט עס אויף זיי געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. אַדאַנק דעם, וואָס זיי זיינען גוטע עלטערן, לייגן זיי ניט אויף דעם צופיל אַכט. זיי האָבן מיר דערציילט, ווען איר זייט געקומען, האָט דבורה די ערשטע געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז זי גיט 50 פ' און די עלטערן זאָלן געבן, וויפל זיי פאַרשטייען. האָבן די עלטערן געגעבן 100 פ', שלמה 150 פ' און איך 50 פונט. אַזוי אַרום ווייסטו ניט, וועמען דו פאַרמאָגסט? און וואָס אַמבאַלאַנגט וועגן דודן, קומט ניט אין באַטראַכט, אַז מען זאָל אים אין דעם באַשולדיקן, וואָס דו האָסט זיך קעגן דבורהן גראָב אויסגעדריקט. דו האָסט געוווּסט, וואָס דבורה שטעלט מיט זיך פאָר! און נאָך אַ זאַך, ווען דו וואָלסט מיך באַשמוצט, איז עס מיין זאַך. איך וואָלט געהאַנדלט, ווי איך וואָלט פאַרשטאַנען. אָבער וועגן מיין שוועסטער קאָן איך דיר אַבסאָלוט ניט ענטפערן."

„אַלזאָ, יהונתן, גיי איך אַוועק פון דיר מיט דעם, וואָס איך בין געקומען?" — פרעגט יענטע.

„ווי דו פאַרשטייסט!..." — האָט געענטפערט יהונתן.

ערנסטע ליבעס

ווען יענטע איז אַוועק, פרעגט טייבל: „וואָס איז געשען?״

„דו ווייסט דאָך, טייבל, ווי מען זאָגט, אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, קאָנען צען קלוגע ניט אַרויסנעמען... דאָס זעלבע איז מיט יענטען. איך וואָלט דיר וועגן דעם ניט געוואָלט דערציילן, ווייל ס׳וועט דיר קיין פאַרגעניגן פאַרשאַפן. אָבער ווען דו אינטערעסירסט זיך, וועל איך דיר דערציילן. אונדזער דבורה, זייענדיק נאָך אין פּ., האָט געוואָלט דורכמאַכן אַ הכשרה, כדי צו קאָנען קומען קיין ארץ־ישראל. אונדזערע עלטערן זיינען געווען קעגן דעם, ווייל זיי האָבן געוואָלט איר חתונה מאַכן און זי זאָל ווינען נעבן זיי. ווען אַ מענטש האָט אַ שטאַרקן ווילן, איז ער גובר אַלע שוועריקייטן. ווי דו זעסט, האָט זי חתונה געהאַט מיטן פּראָפעסאָר בתנאי, אַז נאָך דער חתונה זאָלן זיי פאָרן קיין א״י. וואָס שייך דבורה, קאָנסטו איר. איר גלייכן איז אין פּ. קיין צווייטע ניט געווען. סיי מיט איר שיינקייט, סיי מיט איר מיטגעבוירענער אינטעליגענץ, ווי אויך מיט איר הויך־בילדונג. הייסט עס אַ שוועגערין, וואָס מען קאָן זיך מיט איר ניט פאַרשעמען. צוליב וואָס דערצייל איך דיר? הער ווייטער: די שוועגערין יענטע איז געווען אין פּ. זייער רייך, די געשעפטן זיינען געגאַנגען זייער גוט. מענטשן מיט אַ ווייטן קוק האָבן געזען ס׳ברענט אונטער זיי די ערד. האָבן זיי זייערע געשעפטן ליקווידירט און אַוועק קיין א״י. מיין שוועסטער איז שטאַרק באַליבט געווען ביי די עלטערן, ווי אויך ביי די ברידער. ווען מיין שוועסטער און שוואָגער זיינען אַוועק קיין א״י, האָט מיין מוטער שטאַרק געבענקט. מיין שוועסטער האָט באַשריבן דעם גוטן און שיינעם לעבן פון א״י. האָבן די עלטערן ליק־ווידירט די געשעפטן און געקומען אַהער. מיין מוטער האָט ווידער געבענקט נאָך אונדז. זיי האָבן געשריבן, אַז מיט געלט קאָן מען זיך פיין איינ־אָרדנען, ניט זייענדיק אין גלות. שלמה, שטיצנדיק זיך אויף די ידיעות, האָט ליקווידירט די געשעפטן, געקומען מיט דער פאַמיליע און זיך שיין איינגעאָרדנט. די עלטערן האָבן געשריבן צו דודן ער זאָל ניט בלייבן אין פּ. מיט געלט קאָן מען זיך גוט איינאָרדענען אין אייגענעם לאַנד. וואָס האָט זי גערעדט אויף דעם ענטפערן? זאָגט זי: „וואָס? פאָרן פון פּ.? מיליאָנען יידן זיצן און מאַכן גוטע געשעפטן און מאַכן ניט קיין פּאַניק!... וואָלט עס מיטגעגאַנגען, אָבער, ווי דו פאַרשטייסט איר אויף וואָס זי איז פעאיק, גיט זי נאָך צו „די אַלטע בתולה האָט זיך פאַר־דרייט איר קאָפּ מיט די אַלע שניידערמאַנס... די משוגענע, וואָס זי איז?!״

פרעג איך דיר, טייבעלע, ווי וואָלסטו אויף דעם געקוקט?... איצט קומט זי צו מיר בעטן איז זאָל איר מוחל זיין!..."

„וואָס האָסטו איר אויף דעם געענטפערט?" — פרעגט טייבל.

„איך האָב איר קורץ געענטפערט: „אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער קאָנען צען קלוגע ניט אַרויסנעמען!... וואָס שייך דעם, וואָס זי זאָגט, אַז דודן טוט עס ווײ, האָב איך איר געענטפערט, אַז צו דודן געהערט עס ניט. איז זי אַוועק אָן אומצופרידענע. טראַכט איך: זאָל זי איצט פילן, ווער עס איז געווען משוגע?... מיין שוועסטער פאַרמאָגט ניט פיל, אָבער זי פאַרמאָגט אַ גוטע און רייכע נאַטור! זי האָט גלייך פאַר־געלייגט און געגעבן 50 פ׳ פאַר דודן. ווי פאַרשטייסטו, טייבעלע, ווען איך וואָלט געהאַט דערציילט דבורהן, וואָלט זי איר אַ פּרוטה געגעבן?... די עלטערן ווייסן יאָ, אָבער זיי מאַכן זיך ניט וויסנדיק צוליב דודן..."

ווען יענטע איז אַהיימגעקומען, האָט איר דוד געפרעגט:

„וואָס האָט דיר יהונתן געזאָגט?"

„ער האָט מיט מיר ניט געוואָלט רעדן."

„אַבסאָלוט מיט דיר ניט גערעדט?"

זי שווייגט.

„וואָס שווייגסטו? ווען מען דאַרף רעדן, שווייגסטו! אָבער ווען מען דאַרף ניט רעדן, דאַן רעדסטו, אַז אַ פּויער קאָן רויט ווערן!..."

„ווי דו ווילסט!" — ענטפערט זי.

„הויבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע נאַרישע פּזמונים? ווען ניט דיינע נאַרישקייטן, וואָלטן מיר געקומען מיטן געזונט און פאַרמעגן, ניט באַדאַרפנדיק אָנקומען צו ווערמענס הילף!... און דו ביסט נאָך גערעכט? וואַרפסט מיר נאָך דעם גט אין פּנים? אַלזאָ, מייןליידן איז נאָר צוליב די קינדער. אויב דו פאַרשטייסט ניט, זאָג איך דיר, אויף ווייטער, זאָלסט האָבן אַ ביסל מער שכל און ניט לאָזן דעם צונג אין גאַנג. דער צונג איז ווייך, מען קאָן מיט אים דרייען, ווי מען וויל. אָן שכל פאַרדרייט ער אַזוי, אַז מען קאָן ניט פאַרריכטן. הײנט זעסטו, וואָס דיין נאַרישער צונג האָט פאַרשאַפט?... ריכטיקער געזאָגט: דיין נאַרישער קאָפּ!..."

דוד איז אַרויס פון שטוב און אַוועק אין גאַס באַרואיקן זיינע צע־שרויפטע נערוון. פאַרבייגייענדיק דבורהס הויז, איז ער אַריין צו איר.

„דוד, יוואָס ביסטו אַזוי ניט אויפגעלייגט?"

„דו ווייסט דאָך, דבורה, וואָס ס׳באַדייט ליבע?... ווען אַ מענטש

פאַרליבט זיך, פאַרלירט ער דעם שכל. און וואָס מען פאַרלירט, איז שווער אָפּצוגעפינען!..."

„דוד, וואָס האָסטו זיך איצט דערמאָנט? מיט דיר קומט אויס, ווי מיט יענער שנור: זי איז געווען 7 יאָר אין שטוב און ניט געזען, אַז די קאַץ איז אָן אַן עק!..."

ער האָט זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

„מיינע צרות זיינען אויך אָן אַן עק!... איך מוז ליידן, ביז מיינע אויגן וועלן זיין אָפּן!..."

„דוד, רעד ניט קיין נאַרישקייטן! דו האָסט צוויי טייערע קינדער, לעב צוליב זיי. פאַרפאַלן, מאַך זיך ניט קיין איבעריקע צרות. לאָז איר אָפּ. זי איז געווען אַזאַ און אַזאַ וועט זי פאַרבלייבן!... נעם זיך ניט צום האַרץ. אַדאַנק גאָט, וואָס איר זייט דאָ..."

דוד, אויסהערנדיק דבורהס אַרגומענטן, האָט אַרויסגעדרונגען, אַז זיין שוועסטער ווייסט ניט פון יענטעס אַרויסגעזאָגטע נאַרישקייטן. אַדאַנק דעם האָט ער זיך עטוואָס באַרואיקט. ווידער טראַכט ער: אויב די עלטערן ווייסן, קאָנען זיי איר, וועלן זיי ניט לייגן קיין אַכט.

קומענדיק אַהיים, זיינען די קינדער געשלאָפן. יענטע האָט אים גע־פרעגט צי ער וועט עפּעס עסן? האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געגעסן ביי דבורהן. ער איז אַריין אין שלאָפצימער, זיך געלייגט שלאָפן.

יענטע איז געווען אומצופרידן, אָבער צופיל ניט געלייגט קיין אַכט. טראַכט זי: בעסער צו שווייגן, וועט זיין גלייכער.

אזוי איז זייער לעבן געגאַנגען. די קינדער זיינען געווען זייער פעאיקע, איינגעגעבן זיך אין דער מומע דבורה. און די שיינקייט זייערע האָט זיך איינגעגעבן אין זייער מוטער. דאָס איינציקע, וואָס האָט דודן באַפרידיקט, זיינען געווען די קינדער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. באַזונדער האָט זיך דוד אויסגעצייכנט מיט זיינע פעאיקייטן, וואָס אַדאַנק דעם האָט זייער געשעפט פּראָספּערירט, אַזוי אַרום האָבן זיי פאַרגעסן אין די שווערע פאַרגאַנגענע צרות.

ווען מנחם, זייער זון, איז געוואָרן בר־מצוה, האָט דוד זיך געקאָנט דערלויבן מאַכן אַ שיינע שמחה מיט אַ חזן, אויך האָט ער געגעבן צדקה פאַר פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. די עלטערן, ווי אויך די גאַנצע משפחה, זייענדיק אויף דער שמחה, האָבן געהאַט פיל נחת פון דודן און מנחמען, וועלכער האָט געהאַלטן אַ שיינע דרשה.

יענטע האָט זיך פיל געענדערט צום גוטן. אויך זי איז געווען איבער־גליקלעך מיטן דערגרייכן צו דער מדרגה. זי האָט עס אַלץ אָפּגעשאַצט און באַצויגן זיך צו אַלעמען מיט גרויס רעספּעקט, נעמענדיק אין אַכט זייער לאַגע, אָנקומענדיק אין לאַנד, ווען ניט די הילף פון די עלטערן און פון דער משפּחה, ווי וואָלטן זיי, היינט־צו־טאָג, אויסגעזען? אַדאַנק זיי איז דוד אויפגעריכט געוואָרן מיט זיין פאַמיליע!...

אַזוי האָט רואיק און צופרידן געשטראָמט זייער אַלעמענס לעבן. צום 3־טן יאָר האָט יהונתנס פרוי טייבל געשענקט אַ שיין טעכטערל. מען האָט געמאַכט אַ „מזל־טוב״, איינגעלאַדן די עלטערן מיט דער גאַנצער משפּחה, ווי אויך באַקאַנטע אויף דער שמחה. מען האָט גוט פאַרבראַכט, צווווּנטשנדיק די יונגע עלטערן „מזל־טוב״ און אַ גרינגע דערציאונג. דעם זיידן מיט דער באָבען — זיי זאָלן דערלעבן דאָס אייניקל צו דער חופּה פירן צוזאַמען מיט אירע עלטערן...

עטל, שלמהס פרוי, האָט זיך מתקנא געווען, געוואָלט האָבן אַ טאָכטער, איז איר ווונטש צום יאָר דערפילט געוואָרן... מען האָט געמאַכט אַ רייכן און שיינעם מזל־טוב, איינלאַדנדיק די עלטערן, דער גאַנצער משפּחה, ווי אויך גוטע באַקאַנטע זיינען געקומען אויף דער שמחה. מען האָט געגעסן, געטרונקען פון שענסטן און בעסטן, געווונטשן „מזל־טוב״ און אַ לייכטע דערציאונג, ווי אויך האָט מען געווונטשן זיידע און באָבע זאָלן דערלעבן נחת פון זייערע קינדער און אייניקלעך!...

אין דער זעלבער צייט האָט פרומע, שמואלס פרוי, געבוירן, מיט מזל, אַ זון. מען האָט איינגעאָרדנט אַ ברית. די שמחה איז געווען גרויס. מען האָט געגעסן און געטרונקען „לחיים״ס, געזונגען און שיין פאַרבראַכט. מען האָט געווונטשן פרומען מיט שמואלן אַ לייכטע דערציאונג און דער־לעבן נחת. אויך דעם זיידן מיט דער באָבען האָט מען געווונטשן זיי זאָלן דערלעבן נחת פון אַלע קינדער און אייניקלעך!...

ווען די שמחה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט שמואל געבעטן דבורהן, אַז זי זאָל דעקלאַמירן איר ליד, וואָס זי האָט פאַרפאַסט צו אירע תנאים. דבורה האָט שמואלן באַמערקט, אַז זי האָט דאַן צוויי לידער פאַרפאַסט. דאָס ערשטע ליד: גענוג אין גלות זיין!... דאָס צווייטע: נאָר ניט פאַר־געסט!...

אויף אַלעמענס פאַרלאַנג, האָט דבורהביידע לידער דעקלאַמירט:

ערנסטע ליבעס

.1

גענוג אין גלות זיין!...
גענוג קרבנות געבן!...
גענוג בלוט פאַרגיסן,
און פון פרייהייט ניט געניסן!...

צייט דיר צו פאַרשטיין
אין דיין אייגן היים מוסטו גיין.
דיין היים, דיין היים מוסטו פאַרשאַפן אַליין,
דאַן וועלן דיר פעלקער וועלן פאַרשטיין!
גענוג אומזיסט זיך מיען,
גענוג אין פרעמדע לענדער פליען,
גענוג לויפן פאַר געלט זיך פאַרקויפן!...

.2

נאָר ניט פאַרגעסט פון וויטנס העט, העט!
דורכן בלוטיקן שרעק פון שונאס הענט...
מיר מוזן לייגן אַן אייגענעם פונדאַמענט.
לייגן אַ בריק,
אַז אונדזער לאַנד זאָל צו אונדז געהערן צוריק!...

מיר מוזן צו די שווערסטע אַרבעט גיין,
קנעטן ליים, לייגן אַ שטיין צו אַ שטיין,
אַ שטאַרקן פונדאַמענט פאַרשאַפן,
אויף אייביק אונדזער לאַנד פאַרן שונא פאַרמאַכן.

ברידער אינטעליגענץ!
מיר מוזן זיך אַלע מיען,
דאַן וועט אונדזער לאַנד אייביק בליען.

ווען דבורה האָט פאַרענדיקט דעקלאַמירן אירע לידער, האָט דער עולם געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן, ווי אויך האַרציק איר באַדאַנקט. דאַן ווענדעט זיך יהונתן צו זיין פרוי מיט דער ביטע:
„טייבעלע, דעקלאַמיר דיין ליד, וואָס דו האָסט פאַרפאַסט, אָנקומענדיק אין לאַנד.״

טייבל האָט אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

די זון האָט אָנגעפאַנגען שיינען,
אונדזער פאָלק צו באַלוינען.
פון אירע שטאַרקע שטראַלן טוען מיר זיך באַשיצן,
די גליקלעכע צייט מוזן מיר אויסנוצן...

מיר טאָרן ניט פאַרזאַמען,
מיר מוזן זיין צוזאַמען.
מיר מוזן זיך רייען,
אַן אייגענעם גערטנדל פאַרזייען.

מיט ריינע וואַסער די וואָרצלען באַגיסן,
מיט פרייד וועלן מיר די פרוכטן געניסן.
אונדזערע ביימעלעך וועלן קוועלן,
אונדזערע פרוכטן וועלן זיך אייביק מערן.

ווען טייבל האָט פאַרענדיקט דעקלאַמירן איר ליד, האָבן די געסט שטאַרק אַפּלאָדירט, דאַנקענדיק איר און צוגעבנדיק: „הלוואי!...״

ס'נעמט אַ וואָרט פּראָפ. א. בורשטיין, וועלכער באַמערקט די געסט:

„ווען מיר וואָלטן געהאַט פיל אַזעלכע אידעאַלע פרויען, ווי דבורה און טייבל, וואָלט שוין לאַנג אונדזער לאַנד געווען באַפרייט!... עלטערנס גליק באַשטייט אין זייער לאַגישן פאַרשטאַנד און איבערגעגעבנהייט צו די קינדער. ווען זיי גיבן אַכטונג אויף זייער פּסיכיש־גייסטיקער אַנט־וויקלונג, איז מסוגל גורם זיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, דאַן שאַפט זיך קעגנזייטיקע איבערגעגעבנהייט. אין דעם פאַל קאָנען די עלטערן דערוואַרטן פון די קינדער כבוד און נחת. אַזעלכע עלטערן זיינען מסוגל צו ברענגען אידעאַלע קינדער, ווי די חשובע חלוצה דבורה מיט אירע ברידער, וואָס האָבן פאַרשאַפט אַ גלענצנדע צוקונפט פאַר אונדזער לאַנד. די פאַמיליע שניידערמאַן־בורשטיין איז אַ גוטער ביישפּיל פאַר דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט.״

קורצע באַמערקונג פון די פאַרפאַסער:

די פאַמיליעס שניידערמאַן—בורשטיין, ד. ה. די פאַקטישע פאַמיליעס זיינען גאַנץ אַנדערע. מיר האָבן ניט אָנגעגעבן די אמתע פאַמיליען־נעמען צוליב געוויסע טעמים...

ערנסטע ליבעס

די געשיכטע איז אַן אמתע, וואָס האָט פּאַסירט בערך מיט פופציק יאָר צוריק. אָנגעפאַנגען זיך אין רוסלאַנד און ביי היינטיקן טאָג איז זי ממשיך אין אונדזער אייגענער זעלבסטשטענדיקער מדינת ישראל. די קינדער און אייניקלעך פון די האַרציק־גוטע שניידערמאַנס—בורשטיינס, ווי מיר רופן זיי אָן, פאַרנעמען זייער חשובע און בכבודיקע פּאָסטנס אין אונדזער אַלט־נייער היים. וועלכע זעצן פאָר די טראַדיציעס פון זייערע עלטערן און זיידעס.

זעקסטער בילד

„ז ל מ ן"

אין שטאָט מ. איז געווען אַ גרויסע ישיבה, ווו ס'האָבן געלערנט רייכע בחורים פון אויסלאַנד אויך אָרעמע בחורים, וואָס האָבן געגעסן „טעג"... פון פראָווינץ איז אָנגעקומען אין דער ישיבה אַ בחורל אַ יחוס מיטן נאָמען זלמן פינקלשטיין. זלמן איז געווען זייער אַ שיינער, סימ־פּאַטישער און אַ גוטער. די באַציאונג צו אים איז געווען מיט גרויס כבוד, ווייל ער איז געווען אַ מתמיד.

אַזוי איז פאַרביי איינעקע יאָר. פּלוצים איז אים אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז זיין מוטער איז אים געשטאָרבן. ער האָט שטאַרק איבערגעלעבט, זאָגנדיק צו זיך: איצט בין איך אַ גאַנצער יתום.

געווען איז ער אויף סטאַנציע ביי אַ שוסטער מיטן נאָמען יהושע גאָלדשמיט, וועלכער האָט געהאַט צוויי טעכטער, וואָס האָבן געשמט פאַר אנשטענדיקע גוטע קינדער

זלמן האָט „געוואָרפן אַן אויג" אויף אסתרן. אסתר האָט זיך אויס־געצייכנט מיט אַלע מעלות: זי איז געווען שיין, קלוג, גוט און סימפּאַטיש, וואָס האָט געמאַכט אויף אַלעמען זייער אַ גוטן איינדרוק.

מען פלעגט זאָגן: „יהושע, אייער אסתר איז ווי אסתר המלכה!..."

דער אָרעמער פאָטער פלעגט ענטפערן: „וואָס קומט אַרויס, ווען איך פאַרמאָג שיינע טעכטער. לײדער בין איך ניט ביכולת צו נעמען שיינע חתנים!..."

פלעגט מען אים טרייסטן: „ר' יהושע, אייערע טעכטער זיינען אַליין אַ נדן!..." דער פאָטער פלעגט זיך זאָרגן, וואָס וועט זיין? די צייט גייט און ס'מאַכט זיך ניט קיין חתנים. אַזוי איז די צייט געגאַנגען, ער האָט ניט געקאָנט מער העלפן, ווי מיט אַ קרעכץ.

זיין ווייבביילע פלעגט אים ניט לאָזן דאגהן: „דו וועסט זען, אַז מיר וועלן דערלעבן פון אונדזערע טעכטער נחת!...״

ער פלעגט אויסהערן און זאָגן: „הלוואי!״

אין ישיבה פלעגט מען רעדן, אַז זלמן וועט זיין פון די גדולי הדור. איינמאָל אַהיימקומענדיק פון דער ישיבה, האָט ער ניט געקאָנט אויס־באַהאַלטן זיין בליק פון דעם פאַרבענקטן האַרץ, וואָס ער פילט צו אסתרן און קאָן זיך ניט באַפרייען פון זיינע דורשטיקע ליבע־געפילן. איר בליק איז פאַר אים אַ טרייסט און דרינגט אַדורך די טיפענישן פון זיין נשמה. ער האָט זיך געפרעגט אַ שאלה, צי זאָל ער אַנטפלעקן זיינע געפילן, אָדער לאָזן זיי אַזוי גיין?...

פאַר אים איז עס געוועז אויסטערליש! און אפשר אַוועקגיין פון זייער הויז און געזעגענען זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל?...

און אַזוי טראַכטנדיק און ניט קאָנענדיק קומען צו אַן ענדגילטיקן באַ־שלוס, האָט ער באַשלאָסן צייטווייליק אָפּהאַלטן זיך, זאָגנדיק: „זאָל עס גיין, ווי ס׳גייט!...״

אין שטאָט איז געווען אַ גרויסער וויין־סוחר אלתר גרינשטיין. ער האָט געהערט, אַז אין ישיבה איז פאַראַן אַ בחור אַן עילוי מיטן נאָמען זלמן. ער איז אַ שיינער, סימפּאַטישער און קלוגער בחור. ער פלעגט אַרויס־זאָגן פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן זעקסטן חוש, ווי למשל: קאָנען באַגרייפן דעם צווייטנס געדאַנקען, פאָראויסזען געשעע־נישן א. א. אָט צוליב דעם האָט ביים ראש־הישיבה אַרויסגערופן אַ חשד... מען פלעגט זאָגן אויף זלמנען, אַז ער איז „געכאַפּט״ אויפן געדאַנק...

זלמן האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן פון די „ליבע״ געפילן... ווען ער פלעגט באַרירן די פראַגע: אָפּלאָזן זיך פון אסתרן? אָדער זאָגן זיין וואָרט!...

אסתרן פלעגט מען רעדן שדוכים מיט אָרעמע אַרבעטער, פלעגט זי טראַכטן: וואָס קאָן זי זיך העלפן? ווען איר פאָטער וואָלט געקאָנט געבן אַ שיינעם נדן, וואָלט זלמן געוויס געקאָנט ווערן איר חתן! אָבער ווי קאָן זי וועגן אַזאַ בחור טראַכטן? ער איז דאָך דער בעסטער ישיבה־בחור, וואָס איז באַרימט אין דער גאַנצער שטאָט.

אירע געדאַנקען שוועבן און זי לעבט שטאַרק איבער. זי לאָזט אַראָפּ אירע גרויסע אויגן, וואָס איר׳ע וויעס דעקן צו, ווען ער קומט אַהיים. גלייכצייטיק פלאַקערן אויף אין איר האַרץ די הייסע געפילן,

וואָס זי פילט צו אים. זי פלעגט זאָגן צו זיך, אַז זי וועט אַראָפּ פון זינען, אָבער קיין טרייסט האָט זי פאַר זיך ניט געקאָנט געפינען.

אויך זלמן האָט שטאַרק איבערגעלעבט צוליב אסתרן. ווי די בענק־שאַפט ביי אַ מאַנסביל, טראָץ זיינע יונגע יאָרן, איז ער געווען ביי זיך, ווי אַ דערשלאָגענער, מחמת דעם פאָטער האָט ער פון קינדהייט אָן פאַרלוירן. און ווען די אָרעמע מוטער וואָלט געלעבט, וואָלט זי אים אויך ניט געקאָנט העלפן. דאָס האָט אויף זיין יונגע נשמה אָפּגעקלאַפּט זייער שלעכט. ער פלעגט זיך נאָר באַרואיקן, ווען ער פלעגט קומען אַהיים און אַ בליק טאָן אויף דער צעבליטער אסתר, וואָס פלעגט אים פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע וועזן, אָבער ס׳איז נאָר געווען אַ געהיים מיטל אויף צו שטילן די געפילן. ווידער טראַכט ער: אפשר איז עס אַ שטראָף, וואָס ער טראַכט וועגן איר?... אַזוי טראַכטנדיק, זאָגט ער צו זיך: צי האָט דען ניט יעקב אבינו ניט געדינט פאַר רחלען 14 יאָר? איך בין דאָך אויך ניט מער, ווי בלוט און פלייש!... און אפשר זיינען מיינע געדאַנקען דורכגעדרונגען מיט שלעכטס? איז גלייכער אָוועקגיין פון דעם פייער!... נעמען זיך צום לערנען מיט מער פלייס! די תורה איז דאָך אַ גוט מיטל, כדי זיך באַרואיקן און שטאַרקן דאָס האַרץ אין יידישקייט!... און ווידער וועלן אויפשטראַלן מיינע ריינע געדאַנקען, וועלכע וועלן מיר פאַרשטאַרקן די פאַרבלאָנדזשעטע געפילן!...

ער איז געקומען און געזאָגט אַ תירוץ זיינע בעלי־בתים, אַז ער קריגט אַ נאָענטערע וווינונג צו דער ישיבה, דערפאַר גייט ער אַרויס. ער האָט זיי האַרציק באַדאַנקט פאַר זייערע פריינטלעכע געפילן צו אים, געזעגנט זיך מיט זיי און אַוועק אַ טרויעריקער...

אסתר איז אין דער היים ניט געווען. קומענדיק אַהיים, וואַרט זי, ווי אַלעמאָל אויף זלמנס קומען, זי זאָל קאָנען כאַפּן אַ בליק אויף אים. אָבער, ליידער! זי וואַרט מיט גרויס אומגעדולד און קאָן זיך ניט דער־וואַרטן. זי וויל פאַרטרייבן איר אומעט, וואָס איר האַרץ פילט, ניט וויסנדיק, אַז זלמן איז אַרויס פון זיי. זי איז געגאַנגען און געלייגט זיך אויפן געלעגער, אָבער אירע שטורמישע געדאַנקען באַרואיקן זיך ניט. זי איז אַרויס פון צימער. זאָגט די מוטער:

„ווייסט אסתר! אונדזער שכן איז אַרויסגעפאָרן.״

אסתר האָט פון איבערלעבונג אַ בייזן קוק געטאָן אויף איר מוטער, אָבער באַלד האָט זי פאַרטריבן אירע בייזע מחשבות, טראַכטנדיק, וואָס איז איר מוטער שולדיק?...

געווען איז עס אין אַ זומער־טאָג. אירע חברטעס זיינען געגאַנגען שפּאַצירן, מיטנעמענדיק אסתרן און זי האָט ניט געוווסט, אַז אין דער געגנט וווינט זלמן. גראָד אין דעם טאָג האָט מען אַריינגעגעבן אַ ספר תורה אין דער ישיבה. פיל בחורים און מיידלעך זיינען בייגעווען אויף דער שמחה. און אַזוי גייענדיק פאַרטראַכט, דערזעט אסתר איר געליבטן זלמנען... איר האַרץ איז פאַרשטייפט געוואָרן פון דער פלוצימדיקער באַגעגעניש. זי האָט געוואָלט אים אויסמיידן, און זיך ניט טרעפן אויג אויף אויג. אָבער זלמן איז געווען זייער צופרידן און געטראַכט: ווען ס'וועט זיין אַ געלעגנהייט זיך טרעפן מיט איר, ער זאָל קאָנען עפענען פאַר איר זיין האַרץ, וואָלט ער געווען גליקלעך. אָבער, ווי קאָן עס געשען? אַזוי איז פאַרלאָפן דער טאָג. אסתר האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן אים אויסגעמיטן, טראַכנדיק, ווען ער וואָלט צו איר געפילט אַזעלכע הייסע געפילן, ווי זי צו אים, וואָלט ער דאָך פון זיי ניט אַרויס! ווער האָט אים דען אַנטזאָגט? איז צו וואָס מאַכן זיך צום נאַר? די חברטעס מיינע זאָלן האָבן צו מאַכן רכילות?...

ווען זלמן האָט באַמערקט, אַז אסתר מיידט אים אויס פון אויג, האָט זיך אין אים זיין האַרץ אַנגעצונדן, ווי אַ פייער. ווען דער עולם איז זיך פון דער ישיבה פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט ער זיך צוגעלייגט אויף אַ באַנק און מיט פאַרווונד'ערונג געזאָגט צו זיך: נו, נו! איר כוח, וואָס באַהערשט מיר, איז ניט אויסצובאַהאַלטן! איך האָב ניט קיין טעות. איך קאָן זיך ניט באַפרייען פון דער קורצער באַגעגעניש. איך בין, ווי פאַרכישופט! ווי זאָל איך פאַרטרייבן מיינע געפילן, וואָס איך פיל צו איר?

און אַזוי ליגנדיק אויף דער באַנק און טראַכטנדיק, קומט אַריין ר' אייזיק דער שדכן, וואָס איז געווען געשיקט פון וויין־סוחר, הער גרינ־שטיין, און לייגט אים פאָר אַ שדוך מיט הער גרינשטיינס בת יחידה. ר' אייזיק באַמערקט זלמנען, אַז דאָס איז ממש אַ גליק־זאַך פאַר אים, מחמת נאָך 120 יאָר, וועט ער ווערן דער גאַנצער יורש!...

על כן וויל ער הערן, וואָס ער וועט אויף דעם ענטפערן?

ענטפערט אים זלמן, אַז ער איז נאָך ניט 18 יאָר אַלט און ווי זאָגט דער פּרק: „בן שמונה עשרה לחופה"...

„וואָס שטערט עס אייך?... איך האַלט, ס'וועט אייך גאָר ניט שטערן!"

„וועגן אַזאַ ענין דאַרף מען אַ טראַכט טאָן. מען קאָן ניט זאָגן יאָ, אָדער ניין."

„דאָך, וואָס זאָל איך ענטפערן גרינשטיינען?"

„אייך דאַרף איך ניט לערנען. אויף דעם זייט איר אַ שדכן!"

מיט דעם איז פאַרענדיקט געוואָרן זייער געשפּרעך און אייזיק איז אַוועק. דער שדכן טראַכט: גרינשטיין וואַרט אויף אַן ענטפער, וואָס גיט מען אים איבער? דעם בחורס ענטפער איז דאָך קיין ענדגילטיקער. דעם שדכן איז עס פאַרדריסלעך. ער וואָלט געקאָנט פאַר אַזאַ שדוך כאַפּן אַ שיינע מטבע! אַלזאָ, וואָס טראַכט מען צו?...

איך וועל אים זאָגן, אַז איך האָב אים ניט געטראָפן און גיין נאָך אַמאָל מיט אים רעדן און געבן צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ רייכן שדוך קאָן מען ניט אַלעמאָל טרעפן!... און פשוט זאָגן, אַז ער איז אַן אָרעמער בחור און דערקלערן: איז עס אַ תכלית גיין אַלע טאָג עסן „טעג"?... אפשר וועט ער זיך באַדענקען?

אין דער זעלבער צייט טראַכט זלמן: ס'זיינען ניטאָ די כוחות, וואָס זאָלן קאָנען גובר זיין מיינע הערצלעכע געפילן! איך האָב געמאַכט אַ פּרווו און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן טאָקע צוליב דעם, וואָס איך האָב געענ־דערט מיין ווױן־אָרט צו קאָנען איר פאַרגעסן, אָבער ניין! די בענקשאַפט פלאַקערט אויף נאָך שטאַרקער!... און אַזוי זייענדיק פאַרנומען מיט די פאַרבענקטע געפילן און זיצנדיק ביים שטענדער, אַריינקוקנדיק אין אַ ספר, קומט ווידער אַריין דער שדכן מיטן ברייטן „גוט מאָרגן!", פרעגנדיק:

„וואָס הערט זיך, זלמן?"

ענטפערט זלמן מיט אַ שטילע שטימע:

„גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און איר ווילט „פאַר־שדכנען" אין צוויי טעג?..."

„וואָס הייסט עס?"

„יעדער מענטש אין אַן עולם קטן! פאַרשטייט איר, ר' ייד?"...

„גלויבט מיר, איך בין אַן אַלטער שדכן, איך האָב נאָך אַזעלכעס ניט געהערט. איך וויל דען אייך חלילה שלעכטס טאָן? נאָר אייער אייגן גליק!..."

„איך באַדאַנק אייך פאַר אייער ווונטש!" — האָט געענטפערט זלמן.

„קוקט גלייך אויפן לעבן, וועט איר זען, אַז איר טוט ניט לאָגיש! ס'וועט נאָך אַדורכגיין פיל יאָרן, ביז אייך וועט נאָך קומען אַזאַ גליק! אַזאַ זאַך נעמען און אַרויסלאָזן פון די אייגענע הענט!..."

„אפשר איז ער גערעכט" — טראַכט זלמן און זאָגט צום שדכן:

„קאָן מען זען די פריילין?"

„אָ, דאָס פאַרשטיי איך! ס׳איז לאָגיש! איך רעכן, אַז איך קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אייערע רייד, הייסט עס, איר פאַרלאַנגט אַ „זעאונג״. גלייכצייטיק האָט ער זלמנען פאַרשפּראָכן גלייך צו געבן אַ תשובה.

דער שדכן איז אַוועק צו גרינשטיינען און אים געבראַכט די גע־גאַרטע תשובה, אַז דער חתן פאַרלאַנגט אַ זעאונג און ער האָט פאַר־שפּראָכן געבן אים אַן ענטפער.

גרינשטיין, אַ דערפרייענדער, האָט אויפגענומען זיין תשובה און אים געבעטן קומען מיטן חתן 8 אָוונט.

צו דער באַשטימטער צייט איז געקומען דער חתן מיטן שדכן.

די מחותנים האָבן זיי פריינטלעך אויפגענומען.

דער מחותן, די מחותנתטע זיינען געווען זייער סימפּאַטישע, אָבער די כלה איז אים, ליידער, ניט געווען געפעלן. קליין געוויקסיק, ווי אויך ניט סימפּאַטיש.

זלמן, באַטראַכטנדיק זי פון דערווייטנס, האָט ניט געפונען פאַר איר די נויטיקע שפּראַך, טראַכטנדיק: „פּלטיאל פיר מיך וואָס שנעלער אַרויס !!!״ ווידער טראַכט ער, אַז ער וועט זיך, אין קיין פאַל, ניט לאָזן באַהערשן.

די מחותנים, ווי אויך די כלה זיינען געווען זיכער, וויסנדיק, אַז ער איז אַן אָרעמער בחור, ווי אויך אַ יתום, וועט ער געוויס איינשטימיק זיין, אָבער זלמן טראַכט, אַז ער טאָר ניט לאָזן הערן אַ וואָרט, זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיט דעם. דער מחותן איז געווען אַנט־ציקט פון זיין אײדעלעם, שיינעם און סימפּאַטישן אויסזען.

ניט רעדנדיק מיט אים פיל, דאָך האָבן זלמנס קלוגע אויגן גערעדט פאַר אים. די מחותנים טראַכטן און באַוווּנדערן זיין שווייגן. די מחותנתטע האָט אים שטאַרק געבעטן געניסן פון כיבוד, פאַר וואָס ער האָט באַדאַנקט און עטוואָס געגעסן. די כלה האָט איר שוואַכקייט אַרויסגעוויזן, אַז דער חתן געפעלט איר. זי וואָלט גערן געוואָלט, אַז דער חתן זאָל מסכים זיין. וויפל חתנים זי האָט געזען שוין, איז איר ניט געווען אַזוי געפעלן, ווי דער זלמן! זי באַמערקט, אַז ער לייגט ניט קיין אַכט אויף איר, ס׳האָט איר שטאַרק געערגערט. נו, טראַכט זי, אפשר איז ער אַ שעמעוודיקער? דער געדאַנק האָט איר עטוואָס באַרואיקט.

די מוטער האָט עס אויך באַמערקט. טראַכט זי, אַז פון דעם שדוך וועט גאָרניט זיין. אָבער דער פאָטער האָט אַנדערש פאַרשטאַנען. מען וועט אַלץ דאַרפן אָנווענדן, כדי דער חתן זאָל זיין איינשטימיק. און אַזוי, טראַכטנדיק, האָט דער פאָטער באַשלאָסן צום ערשטן מאָל ניט אַרויס־

ווייזן צופיל, אַז ער געפעלט אים. הערן פון אים, וואָס ער טראַכט און דאַן זיך אָנשטרענגען, ווי מעגלעך, ווייל ער איז אים שטאַרק געפעלן.

אַזוי די כלה, ווי אויך די מוטער, זיינען געווען זייער באַזאָרגט פון חתנס גלייכגילטיקייט.

זלמן האָט געטראַכט: ווען די כלה וואָלט געווען ענלעך צו דער מוטער, וואָלט ער נאָך געקאָנט אַ טראַכט טאָן, באַטראַכטנדיק אָבער די כלה, האָט ער באַשלאָסן אין קיין פאַל ניט לאָזן זיך באַהערשן!

זלמן מיטן שדכן זיינען אַוועק, פרעגט ער אים:

„וואָס זאָגט איר, זלמן?"

ענטפערט אים זלמן:

„איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה: מען האָט אַמאָל איינעם פאַר־געשטעלט אַ רייכן שדוך. איז אָנגענומען געווען, אַז דער פאָטער איז געפאָרן אָנקוקן די כלה. ווען דער פאָטער האָט אָנגעקוקט די כלה, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן!... אַרויסבאַגלייט האָט אים דער כלהס פאָטער, צו וויסן מיט וואָס ער פאָרט אַוועק.

פרעגט אים דער מחותן: „צי געפעלט אים דאָס שטעטל?" ענטפערט דער מחותן: „דאָס שטעטל געפעלט מיר זייער גוט, אָבער..." פרעגט ער אים: „מחותן! איך פאַרשטיי אייך ניט, וואָס באַדייט אייער „אָבער?" ענטפערט ער אים: „גאָר פשוט, איך האָב געמאַכט אומזיסטע הוצאות!..."

„אַזוי זאָג איך אייך"... — האָט געזאָגט זלמן, דעם שדכן.

זיין האַרץ איז געווען איבערגעגעבן צו אסתרן, אָבער איין זאַך איז אים געווען ניט צום האַרצן, וואָס איר פאָטער איז אַ פשוטער מענטש און דערצו אַ שוסטער, וואָס האָט אים צו צייטן אָפּגעשטויסן.

דאָס האַרץ אָבער רעכנט זיך ניט מיט קיין יחוס.

וואָס טוט מען? טראַכט ער טאָג־טעגלעך. ער פילט, אַז ער וועט לאַנג ניט קאָנען פאַרמאַסקירן זיינע געפילן. זיין קאָפּ איז אים פאַרנומען. דער ראש הישיבה האָט אים שוין געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז ער איז צופיל פאַרטראַכט: „וואָס באַדייט עס זלמן?..." זלמן האָט צוקעשוויגן...

דעם שדכן האָט מען צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט דעם שדוך אַדורכ־פירן, וועט ער קריגן שיין באַפרידיקט. די כלה איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין זלמנען. זי האָט געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל אַלץ אָנווענדן, כדי דער חתן זאָל מסכים זיין. זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ און געוויינט מיט ביטערע טרערן...

„עדה! — זאָגט די מוטער, — מען קאָן דאָך דעם חתן ניט נעמען

פֿאַר דער האַנט און פֿירן צו דער חופּה!... און וואָס אַמבאַלאַנגט פֿון אונדזער זייט, וועלן מיר אַלץ אָנווענדן און ווייטער, וואָס באַשערט, וועט זיין באַגערט!"

איין מאָל, זיצנדיק ביים שטענדער און לערנענדיק, הערט ער, ווי עמיצער איז אַריין אין ישיבה און באַמערקט, אַז דער שדכן איז אַרייַנ־געקומען. פֿרעגט ער זלמנען:

„וואָס הערט זיך עפּעס גוטס?"

„גוטס, ווי איינער נעמט אָן!" — ענטפֿערט זלמן.

„אַז גאָט שיקט ווֹעמען צו אַ גליק, דאַרף ער ניט אָפּשטויסן און קאָנען אָפּשאַצן!..."

זלמן טראַכט: אפשר האָט ער רעכט, זיך טרעפֿן נאָך אַמאָל מיט דער כּלה? אַמאָל, ווי מען קוקט, אַזוי זעט עס אויס.

דער שדכן וואַרט מיט אומגעדולד אויף אַן ענטפֿער.

„יעדער מענטש — זאָגט זלמן דעם שדכן — דאַרף זיין אויפֿריכטיק צו יעדער זאַך, בפֿרט צו אַ לעבנספֿראַגע. איך האָב אַן עלטערע שוועסטער, ווי אויך אַ יונגערע. אַלזאָ, מוז איך פֿריער פֿאַר זיי טראַכטן.

דער שדכן איז געבליבן שטיין, טראַכטנדיק, וואָס זאָל ער אים אויף דעם ענטפֿערן? און ער ענטפֿערט זלמנען:

„זייער שיין אייער מיטגעפֿיל, וואָס איר האָט צו אייערע שוועסטער! איך גלויב, אַז איר וועט זיך גוט איינאָרדענען, וועט איר קאָנען אייערע שוועסטערס אַרויסהעלפֿן, ווי זיצן און לערנען און עסן „טעג". איך רעד אייך ניט צו, נאָר פּשוט, אַלס עלטערער מענטש, גלויב איך, אַז איך בין אין דעם זין גערעכט, וואָס איך נעם זיך דאָס רעכט אַרויסצוזאָגן מיין ערנסטן געדאַנק. און ווען איר וועט זיך באַדענקען, וועט איר זיך איבער־צייגן, אַז איך ראָט אייך לאָגיש".

זלמן האָט עס גענומען אין באַטראַכט, ענטפֿערנדיק אים, אַז ער זאָל קומען אין עטלעכע טעג אַרום, ווייל ער וויל זיך מיישב זיין מיט דער שוועסטער, צו וועלכער ער שרייבט אַ בריוו, אַז זי זאָל קומען.

אין דער זעלבער צייט, האָט פּאַסירט אַ פֿאַל, אַז צו יהושע גאָלד־שמידטס אַ ברודער זיינען געקומען פֿון אַמעריקע צוויי זין זיך זען מיט די עלטערן. דער עלטערער בחור שמחה, ניט קיין צו שיינער, אָבער זייער אַ רייכער, דער יונגערער בחור אפֿרים, אַ הויכער, שיינער, מיט שוואַרצע גרויסע אויגן, שוואַרצע געקרויזטע קאָפּ האָר און דערצו זייער אַ גוטער. ביידע פֿון פֿאַך שניידער, געקליידעט ווי גראַפֿן...

זיי האָבן פאַר אַלע קרובים געבראַכט שיינע מתנות.

דער עלטערער, שמחה, איז פאַראינטערעסירט געווען חתונה האָבן מיט זלאַטקען און נאָך דער חתונה צוריקפאָרן קיין אַמעריקע.

זלאַטקע האָט איינגעשטימט. אסתר, דערהערנדיק פון זלאַטקען, אַז זי פאָרט אָפּ נאָך דער חתונה קיין אַמעריקע, האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט גערנער זיך איינגעאָרדנט נעבן די עלטערן. אפרים, אויסהערנדיק אסתרס דעה, האָט עס אים שטאַרק אימפּאָנירט, ווייל ער האָט געוואָלט בויען זיין פאַמיליען־לעבן אין שטאָט מ., נעבן זיינע עלטערן.

אסתר, אַרומטראַכטנדיק איר לאַגע, דענקט, וואָס טויג מיר מיינע האַרץ־ווייטיקן, וואָס וועלן מיר צו קיין גוטס ניט ברענגען!... זלמן איז ניט פאַר מיר. מען דאַרף קוקן, ווי די וועלט קוקט אויף אַ שוסטער!... קאָן איך דען חלומען וועגן זלמנען? צו וואָס זיך אַליין נאַרן? דער קוזין אפרים איז צוגעפּאַסט אין אַלע הינזיכטן: שיין, גוט, ווי אויך רייך. ער וועט זיך ניט קאָנען קעגן מיר האַלטן גרויס, וואָס איז וויכטיק פאַר דער פרוי. קיין נדן האָט דאָך ניט דער פאָטער! קאָן מען זאָגן, אַז ס'איז אַ גליק־זאַך, ווי אויך אַ גליק פאַר די אָרעמע עלטערן. זיי לעבן פיל איבער צוליב אונדז, ווייל מיר זיינען שוין דערוואַקסענע טעכטער! אַלזאָ, טראַכט זי: איך וועל מוזן איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשליסן. און באַשליסט צו זאָגן אַ יאָ־וואָרט. ווי קאָן איך דען אַנדערש מאַכן?...

אָבער דאָס האַרץ קלעמט איר, ווען זי דערמאָנט זיך אין זלמנען!... טראַכט זי, וואָס בין איך אַזוי פאַרנאַרט? ער האָט דאָך מיר אויסגעמיטן... ס'איז דאָך פאַר מיר פאַרשטענדלעך! ס'לעבן איז קאָמפּליצירט, אַרויסלאָזן דעם שאַנס? ווער ווייסט, וואָס איך וועל טרעפן? און די יאָרן שטייען ניט! אַזוי, טראַכטנדיק, קומט אַריין זלאַטקע און פרעגט איר:

„אסתר! וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט? קוק אויף מיר, איך האָב גלייך באַשלאָסן און אַראָפּ פון מאַרק! באַשליס, אסתר, וועסטו מיר דערמאָנען צום גוטן. מיר, קאָן מען זאָגן, איז ערגער, ווייל שמחה וויל דאָ ניט פאַרבלייבן. איך האָב אויך געוואָלט בלייבן נעבן אונדזערע עלטערן, נו, וואָס קאָן מען מאַכן? אַזוי איז שוין דער שיקזאַל פון מענטש, אָבער דיר, אסתר, איז בעסער! דיינער וויל דאָך פאַרקערט, זיך איינאָרדענען דאָ, דאַרפסטו נאָך טראַכטן? מאַך אַ תנאים און איך וואָלט נאָך וועלן זיין ביי דיר אויף דער חתונה.‟

אסתר האָט זיך צעשמייכלט און אין האַרצן טראַכט זי: יאָ, זלאַטקע, דיר איז גוט, דיין האַרץ האָט קיינער ניט באַהערשט! אָבער וואָס איז

זי שולדיק אין מיינע איבערלעבונגען? און אַזוי, זיצנדיק, רעדנדיק, איז אַריינגעקומען די מוטער מיט אַ צופרידענעם געמיט און זאָגט:

„קינדער! איר דאַרפט זיך שעצן גליקלעך, ווען איר זאָלט הערן, וואָס אין שטאָט רעדט מען? „איר זייט פון די געציילטע גליקלעכע, וואָס האָבן גרויס מזל. געקומען צוויי רייכע שיינע בחורים און נעמען אָן נדן צוויי שוועסטער. איר מוזט עס, קינדער, קאָנען אָפּשאַצן!... ס׳איז טאָקע בלי עין הרע אַ מזל!"

די מוטער באַמערקט, אַז אסתר איז ניט אַזוי צופרידן, ווי זי וואָלט באַדאַרפט צו זיין, זאָגט זי:

„טאָכטער מיינע! ווען איך זאָל אייך דערציילן פון מיינע יונגע יאָרן, ווי איר זעט אייער מוטער, בין איך אויך געווען פאַררעכנט פון די שענסטע מיידלעך פון שטעטל, אָבער מיינע עלטערן זיינען געווען אויך ניט פאַרמעגלעכע מענטשן. איז געקומען אייער פאָטער צו גאַסט צו זיינעם אַ פעטער, האָט ער מיר דערזען און זיך פאַראינטערעסירט. אַריינגעשיקט זיין פעטער צו מיין פאָטער פרעגן, אויב ער איז פאַר־אינטערעסירט, קאָן ער רעדן זיין פלעמיאַניק... ווי מיינסטו? איך האָב געהאַט אַ געליבטן זייער אַ שיינער, געבילדעטער, אָבער זיינע עלטערן האָבן געשטערט. איך, ווי אויך ער האָבן שטאַרק איבערגעלעבט און אין אַ חודש אַרום האָט מען אונדז צו דער חופּה געפירט... און זעסט דאָך, טאָכטער, מיר לעבן ב״ה גוט, אַז מענטשן זיינען אונדז מקנא אונדזער שיינעם שטילן לעבן!... דער פאָטער שעצט מיך, אפשר בעסער, ווי דער געבילדעטער וואָלט מיך געשעצט. אַ לאָטעריי, ווי איינער שפּילט אויס!... דיין קוזין איז אַ שיינער, רייכער, גוטער. דו וועסט לעבן פאַר אים גליקלעך... און, ווי איך זע פון זיין באַנעמונג צו דיר, וועט ער דיר תמיד אַכטן, שעצן און וואָס דאַרף מען מער אין לעבן? מיידלעך זיינען דיר שוין מקנא!... זיי מוטיק און דרייסט, ווייז אַרויס צופרידנהייט, וועט דיר נאָך בעסער זיין און וועסט זיין מיט לייטן גלייך. הער זיך צו דיין מוטערס ראָט!..."

אסתר, אויסהערנדיק איר מוטערס דערקלערונג, טראַכט: ווי זי וואָלט געווען ביי מיר אין האַרץ! זי איז אַ גוטע, קלוגע מוטער, אָבער, וואָס קאָן זי מיר העלפן? זי איז אויך אויפריכטיק, זי רעכנט אויס אַלץ, אָבער צי קאָן איך זיך פאַראורטיילן? יעדער מענטש באַזיצט זיין כאַראַקטער. ניט אַלע קאָנען לייכט אויפגעבן זייערע הערצלעכע געפילן!... ער איז מיר איינגעבאַקן אין האַרץ מיט זיין שיינעם, סימפּאַטישן אויסזען, ווי אויך

זיינע קלוגע, גוטע אויגן, וואָס שטייען מיר תמיד אַנטקעגן!... און גאָט ווייסט, אויב איך וועל אים קאָנען פאַרגעסן?..."

קומט אַריין דער קוזין אפרים און זאָגט:

„אסתר! מיינע עלטערן וואַרטן אויף דיר און ווילן מיט דיר רעדן."

אסתר, אַריינקומענדיק צו אפרימס עלטערן, איז שוין דער טיש געווען סערווירט מיט וויין, בראָנפן און טאָרט. אויך אירע עלטערן זיינען געזעסן און גערעדט צווישן זיך, אַז מען דאַרף דעם תנאים צואיילן, ווייל שמחה מיט זלאָטקעס ווילן אין דעם חודש מאַכן די חתונה, אַזוי אַז זיי ווילן זיין אויף אסתר—אפרימס חתונה, ווייל גלייך נאָך זייער חתונה פאָרן זיי אָפּ קיין אַמעריקע. פרעגן די עלטערן:

„וואָס זאָגט איר, קינדער?"

אסתר זיצט אַ פאַרטראַכטע. פרעגט מען זי ווידער:

„וואָס זאָגסטו, אסתרל?..."

איר האַרץ האָט אַזש אַ ציטער געטאָן!... דאַקעגן אפרים האָט אַרויס־געוויזן צופרידנקייט, מחמת ער האָט איר שטאַרק ליב באַקומען. און ווען ער זעט, אַז זי איז פאַרטראַכט, ווי אויך גלייכגילטיק צו אים, ווערט ער אויסער זיך. טראַכט ער: אפשר האָט זי איר האַרץ עמיצן אָוועקגע־שענקט? עס ברענט אין אים זיין האַרץ פון פאַרצווייפלונג. זאָגן זאָגט ער ניט! און ווער קאָן אים העלפן? און אַזוי ווי ער איז פאַרנומען מיט די פאַרצווייפלטע געדאַנקען, רופן זיך אָפּ די עלטערן:

„נו, חתן־כלה! מען מוז זיך טאַקע לאָזן בעטן?"

אסתרס אויגן ווערן פאַרצויגן, ווי מיט אַ נעפּל, טראַכט זי: איך וועל זיך מוזן באַשליסן! זי פילט דעם טעם, ווי זי וואָלט איינגענומען אַ ביי־טערן פיל, כדי צו זאָגן: „יאָ!" די מוטער האָט זיך צו איר צוגעבויגן און אַ זאָג געטאָן:

„טאָכטער מיינע! ווי גאָט איז דיר ליב, פאַרענדיק און מאַך ניט קיין שפּאָס!..."

איר מוטערס לעצטע ווערטער האָט זי גענומען אין אַכט און שטילער־הייט געענטפערט:

„מאַכט, ווי איר פאַרשטייט!.."

שווער איז געווען דער מוטער אויפן האַרץ, דערהערנדיק איר טאָכ־טערס גלייכגילטיקן ענטפער. אפרים, באַמערקנדיק, ווי אסתר איז פאַר־צווייפלט, האָט באַשלאָסן בעסער שווייגן, וועט עס פאַרבייגיין!

„איך וועל דערגרייכן מיין ציל!.." — האָט ער געזאָגט.

זיין פּאָטער פאַרשטייט, אַז עפּעס איז געשען. ער זיצט, ווי אַ צעטומלטער. ער ווייסט ניט, וואָס קומט דאָ פאָר. און אַזוי, זיצנדיק ביים טיש, קומט אַריין זלאַטקע מיטן חתן צופרידענע, וויסנדיק, אַז היינט 8 אָוונט דאַרף פאָרקומען אסתר־אפרימס תנאים. זאָגט זלאַטקע:

„איר וואַרט אויף אונדז? מיר האָבן עטוואָס פאַרשפּעטיקט."

ענטפערן די עלטערן, אַז זיי האָבן גאָרניט פאַרשפּעטיקט. די מחותנטע בעט זיי זיצן און ווענדעט זיך גלייכצייטיק צום מאַן, אַז ער זאָל אַריינבעטן דעם דין, וועלכער האָט שוין באַדאַרפט צו זיין. און אַזוי רעדנדיק, איז ער גראַד אָנגעקומען, באַמערקנדיק זיי זאָלן ניט זיין ברוגז, וואָס ער האָט אַ ביסעלע פאַרשפּעטיקט, מאָטיווירנדיק, אַז ער איז געווען אויף אַ תנאים. פון איין תנאים אַוועק צו דער צווייטער אין אַ מזלדיקער שעה געקומען... דער דין האָט פאַרנומען דעם אויבן אָן און אָנגעפאַנגען שרייבן די תנאים. צוקומענדיק צום פונקט „נדן", פרעגט דער דין:

„יהושע! וויפל גיט איר נדן?"

„איך גיב דעם גרעסטן נדן!..." — האָט יהושע געענטפערט.

„וואָס הייסט עס?" — פרעגט דער דין.

„מיין טאָכטער איז דער נדן!..." — האָט געענטפערט יהושע.

אפרים, דער חתן, האָט זיך צעשמייכלט, זאָגנדיק, אַז ער גיט דער כלה דאָס גאַנצע פאַרמעגן!...

„וויפל איז די סומע?" — פרעגט דער דין.

„איך פאַרמאָג פינף טויזנט דאָלאַר און דאָס שרייבט אַריין."

„זמן החתונה?" — האָט דער דין געפרעגט.

„ר"ח אלול" — האָט דער חתן געענטפערט.

ווען דער דין האָט פאַרענדיקט דאָס איבערלעזן די תנאים, האָט דער עולם געמאַכט „לחיים", ווינטשנדיק חתן־כלה, מחותנים „מזל־טוב!"... חתן־כלה האָבן זיך צעקושט מיט די עלטערן, צווינטשנדיק זיך קעגנזייטיק: „מזל־טוב!"

די ברידער, ווי אויך שוועגערינס באַמערקן איינע די צווייטע, אַז זיי זיינען רייכער געוואָרן מיט דעם, וואָס די קינדער האָבן זיי באַגליקט און די ברודערשאַפט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן!...

מען האָט געגעסן, געטרונקען, גוט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אפרים טראַכט: איך האָב גוט געטאָן, וואָס איך האָב זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיק. מיט דעם האָב איך דערגרייכט מיין ציל. געוויס וואָלט געווען בעסער, ווען זי פילט צו מיר אַזעלכע געפילן, ווי איך צו

איר. וואָס קאָן מען מאַכן? אַזוי איז שוין פון דער נאַטור. איינער מוז האָבן שטאַרקע געפילן. אפשר איז עס, מן הסתם, פאַרן צוזאַמענלעבן בעסער?...

אין דער זעלבער צייט טראַכט אסתר: מיר איז איצט לייכטער אויפן האַרץ וועגן דעם, וואָס אפרים האָט אַרויסגעזאָגט ביי די תנאים שרייבן, אַז ער גיט אַוועק זיין גאַנצן פאַרמעגן, וואָס באַווייזט, אַז ער האָט מיר אמת ליב!... עס איז אויך אַ דערגרייכונג, וואָס איז זייער שיין פון זיין זייט. זאָלן מענטשן וויסן, אַז איך נעם אַ רייכן חתן!...

אויף צו מאָרגנס, האָבן מענטשן גערעדט אין גאַס, אַז אסתר נעמט אַ חתן זייער אַ רייכן. ער האָט פאַרשריבן אין די תנאים פינף טויזנט דאָלאַר. אָט אַ מזל פון אַן אָרעמע מיידל!...

אמת, זי איז אַ פיין און קלוג מיידל, אָבער ס'איז דאָך דאָ גענוג שיינע מיידלעך מיט נדנים און זיצן!... יאָ, זאָגן זיי, מען דאַרף צו אַלעמען האָבן מזל!

און אסתר טראַכט: ווען איך וואָלט אים ליב געהאַט, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען!...

אין דער זעלבער צייט האָט זלמן באַקומען אַ בריוו פון זיין שוועס־טער, צו וועלכער ער האָט געשריבן וועגן זיין שדוך, אויף וועלכן ער האָט באַקומען אַן ענטפער:

מיר האָבן דיין בריוו מיט פאַרגעניגן געלייענט. פון דיין שרייבן פאַרשטייען מיר, אַז דו ביזט אַ בכבודיקער בחור, ווען מען רעדט דיר אַזאַ רייכן שדוך, וואָס האָט אונדז פיל פרייד פאַרשאַפט. און וועגן דעם, וואָס דו פרעגסט מיר אָן, אַלס עלטערע שוועסטער, דאַנק איך דיר פאַרן כבוד, וואָס דו דערטיילסט מיר. דאָס אַליין באַפרידיקט מיר, אַז מיר פאַרמאָגן אַזאַ קלוגן און גוטן ברודער. דער עיקר וועגן דעם, וואָס דו שרייבסט, אַז די כלה איז דיר ניט אַזוי שטאַרק געפעלן, איז עס אַ זאַך, וואָס קיינער קאָן דיר ניט עצהן. טו, ווי דיין האַרץ דיקטירט דיר און באַשליס אַליין, וועסטו זיין צופרידן.

מיר ווינטשן דיר, אויב דו וועסט באַשליסן, זאָל זיין אין אַ גליקלעכער שעה.

דיין שוועסטער ל א ה.

עוואַ מיט דער מומען גריסן דיר האַרציק!

זלמן, נאָכן איבערלייענען דער שוועסטערס בריוו, איז נאָך מער צערודערט געוואָרן וועגן זיין ענין. זיין חבר שאול האָט די לעצטע צייט באַמערקט, אַז זלמן איז שטאַרק פאַרטראַכט! טראַכט שאול: עפּעס איז מיט אים געשען! פרעגן אים, האָט ער ניט געוואָלט. אין דער זעלבער צייט טראַכט זלמן: אפשר זיך מיישב זיין מיט שאולן? ער איז דאָך אַ קלוגער בחור. הערן, וואָס וועט ער וועט מיר עצהן? ניט לאַנג טראַכטנ־דיק, ווענדעט ער זיך צו אים:

„שאול! איך האָב צו דיר אַ בקשה, הער מיך אויס אַן ענין, וואָס איז מיר שווער דעצידירן.”

„איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דו לעבסט איבער. אַלזאָ, זלמן, דערצייל.”

ער האָט אים אַלץ פאַרטרויט און געבעטן ס׳זאָל זיין אַ סוד. ווי זאָגט מען: אַן עצה פון אַ גוטן פריינד, איז וויכטיקער, ווי געלט. ווייל געלט פאַרפירט טיילמאָל דעם מענטש!... ווי דיר איז באַוווסט, בין איך אַ יתום און איך פאַרמאָג צוויי שוועסטער. אַן עלטערע פון מיר און אַ יונגערע. אייגנטלעך, האָט מען שוין באַדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן זיי, ליידער, האָבן מיר ניט ווער ס׳זאָל וועגן אונדז זאָרגן.

ווי דיר איז באַוווסט, בין איך געוועזן אויף דער וווינונג ביי אַ שוסטער. דעם שוסטערס יונגערע טאָכטער איז אַ בילד־שיינהייט, ווי אויך אַ קלוגע. ווי פאַרשטייסטו, שאול, האָב איך געקאָנט זיין גלייכגילטיק? קורץ, זי האָט באַהערשט מיין האַרץ, איך האָב געפילט אַז איך פאַרליר דעם קאָפּ. האָב איך איינגעזען, איך מוז מיינע געפילן באַהערשן! ווי זאָגט דער פּרק: „איזהו גבור הכובש את יצרו”... האָב איך באַשלאָסן פאַרלאָזן די וווינונג און זיין פון דער ווייטנס. אמת נאָכן אַוועקגיין איז מיר געוואָרן נאָך שווערער, מחמת געפילן האָבן קיין גרענעץ און רעכענען זיך ניט מיט יחוס... מען זאָגט, אַז ליבע איז בלינד. ווען די וועלט זאָגט אַ גלייך־ווערטל, שטעקט אין דעם פיל אמת! ווען איך פלעג ערנסטער אַ טראַכט טאָן, האָב איך איינגעזען, אַז איך בין אויך בלינד... און בעמעגדיק אין באַטראַכט איר און מיין מאַטעריעלע לאַגע, איז אוממעגלעך! סיידן ווערן אַ שוסטער... ס׳איז דאָך קיין פּלאַן! אַלזאָ, באַטראַכטנדיק אַלץ, האָב איך זיך גובר געווען און גענומען לערנען פליייסיקער. און איצט דער עיקר:

אפשר האָסטו באַמערקט, קומט אַריין צו מיר אַן עלטערער ייִד און דרייט מיר ווידער מיין קאָפּ. אין אָנפאַנג האָב איך אים אַנטזאָגט. דו

ווייסט דאָך, שאול, ווי די שדכנים קאָנען פאַרדרייען דעם קאָפּ. למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אַן ערנסטן ענין. ער ווייזט אויף, אויף אַזוי ווייט, אַז איך האָב באַשלאָסן מאַכן אַ זעאונג. קורץ, איך האָב זיך מיט איר געזען. זי איז שוואַרץ, קליין־געוויקסיק אַזוי, ס׳איז מיר געוואָרן טרויעריק אויף דער נשמה!... איך האָב אַפילו ניט געקאָנט רעדן מיטן מחותן. וואָס אַן אמת, זיינען אירע עלטערן זייער סימפּאַטישע און רייכע. זיי האָבן אַ גרויסן ווייַן־געשעפט און זי איז אַ בת יחידה. לויט דער שדכן זאָגט, בין איך זיי אַלעמען געפעלן געוואָרן. איז מיר שווער אויף דער נשמה. קורץ, איך האָב דעם שדכן געזאָגט, אַזוי ווי איך האָב אַן עלטערע שוועסטער, מוז איך פאַר איר טראַכטן. דערצו בין איך נאָך יונג און האָב נאָך אַ יונגערע שוועסטער. ווען איך האָב עס אים דערקלערט, ווי מיינסטו, וואָס האָט ער מיר דערקלערט? ווען איך וועל חתונה האָבן מיט דער רייכער כלה, וועל איך האָבן די מעגלעכקייטן העלפן מיינע שוועסטער. אַלזאָ, ס׳איז, ווי געזאָגט, אַ געדאַנק. האָב איך אין אַ בריוו אָנגעפרעגט מיין שוועסטער, אויף וועלכן זי האָט מיר געענטפערט, אַז זי איז ניט דאַקעגן איך זאָל חתונה האָבן. און וועגן דער כלה שרייבט זי, אויב איך וועל איינגעפינען, אַז זי איז פּאַסנד, זאָל איך ערנסט אַ טראַכט טאָן. און וועגן אַן עצה געבן אין לעבנס־פראַגן, וויל זי אויף זיך ניט נעמען די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. ווייס איך ניט, ווי צו האַנדלען? ווי איז דיין מיינונג, שאול?"

„איצט, זלמן, פאַרשטיי איך דיר. דיין שוועסטער איז אַן אויפריכ־טיקע, גוטע, קלוגע פריילין. דאָס איז ניט סתם געשריבן. איך מוז דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, אַז זי האָט פולקאָם רעכט. איך וועל דיר דאָס זעלבע זאָגן און צוגעבן, ווי דער שדכן האָט דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט אַ טראַכט טאָן, ווייל ניט וויכטיק איז די שיינקייט פון דער פרוי, וויכטיק איז דאָס צוזאַמענלעבן. ווען די פרוי איז אַ גוטע, קלוגע און געלערנטע, שאַפט זיך דאַן אין לעבן האַרמאָניע! און שיינקייט איז, ווי איינער אין לעבן זוכט. איינעם אימפּאָנירט שיינקייט, מעג זי ניט זיין קיין קלוגע. אַ צווייטן — געלט א.א.וו. זלמן, דו דאַרפסט אַליין באַטראַכטן, וואָס דיר אימפּאָנירט און ניט אָפּוואַרפן, ווייל אַמאָל איז אַ מענטש ניט אויפגעלייגט און אפשר האָסטו אין די געדאַנקען דיין פאַרצווייפלטע ליבע, דערפאַר איז דיר שווער צו דעצידירן. אַלזאָ, איך וואָלט אויף דיין אָרט אָט וואָס געטאָן: געמאַכט נאָך אַ זעאונג און מינדלעך אַדורכגערעדט זיך, כדי איר צו קאָנען לערנען. דאָס איז מיין

עצה. געדענק, אַז שיינקייט פון אַ פרוי איז ביז דער חתונה און גוט־קייט, ווי אויך שכל איז דער עיקר. איז דאָס בעסטע זאָלסט נאָך ניט זאָגן „יאָ", אָדער „ניין"... מיטן שדכן דאַרפסטו אַזוי האַנדלען. איך מוז דיר באַמערקן, אַז דו ביזט אַ קלוגער בחור, ניט לויט דיינע יאָרן. דו ביזט נאָך יונג, קאָנסטו זיך ניט דעצידירן. האַלט זיך מוטיק און באַדענק, וואָס דו האָסט צו טאָן!...

זלמן! איך בין עלטער פון דיר און פאַרמאָג ב"ה עלטערן מיט ברידער, וואָס זיינען זייער גוט סיטואירט. מיינע עלטערן שרייבן מיר, אויב איך וועל זיך דאָ צופּאַסן אַ פּאַסנדע פריילין, זאָל איך ניט טראַכטן פון געלט און שיינקייט. זען זי זאָל זיין אַן אַנשטענדיקע, גוטע און קלוגע פריילין. פאַרוואָס זאָג איך דיר עס? כדי געבן דיר צו פאַרשטיין, אַז איך מיין ערנסט. ניט חלילה שווער מאַכן דיר אויפן האַרץ מיט דעם, וואָס דו ביזט ניט קיין פאַרמעגלעכער. איך בין אויך אַזוי פאַר־מעגלעך, ווי דו. נאָר וואָס, מיינע עלטערן זיינען פאַרמעגלעך און זיי ראַטן מיר דאָס זעלבע, ווי איך ראָט דיר!..."

זלמן, אויסהערנדיק שאולס עצה, האָט געמאַכט אויף אים אַ גוטע שטימונג. ער איז צוגעגאַנגען צום ספר־שראַנק, אַרויסגענומען אַ גמרא, פּלוצים איז אַריינגעקומען דער שדכן, וועלכער האָט אים איינגעלאַדן קומען דעם אָוונט מיט אַ באַזוך, אויף וואָס זלמן האָט איינגעשטימט. דער שדכן האָט זיך מיט זיין ענטפער צופרידנגעשטעלט... ער האָט שוין אים מער ניט געוואָלט אָנשטרענגען, בלייבנדיק אין דער האָפענונג, אַז עפּעס וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען...

ווען דער שדכן האָט זיך פון זלמנען דערוווּסט, אַז ער האָט אַן עלטערע שוועסטער, האָט ער וועגן דעם די גרינשטיינס אינפאָרמירט, וועלכע האָבן זיך מיט דעם פאַראינטערעסירט, ווייל פרוי גרינשטיין האָט אַ ברודער אַן עלטערן בחור. ער איז גוט סיטואירט און קאָן זיך ניט צופּאַסן אַ פּאַסנדע פריילין. פון פאַך אַ דענטיסט, אויסרעכענענדיק, אַז זלמנס שוועסטער וועט פאַר אים זיין פּאַסנד. אין דעם פאַל, וועט עס מאַכן אויפן חתן אַ גוטן איינדרוק און זיי האָבן באַשלאָסן רעדן מיט אים אָפנהאַרציק, ווייל זיין לאַגע איז זיי באַוווּסט, אָבער געניי, וואָס ער טראַכט וועגן זייער טאָכטער דאַרף מען וויסן. ניט רעדן דורך דעם שדכן, נאָר מיט אים פּערזענלעך, ווי אויך באַרירן מיט אים דעם ענין וועגן זיין שוועסטער... עדה האָט זיך גליקלעך געשעצט, דערהערנדיק, ווען דער שדכן האָט איבערגעגעבן, אַז דער חתן האָט די איינלאַדונג

אַנגענומען. זי איז געווען אין אים שטאַרק פאַרליבט. ניט געגעסן, ניט געשלאָפן און שטאַרק נערוועאיש געוואָרן.

די עלטערן האָבן עס גוט באַמערקט און פיל איבערגעלעבט, ניט אַרויסווייזנדיק זייער אומרו, בכדי ס׳זאָל אויף איר ניט ווירקן ערגער...

אין דערוואַרטונג אויף זיין קומען, איז איר די צייט געווען לאַנג־ווייליק. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שיינע באָרדאָ־קלייד, באַפּוצט מיט אַ ווייסע ראָזע, געמאַכט אַ מאָדערנע פריזור, אויפן האַלדז אָנגעטאָן אַ מעדאַליאָן געפאַסט מיט אַ גרויסן בריליאַנט, וועלכער האָט באַלויכטן אין איר טונקעלן פנים. אָנקוקנדיק זיך אין שפּיגל, האָט זי פון שמחה גע־שטראַלט, טראַכטנדיק, אַז סוף־סוף וועט זי אויף אים מאַכן אַ גוטן איינדרוק... און די עלטערן וועלן אַלץ אָנווענדן, אַז דער שדוך זאָל ווערן.

נאָר איין זאַך איז איר שווער געווען, וואָס זי איז 25 יאָר אַלט און דער חתן ניט קיין גאַנצע 18. טראַכט זי: אירע עלטערן זיינען רייך, וועלן זיי שוין מאַכן אַלץ, אַז ס׳זאָל זיין אין אָרדענונג!...

און אַזוי ווי זי זיצט און באַטראַכט זיך ווידער אין שפּיגל, זאָגט זי צו זיך: ווי גליקלעך וועל איך זיין, ווען איך וועל הייבט אין זיינע אויגן אויסזען גוט און מיר וועט געלינגען מאַכן אויף אים אַ גוטן איינדרוק!... איך מוז זיך מיט אים וואַרעם באַגריסן און אַרויסווייזן מיין העפלעכקייט, ווי אויך מער ענערגיש זיין. אַזוי זייענדיק שטאַרק פאַרנומען מיט אירע נערוועאיש־פאַנטאַסטישע געדאַנקען, גיט מען איר איבער, אַז דער חתן מיטן שדכן זיינען געקומען.

עדה, דערהערנדיק די איבעראַשנדע בשורה, האָט זיך באַהערשט און איבערשטאַרקט אירע אָנגעשטרענקטע נערוון, זאָגנדיק צו זיך: מען דאַרף זיך ניט פאַרלירן און האַלטן זיך מוטיקער!... ענדלעך האָט זי געפאַסט מוט און אַריין אין סאַלאָן, באַגריסנדיק זיך העפלעך מיטן חתן, ווי אויך מיטן שדכן. די עלטערן מיטן שדכן זיינען אַריין אין אַ צווייטן צימער, איבערלאָזנדיק אין סאַלאָן עדהן מיטן חתן.

זיצנדיק אַזוי אין סאַלאָן, און פאַרברענגענדיק, באַמערקט זלמן אַ פאָרטעפּיאַן, פרעגט ער:

„פריילין גרינשטיין, ווער שפּילט ביי אייך?"

„איך שפּיל." — האָט געענטפערט עדה.

„ס׳איז שיין און גוט, ווען מען קאָן שפּילן! איך האָב זייער ליב צו הערן שיינע מוזיק, אָבער ליידער, שפּילן קאָן איך ניט."

„אויב אייך, הער פינקעלשטיין, (זלמן) אינטערעסירט מוזיק, איז עס וויכטיק, ווייל אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט מוזיקאַלישע געפילן, קאָן אָפּשאַצן שיינע מוזיק!” — האָט געזאָגט עדה.

„איך גלויב, אַז יעדער איינער פאַרשטייט, וואָס גוט איז.” — זאָגט זלמן.

„גוטס איז אַ זאַך, ווי איינער נעמט אַן... ניט אַלע מאָל צייכנט זיך דער מענטש אויס מיטן שיינעם אויסזען, ווי די פלאַש מיטן עטיקעט. ס׳גיבט אַ פלאַש מיט אַ שיינעם עטיקעט, אָבער דאָס ווייַן איז ניט צו גוט. דאָס זעלבע פאַרקערט...”

אַזוי, רעדנדיק מיט פריילין גרינשטיין, טראַכט ער: זי איז געבונג ענערגיש און פאַרשטייט, וואָס זי רעדט. איר ענטפער איז לאָגיש. פרעגט ער זי, וואָס לעזט זי? ענטפערט זי:

„לעזן איז וויכטיק, ווייל עס לערנט, נאָר מען דאַרף לעזן, וואָס האָט אַ גוטן אינהאַלט. אַזוי אויך אין לעבן דאַרף מען טראַכטן לאָגיש, דאַן ברענגט עס צו גוטע רעזולטאַטן...”

„אַנטקעגן דעם, וואָס איר, פריילין גרינשטיין, באַטאַנט: „גוטע רעזולטאַטן”, ווענדעט זיך צו וואָס איינער שטרעבט. איינער שטרעבט צו רייכקייט, אַ צווייטער — צופרידנהייט. מען קאָן זיין רייך און ניט צופרידן... און ווען אַ מענטש איז ניט צופרידן, צי קאָן דען עס ברענגען גוטע רעזולטאַטן?...” — האָט דערקלערט זלמן. ער זעצט פאָר, אַז קיינע קאַפּיטאַלן זיינען ניט אומשטאַנד באַווירקן דעם מענטשנס געפילן, ווען דער צווייטער פאַרמאָגט עס ניט...”

„אַזוי, ווי איך האָב שוין באַטאַנט, — זאָגט עדה, — אַז צו מוזיק מוז מען האָבן געפילן, אַנדערש נעמט מען ניט אויף די קלאַנגען, אַזוי איז אויך אַ האַרץ. דאָס האַרץ פון מענטש איז געגליכן צו אַן אינסטרומענט. עס קאָן ניט אַרויסגעבן איר פאַראינטערעסירונג מיט די פינגער, נאָר מיט ווערטער. און אויב דער צווייטער איז ניט פאַראינטערעסירט, קאָן ער עס ניט אויפנעמען!...”

ער טראַכט: זי לעבט אויך איבער אַ טראַגעדיע, וואָס זאָל ער איר ענטפערן? און ער ענטפערט איר:

„דאָס לעבן איז ניט קיין טראַנזאַקציע. ווי איינער מאַכט אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, אָבער געפילן זיינען גאָר אַנדערש. אַמאָל באַהערשט דעם מענטש אַזאַ געפיל, וואָס איז ניט פּאַסנד און ווירדיק, אָבער די מעכטיקייט פון אַזעלכע געפילן זיינען צייטנווייז ניט צו באַהערשן!...”

„איך האַלט, — זאָגט עדה, — ווען אַ מענטש פאַרמאָגט אַ ווייטן קוק, דאַרף זיך קאָנען באַהערשן, ווען ער פאַרשטייט, אַז פאַר אים איז ניט פּאַסנד... מען דאַרף ניט זיין פאַרבלענדט! מען דאַרף קוקן אויפן לעבן, לויט די ווירקלעכקייט. דאָס לעבן דאַרף ניט זיין, ווי אַ שוי־פענצטער, וואָס פאַרבליפט דעם מענטשנס אויג, וואָס פירט אים אַריין און ער קויפט, וואָס ס׳פּאַסט ניט פאַר אים...״

טראַכט זלמן: זי פאַרשטייט מיך גוט. אויך זי פאַרמאָגט דעם 6־טן חוש. פּלוצים איז אַריין די מוטער, וועלכע האָט זיי פאַרבעטן צו טיי. זלמן האָט פרוי גרינשטיין באַדאַנקט.

זיצנדיק אַזויביים טיש און געניסנדיק פון גוטן כיבוד, וואָס פרוי גרינשטיין האָט פאָרגעברייט, טראַכט זלמן: די פריילין גרינשטיין איז ניט די זעלבע, ווי איך האָב פאַריקן מאָל וועגן איר געהאַט אַ מיינונג. מיט אַזאַ פריילין איז דאָ וואָס צו רעדן. זי באַזיצט פילאָסאָפיע...! ווי האָט מיר מיין חבר שאול דערקלערט, אַז שיינקייט איז נאָר ביז דער חתונה... ד. ה. ס׳איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס גייט פאַריבער. דאַקעגן שכל, ווי אויך לערע איז אַן אייביקייט!... ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז לערע איז ליכט!... אויך וועגן שכל זאָגט מען, אַז בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרשפּילן, ווי מיט אַ נאַר צו געווינען!... אַלזאָ שכל און לערע איז אַן אמתע באַפרידיקונג, פון וועלכעס עס ברענגט דעם מענטש צו אַ העכערער מדרגה!... מיט איר לאָגישן פאַרשטאַנד, קאָן זי שאַפן גוטע געפילן, וואָס קאָן האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג אין פאַמיליען־לעבן. מען פילט אויך אַרויס, אַז זי באַזיצט אַ גוטן כאַראַקטער.

נעמענדיק אַלץ אין באַטראַכט, קאָן איך דאָך ניט באַפרייען זיך פון די גייסטיק־שמערצלעכע איבערלעבונגען צוליב אסתרן!...

פּלוצים שלאָגט אים איבער הער גרינשטיין די געדאַנקען, פרעגנדיק, צי ער האָט דאָ קרובים?

ענטפערט זלמן, אַז דאָ האָט ער ניט קיין קרובים. אין דער פּראָווינץ האָט ער צוויי שוועסטער. איינער אַן עלטערע און די צווייטע אַ יונגערע.

אויף הער גרינשטיינס פראַגע, וואָס די שוועסטער טוען? ענטפערט ער: „די עלטערע אַרבעט ביי אונדזער אַ טאַנטע אין הוטן־בראַנזשע. די יונגערע — אָנגעשטעלט אין אַ וויין־געשעפט.״

„שוין לאַנג, אַז איר האָט די עלטערן פאַרלוירן? — פרעגט הער גרינשטיין.

„דעם פאָטער, ז״ל, האָב איך פאַרלוירן, אַלס זייענדיק 12 יאָר. די מוטער ז״ל — שוין זייענדיק אין ישיבה״.

„וואָס קאָן מען מאַכן? מיטן רבונו של עולם קאָן מען זיך ניט משפטן! אַ מענטש דאַרף קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג?״

„יאָ, יאָ!״ — האָט זלמן צוגעשטימט.

הער גרינשטיין האָט אים אַריינגעבעטן אין קאַבינעט און ער האָט זיך צו אים געווענדעט מיט פאָלגנדעס:

„איך מוז אייך, ווי אַ פאָטער, דערקלערן בנוגע אונדזער איינלאַדונג. איך גלויב, אַז איר פאַרשטייט, אָן קאָמענטאַרן, אַז איר האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ ישיבה־בחור. געמאַכט אויף פיל מענטשן אַ גוטן איינדרוק. פריער־שפעטער מוז מען דאָך אַ טראַכט טאָן וועגן תכלית. האָט מען מיר פאָרגעשלאָגן אַ שדוך. מיין שווער ז״ל איז געווען דער אייגנטימער פון דעם וויין־געשעפט. ווען איך האָב זיך מיט זיין טאָכטער באַקאַנט, האָב איך באַשלאָסן בינדן אונדזער שיקזאַל. דערפאַר האַלט איך, אַז אַ מענטש דאַרף זיין געוואַגט און גע־וואַגטקייט ברענגט אָפט מאָל גליק, וואָס די רייכסטע עלטערן קאָנען ניט געבן. אַלזאָ איך האָף, אַז אונדזער באַקאַנטשאַפט וועט ברענגען פאַר אונדז נוצן...״

זלמן טראַכט: דער מחותן פאַרלאַנגט מיין צושטימונג. ד. ה., אַז פון זייער זייט איז קיין אָפּהאַלט, וואָס ענטפערט מען אים? ער ענטפערט:

„הער גרינשטיין! אייערע אַרגומענטן פאַרשטיי איך. איך נעם עס אָן גאַנץ ערנסט, אָבער יעדע זאַך מוז מען באַדענקען. זאָגן „יאָ״ דאַרף מען זיין הונדערט פּראָצענטיק איבערצייגט מיט זיך!...״

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפּרעך.

זלמן האָט באַדאַנקט פאַר דער אויפנאַמע, זיך געזעגנט מיט דער פריילין, ווי אויך מיט דער פרוי גרינשטיין און הער גרינשטיין האָט אַרויסבאַגלייט זלמנען, פאַרבעטנדיק אים אויף אַ באַזוך, פאַרוואָס ער האָט אים באַדאַנקט און פאַרשפּראָכן געבן אַנטוואָרט אין אייניקע טעג אַרום.

עדה מיט דער מוטער האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויפן פאָטערס אַריינקומען, כדי וויסן, וואָס האָט דער חתן גערעדט?

ווען דער פאָטער איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז ער נאָך געווען באַאיינדרוקט פון זלמנס ענטפער. ער באַמערקט, אַז עדה מיט דער מוטער וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַן ענטפער. טראַכט ער, אַז אַ קאָנ־

קרעטן ענטפער האָט ער פון אים נאָך ניט באַקומען, וואָס זאָגט מען? איך וועל דערווייל זיי זאָגן, ווי ער האָט מיר דערקלערט. דאָס וועט זיין ס׳בעסטע. אמת, זיי וואַרטן אויף מער פּאָזיטיוועס, וואָס קאָן איך מאַכן? מען מוז צו אַלעם האָבן געדולד. ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז דער פּאָטער איז ניט אויפגעלייגט, האָבן זיי פאַרשטאַנען און אים ניט אָנגעשטרענגט מיט פראַגן. מן הסתם איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו אינטערעסירן.

און אַזוי, ווי זיי טראַכטן באַמערקט ער זייער אומרואיקייט. ער פאַר־שטייט, אַז זיין שווייגן מאַכט זיי שווערער, ווי דאָס רעדן. און ער פאַנגט אָן: צו אַלעם מוז מען האָבן געדולד. איך האָף, אַז גוטס וועט נאָכקומען. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן אין אייניקע טעג אַרום וועט ער מיר געבן תשובה. אַזוי, מיינע טייערע, מוז איך אייך זאָגן, אַז ער מאַכט אויף מיר אויך אַ גוטן איינדרוק. לאָמיר אָנגעמען, אַזוי ווי אונדזער עדה זאָגט: „אַלץ אָנוועגדן, ער זאָל אַריין אין אונדזער משפּחה.״ ער זאָגט פאַר צו זיין אַ וויכטיקער מענטש. מען דאַרף אים פאַרשטיין. ער איז זייער קלוג, ניט לויט זיינע יאָרן. איך האָף, אַז איך וועל אים איבערצייגן״.

מיטן פּאָטערס דערקלערונג, האָט זיך די טאָכטער מיט דער מוטער עטוואָס באַרואיקט. אַזוי זיינען אַריבער אייניקע טעג און זיי וואַרטן נאָך אַלץ אויף אַ תשובה. זלמן טראַכט, וואָס ענטפערט מען? זאָגן, אַז פריי׳לין גרינשטיין איז מיר ניט ווירדיק צו האָבן פאַר אַ לעבנסבאַגלייטערין, איז עס ניט אויסגעשלאָסן. זי פאַרמאָגט טיפע געדאַנקען, מיט איר קאָן מען זיך באַערן. אַלץ וואָלט געווען גוט און פיין, אָבער, וואָס טוט מען מיט די ליבע־געפילן!... ווו נעמט מען כוחות זיך באַהערשן? און אפשר אַרויס־רופן מיין שוועסטער, זי זאָל איר אָנקוקן? וואָס זי וועט מיר עצהן, וועל איך באַשליסן. ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז זי זאָל קומען.

ווען זי האָט דעם בריוו דערהאַלטן, האָט זי דער מומען איבערגעגעבן, וועגן וואָס זי פאָרט. געקומען צו פאָרן אויף זיין סטאַנציע, איז ער נאָך געווען אין דער ישיבה. ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן, איז זי אַוועק צו דער ישיבה און אים אַרויסגערופן. ווען ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט.

זלמן האָט געמאָלדן דעם ראש הישיבה, אַז זיין שוועסטער איז גע־קומען צו פאָרן, האָט ער אים באַפרייט. שאול, דערהערנדיק וועגן זיין שוועסטערס קומען, פרעגט אים:

„זלמן, האָסט אַ גאַסט?״

„יאָ! מיין שוועסטער איז געקומען צו מיר און איך מוז גלייך גיין, ווייל זי וואַרט אויף מיר.״

„אַ שאָד, וואָס איך בין פאַרנומען, ווייל דער שעור פאַנגט אָן.״

„שאול! מיין שוועסטער וועט ביי מיר פאַרברענגען אַ קורצע צייט, וועסטו איר קאָנען זען.״

קומענדיק אויף דער סטאַנציע, האָט אויף אים שוין געהאַט געוואַרט דער שדכן, פרעגנדיק, ווען קומט זלמן?

די בעל־הביתטע האָט אים געענטפערט, אַז היינט וועט ער קומען פריער, מחמת ער האָט אַ גאַסט. זיין שוועסטער איז געקומען.

פרעגט דער שדכן ווי זעט זי אויס?

האָט די בעל־הביתטע געענטפערט: זייער אַ שיינע. זי האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ביי זלמנען זאָל זיין אַזאַ אַריסטאָקראַטישע שוועסטער.

פרעגט דער שדכן: „ווו איז זי?״

„זי איז אַוועק צום ברודער אין דער ישיבה, גלויב איך, זיי וועלן באַלד קומען!״ — האָט געענטפערט די בעל־הביתטע.

און אַזוי זיצנדיק און וואַרטנדיק, זיינען זיי אָנגעקומען.

ווען דער שדכן האָט דערזען זלמנס שוועסטער, איז ער פאַרוואונדערט געוואָרן. באַטראַכטנדיק זי, זאָגט ער צו זיך: דאָס איז אַ „מאַטעריאַל״... מען דאַרף איר פאָרשטעלן מיט גרינשטיינס שוואָגער דעם דענטיסט, אַז גאָט וועט באַגליקן, קאָן מען כאַפּן אַ לייכטן פאַרדינסט!... אָבער מען דאַרף פריער פאַרענדיקן מיטן חתן, מיט וועלכן ס׳איז אַ שווערער פּראָבּ־לעם, אָבער ער האָט דאָך הער גרינשטיינען ניט אָנטזאָגט. לאָמיר האָפן, אַז איך וועל עס אַדורכפירן...

זלמן האָט געבעטן די בעל־הביתטע, זי זאָל זיך מטריח זיין מאַכן טיי. די שוועסטער האָט מיטגעבראַכט טאָרט, זיסוואַרג, ווי אויך אַן אַנצוג, שיך מיט אַ שיין אָבער־העמד, וואָס די מומע האָט מיטגעשיקט.

דער שדכן, באַמערקנדיק, אַז זלמן איז שטאַרק פאַרנומען מיטן גאַסט און ניט וועלנדיק אים שטערן, איז אַוועק, צוזאָגנדיק קומען מאָרגן.

נאָכן אָונט־ברויט האָט זלמן דערציילט זיין שוועסטער, אַז ער האָט אַ געוויסע צייט געוווינט ביי אַ שוסטער און זיך פאַרליבט אין זיינע אַ טאָכטער, אַז ער קאָן איר ניט פאַרגעסן, ווי אויך געווירקט אויף דער לערע און איצט געפינט ער זיך צווישן צוויי פייערן!...

דער אַלטיטשקער, וואָס איז דאָ געוועין, איז דער שדכן, וואָס האָט מיר באַקאַנט געמאַכט מיט דער רייכער פריילין, אָבער זי איז אַ נידעריקע

און ניט קיין צו שיינע. לכתחילה האָט זי אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינ־דרוק, אַז איך האָב ניט געפונען פאַר נייטיק רעדן מיט איר. ווייסטו דאָך, לאה, ווי אַ שדכן קאָן פאַרדרייען דעם קאָפּ! ער האָט מיר ניט אָפּגעלאָזט איך זאָל זיי נאָך אַמאָל באַזוכן. זאָגנדיק דיר דעם אמת, האָב איך געוואָלט אַנטזאָגן, אָבער איך האָב באַטראַכט: ס׳פּאַסט דאָך ניט אַ שפּיי טאָן אין פּנים!... מילא, טראַכט איך, איך וועל זי נאָך אַמאָל אָנקוקן. הכלל איך האָב פאַרשפּראָכן צו קומען. ווען איך בין געקומען, האָט מען מיר זייער פריינטלעך אויפגענומען, אַריינבעטנדיק אין סאַלאָן. אין פאַרלויף פון אונדזער געשפּרעך, האָב איך עס ניט דערוואַרט, וואָס איך האָב פון איר געהערט. זי איז געבילדעט, מוזיקאַליש, באַלעזן און נאָך אַ זאַך, איך פיל, אַז זי איז אין מיר פאַרליבט...

אַלזאָ, נאָך דער צווייטער באַגעגעניש בין איך, ווי צעמישט און קאָן ניט באַשליסן. דעריבער האָב איך דיר אַרויסגערופן, כדי אַדורכרעדן דעם ענין. וואָס זאָגסטו לאה?

„איך פאַרשטיי פון דיר, אַז דו ביסט ווי צעטומלט. באַטראַכט רעאַל, וועסטו קאָנען אונטערשיידן דיינע צוויי באַזונדערע געפילן. איין געפיל זאָגט דיר: ליבע און דער צווייטער — שכל, בילדונג מיט רייכקייט, וועלכעס טראָגט אַ מער פּראַקטישן ווערט. אויב די צוויי פראַגן טראָגן ניט פאַר דיר קיין קלאָרן ענטפער, איז מיין מיינונג: לאָז אָפּ ביידע. איך פאַרשטיי, טראַץ דעם, וואָס איך האָב אין מיין לעבנס־וועג ניט אָנגעטראָפן אויף ליבע־געפילן, דאָך וואָלט איך געהאַנדלט, אָן צווייפל, ניט צוצולאָזן מיינע געפילן צו אַזאַ מענטש, וואָס איז ניט פּאַסנד!... קודם כל דאַרף מען דעם אייגענעם כבוד פאַרהיטן. אויב דו האָסט עס יאָ געקאָנט באַהערשן, איז עס ניט ליבע, נאָר געוווינהייט און געוווינהייטן איז לייכטער צו פאַרגעסן. און וועגן די צווייטע, וואָס דו דער׳ציילטס, מיין ניט, זלמן, אַז עס איז אַ קרומע זאַך, ווייל שכל איז פאַר יעדן ליכט!... און בילדונג!... און רייכ־קייט!... אַלזאָ זלמן! אייל זיך ניט, וואַרט אויף אַ בעסערע געלעגנהייט. אַזוי ראָט איך דיר. ווייטער פרעג זיך אַליין, וואָס דיין האַרץ דיקטירט דיר, אַזוי טו!...״

„שוועסטער, דיין שכל איז אַ לאָגישער. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב דיך אַרויסגערופן. דו האָסט מיר באַלויכטן אין מיין איצטיקן גע־ראַנגל, ז׳אָך ווייס איך ניט, ווי צו באַשליסן.״ — ענטפערט זלמן.

„צי זאָג איך דיר דען טו, ווי איך הייס דיר? די געפערלעכסטע וועגן ברענגען דעם מענטש, וואָס בלאָנדזשען, ווייל פון דיין ענטפער פאַרשטיי

איך, אַז דו ביזט פֿאַרפּירט. און כדי דיר אַרויפֿפֿירן אויף אַ גלייכן וועג, זאָג איך דיר נאָך אַמאָל: ברענג זיך צו אַ נאָרמאַלן צושטאַנד! באַזייטיק דיינע פּוסטע חלומות. דעם שוסטערס טאָכטער וועט דיר סוף־סוף בלייבן פרעמד, ווייל איר זייט ניט פּאַסנד. ליבע איז אַ שטראַל, וואָס נאָך דער חתונה פֿאַרלירט מען דעם ברען און ס׳דרינגט אַריין אַ קאַלטער ווינט אין לעבן. אין דער צייט, ווען מען פֿאַרבינדט זיך מיט פּאַסנדע, אַנט־שפּרעכנדע ווערטן, דאַן פֿאַרשטאַרקן זיך די מענטשלעכע געפֿילן, וואָס געפֿינען אַ באַפֿרידיקונג און ס׳שאַפֿט זיך צופֿרידנהייט. איז וואָס קאָן זיין וויכטיקער? באַטראַכט אַליין און געפֿין אַן ענטפֿער...״

„לאה! — זאָגט זלמן — איך בין איצט ניט אומשטאַנד אונטערשיידן, ווייל, ווי זאָגט מען, ליבע איז אַ טשאַד און ווען אַ מענטש איז פֿאַר־טשאַדעט, פֿאַרלירט ער זיין באַוווסטזיין! און אויב דו האָסט נאָך ניט געפֿילט דעם טעם פֿון ליבע, איז דיר גאַנץ לייכט וועגן דעם צו דיס־קוטירן!...״

„איך פֿאַרשטיי דיך ניט, זלמן, צו וואָס איז עס אַלץ נייטיק געוועזן? דו האָסט מיר געבעטן איך זאָל דיר אויסהערן און געבן אַן עצה. אַלזאָ ס׳איז די עצה פֿון דיין שוועסטער, וואָס ווינטשט דיר נאָר גוטס!״

זלמן וויל איבעררייסן דעם געשפּרעך, גיט ער אַ קוק אויפֿן זייגער און באַמערקט זיין שוועסטער, אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין שלאָפֿן, ווייל מאָרגן פֿרי מוז ער אויפֿשטיין צום ערשטן מנין.

מיט דעם האָבן זיי פֿאַרענדיקט דעם געשפּרעך.

זי טראַכט: אַז איר ברודער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ פּלאָנטער, וואָס קאָן אים אָפּשוואַכן זיינע פֿעאיקייטן. זי וועט מוזן אויף אים ווירקן דיפּ־לאָמאַטיש, אויפֿקלערן ניט נאָר אַלס עלטערע שוועסטער, מוז ער איר פֿאָלגן, ווי אויך אויפֿווייזן, אַז ס׳איז אַ לעבנס־פֿראַגע, כדי אויסבעסערן זיין לאַגע, ווי אויך ער זאָל ניט פֿאַרשעמען דעם כבוד פֿון די עלטערן ז״ל... אַזוי אַרום, גלויבט זי, אַז זי וועט אים איבערצייגן. און ווען ער וועט ענטפֿערן, ווי ער האָט מיר שוין געענטפֿערט, וועט זי אים זאָגן דאָס לעצטע וואָרט, אַז ער זאָל שפּעטער ניט באַדויערן. מעגלעך, אַז ער וועט זיך באַזינען און זיך צוריקקערן פֿון זיין פֿאַטאַלן שריט!...

אויף צו מאָרגנס פֿרי איז זי אויפֿגעשטאַנען, געמאַכט פֿרישטיק, גע־וואָרט אויף זלמנס קומען און געטראַכט, אַז נאָך פֿרישטיק, וועט זי מיט אים רעדן וועגן זיין ענין, אָבער ס׳האָט פּאַסירט אַן אויסטערלישע גע־

שעעניש!... ווען זלמן איז אין דער פרי געקומען אין בית־המדרש, האָט אויף אים געוואַרט זיין חבר שאול מיט אַ נייעס:

„ווייסט, זלמן! איך וועל דיר דערציילן אַ געשיכטע, וואָס דו וועסט באַוווּנדערן. נעכטן, ווען דו ביזט אַוועק אַהיים, בין איך געזעסן נאָכן לערנען און אַריינגעטראַכט אין דיין ענין. הער איך, ווי דער שמש רעדט מיטן דין, וועגן דעם, וואָס ער גייט לעצטנס אַוועק פאַר מעריב? ענטפערט ער: ער איז געווען פאַרבעטן צו יהושע דעם שוסטער אויף צוויי תנאים׳ס. פרעגט דער שמש, וואָס איז ער פלוצים אַזוי רייך געוואָרן? ענטפערט דער דין: פון אַמעריקע זיינען צוויי ברידער געקומען מיט געלט און גענומען זיינע צוויי טעכטער. זאָגט דער שמש: אַ גליק! אַן אָרעמאַן, איז אַזוי באַגליקט געוואָרן! ענטפערט דער דין: זאָל גאָט געבן ביי יידן שמחות!

ווען איך האָב דאָס דערהערט, — זאָגט שאול, טראַכט איך, אַז ס׳מוז זיין דיין געוועזענעמס בעל הבית טעכטער. בין איך ניט פויל געווען און צוגעגאַנגען פרעגן: ווער איז דער שוסטער? האָבן זיי מיר געענטפערט: יהושע. איצט זלמן! קאָנסטו זיך באַרואיקן: דיין „פּרימאַדאָנע״ איז שוין אַ כלה געוואָרן!...״

זלמן, אויסהערנדיק די דערציילונג פון זיין חבר, האָט עס אים אין האַרצן, ווי אַ ריס געטאָן. טראַכט ער: פון איין קרענק בין איך שוין פּטור געוואָרן, דאָך אין האַרץ האָט עס אים ווייך געטאָן. נו, טראַכט ער, מן הסתם איז אַזוי באַשערט!... וואָס טוט מען מיט דער איינלאַדונג? איך האָב דאָך דעם הער גרינשטיין צוגעזאָגט געבן אַ תשובה, וואָס זאָל איך באַשליסן? אפשר אַנטזאָגן און אַן ענדע!

אַהיימקומענדיק עסן פרישטיק, באַמערקט זיין שוועסטער, אַז זלמן איז אויפגערעגט. טראַכט זי: אפשר לאָזן אים צו רו, זאָל ער זיך אַליין באַדענקען! און אויב ער וועט רעדן וועגן תכלית, איז גוט און ווען ניט, וועל איך אים זאָגן, אַז איך פאַר אַוועק. נאָך פרישטיק, איז ער אַוועק, ניט רעדנדיק, ניט פרעגנדיק קיין איין וואָרט.

אין אָוונט, ווען לאה האָט געפירט אַ געשפּרעך מיט דער בעל־הביתטע, איז אַריינגעקומען דער שדכן, פרעגנדיק:

„ווען קומט זלמן?״

„ער דאַרף באַלד קומען״ — האָט געענטפערט די שוועסטער.

אין צווישן־צייט כאַפּט דער שדכן אַ שמועס מיט איר זאָגנדיק:

„איר זייט דאָך זיין שוועסטער, קאָן מען דאָך מיט אייך רעדן, כדי ס׳זאָל קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג. לויט די ווונטשן פון דער כלה און

מחותנים, האָט עס געקאָנט זיין פּאַר אים אַ גליק. זיי זיינען געוואַלדיק רייך און גוטע מענטשן. אים וואָלט דאָך געווען גוט, ווי די וועלט און די כלה איז אַן איינציקע ד. ה. נאָך 120 יאָר איז ער אַ יורש. אַלא וואָס, זי איז ניט אַזוי שיין, אָבער אויך ניט מיאוס. זי איז אַ געבילדעטע, מיט אַ גוטן כאַראַקטער, וואָס עס איז טייערער פּאַר שיינקייט. אַזוי האַלט איך, אַז ער דאַרף אַלץ נעמען אין אַכט און מאַכן אַ תנאים. איך רעד צו אייך, ווייל איך פאַרשטיי, אַז איר, אַלס שוועסטער, קאָנט האָבן אַ השפעה אויף אים!...״

„איך בין צוליב דעם ענין געקומען. מיר איז באַוווסט, אַז ער האָט געהאַט אַ זעאונג. איך האָב וועגן דעם מיט אים גערעדט, ווי אויך אויפמערקזאַם געמאַכט, אָבער אַ פּראָבלעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ לעבנס־פראַגע, קאָן מען ניט אָנוואַרפן אַ ווילן, כדי צו לעזן די פראַגע, דעריבער דאַרף יעדער זעלבסט באַשליסן.״

און אַזוי ווי זיי רעדן, איז אַריינגעקומען זלמן מיט זיין חבר שאול. דער שדכן, דערזעענדיק זלמנען, האָט אים אָפּגערופן און אַ זאָג געטאָן:

„איך וואַרט אויף אייך. איר זייט איינגעלאַדן אויף אַ וויזיט.״

„זייער שיין, — האָט געזאָגט זלמן, — אַנטשולדיקט מיר, איך האָב אַ גאַסט, קאָן איך היינט ניט קומען. מאָרגן 8 אָוונט, האָפנטלעך, וועל איך קומען מיט מיין שוועסטער.״

דער שדכן דערהערנדיק דאָס, איז געוואָרן צופרידן, באַמערקנדיק, אַז די מחותנים וועלן ניט זיין דאַקעגן דער שוועסטערס אָנוועזנהייט. ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט און אָוועק אַ צופרידענער. שאול, באַקענענדיק זיך מיט לאהן, האָט זיך מיט איר שטאַרק פאַראינטערעסירט. זי איז געווען שיין, הויך, סימפּאַטיש. אירע לאַנגע וויעס האָבן באַדעקט אירע גרויסע, שוואַרצע, קלוגע אויגן. איר שוואַרצער געקרייזטער קאָפּ האָר האָט גע־בלאַנקט, ווי סאַמעט. אירע שיינע הענט מיט די לאַנגע פינגער, האָבן געפּאַסט זי זאָל זיין אַ פּיאַניסטין. איר איידעלע באַנעמונג, האָט אויס־געזעען צו זיין ,ווי זי וואָלט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער היים. שאול טראַכט: מיין וועג איז ניט אומזיסט, אָבער ווער ווייסט, אפשר איז זי שוין אַ כלה? איך וועל עס זיך דערוויסן פון זלמנען. ווידער טראַכט ער: אפשר וועל איך איר ניט געפעלן? אַזאַ פריילין קאָן האָבן גרויס דערפאָלג! ווען איך וואָלט געווען אַזוי שיין און הויך, ווי זלמן, וואָלט איך געקאָנט האָפן, אָבער וואָס קאָן איך מאַכן? אויב איך וועל האָבן מזל, וועל איך דערגרייכן צו דעם, וואָס איך טראַכט!...

זלמן האָט באַמערקט, ווי שאול איז פאַראינטערעסירט מיט זיין שוועס־טער. דאָס איז אים געווען צום האַרצן, וויסנדיק, אַז שאול איז אַ טייערער בחור און פון רייכע, פיינע עלטערן. דערביי טראַכט ער, אַז ער איז ניט צו הויך און ניט אַזוי שיין. איך וועל פרובירן רעדן מיט לאהן, וועל איך וויסן. איך וואָלט געווען צופרידן, ווען שאול זאָל ווערן מיינער אַ שוואָ־גער. לאה האָט צוגעגרייט אַ שיינעם כיבוד לכבוד זלמנס חבר און אים אַריינגעבעטן אין צימער. שאול האָט געגעסן פון כיבוד, מען האָט גערעדט פאַרשידנס. לאה האָט אָנגעדייטעט איר ברודער, אַז יעדער מענטש דאַרף גיין אין לעבן מיטן אייגענעם שכל, ווייל דאָס האַרץ טאָר ניט גובר זיין דעם שכל. דעם מענטשנס האַרץ איז בלינד און נאָכיאָגן זיך נאָך תאווה, קאָן פאַרפירן דעם קליגסטן מענטש. דער שכל הישר איז דער בעסטער וועג־ווייזער. שאול האָט אויפמערקזאַם געמאַכט זלמנען, אַז זיין שוועס־טער איז אַ קלוגע, זי קאָן זיין אַ גוטע מורה־דרך...

זלמן האָט זיך צעשמייכלט פון צופרידנהייט, טראַכטנדיק, אַז זיין שוועסטער קאָן מאַכן אַ גוטן איינדרוק. אָבער אים איז איינגעפאַלן אַ בליק־געדאַנק, אויב זי וועט מסכים זיין, וועט ער איר אַוועקנעמען קיין אַמעריקע. ער גראָד וואָלט עס ניט וועלן, ווייל וועמען פאַרמאָגט ער א חוץ די צוויי שוועסטער? אין דעם מאָמענט, באַמערקט שאָול, אַז ביי זלמנען האָט זיך געביטן די שטימונג. פאַרשטייט ער, אַז זלמן איז ניט צופרידן, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט אַ גוטע מיינונג וועגן זיין שוועסטער, ווייל ער טראַכט, אַז זי וועט זיין איינשטימיק פאָרן מיט מיר קיין אַמעריקע, דערפאַר איז זלמן געוואָרן אומצופרידן. לאה האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געמאַכט אויף שאולן אַ גוטן איינדרוק, אָבער זי האָט ניט געלייגט צופיל אַכט, ווייל זי האָט באַמערקט זלמנס אומצו־פרידנהייט. טראַכט זי, אַז זי דאַרף זיך האַלטן קאָרעקט. ווידער טראַכט זי, אפשר איז ער ניט צופרידן מיט דעם, וואָס איך בין דאַקעגן זיין ליבע? זאָל ער טאָן, ווי ער פאַרשטייט. איך וועל פאָרן צוריק...

אַזוי האָט זיך פאַרשאַפט אַן אומפאַרשטענדלעכקייט צווישן זיי.

לאה האָט באַטראַכט, ס'איז ניט פּאַסנד אַרויסצוווייזן אומצופרידנקייט אין קעגנוואַרט פון זיין חבר. זי האָט זיך באַצויגן גאַנץ ערנסט און גלייכצייטיק פריינטלעך אין דער צייט פון זיין אַנוועזנהייט.

שאול טראַכט: וואָס איז מיט זלמנען געשען? איך פאַרשטיי אים ניט, דאָך האָט ער אויך ניט אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנהייט, וויפל

ער האָט געפילט און פריינטלעך זיך געזעגנט מיט זיי, באַדאַנקענדיק פאַר דער אויפנאַמע און אַוועק אין אַ שלעכטער שטימונג.

אויף לאהס אַ פראַגע:

„ווער איז דער בחור?"

האָט זלמן געענטפערט:

„מיינער אַ חבר."

„פאַרוואָס ביזטו ניט גערן געווען מיט זיין קומען? און אויב דו האָסט ניט גערן דיין חבר, פאַרוואָס האָסטו אים אַיינגעלאַדן?.."

„לאה! דיין פראַגע איז אַ ריכטיקע. ערשטנס, האָב איך אים ניט איינגעלאַדן. ער האָט זיך אַליין אַנגעבעטן, ווייל ער האָט זיך געוואָלט מיט דיר באַקענען. צווייטנס, דערפאַר בין איך ניט צופרידן, באַמערקנ־דיק, אַז ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דיר, האָב איך אויסגע־רעכנט, אַזוי ווי ער איז אַן אויסלענדער, קאָן ער דיר נאָך מאַכן אַ פאַר־שלאַג און דו וועסט דאַרפן מיט אים אָפּפאָרן נאָך אויסלאַנד... אמת, ער איז אַן אָנשטענדיקער בחור, דאָך וואָלט איך ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט פון אונדז אַוועקפאָרן."

לאה, אויסהערנדיק איר ברודער, זאָגט:

„דו ביזט שוין אין די יאָרן, וואָס מען רעדט דיר שדוכים, אָבער דיין האַנדלונג איז געווען אַ קינדערשע. ערשטנס, ווייסטו ניט מיין מיינונג וועגן אים. צווייטנס, איז ער מיר ניט געפעלן. דיין האַנדלונג און באַנע־מונג איז ניט געווען אויסגעהאַלטן... לאָמיר עס אַוועקשטעלן אין אַ זייט, ווייל ס'געהערט ניט מיט מיין קומען. איך בין געקומען נאָר וועגן דיר, ניט וועגן זיך."

„לאה, איך האָב היינט אַ שווערן טאָג. איך האָב פון מיין חבר געהערט, אַז די פריילין איז אַ כלה געוואָרן, דערפאַר איז מיר שווער אויפן האַרץ. טראַך דעם, וואָס זי איז פאַר מיר ניט פאַסנד, דאָך איז מיר אַ ווייטיק, אַז איך קאָן זיך אַן אָרט ניט געפינען. איך האָב באַטראַכט, אַז אַ שוסטערס אַ טאָכטער וועט ניט קאָנען געבן די געהעריקע דערציאונג דעם צוקונפ־טיקן דור, דאַן איז דאָס גאַנצע לעבן אַ ברכה־ לבטלה!... מיט דעם האָב איך זיך עטוואָס באַרואיקט. איצט פאַרשטייסטו מיר, לאה?!..."

„זלמן! לאָמיר רעדן וועגן דעם, וואָס דו האָסט מיך אַרויסגערופן."

„יאָ, שוועסטער! דו האָסט פולקאָם רעכט. דו ביזט אַ מענטש מיט לאָגיק, מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן. דו האָסט באַמערקט, ווי דער שדכן האָט מיט מיר גערעדט. ער האָט מיר איינגעלאַדן צו די גרינשטיינס

אויף אַ וויזיט. איך האָב אים ניט אַנטזאָגט, זאָגנדיק: היינט האָב איך אַ גאַסט, מיין שוועסטער איז געקומען און מאָרגן וועלן מיר ביידע קומען. וואָס זאָגסטו, לאה?"

„דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, זלמן, איז גוט. איך וויל זיך גראָד מיט איר באַקענען, וועלן מיר קאָנען אַרויסנעמען פון אירע רייד און באַנעמונג, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר? און איצט, זלמן, מוז איך דיר באַמערקן, אַז איך בין צופרידן, וואָס די פריילין איז אַ כלה געוואָרן און דו האָסט זיך באַפרייט פון נשמה־משוגעת."

אין דער זעלבער צייט פילט זי, אַז זלמן לעבט שטאַרק איבער, וואָרשיינלעך האָט ער איר שטאַרק ליב געהאַט!... אין דעם מאָמענט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז ליבע איז אַ שווערע קרענק, וואָס מיט ווערטער קאָן מען ניט היילן, אַפילו אַ דאָקטאָר אויך ניט. טראַכט זי: ווייניקער דיסקוטירן! און זאָגט:

„זלמן! דו דאַרפסט דאָך פרי אויפשטיין. טראַכט ווייניקער און גיי שלאָפן!"

זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט איבערצורייסן זיינע פאַרבענקטע געדאַנקען. איר האָט עס אויך וויי געטאָן צוצוזען, ווי זלמן לעבט איבער. ליידער, העלפן האָט זי אים ניט געקאָנט. ער האָט איר געזאָגט:

„יאָ, שוועסטער, דו האָסט רעכט."

ער האָט געוווּנטשן אַ רואיקע נאַכט און געגאַנגען שלאָפן.

זלמן, ליגנדיק אויפן געלעגער, טראַכט: מיין שוועסטער האָט גע־זאָגט, אַז ליבע איז משוגעת. איך וועל זאָגן, ס׳איז נאָך ערגער, ווייל צו משוגעת איז דאָ הייל־מיטלען, אָבער צו ליבע־געפילן איז דאָ איין הילף, ווען מען דערגרייכט זי. ליידער ס׳איז אַ גרויסער גליק, וואָס ניט יעדער באַקומט צו וואָס זיין האַרץ גאַרט. ווידער טראַכט ער, אַז נאָך אַלעמען מוז ער זיך באַהערשן און אין קעגנטייל קאָן עס אים חלילה דערפירן צו משוגעת... און זיינע שוועסטערס אַן אומגליק... און אַזוי טראַכטנדיק, פרעגט ער זיך: אפשר פאַרבינדן זיך מיט דער פריילין גרינשטיין? אַ מינוט האָט עס אים באַרואיקט און באַפרידיקט. אַזוי ליגנדיק אויפן גע־לעגער, דערמאָנט ער זיך ווידער אין אסתרן און זאָגט צו זיך:

וו׳ גוט וואָלט געווען,
ווען איך וואָלט איר ניט געקאָנט און ניט געזען,
וואָלט איך היינט צו טאָג אַ גליקלעכער געווען.

ערנסטע ליבעס

און אַזוי, קוקנדיק דורכן פענצטער,
זעט ער אַ בלאַסע לבנה־שיין,
אָבער די פאַרכישופטע ליבע־געפילן שלעפערן אים ניט איין.

זאָגט אים זיין האַרץ,
ווען בענקשאַפט טוט זיך אויפן האַרצן לייגן,
איז ס׳בעסטע מיטל: שווייגן!...

און אַזוי שווייגנדיק, איז ער איינגעשלאָפן. זעט ער אַ חלום, ווי דער פאָטער זאָגט אים: „זון מיינער! ליבע־געפילן צערייסן דאָס האַרץ און ברענגען צו אייפערזיכט. איך בעט דיר,

לאָזט ניט איבער קיין טרער!
דאָס לעבן איז אַ חלום, ניט מער!...

זינג אויס אַ פריילינגס־לידעלע. דאָס וועט דיר ברענגען פרייד און גענוס!...״

זלמן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טיפן שלאָף און געזען, אַז ס׳איז אַ חלום געווען. טראַכט ער: וואָס זאָל עס באַדייטן?...

אין דעם זעלבן אָוונט איז דער שדכן געקומען צו די גרינשטיינס אָנזאָגן, אַז צו אים איז געקומען זיין שוועסטער, דערפאַר איז ער ניט געקומען. פרעגט פרוי גרינשטיין ,ווי זעט זי אויס?

ענטפערט דער שדכן:

„איך מוז אייך זאָגן, פרוי גרינשטיין ,אַז אַזאַ פריילין האָב איך ביי אונדז ניט געזען. דער חתן איז שיין, זי איז נאָך שענער... זי איז הויך, מיט אַ שוואַרצן געקרייזטן קאָפּ האָר. מיט גרויסע, שוואַרצע, קלוגע אויגן און איר אויסשפּראַך איז ווי פון אַן אַדוואָקאַט!... איך בין נתפעל געוואָרן! ס׳איז אַ ווונדער אַז אין דער פּראָווינץ זאָל זיך געפינען אַזאַ פריילין!״

אויסהערנדיק אים, זאָגט פרוי גרינשטיין, אַז מען וועט איר דאַרפן איינלאַדן. אויף וואָס דער שדכן האָט געענטפערט ,אַז דער חתן האָט אים געבעטן איבערגעבן, אַז ער וועט קומען מיט דער שוועסטער.

פרוי גרינשטיין איז געווען זייער צופרידן פון שדכנס ידיעה. אין דער צייט פון זייער געשפרעך איז עדה אין שטוב ניט געווען. דער שדכן איז

אַוועק אַ צופרידענער, נאָכן פאַרענדיקן זייער געשפרעך, טראַכטנדיק, אַז ס׳גייט אויף אַ וועג און ער וועט כאַפּן אַ שיין פאַרדינסטל !...

ווען עדה איז געקומען אַהיים, זאָגט איר די מוטער, אַז זי האָט פאַר איר גוטע נייעס. דער שדכן איז געווען זאָגן, אַז זיין שוועסטער איז געקומען צו פאָרן, האָט ער געבעטן אַנטשולדיקונג וואָס ער איז ניט געקומען. מאָרגן 8 אַוונט קומט ער מיט דער שוועסטער.

„ווי איך פאַרשטיי — זאָגט די מוטער, — האָט ער וואַרשיינלעך באַשלאָסן. ווען ניט, וואָלט ער ניט אָנגעזאָגט, אַז ער וועט קומען מיט דער שוועסטער.״

„אינטערעסאַנט זיך מיט איר באַקענען ! — האָט געזאָגט עדה — ווען ער וואָלט ניט געטראַכט ערנסט, וואָלט ער ניט אַרויסגערופן די שוועסטער.״

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפרעך און מיט אומגעדולד געבליבן וואַרטן אויף זייער קומען.

אויף צו מאָרגנס האָבן זיי פאָרגעברייט אַ שיינע אויפנאַמע, אויף וועלכער קיינער פון זייערע פריינט און באַקאַנטע איז ניט געווען איינגע־לאַדן. עדה האָט זיך פאָרגעברייט : זיך געמאַכט אַ מאָדערנע פריזור, אָנגעטאָן זיך אין אַ שיין וויזיט־קלייד, באַפּוצט מיט אַ ווייסע ראָזע, אויפן האַלדז אָנגעטאָן אַ מעדאַליאָן געפאַסט מיט אַ בריליאַנט, אויף דער האַנט — אָרעם־באַנד געפאַסט מיט בריליאַנטן, ווי אויך די פינגער־לעך זיינען געפאַסט געווען אין בריליאַנטן. דאָס אַלץ האָט איר געמאַכט פיל סימפּאַטישער. עדה, אָנקוקנדיק זיך אין שפּיגל, האָט פון שמחה איר פּנים געשטראַלט אין דערוואַרטונג פון דעם חתן.

צו דער באַשטימטער צייט איז זלמן געקומען מיט זיין שוועסטער. ער איז געווען געקליידט אין אַ שיינעם נייעם גאַרניטור. זיין שלאַנקע הויכע פיגור, מיט זיין שיינעם איידעלן פּנים, מיט זיינע שוואַרצע גרויסע גוטע אויגן, ווי אויך זיין שוואַרצער קאָפּ האָר, ווי סאַמעט, האָט אויף עדהן געמאַכט אַן אויסער׳געוויינלעכן איינדרוק. און אין האַרצן איז זי פון אים באַגייסטערט געוואָרן. אין זעלבן מאָמענט טראַכט זי : אויב פון שדוך וועט חלילה ניט ווערן, האָט זי מורא, אַז מיט איר זאָל עפּעס ניט געשען ! די געדאַנקען האָבן איר, ווי צעמישט. זי האָט באַטראַכט, אַז ס׳טויג ניט. זי מוז זיך באַהערשן און זיך האַלטן מוטיק, ווייל מוט שאַפט אַ גוטע שטימונג.

זלמן האָט באַמערקט, אַז מיט פריילין גרינשטיין קומט פאָר, ווי אַן

איבערברוך... טראַכט ער: ער וועט איר דערציילן אַ געשיכטע זי זאָל פאַרשטיין, אַז ער איז אויך אַ ליבע־אַנטוישטער... טראַכטנדיק, אַז ס׳וועט איר, מעגלעך, אָפּשטויסן און ער פאַנגט אָן:

„איך האָב געלעזן, אַז איינער האָט געפרעגטביים צווייטן: וואָס איז בעסער? פאַרוואונדעטע אויגן, אָדער אַ פאַרוואונדעט האַרץ? האָט ער געענטפערט: בעסער פאַרוואונדעטע אויגן, ווי אַ האַרץ!...״

עדה האָט פון דעם געדרונגען, אַז ער ליידט פון אַ ליבע־אַנטוישונג!... ליידער, זיין משל האָט איר צופיל מוט ניט פאַרשאַפט. דאָך טראַכט זי, ווען ער באַשטייט, וואָלט זי זיך ניט מיט דעם גערעכנט. זי וואָלט געשאַפן פאַר אים אַ וואַרעמע היים, אַזוי, אַז ער וואָלט זיך געפילט צופרידן. און אַזוי, ווי זי איז פאַרטראַכט, באַמערקט זלמן, אַז פון זיין משל לעבט זי שטאַרק איבער, טראַכט ער: וואָס איז זי שולדיק אין מיינע איבערלעבונגען? וויל ער איר עטוואָס באַרויקן, זאָגט ער:

„אין משפחה־לעבן, דאַרף די פרוי פאַרשטיין, ווי צו שאַפן אַ גוטע שטימונג, ווייל זי איז דער יסוד פון פאַמיליען־לעבן. ליידער, זיינען פאַראַן פרויען, וועלכע פאַרשטייען עס ניט און פאַראורזאַכן שלעכטע רעזול־טאַטן.״

נאָך זיין דערקלערונג טראַכט זי: טראָץ זיין יונגן עלטער, פאַרשטייט ער דאָך אָפּצושאַצן די גרויסע באַדייטונג פון דער פרוי צום מאַן!... מיט אים, זעט אויס, וועט מען זיך קאָנען איינפאַרשטיין, זאָגט זי:

„הער פינקעלשטיין! איך פיל, אַז איר באַזיצט דעם זעקסטן חוש, וואָס איז פאַרבונדן מיט פילאָסאָפיע. איר באַנעמט דעם צווייטנס געדאַנקען. ס׳איז ניט צו דערווערבן פאַר געלט, נאָר אַ מתנה פון גאָט!...״

ווען ער האָט עס פון איר דערהערט, האָט זי ביי אים נושא חן געווען, אָבער ווו נעמט מען צו איר אַ ביסעלע האַרציקע געפילן?... איך וואָלט דאָך געקאָנט זיין אַ גליקלעכער!... זיין פנים איז אָנגעצונדן געוואָרן פון די איבערלעבונגען, טראַכטנדיק, אַז מיט אַזאַ קלוגע און געבילדעטע פרוי וואָלט געווען אַ כבוד פאַר מיר אין דער געזעלשאַפט! איך וועל איבער־חזרן, ווי מיין מוטער ז״ל פלעגט זאָגן: „אַלץ אין איינעם, איז ניטאָ ביי קיינעם!...״

פלוצים איז אַריינגעקומען הער גרינשטיין און פרעגט:

„נו, מיינע געערטע, וואָס הערט זיך גוטס?״

ענטפערט זלמן:

„מען זאָגט, אַז מען הערט מיט די אויערן. און איך זאָג ,אַז מען קאָן

הערן מיטן מויל. מען דאַרף זיך גוט צוהערן צו די קלאַנגען, וואָס דרינגען אַרויס פון מויל, ד. ה. דער קלאַנג פון האַרץ, וואָס גייט צום האַרץ, ווי האָבן מיר, הער גרינשטיין, געלערנט: „דברים היוצאים מן הלב, נכנסים אל הלב!..."

„אויב אַזוי — ענטפערט גרינשטיין — פאַרשטיי איך אייך, אַז איר וועט זיך צוהערן איינע די צווייטע, וועט איר זיין גליקלעך!... ווי איז ביי אונדז געשריבן: „החיים והמוות ביד הלשון!" לאָמיר שטרעבן צום וואָרט: „חיים" און צום „לעבן" וועלן מיר זיך, האָפנטלעך, אַן עצה געבן!... אַלזאָ, קינדער, לאָמיר רעדן צו דער זאַך און אָננעמען אַז הייַנטיקער טאָג זאָל פאַרצייכנט ווערן אַלס אָנפאַנג פון אייער גליקלעכער צוקונפט!..."

זלמן, אויסהערנדיק הער גרינשטיינען, גיט אַ בליק אויף זיין שוועסטער און פאַרשטייט, אַז לאה וואָלט וועלן ער זאָל מסכים זיין... ער (זלמן) איז, ווי צעמישט. זאָל ער זאָגן: „יאָ", לאָזט אים ניט דאָס האַרץ. און „ניין" — ווייסט ער ווידער ניט. אפשר איז עס אַ גליק, ווי דער שדכן האָט אים דערקלערט, אַז ער וועט קאָנען זיינע שוועסטער גוטס טאָן!... און אפשר וועט ער זיך צוגעווינען, ווי מען זאָגט, אַז אין לעבן איז אַלץ אַ געוווינהייט!... און ווידער ער וועט זיך קאָנען באַגנוגענען מיט איר שכל און לעבן, וואָס ער וועט זיין באַליבט!...

פלוצים איז אַריין די פרוי גרינשטיין זיי פאַרבעטן צום טיש.

דער טיש איז געווען זייער פּרעכטיק סערווירט, ווי אויך דער צימער איז געווען אין שענסטן רייכסטן סטיל. די ווענט טאַפּעטירט מיט שוואַרצן גרונט און מיט גאָלד־פאַרב ראָזן. אויף די ווענט די טייערסטע קונסט־בילדער פון די באַרימטסטע מאָלער. די גרויסע פענצטער מיט די זייד־טיול גאַרדינען מיט בראָנזענע קאַרניזן און די לוסטרעס מיט קריסטאָלענע וואָזעס האָבן באַלויכטן דעם צימער. דער גרויסער בופעט מיט די גראָבע כרוסטאַלענע גלעזער און די שוואַרצע מעבל דאָס אַלץ האָט געשאַפן זייער אַ רייכן און אַריסטאָקראַטישן אויסזען. פרוי גרינשטיין איז געווען אַ סימפּאַטישע, אָנגענעמע און פריילעכע. זי האָט זיי העפלעך פאַרבעטן צום טיש, פאַרוואָס זיי האָבן איר באַדאַנקט.

פריילין גרינשטיין לעזט אַראָפּ פון זלמנס פנים און זעט, וואָס פאַר אַ געראַנגל ס׳קומט פאָר ביי אים אין האַרץ. טראַכט זי. אפשר אָפּלאָזן די גאַנצע זאַך. וואָס טויג אַ געניטע זאַך?... חתונה האָבן מיט אַ מאַן און נאָכער טראַכטן, אַז ער איז ניט גערן!... ס׳וועט זיין פאַר מיר אַ שטראָף, אָבער ניט קיין גליק!...

זלמן, באַמערקנדיק פריילין גרינשטיינס פּנים, ווי שטאַרק פאַרענדערט זי איז געוואָרן, טראַכט ער: זי זעט מיך דורך און אַדורך, אַז מען קאָן זיך פון איר אויג ניט אויסבאַהאַלטן!... אין דעם מאָמענט דערמאָנט ער זיך אין אסתרן, אַז זי איז שוין אַ כלה געוואָרן. פרעגט ער זיך, וואָס איז ער אַזוי פאַרנאַרישט און טראַכט נאָך אַלץ פון איר?...

ווי האָט געזאָגט זיין ג״ז פּאָטער אין חלום: זינג אויס אַ פריילינגס־ליד!... אפשר איז עס אָנגעדייטעט וועגן שדוך? ווירקלעך קאָן מען זאָגן אויף אַזאַ רייכע היים ס'איז אַ פריילינגס ליד!...

און ווידער טראַכט ער: וואָס וועט זיין, אויב איך וועל איר איצט אָנטזאָגן? דאַן וועל איך שוין ניט קאָנען מיינע ווערטער נעמען צוריק... און אויב יאָ, וועט עס ניט אָנגענעם זיין פאַר דער כלה. און מעגלעך ס'וועט אויף אייביק בלייבן ביי איר איינגעקריצט אין זכרון און זי וועט טראַכטן, אַז איך גיי חתונה האָבן אויס נויט...

אַלזאָ, איז גלייכער צוצושטימען! טראַכט ער: ליבן וועל איך שוין קיינעם ניט קאָנען, נאָר שעצן און שעצונג איז פאַרבונדן מיט געפילן... דער געדאַנק האָט אים באַרואיקט. און ווי איך זע און פיל, וועל איך פון איר זיין געאַכטעט, געליבט און אַזוי אַרום האָט זיך ביי אים גע־ענדערט די גאַנצע שטימונג. הער גרינשטיין האָט עס באַמערקט, ווי ער וואָלט ביי אים געווען אין האַרצן, גיסט ער אָן די באָקאַלן, זאָגנדיק:

„לאָמיר מאַכן לחיים!...״

אויפהייבנדיק די באָקאַלן ווייַן, האָבן זיך אַלע קעגנזייטיק געווונטשן לחיים. און אין דעם מאָמענט האָבן אַלעמענס הערצער דערוואַכט און ס'האָט אָנגעפאַנגען הערשן אַ פריילעכע שטימונג...

„ביי דער געלעגנהייט, — זאָגט הער גרינשטיין, — לאָמיר באַשטימען, ווען זאָל מען אין אַ גוטער שעה, שרייבן די תנאים?״

„ראש חודש תמוז״ — האָט געענטפערט זלמן.

דערהערנדיק זלמנס ענטפער, האָבן זיך טרערן פון פרייד, באַוויזן ביי דער כלה און עלטערן. אָבער זיי האָבן עס אויסבאַהאַלטן, טראַכטנדיק: אַ דאַנק גאָט, וואָס זייער טאָכטער האָט דערגרייכט צו וואָס איר האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געבענקט!... אויך פאַר די עלטערן איז עס געווען אַ גרויסע דערגרייכונג און כבוד, אַז גאָט האָט זיי געהאָלפן נעמען אַ חתן דעם בעסטן בחור פון דער ישיבה. זיי זיינען געווען ממש גליק־לעך!...

מען האָט געגעסן, געטרונקען, קעגנזייטיק זיך געווונטשן מזל־טוב!

נאָכן עסן זיינען זיי אַלע אַריין אין סאַלאָן. די כלה האָט געשפּילט פּאָר־טעפּיאַן און איר פּנים האָט געשטראַלט פון שמחה, אַז סוף, סוף האָט זי דערגרייכט צו וואָס איר האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט.

זלמנס שוועסטער (לאה), צוזעענדיק דאָס אַלץ, איז געווען זייער צופרידן, וואָס איר ברודער האָט דערגרייכט פון אַזאַ רייכער און אָנשטענ־דיקער היים אַ כלה. לאה טראַכט: זי וועט האָבן ביי איר ברודער אַ שיינע היים, וואָס וועט קאָנען האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג ביי אַ שדוך טאָן און אפשר וועלן זיי איר קאָנען, צווישן זייער געזעלשאַפט, באַקאַנען מיט אַ פּאַסנדן מענטש? אַזוי איז איר אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק.

די מחותנים זיינען געזעסן און געקליבן נחת פון זייערע קינדער. מיטן מאַמענס, ווען זלמן האָט געהאַט „באַשלאָסן", האָט זיך ביי אים שוין געביטן זיין גאַנצע האַלטונג. ער האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען פילן, ווי ער וואָלט פּלוצים אויסגעשפּילט אַ גרויס געווינס, פּטור געוואָרן פון עסן „טעג" און וועט ווערן אַ רייכער איידעם... אַזוי אַרום האָט זיין פּנים אָנגעפאַנגען שטראַלן אין דערוואַרטונג פון נייעם שיינעם רייכן לעבן.

די כלה, זיצנדיק נעבן פּאָרטעפּיאַן, באַמערקט, אַז איר חתן איז, ווי ביי געבוירן. ער האַלט זיך זייער נאָענט צו די עלטערן. זיי רעדן גאַנץ געמיטלעך און ער איז זייער אויפגעלייגט. ער רעדט, ווי ער וואָלט שוין געווען אַן אייגענער פון לאַנגע יאָרן. זי איז איבערצייגט, אַז זיי וועלן לעבן גליקלעך... זי טראַכט: זי וואָלט שוין געוואָלט, אַז ס'זאָל שוין זיין נאָך די תנאים...

נו, טראַכט זי: ער איז דאָך אַ מענטש מיט אַ געזעצטן פאַרשטאַנד, אויב ער האָט מסכים געווען, איז שוין אַזוי, ווי ס'וואָלט געווען געמאַכט אַ תנאים. מיט דעם האָט זי זיך באַרואיקט און געשפּילט פריילעכע קאָמפּאָזיציעס און געווען איינע פון די גליקלעכסטע כלות!...

ביז שפּעט האָט מען פאַרבראַכט אין דערוואַרטונג, אַז ראש חדש תמוז וועט זיין דער תנאים. זיי האָבן זיך זייער האַרציק געזעגנט און זיינען באַגלייט געוואָרן דורך דער כלה מיט די מחותנים און זיינען אַוועק אַהיים, זאָגנדיק דערביי, אַז מאָרגן 8 אָוונט וועט ער קומען, אויף וואָס זיי האָבן געענטפערט: „מיט פאַרגעניגן!"

קומענדיק אַהיים, זאָגט זלמן:

„נו, מיין שוועסטער, ביזטו צופרידן?"

„יאָ, איך בין זייער צופרידן. דו נעמסט אַ וויכטיקע כלה, דערצו פון זייער אַ פיינער משפחה. זיי זיינען זייער סימפּאַטישע און אָנגענעמע

מענטשן, וואָס עס זאָגט פיל, אַז דו וועסט זיין פאַררעכנט, ווי אַן איי־געגנער זון."

"יאָ, לאה! דו פאַרשטייסט, אָבער היינט איז שוין אַלץ אָפּגערעדט!..."

"וואָס באַדייט עס? — פרעגט לאה, — איך האָב עס פון דיר ניט דערוואַרט, ס'געפעלט מיר ניט! אַזוי טויג ניט האַלטן אין האַרצן, ווי דו וואָלסט חלילה פאַרשפּילט דיין לעבן! איך האָב דאָך דיר ניט איינגערעדט זאָגן "יאָ". איך פאַרשטיי, ווען מען שטימט צו, דאַרף מען פריער זיך איבערצייגן און ווען דו האָסט שוין באַשטימט, קומסטו אַהיים און זאָגסט: "שוין אָפּגערעדט!..."

"יאָ, מיין שוועסטער, דו האָסט רעכט. איך וועל דיר דערציילן, וואָס איך האָב געזען היינט אין חלום, ווי דער פאָטער ז"ל זאָגט צו מיר: "זון מיינער! ליבע צערייסט דאָס האַרץ. דאָס טויג ניט! ס'לעבן איז אַ חלום, ניט מער. גיב אַ זונג אַ פריילינגס־ליד. ס'וועט דיר ברענגען פרייד און געניוס!..." אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, טראַכט איך, וועגן דער באַדייטונג פונעם חלום און איך קום צום אויספיר, אַז דער פאָטער פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט דער פריילין... ווען מיר זיינען געווען ביי די גרינשטיינס און ער האָט פאַרגעלייגט וועגן שרייבן תנ־אים, האָב איך מיר אין דעם מאָמענט דערמאָנט אין אונדזער פאָטערס ז"ל רייד, דערפאַר האָב איך באַשלאָסן".

"אויב אַזוי, זלמן, דאַרפסטו געוויס זיין צופרידן, אַז אונדזער פאָטער ז"ל האָט צוגעשטימט. דאָס איז אַ גוטער סימן, אַז דו וועסט מיט איר זיין גליקלעך!... מער זאָלסטו אַזוי ניט טראַכטן, ווי דו האָסט מיר פריער גע־זאָגט, דאַן וועסטו זיין אַן אָרנטלעכער מאַן און וועסט געשעצט זיין ביי דיין איבערגעגעבענער שוועסטער, וואָס וויל זען ביי דיר גוטס!"

"אַ דאַנק דיר, מיין האַרציקע שוועסטער, איך וועל פאַר אייך טראַכטן, ווי אַ פאָטער פאַר די קינדער!" — און ביי אים האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן.

"זלמן, באַרואיק זיך. איך האָף, אַז ס'וועט אַלץ זיין גוט. מען דאַרף זיין אַ מענטש מיט אַן איידעלן כאַראַקטער און מיט אַ מיטפילנדער נשמה. איך האָף, אַז דיר וועט זיין גוט און מענטשן וועלן דיר מקנא זיין. פאַרגעס ניט אונדזער איינזאַמע און געדריקטע לאַגע! ווי מיינסטו, זלמן, ווען זי איז שיין צו איר רייכקייט, וואָלט זי דיר דען גענומען? ס'איז אַן אַקסיאָמע, אַז אַ שיינע, רייכע פריילין נעמט אַ רייכן און שיינעם חתן. ווי דענקסטו, זלמן, ביזטו דען מיט אַלע מעלות? יעדער איינער האָט זיינע מעלות און

חסרונות, אָבער די מעלות, וואָס דיין כלה באַזיצט, וועט זיין פּאַר דיר אַ כבוד! ווי זאָגט מען: „דער מאַן באַשיינט, די פרוי באַקרוינט!...״ זי איז סימפּאַטיש, קלוג, געבילדעט, ווי אויך איר באַנעמונג באַווייזט, אַז זי פאַרמאָגט אַ גוטן כאַראַקטער, וואָס איז זייער וויכטיק אין פאַמיליען לעבן! ווער, ווער ווי דו ווייסט דאָך, זלמן, ווי מען זאָגט: „אשה רעה מר ממות״ איז געדרונגען, אַז אַ גוטע פרוי שאַפט גליק!...״

„יאָ, לאה, מיט דיר איז גוט זיך אויסצושמועסן. דו פאַרשטייסט אַן ענין״.

„איך בעט דיר, זלמן, מער זאָל איך פון דיר ניט הערן אַזעלכע באַריש־קייטן. ס׳פּאַסט ניט פּאַר דיר!״

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט די דיסקוסיע, זאָגנדיק: ס׳איז צייט צו גיין שלאָפן.

זלמן האָט געוואָלט איינשלאָפן, אָבער זיינע געדאַנקען האָבן גע־שוועבט און ניט געקאָנט זיך באַרואיקן, טראַכטנדיק, אַז זיין שוועסטער איז גערעכט. אָבער, וואָס טוט מען מיטן האַרץ? מיין האַרץ האָב איך פאַרשפּילט! איך וועל דאַרפן לעבן מיטן שכל הישר. מן־הסתם איז מיר אַזוי באַשערט. ווען ס׳וואָלט מיר באַשערט געווען, אַז מיין האַרץ זאָל ניט זיין צעבראָכן, וואָלט איך אסתרן ניט געהאַט געטראָפן. נו, וואָס קאָן איך זיך העלפן? איך וועל אַפילו פּאַר מיין שוועסטער ניט טאָרן רעדן אַ שלעכט וואָרט. זי וועט דאָך זיין גערעכט, וואָס זי וועט רעדן... ער טראַכט: איך האָב זיך אַליין פאַרדרייט מיין קאָפּ, אָבער צו שפּעט!....

מיט די געדאַנקען איז ער איינגעשלאָפן. זעט ער אַ חלום, ווי מען פירט חתן־כלה צו דער חופה. די כלה איז אַ מיאוסע, אַ הינקענדיקע מיט אַ הויקער. דאַקעגן דער חתן אַ הויכער, שיינער און אַ סימפּאַטישער. דערזעענדיק דאָס בילד, איז אים באַפאַלן אַ קעלט, אַז ער האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן און אויפגעכאַפּט זיך. דער חלום האָט אויף אים אַזוי שלעכט געווירקט, אַז ער האָט געבעטן זיין שוועסטער זאָל אים געבן אַ ביסל וואַסער. ווען ער האָט זיך באַרואיקט און געקומען צום באַוווסטזיין, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז געווען אַ חלום. טראַכט ער: דער חלום זיינער איז אַן אָנדייטונג צו זיין אומצופרידנקייט. אין קעגנטייל דאַרף ער זיין צופרידן, ווייל ער נעמט דאָך אַ כלה מיט גוטע מעלות... טראַכט ער צי זאָל ער דערציילן זיין שוועסטער דעם חלום, אָדער בעסער שווייגן?...

ווען זי וועט מיך פרעגן, וועל איך איר פּשוט זאָגן, איך האָב געוואָלט

אַ טרונק וואַסער. זי האָט מיר ניט געפרעגט און איך האָב איר ניט געזאָגט.

ס׳איז געקומען דער זמן תנאים. ס׳זיינען געקומען די איינגעלאַדענע פריינד און באַקאַנטע. זלמן האָט איינגעלאַדן זיין איינציקן חבר שאול, וועלכער פרעגט אים, צי ער ווערט אַ חתן פאַרן ווייַן־סוחרס טאָכטער? אויף וואָס זלמן ענטפערט שאולן מיט אַ „יאָ״.

שאול ווינטשט אים: „ס׳זאָל זיין מיט מזל!״ דערביי פרעגט ער אים וויפל באַקומט ער נדן? זלמן ענטפערט אים, אַז וועגן נדן קאָן ער אים געענטפערן ניט זאָגן, ווייל ס׳איז אים ניט באַוווּסט, מחמת זי איז אַ בת יחידה און ס׳איז ניטאָ וועגן דעם צו רעדן.

שאול דערציילט זלמנען, אַז ער איז איין מאָל אַריין אין געשעפט קויפן אַ פלאַש וויין, איז דאָרט געזעסן אַ פריילין ניט קיין גאַנץ הויכע, אָבער זייער אַ סימפּאַטישע. דענקט ער, אַז זי איז עס געווען. אגב, מאַכט ער אים אויפמערקזאַם, אַז ער דאַרף זיין צופרידן, וואָס ער ווערט אַן איידעם צו אַ רייכן שווער, ווי אויך דאַרף ער שטאָלץ זיין, וואָס ער נעמט אַזאַ כלה! ס׳איז שוין ניט דעם שוסטערס טאָכטער!...

„שטעל זיך פאָר, זלמן, וואָס פאַראַ זין וואָלט עס געהאַט, ווען דו קומסט און זאָגסט, אַז דו ווערסט אַ חתן פאַר יהושוע שוסטערס טאָכטער. גלויב מיר, זלמן, ניט נאָר פאַר דיר, אַפילו פאַר מיר וואָלט עס געווען, ווי אַ פּאַטש אין פּנים, ווייל דו ביזט דאָך מיין חבר, וואָלט עס פאַר מיר געווען אַ ווייטיק! אַלזאָ, זלמן, איך בין צופרידן און ווינטש דיר נאָך אַמאָל פון טיפן האַרצן כל טוב!״

זלמן האָט אים האַרציק באַדאַנקט, דערביי טראַכט ער: אַז ס׳קומט שוין אויס, ווי זיין שוועסטער האָט אים געזאָגט, אַז אַזאַ כלה באַקרוינט דעם חתן! איך דאַרף טאַקע שטאָליצרן מיט אַזאַ כלה! איך מוז זיך נעמען אין די הענט און ניט טראַכטן פון פּוסטע פאַנטאַזיעס. ניט וויכטיק איז דאָס שיינע פּנימל, היינט איז זי שיין און נאָך דער חתונה, איז ווי ס׳פּאַסירט נאָך אַ שווערן קימפּעט פאַרלירט די פרוי איר שיינעם אויסזען. ווי מיין חבר שאול האָט געזאָגט, אַז איך וואָלט פאַרלוירן דעם אָנזען ביי לייטן און ביי זיך. מוז איך נאָך אַמאָל זאָגן, אַ דאַנק מיין פאָטער ז״ל, וואָס ער האָט מיר געזאָגט אין חלום, אַז ליבע איז האַרץ־ווייטיק! מער טאָר איך פון איר אַפילו ניט טראַכטן, ווייל ס׳וועט מיר צעשטערן דאָס גליקגעוויכט אין לעבן. אויך מיין שוועסטער האָט מיר געוואָרנט איך זאָל ניט טראַכטן פון נאַרישקייטן!...

ווען אַלע געסט האָבן זיך שוין געהאַט צוזאַמענגעקומען, איז געקומען משה ראָזענקראַנץ (דענטיסט), פרוי גרינשטיינס ברודער. ער איז געווען אַ שיינער, סימפּאַטישער, אָבער אַן עלטערער און צו הויכער.

די תנאים זיינען געווען איינגעריכטעט אין אַ שיינעם פּראַכטפולן זאַל, די צימערן זיינען באַלויכטן געווען מיט הימל־בלויע לאָמפּן. די טישן געדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, אויף וועלכע ס'זיינען גע־שטאַנען קריסטאַלענע באָקאַלן מיט גראָפינען וויינען און געטראַנקען, ווי אויך וואַזעס מיט פאַרשיידענע טאָרטן, באָנבאָניערעס מיט כל־טוב.

די כלה איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיין וויזיט־קלייד. דער קאָפּ פאַרקעמט מיט אַ מאָדערנער פריזור. אויפן האַלדז האָט זי געטראָגן פּערל. די אויערינגלעך, פינגערלעך און אָרם־בענדער, אַלץ געפּאַסט אין ברי־ליאַנטן. אַלץ צוזאַמען האָט באַשיינט איר אויסזען... זי האָט אַ בליק געטאָן און ניט זעענדיק איר חתן, האָט געמאַכט אויף איר אַ שווערן איינדרוק. איר פּנים האָט זיך פאַרענדערט, ניט וויסנדיק, וואָס איז געשען?

אַלע זיינען שוין געווען אין זאַל. טראַכט זי ס'פּאַסט דאָך ניט אַרויס־ווייזן איר אומרואיקייט, אָבער זי געפינט זיך אין גרויס פאַרלעגנהייט...

אין דער זעלבער צייט טראַכט זלמן: וואָס איז עס פאַר אַ מענטשהייט? ווען אַ מענטש ווערט געבוירן, ווערט ער געבוירן פאַר זיך. און ווען ער שטאַרבט גייט ער אַוועק און קיינער גייט ניט מיט מיט אים... ווען דעם מענטשנס לעבן האָט קיין שאַץ, פאַרוואָס לעבט דער מענטש צוליב דער געזעלשאַפט? הייסט עס, אַז ער לעבט ניט צוליב זיך!... דעריבער האָב איך באַשלאָסן חתונה האָבן פאַר פריילין גרינשטיין... ווי זאָגט די תורה: „הכסף יענה את הכל!..." דאָ ליגט דער גרונט פון מענטשנס לעבן...

און אַזוי, ווי ער איז פאַרטאָן אין זיינע שווערע, טיפע, אומפאַרגלייכ־לעכע געדאַנקען, איז ער ניט מסוגל אַלץ צו באַגרייפן, קומט אין דעם מאָמענט אַריין לאה און רייסט אים איבער די פאַרצווייפלטע געדאַנקען, פרעגנדיק:

„זלמן! ביזטו שוין געווען ביים ראש הישיבה?"

„איך גיי שוין." — ענטפערט זלמן.

„ס'איז שוין צייט. ס'פּאַסט דאָך ניט מען זאָל אויף דיר וואַרטן!"

לאה איז שוין געווען אָנגעטאָן אין אַ שיין וויזיט־קלייד. דער קאָפּ פאַרקעמט אין אַ שיינער פריזור. אירע גרויסע, שוואַרצע, גוטע, קלוגע אויגן און איר הויכע, שלאַנקע פיגור אָן צירונג, אָבער איר גוטע נשמה

האָט באַשטראַלט איר חנעוודיקן איידעלן פּנים. זי האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק.

ווען דער חתן מיטן ראש הישיבה, ווי אויך זיין שוועסטער זיינען אָנגעקומען, האָבן אַלע געסט באַוווּנדערט דעם חתנס איידעלן, שיינעם פּנים, ווי אויך זיין הויכער שלאַנקער פיגור מיט די שוואַרצע, גרויסע, קלוגע אויגן, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שיינעם פּרינץ.

די כלה דערזעענדיק זייער אָנקומען, האָט זיך ביי איר גלייך געביטן די שטימונג. איר האַרץ איז איבערפולט געוואָרן פון פרייד.

מען האָט געמאַכט אַ וואַרע פאַרן חתן מיטן ראש הישיבה, וועלכע האָבן פאַרנומען דעם אויבן אָן.

דער מחותן מיטן חתן און ראש הישיבה זיינען געזעסן איינער נעבן דעם צווייטן. דער ראש הישיבה האָט אָנגעפאַנגען שרייבן די תנאים.

צוקומענדיק צום פּונקט: „נדן", פרעגט ער:

„הער גרינשטיין! וויפל אַריינשרייבן?"

„רבי! שרייבט אַריין 5.000 ר' און זמן החתונה איה"ש, רח' אלול."

„ס'איז אַ פיינער נדן! איר נעמט, הער גרינשטיין, אַ חתן אַן אבן טוב!"

„רבי! אַזאַ חתן האָב איך געזוכט פאַר מיין בת־יחידה, ווייל זי באַזיצט אַ סך מעלות. בקיצור, רבי, ה"י זאָל זיי געבן זיי זאָלן זיין מיט לאַנגע גליקלעכע יאָרן!"

נאָכן איבערלייענען די תנאים, האָט מען חתן־כלה מיט די מחותנים אָפּגעגעבן מזל טוב, די געסט האָט מען פאַרבעטן צו די סערווירטע טישן, וואָס אויף זיי איז געווען פון כל טוב. דער עולם האָט געגעסן פון אַלעם גוטס. אין דעם מאָמענט, ווען מוזיק האָט געשפּילט, האָט זיך ביים חתן געביטן די שטימונג און חתן־כלה האָבן געשטראַלט פון פרייד! זלמן האָט באַטראַכט ס'איז טאַקע שיין און מען באַקומט אַ גוטן געפיל, ווען מען נעמט אַרויס אַ כלה פון אַ שיינע רייכע היים!

לאה, אָבסערווירנדיק אַלץ, האָט געטראַכט: איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז זלמן זאָל דערגרייכן אַזאַ גרויסאַרטיקן שדוך! אַ דאַנק גאָט, וואָס מיין אָרעם־עלנטער ברודער איז באַגליקט געוואָרן און זאָל אים דער אייביקער געבן מזל אין זייער צוזאַמענלעבן!

דער ראש הישיבה האָט געפרעגט הער גרינשטיינען, אויב ער איז ניט דאַקעגן, אַז דער חתן זאָל נאָך דער חתונה פאָרזעצן זיין לערנען, מאָטיווירנדיק מיט דעם, וואָס ער איז איבערצייגט, אַז פון חתן קאָן

אַרויסקומען אַ גדול בישראל, וואָס וועט פאַרשטאַרקן און באַקרעפטיקן אונדזער פאָלק און אמונה.

„איך האָב אַליין וועגן דעם געטראַכט. אויב ער וועט זיין אין דעם פאַראינטערעסירט, בין איך ניט דאַקעגן. איך וועל זיי שטיצן מיט אַלע מיינע מעגלעכקייטן.״

מיט הער גרינשטיינס ענטפער, איז דעם ראש הישיבה געוואָרן לייכטער אויפן האַרץ, אַז זיין מי וועט ניט גיין לאיבוד, ווי אויך איז זלמן אַ גוטער ביישפיל פאַר פיל ישיבה־בחורים.

דער ראש הישיבה האָט זיך פריינטלעך געזעגנט מיט הער גרינשטיין, זיין פרוי, צוווינטשנדיק, זיי זאָלן דערלעבן פון די קינדער פיל נחת, ווי אויך געזעגנט זיך מיט חתן־כלה, צוווינטשנדיק זיי מזל און ברכה אין זייער צוקונפט. מען האָט אים אַרויסבאַגלייט און ער איז אַוועק אַהיים.

די געסט, געזעגענענדיק זיך מיט די מחותנים און חתן־כלה, ווי אויך באַדאַנקענדיק זיי פאַר דער שיינער אויפנאַמע און צוווינטשנדיק די מחו־תנים זאָלן דערלעבן פיל נחת פון די קינדער — זיינען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען.

אויפן תנאים האָט משה ראָזענקראַנץ זיך באַקאַנט מיט לאהן. ער האָט זיך מיט איר שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַלס שיינע, אָנשטענדיקע, קלוגע, סימפּאַטישע פריילין, ווי אויך האָט ער זיך באַצויגן צו איר, ווי צו אַ צוקונפטיקער קרובה, אָבער לאה האָט אויף אים ניט געלייגט צו פיל אַכט, מחמת, וויסנדיק זיין באַרוף, האָט זי זיך ניט געוואָלט איינלאָזן אין אַזאַ רייכע פאַנטאַזיע... אָבער אַלס אייגענער, איז איר געווען אַנ־גענעם האָבן אַזעלכע קרובים. משה ראָזענקראַנץ האָט אַנדערש געטראַכט און געזאָגט דער שוועסטער, אַז די פריילין לאה געפעלט אים, ווי אויך ער וואָלט געוואָלט זיך מיט איר נעענטער באַקאַנען.

ענטפערט זיין שוועסטער, אַז זי איז איר אויך געפעלן. זי איז ווירק־לעך אַן אָנשטענדיקע, סימפּאַטישע, קלוגע פריילין, ווי אויך זי פּאַסט זיך צו זיין וווקס. אויב זי איז אים צום האַרצן, וועט זי איר איינלאַדן און ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט איר קאָנען לערנען. אַזוי האָבן זיי באַשטימט.

אַרויסבאַגלייטנדיק דעם חתן מיט דער שוועסטער, האָט זיך די כלה מיט זיי האַרציק געזעגנט און די מחותנתטע האָט זיי איינגעלאַדן צו מאָרגנס אויף מיטאָג.

אויפן וועג אַהיים, פרעגט זלמן:

„לאה, ווער איז דער פּערזאָן, וואָס האָט זיך מיט דיר אַזוי פריינטלעך באַנומען ?"

„ער איז דיין צוקונפטיקער אָנקל." — האָט געענטפערט לאה.

„ער זעט אויס צו זיין אַן אינטערעסאַנטער !" — זאָגט זלמן.

„יאָ, פון פאַך איז ער אַ דענטיסט." — ענטפערט לאה.

אויף צומאָרגנס זיינען זיי צו דער באַשטימטער צייט געקומען צו די מחותנים אויף מיטאָג. ביי מיטאָג איז אויך אַנוועזנד געווען משה ראָזענקראַנץ, וועלכער האָט זיך מיט זיי פריינטלעך באַגריסט און אונ־טערהאַלטן. די כלה מיט די מחותנים זיינען געווען זייער צופרידן מיט זייער קומען. ביי מיטאָג האָבן זיך אַלע גוט אונטערהאַלטן.

זלמן, באַטראַכטנדיק ראָזענקראַנצן, האָט אַרויסגענומען פון זיין באַנעמונג צו לאהן, אַז ער איז צו איר ניט גלייכגילטיק.

חתן־כלה זיינען געווען זייער אויפגעלייגט, אָבער צופיל צייט האָבן זיי ביים מיטאָג ניט געקאָנט פאַרברענגען, מחמת צוויי שניידערס האָבן עקסטראַ גענייט די חתונה קליידער, וואָס מען האָט געדאַרפט איר מעסטן. דאָסגלייכן האָט דער שניידער געוואַרט אויפן חתן צו מעסטן די גאַרניטורן. אַזוי אַרום האָבן חתן־כלה געבעטן אַנטשולדיקונג און זיינען אַריין אין צימער. אין דער צייט האָט ראָזענקראַנץ זיך אונטערהאַלטן מיט לאהן. ער פרעגט זי :

„וואָס איז די סיבה, וואָס ס׳פּאַסירן אין לעבן שפּאַנונגען צווישן פאַר־פעלקער ?..."

„עס איז אַ פראַגע פון דער נאַטור. אַמאָל ראָמאַנטישע, אַמאָל בעגאַ־טיווע שטימונגען, אָדער דעם צווייטנס ניט פאַרווירקלעכטע שטרעבונגען, צו וואָס ער האָט געשטרעבט."

ראָזענקראַנץ, אויסהערנדיק לאהס אַרגומענטאַציעס, וואָס גיבן פיל נאָכצוטראַכטן, דענקט, אַז זי פאַרשטייט דאָס לעבן. זי האָט געשאַפן אַ מיינונג, אַז זי איז קלוג און באַוווּסטזיניק אַזוי, אַז ס׳איז כדאי מיט איר נעענטער זיך באַקענען, ווייל זי איז אַ פּראַקטישע.

„פריילין פינקעלשטיין ! (לאה) ווי קאָן מען אַנאַליזירן אַ מענטש, ווען מען פירט אַ ליבע אייניקע יאָר און נאָך דער חתונה, ווערט אויס ליבע. ווו איז דער סוד ?"

„ס׳טרעפט, אַז ער איז פאַראינטערעסירט דערגרייכן זיין ציל, פאַר־מאַסקירט ער זיין כאַראַקטער און נאָך דער חתונה נעמט ער אַראָפּ די מאַסקע און אַזוי אַרום ווערן זיי אַנטוישט. איז ס׳וויכטיקסטע אין לעבן,

וואָלט איך געזאָגט, אַז ס׳ליגט אַ חוב אויף יעדן זיך ניט מאַסקירן, אויב מען וויל דערגרייכן אַ ציל, איז ס׳בעסטע זיין אָפּנהאַרציק. אין דעם פאַל קאָן מען האָבן צוטרוי. און די, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט בינדן זייער גורל, דאַרפן האָבן פעסטע באַשלוסן, וואָס ס׳פאָדערט זיך פון ביידן. ניט געלט שאַפט גליק, נאָר דער מענטש שאַפט ס׳גליק! און אויב מען האָט אַ דראַנג צו געלט, דאַן פאָדערט מען פון צווייטן צו פיל. אין דעם פאַל שאַפט זיך אַ שלעכטע סיטואַציע און שעדיקט דעם גאַנצן פונדאַמענט, ביזן סוף!... דעריבער איז גלייכער אין לעבנס־פראַגן אַליין פעסטשטעלן, ניט פרעגנדיק ביי קיינעם קיין עצות, ווייל, ווי זאָגט מען: „וויפיל קעפּ, אַזוי פיל דעות.״ מען דאַרף אַליין קאָנען אונטערשיידן פון גוטס און שלעכטס און גלייכצייטיק קאָנען לערנען דעם צווייטן.״

ראָזענקראַנץ טראַכט: ער האָט געטראָפן, וואָס ער האָט געזוכט, ער האָט געזאָגט:

„איך גלויב, אַז אייערע אויסגעזאָגטע אַרגומענטן זיינען אָפּנהאַרציקע. ס׳איז אָנגענעם צו הערן און אויב מען קען עס פאַרווירקלעכן אין לעבן, איז עס אַ גליק.״

ער האָט באַמערקט, אַז זיין ענטפער האָט אויף פריילין פינקעלשטיין געמאַכט אַ גוטע שטימונג. „דאָך גלויב איך ניט אין ליבע, ווייל ליבע פאַר־בלענדט דעם מענטש. איך האַלט אויך, אַז מען דאַרף זיין אויפריכטיק און צופּאַסן אַ מענטש, וואָס זאָל זיין ניט אומוויסנד און מען זאָל זיך קאָנען באַווייזן אין געזעלשאַפט, אין דעם פאַל קאָן מען אויסמיידן אַלע שלעכטס. און, ווען ניט, איז גלייכער זיך ניט צו פאַרבינדן.״

„דערלויבט מיר, הער ראָזענקראַנץ, זאָגן, אַז אייער ענטפער איז לאָגיש. איך בין ביי דער זעלבער מיינונג. ווען מען פאַרבינדט זיך מיט אַ פּערזאָן, וואָס האָבן זיך איינפאַרשטאַנען, דאַרף מען תמיד פאַרשטיין, ווי אָפּצושאַצן איינע די צווייטע, דאַן שאַפט זיך אַ פּרעכטיקע האַרמאָניע. אין דעם פאַל, איז עס דער ריכטיקער וועג אין צוזאַמענלעבן, אָבער ס׳פּאַסירט אָפט מאָל, ווען זיי דערגרייכן זייערע צילן, מאַכן זיי דאָס דערגרייכטע וואָכעדיק. דאָס אומצופרידנקייט שאַפט אַ שלעכטע שטימונג. און אויב מען האָט אַפילו געהאַט ליבע־געפילן צו דער פּערזאָן, ווערט מען גלייכגילטיק. מען דאַרף שטענדיק האָבן די השפעה איבער זיך, כדי איינהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט אין צוזאַמענלעבן.״

ראָזענקראַנצן זיינען שטאַרק געפעלן אירע אַרויסגעזאָגטע אַרגומענטן. ער טראַכט: זי איז זייער אינטערעסאַנט אויך ראָמאַנטיש. ער פילט, אַז

ער פאַלט אַרונטער אונטער איר השפעה. זי באַהערשט אים מיט איר לאָגיק. אין דעם מאָמענט באַטראַכט ער איר שיינעם און איידעלן אויסזען, ווי אויך איר שלאַנקע פיגור מיט אירע שוואַרצע, קלוגע, גוטע אויגן.

„פריילין פינקעלשטיין! אַזעלכעס שאַפן אין דערווירקלעכקייט, וואָלט מען געקאָנט גלייבן אין אייביקער ליבע. דאָס וואָלט באַגייסטערט דעם מענטש! איר האָט מיטגעבוירענע דערפאַרונג, וואָס ס׳איז דאָס וויכטיק־סטע. רייכקייט איז גוט, אָבער אָן דערפאַרונג, צאָלט מען אַ טייערן פרייז!...״

ער האָט באַטראַכט, אַז ס׳ערשטע מאָל האָט ער אַזאַ געשפרעך מיט אַ פריילין. ס׳האָט זיך ביי אים געשאַפן אין געדאַנקען־גאַנג גאָר אַן אַנדער מיינונג. פריער איז ער געווען אַ קעגנער צו שאַפן אַ פאַמיליען־לעבן, און איצט איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז מיט אַזאַ פריילין, וואָלט געווען אַ גליק!... ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער איר געמאַכט אַ פאָרשלאָג. און ער זאָגט צו איר:

„פריילין פינקעלשטיין, איר פאַרמאָגט אינטואיציע, ווי אויך אויסער־געוויינלעכע פלייסיקייט. איר האָט מיר געבראַכט צו באַוווּנדערונג. איך האָב געהאַט אַ באַשלוס: בעסער זיין איינזאַם, איידער שטערן מיין רואיק לעבן! דאָס איז געווען ביז...״

זיין ציל איז געווען איר אַנדייטן, וואָס וועט זי ענטפערן?...

„איך בין שטאַרק צופרידן פון אייך הערן וועגן מיר אַזעלכע מיינונגען.״

זי טראַכט: ס׳איז גאַנץ אָנגענעם צו דיסקוטירן מיט אַזאַ פערזאָן. ער איז אינטערעסאַנט, אינטעליגענט, אָבער זיין באַרוף, ווי אויך אין זיין געזעלשאַפט וועל איך זיך פילן ניט גוט. ס׳איז ניט קיין קלייניקייט. ס׳קאָן קומען צו שלעכטע רעזולטאַטן!... איך טאָר זיך מיט אים ניט אינטערע־סירן. פאַקטיש, איז ער ניט פאָר מיר!...

ער באַטראַכט איר שווייגן, זעט ער, אַז זי באַזיצט אַ ווייטן קוק אין לעבן! ס׳איז נאָך אַ פראַגע, ווען איך מאַך איר אַ פאָרשלאָג, צי זי וואָלט אים אָנגענומען?... פלוצים איז זיין שוועסטער אַריינגעקומען אין סאַלאָן, איינלאַדן זיי אויף טיי, באַמערקט זי, אַז איר ברודער מיט לאהן זיינען, ווי ניט אויפגעלייגט. בעט זי ביי זיי אַנטשולדיקונג, פיליכט האָט זי זיי געשטערט? איר ברודער משה האָט אויף דעם געענטפערט, אַז זי האָט זיי אַבסאָלוט ניט געשטערט.

אויף זיין שוועסטערס ביטע, זיינען משה מיט לאהן אַרייַנגעגאַנגען אין עס־צימער, ווו עדה מיט זלמנען זיינען שוין געווען געזעסן ביים טיש.

דער טיש איז געווען שיין סערווירט מיט קאָנפיטורן, טאָרט, ביס־קוויטן. און אַזוי, זיצנדיק און פאַרברענגענדיק ביים טיש, איז אָנגעקומען דער פאָטער, וועלכער האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ און אָנטייל גענומען אין זייער אַלגעמיינעם געשפּרעך.

אין צווישנצייט באַמערקן די עלטערן זייער טאָכטער עדה, ווי זי שיינט פון שמחה און איז ממש גליקלעך מיט איר געראָטענעם חתן זלמן, וועלכער זיצט נעבן איר. דאָסגלייכן באַטראַכטן זיי זייער חתן זלמן, ווי איידל און בנעימותדיק ער איז, פיל שענער, ווי געווען! די שמחה פון די עלטערן איז געווען ניט צו באַשרייבן!... ווייל זייער שטרעבונג פון תמיד אָן לגבי זייער איינציקער טאָכטער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן! איצט קאָנען זיי שוין זאָגן מיט זיכערקייט, אַז זלמן איז זייער צוקונפטי־קער איידעם...

אין דער זעלבער צייט באַטראַכט לאה דעם געשפּרעך צווישן איר מיט ראָזענקראַנצן, טראַכטנדיק, אַז ער האָט איר אַרויסגעזאָגט אמתדיקע האַרציקע געפילן, וואָס האָבן געמאַכט אָן איינדרוק פון אַ דערפאַרענעם אינטעליגענטן מענטש. דערצו איז ער שיין, רייך, טראַץ דעם, וואָס ער איז עלטער פון איר מיט 20 יאָר, וואָלט זי אפשר מיט דעם זיך ניט גערעכנט, אָבער ער האָט דאָך אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז מען דאַרף נעמען אַ פּרווי, מען זאָל זיך קאָנען באַווייזן אין דער געזעלשאַפט. וועגן דעם דאַרף מען נאָכטראַכטן: אַזוי ווי זי רעכנט, אַז ער איז פאַר איר פון אַ צו הויכער „ראַנגע״, איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער טראַכט זי איז פאַר אים צו איינפאַך. ווידער איז אַ פראַגע פון זיינע געפילן, ווען ס׳וואָלט געווען אַ ליבע, וואָלט זי געקאָנט קלערן, ווי מען זאָגט, אַז ליבע איז בלינד, וואָלט עס געקאָנט זיין אַ מעגלעכקייט. אָבער אין דעם פאַל איז עס אַ גרוי־סע פראַגע און ס׳איז גלייכער זיך ניט אַריינלאָזן אין אַזעלכע פאַנטאַזיעס!...

אין דעם מאָמענט האָט זיך ביי זיי געשאַפן אַ מיספאַרשטענדעניש. ראָזענקראַנץ האָט באַמערקט, אַז פריילין פינקעלשטיין איז שטאַרק פאַר־טראַכט. דענקט ער, אַז זי האָט וועגן אים אַ מיינונג, ער איז צו אַלט פאַר איר. אמת, זי געפעלט אים, אָבער מאַכן אַזאַ שריט, דאַרף מען אַלץ נעמען אין אַכט. פאַרלויפיק, לאָזן עס מיט דער נאַטור. זי בלייבט דאָך ביז איבער זלמנס חתונה, וועט זיך אַרויסווייזן...

ווען זלמן מיט לאהן זיינען אַהיימגעקומען, האָבן זיי זיך מיט

אַלעמען געזעגנט. אויפן וועג טראַכט לאה, ווען ער וואָלט וועגן איר ערנסט געטראַכט, וואָלט ער איר געוויס אַרויסבאַגלייט... ס׳באַהערשן איר פאַרשידענע געדאַנקען, וועלכע רופן אַרויס ביי איר פאַרדאַכט, אַז די דיסקוסיע מיט ראָזענקראַנצן איז געווען צוועקלאָז... צוליב דעם איז ער פאַרבליבן אין שטוב.

ווען זלמן מיט לאהן זיינען אַוועק, איז הער גרינשטיין אַוועק גע־שעפטלעך. אין שטוב זיינען פאַרבליבן די מוטער, עדה און משה. משה טראַכט: מען דאַרף זיך אַדורכרעדן מיט דער שוועסטער, וועגן דער פריי־לין, וואָס וועט זי זאָגן?

און אַזוי ווי משה וויל אָנפאַנגען רעדן, האָט שוין זיין שוועסטער פאַרשטאַנען וועגן וועמען ער וויל רעדן, ווייל ווען זי איז אַריין אין סאַלאָן פאַרבעטן אויף טיי, האָט זי באַמערקט זייער באַנעמונג. טראַכט זי: זאָל ער אָנפאַנגען רעדן און ער פאַנגט אָן:

„שוועסטער! איך וויל דיר פרעגן וועגן דער פריילין פ., וואָס זאָגסטו?״

„משה! איך קאָן דיר זאָגן, אַז די פריילין געפעלט מיר. זי איז פאַר דיר פאַסנד. זי איז שיין, הויך, סימפּאַטיש און ניט אומוויסנד. אויב זי איז דיר צום האַרצן, וואָלט איך דיר געראַטן, זאָלסט ניט לייגן קיין אַכט, וואָס זי האָט ניט קיין נדן. געלט פאַרמאָגסטו, וועגן דעם דאַרף ביי דיר ניט זיין קיין פראַגע.״

ער איז געבליבן זיצן און טראַכט, אַז זיין שוועסטער ראָט אים גוט, אָבער ער זאָגט ניט „יאָ״ און ניט „ניין״!

עדה, אויסהערנדיק דער מוטערס עצה, מישט זיך אַריין, וועלנדיק פאַרשטאַרקן די פריינדשאַפט מיט איר חתנס שוועסטער, זאָגט:

„זעסט, אָנקל! איך האָב זיך באַקאַנט מיט מיין חתן דורך אַ שדכן, אַז ער איז מיר געפעלן געוואָרן, האָב איך זיך ניט גערעכנט, וואָס ער איז אַן אַרעמער ישיבה־בחור און גלייך באַשלאָסן. אַזוי וואָלט איך גע־האַנדלט, ווען איך וואָלט געווען אויף דיין אָרט... און ווען דו ווילסט אַ כלה מיט אַלע מעלות, ווייסטו דאָך, אַז אַלץ אין איינעם, איז ניטאָ ביי קיינעם!...״

משה, אויסהערנדיק עדהן, ענטפערט:

„דו, עדה, האָסט געקאָנט באַשליסן, ווייל דיין חתן איז דער בעסטער און שענסטער ישיבה־בחור, וואָס מען קאָן זיך מיט אים באַערן!...״

„אָנקל! לויט, ווי איך קאָן דיר, ווערסטו זיך קיין מאָל ניט צופּאַסן. ווען מען שטעלט דיר פאָר אַ געבילדעטע און אַ רייכע, וויל זי דיר ניט,

ווייל דו ביזט צו הויך און ניט צו יונג, אַלזאָ די פריילין פינקעלשטיין איז מיט אַלע גוטע מעלות אויך פון אַ פיינעם אָפּשטאַם. איך פאַרשטיי, אַז דו דאַרפסט באַשליסן. און אויב דו קאָנסט אַליין ניט דעצידירן, וועל איך זיך מער ניט מישן. מיט דעם פאַרענדיק איך און דו טו, ווי דו פאַר־שטייסט !...״

ער האָט אויסגעהערט זייערע עצות, ניט ענטפערנדיק און געזעגע־נענדיק זיך, איז ער אַוועק, ווי אַ צעטומלטער, ניט ווויסנדיק, וואָס צו טאָן, טראַכטנדיק: זאָל עס גיין, די צייט וועט באַווייזן. מיט דעם האָט ער זיך עטוואָס באַרואיקט, טראַכטנדיק, ווען די פריילין וואָלט געווען מער געלערנט, וואָלט ער שוין באַשטאַנען, אָבער לויט זיין „געזעלשאַפט״ איז זי פאַר אים ניט פאַסנד.

ווען לאה איז אַהיימגעקומען, האָט אויף איר געהאַט געוואַרט דער שדכן. זי האָט זיך מיט אים באַגריסט. ער האָט איר געבעטן, זאָגנדיק, אַזוי ווי ער האָט מיט איר וויכטיקעס צו רעדן, וויל ער, זי זאָל מיט אים אַריינגיין אין אַ צווייטן צימער. זי האָט דערפילט זיין בקשה און געבעטן אים זיצן.

דער שדכן שטעלט איר פאָר אַ רייכן בחור אַ מאַנופאַקטור־סוחר זייער אַ פיינער. ער וויל זיך מיט איר באַקענען און היינט אָונט מאַכן אַ זעאונג. לאה איז מסכים געווען.

אין אָונט, ווען זלמן איז אַהיימגעקומען פון דער ישיבה, האָט אים לאה דערציילט, אַז זיין שדכן איז געווען און שטעלט איר פאָר אַ בחור זייער אַ פיינעם, וואָס באַזיצט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, מיט וועלכן זי דאַרף היינט האָבן אַ זעאונג. זלמן האָט געענטפערט:

„זאָל גאָט העלפן!״

לאה האָט זיך צוגעגרייט, געמאַכט אַ שיינע פריזור, אָנגעטאָן אַ באַר־דאָ־קלייד, וואָס האָט איר צוגעגעבן פיל חן און געבליבן וואַרטן אויף דער באַשטימטער צייט. דער שדכן איז געקומען און מיט איר אַוועק צום באַשטימטן פלאַץ. ער האָט איר באַקאַנט געמאַכט מיט הער ריינעס, און נעמענדיק פון זיי אָפּשייד, איז ער אַוועק. ווען דער הער ריינעס האָט לאהן דערזען, איז ער אַנטציקט געוואָרן פון איר פרעכטיקן געשטאַלט און שיינעם, איידעלן, סימפּאַטישן אויסזען. ער האָט איר פאַרגעלייגט אַריינגיין אין אַ קינאָ, אויף וואָס זי האָט צוגעשטימט און זיי זיינען אַריין. ס'האָט געשפּילט אַ בילד, ווי אַ שיינער בעל־הבתישער בחור נעמט אַ זייער רייך מיידל, אָבער ניט קיין שיינע. די עלטערן זיינען פאַראינטע־

רעסירט צוליב איר גרויסן נדן, אָבער דער בחור איז ניט גערן און לעבט פיל איבער. ריינעס, צוקוקנדיק זיך אויפן בחורס איבערלעבונג, טראַכט: ער וואָלט קיינמאָל אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. לאה איז גראָד צופרידן געווען פונעם בילד. טראַכט זי: זאָל ער זען די קאָנסעקווענצן פון אַ גרויסן נדן!...

נאָכן בילד זיינען זיי אַריין אין אַ קאַפע, פאַרנעמענדיק אַ טישל, האָט ער באַשטעלט קאַפע מיט ביסקוויטן. אַזוי זיצנדיק ביי דער קאַפע אַ געוויסע צייט, באַמערקט רייגעס, ווי די אַנוועזנדע וואַרפן זייערע בליקן אויף לאהן... דאָס האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט, אויסרעכנענדיק, אַז לאה מאַכט אויף אַלעמען אַ גוטן איינדרוק. ניט קיין קלענערן איינדרוק האָט לאה געמאַכט אויף רייגעסן. פון ערשטן מאָמענט אָן האָט זי געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין זיין האַרץ. ער האָט זיך צו איר באַצויגן זייער פריינטלעך. אַזוי פאַרברענגענדיק, פרעגט ער איר, ווי זי פאַרברענגט די פרייע צייט?

„צופיל פאַרברענגען, קומט מיר ניט אויס, מחמת איך בין אַ יתומה און אַרבעט ביי מיינע אַ טאַנטע אין געשעפט, אַזוי אַרום באַגנוגן איך זיך אין דער פרייער צייט לעזן אַ בוך, אין וועלכן איך געפין אַ פריינט...”
— האָט געענטפערט לאה.

„איך בין אויך ביי דער מיינונג, אָבער דערצו איז גוט, ווען מען האָט אויך אַ לעבעדיקן פריינט, וואָס פילט מיט חלילה אין לייד און פרייד! דאָס איז ס׳וויכטיקסטע”. — האָט צוגעשטימט רייגעס.

„הער רייגעס! ווו נעמט מען דעם „מענטשן־פריינט”, ווען ס׳רוב מענטשן לויפן נאָכן געלט!...”

„יאָ, פריילין פינקעלשטיין, איר האָט אַרויסגעבראַכט אַן אמת לאָגישן געדאַנק!...”

רייגעס, אַ קוק געבנדיק אויפן זייגער, האָט באַמערקט, אַז די צייט איז שוין ניט פרי. ס׳איז צייט צו גיין אַהיים. ער האָט איר באַגלייט אַהיים, זיך מיט איר פריינטלעך געזעגנט, באַמערקנדיק איר, אויב איר איז אנגענעם, וועט ער איר מאָרגן אָוונט באַזוכן, אויף וואָס לאה איז געווען איינשטימיק. אויך זי האָט אים פאַר אַלעם באַדאַנקט.

אויף צו מאָרגנס איז דער שדכן געקומען פרעגן רייגעסן, וואָס הערט זיך?

„ר׳ אייזיק, איך קאָן אייך זאָגן, אַז זי זעט אויס צו זיין אַ פיינע, קלוגע פריילין. דאָך קאָן מען ניט באַשליסן צום ערשטן מאָל.”

„דאָס איז אמת, הער רײנעס, אָבער דער עיקר ס'איז דאָ װעגן װאָס צום טראַכטן?״ — האָט געפרעגט דער שדכן.

„ר' אײזיק, האָב איך דען אײך אָפּגעזאָגט? איך זאָג, אַז איך װיל זיך מיט איר טרעפן, כדי איר קאָנען לערנען. איר װײסט דאָך, אַז איך בין גוט סיטואירט און זוך ניט קײן געלט. מען קאָן דאָך קײן שלעכטס ניט זאָגן אויף אַזאַ פרײלין! אַלזאָ, ר' אײזיק, האָט געדולד. צװײטנס, װײס איך ניט װאָס זי טראַכט װעגן מיר?״

„הער רײנעס! איך װעל אײך קאָנען זאָגן, װײל איך בין נאָך בײ איר ניט געװען. איך האָב געװאָלט פריער פון אײך הערן.״

„ר' אײזיק, איר דאַרפט זיך עס דערװיסן, װײל ס'איז פאַר מיר װיכטיק.״

דער שדכן איז אַװעק אַ צופרידענער, אַרויסנעמענדיק פון זײן קליענטס רײד, אַז ער איז ניט גלײכגילטיק צו דער פרײלין פינקעלשטײן. קומט ער צו פרײלין פ. און פרעגט זי, װי האָט זי נעכטן פאַרבראַכט?

„אַ דאַנק! זײער גוט!״ — האָט געענטפערט פרײלין פ.

„נו, װי געפעלט אײך דער הער רײנעס און װי אַנטשפּרעכט ער אײך?״

„װאָס קאָן מען זאָגן בײ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט? דאָך זאָג איך, אַז מען קאָן זאָגן אויף אים, ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש. אויך װעט די צײט באַװײזן. איך װעל דאָ נאָך זײן, ביז נאָך מײן ברודערס חתונה, ד. ה. אומגעפער צװײ חדשים.״ — האָט געענטפערט פרײלין פ.

„אויב ער איז אײך ניט צום האַרצן, האָב איך נאָך אַ זאַך. איך קאָן אײך באַקענען מיט אַ בחור, װאָס האָט אַלײן אַ גאַלאַנטערײ־געשעפט. אמת, ניט אַזאַ שײנער, װי דער הער רײנעס. ער איז פון זײער אַ רײכער אָפּשטאַם. איך װײס עס געװיס, אַז ער זוכט ניט קײן נדן. נו, װאָס זאָגט איר, פרײלין פינקעלשטײן?...״

„איך דאַרף זיך הײנט מיט אים טרעפן. אַזאַ זאַך קאָן מען ניט כאַפּן!...״

„יאָ, פרײלין פינקעלשטײן ,איר האָט פולקאָם רעכט!״.

מיט דעם איז ער אַװעק. ער טראַכט: אַז דער רײנעס געפעלט איר! מען דאַרף האָבן געדולד...

אַזוי גײענדיק פון דער פרײלין פ., האָט ער באַטראַכט, אַז ער דאַרף אַרײנגײן צום הער גרינשטײן װעגן דעם, װאָס אים קומט. אַרײנקומענדיק, האָט אים הער גרינשטײן זײער פרײנטלעך מקבל פנים געװען, געבעטן זיצן און דערלאַנגט אַ הונדערטער, זאָגנדיק דערבײ, אַז דאָס איבעריקע, װאָס אים קומט, װעט ער באַקומען צו דער חתונה, פאַר װאָס ער האָט אים

באַדאַנקט. די פרוי גרינשטיין האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַקעט, זאָגנדיק, אַז ס׳איז אַ מתנה פאַר זיין פרוי. ער האָט איר שטאַרק באַדאַנקט און אַנווינטשנדיק נחת פון די קינדער, איז ער אַ צופרידענער אַוועק.

אַהיימקומענדיק, באַמערקט זיין פרוי דעם פּאַקעט, זאָגט ער צו איר:

„קאָנסט מיר גראַטולירן. ווייסט דאָך דער שדוך מיטן ישיבה־בחור איז פאַרענדיקט, בין איך צו אים אַריין, האָט ער מיר געגעבן דעם ערשטן הונדערטער און דאָס איבעריקע וועט ער צו דער חתונה געבן. דער פּאַקעט איז פאַר דיר אַ מתנה פון פרוי גרינשטיין...״

זיי האָבן דעם פּאַקעט אויפגעמאַכט און באַוואונדערט: 3 פלעשער וויין, 2 פלעשער קאָניאַק, אַ באָנבאָניערע, טאָרט מיט טייגלעך...

זאָגט זיין פרוי:

„אייזיק! אַזעלכעס איז אַ זעלטנהייט, הלוואי אויף ווייטער, ניט ערגער!..״

איצט ברײנע, מוז איך דיר דערציילן נאָך אַ געשיכטע — זאָגט אייזיק צו זיין פרוי און זעצט פאָר: — איך האָב אָנגעפאַנגען פירן נאָך אַ שדוך, מיטן ישיבה־בחורס שוועסטער. זי איז זייער אַ שיינע, אַ קלוגע און אַ הויכע. האָב איך עס פאָרגעשטעלט פאַר פרוי גרינשטיינס ברודער דעם דענטיסט. זייענדיק ביי די תנאים און אָנקוקנדיק דער פריילין, ווי אויך אים, האָב איך איינגעזען, אַז ס׳וועט ניט „אָנגיין״!... ווייל זי איז צו יונג. טראַכט איך: איך וועל איר פאָרשטעלן ריינעסן, ווייל ער זוכט ניט קיין געלט, נאָר אַ שיינע, הויכע, קלוגע כלה. ווי מיינסטו?״

„אייזיק! איך מיין אויך ס׳זעלבע. דו קאָנסט דאָך אים, אַז ער פאַר־דרייט דיר דיין קאָפּ. ער ווייסט אַליין ניט, וואָס ער וויל!...״

„אַזוי, ברײנע, האָב איך געמאַכט. פאָרגעשטעלט ריינעסן און זיי באַקאַנט געמאַכט און, ווי ס׳ווייזט אויס, וועט עס זיין אַ שדוך...״

לאַה, אַהיימקומענדיק, טראַכט: אויב איך בין אים אַזוי געפעלן, ווי ער מיר, וואָלט זי זיכער געווען צופרידן, ווייל ער אַנטשפּרעכט איר אין אַלע הינזיכטן. אויף צו מאָרגנס אָוונט, איז ה׳ ריינעס געקומען אָנגעטאָן זייער עלעגאַנט, מיטגעבראַכט אַ שיינע באָנבאָניערע און העפלעך זיך מיט איר באַגריסט. ווען זי האָט אים דערזען און באַמערקט זיין באַנעמונג צו איר, האָט זיך געשאַפן ביי איר אַ מיינונג, אַז ער איז אין איר פאַראינ־טערעסירט.

ער האָט אויסגעזען אין אירע אויגן פיל בעסער, ווי ס׳ערשטע מאָל. אויך זי האָט אויף אים געמאַכט אַ בעסערן איינדרוק. זי האָט זיך צו אים

באַצויגן זייער פריינטלעך און מכבד געווען מיט אַ שיינעם כיבוד. ער באַטראַכט איר האַלטונג און מאַניערן, ווי זי וואָלט געווען פון אַריס־טאָקראַטישער היים. ער טראַכט, ווען זי זאָל זיין איינשטימיק, וואָלט ער פיל ניט געטראַכט און געמאַכט אַ תנאים. און ווידער האָט ער נאָך פון איר ניט געהערט אַ מיינונג! איז בעסער זיך האַלטן ערנסטער, הערן איר דעה. און אַזוי פאַרברענגענדיק, פרעגט ער זי, אויב זי איז פאַראינ־טערעסירט און שטרעבט צו אַ רייך לעבן?

„הער ריינעס! דאָס לעבן קאָן ניט זיין, ווי ביי אַ קונסט־מאָלער, ווי ער וויל אַזוי מאָלט ער דאָס בילד. דאָקעגן מיר מענטשן קאָנען ניט ענדערן די געזעצן פון דער נאַטור, וועלכע האָבן יעדן איינעם באַשאַנקען מיט עפּעס אַנדערש... געלט איז ביי מיר קיינמאָל ניט געווען דער עיקר־ציל. ס'וויכטיקסטע: דאַרף מען זיך צופּאַסן, אַז דאָס לעבן זאָל האָבן אַ קיום!... — האָט פריילין פ. אים געענטפערט.

„פריילין פינקעלשטיין, אייער געדאַנק איז דער ריכטיקסטער וועג אין צוזאַמענלעבן. ער שטייט העכער פון ליבע! ליבע פירט אָפטמאָל צו אַנטוישונגען!...” אַלס ביישפּיל דערציילט ער איר פון זיינעם אַ יינגערן ברודער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיין יונג מיידל, אַ נאַיווע. „מיין ברודער האָט זיך מיט איר באַקאָנט נאָך זייענדיק סטודענט. צוליב די ליבע האָט ער ניט פאַרענדיקט זיין שטודיום. ס'האָט זיך פאַרענדיקט טרויעריק, ווייל נאָך דער חתונה האָט ער ניט געקאָנט שאַפן אַ רייך לעבן, לויט זי האָט געפאָדערט. הייסט דאָס דען ליבע? איך פאַרשטיי אַנדערש, אַז ליבע איז פאַרבונדן מיט הערצלעכע געפילן! און אויב די צווייטע פּערזאָן איז נאָר פאַראינטערעסירט אין אויסבעסערן די מאַ־טעריעלע לאַגע, קאָן מען עס דען אָנרופן ליבע? דעריבער גלויב איך ניט אין ליבע.”

ער טראַכט: מיט דער פריילין פ. קאָן מען זיין גליקלעך, ווייל זי איז אַן אויפריכטיקע. מען קאָן איר ליבן, שעצן, אַכטן. מען דאַרף אָבער האָבן צו איר אַ צוגאַנג, ניט אַרויסווייזן יוגנטלעכע התפעלות, כדי ניט אַרויסרופן ביי איר לייכטזיניקע געדאַנקען, איז גלייכער זיך האַלטן ערנסט. ער ווענדעט זיך צו איר מיט אַ פאָרשלאַג:

„פריילין פינקעלשטיין, איך האָב צו אייך אַ ביטע, אויב אייך איז אָנגענעם, וויל איך אייך איינלאַדן אויף אַן אָוונט־באַל.”

זי האָט גערן אָנגענומען זיין איינלאַדונג, פאַר וואָס זי האָט אים פון פאָראויס געדאַנקט. מיט דעם איז פאַרענדיקט געוואָרן זייער געשפּרעך.

ער האָט זיך מיט איר פריינטלעך געזעגנט, דאַנקענדיק פאַר איר שיינע אויפנאַמע און ער איז אַ צופרידענער אַוועק, אין דערוואַרטונג פון אָוונט־באַל.

ווען זלמן איז געקומען, האָט לאה אים דערציילט, אַז ה׳ ריינעס איז געווען און איר איינגעלאַדן אויף אַן אָוונט־באַל. זי האָט באַמערקט, אַז זלמנען געפעלט עס ניט. דאָך האָט ער אויף דעם ניט רעאַגירט.

אויף צומאָרגנס האָט זיך לאה צוגעגרייט, מאַכנדיק אַ מאָדערנע פריזור, אָנגעטאָן זיך אין אַ שיין וויזיט־קלייד, באַפוצט מיט אַ שיינע רויז. אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן מיט די לאַנגע וויעס, מיט אירע חן־גריבעלעך, וואָס האָט איר פּנים צוגעגעבן פיל סימפּאַטיע און איר שיינע שלאַנקע פיגור, וואָס האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ זייער גוטן איינדרוק. אויפן באַל האָט ריינעס מיט פריילין פ. געטאַנצט און זייער גוט פאַר־בראַכט.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז צו ריינעסן צוגעקומען אַ געוויסער מאַן און געבעטן דערלויבן זיין פאַרטנערין גיין מיט אים טאַנצן, אויף וואָס ריינעס איז מסכים געווען. לאה איז מיט אים אַוועק טאַנצן. ריינעס האָט לאהן אָבסערווירט און באַוווּנדערט איר שיינעם טאַנצן מיט איר אַריסטאָקראַטישער האַלטונג, וואָס האָט ריינעסן פאַרשאַפט פיל פאַר־געניגן. באַקאַנטע האָבן ריינעסן געפרעגט: „ווער איז די פריילין? איז זי זיין כלה, אָדער אַ קרובה?״

ער האָט געענטפערט, אַז זי איז זיין צוקונפטיקע כלה. זיי האָבן באַוווּנדערט איר שיינקייט און איידלקייט, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַן אַנגענעמע שטימונג. ער טראַכט: מען דאַרף זיך דעצידירן, ס׳איז אַנגענעם מיט איר צו קומען אין אַ געזעלשאַפט. דאַקעגן איז זי ניט פאַראינטערעסירט, ווי אַנדערע, צו וועלן דערגרייכן אַ לוקסוס־לעבן. און אַמאָל, ווי ס׳מאַכט זיך אין לעבן, וועט אַזאַ פריילין ניט פאָדערן פון מיר, ווי מיין נאַרישע שוועגערין האָט זיך אויסגעדריקט צו מיין ברודער: „גיי מיט דער נאָז אַקערן די ערד און מיר ברענג, וואָס איך דאַרף!...״ איך דאַרף ניט צופיל איבערטראַכטן, מען דערקאָנט גלייך דעם מענטש און ער האָט באַשלאָסן מאַכן איר אַ פאָרשלאַג.

לאה האָט פאַרשטאַנען פון זיין באַנעמונג, אַז ער איז פאַראינטערע־סירט, אָבער אויף אַזוי פיל האָט זי זיך ניט פאָרגעשטעלט.

אַזוי איז אַדורך דער אָוונט. ער האָט איר אָפּגעפירט אַהיים און איר געדאַנקט.

זאָגט זי: „איך ווייס ניט, ווער וועמען דאַרף דאַנקען, אפשר איך אייך פאַר אייער איינלאַדונג?"

ענטפערט ער: „מיר וועלן זיך שוין אַ צווייט מאָל אויסרעכענען!..."

אליהו איז שפּעטלעך אַהיימגעקומען. די מוטער האָט אים אָוונטברויט דערלאַנגט. באַמערקט זי, ווי ער עסט און איז שטאַרק פאַרטראַכט. פרעגט זי אים:

„וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט?"

„איך בין געווען אויף אַן אָוונט מיט אַ באַקאַנטע פריילין. זי זעט אויס צו זיין פון אַ בעסערע היים און איך געפין איין, אַז זי איז פּאַסנד פאַר מיר."

„ווער איז די פריילין און ווער זיינען אירע עלטערן?"

„זי איז געקומען פון פּראָווינץ צו איר ברודער, אַ ישיבה־בחור, וועלכער גייט חתונה האָבן פאַר גרינשטיינס טאָכטער. עלטערן האָבן זיי ניט. ווי איך זע פון איר האַלטונג, איז זי פון אַ פיינעם אָפּשטאַם און איר אויסזען איז זייער אַ סימפּאַטישער. זי איז אַ קלוגע און אַ מוטיקע פריילין. אַלזאָ, מוטער, איך וואָלט וועלן דו זאָלסט איר קאָנען. איך בין זיכער, אַז דיר, מוטער, וועט זי אויך געפעלן."

„זון מיינער, פון דיינע רייד פאַרשטיי איך, אַז זי איז דיר געפעלן. אויב דו ביסט זיכער, אַז זי איז פאַר דיר פּאַסנד, פאַרשטיי איך, אַז דו ווייסט, וואָס הייסט פּאַסנד! האָסט שוין געזען פון דיין שוועגערין: זי איז געווען שיין, סימפּאַטיש, אָבער אַ לעבן שאַפן, ליידער! דער עיקר, אַ פרוי דאַרף זיין אַ פריינד אין לעבן!..."

„איך האָב, מוטער, אַרויסגענומען און אַרויסגעזען, אַז זי איז אַ דער־פאַרענע און גוטע נשמה!"

„און אפשר וועט זי ניט וועלן זיין מיט אַ שוויגער? אַזוי, ווי דיין שוועגערין האָט אים געהאַט געשטעלט אַן אולטימאַטום: נאָר ניט מיט דער מוטער!... טאָ וואָס טויג מיר עס?..."

„יאָ, מוטער, דו האָסט פולקאָם רעכט. איך זע איין, אַז די פריילין איז פון די קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן יושר און זי קאָן זיין פאַר דיר, ווי אַן אייגענע טאָכטער!..."

„ווי לאַנג קאָנסטו איר?" — פרעגט די מוטער.

„איך קאָן איר ניט לאַנג, אָבער זי לאָזט זיך דערקענען, ווייל זי רעדט אָפנהאַרציק, פּשוט, זי זעט מיר אויס, ווי איך וואָלט איר שוין לאַנג געקאָנט, ווייל זי איז ניט פון די פריילינס, וואָס מאַסקירן זיך. זי

פאַרווירקלעכט מיינע שטרעבונגען!... און איצט, מוטער, וועל איך איר פאַרלייגן, אויב זי וועט אויף מיין פאָרשלאַג איינגיין, אַז מיר זאָלן זיין צוזאַמען, דאַן וועל איך איר איינלאַדן. דו ווייסט דאָך, מוטער, אַז איך בין ניט פון די בחורים, וואָס אינטערעסירן זיך נאָר מיט אַ שיינעם אויסזען. איבער אַלץ איז ביי מיר דער מענטש מיט זיין כאַראַקטער!... שטעל זיך פאָר, מוטער, איך האָב איר געשטעלט אַ פראַגע, ווי קוקט זי אויפן לעבן? האָט זי מיר געענטפערט, ווי אַ דערפאַרענער מענטש, אַז געלט איז ניט דער עיקר. ס׳וויכטיקסטע, זאָגט זי, איז, אַז דער מענטש איז פאַסנד, וואָס עס איז דער פונדאַמענט פון צוזאַמענלעבן. און שפּעטער, ווי ס׳פּאַסירט אין שפּעטערדיקן גאַנג פון לעבן, איז מען צופרידן.״

„מיין זון, דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, וואָס דו האָסט צו טאָן. אויב אַ פריילין האָט דיר אַזוי דערקלערט, פאַרשטיי איך, אַז זי וועט אונדז ניט פאַרשעמען!...״

אויף צומאָרגנס איז ריינעס געקומען. לאה האָט אים זייער האַרציק אויפגענומען. און אַזוי, זיצנדיק און פאַרברענגענדיק, איז זלמן אָנגעקומען מיט שאולן. לאה האָט זיי באַקאַנט געמאַכט מיט אליהו ריינעס, וואָס האָט אויך אויף זלמנען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. זיי האָבן זייער פריינד־לעך פאַרברענגט. שאול איז געווען באַקאַנט מיט ה׳ ריינעסן. ער האָט אויך געהאַט וועגן אים אַ גוטע מיינונג. זלמן טראַכט: אויב דער חתן וועט פאַרלאַנגען נדן און, וויסנדיק, אַז זיין שוועסטער באַזיצט ניט, האָט ביי אים זיך געשאַפן אַ שלעכטע שטימונג. וואָלט ביי אים געווען נאָך דער חתונה, מעגלעך עדה וואָלט איינגעגאַנגען מען זאָל איר אַרויס־העלפן, אָבער ער איז דאָך נאָך אַליין, ווי מען זאָגט, אין דער לופטן!... מיט די פאַרצווייפלטע געדאַנקען איז ער געווען פאַרנומען.

ריינעס האָט געטראַכט: דער פריילינס ברודער איז ניט אויפגעלייגט, מן הסתם, וואָס איך בין ניט אַזוי באַהאַוונט אין תורה... דאָס האָט אויף אים משפיע געווען, אַז ער האָט זיך געפילט, ווי דערשלאָגן. טראַכט ער: איך וועל אים אויפקלערן, אַז איך האָב אַלע יאָרן געשטרעבט דערווערבן קאַפּיטאַל, כדי איך זאָל קאָנען נעמען אַ כלה אַפילו אָן נדן, נאָר זי זאָל זיין פון אַ פיינער היים. ריינעסעס דערקלערונג האָט אַרויסגערופן ביי זלמנען גרויס צופרידנהייט.

זיי האָבן פאַרענדיקט די דיסקוסיע און זלמן מיט שאולן זיינען אַוועק. לאה איז פאַרבליבן מיט ריינעסן. ער האָט געגאַרט, זיי זאָלן אַוועקגיין,

כדי ער זאָל קאָנען מיט איר ריידן וועגן תכלית. רייִנעס ווענדעט זיך צו לאהן מיט פּאָלגנדעס:

„איך בין פאַראינטערעסירט אייך באַקאָנען מיט מיין מוטער. פאַרוואָס? איך בין דער איינציקער זון פאַרבליבן אין דער היים. צווייטנס, מיין ברודער, ווי אייך איז שוין באַוווסט, האָט חתונה געהאַט, און זיין פרוי האָט פאַרלאַנגט, אַז דער ברודער זאָל באַקומען זיין חלק. און ווייל מיין מוטער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן פירן דאָס געשעפט צוזאַמען, כדי ס׳געשעפט זאָל פּראָפּיטירן, האָט די שוועגערין ניט איינגעשטימט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט זיין מיט אַ שוויגער. אַלזאָ, פריילין פינקעלשטיין, גלויב איך, אַז איר פאַרשטייט מיר!..."

„מען זאָגט: „וויפל קעפּ, אַזויפיל דעות". איך הער און פאַרשטיי אייך, הער רייִנעס... איצט הערט אויס עפּעס פון מיין ביאָגראַפיע. איך בין געבליבן נאָך מיין פאָטער ז״ל אַ יונג קינד מיט נאָך צוויי יינגערע. מיין מוטער איז געבליבן אַ יונגע אלמנה מיט קליינע מעגלעכקייטן. מיין מוטער ז״ל האָט שווער געאַרבעט, כדי צו געבן אונדז מענטשלעכע דערציִאונג. צום סוף, ווען מיר זיינען שוין געוועזן ביכולת צו העלפן דער מוטער, כדי בעסער צו לעבן, ווערט זי קראַנק און לאָזט אונדז איבער... איך פאַרשטיי גוט, וואָס באַדייט ס׳וואָרט „מוטער". פון אייער דערציילונג פאַרשטיי איך, אַז אייער מוטער איז אַ גוטע און קלוגע פרוי. אַזאַ מוטער דאַרף מען קאָנען פאַרשטיין און אָפּשאַצן!..."

„פריילין פינקעלשטיין, מיר איז אַלץ פאַרשטענדלעך, דאָך אויב אייך איז איינגענעם, חזר איך איבער און בעט אייך איר זאָלט זיך באַקאָנען מיט מיין מוטער!"

„ווען איר פאַרלאַנגט, הער רייִנעס, פאַרוואָס ניט? מיט פאַרגעניגן!"

ער האָט איר איינגעלאַדן אויף מאָרגן 7 אָוונט, לאה האָט אים גע־דאַנקט. אַזוי האָבן זיי דעם אָוונט זייער גוט פאַרבראַכט, אויסטוישנדיק זיך קעגנזייטיק מיט פאַרשיידענע געדאַנקען פון פּריוואַטן און ליטעראַרישן זין... ער טראַכט, אַז זי איז אַ פּראַקטישע. דעריבער האָט ער באַשלאָסן פאַרציילן איר וועגן זיין פינאַנסיעלע זעלבשטענדיקייט, ווי אויך ס׳זאָל ניט זיין קיין חלוקי דעות צווישן איר און זיין מוטער, שטעלט ער איר פאָר זיין מוטערס מעלות און חסרונות.

„זי איז טאַקע, ווי איר האָט אַרויסגענומען פון מיינע רייד, אַז זי דאַרף זיין אַ גוטע און קלוגע מוטער, דאָך באַזיצט יעדער גוטער, קלוגער מענטש אויך חסרונות. אַלזאָ, מיין מוטער איז אַ גרויסע עקאָנאָמיסטין,

ווייל זי איז געבליבן אַ יונגע אלמנה מיט צוויי זין און געשאַפן פאַר אונדז אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך איז געווען, ביז זי האָט חתונה געמאַכט דעם יונגערן ברודער.

ווי אייך איז שוין באַוווסט, איז זי געווען אַ שיינע, אַ געבילדעטע. נאָר איין חסרון אירער האָט צונישט געמאַכט אונדזער מוטערס שטרעבונג. זי האָט פאַרלאַנגט אַ לוקסוס־לעבן, אָבער סוחרים מוזן לעבן מיט רעכענונג. אַזוי אַרום וואָלט איך גערן געוואָלט באַקאָנען אייך מיט מיין מוטער. איך האָף, אַז אייער באַקאַנטשאַפט וועט ברענגען פאַר אונדז גוטע רעזולטאַטן."

„וואָס שייך פינאַנסיעלע אָנגעלעגנהייט, קאָן מען ניט און מען טאָר ניט אויסברייטערן דעם לעבנס־־שטייגער מער, ווי די אונטערנעמונג דערלויבט. יעדער געשעפטסמאַן מוז פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר די פינאַנ־סיעלע אויסגאַבן, דעריבער איז נויטיק צו זיין אַן עקאָנאָמיסט. אין דעם פאַל איז לייכטער צו דערגרייכן אַ גוטע צוקונפט."

איר ענטפער איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער טראַכט: אַזאַ פריילין קאָן אין לעבן שאַפן פראָגרעס.

איך דאַרף אַדורכפירן מיין ציל. ניט פירן ראָמאַנען. ס'איז אַ פאַקט, אַז פריילין פינקעלשטיין האָט באַהערשט מיין האַרץ!... אין דעם מאָמענט האָט ער פעסט באַשלאָסן לעזן דעם פראָבלעם. איך וועל אַלץ דערציילן דער מוטער און האָפנטלעך וועל איך באַקומען איר צושטימונג. דאַן וועל איך שנעל דערמעגלעכן צו דערגרייכן מיין געגאַרטן ציל.

ער האָט זיך מיט איר פריינדלעך געזעגנט, דאַנקנדיק איר פאַר דער אויפנאַמע, איז ער אַוועק אַ צופרידענער, פאַרשפרעכנדיק צו קומען מאָרגן אָוונט.

ווען זלמן איז אַהיימגעקומען, האָט אים לאה אַלץ דערציילט. זלמן, אויסהערנדיק עס, זאָגט:

„הער רייגעס געפעלט מיר. ערשטנס איז ער ניט קיין אומוויסנדער. צווייטנס, איז ער אַ פאַרמעגלעכער. אויך איז ער שיין, הויך און פאַסנד פאַר דיר. לויט ער האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, פאָדערט ער ניט קיין נדן. אַלזאָ, לאה, פון מיין שטאַנדפונקט, ראָט איך, אַז דו זאָלסט וועגן אים ערנסט טראַכטן. נו, וואָס זאָגסטו, לאה?"

„פון זיין דערציילונג נעם איך אַרויס, אַז ער איז צוזאַמען מיט דער מוטער. זי איז געבליבן אַ יונגע אלמנה און דערצויגן צוויי זין. דער יינגערער האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, געוואָרפן דעם שטודיום, חתונה געהאַט, גענומען זיין חלק און אַרויס פון שטוב. זייער מוטער איז

געוועז דערפאַר, זיי זאָלן לעבן צוזאַמען און פירן ס׳געשעפט, אָבער זיין ברודערס פרוי איז ניט געוועז איינשטימיק. אַזוי אַרום איז ער פאַרבליבןביים געשעפט און איז צוזאַמען מיט דער מוטער. ווי איך פאַרשטיי, איז ער פאַראינטערעסירט און וואָלט מיר שוין געהאַט געמאַכט אַ פאָרשלאָג, נאָר ער וויל איך זאָל זיך פריער באַקאָנען מיט זיין מוטער. פון זיינע רייד נעם איך אַרויס, אַז זי מוז זיין אַ קאַרגע.״

„דו ווייסט דאָך, מיין שוועסטער, ווי מען זאָגט: „בעסער 10 שלע־סער, ווי חלילה איין דלות!״ די הויפט־זאַך, אויב ער געפעלט דיר? איך פאַרשטיי, אַז דו ביסט אים שטאַרק געפעלן, ווייל אין אָנפאַנג פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָט ער מיר אָנגעדייטעט, אַז ער זוכט ניט קיין נדן. איך גלויב, אַז דו דאַרפסט ערנסט טראַכטן, ס׳איז אַ זאַך. און וועגן דעם, וואָס זי איז אַ קאַרגע, זאָלסטו זיך ניט דאגהן. אַ מוטער איז פאַראינטע־רעסירט, אַז איר זון זאָל זיין גליקלעך. אַלזאָ, גלויב איך, זי וועט אייך ניט שטערן. צווייטנס ביסטו דאָך ניט פון די פריילינס, וואָס זוכן לוקסוס און ער איז דאָך ניט אַן אָנגעשטעלטער ביי ווען! אַזוי אַרום טראַכט ניט איבער, וואָס די מוטער איז אַ קאַרגע.״

לאה, אויסהערנדיק זלמנס דערקלערונג, האָט באַשלאָסן, אויב ער וועט איר מאַכן אַ פאָרשלאָג, וועט זי איינשטימען.

אליהו רייכעס איז אַהיימגעקומען אַן אויפגעלייגטער. די מוטער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טראַכט ערנסט וועגן דער פריילין. פרעגט זי:

„וואָס הערט זיך, מיין זון? איך זע, אַז דו ביסט היינט געקומען אַן אויפגעלייגטער און אַ מוטיקער!...״

„איך וועל דיר, מוטער, דערציילן פון אונדזער געשפרעך. איך האָב דער פריילין פינקלשטיין באַקאַנט געמאַכט פון דיין פאַרגאַנגענהייט, ווי אויך מיין ברודערס לאַגע, וואָס ס׳איז אַרויסגעקומען צוליב זיין פרוי. אַלזאָ, מיט איר דאַרף מען זיך ניט אָנשטרענגען, זי פאַרשטייט אויפן ווונק, ווי אויך וועגן אונדזער לאַגע, אַז איך וועל דאַרפן זיין מיט דיר צוזאַמען. אַלזאָ, האָב איך פון איר באַקומען אַזאַ ענטפער, אַז דו, מוטער, דאַרפסט ניט איבערקלערן, ניט מורא האָבן פאַר קיין שוועריקייטן און מיט איר קאָן מען שאַפן אַ שיין רואיק לעבן. זי פאַרמאָגט אונטערנעמונגס־פעיקייטן אַזוי, אַז זי וועט קאָנען פאַרשענערן און באַפעסטיקן אונדזער עקזיסטענץ. איין ענטפער, וואָס זי האָט מיר געגעבן וועגן לעבנס־פראַגן, וועגט אַריבער מיין שוועגערינס לאָגיק מיט איר פאַרשטאַנד. זי האָט געזאָגט, אַז אַ גע־שעפטסמאַן טאָר זיך ניט דערלויבן מאַכן די אויסגאַבן מערער, ווי דאָס

געשעפט דערלויבט אים. ס׳באַווייזט, אַז זי זוכט ניט אַ לוקסוס־לעבן און לויט איר אָפּשטאַם, שטאַמט זי פון אַ בעל־הבתישער היים. דערצו איז זי שיין, שלאַנק, עלעגאַנט. מען קאָן זיך מיט איר באַערן אין דער שענסטער געזעלשאַפט. אַלזאָ, מוטער, אַלץ צוזאַמען איז אַ זעלטנהייט!״

„אליהו, לאַד איר איין, אינטערעסאַנט זיך מיט איר צו באַקאָנען!״

„יאָ, מוטער, איך האָב איר טאַקע איינגעלאַדן אויף מאָרגן 7 אָוונט.״

צו דער באַשטימטער צייט איז אליהו רייַנעס געקומען צו פריילין פינקלשטיין, כדי זי אַהיימברענגען און באַקאָנען מיט זיין מוטער.

לאה, באַמערקנדיק רייַנעסעס צופרידן פּנים, האָט אין דעם מאָמענט אַ טראַכט געטאָן: מעגלעך, אַז דער פּערזאָן וועט זיין מיין גליקלעכער באַשערטער!...

רייַנעס דאַקעגן, באַמערקנדיק איר צופרידנהייט, האָט פאַרשטאַנען איר פולשטענדיקע איינשטימונג אויף זיין פאָרשלאַג.

און אַזוי, גייענדיק און רעדנדיק, זיינען זיי אָנגעקומען צו דער מוטער. די מוטער, ווען זי האָט לאהן דערזען, האָט אויף איר געמאַכט אַזאַ איינ־דרוק, אַז זי וואָלט געוועזן פון די גליקלעכסטע מוטערס, ווען די כלה וואָלט איינשטימיק געוועזן. די מוטער, באַטראַכטנדיק איר גוטן איידעלן, אַריסטאָקראַטישן אויסזען, טראַכט: זי איז נאָך שענער, ווי ער האָט מיר פאָרגעשטעלט. די מוטער האָט איר זייער פריינדלעך אויפגענומען און אַריינגעבעטן אין סאַלאָן. לאה דאַקעגן, דערזעענדיק דער פרוי רייַנעס, האָט געטראַכט: אַזאַ מוטער קאָן ניט זיין אַ שטערונג אין צוזאַמענלעבן פון אירע קינדער. זי זעט אויס צו זיין אַ גוטע איבערגעגעבענע מוטער, ווי אויך איר אויסזען איז זייער אַ סימפּאַטישער און האָפענטלעך וועלן מיר זיך גוט איינפאַרשטיין. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן ביי זיי אַ פריינטלעכע שטימונג.

די מוטער האָט זיך אַנטשולדיקט און אַרויס פון סאַלאָן. אליהו מיט לאהן זיינען פאַרבליבן. זיי האָבן גערעדט וועגן ליטעראַטור, ווי אויך וועגן ליבע־געפילן צו עלטערן.

„ליבע־געפילן צו עלטערן — זאָגט לאה — ווענדעט זיך אין דער מוטער. אויב זי פאַרשטייט, ווי צו דערציען די קינדער, שאַפט זיך ביי זיי אַ ליבע־געפיל צו די עלטערן!... און איצט, הער רייַנעס, וועגן אייער מוטער. לויט, ווי איך פאַרשטיי, איז זי אַ גוטע און איבערגעגעבענע מוטער, ווי אויך אַן אינטערעסאַנטע פרוי, מיט וועלכער מען קאָן זיך

באַערן!... און ווו ס׳עקזיסטירט ערע, שאַפט זיך במילא קעגנזייטיקע פאַר־שטענדעניש און פאַראַנטוואָרטלעכקייט!״

אליהו, אויסהערנדיק לאהס טיפזיניקע געדאַנקען, האָט זיך געשאַפן ביי אים אַ מיינונג, אַז ער האָט אין איר מער געפונען, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. אין דעם מאָמענט איז אַריין די מוטער און זיי פאַרבעטן אין עס־צימער, ווו ס׳איז שוין געווען סערווירט דער טיש מיט וויינען, טאָרטן, דעליקאַטעסן. די מוטער האָט אָנגעגאָסן די באָקאַלן מיט ווייַן און מכבד געווען לאהן, אליהון און זיך, זאָגנדיק:

„לאָמיר מאַכן לחיים לכבוד אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט. איך האָף, מיר וועלן בלייבן גוטע פריינד!״

זיי האָבן אויפגעהויבן די באָקאַלן מיטן וויין און אליהו האָט געזאָגט:

„ליבע מוטער! איך האָב דיר באַקאַנט געמאַכט מיט אַ גוטמוטיק העפלעכע פריילין, וואָס פאַרמאָגט פיל אינטעליגענץ ווי אויך גוטע אייגנ־שאַפטן, וואָס איז ניט מעגלעך אַרויסצוזאָגןביים איצטיקן מאָמענט. נאָר איין זאַך קאָן איך דיר זאָגן, מוטער, אַז איך האָף מיר וועלן צוזאַמען זיין גליקלעך!״

און זיי האָבן געטרונקען לחיים.

„ס׳איז אָנצונעמען, אַז צווישן אונדז וועט זיין פאַרשטענדעניש און גוטע באַציאונגען. איך האָב פאַר מיינע זין אָפּגעגעבן מיין יוגנט. ס׳איז מיר געלונגען שאַפן פאַר זיי אַ שיין רייך לעבן, בכדי אויף דער עלטער האָבן פון זיי נחת. ביז היינט, האָב איך, ליידער, ניט דערגרייכט פון מיין יונגערן זון, ווי אַ מוטער וויל זען פון איר קינד, ווייל זיין פרוי האָט אים פאַרפירט אין אַ פאַרפלאָנטערטן וועג, וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט געמיינזאַמע איבערלעבונגען און אַ ריס געמאַכט צווישן אונדז. דערפאַר וואָלט איך וועלן דערלעבן זען פון דיר, אליהו, מיט דיין צוקונפטיקער אַ ביסעלע נחת, וואָס זאָל באַפרידיקן מיין שווערע פאַרגאַנגענהייט, ווי אויך ס׳זאָל מיר גייסטיק באַפרידיקן, וואָס פאַרפליכטעט קינדער פון: „כבוד אב ואם״. און ווי איך זע און פאַרשטיי, געפינט זיך אין דיין געערטע צוקונפטיקע כלה די גוטע מידה, וואָס וועט איינשטעלן צווישן אונדז גוטע באַציאונגען, ווי דו, מיין זון, זאָגסט: „מיר וועלן זיין גליקלעך!...״ איך אַלס מוטער, בין ניט דאַקעגן, אויב איר וועט באַשליסן, זאָל אייך גאָט געבן גליק אין צוזאַמענלעבן! דאָס איז אייער מוטערס איינציקער באַגער!...״

די מוטער פרעגט לאהן, וועמען האָט זי דאָ פון אירע אייגענע?

לאה ענטפערט, אַז זי האָט דאָ אַ ברודער, וועלכער איז פאַרקנסט גע־וואָרן פאַר גרינשטיין דעם וויין־סוחרס טאָכטער און האָט נאָך אַ יונגערע שוועסטער אין דער היים. די ג״ז עלטערן האָבן מיר פאַרלוירן, נאָך זייענדיק יונגע קינדער. איך אַרבעט ביי אַ טאַנטע אין געשעפט. און מיין יונגערע שוועסטער אַרבעט אין אַ וויין־געשעפט.

די מוטער, אויסהערנדיק פון לאהן, אַז זי איז אַ יתומה, באַוווּנדערט זי, וואָס זי איז גייסטיק און פיזיש גוט אַנטוויקלט און זי זעט אויס צו זיין אַ פּעאיקע און אַ דערצויגענע. זי טראַכט, ווען זי וועט דערגרייכן אַ רואיק לעבן, וועט זי ווערן נאָך שענער.

אַזוי האָבן זיי געמיטלעך פאַרבראַכט דעם אָוונט. לאה האָט זיך מיט דער פרוי רייכעס האַרציק געזעגנט, באַדאַנקענדיק איר פאַר דער שיינער אויפנאַמע און אליהו האָט לאהן אָפּגעפירט אַהיים. און איר פאַרשפּראָכן צו קומען מאָרגן 8 אָוונט, אויף וואָס לאה האָט געענטפערט, אַז זי בלייבט אים דערוואַרטן מיט פאַרגעניגן.

ווען לאה איז אַהיימגעקומען, האָט איר זלמן געפרעגט:

„וואָס הערט זיך, מיין שוועסטער? ביזטו געווען ביי דיין באַקאַנטן? וואָס פאַר אַ מיינונג האָסטו וועגן זיי?״

„זלמן! ווי איך פאַרשטיי, וועט דער ענין זיין אַן ערנסטער. זיין מוטער האָט צו מיר אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט, וואָס באַווייזט, אַז זי איז ניט דאַקעגן. וואָס שייך דעם בחור, האָסטו דאָך באַמערקט פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אַז איך האָב געמאַכט אויף אים אַ גוטן איינדרוק.״

„לאה, איך וועל זיין זייער צופרידן, אַז דער ענין וועט פאַרווירק־לעכט ווערן.״

אליהו, קומענדיק אַהיים פרעגט:

„מוטער! ווי געפעלט זי דיר?״

„מיין זון! ס׳ערשטע דאַרף זי דיר געפעלן. ס׳צווייטע, ווען דו ביזט איבערצייגט אין איר איידל גוטן כאַראַקטער, דאַן באַטראַכט עס ערנסט!...״

„מוטער! זי איז מיר גלייך געפעלן געוואָרן, אָבער נעמענדיק אין באַ־טראַכט די געשיכטע מיט דיין שנור, האָב איך באַשלאָסן איר אויפקלערן, אַז איך האָב אַ מוטער, מיט וועלכער מיר וועלן דאַרפן זיין צוזאַמען. אויף דעם האָט זי מיר געענטפערט, אַז כבוד אב ואם איז אַ הייליקע פליכט! דערהערנדיק עס פון איר, בין איך באַגייסטערט געוואָרן. און, ווי זי פאַרשטייט דאָס לעבן, האָב איך דיר איבערגעגעבן, וואָס איך האָב

געהערט פון איר. אַלזאָ, מוטער, איך האָף, אַז דו וועסט זיין גליקלעך מיט אַזאַ שנור און איך מיט אַזאַ פרוי!...״

„אַלזאָ, מיין זון, אויב דו געפינסט איין, אַז ס׳וועט זיין, ווי דו פאַר־שטייסט איר, בין איך זייער צופרידן און גיב דיר מיין צושטימונג: זאָל זיין מיט מזל! ווען ווילסטו מאַכן תנאים?״

„מוטער! וועגן דעם וועל איך מיט איר מאָרגן רעדן, ווייל איך האָב געהערט, אַז אין קורצן וועט פאָרקומען איר ברודערס חתונה.״

„אליהו! איך ראָט דיר דעם ענין צופיל ניט אָפציען, ווייל זי איז מיר אויך געפעלן און אַזעלכע פריילינס זיינען אַ זעלטנהייט.״

אויף צו מאָרגנס אָוונט, איז אליהו געקומען. לאה האָט אים פריינטלעך אויפגענומען און אַזוי זיצנדיק, פאַרברענגענדיק ביים טיי טרינקען, פרעגט איר אליהו, ווען דאַרף פאָקומען איר ברודערס חתונה?

לאה האָט אים געענטפערט: „ר״ח אלול.״

לאה האָט פאַרשטאַנען, וואָס רייִנעס מיינט מיט דעם. אין אַ ווײַלע אַרום, ווענדעט זיך רייִנעס צו לאהן מיט פאָלגנדעס:

„פריילין לאה! איך האָב אַ פאָרשלאַג, אַז נאָך אייער ברודערס חתונה, זאָלן מיר מאַכן תנאים.״

לאה, דערהערנדיק זיין פאָרשלאַג, איז געוואָרן איבערראַשט פון פרייד, און בכדי אים ניט אַרויסווייזן איר איבערראַשונג, האָט זי אים געענט־פערט, אַז זי וויל זיך דורכרעדן מיט איר טאַנטע, ווייל זי איז איר, ווי אַ מוטער.

„איר האָט פולקאָם רעכט, פריילין לאה ,שרייבט אייער טאַנטע, זי זאָל קומען, איך האָף, אַז איר וועט באַקומען איר צושטימונג, אַזוי ווי איך האָב באַקומען פון מיין מוטער.״

פון רייִנעסעס ענטפער האָט לאה פאַרשטאַנען, אַז זיין מוטער איז איינשטימיק.

לאה, דערהערנדיק דאָס, האָט זיך באַרואיקט. זי זאָגט:

„איך וועל שרייבן, ווען די טאַנטע וועט קומען, וועלן מיר דאַן באַשליסן.״

מיט דעם האָט זי אים באַרואיקט. אין אייניקע טעג אַרום איז לאהס טאַנטע געקומען. אין אָוונט, איז, ווי געוויינלעך, געקומען אליהו צו לאהן. זי האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט איר טאַנטע, וואָס איז געווען זייער אַ סימפּאַטישע, ענערגישע פרוי. אליהו האָט שטאַרק אויסגענומען ביי איר טאַנטע. לאה האָט געשטעלט אַ שיינעם כיבוד און מען האָט גוט

פאַרבראַכט. אליהו האָט זיי איינגעלאַדן צו זיין מוטער אויף מאָרגן 7' אָוונט.

אליהו, קומענדיק פון לאהן, האָט דערציילט זיין מוטער, אַז לאהס טאַנטע איז געקומען צו פאָרן און איך האָב זיי איינגעלאַדן אויף מאָרגן 7 אָוונט, אויף וואָס די מוטער האָט צוגעשטימט, זאָגנדיק:

„זייער גוט האָסטו געטאָן!"

פרוי רייגעס האָט זיך פאָרגעברייט מיט אַ שיינע אויפנאַמע און פריינטלעך זיי אויפגענומען ביי אַ שיין סערווירטן טיש. און אַזוי פאַר־ברענגענדיק, זאָגט לאהס טאַנטע:

„איך האָב אַ פאָרשלאַג: אַזוי ווי איך האָב געהערט, אַז איר האָט בדעה מאַכן די תנאים נאָך זלמנס חתונה, וואָלט איך געראַטן ניט וואַרטן, מאַכן די תנאים אין איינציקע טעג אַרום, ווייל איך בין שטאַרק פאַרנומען אין געשעפט".

דער טאַנטעס פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און עס איז באַשטימט געוואָרן אויף דינסטיק, אין אַ מזלדיקער שעה!

פרוי רייגעס האָט זיך גענומען פאַרברייטן צו די תנאים. אויך אליהו האָט זיך פאָרגעברייטעט, איינקויפנדיק שיינע מתנות פאַר זיין געליבטע כלה. מען האָט איינגעלאַדן זלמנען מיט זיין כלה, מחותנים גרינשטיין, פרוי רייגעסעס זון מיט דער שנור, קרובים און באַקאַנטע, ווי אויך זלמנס ראש הישיבה, וועלכער זאָל שרייבן די תנאים.

די תנאים זיינען געווען איינגעריכטעט ביי די רייגעסעס אין שטוב. צוויי טישן זיינען געווען סערווירט מיט כל־טוב. צו דער באַשטימטער צייט, זיינען געקומען אַלע איינגעלאַדענע געסט. די כלה מיט דער טאַנטע זיינען אָנגעקומען. דער חתן מיט דער מוטער האָבן זיי זייער פריינטלעך מקבל פנים געווען. די כלה איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פרעכטיק וויזיט־קלייד. דער קאָפּ פאַרקעמט מיט אַ מאָדערנער פריזור. אירע שוואַרצע, גרויסע, גוטע, קלוגע אויגן מיט די לאַנגע וויעס האָבן איר צוגעגעבן פיל חן. אויף איר ווייס אַלבאַסטער האַלדז האָט זי געטראָגן פערל פון איר צוקונפטיקער שוויגער־מוטער אַ מתנה. אויך האָט זי געטראָגן אויער־רינגלעך, פינגערלעך, אַרמבענדער, אַלץ געפאַסט אין בריליאַנטן, וואָס זי האָט באַקומען מתנות פון חתן. דאָס אַלץ האָט באַלויכטן איר איידעלן שיינעם אריסטאָקראַטישן פנים. אויך איר שלאַנקע גראַציעזע פיגור האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק.

דער חתן איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן וויזיט־אַנצוג, זיינע

גרויסע, שוואַרצע, קלוגע און גוטע אויגן מיט זיין שיין סימפּאַטישן פּנים האָט געשטראַלט פון שמחה, אָנקוקנדיק זיין געגאַרטע כלה.

אַלע אָנוועזנדע געסט, האָבן באַוווּנדערט די שיינע, הויכע, גראַציעזע חתן־כלה, זאָגנדיק:

„ס׳איז אַ געבענטשטע פּאָר פון גאָט!...״

לאה, דערמאָנענדיק זיך אין אירע ג״ז עלטערן, האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס זיי האָבן, ליידער, ניט דערלעבט צו זען איר אין דעם גליקלעכן טאָג... שווער איז איר געווען צו באַהערשן אירע האַרציקע איבערלעבונגען, ביז מען האָט אָנגעפאַנגען לייענען די תנאים.

נאָכן פאַרענדיקן לייענען, האָבן די געסט געווונטשן חתן־כלה מיט די מחותנים מזל־טוב! דאַן איז איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. אירע אויגן האָבן אָנגעפאַנגען שטראַלן פון שמחה...

די חתונה איז, מיט מזל, באַשטימט געוואָרן ר״ח חשון.

די געסט האָט מען פאַרבעטן צו די סערווירטע טישן, פון וועלכע זיי האָבן געגאָסן פון כל־טוב. מען האָט געטרונקען לחיים, צווינטשנדיק חתן־כלה מזל־טוב און אַ גליקלעכע צוקונפט און די מחותנתטעס, קרובים זאָלן דערלעבן פון זיי פיל נחת!

און אַזוי זיצנדיק ביים טיש, באַטראַכט דער חתן זיין ליבע, שיינע כלה און, ווי גליקלעך ער איז, ווען ער האָט דערגרייכט זיין געגאַרטן ציל. דאָס גלייכן טראַכט זיין מוטער: וויפל זי האָט זיך געלאָזט קאָסטן, איז ווערט געווען צו דערגרייכן אַזאַ ליכטיקע, שיינע, גוטע און איידעלע כלה.

און לאהס טאַנטע איז געווען איבערגליקלעך, וואָס איר אָרעמע פּלע־מיאַניצע איז באַגליקט געוואָרן מיט אַזאַ שיינעם, גוטן, סימפּאַטישן, רייכן חתן. זלמן האָט זיך געפילט צופרידן, וואָס זיין שוועסטער גייט חתונה האָבן. אים וואָלט געווען זייער ניט צום האַרצן, ווען זיין עלטערע שוועסטער וואָלט געבליבן זיצן. טראַכט ער: אַ דאַנק, וואָס גאָט האָט איר צוגעשיקט אַ חתן מיט אַלע מעלות, האָפנטלעך, אַז די צווייטע שוועס־טער, זייענדיק נעבן אונדז, וועט אויך באַגליקט ווערן!...

אַזוי האָט מען גוט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין אָוונט. דער עולם האָט זיך אָנגעפאַנגען פונאַנדערגיין, צווינטשנדיק חתן־כלה, מחותנים מזל און גליק אין זייער ווייטערדיקן שריט. די כלה מיט דער טאַנטע האָבן זיך געזעגנט מיט דער מחותנתטע, מיט די מחותנים און דער חתן מיט זלמנען האָבן זיי באַגלייט אַהיים. זלמן איז געגאַנגען באַגלייטן דעם ראש הישיבה.

אהיימקומענדיק, זאָגט די טאַנטע:

לאה! האָסט גרויס מזל, דו נעמסט אַ חתן אַ שיינעם, אַ רייכן, דערצו פון אַ פיינעם אָפּשטאַם!... נו, וואָס הערט זיך ביי זלמנען?"

„טאַנטע! פון זלמנען האָב איך ניט צופיל נחת! די זאַך איז אַזוי געווען. ער איז געווען פאַרליבט אין אַן אָרעם שיין מיידל און פון אַן איינפאַכן אָפּשטאַם. ער האָט מיר אַרויסגערופן צוליב דעם רייכן שדוך, ווייל ער איז געווען, ווי צעטומלט, ניט וויסנדיק ווי צו באַשליסן. איך האָב אויף אים משפיע געווען, אַז ער זאָל אַ חתן ווערן פאַר דער רייכער כלה..."

„לאה! זאָלסט ניט קיין פאַריבל האָבן, וואָס איך וועל דיר מאַכן אַ באַמערקונג. איך אויף דיין אָרט, ווען איך וואָלט געזען די כלה, וואָלט איך זיך ניט אַריינגעמישט, ווייל ס'איז אַ לעבנס־פראַגע. נאָכמער, וויסנדיק, אַז ער איז געווען פאַרליבט אין אַ שיינע פריילין, ווייל געפילן קויפט מען ניט פאַר קיין געלט. וואָלט זי כאָטש געווען אַ שיינע, מעגלעך וואָלט עס נאָך מיטגעגאַנגען, אָבער, ווען ער איז אַזוי שיין, יונג, וועט ביי איר פאַרקומען קרענקלעכע פאַנטאַזיעס פון אייפערזוכט, וואָס וועט פאַר ביידע שאַפן איבערלעבונגען".

„טאַנטע! מעגלעך איך האָב געמאַכט אַ פעלער. אָבער ס'איז שוין פאַרפאַלן. און זאָגנדיק דעם אמת, האָב איך אים געראָטן ער זאָל זיך ניט איילן, ס'וועט נאָך קומען אַ מער פּאַסנדע זאַך. דו קאָנסט דאָך זלמנס גוטע נאַטור, האָט ער באַטראַכט, אַז ער וועט חתונה האָבן פאַר דער רייכער כלה, וועט ער אונדז קאָנען אַרויסהעלפן. דערביי האָט ער מיר באַמערקט, אַז נאָך זיין ליבע, וועט ער סיי ווי קיינער ניט קאָנען ליב האָבן. און נאָך אַ זאַך מוז איך דיר, טאַנטע, באַטאָנען, אַז צו זיין באַקאַנטע פריילין, איז אַ קוזין געקומען פון אַמעריקע מיט געלט און איר גענומען. אַלץ צוזאַמען האָט זיך ביי אים געשאַפן אַ שווערע לאַגע. האָב איך איינ־געזען, אַז ער קאָן חלילה קראַנק ווערן און אַראָפּ פון זינען!... דאָס איז די סיבה, וואָס איך האָב געמוזט אָנווענדן, אַז ער זאָל אַ חתן ווערן."

ווען זלמן איז געקומען איז שוין געווען שפעט. מען איז געגאַנגען שלאָפן. אויף צומאָרגנס, איז אָנגעקומען אַן איינלאַדונג פון די מחותנים גרינשטיינס, אַז לאה מיט דער טאַנטע זיינען איינגעלאַדן צו קומען 7 אָוונט. אַזאַ איינלאַדונג האָבן אויך באַקומען פרוי ריינעס מיטן זון אליהו. צו דער באַשטימטער צייט זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען. די פאַמיליע גרינשטיין האָט זיי פריינטלעך אויפגענומען, אַריינבעטנדיק אין סאַלאָן,

ווי די כלה עדה האָט געשפּילט פאַרשידענע וואַלסן, ראָמאַנסן א. א. לכבוד די געסט, וואָס האָט אַלעמען פאַרשאַפט פאַרגעניגן. עדה, נאָכן פאַרענדיקן ס'שפּילן, האָט איר מוטער אַריינגעבעטן די געסט אין עס־צימער צום סערווירטן טיש. דער פאָטער האָט אָנגעגאָסן די באָקאַלן מיט וויין, וועל־כעס די איינגעלאַדענע געסט האָבן געטרונקען לחיים לכבוד די חתן־כלה (זלמן־עדה, אליהו־לאה), צווינטשנדיק זיי פיל גליק אין זייער צוקונפטיקן צוזאַמענלעבן.

זלמן, זיצנדיק אַזוי און באַטראַכטנדיק לאהן מיט איר שיינעם, סימ־פּאַטישן חתן, טראַכט: לאה האָט מזל!... זיין האַרץ לעבט שטאַרק איבער, ניט פילנדיק צו עדהן קיין ליבע־געפילן. ניט ווילנדיק, האָט זיך ביי אים געשאַפן קנאה, טראַכט ער: מען טאָר דאָך קיינעם ניט מקנא זיין! אָבער, וואָס קען איך זיך העלפן? יאָ, מיין זינדיקע נשמה ליידט!... און איך האָב אַפילו ניט פאַר וועמען אַראָפּצורעדן מיין ביטער האַרץ! צו דעם מוז איך נאָך פאַסן מוט, שפּילן די ראָל פון אַן אַרטיסט, וואָס איז פאַר מיר זייער שווער. און ווידער טראַכט ער: אפשר איז עס אַ גרויסע זינד מיט דעם, וואָס איך טראַכט אַזוי פיל וועגן אסתרן אין דער צייט, וואָס זי איז שוין אַ פאַרהייראַטע!... מן־הסתם איז מיר אַזוי באַשערט, אַז איך זאָל זיך דאַרפן אָפּמאַטערן מיין לעבן!... נו, וואָס קאָן איך זיך העלפן?

די טאַנטע, באַטראַכטנדיק זלמנען, האָט זי פון זיין פּנים אַראָפּגעלעזען די אומצופרידנקייט. זי פילט אים מיט, אָבער, ליידער, ס'איז שוין צו שפּעט!...

אין דעם מאָמענט האָט הער גרינשטיין ווידער אָנגעגאָסן די באָקאַלן מיט וויין און געבעטן די געסט טרינקען. מיט דעם האָט ער איבערגעריסן זלמנס געדאַנקען, אָבער עדה האָט גוט באַמערקט, אַז זלמן איז פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געווען אומצופרידן. זי האָט געוואָלט, אַז די געסט זאָלן דאָס ניט באַמערקן, האָט זי אָנגעפאַנגען זינגען און די געסט האָבן מיט־געזונגען!... אַזוי האָט מען פאַרבראַכט ביז שפּעט ביינאַכט.

עדה מיט די עלטערן האָבן אַרויסבאַגלייט די געסט. ביי דער געזעגנ־הייט, האָט עדה געבעטן דער טאַנטע, זי זאָל אומבאַדינגט קומען אויף דער חתונה. די טאַנטע האָט איר פאַרשפּראָכן צו קומען.

אין דעם מאָמענט טראַכט די טאַנטע: וואָס קומט אַרויס, וואָס די כלה איז רייך, קלוג, און געבילדעט, אָבער ווי איך זע, האָט ער ניט צו איר קיין געפילן!... זיי האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט מיט דער כלה, מיט די

מחותנים, באַדאַנקענדיק פאַר זייער שיינער אויפנאַמע און יעדער איז אַוועק צו זיך אַהיים.

אַהיימקומענדיק, איז זלמן געוועזן ניט אויפגעלייגט, פאַרשטייענדיק פון זיין טאַנטע, אַז איר געפעלט ניט די כלה. זלמן שווייגט און רעדט ניט קיין וואָרט. טראַכט די טאַנטע: וואָס וועט זיין נאָך דער חתונה? ער וועט נאָך שענער ווערן און זי פון אייפערזוכט און איבערלעבונגען וועט מיאוסער ווערן!... וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, קאָן אַרויסקומען פון אַזאַ לעבן?...

ס'איז געקומען די צייט פון דער חתונה. די טאַנטע איז געקומען און געבראַכט שיינע מתנות. די חתונה איז געווען איינגעריכטעט אין שענסטן חתונה־זאַל. די טישן באַדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, אויף וועלכע ס'זיינען געשטאַנען קריסטאַלענע וואַזעס מיט פאַרשיידענע טאָרטן, ביס־קוויטן, באַנבאָניערעס א. א. אויך פאַרשידענע ווייַנען, געטראַנקען מיט די קריסטאַלענע באָקאַלן, וואָס האָבן פון אָפּשיין פון די העל־בלוי באַלויכטענע לוסטרעס געפינקלט, ווי די שטערן אין בלויען הימל. מוזיק האָט געשפּילט.

צו דער באַשטימטער צייט זיינען געקומען די איינגעלאַדענע פריינד, געסט. מען האָט אַריינגעפירט די כלה אין זאַל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן קלייד, בראַדירט מיט גאָלד־פעדים. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ לאַנגן שלייער, באַצירט מיט אַ בלומען־קראַנץ. אויפן האַלדז — נאַטירלעכע פערל. אירע אויערינגלעך, פינגערלעך, אַרם־בענ־דער — געפּאַסט מיט בריליאַנטן, וואָס האָבן באַשיינט איר קליין־געוויקסן געשטאַלט מיטן טונקעלן פנים. מען האָט די כלה באַזעצט. אין דעם מאָ־מענט האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי איז די גליקלעכסטע אויף דער וועלט!...

ווען מען האָט אַריינגעפירט דעם חתן צום „באַדעקנס", איז איר האַרץ איבערפולט געוואָרן פון שמחה, דערזעענדיק איר געגאַרטן, איידעלן, שיינעם חתן. די געסט, דערזעענדיק דעם חתן„ האָבן באַוואונדערט זיין שיינעם, איידעלן פנים מיט זיינע גרויסע גוטע שוואַרצע אויגן, מיט זיין שלאַנקע, הויכע פיגור. אָנגעטאָן אין אַ סיורדוק, אויפן קאָפּ — אַ צילינדער, וואָס האָט אים געמאַכט פיל אינטערעסאַנטער, אויסזעענדיק ווי אַ שיינער פרינץ. מען האָט אים געפירט צום „באַדעקנס". אין דעם מאָמענט טראַכט ער: ווען ניט איר רייכקייט, וואָלט איך געוואָרן איר חתן?.... ווי זאָגט מען: „הכסף יענה את הכל". אויך טראַכט ער: די אָנוועזנדע געסט דענקען וועגן אים אויך דאָס זעלבע...

מען האָט דעם חתן אַרונטערגעפירט אונטער דער חופּה. דער רב האָט געמאָכט אַן אזכרה נאָך זיינע עלטערן, פון וואָס דאָס האַרץ איז אים פאַרביטערט געוואָרן און די אויגן איבערפולט געוואָרן מיט טרערן, דערמאָנענדיק זיך אין זיינע טייערע עלטערן. ווען זיי וואָלטן געלעבט, וואָלט ער דערצו ניט געקומען!... ער וועט זיך מוזן רעכענען, ווי זיין שוועסטער האָט אים געראָטן: „נאָר ניט טראַכטן וועגן אסתרן!"... אפשר וועט עס אים פאַרלייכטערן זיין בענקשאַפט נאָך איר?...

די געדאַנקען האָבן אים עטוואָס באַרואיקט. נאָך דער חופּה האָט מען דעם עולם פאַרבעטן צו די סערווירטע טישן. מען האָט געגעסן, געטרונקען, געגאָסן פון כל־טוב. מוזיק האָט געשפּילט, יוגנט האָט גע־טאַנצט און זיך גוט פאַרוויילט. נאָך דעם האָט מען דעם עולם פאַרבעטן צו דער סעודה, וואָס איז געווען צוגעגרייט: פיש, געבראָטנס, געדזינס, קאָמפּאָטן, געטראַנקען. דער עולם האָט געגעסן פון אַלעם גוטן. מען האָט פאַרבראַכט ביז פאַרטאָג. דער עולם האָט זיך געגומען פאַנאַנדערגיין, צווינטשנדיק די יונגע פּאָר אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן און די עלטערן זאָלן דערלעבן פון זיי פיל נחת!

פרוי רייניס מיט אליהו און לאה מיט דער טאַנטע האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט עדהן און זלמנען, צווינטשנדיק זיי אַ גליקלעכן צוזאַמענ־לעבן און די עלטערן זאָלן דערלעבן פון זיי פיל נחת!

אויף זלמנס חתונה זיינען אָנוועזנד געווען זיין יונגערע שוועסטער עווא, ווי אויך זיין בעסטער חבר שאול.

שאול האָט געוואָרפן זיינע בליקן אויף עוואן, וועלכע איז געווען אַ מיטל־ווּקסיקע, סימפּאַטישע, מיט צוויי חן־גריבעלעך אין איר בליענדן פּנים און זיסן שמייכל מיט איר בלאָנדן קאָפּ געקרייזטע האָר, מיט אירע טונקעלע בלויע אויגן האָט שאולן פאַרכישופט זיין האַרץ.

אין דער פרי, ביים דאַוונען אין שול, האָט שאול זיך געטראָפן מיט זלמנען. ווענדעט זיך שאול צו זלמנען מיט פאָלגנדעס:

„ווייס, זלמן, דיין שוועסטער עווא געפעלט מיר. איך וואָלט זייער וועלן, מיר זאָלן ווערן שוואָגערס."

„איך בין ניט דאַקעגן." — האָט געענטפערט זלמן.

זלמן האָט אים איינגעלאַדן צו קומען אין אָוונט און זיך נעענטער באַקאָנען מיט עוואן. זלמן האָט עוואן פאַרגעשטעלט, אַז זיינער אַ גוטער חבר, אַן אַמעריקאַנער רייכער ישיבה־בחור, וואָס איז געווען אויף דער חתונה, איז פאַראינטערעסירט זיך מיט איר באַקענען.

אין אָוונט איז שאול געקומען און זלמן האָט פאַרבעטן שאולן אין סאַלאָן, כדי באַקאָנען אים מיט עוואַן.

שאול טראַכט: אַז עווא איז פּאַסנדער, ווי לאה. לאה איז שיין, אָבער צו הויך און עלטער. עוואַ איז אַ ריכטיקע בלום. איך וואָלט מסכים געווען, ווען איך זאָל איר געפעלן, ווי זי מיר!... ער טראַכט: ער דאַרף פריער מיט איר רעדן, אויב זי איז איינשטימיק פאָרן קיין אַמעריקע? און ווען ניט, איז דאָך אַלץ איבעריק. און ער האָט באַשלאָסן איר פרעגן:

„פריילין פינקעלשטיין! ווען אייך וואָלט פאָרגעשטאַנען אַ געלעגנהייט פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט איר געוועזן פאַר דעם?" — פרעגט שאול.

„אַליין פאָרן האָב איך ניט קיין מעגלעכקייט, אָבער ביי אַ גוטער געלעגנהייט, וואָלט איך געווען איינשטימיק, ווייל ס'לעבן אין דער פּראָווינץ איז מיר נמאס געוואָרן."... — האָט געענטפערט עווא.

שאול, דערהערנדיק איר ענטפער, איז צופרידן געווען.

„אַלזאָ, פריילין פינקעלשטיין! איר האָט די מעגלעכקייט דערפילן אייער ווונטש, ווייל אין אַמעריקע קאָן יעדער מענטש אָן שטערונגען פּראָפּיטירן."

„יעדער מענטש האָט זיין ציל אין לעבן, וועלכן איך שטרעב צו דערגרייכן אַ צופרידען לעבן!" — האָט געענטפערט עווא.

„פריילין פינקעלשטיין! צופרידנהייט איז דער יסוד פון יעדן איינעם, אויב ער פאַרשטייט ווי אָפּצושאַצן גוטס. ס'פּאַסירט, אַז אַ מענטש איז גוט און ער שטעלט זיך ניט צופרידן, דאַן קאָן עס ניט שאַפן דאָס, וואָס איר האָט אַרויסגעזאָגט: „צופרידנהייט". נאָר דאַן שאַפט זיך די סאַטיספאַקציע, ווען מען שאַצט אָפּ דאָס דערגרייכטע!..."

עווא האָט פאַרשטאַנען, וואָס שאול האָט איר אָנגעדייטעט, אַז ער וויל איר מאַכן אַ פאָרשלאַג, טראַכט זי: איך וועל אים געבן אַזאַ ענטפער, כדי ער זאָל אַרויסזאָגן די ערנסטע געדאַנקען, און זי זאָגט:

„הער פריד (שאול), ווי אייך איז באַוווסט, האָב איך אַן עלטערע שוועסטער און ברודער..."

רייסט איר איבער שאול, זאָגנדיק:

„איך ווייס, אַז אייער שוועסטער איז שוין פאַרקנסט, איך קאָן וואַרטן, אָבער באַשטימען קאָנען מיר, דאָך וועט עס ניט שטערן. אונדזער פאַרשטענדיקונג וועט טראָגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט איינע צו די צווייטע."

„הער פריד! עס איז ריכטיק, אָבער איך אַלס יונגסטע, האָבנדיק אַן

עלטערע שוועסטער און ברודער, וואָס זיינען פאַר מיר, ווי עלטערן, דאַרף איך זיי באַקאַנט מאַכן.״ — און זי איז געבליבן שטיל.

„פריילין פינקעלשטיין! איך בין זייער צופרידן, אַז איר רעכנט זיך מיט זיי. האָפנטלעך, אַז זיי וועלן ניט זיין דאַקעגן״.

ער טראַכט, אַז עווא איז אַ גוט דערצויגן קינד, ווי אויך זעט זי אויס צו זיין פּאַסנד פאַר מיר אין אַלע הינזיכטן.

זלמן מיט לאהן, דערוויסנדיק זיך פון עוואַן, אַז שאול איז איינשטי־מיק ווערן אַ חתן פאַר איר און מיטנעמען זי קיין אַמעריקע, איז דאָס זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן מסכים געווען.

שאול וואַרט אומגעדולדיק אויף אַן ענטפער. אין דער פרי אין שול ביים דאַווענען, באַמערקט זלמן, ווי שאול קוקט אויף אים מיט אומגע־דולדיקע בליקן, ווי ער וואָלט געוואָלט פרעגן: וואָס האָט איר באַשלאָסן? זלמן, וועלנדיק שאולן באַרואיקן, האָט אַ זאָג געטאָן:

„חבר שאול! קאָנסט זיך שוין גרייטן צו דער רייזע!...״

„זלמן! וואָס באַדייט עס?״ — האָט שאול געפרעגט מיט פאַרוווּנ־דערונג.

„שאול! מיר זיינען ניט דאַקעגן, אַז דו זאָלסט נעמען אונדזער שוועסטער. דו ווייסט דאָך, שאול, ווי ס׳ווערט געבראַכט, ווען אליעזר האָט באַשטימט, אַז רבקה איז פּאַסנד פאַר יצחקן. האָט לבן געזאָגט, מען דאַרף פרעגן ביי רבקהן, צי זי וויל גיין מיטן מאַן? האָט זי געענטפערט: „יאָ״. אויך דאָס זעלבע האָבן מיר געפרעגט אונדזער שוועסטער, אויף וואָס זי האָט דאָס זעלבע געענטפערט. דערפאַר האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו קאָנסט זיך גרייטן צו דער רייזע. און מיר ווינטשן דיר, דו מיט אונדזער שוועסטער זאָלן זיין געבענטשט!...״

זיי האָבן זיך האַרציק צעקושט און זלמן האָט שאולן איינגעלאַדן צו קומען אין אָוונט־צייט.

זלמן, אהיימקומענדיק פון שול, זאָגט:

„עדה! קאָנסט מיר גראַטולירן, אונדזער עווא ווערט מיט מזל אַ כלה״.

„ווער איז דער חתן?״ — פרעגט עדה מיט פאַרוווּנדערונג.

„מיין בעסטער חבר, שאול פריד. ער איז אַן אַמעריקאַנער, רייכער סימפּאַטישער בחור.״ — האָט זלמן געענטפערט.

„דענקען זיי דאָ צו פאַרבלייבן?״ — האָט געפרעגט עדה.

„ניין. עווא איז פאַראינטערעסירט פאָרן קיין אַמעריקע.״

„ווען מאַכן זיי תנאים?״ — פרעגט עדה.

„היינט אָוונט קומט דער חתן, וועלן מיר באַשטימען.״ — ענטפערט זלמן.

ווען שאול האָט פון זלמנען דערהערט די „צושטימונג״, ווי אויך די ברכות, איז ער געוואָרן איבערגליקלעך און געבליבן וואַרטן מיט אומ־געדולד אויפן באַזוך. אָוונט־צייט האָט זיך שאול אָנגעטאָן אין אַ שיינעם שוואַרצן גאַרניטור. זיין שוואַרצער קאָפּ האָר מיט די שוואַרצע גרויסע אויגן, מיט די געדיכטע ברעמען, מיט די גאָלדענע פּענסנע אויף די אויגן האָבן אים צוגעגעבן פיל חן. אויך עווא האָט מיט אומגעדולד דערוואַרט שאולן. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַן העל־בלוי קלייד, וואָס האָט איר יונגן שיינעם פּנים געמאַכט נאָך יונגער און שענער.

און אַזוי וואַרטנדיק, איז שאול אָנגעקומען מיט אַ שיינע באָנבאָניערע, זיך העפלעך מיט זיי באַגריסט און עדה האָט אים איינגעלאַדן אין סאַלאָן, ווו עווא איז געזעסן און געלעזן אַ בוך. שאול, אַריינקומענדיק אין סאַלאָן, האָט זיך מיט עוואן זייער פריינטלעך באַגריסט, און אָנקוקנדיק עוואס שיינעם, סימפּאַטישן און פרישן פּנים, טראַכט ער: מען דאַרף זיך שעצן גליקלעך מיט אַזאַ שיינע בלום. ווען זי פאַנגט אָן רעדן, איז זי מלא חן. איר זיסער שמייכל דערקוויקט דאָס האַרץ!... איך וועל זיין פון די גליק־לעכסטע, ווען עוואלע וועט פילן צו מיר, ווי איך פיל צו איר;...

עווא, דערזעענדיק שאולן אין אַזאַ גוטער שטימונג, האָט זיך געפילט איבערגליקלעך, פאַרשטייענדיק פון זיין באַנעמונג, אַז זי איז ביי אים אמת באַליבט!... קיין נדן גיט זי דאָך אים ניט. הייסט עס: ער נעמט זי אויס ליבע!... אין דעם מאָמענט האָט זי אָנגעפאַנגען צו אים אויך פילן ליבע־געפילן.

ווען שאול האָט באַמערקט איר צופרידנהייט, האָט זיך זיין האַרץ באַרואיקט. ער טראַכט, אַז די תנאים דאַרף מען ניט אָפּציען. אין דעם מאָמענט, פרעגט ער עוואַן אויף ווען קאָן מען באַשטימען די תנאים?

„דעם באַשלוס גיב איך איבער צו מיין שוועסטער און ברודערס דיס־פּאָזיציע.״ — האָט געענטפערט עווא.

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען עדה, פאַרבעטן זיי אויף אַ קאַפּע. זיי האָבן עדהן באַדאַנקט און אַריין אין עס־צימער, ווו לאה און זלמן האָבן שוין געהאַט געוואַרט. לאה און זלמן, דערזעענדיק עווא־שאולס צופרידענע פּנימער, האָבן געקליבן נחת, אַז גאָט האָט זיי געהאָלפן מיט אַזאַ בכבודיקן חתן פאַר זייער אָרעמער שוועסטער.

זלמן האָט שאולן געגעבן פּלאַץ נעבן זיך, זאָגנדיק:

„מיין טייערער צוקונפטיקער שוואָגער! אויף ווען זאָל מען באַשטימען די תנאים?״

„פון מיין צד איז קיין אָפּהאַלט. אויף ווען איר וועט באַשטימען, בין איך מסכים.״ — האָט געענטפערט שאול.

ס׳איז באַשטימט געוואָרן מען זאָל שרייבן דער טאַנטע, זי זאָל קומען אויף עוואס תנאים, באַמערקנדיק, אַז אין טאָג פון איר אָנקומען, וועלן מיר שרייבן, מיט מזל, די תנאים.

עווא האָט דערלאַנגט צום טיש אַ שיינעם כיבוד. מען האָט געמאַכט לחיים לכבוד זייער גליקלעכן באַשלוס, מען האָט זיך אמוזירט.

עווא איז געווען איבערגליקלעך, הערנדיק שאולס פריילעכע שטימע, און באַמערקנדיק זיינע הייסע בליקן, וואָס קוקן אויף איר, ווי אַ פּאָטער אויף זיין איינציק געליבט קינד!... אין דעם מאָמענט, דערמאָנט זי זיך פון איר פאַרגאַנגענער ליבע, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט אין פּראָווינץ, צוליב זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געשטערט, ווייל זי האָט ניט געהאַט נדן... דענקט זי: אַ מענטש טאָר קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג!...

און אַזוי זיצנדיק און באַטראַכטנדיק שאולן, פאַרגלייכט זי אים מיט איר געוועזענעם געליבטן, ס׳איז גאָר ניט צו פאַרגלייכן! וואָס שייך זיין אָפּשטאַם, איז זיכער ניט פאַרגלייכבאַר!. איר האַרץ ווערט מער און מער איבערפולט פון פרייד, ווען זי דערמאָנט זיך פון איר ניט ווייטער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, פאַרגלייכנדיק צו דער איצטיקער גליקלעכער דערגרייכונג!...

און בליץ־שנעל גייט איר אַדורך דער געדאַנק: צו געבן אַ שבח דעם רבונו של העולם פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט איר!...

אין דעם מאָמענט, האָט עדה איבערגעריסן עוואס געדאַנקען, זאָגנדיק:
„מיינע טייערע! צייט צו עסן אָוונט־ברויט.״

עדה מיט לאהן האָבן דערלאַנגט צום טיש דעם צוגעגרייטן אָוונט־ברויט. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען און געמיטלעך פאַרבראַכט.

נאָכן אָוונט־ברויט האָט זיך שאול האַרציק געזעגנט מיט עוואן, עדהן און לאהן, באַדאַנקענדיק פאַר דער שיינער אויפנאַמע און זלמן האָט אַרויס־באַגלייט שאולן, איינלאַדנדיק אים צו קומען מאָרגן אָוונט.

שאול איז אַוועק אַ צופרידענער מיטן געדאַנק צו קומען מאָרגן.

די טאַנטע, דערהאַלטנדיק דעם איינלאַדונגס־־בריוו, איז ממש געווען גליקלעך, וואָס עווא ווערט מיט מזל אַ כלה. זי האָט זיך צוגעגרייט צום

פּאָרן, איינקויפנדיק מתנות פאַר חתן־כלה און זי איז אָפּגעפאָרן צו זלמנען קיין מ.

פרימאָרגנס, אָנקומענדיק קיין מ. האָט זלמן צו וויסן געגעבן שאולן, אַז די טאַנטע איז געקומען און מאָרגן, דינסטיק, מאַכן מיר די תנאים אין אַ מזלדיקער שעה. שאול איז אַוועק און איינגעקויפט מתנות פאַר זיין טייערער כלה.

זלמן האָט איינגעלאַדן אויף די תנאים די פרוי ריינעס מיט אירע זין און שנור, זיינע שוויגער־עלטערן און די איבעריקע פריינט.

שאול האָט איינגעלאַדן דעם ראש הישיבה און די נאָענטסטע חברים

עדה, לאה, די טאַנטע האָבן אַלץ צוגעגרייט, סערווירנדיק אַ שיינעם טיש מיט כל־טוב. צו דער באַשטימטער צייט זיינען זיך אַלע איינגעלאַדענע צוזאַמענגעקומען. ווען דער ראש הישיבה האָט פאַרנומען אַ חשובן פלאַץ נעבן חתן, האָט ער אָנגעפאַנגען שרייבן די תנאים.

דער חתן טראַכט: ווי גליקלעך ער וואָלט געווען, ווען זיינע עלטערן, וואָלטן אָנוועזנד געווען אויף זיין גרויסער שמחה!... און די טאַנטע, דער־זעענדיק דעם שיינעם אַריסטאָקראַטישן חתן, האָט אין דעם מאָמענט אַ טראַכט געטאָן: ווען ניט זלמנס שדוך, ווער ווייסט, צי וואָלטן די צוויי טייערע קינדער דערגרייכט אַזעלכע וויכטיקע חתנים?... און נאָך אָן נדן!... אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען מיין טייערער פלעמיעניק וואָלט געווען צופרידן, וואָלט איך געווען גליקלעך. ליידער, זיין אומצופרידנקייט פאַרשאַפט מיר איבערלעבונגען. איך וועל אים דערקלערן, ווען ער וואָלט גענומען די אָרעמע איינפאַכע מיידל, וואָלטן זיינע שוועסטערס זיכער ניט דערגרייכט צו דעם, וואָס זיי האָבן דערגרייכט!... מיט דעם אַליין דאַרף ער זיין צופרידן. וואָס אַמבאַלאַנגט וועגן עדהן, דאַרף ער זי שעצן און שלום מאַכן מיטן געדאַנק, דאַן וועט עס אים ברענגען צופרידנהייט. און צופרידנהייט איז דער בעסטער מיטל אין לעבן...

ווען דער ראש הישיבה איז צוגעקומען צום פונקט „נדן", זאָגט דער חתן:

„רבי! איך פאָדער ניט קיין נדן. איך האָב געזאָגט, ווי יעקב אבינו האָט געזאָגט צו לבנען, אַז ער פאַרלאַנגט נאָר רחלען... און איך האָב געזאָגט דאָס זעלבע צו זלמנען און זיין שוועסטער..."

די טאַנטע, דערהערנדיק דעם חתנס ענטפער צום ראש הישיבה, זיינען אירע געדאַנקען איבערגעריסן געוואָרן...

„אויב אַזוי, גיב איך אייך צו מיין ברכה, אַז איר חתן־כלה זאָלט

זיין געבענטשט מיט אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן!" — האָט געווונטשן דער ראש הישיבה.

חתן־כלה האָבן אים האַרציק באַדאַנקט.

די חתונה איז באַשטימט געוואָרן מיט מזל אויף ר"ח כסלו.

נאָכן איבערלייענען די תנאים, האָט מען חתן־כלה געווונטשן מזל־טוב, מען האָט די געסט פאַרבעטן צום סערווירטן טיש, מען האָט געמאַכט לחיים, צווינטשנדיק חתן־כלה אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן, ווי אויך דער טאַנטע, לאהן, זלמנען מיט זיין פרוי און די איבעריקע פריינט זאָלן דער־לעבן פון זיי נחת! מען האָט געגעסן, געטרונקען, געזונגען און געמיטלעך פאַרבראַכט ביז שפּעט ביינאַכט.

די געסט זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, באַדאַנקענדיק פאַר דער שיינער אויפנאַמע, צווינטשנדיק גליק חתן־כלה מיט זייערע פריינט.

די ישיבה־בחורים האָבן אַרויסבאַגלייט דעם ראש הישיבה.

נאָך די תנאים האָט שאול אָוועקגעשיקט אַ בריוו צו זיינע עלטערן קיין אַמעריקע, אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער איז מיט מזל אַ חתן געוואָרן פאַר זייער אַן איידעלער, סימפּאַטישע, יונגע פריילין. זי איז אַ שוועסטער פון מיין בעסטן חבר, וועלכער רעכנט זיך פון די בעסטע ישיבה־בחורים. איך שיק אייך אונדזערע פאָטאָס. איצט, ליבע עלטערן, דער כלהס פאַמיליע פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן דאָ חתונה האָבן. מיר בעטן אייער צושטימונג. איך האָף, אַז איר וועט מסכים זיין און שיקן אונדז אייערע עלטערנס ברכה. אויב מעגלעך, קומט אויף אונדזער חתונה, וועלכע וועט פאָרקומען ר"ח כסלו אי"הש אין אַ מזלדיקער שעה. אייער זון שאול, וואָס גאַרט אייך זען. מיין כלה שרייבט אייך צו — ד. ז.

ליבע אומבאַקאַנטע עלטערן!

ווי אייך איז באַוווסט פון אייער זונס שרייבן, זיינען מיר מיט מזל חתן־כלה געוואָרן. און איצט אייניקע שטריכן פון מיין יונגן לעבן. צו 6 יאָר בין איך געבליבן אָן אַ פאָטער. צו 8 יאָר — אַ קיילעכדיקע יתומה. דאָס איינציקע, וואָס איך פאַרמאָג איז אַן עלטערע שוועסטער און ברודער, וועלכער איז אייער זונס בעסטער חבר, וואָס אַ דאַנק דעם איז אייער זון געוואָרן מיין חתן. איך האָף, אַז איר וועט זיין מיינע צוקונפטיקע עלטערן און איך — אייער איבערגעגעבענע טאָכטער.

מיט אַכטונג און דערוואַרטונג אויף אייער צושטימונג,

ע ו ו אַ פ י נ ק ע ל ש ט י י ן.

די עלטערן, דערהאַלטנדיק זייערע בריוו מיט די פּאַטאָס, זיינען אַנטציקט געוואָרן, אַנקוקנדיק דער כלהס שיינעם, איידעלן, סימפּאַטישן אויסזען. פון איר שרייבן זעען זיי אַרויס, אַז שאול נעמט אַ גוטע און קלוגע כלה. מען קאָן האָפן, אַז זי וועט אונדז אַכטן, ווי אויך זיין פּאַר אונדז, ווי אַ גוטע טאָכטער.

שאול, דערהאַלטנדיק דעם ענטפער פון זיינע עלטערן, אַז זיי זיינען מסכים און ווינטשן זיי מזל און הצלחה, ווי אויך שיקן זיי אים אַרויס געלט מיט שיפסקאַרטן.

באַקומענדיק דאָס געלט, האָט שאול צוגעקויפט פּאַר זיין כלה די נויטיקע קליידער און פאַרגעברייטעט זיך צו דער חתונה. די עלטערן האָבן אויך געשיקט צו דער חתונה שיינע מתנות, די פריינט האָבן באַוווּנדערט, וואָס זיינע עלטערן לאָזן זיך אזוי פיל קאָסטן! און פּלוצים זיינען די עלטערן געקומען אויף דער חתונה... די שמחה איז געווען גרויס, סיי ביי די עלטערן, סיי ביי חתן־כלה!

שאול פרעגט מיט באַוווּנדערונג:

„פאַרוואָס האָט איר אונדז, עלטערן, ניט מודיע געווען וועגן אייער קומען?"

„דו ווייסט דאָך שאול, ווי מען זאָגט ביי אונדז: ביזנעס איז איבער אַלץ... פּשוט זיי האָבן אונדז ניט דערלויבט, נאָר אַ דאַנק דער מוטער, וואָס האָט געוואָלט דורכאויס, אַז מיר זאָלן זיין אויף דער חתונה, האָבן מיר באַשלאָסן קומען."

„ווי זאָגט מען: „די בעסטע געסט קומען אומגעריכט!..." — האָט געזאָגט די מוטער מיט צופרידנהייט צו חתן־כלה.

„איר זייט דאָך די נאָענטסטע און טייערסטע אין אונדזער לעבן! ווער נאָך קאָן זיין בעסער, ווי עלטערן? מיר דאַנקען אייך, טייערע, פאַרן קומען. מיין האַרץ האָט פיל איבערגעלעבט, טראַכנדיק: אָן אייך גיין צו דער חופּה... פון מיין כלהס שרייבן איז דאָך אייך, ליבע עלטערן, באַוווּסט, אַז זי איז אַ יתומה!..."

„דאָס האָט דערוועקט מיין האַרץ און מוטערלעכע געפילן, ווען מיר וואָלטן ניט בייגעווען אויף אייער חתונה, וואָלט געווען אַ גרויסע עולה פון אונדזער זייט! אַלזאָ, טייערע קינדער, מיר זיינען גליקלעך פירן אייך צו דער חופּה אין אַ מזלדיקער שעה!"

די חתונה איז פאָרגעקומען אין זייער אַ שיינעם זאַל. די טישן באַדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, אויף וועלכע ס'איז געשטאַנען

סערווירט גראַפינען מיט וויין און פאַרשיידענע געטראַנקען מיט קריס־טאַלענע באָקאַלן, וואָס האָבן געפינקלט פונעם אָפּשיין פון די פיל ליכטיקע לוסטרעס און די וואַזעס מיט פאַרשידענע טאָרטן, פרוכטן, באַנבאַניערעס און די הויכע קריסטאַלענע וואַזעס מיט די פרישע רויזן, וואָס האָבן געגעבן אַן אָנגענעמען ריח, וואָס האָט ביי אַלעמען געשאַפן אַ גוטע שטימונג. אַלע איינגעלאַדענע קרובים, באַקאַנטע זיינען געקומען צו דער באַשטימטער צייט, ווי אויך דער ראש הישיבה.

מען האָט אַריינגעפירט די כלה צום „באַזעצן". מוזיק האָט געשפּילט. די כלה איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן קלייד, געשטיקט מיט העל־בלוי בלומען, מיטן לאַנגן ווייסן טיול־שלייער אויפן קאָפּ. אויפן האַלדז דאָס זייגערל מיט דער קייט, אויערינגלעך, פינגערלעך, אַרם־בענדער. דאָס אַלץ האָט באַשיינט איר יונגן איידעלן, גוטן, סימפּאַטישן פּנים. די מחו־תנתטע מיטן מחותן, דערזעענדיק די כלה, זיינען געווען איבערגליקלעך, אַז זייער שאול האָט דערגרייכט אַזאַ כלה, וואָס פאַרמאָגט אַלע מעלות. מען האָט אַריינגעפירט דעם חתן צום „באַדעקונג" אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סמאָקינג, אויפן קאָפּ אַ צילינדער, וואָס האָט זיין פיגור געמאַכט העכער און שלאַנקער, זיין איידעלער, סימפּאַטישער פּנים האָט געשטראַלט פון שמחה, דערזעענדיק זיין געגאַרטע, שיינע כלה, וואָס האָט געשיינט, ווי די זון. די כלה, דערזעענדיק איר חתן, האָט אין דעם מאָמענט געטראַכט: ווי גליקלעך דאַרף איך זיך שעצן, אַז איך גיי צו דער חופּה מיט אַזאַ וויכטיקן גוטן חתן, וואָס איך בין ביי אים באַליבט, וואָס איז דאָס וויכ־טיקסטע אין צוזאַמענלעבן!...

די געסט, באַטראַכטנדיק חתן־כלה, האָבן באַוואונדערט, זאָגנדיק, אַז דאָס איז אַ געבענטשטע פּאָר!

די עלטערן זיינען געווען פון די גליקלעכסטע, אַז זיי האָבן דערלעבט פירן זייער עלטסטן זון צו דער חופּה.

ביי דער חופּה האָט דער ראש הישיבה געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" נאָך דער כלהס עלטערן ז"ל. די כלה, לאה און זלמן האָבן זיך גוט אויס־געוויינט, דערמאָנענדיק זיך אין זייערע ג"ז עלטערן, וואָס האָבן, ליידער, ניט דערלעבט צו איר גליקלעכער חתונה!...

נאָך דער חופּה האָט מען אַלעמען פאַרבעטן צו די סערווירטע טישן און דער עולם האָט געמאַכט לחיים, צווינטשנדיק חתן־כלה מזל־טוב און מחותנים זאָלן דערלעבן נחת פון די קינדער! דער עולם האָט גענאָסן

פון שיינעם כיבוד. מוזיק האָט געשפּילט, דער עולם האָט זיך גוט אַמוזירט. יוגנט האָט געטאַנצט און מען האָט פאַרבראַכט ביז פאַרטאָג.

דער עולם האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגיין, געזעגענענדיק זיך מיט דער יונגער פּאָר, צווינטשנדיק זיי אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן און די מחותנים זאָלן דערלעבן פון זיי פיל נחת! זיי האָבן אויך באַדאַנקט די מחותנים פאַר דער שיינער אויפנאַמע און זיינען אַוועק צופרידענע. די עלטערן, פאַרברענגענדיק אַ קורצע צייט נעבן די קינדער, זיינען אָפּגעפאָרן צוריק נאָך אַמעריקע אין דערוואַרטונג פון זייערע קינדערס קומען.

פאַר זייער אָפּפאָרן נאָך אַמעריקע, איז עווא מיט שאולן צוגעפאָרן זיך געזעגענען מיט דער טאַנטע, ווייל די טאַנטע איז ניט געזונט געווען און אויף זייער חתונה איז זי ניט אַנוועזנד געווען.

קומענדיק צוריק קיין מ. האָבן זיי זיך צוגעגרייט צום אָפּפאָר.

ס'זיינען מיטגעפאָרן זיי באַגלייטן לאה מיט אליהו, זלמן מיט עדהן, די מחותנים גרינשטיין, פרוי ריינעס מיט איר זון און שנור. אַלע האָבן זיך מיט זיי האַרציק געזעגענט און די יונגע פּאָר איז אָפּגעפאָרן.

לאה מיט זלמנען האָבן מיט זייערע בליקן באַגלייט דעם אָפּפאָרנדיקן צוג, וואָס האָט פון זיי אַוועקגעריסן זייער טייערע שוועסטער און שוואָגער, וועלכע זיינען געווען שטאַרק געבונדן פון די קינדער־יאָרן. און זיי טראַכטן: גאָט ווייסט, ווען וועלן זיי זיך קאָנען זען?... און אַזוי קוקנדיק, איז דער צוג פון די אויגן פאַרשוואונדן...

אליהו מיט עדהן, צוזעענדיק זייערע איבערלעבונגען, בכדי זיי באַרו־איקן, זאָגן:

„טייערע! איר מוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַזוי שטראָמט דאָס לעבן... די צייט מאַכט, אַז איינער פון צווייטן ווערט אָפּגעריסן... מען דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס ס'איז געשען אין אַ גוטן אופן!..."

מיט דעם, האָבן זיי לאהן מיט זלמנען עטוואָס באַרואיקט און זיינען אָפּגעפאָרן אַהיים.

שאול מיט עוואן, פאָרנדיק אַזוי, באַטראַכט עווא איר שוועסטער־ ברודערס איבערלעבונגען און אין האַרצן לעבט זי איבער דאָס זעלבע, טראַכטנדיק: גאָט ווייסט, ווען מיר וועלן זיך אין לעבן טרעפן?... שאול, באַמערקנדיק איר איבערלעבונג, באַרואיקט זי זאָגנדיק:

„מיין טייערע! זאָרג ניט, ביי אַ גוטע געלעגנהייט, וועלן מיר מאַכן אַ רייזע צו זיי."

מיט דעם האָט ער זי עטוואָס באַרואיקט. און זי טראַכט: אין קעגנטייל,

דאַרף זי דאָך זײַן צופרידן, זי פאַרט מיט אַזאַ גוטן מאַן צו זײַנע גוטע און רײַכע עלטערן!... זײער באַצוג צו איר איז געװען, װי צו אַן אײגענע טאָכטער. פאַרשטײט זי, אַז איר װעט זײַן גוט אין אַלע הינזיכטן. דאָך בענקט איר האַרץ נאָך דער עלנטער אָרעמער הײם, איבערהױפּט נאָך לאהן מיט דער טאַנטען, ניט אַזױ פיל בענקט זי נאָך זלמנען, װײַל זלמן איז עטלעכע יאָר אין דער הײם ניט געװען. װידער טראַכט זי: װי זאָגט מען: „מיטן מאַן גײט מען עבר לים...״

שאול באַמערקט, װי עװא איז װידער פאַרטראַכט, זאָגט ער:

„עװאלע! בענק ניט און זאָרג ניט! ס׳לעבן איז שױן אַזױ געשטעלט, אַז אײביק איז מען אַפילו ניט מיט די בעסטע עלטערן, בפרט מיט שװעס־טער, ברידער!....

עװא, אױסהערנדיק שאולס דערקלערונג, האָט זיך פיל באַרואיקט און זיך גענומען פילן פרײער. און אַזױ, פאָרנדיק מיטן צוג זײַנען זײ אָנגעקומען קײן פּ. שאול מיט עװאן זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין אַ שײנעם האָטעל, װוּ זײ האָבן פאַרנומען אַ צימער, זיך געמאַכט באַקװעם, אױס־גערוט זיך פון װעג, געגעסן מיטאָג.

נאָך מיטאָג זײַנען זײ אַװעק אין זײער שיפס־געזעלשאַפט: או. ס. ל., װוּ זײ האָבן זיך אינפאָרמירט, װי אױך זיך דערװוּסט, אַז איבערמאָרגן פרי גײט אָפּ זײער שיף: או. ס. ל. קײן ניו־יאָרק.

שאול האָט בײַגעלײגט אַלע זײערע גװיטיקע פּאַפּירן און האָבן זיך צוגעגרײט צו זײער װײטערדיקער רײזע. אין דער קורצער צײַט, װאָס ס׳איז זײ פאַרבליבן צו זײַן אין דער גרױסער שטאָט פּ., האָבן זײ אױס־גענוצט, זײענדיק אין אַ גרױסן מוזעאום, װי אױך אין אַ צירק, װוּ צװישן פאַרשידענע חיות, האָט אַ גרױסער בער געטאַנצט...

עװא פרעגט שאולן מיט פאַרװוּנדערונג:

„װי קאָן מען אַ בער אױסלערנען טאַנצן?...״

שאול האָט זיך צעשמײכלט, זאָגנדיק:

„יאָ, מײַן טײַערע, ס׳איז אַ ריכטיקע פראַגע. איך האָב אַמאָל דאָס זעלבע געפרעגט בײַ מײַן פאָטער. דער פאָטער האָט מיר דערצײלט און הער אױס, װעסטו לאַכן. װען מײַן פאָטער, נאָך זײַענדיק יונג, קומענדיק אײן מאָל אין צירק און זעענדיק, װי אַ בער טאַנצט, האָט ער אױך באַ־װוּנדערט. אױף זײַן פראַגע, האָט אים אַ בײַזיצער דערקלערט פאָלגנדעס: „דאָס איז אַ געשיכטע, װאָס לאָזט זיך גלױבן. מען שטעלט אַרױף אַ יונגן בער אױף אַן אײַזערנעם קאַסטן, װאָס איז אַרומגעצױמט מיט אַ הױכער

צוים. אונטערן קאָסטן שטעלט מען אַרונטער אַן אייוועלע, וואָס ברענט סיסטעמאַטיש. ווען דער בער דערשפּירט די היץ, בייט ער די לאַפּעס... און דער דרעסירער פּאַנגט אָן פּייפן און דער בער ווערט צוגעווינט און מיינט, אַז דער דרעסירער פּייפט, מוז ער הייבן די לאַפּעס. דאָס פּובליקום, ניט וויסנדיק באַוואונדערט און דענקט, אַז דער בער טאַנצט... אָט אַזוי לערנט מען אויס אַ בער טאַנצן!..״

קומענדיק אין האָטעל און אַריינגייענדיק אין צימער, האָט עווא ניט געקאָנט פאַרגעסן די געשיכטע מיטן בער און האָט געלאַכט, זאָגנדיק, אַז ס׳איז אַ קאָמישע קאָמעדיע!...

שאול מיט עוואן זיינען אַריין אין רעסטאָראַן געגעסן אָוונט־ברויט און נאָכן עסן האָבן זיי זיך געזעצט שרייבן בריוו.

שאול שרייבט צו די עלטערן, אַז זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין פּ. די רייזע איז געווען אַ גוטע. מיר פילן זיך ב״ה געזונט. איבערמאָרגן פרי פאָרן מיר אָפּ מיט דער שיף או. ס. ל. האָפנטלעך אין קורצן זיך זען. האַרציקע גרוסן פון אונדז פאַר אַל׳עמען! שאול־עווא.

עווא האָט אָנגעשריבן צו לאהן מיט זלמנען, אַז די רייזע ביז דער שיף איז אַדורך זייער גוט, נאָר איין זאַך, וואָס מיין האַרץ בענקט שטאַרק נאָך אייך, ווי אויך נאָך מיין ליבע טאַנטע, וואָס איר שוואַכער געזונט באַאומרואיקט אונדז. מיר בעטן גאָט פאַר איר געזונט. שאול לאָזט מיר ניט פיל זאָרגן, טרייסטנדיק, אַז ביי אייך איז אַלץ אין אָרדענונג. איבער־מאָרגן פרי פאָרן מיר מיט מזל אָפּ קיין אַמעריקע. אָנקומענדיק בשלום, וועלן מיר אייך גלייך שרייבן. פאַרבלייבט אַלע געזונט און האַרציק גע־גריסט, אייער שוועסטער־שוועגערין און פלעמיאַניצע, וואָס ווינטשט דער טאַנטע אַ רפואה שלמה אייער עווא. אַ גרוס פון שאולן.

צו דער באַשטימטער צייט זיינען זיי אָנגעקומען צום פּאָרט, פון וואַנען זיי זיינען אָפּגעפאָרן מיט דער אַמעריקאַנער שיף קיין ניו־יאָרק.

די רייזע אויפן אַטלאַנטיק איז געווען ניט קיין לייכטע, ווייל דער ים האָט געשטורעמט פון די שטאַרקע ווינטן, באַגלייט מיט בליצן, דונערן און רעגן. עווא איז די גאַנצע צייט געלעגן צו בעט, ניט קאָנענדיק אַרויסגיין פון קאַבינע, ווייל אויף איר האָט שטאַרק געווירקט די ים־קראַנקהייט, אַזוי, אַז זי האָט ניט געקאָנט עסן און וואָס זי האָט געגעסן, געטרונקען, האָט זי אויסגעבראָכן. שאול האָט צוליב איר פיל איבערגע־לעבט, אַזוי, אַז ער איז זעלבסט כמעט, ווי קראַנק געוואָרן.

וועגן שרייבן בריוו צו זיינע עלטערן, ווי אויך צו לאהן מיט זלמנען

האָבן זיי אַפילו ניט געקאָנט טראַכטן. אגב האָבן זיי ניט געוואָלט די עלטערן, ווי אויך לאהן מיט זלמנען מצער זיין... די לאַגע האָט אָנגעהאַלטן כמעט די גאַנצע צייט פון זייער פאָרן. ביז ענדלעך 2 טעג פאַרן אָנקומען אויפן אָרט, האָט זיך דאָס וועטער איינגעשטילט.

די זון האָט אָנגעפאַנגען שיינען, דער ים האָט זיך באַרואיקט און די שיף איז געשווומען רואיק. עווא האָט זיך גענומען פילן בעסער. אויך שאול האָט זיך באַרואיקט.

אויף צומאָרגנס פאַרטאָג האָט זיך שאול אויפגעכאַפּט, דערהערנדיק, פון קאָרידאָר אַ שטאַרקן גערודער פון מענטשן, עפנט ער די טיר און פרעגט איינעם פון די פאַרביילויפנדע:

„וואָס איז געשען?"

דער ענטפערט אים:

„מיר דערנענטערן זיך צו ניו־יאָרק!..."

שאול איז שנעל אַריין אין קאַבינע, אויפגעוועקט עוואן פון טיפן שלאָף, רופנדיק:

„עוואלע! מיר זעען שוין פון דערווייטנס ניו־יאָרק!"

עווא איז שנעל מיט איבעראַשונג אַראָפּ פון געלעגער, צוגעלאָפן צום פענצטער און מיט ענטוזיאַזם אַ געשריי געטאָן:

שאול! זע, זע! ווירקלעך זעט מען שוין די גרינע פייערלעך אויף די ים־כוואַליעס."

אין דער זעלבער צייט איז שאול צו צום פענצטער, און אָבסערווירנדיק די אויבערפלאַך פון ים, באַמערקט ער פון דער ווייטנס די „פרייהייט־סטאַטוע", וואָס שטייט אין ים גאַנץ נאָענט צו ניו־יאָרק. אָנווייזנדיק עוואן די סטאַטוע, זאָגט ער איר:

„עוואלע! צייט זיך אָנטאָן, מיר קומען באַלד אָן קיין ניו־יאָרק!"

ענדלעך איז די שיף אָנגעקומען אין פאָרט.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין גרויסן זאַל פון צאָל־אַמט, ווו עס ווערן קאָנטראָלירט די וואַליזן, פּאַקעטן א.א.וו. האָבן זיי פון דערווייטנס, ווו ס'איז געשטאַנען אַ גרויסע פּובליקום, אָפּגעצוימט, דערוואַרטנדיק זייערע קרובים, דערהערט אויסרופן: „שאול! עווא!..."

שאול איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרצוימונג, דערזעענדיק זיינע עלטערן און ברידער. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, זאָגנדיק די עלטערן, אַז מען קאָנטראָלירט שוין ביי עוואן אונדזערע וואַליזן.

ווען שאול מיט עוואן זיינען אַרויסגעקומען מיט די זאַכן, האָבן די

עלטערן מיט די ברידער מיט גרויס שמחה זיי מקבל פנים געווען און אָפּגעפּאָרן צו די עלטערן.

די ערשטע וואָך זיינען זיי געווען ביי די עלטערן. די עלטערן האָבן פאַר זיי צוגעגרייט אַ שיינע ווינונג מיט מאָדערנע מעבל. עווא־שאול, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, זיינען געווען פון די גליקלעכסטע. שאול האָט זיך שנעל איינגעאָרדנט. אויפן סמך פון זיין סמיכה, האָט די קהילה געגעבן אים אַ פּאָסטן אַלס רב מיט אַ שיינעם האָנאָראַר.

די עלטערן האָבן געהאַט פיל נחת און כבוד פון שאולן און עוואַן.

ווען שאול־עווא זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָבן זיי גלייך אָנגעשריבן אַ קורצן בריוו צו לאהן מיט זלמנען, כדי באַרואיקן וועגן זייער גליקלעכן אָנקום.

נאָכן איינאָרדענען זיך מיט אַ ווינונג און מעבל, ווי אויך מיט אַ פּאָסטן פאַר שאולן אַלס רב, האָבן זיי געשיקט אַ גרעסערן בריוו צו לאהן מיט זלמנען, אָנפרעגנדיק וועגן זייער און טאַנטעס געזונט, ווי אויך צי איז שוין פאָרגעקומען לאהס חתונה?

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן עווא מיט שאולן באַקומען אַן ענטפער, אַז זיי זיינען ב״ה געזונט, אויך די טאַנטע פילט זיך בעסער, זיי זיינען גליקלעך מיט עוואַ־שאולס גליקלעכן איינאָרדענען זיך, ווינטשענדיק זיי געזונט מיט הצלחה. וואָס אַמבאַלאַנגט לאהס חתונה, טיילן זיי מיט, אַז זי איז מיט מזל פאָרגעקומען נאָך אייער אָפּפאָרן. נאָר איין זאַך טוט זיי לייד, וואָס איר האָט ניט אָנטייל גענומען אין זייער גרויסער שמחה.

נאָך עווא־שאולס אָפּפאָרן, האָט פרוי ריינעס מיט אליהו און לאה אַרומגערעדט וועגן איינאָרדענען די חתונה. זאָגט לאה צו פרוי ריינעס:

„מען דאַרף זיך צופיל ניט אָנשטרענגען, מאַכן אַ באַשיידענע חתונה...״

לאהס פאָרשלאַג איז דער פרוי ריינעס געפעלן געוואָרן. דאָך האָט אליהו באַשטעלט אַ שניידערקע צו נייען די נויטיקע קליידער, וואָס איר האָט אויסגעפעלט. אויך אליהו האָט פאַר זיך באַשטעלט, וואָס אים איז נויטיק געווען.

די חתונה איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ שיינעם זאַל. די טישן באַדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, סערווירט מיט כל־טוב.

אַלע איינגעלאַדענע פריינט און באַקאַנטע זיינען געקומען צו דער באַשטימטער צייט, ווי אויך די טאַנטע, וואָס האָט זיך געפילט בעסער, איז געקומען צו פאָרן אויף דער חתונה. איר קומען האָט פאַרשאַפט לאהן און זלמנען פיל פרייד.

ווען מען האָט אַריינגעפירט די כלה אין זאַל, האָט מוזיק אָנגעפאַנגען שפּילן. די געסט דערזעענדיק די כלה, האָבן באַוואונדערט איר גראַציעזן שיינעם אויסזען. דאָס ווייסע זיידן חופּה־קלייד, בראַדירט מיט גאָלד־פעדים, מיטן לאַנגן טיול־שלייער אויפן קאָפּ, מיט די צירונג האָט באַשיינט איר שיין, סימפּאַטיש, איידעלן פּנים.

טייל געסט, וויסנדיק, אַז די כלה איז אַן אָרעמע יתומה, האָבן באַוואונדערט איר גרויסן מזל, זאָגנדיק:

„זי זעט דאָך אויס, ווי אַ שיינע פּרינצעסין!..״

און די טאַנטע איז געווען איבערגליקלעך, זעענדיק, ווי איר פּלעמיע־ניצע איז באַגליקט געוואָרן!...

מען האָט אַריינגעפירט דעם חתן צום „באַדעקנס״. זיין פּנים האָט געשטראַלט, דערזעענדיק זיין כלה, ווי זי שיינט, ווי אַ בת מלכה!...

פרוי ריינעס, דערזעענדיק איר צוקונפטיקער שנור, איז אויך געוואָרן באַגייסטערט, זאָגנדיק: אַ דאַנק גאָט! מיט אַזאַ שנור קאָן מען זיך באַערן!

זלמן טראַכט, אַז לאה האָט מער מזל! זי האָט דערגרייכט אַזאַ גליק!... זי קריגט אַ שיינעם, רייכן, פּאַסנדן מאַן. איר האַרץ איז איבערפולט פון שמחה! נו, זאָל איר גאָט העלפן! ווידער טראַכט ער, וואָס איז זי שולדיק, אַז זיין מזל איז קליין!... מן־הסתם איז אים אַזוי באַשערט!.. .זיינע געדאַנ־קען האָבן געבלאָנדזשעט און ער האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן.

ווען חתן־כלה זיינען שוין געווען אונטער דער חופּה, האָט דער רב געמאַכט אַ הזכרה דעם חתנס פּאָטער ז״ל און דער כלהס עלטערן ז״ל. ביי חתן־כלה זיינען די אויגן איבערפולט געוואָרן פון טרערן...

זלמן, דערמאָנענדיק זיך אין זיינע עלטערן ז״ל און זייענדיק פאַר־קלעמט פון זיינע גייסטיקע איבערלעבונגען, האָט געהאָט די געלעגנהייט זיך גוט אויסצווויינען...

נאָך דער חופּה האָט מען די געסט פאַרבעטן צו די סערווירטע טישן. מוזיק האָט געשפּילט, מען האָט געגעסן און געטרונקען, געמאַכט לחיים לכבוד חתן־כלה, צווינטשנדיק: „מזל־טוב!״ מיט אַ גליקלעכן צוזאַמענ־לעבן. די כלה מיטן ברודער האָבן זייער באַדויערט, וואָס זייער שוועסטער און שוואָגער זיינען ניט אָנוועזנד אויף דער חתונה. די געסט האָבן זיך גוט געוויילט, מוזיק האָט געשפּילט, מען האָט געטאַנצט, פאַרבראַכט ביז שפּעט ביינאַכט.

ביסלעכווייז זיינען זיך די געסט פאַנאַנדערגעגאַנגען, געזעגענענדיק

זיך מיט דער יונגער פּאָר, מחותנים, צווינטשנדיק מזל, ברכה, ווי אויך נחת פון די קינדער. אַזוי איז פאַריבער זייער גליקלעכע חתונה.

די מוטער (פרוי רייבעס) איז געווען זייער צופרידן, באַמערקנדיק דעם קעגנזייטיקן גוטן באַצוג פון דער יונגער פּאָר, ווי אויך דעם כבוד, וואָס זי באַקומט פון דער שנור (לאה) !...

לאה איז אַריינגעטרעטן אַרבעטן אין געשעפט. מיט איר פעאיקייט און סימפּאַטישן באַנעמונג צו די קונים, האָט דאָס געשעפט פּראָפּיטירט און געוואַקסן אַזוי, אַז ס'איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הורט. די מוטער האָט פון די קינדער געהאַט פיל נחת.

איינמאָל, ווען לאה איז גראָד ניט אַנוועזנד געווען, זאָגט אליהו:

„זעסט, מוטער, וואָס עס שאַפט אַ גוטע און פעאיקע פרוי. דאָס איז אַ דאַנק אונדזער טייערער לאה, וואָס האָט אונדז געבראַכט צו אַ העכערער מדרגה. און צו וואָס האָט דערפירט מיין ברודערס פרוי? ליידער, צו אָרעמקייט און נויט! אַ דאַנק דעם, וואָס מען פאָלגט ניט קיין מוטער!... דו האָסט ריכטיק באַמערקט, מוטער, אַז ער וועט מיט איר זיין אומגליקלעך! ס'טוט מיר לייד, אָבער העלפן קאָנען מיר אים ניט, ווי זאָגט מען: „אַ לעבעדיקן זאַק קאָן מען ניט פול מאַכן!"...

„יאָ, מיין זון, ער וועט זיך שוין מיט איר זיין וועלטל אָפּמאַטערן!"

לאה צוקוקנדיק זיך צו זלמנס לעבן, האָט איר זייער באַנג געטאָן, טראַכטנדיק: איך האָב געהאַט אַ טעות. געמיינט, אַז די רייכקייט און איר קלוגשאַפט וועט אים באַפרידיקן, ליידער, דאָס האַרץ וויל זיך ניט רעכענען מיט קיין זאַך. זי פאַדערט אירס. עס האָט איר צו צייטן פאַרשאַפט האַרציקע איבערלעבונגען! זאָגן וועגן דעם האָט זי אַפילו איר אייגענעם מאַן ניט געוואָלט, מחמת עס קאָן קיין כבוד איר ניט פאַרשאַפן און פאַר זלמנען געוויס ניט...

אַזוי איז זייער לעבן געגאַנגען נאָרמאַל, נאָר איין זאַך איז דער מוטער געווען פאַרדריסלעך, וואָס לאה האָט נאָך ניט פאַרשוואַנגערט.

אַזוי וואַרטנדיק, איז אַריבער דריי יאָר. זי האָט געשענקט אליהון אַ שיין זונעלע, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך איר פאָטער ז"ל ברוך. דער פאָטער, די מוטער און די באָבע (פרוי רייבעס) זיינען געווען איבערגליקלעך! און נאָך אַ יאָר אַרום האָט זי זיי געבראַכט נאָך אַ זונעלע. אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן נאָך אליהוס פאָטער ז"ל אליעזר.

ס'איז אַריבער נאָך צוויי יאָר, האָט זי ווידער פאַרשוואַנגערט און געבוירן מיט מזל אַ געגאַרטע טעכטערל, וועלכע האָט געטראָגן איר ג"ז

מוטערס נאָמען: רבקהלע. דאָס קינד איז אין גאַנצן געווען איינגעגעבן אין איר מוטער. אַ בילד־שיין קינד, וואָס האָט פיל פרייד געבראַכט אין שטוב.

אַזוי האָט געשטראָמט זייער לעבן רואיק, ווי אַ שטילער טייך.

ברוכל האָט זיך געהאַט איינגעגעבן אין זיין אָנקל זלמן. נאָך לערנענדיק אין חדר, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס פעאיקייט און אַנגעקומען אין אַ ישיבה.

דער צווייטער — אליעזר, האָט ניט געהאַט די אייגנשאַפטן פון זיין ברודער. ענדיקנדיק דעם חדר און צוגרייטנדיק אים צום גימנאַזיום, איז ער אַהין אַריינגעטראָטן און פאַרענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, אַריינגעטראָטן אין אוניווערסיטעט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט.

רבקהלע איז אויך געווען אַ פעאיקע. געענדיקט די שולע, אַריין אין גימנאַזיום, פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג, אַריין אין קאָנסערוואַטאָריום און פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג. זי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין קלאַוויר.

די עלטערן האָבן געהאַט פאַרגעניגן פון די קינדער, ווי אויך די באָבע ריינעס האָט געהאַט נחת פון אליהון מיט לאהן און אייניקלעך. דאָס אייניקע, וואָס די אַלטע מוטער האָט איבערגעלעבט, איז געווען פון איר יונגערן זון מיט זיין פרוי.

טראָץ דעם, האָבן איר פריינט און באַקאַנטע מקנא געווען איר שיינעם בכבודיקן עלטער. פּלוצים איז זי קראַנק געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט איז זי געשטאָרבן אין טיפן עלטער. אליהו מיט לאהן און אייניקלעך האָבן זייער פיל איבערגעלעבט צוליב זייער גרויסן פאַרלוסט.

זלמן, אַריינקומענדיק זיי מנחם־אבל זיין, האָט באַמערקט, אַז אַ מענטש לעבט ניט אייביק, ווי ס׳איז געשריבן: „סוף אדם למות!...״ זי האָט איר לעבן שיין און גוט אָפּגעלעבט, אָבער לעבן אין אומצופרידנקייט איז ערגער, ווי דער טויט!... אין דעם מאָמענט וויל ער זיך באַרואיקן, טראַכט ער: ס׳וואָלט דאָך געקאָנט זיין שיין, גוט! איך פאַרמאָג אַ שיין געשעפט אויך טייערע קינדער... פאַרוואָס איז מיר מיין האַרץ אַזוי צעבראָכן?... זי איז דאָך ניט שולדיק! צי קאָן איך דען האָבן טענות צו איר? זי איז גוט צו מיר, שעצט מיר, אָבער מיינע געפילןליידן, אַז איך קאָן זיך ניט באַרואיקן. און מאַכן לייטישע געלעכטער — זיך גטן! פּאַסט דאָך ניט. דאָס איינציקע פלעגט אים באַרואיקן, ווען ער איז אַריינגעקומען צו אסתרס מאַן באַשטעלן אַן אָנצוג, כדי איר קאָנען אָנקוקן און רעדן מיט איר אַ פּאָר ווערטער.

אויך זי פלעגט זיין פּאַראינטערעסירט, דערהערנדיק זיין שטים, אַריינגיין אין געשעפט אָנקוקן אים און רעדן אַ פּאָר ווערטער!...

אַזוי איז זלמנס לעבן געגאַנגען. רייך איז ער געווען, אָבער נחת פון זיין לעבן האָט ער ניט געהאַט. ער פלעגט צו זיך זאָגן: וואָס טויג רייכקייט, ווען ס'האַרץ איז פּאַרוויסטעט, פּאַרקלעמט!...

ליבע איז אַ ליכטיקער שטראַל. אָן ליבע איז ס'לעבן פינצטער איבעראַל!...

אסתרס מאַנס שניידעריי איז ניט צו גוט געגאַנגען. ער האָט געשריבן צום ברודער קיין אַמעריקע, ער זאָל זיי אַהין אריבערנעמען. שמחה האָט זיי אַריבערגענומען און אפרימען אַריינגענומען צו זיך אין קאָנ־פעקציע־פאַבריק. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ שותף.

אפרים האָט אסתרן אַ רייך לעבן פאַרשאַפט. אויך האָט עס איר קיין פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפט. זי האָט נאָר געטראַכט: ווי ווער עס געשען, ווען וועל איך נאָך אַמאָל זלמנען קאָנען זען? און ווען זי האָט דעם ערשטן זון געבוירן, האָט זי שוין די גאַנצע האָפענונג פאַרלוירן.

אַזוי זיינען פאַרביי יאָרן. אסתרס זון שלום איז אויסגעוואַקסן שיין, ווי זיין מוטער און זייער פּעאִיק. ער האָט געענדיקט דאָקטאָר מעדיצין מיט אַן אויסצייכענונג. שלום איז געווען אסתרס איינציקע באַפרידיקונג.

שלום, נאָך זייענדיק סטודענט, האָט זיך געהאַט באַפריינדעט מיט ברוכן (שאול־עווא פרידס זון).

ווען שלום פלעגט קומען צו ברוכן מיט אַ באַזוך, פלעגט עווא שלומען אויפנעמען פריינטלעכער, ווי די איבעריקע זיינע קאָלעגן. אויך ברוך פלעגט שטאַרק סימפּאַטיזירן שלומען. אַזוי פלעגן זיי איינער דעם צווייטן אָפט באַזוכן.

אַ געוויסע צייט איז שלום ניט געקומען צו ברוכן. פרעגט אים זיין מוטער (עווא):

„ברוך! וואָס איז געשען, וואָס דיין קאָלעגע שלום איז ביי אונדז אַ לענגערע צייט ניט געווען?"

„ביי שלומען האָט פּאַסירט אַן אומגליק: זיין פּאָטער איז פּלוצים קראַנק געוואָרן און נאָך אַן אָפּעראַציע איז ער געשטאָרבן... אַלזאָ האָט ער קיין מוט ניט געהאַט צו קומען, אָבער נעכטן האָט ער מיר פאַר־שפּראָכן די טעג אונדז באַזוכן."

פון דער צייט אָן, ווען אסתר מיטן מאַן און זונעלע זיינען אָפּגע־פאָרן קיין אַמעריקע, איז זלמנס לעבן נאָך מער פאַרטונקלט געוואָרן...

טראַכט ער, אַז אַפילו פון האָריזאָנט איז זי אים אויך פאַרשווונדן!... ווען איז ער גליקלעך געווען, ווען ער פלעגט איר אין חלום אַמאָל זען!... חלומט זיך אים אַ חלום, גייענדיק צו דער ישיבה, טרעפט ער אָן אסתרן און רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ: „אס־תר־ל! אָן דיר איז מיין לעבן גאָרניט ווערט!... ממש פינ־צט־ע־ר!..."

עדה, האָט דערהערט פון זלמן, ווי ער מורמלט פון שלאָף: „אס־תר־רל! אָן דיר איז מיר פינ־צט־ע־ר!..." פון זיין חלום איז זי געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס איז די סיבה פון זיין שטענדיקער אומצו־פרידנקייט... טראַכט זי: ווער זאָל זי זיין די אסתר? ווו קאָן זי זיך געפינען? און ווען זאָל עס האָבן געשען?...

איר ווייטיק האָט זי קיינעם ניט געקאָנט אַנטפּלעקן. אַפילו זלמנען האָט זי ניט געקאָנט אויפמערקזאַם מאַכן...

עדה, אַלס קלוגע און אינטעליגענטע פרוי, האָט שווייגנדיק שווער איבערגעלעבט, פילנדיק, אַז זלמן איז ווייט, ווייט מיט די גוטע געפילן צו איר!... און פון אירע פיל איבערלעבונגען, האָט זי פאַרפאַסט אַ ליד. ווען קיינער איז אין שטוב ניט געווען, פלעגט זי גוט זיך אויסווייגען און זינגען איר ליד:

ווען איך האָב מיט זלמנען די ערשטע באַקאַנטשאַפט געמאַכט,
בין איך אַנטציקט געוואָרן פון זיין שיינקייט און פראַכט.
איך האָב געטראַכט, אַז מיין רייכקייט וועט פאַרשאַפן ס׳גליק!

איך האָב קיין אָנונג ניט געהאַט,
אַז מיין רייכקייט האָט אים פאַרנאַרט.
איך בין ביי אים אַפילו ניט געאַכט!...

היינט פאַרשטיי איך שוין,
אַז כ׳האָב זיך אָפּגענאַרט אַליין.
מיר איז שוין אַלץ נמאס געוואָרן,
איך האָב אַפילו מיין מוט פאַרלוירן!...

איך האָב אים דריי שיינע טעכטער געבראַכט,
אויך האָט עס אים קיין בעסערע געפילן פאַרשאַפט!...

אַזוי זיינען פאַרביי מיינע יאָרן,
ביז כ׳האָב אַ האַרץ־פעלער געקראָגן!...

איר האַרץ האָט תמיד געוויי טיקט; ווען זלמן איז געשעפטלעך גע־פאָרן האָט זי אים חושד געווען, אַז ער איז צו זיין געליבטע געפאָרן... איר האַרץ האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן!...

ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז ער איז אַן אלמן געוואָרן!... פון דער אומעטיקער בשורה, איז אים זיין האַרץ פאַרקלעמט געוואָרן, זאָגנדיק:

„אָפּגעלעבט 25 יאָר און קיין נחת פון די קינדער ניט דערלעבט!... געווען אַ גוטע מוטער און אַן איבערגעגעבענע פרוי!.... וואָס טוט מען? ווי גייט מען?"...

כדי זיך באַרואיקן, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו עוואַ־שאולן קיין אַמעריקע וועגן אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן.

פון דער ידיעה האָבן זיי פיל איבערגעלעבט. ענטפערן זיי אים אין אַ בריוו, אַז וואָס די ערד דעקט צו מוז פאַרגעסן ווערן!... קום צו פאָרן מיט דיין טאָכטער זיסעלען. דערביי האָבן זיי געטראַכט, אַז זייער ברוך, באַקענענדיק זיך מיט זיסעלען, מעגלעך זיי וועלן זיך געפעלן, וועט צווישן זיי אַ שדוך ווערן...

זלמן האָט זייער איינלאַדונג אָנגענומען, געמאַכט זיך ריי־זע־פאַר־טיק, מיטגענומען זיסעלען, וועלכע איז אין גאַנצן געווען אַריינגעראָטן אין פאָטער: הויך, שלאַנק, שיין, סימפּאַטיש, מיט שוואַרצע גרויסע קלוגע גוטע אויגן, מיט אַ שוואַרצן געקרייזטן קאָפּ האָר, פּעאיק, ווי דער פאָטער, געענדיקט אוניווערסיטעט מיט אַן אויסצייכענונג. דער פאָטער האָט מיט איר שטאָלצירט.

אָנקומענדיק קיין אַמעריקע, זיינען אַרויסגעקומען צום פּאָרט מקבל פנים זיין עווא מיטן מאַן, הרב שאול פריד מיט זייער זון, ד״ר ברוך פריד.

לכבוד זייערע טייערע געסט, האָבן זיי איינגעאָרדנט אַן אָוונט, אויף וועלכן זיי האָבן איינגעלאַדן די קרובים און באַקאַנטע.

ברוך האָט אויך איינגעלאַדן זיין באַליבטן קאָלעגע ד״ר שלום גאָלדשמיט. מען האָט די געסט שיין אויפגענומען און מען האָט זיך פריינטלעך אונטערהאַלטן. זלמן דערמאָנט זיין שוואָגער שאול (געווע־זענער ישיבה־בחור) וועגן זיין פאַרגאַנגעהייט, זאָגנדיק:

„ווען דער מענטש איז יונג מאַכט ער פעלערן, וואָס פאַרשאַפן אים פאַרשידענע איבערלעבונגען און קאָמפּליקאַציעס, וואָס אַפילו דער קליג־סטער קאָן זיך קיין עצה ניט געבן. זוכט ער אַ וועג, ווי זיך באַפרייען פון זיינע האַרץ־ווייטיקן. דענקט ער: דאָס געלט וועט אים די ווונדן

פאַרהיילן און שאַפן פרייד. ליידער, פאַרשאַפט עס אים גייסטיקע און דראַמאַטישע איבערלעבונגען!...״ — ער איז געבליבן מיט אַ טיפן קרעכץ...

„זלמן! — זאָגט עווא — וואָס געוועז איז אַוועק אין דער אייביקייט!״

„עווא! — זאָגט זלמן — יאָ, וועגן דעם איז היינט ניטאָ, וואָס צו טראַכטן. אַזוי איז שוין דער סדר פון דער וועלט!״

שאול, אויסהערנדיק זייער דיאַלאָג, הויבט אויף זיין רבנישן שטערן מיט די טיפע גרויסע שוואַרצע אויגן און גיט אַ קוק מיט פאַרוווּנדערונג אויפן שוואָגער און זאָגט:

„דו ווייסט דאָך, זלמן, אַז יעדער איינער האָט זיין שיקזאַל, וואָס איז אָנגעוויזן פון דער השגחה העליונה!... אלזאָ, דאָס איז ס׳איינציקע, וואָס קאָן דעם בן־אדם באַרואיקן!...״

און ער איז געבליבן שטיל, באַטראַכטנדיק, אַז זיין דערקלערונג האָט זלמנען עטוואָס באַרואיקט. אויך עווא, וועלנדיק זלמנען דערמוטיקן, זאָגט אים:

„דו ביזט ניט דער איינציקער, זלמן, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט, פּאַסירט אויך מיט נאָך פיל מענטשן, ווי איינעם איז באַשערט, ווי דיין שוואָגער האָט דיר געזאָגט. מען דאַרף זיך קאָנען באַהערשן. דו ביזט ב״ה אַ רייכער פאָטער, פאַרמאָגסט 3 שיינע, גראַטענע טעכטער, ביזט נאָך אין די בליענדע יאָרן, נעם זיך ניט איבער, גאָט וועט דיר העלפן, וועסט נאָך געניסן פון לעבן!...״

די יונגע לייט זיינען געזעסן אין סאַלאָן געריידט, פאַרבראַכט און אַזוי פאַרברענגענדיק, באַמערקט זיסעלע אַ קלאַוויר, פרעג זי:

„ברוך! שוין לאַנג ווי דו שפּילסט?״

„פון קינדזווייז אָן.״ — האָט ברוך געענטפערט.

„אויב דיר איז אָנגענעם, ברוך, וועל איך עטוואָס שפּילן.״

„מיט פאַרגעניגן!״ — האָט געענטפערט ברוך.

זיסעלע האָט אָנגעפאַנגען שפּילן שטראַוס וואַלצן און פאַרשידענע ראָמאַנסן. פון איר שפּילן זיינען שלום און ברוך אַנטציקט געוואָרן.

שלום טראַכט: פריילין פינקעלשטיין (זיסעלע) פאַרמאָגט אַלע מעלות, אָבער זי האָט דאָך אַ קוזין, וואָס איז אויך אַ דאָקטאָר...

זיסעלע באַמערקט, אַז שלום איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין איר. אויך זי איז צו אים ניט גלייכגילטיק!... ד׳י סיבה: ברוך איז אַ ביסעלע פלעגמאַטיש, דאַקעגן אין שלום שטאַרק ענערגיש!...

שלום האָט פאַרגעלייגט צו שפּילן אין לופט־פּאָסט. ער האָט איר

דערקלערט, אַז ער וויל זיך מיט איר טרעפן ביי אים אין שטוב, כדי ברוך זאָל ניט וויסן, אָנווייזנדיק זיין אַדרעס...

זי האָט אים געענטפערט: ער זאָל קומען אַהער!...

אַזוי פלעגט שלום אָפט קומען און זיי פלעגן פאַרברענגען זאַלבעדריט.

זלמן מיט דער שוועסטער עווא און שוואָגער שאול, זיינען צופרידן געווען, וואָס די קינדער זיינען שטאַרק באַפריינדעט.

איינמאָל, אַהיימקומענדיק, דערציילט שלום זיין מוטער, אַז צו זיין חבר ברוך איז געקומען אַן אָנקל מיט אַ טאָכטער. די טאָכטער איז זייער אַן אינטערעסאַנטע...

„מוטער! איך מוז דיר זאָגן, אַז איך בין אין איר פאַרליבט. אויך זי, ווי איך פאַרשטיי, איז צו מיר ניט גלייכגילטיק!..."

„שלום! לאָד זי איין, אויב זי וועט אָננעמען דיין איינלאַדונג, וועסטו דאַן וויסן, אַז זי איז אויך פאַראינטערעסירט."

אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן.

איינמאָל איז געקומען שלום צו ברוכן, גראָד איז ער אין דער היים ניט געווען. זיסעלע איז געזעסן אין סאַלאָן און געלייענט אַ בוך. שלום, באַגריסנדיק זיך מיט פרוי פריד, פרעגט ער:

„איז ברוך אין דער היים?"

„ער דאַרף באַלד קומען. אויב איר ווילט אונטערוואַרטן, ביטע גייט אַריין אין סאַלאָן, דאָרט איז פריילין פינקעלשטיין (זיסעלע), וועט אייך ניט זיין לאַנגווייליק."

שלום איז מיט צופרידנהייט אַריין אין סאַלאָן, באַגריסנדיק זיך פריינט־לעך מיט פריילין פינקעלשטיין און ביי דער געלעגנהייט, האָט ער איר איינגעלאַדן קומען צו זיי מיט אַ באַזוך, וואָס זי האָט זיין איינלאַדונג גערן אָנגענומען.

ווען ברוך איז אין שטוב אַריינגעקומען, האָט אים די מוטער געזאָגט, אַז שלום וואַרט אויף אים אין סאַלאָן. ער איז אַהין אריין, און דערזעענדיק אים מיט זיסעלען, האָט ער באַקומען אַ פאַרדאַכט, אַז שלום איז אין איר פאַראינטערעסירט... דאָך האָט ברוך ניט אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנ־קייט.

„וווּ ביסטו געווען, ברוך?" — האָט געפרעגט שלום.

„איך האָב געקויפט בילעטן אויף אַ קאָנצערט אויף מאָרגן."

„פאַר מיר אויך?" — האָט געפרעגט שלום.

„וואָס הייסט? געוויס!..." — האָט געענטפערט ברוך.

שלום איז געקומען צו דער באַשטימטער צייט. זיסעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיין וויזיט־קלייד און אין אַ מאָדערנער פריזור. אויף איר אַלבאַסטער האַלדז האָט זי געטראָגן אַ מעדאַליאָן, אויערינגלעך, געפּאַסט מיט ברילִיאַנטן, אַן אָרם־באַנד, אַ פינגערל מיט אַ רובין־שטיין. איר שיינע, שלאַנקע געטאָקטע פיגור, מיט אירע שוואַרצע, גרויסע אויגן, מיט איר ראָזע פּאַרב־אויף די באַקן, וואָס האָבן געבליט, ווי אַ ראָזע אין פרילינג, מיט אירע שיינע ראָזע פוכיקע ליפּן, מיט איר מויל ציין, וואָס האָבן געבלאַנקט, ווי פּערל און מיט איר אַריסטאָקראַטישן אויסזען, האָט זי אויף אַלע אָנוועזנדע אין פילהאַרמאָניע, געמאַכט אַן אויסער־געוויינלעכן גוטן איינדרוק.

אין דער לאָזשע, ווו זיי זיינען געזעסן, האָט זיך אויך געפונען אַ פערטער אינטערעסאַנטער יונגער מאַן, וועלכער האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן זיינע סימפּאַטישע בליקן צו זיסעלען. דאַקעגן האָט זי אויף אים ניט געלייגט קיין אַכט. דער פאַל האָט ביי זיי אַרויסגערופן צו איר נאָך מער סימפּאַטיע... אַנאַליזירנדיק איר גלייכגילטיקייט צו דעם יונגן שיינעם מאַן, וואָס אַ צווייטע וואָלט זיך פאַראינטערעסירט, האָבן זיי איינגעזען, אַז זיסעלע באַזיצט אַ פעסטן כאַראַקטער מיט אַ געזעצטן שכל. מיט אַזאַ פריילין קאָן מען מאַכן שריט אין לעבן!...

אויך ברוך האָט גערעכנט דאָס זעלבע. ברוך, באַמערקנדיק שלומס ניט גלייכגילטיקייט צו זיסעלען, האָט דאָס ביי אים אַרויסגערופן אייפער און פאַרדרוס, ווייל גלייכצייטיק האָט ער באַמערקט, אַז אויך זיסעלע איז צו אים ניט גלייכגילטיק. טראַכט ער: מען דאַרף זיך באַהערשן און ניט אַרויסווייזן פאַרדרוס. אין מאָמענט פון פאַרדרוס דענקט ער: ס׳וואָלט גוט געווען, ווען מען מאַכט איצט אַ פּאַוזע, וואָלט איך געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצוגיין, כדי זיך עטוואָס באַרואיקן און פּלוצים דערהערט ער דעם פּאַוזע־סיגנאַל, בעט ער אַנטשולדיקונג און איז אַרויס אין וואַרטע־זאַל. און אַזוי אַרומגייענדיק הין און צוריק, האָט ער זיך עטוואָס באַרואיקט. באַטראַכט ער און קויפט אַ באָנבאָניערע, זיי צו איבערצייגן, אַז ער איז אַוועק אין בופעט...

אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט, האָט שלום געהאַט די גע־לעגנהייט איינצולאַדן פריילין פינקעלשטיין, באַטאָנענדיק, אַז זיין מוטער איז פאַראינטערעסירט מיט איר זיך באַקענען. זי האָט זיין איינלאַדונג גערן אָנגענומען. אין דעם מאָמענט האָט זיך די פּאַוזע געענדיקט און ברוך איז אַריינגעקומען מיט אַ באָנבאָניערע אין דער האַנט, אויפ־

מאַכנדיק זי, האָט ער זיי מכבד געווען, פאַר וואָס זיי האָבן אים באַדאַנקט.

נאָכן קאָנצערט, אהיימגייענדיק, לייגט פאָר שלום:

„איך וויל דיר מיט דיין קוזינע איינלאַדן צו אונדז אויף אַ וויזיט מאָרגן 7 אָוונט. איך גלויב, אַז דו, ווי אויך דיין קוזינע וועלן ניט זיין דאַקעגן מיין איינלאַדונג."

ברוך איז ניט געווען אַזוי צופרידן פון זיין איינלאַדונג, ווייל אינ־סטינקטיוו האָט ער געפילט, אַז זיי זיינען איינע צו די צווייטע ניט גלייכגילטיק, טראַכט ער: ס'פּאַסט דאָך ניט אַרויסצוווייזן דעם פאַרדאַכט!... און גלייכצייטיק אַ פרעג געגעבן זיסעלען:

„אויב דו ביזט איינשטימיק, וועלן מיר קומען..."

זיסעלע, ניט וועלנדיק אַרויסווייזן איר צופרידנהייט, ענטפערט:

„ברוך! אויב דו ביזט דערפאַר ,וועל איך ניט זיין דאַקעגן!.."

זיי האָבן אים פאַר דער איינלאַדונג באַדאַנקט און פאַרשפּראָכן צו קומען צו דער באַשטימטער צייט.

שלום, אַהיימקומענדיק, דערציילט ער זיין מוטער וועגן דער איינ־לאַדונג. ענטפערט זי:

„דו ווייסט, מיין זון, אַז פון דיין דערציילונג געפעלט זי מיר. זי מוז זיין אַ קלוגע פריילין! פון וואַנען שטאַמט זי? און ווי הייסט זי?"

„פון וואַנען זי שטאַמט, מוטער, ווייס איך ניט. איר נאָמען איז זיסעלע פינקעלשטיין."

הערנדיק דעם נאָמען זיסעלע האָט אויף זיין מוטער קיין איינדרוק ניט געמאַכט, דאַקעגן, דערהערנדיק איר פאַמיליען־נאָמען, האָט איר אַ ריס געטאָן אין האַרץ!... דאָך טראַכט זי: פינקעלשטיינס איז דאָ פיל!... אָבער אַ חשד האָט זי געהאַט. טראַכט זי, ווען זי וועט קומען, וועט זי מיט איר רעדן. די מוטער האָט צוגעגרייט אַ שיינעם כיבוד לכבוד זייער קומען. ווען די געסט זיינען געקומען האָט די מוטער זיי פריינטלעך אויפ־גענומען. די מוטער באַטראַכטנדיק זיסעלען, דענקט: די פריילין איז זייער ענלעך צו זלמנען!... דאָך האָט זי זיך ניט געגלויבט, אַז אַזאַ זאַך זאָל געשען!...

אַזוי איז פאַרביי זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט.

ווען זיי זיינען אַוועק, פרעגט שלום זיין מוטער, ווי איז זי איר געפעלן? די מוטער האָט אים געענטפערט, אַז די פריילין זעט אויס צו זיין אַן איידעלע, סימפּאַטישע און קלוגע.

די מוטער האָט איר זון געבעטן, ער זאָל געוואויר ווערן דעם נאָמען

פון איר פּאָטער, וואָס שלום האָט זיין מוטער פאַרשפּראָכן דערפילן איר ווונטש. אין אייניקע טעג אַרום, האָט זיך שלום רעוואַנזשירט, איינלאַדנ־דיק ברוכן מיט זיסעלען אין טעאַטער. און אַזוי זיצנדיק און פאַרברענגענ־דיק אין טעאַטער, טוט ער איר אַ פרעג:

„פריילין פינקעלשטיין, ווי איז אייער פּאָטערס געערטער נאָמען?"

„זלמן". — האָט זי געענטפערט.

שלום, ניט וויסנדיק, וואָס דער נאָמען באַדייט פאַר זיין מוטער, האָט, אַהיימקומענדיק פון טעאַטער, געזאָגט:

„מוטער! דו ווילסט וויסן, ווי איר פּאָטערס נאָמען איז? זיין נאָמען איז: זלמן"...

איר האָט אַ ריס געטאָן אין האַרצן, אַז ער האָט באַמערקט איר איבערלעבונג, פרעגט ער:

„מוטער! איך זע, אַז איר פּאָטערס נאָמען האָט געמאַכט אויף דיר אַן איבעראַשונג... וואָס באַדייט עס?"

„זון מיינער! ס'איז וועגן דעם פיל צו רעדן, אָדער מען דאַרף ניט, אָדער ס'לוינט ניט... איך האָב צו דיר אַ ביטע: לאָז איר איין. איך וויל זיך מיט איר נעענטער באַקענען!..."

„דיין ביטע, מוטער, וועל איך דערפילן. איך מוז דיר אָבער זאָגן, אַז די פריילין געפעלט מיר זייער! איך קען זיך ניט באַהערשן. וויפל פריילינס, סטודענטינס, איך האָב געהאַט באַקאַנט, האָט קיינע אויף מיר ניט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אין האַרצן, ווי די פריילין פינקעלשטיין! איך בין פשוט אין איר אַזוי פאַרליבט, אַז איך שלאָף ניט קיין נעכט!..."

אין אייניקע טעג אַרום איז שלום געקומען צו ברוכן, כדי זיך צו טרעפן מיט זיסעלען. זי איז שטאַרק צופרידן געווען מיט זיין קומען, ווייל זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך אים.

ווען שלום איז אַריינגעקומען, האָט ברוך אַ זאָג געטאָן:

„אַ גאַסט, אַ גאַסט!"

גלייכצייטיק, קוקט ער אויף זיסעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט געמאַכט אויף איר זיין קומען? זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ברוך האָט אַ חשד, אַז זי איז ניט גלייכגילטיק צו שלומען. ניט קאָנענדיק זיך באַ־הערשן, האָט זיסעלע זיך צעשמייכלט...

פון איר צופרידענעם פנים, איז ברוך געוואָרן אומצופרידן מיט שלומס קומען. טראַכט ער: איך וועל אים געבן אָנצוהערן, אַז זיין קומען איז ניט געוווּנטשן. און אַזוי זיצנדיק און פאַרברענגענדיק, בעט ברוך ביי

שלומען אַנטשולדיקונג, ווייל זיי זיינען איינגעלאַדן אויף אַ וויזיט 7 אָוונט.

שלום האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין קומען איז ניט געוווּנטשן, ענט־פערט ער:

„מאַכט ניט! כ׳בין גראָד פאַרבייגעגאַנגען, בין איך אַריינגעקומען.״

זיסעלע, דערהערנדיק עס, האָט איר אויך פאַרדראָסן. אַזאַ אומ־קאָרעקטע אָנדייטונג!... זי האָט געוואָלט ברוכן באַמערקן, אַז מען קומט אומגעבעטן, גייט מען אַוועק ניט געטריבן!... האָט זי באַטראַכט, אַז גלייכער איז צו שווייגן. סוף־סוף, טראַכט זי, וועט זי האָבן אַ געלעגנהייט מיט אים זיך טרעפן.

אַזוי איז אַריבער אַ צייט. שלום האָט זיך באַליידיקט און ניט גע־קומען. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זיסעלען. האָט ער צוגעטראַכט אַ פּלאַן, אַז ער וועט פאַרבייגיין זייער הויז, מעגלעך ער וועט זי טרעפן. פּלוצים האָט זי אים דערזען דורכן פענצטער, איז זי צו אים אַרויס, זייענדיק צופרידן, וואָס קיינער פון שטוב האָט איר ניט באַמערקט. ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט ער איר פאָרגעלייגט, אויב זי איז איינ־שטימיק צופאָרן צו זיי? זיסעלע האָט איינגעשטימט. ער האָט גענומען אַ דראָזשקע און צוגעפאָרן מיט איר אַהיים.

די מוטער, דערזעענדיק זיי, איז געווען זייער צופרידן. זי האָט זיי אַריינגעבעטן אין סאַלאָן, ווו זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַדורכצורעדן זיך פאַר דער גאַנצער צייט... די מוטער האָט זיי אַריינגעבעטן אין עס־צימער צום סערווירטן טיש, ביי וועלכן זיי האָבן געגעסן מיטאָג. אַזוי רעדנדיק, האָט אסתר געהאַט די געלעגנהייט איר פרעגן פון וואַנען זי איז? און ווער זיינען אירע עלטערן?

זיסעלע האָט איר געענטפערט, אַז זיי זיינען פון שטאָט מ. איר פאָטער הייסט זלמן פינקעלשטיין אַ וויין־סוחר און די מוטער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן. געקומען זיינען זיי צו אַ טאַנטע, עטוואָס זיך באַרואיקן.

דאָס דערהערנדיק, איז אסתר בלאַס געוואָרן און איר האַרץ האָט אָנגעפאַנגען שוואַך צו קלאַפּן. דער זון האָט זיך פאַר איר צושטאַנד דערשראָקן, ניט ווויסנדיק, וואָס האָט מיט דער מוטער פּאַסירט?

ער האָט אָנגענומען די געהעריקע מיטלען און געבראַכט איר צום באַוווּסטזיין. ער טראַכט: וואָס איז אַזוינס מיט דער מוטער פּלוצים געשען? אסתר ווידער, באַמערקנדיק איר זונס איבערלעבונג טראַכט:

זון מײנער, קאָנסטו דען דײן מוטער פאַרשטײן, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אין איר האַרץ?!... און זיסעלע טראַכט: אפשר איז בײ זײן מוטער אַ שוואַך האַרץ, אַז זי קאָן ניט פאַרנעמען, וואָס איך האָב איר דערצײלט? עס טוט איר לײד. זי בעט אַנטשולדיקונג בײ פרוי גאָלדשמידט (אסתר).

ווען אסתר איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך געווענדעט צו זיסעלען מיט פאָלגנדער ביטע:

„פרײלין פינקעלשטײן! איך האָב צו אײך אַ ביטע, איר זאָלט איבערגעבן אײער פאָטער, אַז איך לאַד אים אײן, ווײל ער איז פון מײן שטאָט".

זיסעלע טראַכט: עפּעס איז די זאַך ניט פשוט. פאַרוואָס איז איר אַזוי שלעכט געוואָרן, ווען איר איז באַוווּסט געוואָרן, אַז מײן פאָטער הײסט זלמן און ער איז אַן אלמן געוואָרן!...

און שלום טראַכט דאָס זעלבע. פרעגן דער מוטער אין אַנוועזנהײט פון זיסעלען פּאַסט ניט...

ווען ער האָט זי באַגלײט, טראַכט ער ווידער וועגן זײן מוטער: פרעגן? מעגלעך, אַז זי וועט מיר ניט פאַרטרויען. ווי איך פאַרשטײ, איז עס אַן איבערלעבונג פון דער יוגנט!...

ווען זיסעלע איז אַהײמגעקומען, איז איר טאַנטע אין דער הײם ניט געווען. פרעגט איר דער פאָטער:

„זיסעלע! ווו ביזטו געווען? מיר האָבן דיר געוואַרט אויף מיטאָג."

„איך בין אַרויס אין גאַס, האָב איך געטראָפן ברוכס חבר און אַזוי רעדנדיק, האָט ער מיך פאַרבעטן אַרײנגײן צו זײ".

אין דעם מאָמענט קומט אָן די טאַנטע און רופט זיסעלען גײן עסן. זי האָט זיך געזעצט עסן, אָבער זי האָט שוואַך געגעסן. די טאַנטע פרעגט איר:

„פאַרוואָס עסטו אַזוי שלעכט?"

„איך האָב הײנט ניט קײן אַפּעטיט." — האָט זיסעלע געענטפערט.

אירע געדאַנקען שוועבן: ווער איז די פרוי? און וואָס האָט איר אַזוי שטאַרק אינטערעסירט דער פאָטער?...

נאָכן עסן איז זי אַרײן צום פאָטער אין צימער, זאָגנדיק:

„פאָטער! איך האָב דיר וואָס צו דערצײלן. איך גלויב, אַז דיר וועט עס אויך פאַראינטערעסירן. דעם בחור שלומען קאָנסטו דאָך? ער איז אַ דאָקטאָר, געענדיקט מיט אַן אויסצײכענונג. ער איז שײן, קלוג, אינטעליגענט. ווי איך פאַרשטײ, איז ער שטאַרק פאַראינטערעסירט

אין מיר. אויך איך בין צו אים ניט גלייכגילטיק, איז ברוך געוואָרן אייפערזיכטיק. ער האָט אים אויפן פשוטן אופן געלאָזט הערן, אַז זיין קומען צו אים איז איבעריק, איז ער אַ לענגערע צייט ניט געקומען.

היינט, זיצנדיק ביים פענצטער און אַרויסקוקנדיק, האָב איך אים דערזען, אַז ער וואַרט מיך אָפּ. בין איך אַרויס צו אים. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיי אַהיים. זיין מוטער, אַ שיינע, סימפּאַטישע, פריינט־לעכע פרוי, האָט מיך גערן אויפגענומען. און אַזוי זיצנדיק, פאַרברענ־גענדיק ביי אַ קאַפע, האָט זי מיר געפרעגט אייניקע פראַגן, אויף וועלכע איך האָב איר געענטפערט, אַז מיין פאָטערס נאָמען איז זלמן פינקעל־שטיין. ער האָט אַ וויין־געשעפט אין מ. די מוטער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן, זיינען מיר געקומען צום פאָטערס אַ שוועסטער, כדי אונדזערע שטאַרקע איבערלעבונגען עטוואָס פאַרלייכטערן.

ווען די פרוי האָט אַלץ אויסגעהערט, איז איר שלעכט געוואָרן און פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין!... דער זון האָט איר צום באַוווסטזיין גע־בראַכט. זי האָט מיר געבעטן, אויב מעגלעך, זאָלסטו איר באַזוכן...״

זלמן אויסהערנדיק זיסעלען, איז אים אַדורך אַ שוידער. ער האָט געוואָלט אויסמיידן, אַז זיין זיסעלע זאָל עס ניט באַמערקן. זאָגט ער:

„מיין קינד! דאָס לעבן שאַפט פאַרשידענע סענסאַציעס... גיב מיר איר אַדרעס, ווען איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט, וועל איך איר באַזוכן...״

זיסעלע האָט עס זייער באַוווּנדערט, הערנדיק פון פאָטער דאָס וואָרט „סענסאַציעס״ און בעטנדיק איר אַדרעס.

שלום מיט זיסעלען פלעגן זיך אָפט טרעפן ביי זיין מוטער. איין מאָל זאָגט זיסעלע:

„פאָטער! פאַרוואָס באַזוכסטו ניט אַמאָל זיין מוטער? זי איז אויך אַן איינזאַמע פרוי און זייער אַן אינטערעסאַנטע און קלוגע. דו קאָנסט דאָך מיט איר שליסן באַקאַנטשאַפט. זי געפעלט מיר זייער. וואָס איז צו מאַכן? אונדזער מוטער וועט שוין לעבעדיק ניט ווערן!... אַלזאָ, פאָטער, ווען דענקסטו מאַכן אַ וויזיט?...״

זי טראַכט, אַז דאָס קאָן פאַרשטאַרקן אונדזער באַקאַנטשאַפט...

נאָך מיטאָג האָט זלמן אָנגעקלונגען צו אסתרן.

אין דער זעלבער צייט איז אסתר געזעסן פאַרטראַכט, דערמאָנענדיק זיך אין אירע יונגע יאָרן, ווען זי האָט זלמנען ס׳ערשטע מאָל דערזען. ווי גליקלעך איז זי דאַן געווען!... און פּלוצים קלינגט דער טעלעפאָן. מיט לאַנגזאַמע טריט איז זי צו צום טעלעפאָן און געהערט אַ שטים,

ווי די שטים וואָלט איר געווען באַקאַנט. זי טראַכט: ווער קאָן עס רעדן? ניט לאַנג יענער, זייטס איר אָזנדיק איר איבערטראַכטן, זאָגט ער:

„אסתר! דו דערקאָנסט ניט מיין שטים?... דאָס רעדט דיין געוועזענער באַקאַנטער ישיבה־בחור זלמן!..."

איר איז פון איבערראַשונג שלעכט געוואָרן און איר לשון פאַרלוירן. ער האָט פאַרשטאַנען איר ניט ענטפערן, קלינגט ער ווידער, זאָגנדיק:

„באַרואיק זיך, אסתר, ס'וועט נאָך אַלץ גוטס נאָכקומען!..."

אסתר, דערהערנדיק זיינע טרייסט־רייד, איז איר לייכטער געוואָרן און אים געענטפערט:

„זלמן! מיט פאַרגעניגן דערוואַרט איך דיר!..."

אָוונט־צייט איז זלמן געקומען צו אסתרן. זי האָט אים מיט גרויס פרייד אויפגענומען. אַזוי זיצנדיק און פאַרברענגענדיק מיט אים ביי אַ גלאָז קאַפע, דערציילט זי אים איר איבערלעבונג און גלייכצייטיק לייענט זי אים איבער אַ ליד, פון איר זעלבסט געשאַפן, אין משך פון די 25 יאָר אָפּוועזנהייט:

ז ל מ ן!

וועו דו ביסט צו אונדז אין הויז געקומען
מיט דיין איינציקן וואַרעם־ליבן בליק
האָסטו מיין האַרץ געוווּנען.

איך האָב נאָר וועגן דעם געטראַכט,
ווען דו האָסט צו מיר די געפילן, ווי איך צו דיר,
וואָלט עס געווען דער איינציקער גליק פאַר מיר!...

ליידער, מיין גליק איז שנעל פאַרשוווּנדן
אין מאָמענט פון מיין קומען,
האָב איך דיך, זלמנקע, אין שטוב מער ניט געפונען...

איך האָב תמיד געטראַכט פון דיר,
מיין בענקשאַפט איז געווען אָן אַ שיעור!...
מיין האַרץ איז מיט שמערצן איבערפולט געוואָרן,
איך האָב דעם ווילן צום לעבן פאַרלאָרן.

און ווען איך בין אַ כלה געוואָרן,
האָב איך די האָפענונג פאַרלאָרן.
אפרים האָט מיך קיין אַמעריקע געבראַכט,
ער האָט מיר אַ רייך לעבן „געמאַכט",

וואָס האָט מיר אויך קיין פאַרגעניגן פאַרשאַפט !...
איך האָב נאָר געטראַכט, צי וועט עס געשען,
אַז איך זאָל דיך אין לעבן נאָך אַמאָל זען ?...

אַדאַנק דעם גליקלעכן צופאַל, וואָס האָט פּאַסירט,
אַז מיין זון מיט דיין טאָכטער האָבן זיך פאַרליבט.
און ווען איך בין געוויר געוואָרן,

אַז דו ביסט אויך אַן אלמן געוואָרן,
האָב איך פון איבערראַשונג מיין באַוווסטזיין פאַרלאָרן...
25 יאָר איז פאַרלאָפן,

ביז מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן.
היינט איז אונדזער ליבע אויפגעלעבט געוואָרן
אַ שאָד ! די בעסטע יאָרן האָבן מיר פאַרלאָרן !...

זלמן, אויסהערנדיק איר ליד, האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, מיטפילנדיק איר פאַמיליענלעבן, וואָס זי האָט מיטגעמאַכט אין משך פון די 25 יאָר.

אסתר, באַטראַכטנדיק זיין פּנים, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער לעבט פיל איבער. טראַכט זי: גענוג האָבן מיר ביז היינט אַדורכגעמאַכט !... רייסט זי אים איבער די שווערע געדאַנקען און פרעגט:

„נו, זלמן ! ווי געפינסטו איין, פאַרווירקלעכט דאָס ליד פון מיין פאַר־גאַנגענהייט ?...״

„פון דיין ליד איז מיר אַלץ פאַרשטענדלעך. און איצט, טייערע, הער אויס מיין ליד, וועסטו זיך איבערצייגן, אַז מיר האָבן ביידע פאַרלוירן 25 יאָר לעבן...״

אסתר !

ליבע, ליבע איז אַ ליכטיקער שטראַל ;
אָן ליבע, איז דאָס לעבן פינצטער איבעראַל !...

איך בין נאָך גאַנץ יונג געווען,
ווען איך האָב דיך, אסתרל, דערזען.
מיין האַרץ און נשמה האָסטו באַהערשט,

ליידער, ליידער אונדזער אָרעמקייט האָט געשטערט
אויך לאה האָט מיר פאַרווערט...
רעפריין: ליבע, ליבע...

און ווען מיר איז באַוווסט געוואָרן,
אַז דו, מיין טייערע, ביסט אַ כלה געוואָרן,
איז מיין האַרץ מיר צעבראָכן געוואָרן,
האָב איך געמיינט, אַז כ׳האָב דיך אויף אייביק פאַרלאָרן!...
רעפריין: ליבע, ליבע...
ווען מיר איז באַוווסט געוואָרן,
אַז דו, מיין טייערע, ביסט קיין אַמעריקע געפאָרן,
איז מיר אויפן האַרץ פינצטער געוואָרן,
ווייל כ׳האָב דיך פון האָריזאָנט אויך פאַרלאָרן!...
רעפריין: ליבע, ליבע...
ס׳איינציקע פאַרגעניגן איז ביי מיר געווען,
ווען איך פלעג דיך, טייערע, אַמאָל אין חלום זען,
ליידער, איז דער חלום שנעל פאַרשוווּנדן
און אין לעבן אונדז ניט פאַרבונדן!...
רעפריין: ליבע, ליבע...
מיין האַרץ איז תמיד איינזאַם געווען;
כ׳האָב געטראַכט: צי וועל איך, אסתרל, דיך נאָך זען?
דער גליקלעכער שיקזאַל האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט
און איצט וועט אונדזער ליבע אייביק זיין געאַכט!...
ליבע, ליבע איז אַ ליכטיקער שטראַל;
אָן ליבע, איז דאָס לעבן פינצטער איבעראַל!...

ווען זלמן האָט פאַרענדיקט פאַרלעזן זיין ליד, האָט זיך אסתר דער־ווּוסט, אַז ער האָט ניט ווייניקער איבערגעלעבט פון איר!... ראָט זי אים פאָלגנדעס:

„זלמן! איך בעט דיך, אַז מיר זאָלן פאַרענדיקן אונדזערע „ערינע־רונגען" פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל ס׳מאַכט אונדז איבערלעבונגען!... אַלזאָ, זלמן, פאַראויס שטייען פאַר גאַנץ וויכטיקע פּראָבלעמען סיי פאַר אונדזערע קינדער, ווי אויך פאַר אונדז."

זלמן, אויסהערנדיק אסתרן, האָט באַטראַכט, אַז זי האָט רעכט.

אסתר האָט פאַראָרדנט דער שטוב־מיידל מאַכן אָוונט־ברויט. זי האָט סערווירט דעם טיש מיט קאָנסערוון, אייער, פּוטער, קאַפע, ווי אויך ווײַן לכבוד זייערע גליקלעכע באַשלוסן. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען „לחיים", געמיטלעך פאַרבראַכט ביז שפּעט אין אָוונט.

שלום מיט זיסעלען זיינען אַנגעקומען פון טעאַטער. זיי האָבן זיך פריינדלעך באַגריסט מיט זיי און מיטגעהאָלפן עסן אָוונט־ברויט. רופט זיך אָן זלמן:

„קינדער, מאַכט „לחיים" לכבוד אייער גליקלעכן צוקונפט, וואָס אייער מוטער, ווי אויך דיין פאָטער האָבן אין אַ מזלדיקער שעה באַשלאָסן!..."

זיי האָבן מיט צופרידנהייט אָנגענומען דעם „באַשלוס", דאַנקענדיק און דערביי זיך האַרציק צעקושט...

אַזוי זיצנדיק, פאַרברענגענדיק אין אַ היימלעכער שטימונג און אַרומרעדנדיק וועגן טעאַטער און קונסט ביז 2 ביינאַכט, גיט זלמן אַ קוק אויפן זייגער, זאָגנדיק: ס'איז ציים אַהיימצופאָרן.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אסתרן, דאַנקענדיק איר פאַר דער שיינער אויפנאַמע און זלמן האָט פאַרשפּראָכן צו קומען מאָרגן אין דער זעלבער צייט. שלום האָט אַרויסבאַגלייט זיסעלען מיטן פאָטער און אָפּגעפירט זיי אַהיים און שלום האָט זיך אַ צופרידענער צוריקגעקערט אַהיים. ווען זלמן מיט זיסעלען זיינען אַהיימגעקומען, זיינען זיי שלאָפן געגאַנגען, אָבער זלמנען האָט זיך ניט געשלאָפן.

ער טראַכט וועגן דער באַגעגעניש מיט אסתרן, זאָגנדיק צו זיך: די געשיכטע קומט מיר פאָר מיסטעריעז!... ווען איך האָב זיך דערוווּסט פון זיסעלען וועגן אסתרן, האָב איך באַטראַכט, אַז ס'איז ניט אַנדערש, ווי אַ „געטלעכקייט", כדי מיר זאָלן זיך טרעפן!... ווייל איך האָב אין אַלע מיינע יאָרן נאָר וועגן אסתרן געטראַכט, איז וואָרשיינלעך מיינע געדאַנקען צו איר איבערגעגעבן געוואָרן און אירע געדאַנקען זיינען אין די מאָמענטן מיט מיינע פאַרבונדן געוואָרן!... און ס'האָט ממשיך געווען, אַז פריער צי שפּעטער זאָלן מיר זיך צוזאַמענקומען... און די קינדער זאָלן אַ זווג ווערן!. וואָס באַשערט קאָן קיינמאָל פון מענטשן ניט ווערן פאַרוואָרט!...

ער איז געווען איבערגליקלעך, אַז ער וועט זיין לעבן מיט אסתרן פאַרבינדן און די קינדער זאָלן גליקלעך לעבן, ווי אויך פון זיי נחת דערלעבן!... אַזוי, ווי ער איז פאַרטראַכט, כאַפּט זיך זיסעלע אויף פון שלאָף און באַמערקט, אַז דער פאָטער שלאָפט ניט. אויף זיסעלעס פראַגע פאַרוואָס ער שלאָפט ניט, ענטפערט דער פאָטער:

„זיסעלע, דו געדענקסט, ווי איך האָב דיר געהאָט געזאָגט, אַז דאָס לעבן שאַפט אָפט מאָל סענסאַציעס. אַלזאָ, דו ביסט ב"ה אַ דערוואַקסענע, איך קאָן זיך שוין מיט דיר טיילן וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט. ווען איך

בין יונג געווען, זייענדיק אַן אָרעמער יתום און די פרוי אסתר איז אויך אַן אָרעמע פריילין געווען. די אָרעמקייט האָט אונדזער ליבע צעשטערט, ווי אויך מיין שוועסטער, דיין מומע לאה, האָט מיך אויך ניט געראָטן... אַלזאָ, איך בין פאר אייער מוטער אַ חתן געוואָרן. איך האָב רייך געלעבט, אָבער ס'האָט מיך ניט באַפרידיקט און תמיד וועגן אסתרן געטראַכט. מיין לעבן איז מיר נמאס געוואָרן. אַזוי האָב איך מיינע יונגע יאָרן אָפּגעלעבט, ביז איך בין אַן אלמן געוואָרן. איר זון האָט זיך מיט דיר באַקאַנט און אונדז צוזאַמענגעבראַכט. פאַרשטייסטו, זיסעלע, וואָס דאָס לעבן קאָן שאַפן?... נו, איז עס ניט אַ סענסאַציע?..."

„פאָטער, צי ווייסט פון דעם די מומע עווא?"

„ניין! ווי געפינסטו איין, זיסעלע, זאָל איך איר דערציילן?"

„פאָטער, פאַרוואָס מיינסטו, אַז עס פאַסט ניט? ס'איז דאָך אַ גרויסע סענסאַציע! ממש אַ דראַמע, וואָס מען קאָן נאָר אין אַ ראָמאַן געפינען. דו האָסט קיין פאַרברעכנס געמאַכט. אַזוי האַלט איך, ווי אויך שרייב אַן דער מומע לאה מיטן אָנקל וועגן דעם. וואָס געווען איז אַוועק אין דער אייביקייט! דו ביסט נאָך, פאָטער, פול מיט לעבן און דו דאַרפסט לעבן, לויט, ווי איך פאַרשטיי, האָסטו נאָך פון לעבן ניט געגאַסן! פאַרשטעענדיק זיך מיט דיינע אַמאָליקע ליבע־געפילן, וואָס דו טוסט נאָך היינט פילן!... ווי זאָגט זיך: אַלטע ליבע ראָסט ניט... און זי האָט נאָך היינט צו דיר די זעלבע געפילן. ווען דו, פאָטער, וואָלסט בייגעווען דעם פאַל, ווען זי, דערהערנדיק, אַז איך בין דיין טאָכטער און איר איז באַוווסט געוואָרן דיין „לאַגע", איז איר שלעכט געוואָרן און דעם באַוווסטזיין פאַרלוירן!... איז מיין עצה: ניט טראַכטן, פאַרשאַפן דאָס, וואָס איר האָט אין די יונגע יאָרן פאַרלוירן!... און איצט, פאָטער, וועגן שלומען, וואָס איר האָט באַשלאָסן, בין איך זייער צופרידן. ווי דו זעסט, איז ער אַ מענטש מיט אַלע מעלות. מיט אַזאַ מאַן איז אַ גליק אין לעבן!"

דער פאָטער, אויסהערנדיק זיסעלען, זאָגט:

„מיין טאָכטער, דו ביסט יונג, אָבער פאַרשטייסט דאָס לעבן. צוערשט וועלן מיר אייך חתונה מאַכן, נאָכער וועלן מיר אונדז לעבן איינאָרדענען. פאָרלויפיק רעד ניט מיט קיינעם וועגן דעם. מיר וועלן פאָרן אַהיים ליק־ווידירן דאָס געשעפט מיט דער הויז. דיין מומע לאה מיטן אָנקל דאַרפן פאָרלויפיק וועגן דעם ניט וויסן."

„פאָטער, ווי דו פאַרשטייסט, אַזוי טו. אסתרן דאַרפסטו אָפּן דער־קלערן, כדי זי זאָל זיך בעסער פילן. אַלזאָ, פאָטער, פיל פאַרברענגען דאָ

דאַרפסטו ניט. איך וויל דאָ פאַרבלייבן, אויב דו געפינסט איין, אַז ס'איז פּאַסנד."

„ניין, זיסעלע! מיר פאָרן צוריק, כדי די מומע און אָנקל זאָלן ניט האָבן קיין חשד, אַז דו ביסט פאַראינטערעסירט אין שלומען און, קומענ־דיק צוריק, וועלן זיי במילא זיך דערוויסן. שלאָף רואיק, זיסעלע, אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג."

זי האָט זיך באַרואיקט און איינגעשלאָפן. טראַכט ער: אַ מאָדנע וועלט! איינער פירט אַריין אין צרות, קומט אַ צווייטער און פירט אַרויס פון די צרות!... טראַכט ער: היינט האָט זיך פאַרענדיקט זיין האַרץ־ווייטיק און האַרצוואָנדערונג. פון פרייד האָבן זיך ביי אים צעשפּילט פייערלעך אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי ביי אַ יוגנטלעכן. און אַזוי, ליגנדיק, איז ער מיט האַרציקער באַגייסטערונג איינגעשלאָפן.

אויך אסתּר האָט די נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן. זי האָט באַמערקט, ווען זיי זיינען געזעסן ביים טיש, אַז שלום פאַרשטייט דער מוטערס פאַרגאַנגענהייט. זי טראַכט צי קאָן ער ווי געהעריק באַגרייפן אירע איבערלעבונגען, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט אין איר יוגנט?... אָבער שלומס האַרץ איז מיט זיסעלען פאַרנומען, וואָס שטרעבט גרינדן אַן אידעאַל לעבן... נו, טראַכט זי: אַדאַנק גאָט, וואָס ער האָט דערגרייכט אַזאַ באַשיידענע לעבנס־באַגלייטערין! זאָל זיי גאָט העלפן זיי זאָלן זיין גליק־לעך!. ס'איז דאָך געווען מיין איינציקע בקשה צו גאָט, אַז מיין זון זאָל ניט ליידן אַזעלכע איבערלעבונגען, ווי זיין מוטער!...

שנעל בליצט אויף אין אירע געדאַנקען די אַמאָליקע געפילן צו זלמנען, און דערמאָנענדיק זיך אין יענע מאָמענטן, ווען זי האָט אים דערזען און געזוכט אַ וועג אים צו דערגרייכן און ליידער ניט דערגרייכט, דאַקעגן, היינט, אַדאַנק דעם גליקלעכן צופאַל, האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע אירע שווערע האַרצווייטאָקן, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט אין משך פונעם האַלבן לעבן!... אויך איז כדאַי צו באַמערקן, אַז דער צופאַל איז גלייכ־צייטיק אַ גרויסער געווינס פאַר איר זון שלום!...

און, זייענדיק טיף באַהערשט און באַגייסטערט מיט אירע געדאַנקען, זאָגט זי צו זיך: אויס חלומות! ס'איז פאַרווירקלעכט געוואָרן מיין ווונטש!... זי האָט זיך באַרואיקט און איינגעשלאָפן.

אויך שלום איז אין דער זעלבער נאַכט ניט געשלאָפן, טראַכטנדיק: זיסעלע איז אַ צוגערייזטע און אַ שיינהייט, וואָס קאָן פיל יונגע לייט געפעלן. פאַקטיש איז זי ניט מער, ווי אַ גוטע פריינדינע. טראַכט ער,

ווען די מוטער וועט אויפשטיין, וועט ער מיט איר מאַכן אַ געשפּרעך.ביים פרישטיק־עסן באַמערקט די מוטער זיין אומרואיק פּנים, טראַכט זי מיט פאַרוווּנדערונג, וואָס איז מיט אים געשען? ניט לאַנגדיק איר לאַנג טראַכטן, זאָגט ער:

„מוטער, כ׳האָב צו דיר אַ ביטע, אַז דו זאָלסט רעדן מיט זיסעלעס פאָטער, ער זאָל צושטימען מאַכן אַ קנין (אַ יאָ־וואָרט). איך גלויב, מוטער, אַז דו פאַרשטייסט דיין זונס האַרץ.״

„יאָ, זון מיינער, ס׳איז אַ ריכטיקער געדאַנק. כ׳וועל עס מאַכן.״

דער מוטערס ענטפער האָט באַרואיקט זיין האַרץ.

אויף צומאָרגנס זיינען זיי געקומען צו דער באַשטימטער צייט.

אסתר האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס צופרידנהייט. אסתר האָט פאַראָרדנט דער שטוב־מיידל מאַכן אַ קאַפע און דערלאַנגט אַ כּיבוד.

און אַזוי, זיצנדיק, פאַרברענגענדיק, איז אָנגעקומען שלום, באַגריסנדיק זיך מיט זיי זייער פריינדלעך.

„אסתר, איך מוז דיך מיט שלומען באַקאַנט מאַכן, אַז מיר פאָרן נאָך מ. צו ליקווידירן דאָס געשעפט מיט דעם הויז. צוריקקומענדיק קיין אַמעריקע, וועלן מיר צוערשט אונדזערע קינדער חתונה מאַכן און שפּעטער וועלן מיר שטעלן אַ חופּה. ווען מיר וועלן אָפּפאָרן, זאָלט איר אונדז ניט אַרויסבאַגלייטן.״

אסתר מיט שלומען האָבן צוגעשטימט...

„זלמן, איך וואָלט פאָרגעלייגט, אַז פאַר אייער אָפּפאָר זאָל מען מאַכן אַ קנין, ווי ס׳פירט זיך. זאָלן זייערע הערצער זיין רואיקער!...

זלמן האָט צוגעשטימט. אסתר האָט סערווירט דעם טיש מיט וויין, טאָרט מיט פאַרשיידענע דעליקאַטעסן. שלום מיט זיסעלען, זלמן מיט אסתרן האָבן זיך געזעצט אַרום סערווירטן טיש און זלמן האָט זיי מקבל־קנין געווען. נאָכן „קנין״ האָט מען זיך קעגנזייטיק גראַטולירט מיט אַ „מזל־טוב״ און אָפּיציעל געוואָרן חתן־כּלה. זיי האָבן זיך האַרציק צעקושט. אסתר האָט אָנגעגאָסן די זילבערנע באַקאָלן מיט וויין, פון וועלכע זיי האָבן געטרונקען „לחיים״ לכבוד חתן־כּלה...

שלום מיט זיסעלען האָבן זיך געפילט פון די גליקלעכסטע!...

אויך זלמן מיט אסתרן — דאָס זעלבע...

נאָכן פאַרברענגען אַ געוויסע צייט, האָט זיך זלמן מיט אסתרן און זיסעלע מיט שלומען האַרציק געזעגנט, באַמערקנדיק, אַז די טעג פאָרן זיי אָפּ און פון וועג וועלן זיי שרייבן.

אויף צומאָרגנס האָבן זיי זיך גענומען פּאַקן. פרעגט עווא:
„זלמן, וואָס איז געשען, וואָס איר קלייבט זיך אַזוי שנעל אַוועקפאָרן? צי דען איז אונדזער אויפנאַמע אייך ניט איינגענעם?"

אין האַרץ טראַכט זי גאַנץ אַנדערש: זיסעלען געפעלט ניט ברוך. צווינגען — טויג ניט! ס'איז בעסער ס'זאָל גיין, ווי עס גייט!...

ברוך האָט פאַרטרויט זיין מוטער, אַז זיסעלע געפעלט אים.

„ברוך, אויב זי פאָרט צוריק, הייסט עס, אַז דו געפעלסט איר ניט. ווייסט, מיין זון, אַז אַ געגייטע זאַך איז קיין גליק! דו וועסט זיך צופּאַסן, וואָס איר וועט זיין געפעלן איינע די צווייטע."

מיט דער מוטערס דערקלערונג, האָט זיך ברוך עטוואָס באַרואיקט...

ס'איז געקומען די צייט פון זייער אָפּפאָרן. עווא, שאול מיט ברוכן האָבן אַרויסבאַגלייט זלמנען מיט זיסעלען צום פּאָרט.

עווא, באַמערקנדיק, אַז שלום איז ניט אַרויסגעקומען זיך געזעגענען מיט זיסעלען, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט ברוכן וועגן דער פראַגע, אויף וואָס ער האָט זיין מוטער געענטפערט:

„האָסטו אַ זאָרג? איך טראַכט גאַנץ ווייניק וועגן אים."

„ער איז דאָך דיין בעסטער חבר!..." — האָט די מוטער אים געזאָגט.

ברוך, וועלנדיק עס פאַרמאַסקירן, האָט געענטפערט דער מוטער:

„אפשר האָט שלום ניט געוווסט וועגן זייער אָפּפאָר..."

ברוכס ענטפער האָט קאָמפּענסירט זיין מוטערס פאַרדאַכט...

זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט, באַדאַנקענדיק פאַר דער שיינער. גוטער אויפנאַמע און זיינען ארויף אויף דער שיף.

עווא, שאול און ברוך האָבן מיט זייערע בליקן באַגלייט דער אָפּ־גייענדע שיף, ביז זי איז זיי פון די אויגן פאַרשוווּנדן.

פאָרנדיק אויף דער שיף, זאָגט זיסעלע:

„פאָטער! דו האָסט גוט אָרגאַניזירט, באַמערקנדיק, אַז ברוך איז געווען צופרידן, וואָס שלום איז ניט אָנוועזנד געווען. און וועגן אסתרן מוז איך דיר זאָגן, אַז זי איז זייער אַ גוטע, קלוגע רעפּרעזענטאַבעלע פרוי! אמת, דו האָסט מיר, פאָטער, דערציילט, אַז איר זייטביידע אָרעמע געווען! קאָן דען אָרעמקייט שטערן דער ליבע?..."

„טאָכטער! איך וועל דיר דערקלערן: דער מענטש איז פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפט. כ'האָב זיך ניט איין מאָל געפרעגט: אין וואָס באַשטייט דאָס לעבן? דער מענטש ווערט געבוירן, כדי צו לעבן, ווען ער שטאַרבט, הייסט עס, אַז זיין לעבן האָט זיך געענדיקט. דאָס באַווייזט, אַז דער

מענטש איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך, ווייל ער קומט אַליין און גייט אַוועק אַליין. ווען ער לעבט, רעכנט ער זיך ניט מיט זיך נאָר מיט דער געזעלשאַפט!... איך דענק, זיסעלע, אַז דו פאַרשטייסט דיין פאָטערס דערקלערונג ?...״

זי האָט עס גוט פאַרשטאַנען און שטאַרק באַדויערט דעם פאָטערס פאַרגאַנגענהייט, זאָגנדיק:

„איך פאַרשטיי דיך, פאָטער, דערפאַר טוט מיר לייד פאַר דיר, ווי אויך מיין ג״ז מוטערס פאַרגאַנגענהייט...

זי איז געווען אַ גוטע מוטער פאַר אונדז, ווי אויך פאַר דיר — אַ גוטע פרוי!... ניט דיין שלעכטע נאַטור איז געווען די סיבה פון דיין איזאָ־לירנדער צוריקגעהאַלטנקייט, ליידער, דיין נייגונג איז געווען, ווי ניט צו אַ באַליבטער פרוי!... דאָס זיינען געווען איבערצייגנדע מאָמענטן פון אייער צוזאַמענלעבן. איך האָב עס באַמערקט און מיטגעלעבט. הייגט, ווען דו, פאָטער, האָסט געפונען פאַר נויטיק בינדן דיין ווייטערדיקן לעבן מיט דער פרוי אסתר, בין איך ניט דאַקעגן!..״

„יאָ, זיסעלע! דערפאַר האָב איך פאַר דיר מיין האַרץ געעפנט, ווייל דו פאַרשטייסט דיין פאָטער, כדי לייכטער מאַכן מיינע אינערלעכע שמערצן, וואָס זיינען געווען פאַרבאָרגן אין מיין האַרץ פיל, פיל יאָרן!״

זיסעלע, אויסהערנדיק איר פאָטערס איבערלעבונגען ענטפערט, אַז זי פאַראורטיילט אים ניט, ווייל דעם מענטשנס האַרץ איז ניט קיין אינ־סטרומענט, וואָס מען קאָן שאַפן פון אים, וואָס מען וויל...

„אַלזאָ, איך ראָט דיר, פאָטער, וואָס ווייניקער טראַכטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל ס׳שאַפט האַרץ־ווייטיק און קיין נוצן קאָן עס ניט ברענגען. לאָמיר פאַרענדיקן מיט דער פאַרגאַנגענהייט!״ — האָט זיסעלע געעצהט איר פאָטער.

„איך בין צופרידן, זיסעלע, וואָס מיר האָבן זיך אַדורכגערעדט און פון דיינע רייד נעם איך אַרויס, אַז דו, זיסעלע, פאַרשטייסט און פילסט מיר מיט.״ — האָט געזאָגט דער פאָטער.

דער וועג איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער. דאָס וועטער איז געווען שיין, גוט. די שיף איז געשוווּמען, אַדורכשניידנדיק רואיק די כוואַליעס. מען האָט זיך גוט אונטערהאַלטן מיט פאַרשידענע מיטרייזנדע. די מוזיק האָט געשפילט, יוגנט האָט געטאַנצט און גוט פאַרבראַכט.

אַזוי איז די צייט פאַרלאָפן. אָנקומענדיק צום ערשטן פאָרט, האָבן זיי באַשריבן דעם וועג. אסתר מיט שלומען האָבן מיט אומגעדולד אויס־

געקוקט בריוו. ענדלעך איז אין אַ פרימאָרגן אָנגעקומען 2 בריוו. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, אַז זלמן מיט זיסעלען פילן זיך גוט און שרייבן, ווען זיי וועלן בשלום קומען אויף אָן אָרט, וועלן זיי גלייך צו וויסן געבן.

ווען זלמן מיט זיסעלען זיינען אָנגעקומען קיין מ., האָבן זיי געשריבן צו אסתרן און שלומען, אַז זיי זיינען בשלום אָנגעקומען. אזוי שנעל, ווי זיי וועלן ס׳געשעפט מיטן הויז פאַרקויפן, קומען זיי גלייך נאָך אַמע־ריקע, בכדי זייערע פלענער צו פאַרווירקלעכן...

אסתר מיט שלומען, דערהאַלטנדיק פון זלמנען מיט זיסלען זייער שרייבן, זיינען געווען פון די גליקלעכסטע אין דערוואַרטונג פון זייער קומען. זלמן האָט דערקלערט די קינדער, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן נאָך אַמעריקע. לאה מיט אליהו, דערוויסנדיק זיך, אַז זלמן פאַרקויפט ס׳געשעפט מיטן הויז און פאָרט אַוועק, האָבן זיי שטאַרק באַוווּנדערט. זלמנען פרעגן, האָבן זיי ניט געוואָלט, אויב ער געפינט ניט פאַר נויטיק מיט זיי זיך מיישב צו זיין, איז גלייכער ניט פרעגן.

אַ קורצע צייט פאַרן אָפּפאָרן, איז זלמן אַריינגעקומען צו לאהן. גראָד איז אליהו ניט געווען אין דער היים.

„לאה! דו ביזט שוין אַ מוטער פון גרויסע קינדער. איך גלויב, אַז ביז היינט האָסטו ליב דיין מאַן.״ — האָט געזאָגט זלמן.

„איך פאַרשטיי דיך ניט, זלמן, וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיין פאָרן ?״

„מיין פאָרן איז פאַרבונדן מיט מיין אַמאָליקער ליבע. איך גלויב, אַז דו פאַרשטייסט דעם מענטשנס לעבן. אָן ליבע צום מאַן, אָדער פרוי, האָט דאָס לעבן קיין ווערט !... ווי האָט געזאָגט אונדזער פאָטער יעקב צו לבנען : „איך וועל דיר דינען 7 יאָר פאַר דיין קליינע טאָכטער רחל.״ און, אַז לבן האָט אים אָפּגענאַרט, האָט ער, צוליב איר, געדינט נאָך 7 יאָר. און זיינע 14 יאָר זיינען אַריבערגעלאָפן, ווי 14 טעג... און ביי מיר זיינען פאַרלאָפן 25 יאָר, ביז איך האָב מיין ליבע אסתרן געטראָפן !..״

„היינט פאַרשטיי איך דיך, זלמן ! זאָל דיר דיין וועג זיין באַגליקט, איר זאָלט דערלעבן נחת פון אייערע קינדער !... פאַרוואָס האָסטו אונדז פריער ניט דערציילט ?״ — האָט געפרעגט לאה.

„אַזוי האָט דאָס געדאַרפט צו זיין. ווי זאָגט מען ? אויף אַ מעשה פרעגט מען ניט קיין שאלות. און איצט, לאה, קאָן איך דיר דערציילן נאָך אַ נייעס. קומענדיק צו עוואַן מיט שאולן, האָבן זיי איינגעאָרדנט אַן אָוונט לכבוד אונדזער קומען, אויף וועלכן ס׳זיינען געווען איינגעלאַדן קרובים, באַקאַנטע. זייער זון ברוך האָט אויך איינגעלאַדן זיינעם אַ קאָליעגע,

אַ דאָקטאָר מיטן נאָמען שלום גאָלדשמידט, וועלכן ער האָט באַקאַנט געמאַכט מיט זיסעלען.

ברוכס קאָליעגע — ד״ר גאָלדשמידט, וועלכער איז פיל אינטערע־סאַנטער און ענערגישער, האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט זיסעלען, ביז זיי האָבן זיך פאַרליבט...

הער אויס ווייטער! דער דאָקטאָר גאָלדשמידט האָט זיסעלען איינגע־לאַדן אויף אַן אָוונט, וועלנדיק זי באַקענען מיט זיין מוטער.

און אַזוי פאַרברענגענדיק, פרעגט זיין מוטער פון וואַנען זי שטאַמט? דערהערנדיק פון זיסעלען, אַז זי איז פון דער זעלבער שטאָט, ווי אויך, דערוויסנדיק זיך, אַז איר פאָטערס נאָמען איז זלמן פינקעלשטיין, אַ וויין־סוחר און געקומען צו אַ טאַנטע, כדי פאַרלייכטערן די שווערע איבער־לעבונגען נאָך איר מוטערס טויט... ווען דעם דאָקטאָרס מוטער איז עס באַוווּסט געוואָרן, האָט זי איר באַוווּסטזיין פאַרלוירן און דער זון האָט אים צום באַוווּסטזיין געבראַכט...

זיסעלע, קומענדיק אַהיים און זייענדיק איבערראַשט פון אומגעריכטן צופאַל, האָט מיר דערציילט... פון איר דערציילונג, האָב איך מיר אָנגע־שטויסן, אַז די פרוי איז ניט קיין אַנדערע, ווי אסתר!...

אַ שוידער איז מיר אַדורך, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם. ניט פיל צייט איז פאַריבער, באַפרייענדיק זיך פון אונדזער לאַנג־יאָריקן שווערן טרוים!...

איצט, לאה, איז דיר שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איך פאַרלאָז מיין הויז און געשעפט? אגב איז זיסעלע מיט אסתרס זון מיט מזל חתן־כלה געוואָרן. אסתר איז רייך געוואָרן. זי פאַרמאָגט צוזאַמען מיט איר שוועס־טער אַ קאָנפעקציע־פאַבריק און ווען דו וואָלסט איר געזען, וואָלסטו געזאָגט, אז זי זעט אויס, ווי אַ גרעפין״.

לאה, אויסהערנדיק איר ברודערס דערציילונג, זאָגט:

„זלמן! איך קאָן דיר נאָך אַמאָל צווינטשן גליק אין אייער צוזאַמענ־לעבן, ווי אויך נחת פון אייערע קינדער!״

זלמן האָט לאהן קעגנזייטיק געווונטשן.

ווען אליהו איז אַהיימגעקומען, זאָגט לאה:

„איך וועל דיר דערציילן אַ געשיכטע, וואָס וועט דיר קלינגען, ווי אַ לעגענדע. דו ווייסט דאָך, אליהו, אַז זלמן פאָרט נאָך אַמעריקע. מיר האָבן דאָך ניט געוווּסט, וואָס עס האָט אים באַוווגן צו דעם.״ — און זי דערציילט אים אַלע איינצלהייטן, וואָס זלמן האָט איר דערציילט.

„איצט איז מיר אַלץ פֿאַרשטענדלעך. מיר פלעגן אים תמיד פֿאַר־אורטיילן דעם באַצוג צו זיין ג״ז פרוי. דאָך האָב איך וועגן אים געהאַט אַ מיינונג, אַז מען טאָר קיין מענטש פאַראורטיילן, ניט וויסנדיק גענוי די סיבה. מען קאָן לעבן יאָרן מיט אַ פרוי, מאַכנדיק אַן אָנשטעל אין געזעלשאַפט, אַז מען איז מיט איר גליקלעך, אין דער צייט, ווען מען האָט ניט צו איר קיין ליבע־געפילן!..״

„אליהו! איצט קאָנען מיר פֿאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פלאַמיקע ליבע האָט געברענט אין זיין האַרץ אין משך זיין באַקאַנטשאַפט מיט אסתרן.״

און אַזוי רעדנדיק, איז אַריינגעקומען זלמן מיט די קינדער, זאָגנדיק:

„מיינע טייערע! מאָרגן פאָרן מיר אָפּ נאָך אַמעריקע.״

לאה האָט זיי פאַרבעטן צום טיש און דערלאַנגט כיבוד לכבוד זייער אָפּפאָר. מען האָט געטרונקען לחיים, צווינטשנדיק זלמנען מיט די קינדער אַ גליקלעכע רייזע און זאָלן מצליח זיין אין זייער צוקונפט!..

ביי דער געלעגנהייט, האָט זלמן געבעטן זיין שוועסטער און שוואָגער, ווען זיי וועלן שרייבן צו עוואַן און שאולן, זאָלן זיי ניט שרייבן, אַז זיי פאָרן נאָך אַמעריקע...

מיט דעם האָבן זיי פאַרענדיקט זייער געשפּרעך, באַדאַנקענדיק פאַר דער אויפנאַמע, זיינען זיי אַוועק אַהיים.

פאַרן אָפּפאָרן האָט זלמן אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו אסתרן, אַז דעם 25־טן מאי פאָרן זיי אָפּ מיט דער שיף: „האָלאַנד־ליין״.

ווען זלמן איז געקומען פון דער פּאָסט, האָבן שוין געהאַט געוואַרט לאה, אליהו מיט די קינדער, כדי אַרויסבאַגלייטן זיי צום צוג.

זיי האָבן זיך אַלע געזעגנט, צווינטשנדיק אַ גליקלעכע רייזע און האַרציק זיך געקושט, באַגלייטנדיק מיט טרערן אין די אויגן.

ווען דער צוג האָט זיך לאַנגזאַם גערירט פון אָרט, האָבן זיי לאַנג, לאַנג געגריסט זיך מיט די טאַשן־טיכלעך, ביז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון וויטן האָריזאָנט...

אסתר און שלום, דערוויסנדיק זיך פון דער טעלעגראַמע, וואָס זיי האָבן דערהאַלטן, אַז זלמן מיט די טעכטער זיינען אַרויסגעפאָרן, זיינען געווען איבערגליקלעך...

מיט אייניקע טעג שפּעטער, האָבן זיי דערהאַלטן אַ בריוו, אין וועלכן זלמן שרייבט זיי, אַז דער וועג איז זייער אַן אָנגענעמער, דער ים איז רואיק, מיר אַלע פילן זיך גוט, מיר זיינען זייער צופרידן און האָפן אין גיכן זיך זען און פאַרווירקלעכן אונדזער לאַנג־יאָריקן טרוים!... ווי

אויך דערלעבן צוזאַמען נחת פון אונדזערע טייערע קינדער, וואָס איז דאָך דער איינציקער ווונטש פון עלטערן!...

און איצט, ליבע אסתר, באַמערק איך דיר, אַז עווא און שאול ווייסן ניט פון אונדזער אָנקומען נאָך אַמעריקע, ווי אויך דאַרפן זיי עס ניט וויסן. איך גלויב, מיין טייערע, אַז פאַר דיר איז עס פאַרשטענדלעך. פאַרבלייבט געזונט דיין האַרציקער און איבערגעגעבענער זלמן.

אַ האַרציקער גרוס שלומען!

טייערער שלום! זיי געזונט מיט דיין ליבער מוטער!

וועגן אונדזער רייזע, שרייבט דיר דער פאָטער. אַלץ איז גוט, נאָר איין זאַך: מיין האַרץ בענקט נאָך דיר!... ווי דיר איר באַוווּסט, טייערער שלום, פאַר איך מיט מיינע נאָענטסטע און קוק זיך אַרום, אָבער קיינער קאָן ניט מיין האַרץ באַרואיקן, ביז איך וועל ניט קומען צו דיר!...

ווען די נאַכט קומט אָן, און די לבנה שווימט אַרויס מיט איר העל־בלויען ליכט, וואָס פאַלט אַראָפּ אויף דער אויבערפלאַך פונעם גרויסן אַטלאַנטיק, זעט עס אויס פון דער ווייטנס, ווי פון די כוואַליעס וואַלטן זיך געשאַפן קליינע פייערלעך אָן אַ צאָל!...

איך טראַכט: ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען דו געפינסט זיך נעבן מיר!... כדי געמיינזאַם קאָנען טיילן די איינדרוקן פון די זעלטענע בילדער, וואָס צו צייטן זיינען זיי ניט מאָלבאַר!...

איך בלייב האָפן אויפן גליקלעכן מאָמענט פון אונדזער קומען, וואָס וועט פאַרווירקלעכן אונדזער געמיינזאַמען ציל, וועלכער פילט אָן מיין האַרץ מיט פרייד!...

טייערער שלום! איך פיל, אַז דו ביזט ביי דער זעלבער מיינונג, ווייל דיין שרייבן האָט עס מיר איבערצייגט!...

ד י י ן ז י ס ע ל ע

אַ האַרציקן גרוס דער ליבער מוטער!

אסתר, דערהאַלטנדיק זלמנס בריוו, איז געווען ממש גליקלעך.
אויך שלום, דערהאַלטנדיק זיסעלעס ליבן איבערצייגנדן בריוו, איז איבערראַשט געוואָרן, איבערלעזנדיק אים אייניקע מאָל. ער איז געוואָרן איבערגליקלעך...

אסתר מיט שלומען האָבן גלייך צוגעגרייט אַ וווינונג פאַר זיי מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און געבליבן וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זייער

גליקלעכן אָנקומען. די צייט איז געגאַנגען לאַנגווייליק. דאָך איז אָנגעקומען דער גליקלעכער טאָג פון זייער אָנקומען.

אסתר מיט שלומען זיינען אַרויסגעקומען צום פּאָרט מיט בלומען מקבל־פּנים זיין די געסט.

ווען אסתר און שלום זיינען אָנגעקומען צום פּאָרט, איז שוין די שיף געווען פאַראַנקערט. ביסלעכוויז האָט מען אָנגעפאַנגען אַרונטערלאָזן די פּאַסאַזשירן. ווען זלמן מיט די קינדער זיינען אַראָפּ פון דער שיף, איז זייער אַלעמענס שמחה געווען גרויס.

אסתר און שלום זיינען מיט זיי אָפּגעפאָרן אין צוגעגרייטן פאַר זיי אַפּאַרטאַמענט.

דינה מיט גוטקען האָבן שטאַרק באַוואונדערט, פאַרוואָס איז די טאַנטע עווא מיטן אָנקל שאול ניט אַרויסגעקומען מקבל־פּנים זיין און דער פאָטער איז אַריינגעפאָרן צו גאַנץ פרעמדע מענטשן ?..

זיסעלע האָט באַמערקט זייער באַוואונדערונג, אָבער זי האָט זיי מיט קיין וואָרט ניט דערקלערט, טראַכטנדיק, אַז זיי וועלן זיך במילא דערוויסן !...

מיטאָג האָבן זיי געגעסן ביי אסתרן. זיסעלע מיט שלומען האָבן זיך געפילט גליקלעך ! זלמן מיט אסתרן — דאָס גלייכן. אַזוי איז פאַריבער דער טאָג.

אָוונט־צייט זאָגט זלמן אסתרן :

„מען וועט דאַרפן זאָגן די קינדער, אַז דו ביזט אַ גוטע פריינדינע פון אונדזער שטאָט און ביסלעכוויז וועלן מיר זיי דערקלערן..."

אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן. דינה האָט עפּעס יאָ פאַרשטאַנען, באַמערקנדיק, אַז שלום מיט זיסעלען זיינען זייער באַפריינדעט... טראַכט זי : איך וועל פרעגן ביי זיסעלען, וואָס געהערט ער אונדז אָן דער בחור ? און פרעגט איר, אויף וואָס זיסעלע האָט געענטפערט :

„דאָס לעבן שאַפט אַמאָל, אַז גאַנץ פרעמדע ווערן די נאָענטסטע אין לעבן !..."

„איך בין שוין אַרויס פון מיין מוטערס „וויקעלעך". איך פאַרשטיי, וואָס דו דערקלערסט מיר. פאַרוואָס זיינען צו דער שיף ניט געקומען די טאַנטע עווא מיטן אָנקל שאול ? ס'איז מיר ניט פאַרשטענדלעך !... צווייטנס, פאַרוואָס זיינען מיר ניט אַריינגעפאָרן צו זיי ?..." — האָט געפרעגט דינה.

„איך וועל דיר ענטפערן : ווען מיר זיינען געקומען צו דער טאַנטע

עווא, האָבן זיי אונדז זייער פריינטלעך אויפגענומען. זיי האָבן אַ זון אַ טייערן בחור. דער קוזין ברוך איז מיר געפעלן געוואָרן אַלס קוזין, אָבער ניט מער! ער האָט מיר באַקאַנט געמאַכט מיט זיינעם אַ קאָליעגע. דאָס איז דער בחור. כדי ברוכס פּרעסטיזש זאָל ניט ליידן, זיינען מיר צו זיי ניט אַריינגעפאָרן... און וועגן דעם, וואָס מיר האָבן זיי ניט געגעבן צו וויסן וועגן אונדזער אָנקומען, איז דעם פאָטערס אַן ענין..."

דינה האָט פון זיסעלעס דערקלערונג זיך באַאומרואיקט, טראַכטנדיק, אַז דאָ האַנדלט זיך וואַרשיינלעך אויך וועגן פאָטערס לאַגע!... עפּעס פּילט זי אַ פּחד, אָבער זי באַהאַלט אים אויס, דענקענדיק: די צייט וועט מיר שוין אַליין באַווייזן. זי האָט באַשלאָסן פאַרזיכטיק זיך צוקוקן, וואָס וועט דאָ פאָרקומען?

די צייט איז געגאַנגען. אסתר מיט זלמנען האָבן באַשלאָסן חתונה מאַכן די קינדער און נאָכער וועלן זיי שטעלן אַ חופה.

די וווינונג פאַר דער יונגער פּאָר, איז שוין געווען צוגעגרייט. מען האָט אויך איינגעקויפט מאָדערנע מעבל און נאָך פאַרשידענע נויטיקע זאַכן, ווי אויך פאַר חתן־כלה מאָדערנע קליידונג און צירונג.

זלמן, פאַראינטערעסירנדיק זיך מיט דער פראַגע: ווי זאָגט מען אָן דער שוועסטער מיטן שוואָגער און ברוכן? האָט אים אסתר געראָטן, אַז ער זאָל זיי שריפטלעך מודיע זיין, אַז זיסעלע מיט שלומען זיינען מיט מזל חתן־כלה געוואָרן און זיי זיינען איינגעלאַדן אויף הייַנט 7 אָוונט קומען אויף אַ וויזיט.

ווען עווא מיט שאולן האָבן באַקומען דעם איינלאַדונגס־בריוו, איז גראָד ברוך אין שטוב ניט געווען. פרעגט עוואַ:

„שאול! וואָס זאָגט מען ברוכן? ווען ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער שטאַרק איבערלעבן..."

„זעסט דאָך, עווא, וואָס עס קומט אַרויס פון אַ געניייטע זאַך? איז גלייכער פריער, איידער ליידן שפּעטער! אַזוי דאַרפסטו אים דערקלערן דעם פאַקט מיט זיין אָנקל זלמן."

עוואַ, דערהערנדיק איר מאַנס עצה, האָט זיך עטוואָס באַרואיקט. זי ראָט שאולן פאַרלויפיק וועגן דעם ניט רעדן, זי וועט אים שוין צו דעם צוגרייטן...

צו דער באַשטימטער שעה זיינען עוואַ מיט שאולן געקומען צו זלמנען, מיטברענגענדיק מתנות פאַר חתן־כלה. שלומען איז עס געווען, ווי ניט אָנגענעם... ער טראַכט: צי בין איך דען אַ פאַרעטער מיט דעם, וואָס איך

בין געפעלן געוואָרן זיסעלען און זי מיר? דער געדאַנק האָט אים באַ־רואיקט.

אסתר האָט געשטעלט אַ שיינעם כיבוד, מען האָט געמאַכט לחיים לכבוד חתן־כלה, צווינטשנדיק זיי מזל־טוב און אַ גליקלעכע צוקונפט און די עלטערן נחת פון די קינדער!...

ביים טיש זיצנדיק, באַמערקט אסתר, ווי פרוי פריד (עווא) קוקט אויף איר, ווי מיט פאַרדרוס, טראַכט זי, ווי ס'זעט אויס, האָט זי אויף מיר אַ „האַרץ" (כעס) צוליבן שדוך מיט מיין זון... דאָך האָבן זיי זיך פריינטלעך אונטערהאַלטן ביז שפּעט אין אָוונט. זיי האָבן זיך געזעגנט. חתן־כלה האָבן באַדאַנקט דעם אָנקל־טאַנטע פאַר די שיינע מתנות און זיי האָבן פאַרשפּראָכן קומען אויף דער חתונה. זלמן האָט זיי אַרויסבאַגלייט און זיי זיינען אָפּגעפאָרן אַהיים.

אויפן וועג זאָגט עווא צו שאולן:

„פון זלמנס באַנעמונג צו דער מחותנתטע, זעט מיר אויס צו זיין אַ צווייטער שדוך..."

„וואָס פאַלט עס עפּעס דיר איין?" — האָט שאול געפרעגט זיין פרוי.

„ער איז אַריינגעפאָרן צו זיי און לאה האָט אונדז ניט געשריבן וועגן דעם..." — האָט עווא געענטפערט איר מאַן שאולן.

אָבער עווא מיט איר וויטן קוק האָט יאָ פאָראויסגעזען, אַז ס'וועט פון זיי זיין אַ פּאָר!...

די מוטער באַמערקט, אַז ברוך גייט אַרום, ווי אַ דערשלאָגענער. ס'טוט איר וויי, אָבער מיט וואָס קאָן זי אים העלפן? נאָר מיט גוטע ווערטער. טראַכט זי: איך וועל אים דערקלערן, ווי שאול האָט איר גע־צהט. זאָל ער זען, ווי ס'זעט אויס דאָס לעבן, אויב מען בינדט עס ניט גלייך... און זי זאָגט:

„ברוך! דו ביזט דאָך אַ דערוואַקסענער און געבילדעטער מענטש. איך גלויב, אַז דו האָסט עס זעלבסט געדאַרפט פאַרשטיין... ווען זיסעלע איז געקומען, האָסטו איינגעלאַדן שלומען... איך האָב גלייך באַמערקט זייער באַנעמונג איינער צום צווייטן!... אַלזאָ, ברוך, איז גלייכער, ווי עס מאַכט זיך, איידער נאָך אַ חתונה זאָלן זיך שאַפן מיספאַרשטענ־דעענישן!..."

„מוטער! איך פאַרשטיי עס. דו ווייסט דאָך און פאַרשטייסט, אַז דעם מענטשנס האַרץ קאָן מען ניט באַפעלן!"

די מוטער, דערהערנדיק עס זאָגט:

„ברוך! איך וועל דיר דערציילן, וואָס מיינע אַ גוטע פריינדין, אַ רייכע אלמנה, האָט מיר פאַרטרויט. זי האָט אויך אַן איין איינציקן זון, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין זייער אַ שיינער, אָרעמער סטודענטין. זיי האָבן חתונה געהאַט, ווייל זי האָט זיך געגוויטיקט אין זיין מאַטער־יעלער הילף. ווען זי האָט פאַרענדיקט איר שטודיום, האָט זי איר מאַן פאַראַטן... ער גייט אַרום, ווי אַ דערשלאָגענער, ער האָט פאַר זיין מוטער געוויינט, ווי אַ קליין קינד!... זיין מוטער איז צוליב אים קראַנק געוואָרן. נו, מיין זון! צו וואָס טויג אַזאַ חתונה האָבן?... איז דען ניט גלייכער, ווען דו וועסט באַקאַנען אַ פריילין, וואָס איר וועט זיך געפעלן און וועט זיין גליקלעך!... און איצט, ברוך, קוק אויף זיסעלען, ווי אויף אַ קוזינע, ניט מער! און איצט וועל איך דיר דערציילן פון זיך. איך האַלט פון דעם וואָרט, ווי מען זאָגט „באַשערט״. באַשערט איז אַ לאָגישער געדאַנק! דיין פאָטער איז געווען דיין אָנקלס אַ חבר. איך האָב געהאַט אַ גוטן באַקאַנטן, אינטעליגענטן און רייכן בחור. זיינע עלטערן האָבן ניט דער־לאָזט, אַז מיר זאָלן חתן־כלה ווערן, ווייל איך בין אַן אָרעמע יתומה געווען. איך באַקום אַ בריוו פון דיין אָנקל זלמן, אַז איך זאָל קומען אויף זיין חתונה. שטעל זיך פאָר אַ בילד: איך — אַן אָרעמע פריילין, ניט צו שיין געקליידעט, אַפילו אָן אַ פינגערל אויף דער האַנט, באַקאַן זיך מיט דיין פאָטער. ער אַ שיינער, סימפּאַטישער, רייכער זון און איך ווער אים געפעלן. אין משך פון 2 חדשים הייראַטן מיר.

זיינע עלטערן גרייטן פאַר אונדז אַ שיינעם דעפּאַרטאַמענט און נעמען אונדז אַריבער, דיין פאָטער באַקומט אַ שטעלע אַלס רב און איך ווער באַגליקט מיט אַ בכבודיקן, רייכן לעבן!... דערפאַר האַלט איך שטאַרק פון „באַשערט״. זיי מונטער, מיין זון! וועסטו דערגרייכן, וואָס דו ביזט ווערט און וועסט זיין גליקלעך!״

ברוך, אויסהערנדיק זיין מוטער, זאָגט:

„יאָ, מוטער! אמונה שאַפט אין לעבן פיל פאַרלייכטערונגען און מוט! דיין דערציילונג איז ענלעך צו מיין איצטיקער לאַגע...״

„איך ראָט דיר, ברוך, ווייז אַרויס גוטמוטיקייט און צופרידנקייט, וואָס וועט דיר שאַפן מוט און שטאָלץ!״

עס איז אָנגעקומען די צייט פון זיסעלע־שלומס חתונה.

זאָגט עווא צו איר זון:

„ברוך! איך האַלט, אַז דו דאַרפסט גיין אויף זייער חתונה. דאָס וועט זיין פאַר דיר שענער.״

„אויב דו, מוטער, פאַרשטייסט אַזוי, וועל איך באַדענקען: אפשר יאָ, אָבער מיר וועט זיין ניט אָנגענעם..."

„איך נויט דיר ניט, ווי דו פאַרשטייסט, אזוי טו!..."

ער האָט באַשלאָסן ניט צו גיין...

די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן, שיינעם חתונה־זאַל מיט גרויס קאָמפאָרט. זיסעלע, די כלה, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייס זיידן קלייד געשטיקט מיט זילבער־בלומען. אויפן קאָפּ אַ לאַנגער טיול־שלייער מיט אַ שיינעם בלומען־קראַנץ. איר איידל שיינער פּנים מיט די חן־גריבעלעך, מיט די ראָזע שיינע ליפּן און איר ווייסע מויל ציין, ווי פּערל, מיט די שוואַרצע גרויסע קלוגע אויגן און אירע צירונג, וואָס איז געווען געפּאַסט אין בריליאַנטן, ווי אויך די פּערל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר אַלבאַסטער־האַלדז, האָט באַלויכטן איר אַריסטאָקראַ־טישן פּנים. איר שלאַנקע פיגור מיט איר שטאָלצער האַלטונג, האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק.

מוזיק האָט געשפּילט, די כלה האָט מען באַזעצט, דער פאָטער, דער־זעענדיק זיין טאָכטער, ווי זי שיינט פון שמחה, אַז זי האָט דערגרייכט צו דעם, וואָס איר האַרץ האָט געגאַרט...

זלמן, וויסנדיק, אַז זיין טאָכטער גייט מיט פרייד צו דער חופּה, איז געווען גליקלעך!... אין דעם מאָמענט, דערמאָנט ער זיך אין זיין פאַר־גאַנגענהייט, ווי אויך אין איצטיקן מצב. אַלץ צוזאַמען איז ער געווען, ווי אַ צעטומלטער. פון איין שטאַנדפּונקט קלעמט אים דאָס האַרץ, אַז זיין ג"ז פרוי האָט ליידער ניט דערלעבט צו זען דעם נחת!... צווייטנס איז ער פון שמחה, ווי פארשיכורט, אַז ער האָט דערגרייכט אין די מיטעלע יאָרן צו וואָס זיין יונג האַרץ האָט אַזוי פיל געבענקט!...

ווען מען האָט אין זאַל אַריינגעפירט דעם חתן צום באַדעקונג, איז דער עולם איבערראַשט געוואָרן פון זיין אויסערגעוויינלעכן שיינעם אויס־זען. ער איז געווען געקליידעט אין אַ סמאָקינג־גאַרניטור מיט אַ צילינדער, וואָס האָט אים געמאַכט העכער און שלאַנקער זיין פיגור.

דער חתן, דערזעענדיק זיין כלה, וואָס האָט געשיינט פון שמחה, איז זיין האַרץ אויך דערפרייט געוואָרן. זיין פּנים האָט געשטראַלט, דער־גרייכנדיק זיין ציל!...

די מוטער (אסתר), אָנקוקנדיק איר שיינעם, אַריסטאָקראַטישן זון (שלום), וואָס זי האָט דערצויגן און דערלעבט אים פירן צו דער חופּה, איז איר האַרץ איבערפולט געוואָרן פון פרייד און גלייכצייטיק פאַרקלעמט

געוואָרן, אַז זיין פאָטער ז״ל האָט, ליידער, ניט דערלעבט צו זען זיין איינציקן זונס חתונה!...

גלייכצייטיק גיט זי אַ בליק אויף איר ליבן זלמנען, טראַכטנדיק: צי קאָן איך זיך דען באַשולדיקן אין מיינע געפילן, וואָס מיין האַרץ פילט צו אים?... איך האָב דען געקאָנט זיך באַקעמפן און אָפּזאָגן פון אים?...

אין דעם מאָמענט האָט מען חתן־כלה אַרונטערגעפירט אונטער דער חופה, דער רב האָט געמאַכט אַן אזכרה דעם חתנס פאָטער אפרים ז״ל און דער כלהס מוטער עדה ז״ל. ביי חתן־כלה מיט זייערע נאָענטסטע האָט די הזכרה אַרויסגערופן טרערן. אויך ביי אַ טייל אַנוועזנדע געסט זיינען די אויגן איבערפולט געוואָרן מיט טרערן. די אַלע אַנוועזנדע, באַטראַכטנדיק די בילד־שיינע פּאָר, וואָס זיינען אַזוי פאַרקלעמט אין זייער גליקלעכסטן מאָמענט פון לעבן! אין דער צייט, וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט זיין פון די גליקלעכסטע, מיטפילנדיק זייער לאַגע, זאָגן:

„וואָרשיינלעך איז אַזאַ געזעץ!... ווי זאָגט מען: אַלץ אין איינעם, איז ניטאָ ביי קיינעם...״

נאָך דער חופה האָט מען די געסט פאַרבעטן צו די סערווירטע טישן פון כל־טוב. דער עולם האָט געגעסן, געטרונקען, ווינטשנדיק לחיים, חתן־כלה מזל־טוב!... דעם מחותן־מחותנתטע — זיי זאָלן דערלעבן נחת פון די קינדער! מוזיק האָט געשפּילט, יוגנט האָט געטאַנצט, פאַרברענגענדיק ביז טאָג.

דער עולם האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגיין, ווינטשנדיק די חתן־כלה אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן און די מחותנים נחת פון די קינדער, באַדאַנקענדיק פאַר דער אויפנאַמע מאַכן, זיינען זיי צופרידענע אַוועק אַהיים.

קומענדיק פון דער חתונה, טראַכט עווא: וואָס זאָגט מען ברוכן? פאַרלויפט ער דעם וועג, זאָגנדיק:

„מוטער! איך האָב שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז עס קימערט מיך שוין ניט מער די פראַגע מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט? מיט בערלען, אָדער שמערלען!...״

די מוטער, דערהערנדיק זיין ענטפער, האָט שוין מער מיט אים ניט גערעדט וועגן דעם, נאָר באַטאָנט:

„דו ביזט דער זעלבער וויכטיקער, ווי געוועזן!...״

נאָך שלום־זיסעלעס חתונה, האָבן זלמן מיט אסתרן באַשלאָסן שטעלן אַ חופה. זיי האָבן איינגעלאַדן די פריינט און באַקאַנטע, צווישן וועלכע

ס׳זיינען געקומען זיין שוועסטער עווא מיט איר מאַן הרב שאול פריד, וועלכער האָט זיי געגעבן חופּה־וקידושין.

נאָך דער חופּה האָט אסתר פאַרבעטן די געסט צום סערווירטן טיש, אויף וועלכן ס׳זיינען געווען פאַרשידענע געטראַנקען מיט טאָרטן לכבוד זייער שמחה. מען האָט געמאַכט לחיים, צווינטשנדיק זיי אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן ביז 120, ווי אויך נחת פון די קינדער.

מען האָט געגעסן, געטרונקען, געמיטלעך פאַרבראַכט, ביז דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אַהיימקומענדיק, זאָגט שאול:

„עווא, ניט קיין ווונדער, וואָס זלמן, אַלס יונגער בחור, איז געווען אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אסתרן!... נאָך היינט צו טאָג איז זי זייער אינטערעסאַנט!...״

„געדענקסט, שאול! ווען מיר זיינען דאָרט ס׳ערשטע מאָל געווען, האָב איך דיר געהאַט געזאָגט, אַז פון זייביידן, וועט אַ צווייטער שדוך זיין!״

„דו האָסט, מיין טייערע, בכלל אַ וויטן בליק אויפן לעבן! נו, זאָל זיי השי״ת העלפן ביז 120. זיי זיינען ווערט איינע די צווייטע, טראָץ, וואָס איר אָפּשטאַם איז ניט אַזוי... דו ווייסט דאָך, אַז אונדזער מוטער רבקה האָט געהאַט אַ ברודער לבן, דאָך האָט אליעזר, געזען זי איז פּאַסנד פאַר אונדזער פאָטער יצחקן. מן־הסתם האָט אַזוי באַדאַרפט צו זיין!״ — האָט דערקלערט הרב שאול.

אין דער צייט פון זלמן־אסתרס חופּה, איז דינה מיט גוטקען ניט אַנוועזנד געווען, ווייל דער פאָטער האָט זיי געהאַט אַריינגעגעבן אין אַ פּענסיאָן אויף אַ וואָך צייט. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, באַמערקט דינה איר פאָטערס באַצוג צו אסתרן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער האָט חתונה געהאַט אין דער צייט פון זייער אָפּוועזנהייט...

„גוטקע! איך וועל דאָ ניט זיין.״

„פאַרוואָס?״ — פרעגט גוטקע.

„צי פאַרשטייסטו דען ניט, אַז אונדזער פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט דער פרוי!...״ — האָט געענטפערט דינה.

„וואָס גייט עס דיר אָן? ער איז דאָך אונדזער פאָטער, ווי געווען, און אסתר, זעט אויס צו זיין, ניט קיין שלעכטע פרוי!״ — האָט געזאָגט גוטקע.

„אויב דו פאַרשטייסט אַזוי, טו, ווי דו פאַרשטייסט.״

„איך בלייב מיטן פּאָטער". — האָט געענטפערט גוטקע.

דינה איז אַוועק צו אירע טאַנטע־אָנקל.

זיסעלע מיט שלומען פלעגן אָפטמאָל באַזוכן די עלטערן און געהאַט פאַרגעניגן, צוזעענדיק זייער רעספּעקטירונג איינע די צווייטע.

איין מאָל, באַזוכנדיק די עלטערן, האָבן זיי איבערגעגעבן אַ בילד פאַר דער טאַנטע לאהן, בעטנדיק דעם פּאָטער, געלעגנהייטלעך, זאָל ער דאָס בילד זיי איבערשיקן. זלמן האָט צו לאהן מיט אליהון אָנגעשריבן אַ בריוו, באַשרייבנדיק וועגן אַלעם און בייגעלייגט די בילדער פון זיסע־לען מיט שלומען און פון זיך מיט אסתרן.

ווען לאה האָט דערהאַלטן דעם בריוו מיט די בילדער, איז אין שטוב קיינער ניט געווען. אויפמאַכנדיק אים און באַטראַכטנדיק די יונגע פּאָר, איז זי איבערראַשט געוואָרן פון זיסעלעס גליק, וואָס זי האָט אין אַמע־ריקע דערגרייכט!... אויך, ווי זלמן שרייבט, אַז ער איז זייער צופרידן מיט זיין קומען קיין אַמעריקע, ווי אויך איז ער באַגליקט געוואָרן פון דעם גליקלעכן „צופאַל" מיט אסתרן!...

לאה, איבערלעזנדיק זיין שרייבן, האָט זיך פון פרייד גוט אויסגע־וויינט, אָנקוקנדיק זיין פרוי, וועלכע זעט אויס, ווי אַ שיינע גרעפין. זי טראַכט: זלמן איז געוואָרן אויפגעלעבט, וויסנדיק און מיטפילנדיק זיין פאַרגאַנגנהייט און דערמאָנענדיק זיך, אז זי האָט געהאַט אַ געוויסן אָנטייל אין זיין אומצופרידענעם לעבן. תמיד האָט עס אויף איר געוויסן געדריקט. זי פלעגט טראַכטן: זי האָט זיך ניט געדאַרפט אַריינמישן אין זייער לעבן!... היינט טראַכט זי: ב"ה! זלמן האָט זיין האַרץ באַרואיקט.

און אַזוי ווי זי איז אונטער די איינדרוקן פון זיין שרייבן, איז פון געשעפט געקומען אַליהו און אָנקוקנדיק איר פאַרוויינטן פנים, פרעגט ער:

„לאה! וואָס האָט פּאַסירט, וואָס דו ביזט אַזוי אויפגערעגט?"

„אליהו! דו ווייסט דאָך, ווי ס'פּאַסירט, אַז פון פרייד וויינט מען און מען ווערט איבערראַשט!... איך האָב פון זלמנען באַקומען אַ בריוו מיט בילדער. מיין האַרץ האָט מיר דערפרייט און עטוואָס אויפגערעגט."

זי באַווייזט אים די בילדער. אליהו באַטראַכטנדיק די יונגע פּאָר, האָט באַוווּנדערט:

„אַזאַ צוגעפּאַסטע פּאָר! ס'איז אַ זעלטנהייט!"

און ,ווען ער האָט דערזען זלמנס און אסתרס בילד, זאָגט ער:

„לאה! גלויב מיר, אַז זלמן איז דער צווייטער יוסף הצדיק, אַז ער האָט זיך געקאָנט גובר זיין די בעסטע יאָרן... די פרוי איז אים ווערט!

זי זעט אויס גראַציעז, ווי אַ גרעפין און אירע גרויסע, קלוגע, גוטע אויגן קאָנען היינט נאָך באַצויבערן דעם שענסטן מאַן. זלמן דאַרף זיך שעצן גליקלעך! און ווען מען קוקט אָן איר זון, איז ער אינגאַנצן אָרייַנ־געראָטן אין דער מוטער. זאָלן זייערע לעבנס זיין באַגליקט!..."

ווען דינה פלעגט קומען צו איר טאַנטע־אָנקל, פלעגן זיי איר פרייַנט־לעך אויפנעמען. צייטנווייז פלעגט דינה באַזוכן איר פאָטער און, אָנ־שטויסנדיק זיך מיט אירע בליקן אויף דער „שטיפמוטער", פלעגט עס איר שטאַרק דענערווירן, טראָץ דעם, וואָס די „שטיפמוטער" איז צו איר גוט געווען, ווי אַ מוטער און געוואָלט, אַז זי זאָל זיין ביי זיי.

אָבער דינה, באַמערקנדיק איר פאָטערס גוטן באַצוג צו דער „שטיפ־מוטער", האָט איר שטאַרק וויי געטאָן און פלעגט צוריק לויפן צו דער טאַנטע, וועלכע, ניט האָבנדיק קיין טאָכטער, האָט דינהן באַהאַנדלט, ווי אַ מוטער. שאול, באַמערקנדיק, ווען דינה קומט פון איר פאָטער אַ צערודערטע, פאַרשטייט, אַז זי לעבט שטאַרק איבער צוליב איר פאָטערס הייראַט. ער האָט איבערגערעדט פאַר דער פרוי (עוואַ), וועלכע האָט אים דערקלערט:

„ס'איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, ווי גוט אַ „שטיפמוטער" זאָל ניט זיין צו די „שטיפקינדער", קאָנען זיי ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, ווען אַ פאָטער הייראַט און לעבט גוט מיט דער פרוי, וועלכעס רופט אַרויס ביי קינדער גרויס פאַרדרוס!..."

שאול, אויסהערנדיק זיין פרויס דערקלערונג, ענטפערט:

„דו, עוואַ! פאַרשטייסט עס, אָבער, וואָס מאַכט מען מיט דינהן? אפשר וואָלטן מיר באַדאַרפט איר פאַרשלאָגן, אויב איר וועט זיין אָנ־גענעם, זאָל דינה זיין ביי אונדז, ווי אַ טאָכטער?"

„מיר טאָרן עס ניט פאַרלייגן, מחמת ס'קאָן זלמנען פאַרשאַפן פאַר־דרוס. ווען זי איז ביי אונדז, איז זי דאָך ניט קיין איבעריקע, אָבער פאַרלייגן איר, וואָס דו האָסט פאַרגעשלאָגן, אין קיין פאַל!..."

דינה, ווי אַ דערוואַקסענע, קלוגע און באַוווסטזיניקע פריילין, האָט באַטראַכט איר קוזין ברוך, אַלס אַזעלכן, מיט וועלכן מען וואָלט געקאָנט שאַפן אַ שיין, רואיק לעבן. אָבער, ווייסנדיק, אַז זיין האַרץ איז פאַרנומען געווען מיט איר שוועסטער זיטעלען, האָט עס איר שטאַרק באַאומרואיקט, ווייל צו צייטן איז ער געווען זייער פאַרטראַכט, דערפאַר האָט זי געדענקט, אַז ער לעבט נאָך פיל איבער!...

אַזוי איז די צייט געגאַנגען. דינה איז באַליבט געווען ביי איר טאַנטעס און אָנקל. איין מאָל פרעגט שאול:

„עווא! ווען דינה מיט ברוכן געפעלן זיך, וואָלט עס געקאָנט זיין אַן ענין?"

„פאַרוואָס ניט? זי איז אַ דערצויגענע, אַ געלערנטע, אַן ענערגישע. מיט איין וואָרט, ער וועט זיך מיט איר אין ערגעץ ניט פאַרשעמען!..."

„נו, מיר וועלן זען זייער באַנעמונג איינע צו די צווייטע, וועלן מיר וויסן, ווי צו רעאַגירן." — האָט געענטפערט שאול.

הרב שאול האָט באַקומען אַן איינלאַדונג פון זיינעם אַ ידיד, אַ רב, צו קומען מיט דער משפחה אויף זיין זונס חתונה. די מוטער האָט פאַר־געלייגט ברוכן און דינהן מיטצוגיין אויף דער חתונה, אויף וואָס זיי זיינען מסכים געווען.

דינה האָט זיך געקויפט אַ שיין מאָדערן קלייד. צו דער צייט האָט זי זיך געמאַכט אַ מאָדערנע פריזור, אָנגעטאָן דאָס קלייד מיט די צירונג, וואָס האָט איר יונגן פנים געמאַכט פיל שענער און אינטערעסאַנטער.

ברוך, ,דערזעענדיק דינהן, ווי שיין, עלעגאַנט, סימפּאַטיש זי איז, ווי אויך קלוג און ענערגיש. ער האָט אָנגעפאַנגען ערנסטער טראַכטן וועגן איר... ער האָט איינגעזען, אַז מען מוז געפינען אַ לעזונג!... גענוג טראַכטן וועגן פאַרגאַנגענע פאַנטאַזיעס, וואָס קאָנען נאָר צו אַן אומגליק ברענגען!... די ‧געדאַנקען האָבן אים פאַרלייכטערט זיינע גייסטיקע איבער־לעבונגען פון זיסעלען...

ברוך האָט זיך געפאַסט מוט, אָנגעטאָן זיך עלעגאַנט, אָפּגעפאָרן צו־זאַמען מיט די עלטערן און קוזינע אויף דער חתונה.

הרב יצחק קאָרנפעלד האָט איינגעריכטעט זייער זונס חתונה אין איינעם פון די שענסטע חתונה־זאַלן. די איינגעלאַדענע געסט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. מוזיק האָט געשפּילט, מען האָט אַריינגעפירט די מיטל־ווזקסיקע, איידעלע, בנעימותדיקע כלה אין איר ווייסן זיידן קלייד בראַ־דירט מיט העל הימל־בלוי קאָליר בלומען, אויף איר בלאָנדן קאָפּ האָר איז געווען אָנגעטאָן אַ טיול־שלייער. די צירונג, וואָס זי האָט געטראָגן, איז געווען געפּאַסט מיט ברילאַנטן, וואָס האָט פאַרשיינט איר יונגן פנים און אויסגעזען, ווי אַ בת־מלכה.

די כלה האָט מען באַזעצט. דעם חתן האָט מען אַריינגעפירט אין זאַל צום באַדעקונג. זיין שלאַנקע, הויכע פיגור, ברענענדיקע אויגן, מיטן למדנישן, גרויסן שטערן, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ בקי בש"ס.

געקליידעט איז ער געווען רבניש. מסדר־קדושין געווען האָט הרב שאול פריד. נאָך דער חופה האָבן די געסט גראַטולירט חתן־כלה: מזל־טוב! און די מחותנים: נחת פון די קינדער!

דער עולם האָט פאַרנומען די פּלעצער ביי די טישן, וואָס זיינען געווען סערווירט מיט כל־טוב. מען האָט געגעסן, געטרונקען, געמאַכט לחיים, מוזיק האָט געשפּילט, מען האָט זיך גוט אונטערהאַלטן.

נאָכן עסן איז די יוגנט אַריין אין טאַנץ־זאַל טאַנצן.

ברוך מיט דינהן זיינען געזעסן, צוקוקנדיק זיך, ווי מען טאַנצט.

פּלוצים איז צו אַן עלעגאַנטער מיטליאָריקער הער און איינגעלאַדן דינהן צום טאַנצן. זי איז גערן אַוועק מיט אים. זי האָט לייכט און שיין געטאַנצט, ווען ס'איז געוואָרן אַ פּאַוזע, האָט ער איר צוגעפירט צום פּלאַץ, וווּ ברוך איז געזעסן און העפלעך איר באַדאַנקט.

ווען די מוזיק האָט ווידער אָנגעפאַנגען שפּילן, איז ער אַ צווייט מאָל צוגעקומען צו דינהן, פאַרשלאָגנדיק פאַרזעצן ס'טאַנצן. אויך דאָס מאָל האָט אים דינה ניט אַנטזאָגט. ברוך האָט זיך פאַראינטערעסירט וויסן, ווער איז דער מאַן? זיינער אַ באַקאַנטער האָט אים אינפאָרמירט, אַז ער איז אַ געוויסער רייכער פאַבריקאַנט, אַן עלטערער בחור...

ברוך האָט שוין פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען, אָבסערווירנדיק אים די גאַנצע צייט פון זייער טאַנצן. אין אַ געוויסן מאָמענט, באַמערקט ברוך, ווי דער יונגער מאַן גיט איר זיין וויזיט־קאַרטע און פאַרשרייבט איר טעלעפאָן. ברוכן האָט עס שטאַרק דענערווירט. טראַכט ער: ווידער שאַפט זיך אַזאַ לאַגע, ווי מיט זיסעלען... ווען ער וועט קומען אַהיים, וועט ער רעדן מיט דער מוטער. זי וועט זיך שוין אַלץ דערוויסן. און אויב זי איז פאַראינטערעסירט מיטן פאַבריקאַנט, איז פאַרפאַלן! ווען ניט, וועט ער מיט דינהן רעדן ערנסט און וועט אַ סוף מאַכן מיט די איבערלעבונגען.

קומענדיק פון דער חתונה, זיינען זיי געווען מיד און זיינען געגאַנגען שלאָפן.

ברוכן האָט זיך ניט געשלאָפן. ער האָט פאַרגעסן פון זיסעלען און זיינע געדאַנקען זיינען שוין פאַרנומען מיט דינהן.

ברוך איז אַ מידער אויפגעשטאַנען פון דער שלאָפלאָזער נאַכט. ווען די מוטער איז אויפגעשטאַנען, האָט זי באַטראַכט ברוכס מידן פּנים, וואָס האָט אויף איר געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק.

דאָס שטוב־מיידל האָט דערלאַנגט צום טיש דעם צוגעגרייטן פרישטיק, זיי האָבן אָפּגעגעסן און דער פאָטער איז אַוועק. די מוטער מיט

ברוכן זיינען פֿאַרבליבן. דינה איז נאָך געווען ביי זיך אין צימער, זיי האָבן איר ניט געוואָלט שטערן, כדי זי זאָל זיך קאָנען אויסרוען פֿון דער חתונה.

„ברוך! ווי האָסטו פֿאַרבראַכט אויף דער חתונה?"

„מוטער! איך מוז דיר אָפנהאַרציק דערקלערן, איך האָב פֿיל איבער־געלעבט!..."

די מוטער מיט גרויס פֿאַרוווּנדערונג פֿרעגט:

„וואָס הייסט עס? די חתונה איז דאָך געווען זייער אַן אינטע־רעסאַנטע!"

„איך וועל דיר זאָגן, מוטער, דעם ריינעם אמת, וועסטו מיר פֿאַרשטיין: זיצנדיק מיט דינהן אין טאַנץ־זאַל, איז צו איר צו אַן אומבאַקאַנטער און איינגעלאַדן טאַנצן. זי איז מיט אים אַוועק טאַנצן. פֿאַוזע־צייט האָט ער זי צוגעפֿירט צו מיר און העפֿלעך איר באַדאַנקט.

ס'איז געווען צו באַמערקן, אַז זי האָט געמאַכט אויף אים אַ גוטן איינדרוק. ווען די מוזיק האָט ווידער אָנגעפֿאַנגען, איז ער אַ צווייט מאָל צו און איר איינגעלאַדן. און ווידער האָט זי זיין איינלאַדונג אָנגענומען און אַוועק טאַנצן... דאָס צווייטע מאָל האָב איך באַמערקט, אַז ער גיט איר זיין וויזיט־קאַרטע און פֿאַרשרייבט איר טעלעפֿאָן. ס'האָט מיר, ווי אויפֿגערעגט!... איך האָב מיינעם אַ באַקאַנטן אַ פֿרעג געטאָן וועגן דעם מאַן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער פֿאַבריקאַנט, אַן על־טערער בחור... דעם אמת זאָגנדיק, געפֿעלט זי מיר מיט איר ענערגישן כאַראַקטער און סימפּאַטישן אויסזען..."

„באַרואיק זיך, ברוך! איך וועל שוין מיט איר רעדן, פֿאַרלאָז זיך אויף מיר! דו גיי אַוועק פֿון שטוב, איך וועל זיך מיט איר אַדורכרעדן, אַז זי וועט אַפֿילו ניט האָבן דעם מינדעסטן באַגריף, אַז זי אינטערע־סירט דיר."

ברוך האָט זיך באַרואיקט און אַוועק.

ווען דינה איז אויפֿגעשטאַנען, האָט איר די טאַנטע פֿריינטלעך פֿאַר־בעטן צום טיש, ווו ס'איז שוין געווען פֿאַר איר געגרייט פֿרישטיק.

ווען דינה האָט געגעסן, האָט די טאַנטע מיטגעהאַלטן, טרינקענדיק אַ קאַפֿע און אַזוי רעדנדיק, פֿרעגט זי איר:

„ווי האָסטו פֿאַרבראַכט, דינה, און בכלל, ווי האָסטו זיך פֿאַרווײַלט?"

„טאַנטע! דעם אמת זאָגנדיק, איז מיר געווען ניט איבעריק אינ־טערעסאַנט..."

„פאַרוואָס? ביזט דאָך געווען מיטן קוזין, ווי אויך האָב איך באַמערקט האָסטו זיך גוט אונטערהאַלטן מיט אַ מאַן!"

„יאָ, טאַנטע! דו ווייסט דאָך, אַז ברוך איז ניט פון די מענער, וואָס טאַנצן, איז צו מיר צו אַ מאַן און איינגעלאַדן טאַנצן. ער האָט מיר כמעט די גאַנצע צייט ניט אָפּגעלאָזן. נאָכער האָט ער מיר געגעבן זיין וויזיט־קאַרטע און געבעטן מיין טעלעפאָן, אָבער ער געפעלט מיר ניט."

„פאַרוואָס געפעלט ער דיר ניט?" — פרעגט די טאַנטע.

„ערשטנס, איז ער פיל עלטער פון מיר, צווייטנס לייג איך קיין אַכט, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַלס פאַבריקאַנט. און, וואָס איך געפעל אים, הייסט עס נאָך ניט דער גאַנצער גליק! ס'לעבן איז אַ מזל זאַך!... איך קאָן חתונה האָבן רייך, אויב מיין מזל איז, אַז איך דאַרף לעבן געדריקט, ווערט מען פון רייך אָרעם. דאָס זעלבע — פאַרקערט!.."

די טאַנטע ,אויסהערנדיק דינהן, זאָגט:

„קינד מיינס! דו פאַרשטייסט דאָס לעבן! דאָס אַליין איז שוין פאַר דיר אַ גליק, ווייל ס'איז דאָ פיל פריילינס אין דיין עלטער, וואָס, ליידער, פאַרשטייען עס ניט!... דיין טאַנטע וויל מיט דיר איצט רעדן, אָבער זיי צו מיר אָפנהאַרציק. איך פאַרשטיי דיר זייער גוט און היינט איז די ריכטיקע צייט מיט דיר וועגן דעם רעדן. דו דאַרפסט טראַכטן לאָגיש! אמת, דו פאַרמאָגסט אַ גוטן, קלוגן און רייכן פאָטער, אָבער ניט אַלץ, וואָס אַ פריילין קאָן זיך באַראַטן מיט אַ מוטער, קאָן זיך באַראַטן מיט אַ פאָטער!"

„אמת, טאַנטע!" — האָט געענטפערט דינה.

„אַלזאָ, דערלויב איך זיך נעמען די מיסיע פון אַ מוטער און פרעג דיר: ווי וואָלסטו געקוקט, ווען ברוך איז דיר ניט קיין קוזין?..."

דינה האָט שוין פון דער טאַנטעס רייד אַלץ פאַרשטאַנען און געענטפערט:

„טאַנטע! איך וועל דיר דערציילן, וואָס איך האָב געהערט פון מיין ג"ז מוטער, וועגן איר מוטער (מיין באָבע). ווען מיין באָבע פלעגט האַלטן אַן אייניקל אויף דער האַנט, פלעגט זי ס'אייניקל בענטשן: קינד מיינס, דו זאָלסט אַלעמען געפעלן און דיר נאָר איינער!..."

„ס'איז אַ קלוגער געדאַנק! אָבער ס'דאַרף זיין דער איינער!..."

דינהס פּנים האָט אויפגעשיינט, פאַרשטייענדיק פון דער טאַנטעס ענטפער, אַז זי געפעלט ברוכן...

„איך פאַרשטיי, טאַנטע, וואָס אייערע רייד באַדייטן פאַר מיר, אָבער

גלייך געבן אַן ענטפער, קאָן איך ניט, ווייל ס׳איז אַ לעבנספראַגע. איך פאַרקויף זיך ניט פאַר געלט!"

דאָס איז געווען דינהס ציל, כדי ברוך זאָל זיך דערוויסן, אַז זי טראַכט ניט פון פאַבריקאַנט, וואָס ער וועט זיך דערוויסן פון זיין מוטער. און די טאַנטע וועט פאַרשטיין, אַז זי טראַכט פון ברוכן...

„איך האָף, אַז אונדזער געשפּרעך וועט ברענגען גוטע רעזולטאַטן!..."

עווא טראַכט: פון דינהס רייד איז איר אַלץ פאַרשטענדלעך.

ווען ברוך איז אַהיימגעקומען, באַמערקט ער, אַז זיין מוטער איז אויפגעלייגט. טראַכט ער: ס׳איז דאָ גוטע נייעס... די מוטער האָט שוין אויסגעקוקט ברוכס קומען, כדי איבערגעבן אים דינהס רייד, אַז ער זאָל זיך באַרואיקן.

„אַלזאָ, ברוך, לויט, ווי איך האָב געהאַט גערעדט מיט דינהן, ווייזט זיך אַרויס, אַז איר אינטערעסירט ניט דער פאַבריקאַנט. זי מאָטיווירט עס מיט זייער לאָגישע אַרגומענטן. דערפאַר קאָנסטו זיין גאַנץ רואיק און ערנסטער טראַכטן וועגן איר!..."

עווא האָט זלמנען מיט אסתרן און גוטקען איינגעלאַדן אויף אַן אָוונט־ברויט, אויף וועלכן זיי האָבן געמיטלעך פאַרבראַכט, געגעסן, געטרונקען, געמאַכט אַ קערטל... דעם אָוונט האָט ברוך מער אַכט געלייגט אויף דינהן, נעמענדיק אין אַכט זיין מוטערס דערקלערונג, אַז דינה איז צו אים ניט גלייכגילטיק, אַ דאַנק דעם, האָט ער זיך פיל מוטיקער געפילט.

אויך דינה האָט דעם אָוונט אַרויסגעוויזן צו אים מער אינטערעס...

נאָכן אָוונט־ברויט האָבן זיי זיך האַרציק געזעגנט, ווי אויך עוואַ־שאולן באַדאַנקט פאַר דער אויפנאַמע און זיינען אַוועק אַהיים.

אַהיימקומענדיק זאָגט אסתר:

„דו ווייסט, זלמן, וואָס איך האָב באַמערקט, אַז צווישן ברוכן מיט דינהן וועט זיין אַ „פּאָר"... איך דענק, ס׳וואָלט געווען אַ פּאַסנדע זאַך. אמת, זי איז ענערגישער, אָבער ס׳מאַכט ניט, איינער דאַרף זיין ענער־גישער!..."

„איך וועל זיך ניט אַריינמישן. דו ווייסט דאָך, אסתר, וואָס קומט אַרויס פון צורעדן ? זאָלן זיי זיך זעלבסט איינפאַרשטיין! דאָס איז דאָס בעסטע. ס׳וועט ניט העלפן מיין קעגנערשאַפט, ווי מיין צושטימונג!...

איך נעם אַרויס פון איר שטרעבונג, אַז זי האָט געטרוימט וועגן אַ דאָק־טאָר, פאַרשטיי איך, אַז דינהן אינטערעסירט ברוך. אַלזאָ, גיי איך מאָרגן צו עוואַן אַדורכרעדן וועגן דעם ענין."

אויף צומאָרגנס, ווען זלמן איז געקומען צו עוואַן, זאָגט זי:

„זייער גוט, וואָס דו ביזט געקומען. איך וויל זיך מיט דיר אַדורכ־רעדן וועגן אונדזערע קינדער. איך האָב גערעדט מיט ברוכן און דינהן, פאַרשטיי איך, אַז זיי סימפּאַטיזירן זיך. אַלזאָ, זלמן! אַלס עלטערן, מוזן מיר די קינדער צופירן צו אַ ברעג.״

„איך בין מסכים און גיב, וואָס איך קאָן: איינריכטן אַ וווינונג מיט אַלעם נויטיקן. ביז ברוך וועט פּאָפּולער ווערן, וועל איך זיי געבן די מעגלעכקייטן זיי זאָלן קאָנען עקזיסטירן, ווי אויך חתונה־הוצאות. און דו, עווא! ברויכסט פאַר אים איינריכטן דעם קאַבינעט. אַלזאָ, שוועסטער! בין איך אַ גוטער מחותן?״

„דו ביזט אויך אַ גוטער ברודער!...״ — האָט געענטפערט די שוועס־טער.

זלמן האָט זיך מיט עוואַן געזעגנט און אַוועק אַ צופרידענער.

ווען זלמן איז אַהיימגעקומען, האָט אים אסתר אַ פרעג געטאָן:

„קאָן מען דיר, זלמן, שוין גראַטולירן?״

„האָפנטלעך ס׳וועט זיין גוטע נייעס!״ — האָט געענטפערט זלמן.

ווען ברוך מיט דינהן זיינען געקומען פון קאָנצערט, האָט זיי די מוטער געהאַט דערוואַרט. זיי האָבן אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט, וואָס די מוטער האָט פאַר זיי געהאַט צוגעגרייט און זיינען געגאַנגען שלאָפן.

אויף צומאָרגנס ביי פרישטיק, פרעגט זיי די מוטער:

„נו, קינדער! זייט איר געווען צופרידן פון קאָנצערט?״

„זייער אינטערעסאַנט!״ — האָבן זיי געענטפערט.

„דינה! אַ גרוס דיר פון דיין פאָטער און דיר, ברוך — פון אָנקל!״

„די טאַנטע אסתר איז ניט געווען?״ — האָט געפרעגט ברוך.

„די טאַנטע אסתר האָט זיך געפילט ניט אַמבעסטן. און איצט, קינדער, קאָן איך אייך איבערגעבן דעם צוועק פון זיין קומען. ווי אייך איז באַוווסט, ווען דער מענטש איז יונג, דענקט ער וועגן זיין צוקונפט. ווען מען קומט אין די עלטערע יאָרן, טראַכט מען פאַר די קינדערס צוקונפט. איר זייט דאָך אונדזער המשך!... אַלזאָ, מיינע טייערע, אויב איר האָט באַשלאָסן געמיינזאַם בויען אייער צוקונפט, זיינען מיר עלטערן גרייט אַדורכצופירן אייער ווונטש.

מיר אָרדענען איין פאַר אייך אַ קאַבינעט. דער אָנקל — אַ וווינונג מיט אַלעם נויטיקן און ביז דו וועסט באַקומען פּראַקטיק און ווערן פּאָפּולער, וועט ער אייך געבן די מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ לעבן.״

דינה, אויסהערנדיק דער טאַנטע, האָט געזאָגט:

„באמת, מיין פאָטער איז זייער אַ גוטער!...״

„איך שליס מיר אָן צו דינהס מיינונג!...״ — האָט געזאָגט ברוך.

די מוטער, אויסהערנדיק זייערע ענטפערס, האָט מיט פרייד צוגעגעבן:

„זאָל אייך, קינדער, זיין אין אַ מזלדיקער שעה!״

די מוטער האָט אָנגעקלונגען צו זלמנען, בעטנדיק, אַז זיי זאָלן קומען 7 אָוונט, אויף וואָס ער האָט געענטפערט, אַז זיי וועלן קומען.

זלמן מיט אסתרן האָבן פאַרשטאַנען, ס'איז דאָ גוטע נייעס... זאָגט אסתר:

„געדענקסט, זלמן, ווי איך האָב דיר פאָראויסגעזאָגט, אַז צווישן זיי וועט זיין אַ שדוך!...״

„דאָס איז דאָך דער איינציקער באַגער פון עלטערן צו דערלעבן פון קינדער נחת!...״

ווען עווא האָט געקלונגען צו זלמנען, האָט ברוך גלייכצייטיק געבעטן דער מוטער זי זאָל אויך איינלאַדן זיסעלען מיט שלומען.

זיסעלען האָט עס שטאַרק געוווּנדערט אויף דער טאַנטעס איינלאַדונג. דאָך האָט זי פאַרשפּראָכן קומען צו דער באַשטימטער צייט.

ווען זלמן מיט אסתרן און גוטקע זיינען געקומען, איז שוין זיסעלע מיט שלומען געווען.

זלמן האָט פאָרגעשלאָגן זיין שוואָגער שאולן מען זאָל מאַכן אַ קנין, אויף וואָס ער איז מסכים געווען און האָט ברוכן מיט דינהן מקבל קנין געווען. עווא האָט פאַרבעטן צום טיש, וועלכער איז געווען סערווירט מיט כל־טוב. מען האָט געמאַכט לחיים, צווינטשנדיק חתן־כלה מזל־טוב און מחותנים נחת פון די קינדער! מען האָט געגעסן, געטרונקען און גוט פאַרבראַכט. און אַזוי פאַרברענגענדיק, זאָגט עווא:

„זלמן! איצט איז דיר איבערגעבליבן נאָר איין גוטקע. וואָס דענקסטו וועגן איר?״

„וועגן גוטקען, איז אַזאַ געשיכטע: ערשטנס איז זי נאָך יונג און וויל באַקומען העכערע בילדונג, וויל זי פאָרלויפיק ניט טראַכטן וועגן אַ שדוך. דו ווייסט דאָך, עווא, ווען אַ קינד וויל זיך לערנען, איז פאַר עלטערן אַ פאַרגעניגן. לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן איה״ש אויך פון איר דערלעבן נחת! אויך איז זי זייער באַליבט ביי אסתרן, ווי ביי אַן אייגענע מוטער. דערפאַר בין איך צופרידן, וואָס גוטקע איז דערווייל מיט אונדז.״

און אַזוי פאַרברענגענדיק, האָט דער זייגער געשלאָגן 2.

„קינדער! צייט צו מאַכן נאַכט!..״ — האָט געזאָגט שאול.

זיי האָבן זיך געזעגנט, ווינטשנדיק זיך קעגנזייטיק און צופרידענע אָוועקגעגאַנגען אַהיים.

ס׳איז אָנגעקומען דער גליקלעכער טאָג פון זייער חתונה.

זלמן־אסתר האָבן איינגעריכטעט אַ פּרעכטיקע חתונה אין איינעם פון די שענסטע חתונה־זאַלן. ס׳זיינען געווען איינגעלאַדן קרובים און באַקאַנטע פון ביידע צדדים. די מחותנים זיינען געווען פון די גליקלעכסטע, אַז דער ווונטש פון זייערע קינדער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווי אויך זלמן־שאולס יוגנט־טרוים, וואָס זיי האָבן געשטרעבט צו ווערן שוואָגערס, זיינען, אַ דאַנק דעם גליקלעכן צופאַל, אויך מחותנים געוואָרן!... אסתר און עווא זיינען געוואָרן האַרציק־איבערגעגעבענע שוועגערינס.

די גאַנצע משפּחה איז מוסטערהאַפט געווען געבונדן.

מען פלעגט זאָגן:

„אַזאַ משפּחה קאָן מען נאָר געפינען אין ראָמאַן: „ערנסטע ליבעס״, וואָס אַ דאַנק זלמן־אסתרס יוגנט־ליבע, איז ער געשאַפן!...״

קורצע באַמערקונג פון די פאַרפאַסער:

מיר אַנטשולדיקן זיך פאַרן חשובן לייענער צוליבן פאַקט, וואָס האָט פּאַסירט און מיר האָבן אים,ליידער, פאַרגעסן איבערצוגעבן.

גלייך נאָך דינה־ברוכס חתונה, האָט זלמן באַקומען אַ בריוו פון זיין שוועסטער־שוואָגער (לאה־אליהו) פון מ., אין וועלכן זיי האָבן געבעטן רחמים, אַז זלמן מיט דער פאַמיליע זאָלן וואָס שנעלער זיי אַריבערנעמען קיין אַמעריקע...

זלמן האָט צוזאַמענגערופן די פאַמיליע, וועלכע, נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת, האָט באַשלאָסן גלייך אַרויסשיקן שיפסקאַרטן מיט די נויטיקע פּאַפּירן פאַר פינף פּערזאָן...

ס׳האָט גענומען אַ קורצע צייט און די פאַמיליע ריינעס איז בשלום אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די פאַמיליעס האָבן געגעבן די נייטיקע מיטלען, כדי ריינעסן צו שטעלן אויף די פיס...

לויט קוועלן, פון וועלכע מיר האָבן דערהאַלטן, לעבן דאָרט די אַלע פאַמיליעס, וואָס האָבן אַ שייכות מיט זלמן־אסתר, אַ גליקלעך לעבן.

די פאַמיליע ריינעס רעכנט זיך פאַר איינע צווישן די רייכסטע באַנקירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.